STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00285

MAYNE ZIKHROYNES

Gershom Bader

Permanent preservation of this book was made possible by
Gerald Schamess & Stephanie Krasnow Schamess
in honor of
the Krasnow Family

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ג ר ש ם ב א ד ע ר

מיינע זכרונות

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

94

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פֿייגענבלום

די רשימה פֿון דערשינענע בענד — צום סוף פֿונעם בוך

ג ר ש ם   ב אַ ד ע ר

מײַנע זכרונות

װעגן באַװעגונגען און װאַנדלונגען, קולטורעל־גײַסטיקע
און מאָראַליש־עקאָנאָמישע, אידעאָלאָגישע און
סאָציאַלע, געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע,
דורכגעלעבטע אין פאַרשידענע שטעט
פונעם גאַליצישן הײמלאַנד און דער־
נאָך איבערגעפלאַנצט אויפן
אַמעריקאַנער באָדן, אָבער
אַלץ צװישן אײגענע
פּױלישע ייִדן.

I

פֿון קראָקע ביז קראָקע

אַרױסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פֿון פּױלישע ייִדן אין אַרגענטינע
בוענאָס־אײרעס 1953 — תשי״ד

אינהאלט:

	אנשטאט אַ הקדמה	8
1	מיין געבוירן־שטאָט	9
2	קראָקעווער אויסטערלישע מנהגים	15
3	ווינער קראַך, לאָטעריע־שפיל און דאָס כישופדיקע טישל	21
4	אַ חסיד איז „מקבל נזיפה" און די מגפה בושעוועט	27
5	דער געשטודירטער אָשפיצינער רב	33
6	אַ בלוט־בילבול	38
7	אונדזערע ערשטע קראָקעווער שכנים	43
8	כיבוד אב ואם אין יענער צייט	47
9	מיין ערשטער שיעור גמרא	52
10	דער קעלעמער מגיד אין קראָקע	58
11	דער זאַלישטשיקער רבי	63
12	דאָבריש די מכשפה	67
13	קראָקעווער משכילים	71
14	דער רוסיש־טערקישער קריג פון 1876	76
15	ערשטע סדר־נאַכט תרל"ח האָט מען דערוואַרט משיחן	81
16	אַ דרשה פון צען ווערטער און דאָס 69סטע קאַפיטל תהילים	86
17	די „תלמוד תורה כללי" אין קראָקע	91
18	אהרן פויסטס בוכהאַנדלונג און יוסף פישערס דרוקעריי	95
19	מתים האָבן געוויינט אין זייערע קברים	101
20	שמעון בערמאַן	105
21	מיין פאָטערס צוואה	111
22	מיין פאָטערס יוגנט־חברים	116
23	מיין מאַמע	122
24	מיינע ערשטע וואַנדערונגען	126
25	וואָלף זשאבנער	131
26	גרשון וויסאָקיער	136
27	ערשטער סאָציאַליסטישער פראָצעס אין גאַליציע	139

28 ווען צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דערמאָרדעט געוואָרן — 144
29 אברהם גינצלער — 148
30 ביי ר׳ שמעון סופר אין הויז — 152
31 די „בני ביל״ו״ אויפן וועג קיין ארץ־ישראל — 157
32 ווי אַזוי ר׳ שמעון סופר איז געוואָרן אַ דעפוטאַט — 163
33 ווי יידישע פאַלקסמאַסן האָבן געזוכט פאַרוויילונגען — 167
34 אַן ערלעכע שבועה מיט שלעכטע קאָנסעקווענצן — 172
35 דער מאָלער יאַן מאַטעיקאָ און זיינע יידישע שילער — 176
36 די קעמפערישע אָרטאָדאָקסיע אין גאַליציע — 181
37 גבריאל קוילן־הענדלערס הויז און זיין עשירות — 185
38 דער לעצטער פורים ביי ר׳ שמעון סופר און זיין פטירה — 191
39 ראַבינער ד״ר מרדכי דושאַק — 198
40 אין דער פרעשבורגער ישיבה — 204
41 אַ מתנה פון אַ מיידל, געפלאַכטן פון אירע האָר — 209
42 איך גיי זוכן „תכלית״ אין בערלין — 213
43 ביי דוד גאָרדאָן אין ליק — 217
44 אינעם יידישן לערער־סעמינאַר אין קעלן — 222
45 אַ קראָקעווער יידישער „מיאַטעזשניק״ — 227
46 ווען משה מאָנטעפיאָרע איז אַלט געוואָרן הונדערט יאָר — 233
47 אַ גוי — אַ „שומר שבת״ — 237
48 די צייטונג „וויענער איזראַעליט״ — 242
49 אַ שרעקלעכער בילבול אויף אַ יידישער פאַמיליע — 246
50 פריץ סמאָלענסקין — 251
51 מיין דורכגעפאַלענע אַגיטאַציע צווישן פויערים — 256
52 איך פיר אַ קאַמף קעגן „נישט־גוטע״ — 261
53 ר׳ ישעיה מאיר שפירא פון טשאָרטקאָוו — 267
54 דער סאַנדזער אפיקורס — 271
55 אין אַ צוזאַמענשטויס מיטן ווישניצער רבין — 275
56 פוילישע אַסימילאַציע אויף העברעאיש — 281
57 מחלוקותן אין סאַנדזער הויף — 286
58 „אַנפאַלן״ אויף יידן, נישט קיין „פאָגראָמען!״ — 290
59 דער ערשטער פויערים־שטרייק אין גאַליציע — 295
60 אַ פיש געבראַכט צו „קבר ישראל״ — 299

61 מיין באַגעגעניש מיט נפתלי הערץ אימבער — — — — — — — 304
62 אונגאַרישע רבנים האָבן געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל — 309
63 דער טאַרנאָווער בישאָף און די סאַנדזער יידן — — — — — 313
64 התנהגותן פונעם אַלטן סאַנדזער צדיק — — — — — — — 317
65 סאַנדזער תקיף פאַרקלאָגט דעם צדיק אין געריכט — — — — 326
66 „טאַטע־מאַמעס צרות" אין דער סאַנדזער סביבה — — — — 331
67 אויסוואַנדערונגס־פּראָבלעמען אינעם אַמאָליקן גאַליציע — — 335
68 איך נעם זיך אונטער צו רעדאַגירן אַ העברעאישע צייטונג — 339
69 אויפן וועג קיין קאָלאָמיי — — — — — — — — — — — 344
70 אַביסל וועגן קאָלאָמייער יידישן לעבן — — — — — — — 348
71 ווי ראובן אשר ברוידעס איז געוואָרן מיינער אַ חבר — — 353
72 דער ערשטער „ערשטער מאַי" אין גאַליציע — — — — — 359
73 קראָקעווער קהילה מאַכט מיך פאַר „פּראָפעסאָר" פון העברעאיש — — — — — — — — — — — — — — — 364
74 ערשטע ציוניסטישע פאַרזאַמלונג אין קראָקע מיט ד"ר נתן בירנבוים — — — — — — — — — — — — — — 369
75 אין אָנדענק פון אַ געהאָנגענעם מסור — — — — — — — 374
76 צרות פון קנאה — — — — — — — — — — — — — — 379
77 שיער נישט אַריינגעפאַלן אין חשד פון אַנאַרכיזם — — — 383
78 מיין באַגעגעניש מיט יהודה לייב גאָרדאָן — — — — — — 387
79 דער „המגיד" האָט גענומען דערשיינען אין קראָקע — — — 394
80 אין אָנדענק פונעם קראָקעווער בוכהענדלער הערצאָג און אַנ־דערע טיפּן — — — — — — — — — — — — — — 400

אנשטאט אַ הקדמה

יעדער מענטש, וואָס קומט אַריבער די פערציקער יאָרן — זאָגט אַ דייטשער פילאָזאָף — מעג זיך נעמען דערציילן זיינע „זכרו־נות", ווייל ער וועט זיכערלעך האָבן צו דערציילן פיל אינטערע־סאַנטע געשעענישן און איבערלעבונגען, וועגן באַגעגענישן מיט פאַרשידענע מענטשן, וועגן באַוועגונגען, וואָס ער האָט ביי זיי גע־אַרבעט, אַזוי ווי וועגן געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע געטשקעס, צו וועלכע ער האָט געדינט צוזאַמען מיט אַנדערע און ער האָט אויך מקריב געווען צו זיי קרבנות, ביז ער האָט געוווּנען די אי־בערצייגונג, אַז יענע געטשקעס זענען נישט מער ווי שטיין און ביין, האָלץ און לעבלאָזיקייטן.

צו קענען שרייבן אַזעלכע זכרונות, מוז מען נישט זיין קיין „מר בר רב אשי", ווייל עס שטעקט נישט אין דעם קיין באַזונדע־רע איבערראַשונג פון דער אייגענער ווערט.

אין אַזעלכע זכרונות אַנטפּלעקן זיך אַלע איבערלעבונגען פון דער נשמה אין די לאַנגע יאָרן, וואָס דער מחבר זייערער איז גע־שוווּמען מיטן שטראָם און צוגעבאָמקעט צו אַלעמען, וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט, אָדער ער האָט זיך גענומען שווימען קעגן שטראָם און געוואָלט דווקא זאָגן דעם היפך פון דער גאַנצער סביבה.

עס האָבן אויך אַזעלכע זכרונות אַ דערציערישע ווירקונג, ווייל מען קען אין זיי זען, ווי עס האָט איינעם געקענט געלונגען אַרויפ־צודראַפּען זיך אויף דער געזעלשאַפטלעכער לייטער, אָדער ווי עס איז אים נישט געלונגען און ער איז געבליבן הינטערשטעליק.

ג. ב.

צו 85 יאָר
(1953)

צו 23 יאָר
(1891)

דער מחבר

קאפיטל 1

מיין געבוירן - שטאָט

אַלץ, וואָס איך נעם זיך דאָ שרייבן קומט פונעם זכרון, לויט ווי דאָס האָט זיך איינגעקריצט ביי מיר אין דער נשמה. נישט פאַראַנען וועגן דעם קיין נאָטיצן און איך האָב אויך נישט קיין דאָקומענטן פאַר מיינע אויגן.

אַ סך פון די דאָזיקע איבערלעבונגען האָבן מיר אַמאָל פאַרשאַפט די שרעקלעכסטע יסורים, פאַרוואונדעט אַלע מיינע געפילן, אַוועקגענומען ביי מיר אַפעטיט און שלאָף צוזאמען מיט יעדן חשק פונעם לעבן. ביי אַנדערע געשעענישן זענען די וואונדן באַלד פאַרהיילט און געבליבן איז בלויז אַ צייכן פון אַ ביס, כאָטש די בייסערס זיינען שוין לאנג טויט און זייער גיפט איז היינט אינגאנצן אויסגעוועפּט.

קומט מיר איצט פלוצים אָן אַ חשק, צו שרייבן וועגן מיין געבוירן־שטאָט קראָקע, — מיין איך נישט חלילה דאָס גוי'שע קראָקע מיט זיינע הערלעכע פּאַלאצן, זיינע גערטנער און זיינע הונדערטער קלויסטערס, נאָר איך מיין פשוט דאָס אַלטע יידישע קראָקע מיט זיינע הויפּט־גאַסן און זיינע ווינקל־געסלעך, מיט זיינע שולן, בתי־מדרשים, מנינים און חברות, זיינע חסידים־שטיבלעך און זיין „רעפאָרם־טעמפל". אָט די אַלע מקומות, וו אַ יידיש יינגל פון מיין שטייגער האָט מיט 70־75 יאָר צוריק געקענט אַרומגיין אין גאַס און דאבײַ זיין זיכער מיט זיינע ביינער און מיט זיינע „פּאות".

אין פאַרלויף פון אַזוי פיל יאָרן ,וואָס זענען אַוועק פון דענסטמאָל ביז היינט, האָבן זיך פאַראַנדערשט אַפילו אַזעלכע שטעט, וואָס האָבן געלעבט אין רו און אין שלום. פאַרשטייט עס זיך, דערפאַר, וואָס דאָס קראָקע פון היינט איז מסתמא אינגאנצן אַנדערש ווי דאָס אַמאָליקע, איז אויך דערפאַר כדאי צו וויסן, אז עס האָט זיך מיר קיין מאָל נית געוואָלט קלאָגן אויף חרוב־געוואָרענע שטעט, ווייל אַזעלכע חורבות, ווי שרעקלעך זיי זאָלן נישט זיין, קענען גאַנץ גוט צוריק אויפגעבויט ווערן. דאָס אלטע קראָקע האָט אויך מסתמא אין דער צייט פון זיין עקזיסטענץ

איבערגעלעבט עטלעכע אַזעלכע חורבות און האָט זיך דערנאָך צוריק באַנייט. ווילט זיך מיר דערפאַר בלויז באַקלאָגן דעם חורבן פון די מענטשן, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען און עס איז נישט געבליבן קיינער, וואָס זאָל קענען פאַרנעמען זייער פּלאַץ.

ליב און טייער איז מיר מיין געבוירן־שטאָט, ווו איך האָב פאַרלעבט די יאָרן פון מיין קינדהייט, יעדעס מאָל, ווען עס דערמאָנען זיך מיר וועלכע ס'איז עפּיזאָדן פון יענער צייט, שווימט פאַר מיר אַרויס דאָס שענסטע אַלטערטימלעכע קראָקע, ווו איך האָב געקענט אַלע ווינקעלעך פון זיינע יידישע גאַסן, פונעם „קאַזמארק" ביז אויף דער אַנדערער זייט פון דער „הויכער גאַס" — און ווען איך האָב אַמאָל אין יענע טעג געוואָלט פילן אַ באַזונדערן תענוג, בין איך יעדן טאָג געגאַנגען דאַוונען אין אַן אַנדערער שול אָדער אין אַן אַנדערן בית־המדרש. גאָר גרויס איז אויך אָפּט מאָל געווען מיין גליק, ווען איך בין גראָד אַנגעקומען אין אַזאַ מקום קדוש, ווו עס איז אין יענעם טאָג געווען אַ „חתן" אָדער אַ „ברית" און מען האָט דאָרט נישט געדאַרפט זאָגן קיין „תחנון".

איך האָב אָבער שטענדיק מורא געהאַט, ווען עס איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו דאַוונען „נוסח ספרד" אָדער גאָר חלילה אינעם רעפאָרמירטן טעמפּל, אַז מיין טאַטע זאָל דאָס נישט געוויר ווערן, ווייל ביידע זענען אין זיינע אויגן געווען פאַרהאַסט, די חסידישע בתי־מדרשים גלייך ווי דער רעפאָרמירטער טעמפּל. ער וואָלט מיך אַפילו פאַר אַזאַ זאַך ניט באַשטראָפט פיזיש, ווייל ער האָט מיך פאַר ערגערע זאַכן קיין מאָל נישט באַשטראָפט. ער וואָלט מיך אָבער געקענט הייסן נאָך אַמאָל איבערזאָגן דאָס גאַנצע דאַוונען, ווייל סיי דאַוונען אויף „נוסח ספרד" און סיי דאַוונען אינעם רעפאָרמירטן טעמפּל, האָט ביי אים געהאַט פונקט אַזאַ ווערט ווי גאָר נישט געדאַוונט.

די ערשטע דירה אונדזערע אין קראָקע, וואָס איך געדענק, איז געווען אין דער „הויכער גאַס" הינטערן באָד. איין וואַנט פון אונדזער דירה, געדענק איך, איז געווען די אַלטע מויער פון דעם אַמאָליקן יידישן „געטאָ". דאָס פענצטער צו דער גאַס איז דאַן געווען אַריבער צוויי איילן דיק. פלעג איך דאָרט זיצן גאַנצע טעג מיט מיינער אַ שוועסטער — און דאָרט האָב איך זיך אויך אויסגעלערנט די קונסט פון גיין.

עס דערמאָנט זיך מיר אויך, ווי עס פלעגן זיך דענסטמאָל אין די פאַרנאַכטן צונויפקלייבן אַ חברה יונגאַטשעס, וואָס פלעגן אַריינקוקן אין

די נישט־פאַרהאַנגענע פענצטער פונעם באָד — און איינער האָט דעם אַנדערן דערציילט, וואָס ער האָט דאָרט געזען, ביז עס איז פּלוצים אַרויסגעקומען פונעם באָד אַ גרויסער געזונטער גוי און ער האָט די אַלע לאַבוסעס צעטריבן מיט זיין שטעקן, אָדער ער האָט באַקומען אַ קרייצער פון יעדן יונגאטש, צו לאָזן אים מער קוקן אויף די פרויען, וואָס פלעגן זיך דאָרט דענסטמאָל געפינען — און אַזוי קוקנדיק האָט זיך יענער גוי אָפט מאָל אַליין פאַרכליניעט אין זיין „גאַווער".

נישט־וויסנדיק דענסטמאָל, וואָס די יונגאטשעס ווילן דאָרט איי־גנטלעך זען, האָב איך אַמאָל געכאַפּט אַן אומזיסטן קלאַפּ מיטן גויס שטעקן און איך האָב אַפילו מורא געהאַט, דאָס צו דערציילן מיין טאַטן אָדער מיין מאַמען.

אין דער מיט פון דער „הויכער גאַס" האָט זיך דאַן געפונען אַן אַלט „בית הקברות", וואָס דער דאַטום פון זיין גרינדונג איז געווען אויסגע־קריצט אין פּעך־שוואַרצע אותיות איבערן טויער — און אויף וויפל איך געדענק, האָט מיין טאַטע באַרעכנט, אַז דער דאָזיקער „בית הקברות" איז געגרינדעט געוואָרן אין דער צייט פונעם רמ"א. עס האָבן אויך אויף יענעם „בית הקברות" אין דער צייט פון מיין קינדהייט אַרויסגעשטאַרצט עטלעכע מצבות מיט שטאַרק אָפּגעמעקטע אויפשריפטן. שפּעטער זיינען אויך יענע עטלעכע מצבות אין גאַנצן איינגעזונקען און מען האָט פון זיי גאָר נישט מער אַרויסגעזען. די ערד איז דאָרט אַ ווייכע, ווי ס'איז אויך אין אַלגעמיין די ערד אין דער גאַנצער שטאָט קראָקע און ספּעציעל אין די גאַסן פונעם „געטאָ", וואָס איז אַמאָל געווען ווי אַ „קעמפּע" (אַן אינדזל) אין מיטן דער ווייסעל. דער ערשטער נאָמען פון דער דאָזיקער „קעמפּע" איז געווען „באַוואָל" און ערשט שפּעטער האָט מען זיי גערופן „קאַזימיערזש".

וועגן דעם דאָזיקן „בית הקברות" פלעגט אַרומגיין אַ לעגענדע, אַז דאָס איז אַ „חתונה־קברות", וואָס מיינט, אַז עס איז אַמאָל פאַרגעקומען אַ חתונה אין אַ פרייטאָג נאָכמיטיק און זי האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, איז דאַן די גאַנצע חתונה מיט די מחותנים, חתן־כלה און אַלע געסט, איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד.

איז דאָס אָבער לחלוטין נישט אמת. עס איז בלויז אַ מעשה שהיה, וואָס ווערט דערמאָנט אין אַלטע ספרים, אַז עס איז אַמאָל פאַרגעקומען אין קראָקע אַ חתונה אום פרייטאָג און דער רמ"א איז דאָרט געווען דער

„מסדר קידושין", איז אויף יענער חתונה אויסגעבראָכן אַ מחלוקה וועגן נדן — און אַזוי ווי די כלה איז געווען אַן אָרעמע יתומה, האָט דער רמ"א נישט מקפיד געווען, וואָס די נאַכט איז צוגעפאַלן און ער האָט פאַרשפעטיקט „קבלת שבת". האָט דער רמ"א דענסטמאָל מתקן געווען, מער נישט צו שטעלן קיין חופה פרייטאָג.

האָט דער אומוויסנדיקער עולם פאַרבונדן דעם „בית הקברות" פון דער מיט „הויכער גאַס" מיט יענער חתונה, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ פרייטאָג — און אויסגעשפונען פוןביידן אַ לעגענדע וועגן אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס איז קיין מאָל נישט פאָרגעקומען.

די יידישע געשיכטע איז איבערהויפּט אַ „הפקר־פעלד". ווי עס איז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין אַלגעמיין. נעמען זיך דערצו מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין אנונג, ווי אַזוי מען שטעלט צונויף היסטאָרישע פאַקטן. זענען פאַראַנען האַלב־געבאַקענע היסטאָריקער, וואָס קענען אַפילו נישט לייענען די „שווארצע פינטעלעך", מאַכן זיי אין אונדזער געשיכטע אַזעלכע „לא היה ולא נבראדיקע מעשיות", וואָס אַפילו די באַהאַרצטע הערצער קענען דאביי ארויספאַלן פון שרעק.

אין די יאָרן פון מיין קינדהייט האָט די גאַס, וווּ מיר האָבן געוווינט, פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינטלעך גרויסע גרופּע פרומע יידן, פּשוטע בעלי־מלאכות. איינער פון זיי האָט געהייסן ר' אשר שוסטער, אַן אנדערער האָט געהייסן ר' יהושע בעקער, ווען עס האָט קיינער נישט געוואגט צו דערמאָנען אַן דעם טיטל „רב".

זומער און ווינטער פלעגן די דאָזיקע מענטשן אויפשטיין פאַרטאָג, צו קענען אויסזאָגן גאַנץ תהלים און אַ שפּאַר ביסל סליחות פאַרן דאווענען אין דער חברה „שומרים לבוקר". חוץ דעם זענען די זעלביקע מענטשן געווען מיטגלידער אין דער חברה „עשירי", וווּ מען פלעגט פאַסטן יעדן צענטן טאָג. זיי האָבן אויך באַלאַנגט צו אַן אנדערער חברה, וואָס אירע מיטגלידער פלעגן פאַסטן „שובבים", וואָס מיינט: די דאָנערשטאָגס פון די סדרות שמות, וארא, בא, בשלח, יתרו, משפטים.

געוויינטלעך זענען די דערמאָנטע צוויי יידן צוזאַמען מיט אַ גאַנצער ריי אַנדערע יידן געווען גאַנץ קליינע למדנים, זיי זענען אָבער געווען פרום און זייער פרומקייט האָט געדאַרפט דינען ווי אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער קהלה.

„עסן" איז אין די צייטן פון מיין קינדהייט נישט געווען קיין שום

עיקר אינעם לעבן. מענדעלע שרייבט ערגעץ, אַז אַ ייד עסט נישט אויף צו שטילן דעם הונגער, נאָר פשוט ווייל עס איז אַ מצוה. אָט אַזוי פלעגט מען זיך אויך פירן ביי אונדז אין קראָקע, כאָטש מען פלעגט דאָרט אין יעדן באַלעבאַטישן הויז עסן פינף מאָל אין טאָג. האָבן די דאָזיקע פינף מאָלצייטן צוזאמען נישט באַטראָפן אַזוי פיל ווי עס האָט באַטראָפן אַן איינציקע מאָלצייט אין אַנדערער שטאָט, אַ שטייגער, ווי איך האָב דאָס שפּעטער מיט יאָרן געזען אין לעמבערג אָדער אין ווין.

יעדער אָנשטענדיקער טאַטע אין קראָקע, ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צו אַ מאָלצייט מיט זיין משפחה, פלעגט כסדר וואָרענען די קינדער, זיי זאָלן זיך נישט חלילה צוגעוווינען, צו ווערן „זולל וסובאס".

אַ צייט לאַנג פלעג איך באַקומען פון מיין מאַמען יעדן טאָג אויף פרישטיק צוויי קרייצער. איך זאָל מיר קויפן עסן. פלעג איך זיך מיר דאָס געלט צוזאמענלייגן און ווען איך האָב אָנגעקליבן 10 קרייצער, האָב איך מיר געקויפט עפּעס אַ לשון־הקודשדיק ספרל אויף צו לייענען.

ענלעך צו דעם פלעגט מען זיך פירן אין יעדן הויז, ווו מען האָט געהאַלטן אַ דינסט. פלעגט מען איר געבן צו עסן בלויז מיטאָג און פאַר פרישטיק און נאַכטמאָל פלעגט מען איר געבן אַ געוויסע געלט־סומע, פון וועלכער עס פלעגט אַזאַ דינסט אָנקלייבן איר נדן.

אַ באַוווּסטן נאָמען אין שטאָט האָט אויך געהאַט אַ־ינער אַ פרומער ייד מיטן נאָמען שמעון חסיד, וועלכער פלעגט גיין זינגען ווי אַן אומגעבעטענער חזן אויף חתונות און בריתן. ער פלעגט אויך זאָגן, אַז ווען ער וואָלט נישט געפאַסט יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג חוץ די פילע אַנדערע תעניתים, וואָלט אים אויסגעקומען צו שטאַרבן פון הונגער מיט זיין גאַנצן בני־בית, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ווייב און צען קינדערלעך, ניין בחורים און איין מיידל, וואָס אַלע געפינען זיך היינט אין אַמעריקע.

הויך איבער אַלעמען איז דענסטמאָל געשטאַנען דער נאָמען פונעם רב, ר' שמעון סופר, וועלכער איז געווען אַ זון פונעם בעל „חתם סופר", וואָס כאָטש ער איז אין יענער צייט שוין געווען אַריבער פופצן יאָר רב אין קראָקע, האָט ער נאָך אַלץ געהאַט אין שטאָט אַזעלכע קעגנער, וואָס וואָלטן אים גערן אויפגעגעסן אַ לעבעדיקן. די ערשטע סיבה פאַר דער דאָזיקער קעגנערשאַפט איז געווען, וואָס דער דאָזיקער רב האָט זיך באַנומען פשוט „מיליטאַנטיש" קעגן די „משכילים" אין שטאָט.

ווען ר׳ שמעון סופר איז אין 1861 אָנגעקומען אין קראָקע, האָט שוין דאָרט געהערשט דער פּאַרלאַנג, צו האָבן אַ געשטודירטן רב, אָבער אַזוי ווי די אָרטאָדאָקסישע יידן אין קראָקע זענען נאָך געווען אין דער מערהייט, האָט דער רב געהאָלפן פאַרטרייבן דעם רעפאָרמירטן ראַבינער דאנקאָוויטש, וואָס האָט געוואָלט איינפירן צו זאָגן דעם „בריך שמיה" ביי הוצאת ספר־תורה אויף פּויליש. אַז דער רב זאָל ריידן דייטש און זאָגן געוויסע תפילות אויף דייטש, האָט דענסטמאָל נישט אויסגעזען אַזוי שטאַרק פאַרגוישט, ווי מען זאָל דאָס זאָגן אויף פּויליש.

דער רב האָט אויך שפּעטער נישט דערלאָזט אַז דער באַוווּסטער „משכיל", איטשעלע מיזעס, זאָל ווערן ראַבינער אינעם רעפאָרמירטן טעמפּל, ביז עס איז אָנגעקומען דער ד״ר דושאַק, וועלכער איז געווען אַ תלמיד מובהק פונעם „חתם סופר". קעגן אַזאַ רעפאָרמירטן פּרעדיקער האָט שוין דער רב גאָר נישט געקענט אויפטאָן.

ביי ר׳ שמעון סופר אין הויז האָב איך יאָרן לאַנג געלערנט. אַן אייגנטלעכע ישיבה האָט דער רב נישט אָנגעפירט. עס האָבן זיך ביי אים אין זיין בית־המדרש בלויז געפונען אַ גאַנצער מנין בחורים וויל־לער־נערס, וואָס האָבן געהערט אַ שיעור ביים רבס איידעם, ר׳ עקיבא קאָר־ניצער. דערנאָך האָט יעדער פון די דאָזיקע בחורים לערנערס גרופּירט אַרום זיך אַ צענדליק ייִנגערע בחורימלעך — און אָט די אַלע צוזאַמען פלעגן עסן יעדן טאָג מיטאָג ביים רב אין הויז.

צווישן די דאָזיקע יונגע בחורימלעך בין איך אויך געווען איינער — און נאָך דעם ווי איך בין אַוועק פון קראָקע און האָב אַרומגעוואַנ־דערט איבער פאַרשיידענע שטעט אין דייטשלאַנד און עסטרייך, בין איך ווייטער צוריקגעגאַנגען לערנען ביי ר׳ שמעון סופר אין הויז, אַפילו ווען דער רב איז שוין געווען אַ „שוכן עפר" און זיין איידעם איז געווען דער גייסטיקער קאָפּ פון דער משפחה. אַפילו דערנאָך אַזוי אָפּט ווי איך בין פאַר אַ לענגערער צייט געבליבן אין קראָקע, בין איך ווייטער געגאַנגען לערנען ביי ר׳ עקיבא קאָרניצער, ביז איך האָב פון אים שיער נישט באַ־קומען „סמיכה".

אין יענער צייט, ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען, אויף צו קריגן „סמיכה", איז קראָקע אַ ביסל אויפגעלעבט געוואָרן: עס זענען דאָן פלו־צים אַהיים־געקומען קראָקעווער דיאַמאַנטן־סוחרים פון אַנטווערפּען. די

דאָזיקע סוחרים האָבן אין אַנטווערפּן געהאַט געמאַכט פאַרמעגן, האָט זיך זיי פאַרבענקט אַהיים, זיי האָבן געוואָלט אַרויסהעלפן זייער געבוירן־שטאָט. אין קראָקע זענען דעמאָלט אָנגעקומען די דיאַמאַנטן־הענדלער נחום סאַמועל, קליינבערגער, באַליצער און אַנדערע.

צווישן די פאַרשיידענע תענוגים, וואָס איך פלעג האָבן אין מיין קינדהייט, איז געווען, אַז אַזוי באַלד ווי איך האָב נאָר פאַרמאָגט מיין אייגנס צוויי מזומנע קרייצער, פלעג איך לויפן צו ר׳ ליבוש סופר סת״ם, מיר קויפן סופרישע טינט, וואָס ער פלעגט אַליין מאַכן, די אַנדערע קראָקעווער סופרים האָבן דאָס נישט געקענט נאָכמאַכן.

אַזוי באַלד ווי איך האָב זיך אויסגעלערנט שרייבן, האָב איך ליב געהאַט, צו שרייבן מיט גאַנץ שוואַרצער טינט, וואָס איז נאָר געווען צו קריגן ביי אַ סופר סת״ם. איך פלעג אויך דעמאָלט אין מיין פרייער צייט טינטלען מיט געכתיבהטע אותיות און „מבינים״ פלעגן וועגן מיר זאָגן, אַז איך וואַקס אַ „סופר״. אָבער ווען ר׳ ליבוש סופר האָט אַמאָל אָנגעקוקט מיין כתב, האָט ער דערקלערט, אַז פון מיר וועט נישט אַרויסקומען קיין „סופר סת״ם״ — און ער האָט מער נישט געוואָלט מיר פאַרקויפן קיין סופרישע טינט...

קאַפּיטל 2

קראָקעווער אויסטערלישע מנהגים

ווי געזאָגט, איז מיין גאַנצע וועלט אין דער צייט פון מיין קינדהייט באַשטאַנען בלויז פון עטלעכע גאַסן, וועלכע האָבן זיך געצויגן פון דער „הויכער גאַס״ איבער דער אַזוי גערופענער „יאָזעפּס גאַס״, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פאַרלענגערונג פון דער „יידישער גאַס״ ביז צום „קאַזמארק״.

צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַ צענדלינג זייטיקע געסלעך, אַ שטייגער ווי: דאָס „פינצטערע״ געסל, דאָס „אָרעמע״ געסל, דאָס „שמאָלע״ געסל, דאָס „אייזיק״ געסל, דאָס „תלמוד־תורה״ געסל, דאָס „אסתר״־געסל, דאָס „קופּה״ געסל, די „בוזע״ (העברעאיש: „בזוי״) און דער אַזוי גערופענער „פּלאַץ״, וועלכער האָט אייגנטלעך געדאַרפט הייסן „די באַזאַר־גאַס״.

ארום יענע גאסן האָבן זיך אויך געפונען די זעקס גרויסע קראָקע־ווער שולן, וואָס דריי פון זיי זענען אויפגעבויעט געוואָרן פון אַלגעמיינע קהלשע פאָנדן, דהיינו: די אַלטע שול (געגרינדעט ארום 1450); די „קופה״־שול (געגרינדעט 1595) און די „הויכע״ שול (געגרינדעט 1610). די אנדערע דריי שולן זענען געגרינדעט פון פריוואַטע פּערזאָנען, דהיינו: די „רמ״א־שול״, וואָס האָט שטענדיק געהייסן די „נייע״ שול און זי איז אויפגעבויעט געוואָרן פון ר׳ ישראל איסרל, דעם רמ״א׳ס פאָטער (אין 1553); די „ר׳ וואָלף פּאָפּער שול״, געגרינדעט פון ר׳ וואָלף באַציאַן (אין 1620) און די „ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס שול״ (געגרינדעט אין 1640).

וועגן דער דאָזיקער ר׳ אייזיקס שול האָט זיך תיכף ביי איר גרינ־דונג אָנגעהויבן אַ פּראָצעס מיט די גלחים פונעם „קאָשציאָל באָזשעגא ציאלאַ״ (קאָרפּוס קריסטי קירכע). אַזוי ווי ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס האָט אָפּגעקויפט אַ גרויסן שטח ערד ביי די גלחים פון יענער קירכע, אויף צו קענען פאַרגרעסערן דאָס יידישע „געטאָ״, און ער האָט דאָרט אויף יענעם באָדן אויפגעבויעט אַ יידישע שול, האָבן די גלחים קעגן דעם תיכף פּראָטעסטירט אונטער דעם אויסרייד, אַז ר׳ יעקעלעס האָט אָפּגע־קויפט יענעם פּלאַץ בלויז אויף צו קענען דאָרט אויפבויען הייזער פאַר יידן, אָבער נישט קיין שול.

יענע גלחים האָבן דערפאַר געוואָלט די שול קאָנפיסקירן. איז אָבער דער פּראָצעס קיין מאָל נישט פאַרגעקומען. איידער די שול איז דערע־פנט געוואָרן, האָבן די גלחים געסטראַשעט, אַז זיי וועלן אָפּנעמען די שול מיט געוואַלט און זי פאַרוואַנדלען אין אַ קירכע. איז דאָס אָבער קיין מאָל נישט געוואָרן אויסגעפירט.

ווי לאַנג פּוילן איז געווען אַ זעלבשטענדיקע מלוכה, האָט דער קעניג נישט געפונען קיין מאָל קיין צייט, אויפצונעמען די טענות פון די קראָקעווער גלחים קעגן דער שול, און נאָך פּוילנס מפלה, ווען דאָס לאַנד איז אָקופּירט געוואָרן פון אירע שכנישע מלוכות און קראָקע איז אָנגעקו־מען צו עסטרייך, האָבן די קראָקעווער פּאַליאַקן עטלעכע מאָל געפּרווט אַרויסצורייסן די שול פון די יידנס הענט און עס איז זיי נישט געלונגען אַפילו אָנצוהייבן אַ פּראָצעס.

ערשט ווען היטלער איז געקומען קיין קראָקע, האָט מען אים פאַר־געלייגט די טענות פון די גלחים. האָט ער געהייסן אַוועקנעמען די ר׳ אייזיקס שול ביי די יידן און זי אַוועקגעבן דער קירכע.

מענטשן פון מיינע יאָרן געדענקען נאָך די מויער פֿין דעם אַמאָ־ליקן „געטאָ", וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון דער „הויכער גאַס". אַ טייל פון יענער מויער איז נאָך דאַן געווען אריינגע־נומען אין דער וואַנט פון דער „אלטער שול" און זי האָט זיך געצויגן איבער דער „וואָלף פּאפּער"־שול ביז צו דער קהלשער באָד. זי האָט אויך געדינט פאַר אַ וואַנט צו די הייזער, וואָס האָבן אָפּגעשיידט די „הוי־כע גאַס" פונעם „דאַיוואר", וועלכער איז דעמאָלט געווען בלויז פעלד באַוואקסן מיט תבואות. זי האָט זיך געצויגן ביז צום נייעם קברות און דעם אויסגאַנג פון די קאַנאַלן, וואָס האָבן געפירט צו דער אַלטער ווייסל.

אין יענער צייט האָבן קראָקעווער יידן געוווינט שוין אויך אין די ווייטערע גאַסן פונעם קאַזימיר אָדער אַפילו נאָך ווייטער פונעם „שטראָ־דעמער" טייל פון שטאָט. יענע גאַסן אָבער האָבן נישט געטראָגן די ספּעציעלע יידישע צורה. מען האָט דאָרט נישט גערופן אין שול אין נישט געוועקט צו סליחות. אַ יידיש יינגל, וואָס האָט זיך דאָרט פאַר־בלאָנדזשעט, איז געווען אין געפאַר מיט זיינע פאות. אין אלגעמיין האָבן דאָרט יידן געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים און מען האָט זיך אויך שטאַרק געהיט, נישט צו רייצן די גויאישע שכנים.

קראָקע איז אין די יאָרן פון מיין קינדהייט געווען אַ שטאָט פון אַ רוב מתנגדים. אַרום די שולן האָט זיך נאָך אין דער לופט געפילט, ווי מען האָט דאָרט אַמאָל מיט אַ נייינציק יאָר פריער אַריינגעלייגט אין חרם די ערשטע עטלעכע חסידים, וואָס האָבן זיך דאָרט פּלוצים באַוויזן. אָט דער חרם קעגן חסידים, וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן כ"ח תשרי תקמ"ו (29סטן סעפּטעמבער 1785), איז אַרויסגעקומען אומאָפּ־הענגיק פונעם ווילנער גאונס חרם.

די דירעקטע סיבה פון יענעם קראָקעווער חרם איז געווען, וואָס עס איז דענסטמאָל אָנגעקומען אין קראָקע דער חסידישער רבי ר' קלמן ניישטעטער (דער מחבר פונעם „מאור ושמש" אויף תורה). האָט ער דעמאָלט געמאַכט אַ מנין אויף „ימים נוראים", צו דאַווענען דאָרט „נוסח ספרד". האָט דאָס קראָקעווער קהל נישט געוואָלט ליידן. אַזוי ווי מען האָט געהערט וועגן די משונהדיקע העוויות, וואָס די חבי"ה האָט גע־מאַכט ביים דאַווענען ראש־השנה, האָט קהל אַרויסגעשיקט צוויי שמשים

ערב יום־כפור צו „כל נדרי", אויסצולעשן דאָרט די ליכט און צעטרייבן די חסידים מיט שטעקענעס.

בסך־הכל האָט מען דאָרט געטראָפן — לויט ווי עס ווערט דער־ציילט — זיבן חסידים. צוויי יידן „נחותי דרגא" האָט מען געהאט גע־דונגען און צוזאמען מיט ר' קלמן ניישטעטער אליין איז געווען פונקט אַ מנין.

איז פון דעסטוועגן אין דער צייט פון מיין קינדהייט דאָס חסידות אין קראָקע געווען שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן און עס זענען שוין דאָן געווען חסידים סאַנדזער, ראַדאָמסקער, דזשיקאָווער, חוץ נאָך אַ דריי־פיר בתי־מדרשים, ווו מען האָט געדאַוונט נוסח ספרד און וואָס זייערע נעמען איך געדענק נישט מער, ווייל איך האָב זיך געהיט נישט צו קו־מען אין זייערע ד' אמות.

ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד האָב איך שוין געהאט אַ זינען פאַר געשיכטלעכע געשעענישן און איך האָב זיך אינטערעסירט צו וויסן, ווי אזוי עס האָבן זיך אָנגענומען און אנטוויקלט געוויסע יידישע מנהגים.

אין דער קראָקעווער „אלטע שול" איז נאָך דענסטמאָל געווען אַ מנהג, אַז ווען דער עולם איז מוצאי־שבת אהיימגעגאַנגען פון שול, האָט דער שמש געטיילט קליינע ליכטלעך, וואַרשיינלעך האָט דער דאָ־זיקער מנהג געשטאמט פון דער צייט, וואָס די גאַסן אַרום דער שול זענען געווען פינצטער און מען האָט מורא געהאט אַהיימצוגיין ביי נאַכט. איז, כאָטש עס איז שוין געווען אין יענער צייט גאַז־באַלייכטונג אין די גאַסן, האָט מען נאָך אַלץ געטיילט ליכטלעך צום עולם.

באַלעבאַטים פלעגן שוין די דאָזיקע ליכטלעך מער נישט נעמען, אָבער קינדער פלעגן זיי כאַפּן און אָנצינדן, ביז עס איז געקומען אַ גבאי אַן „עם הארץ", וואָס האָט צוליב עקאָנאָמיע בטל געמאַכט דעם מנהג.

ווי ווייט אַזעלכע גבאים זענען אַמאָל געווען לעכערלעך אין זייער עם־הארצות, מוז איך דאָ דערציילן אַן אינצידענט פון מיין יוגנט.

אַלט בין איך דענסטמאָל געווען 16 יאָר און איך פלעג וואַנדערן איבער פאַרשיידענע שטעט און לענדער. האָט זיך אַמאָל געמאַכט, וואָס איך האָב זיך אויפגעהאלטן עטלעכע חדשים אין קראָקע. האָט מען מיך אויסגעקליבן פאַר אַ „במקום גבאי" אין דער חברה „קנין ספרים" פון מיין בית־המדרש, ווו איך האָב געלערנט און געדאַוונט.

בין איך אַמאָל צוגעגאַנגען צום גבאי פונעם בית־המדרש מיט אַ

טענה, אז אזוי ווי עס איז דענסטמאָל געדרוקט געוואָרן אין לעמבערג א נייע אויסגאבע פון משניותן, צו וועלכע איך האָב שטארק חשק געהאט פאַר מיין בית־המדרש, און איך האָב דעם גבאי געזאָגט מיין ווונטש, האָט ער מיר געענטפערט כהאי לישנא: „וואָס טויגן ענק נייע משניותן? אינעם קאסטן פון שמות הינטערן אויוון האָב איך געזען ליגן צוריסענע גמראס, קען מען זיי געבן צום איינבינדער, ער זאָל זיי דירכשניידן אין דער העלפט, וועט עטץ האָבן משניותן"...

ווען איך וויל זיך היינט דערמאָנען, ווי עס האָט אַמאָל אויסגעזען אין קראָקע בנוגע פרומקייט, דערמאָנט זיך מיר באַלד, אז ווי מען האָט נאָר דערהערט דעם ערשטן אלולדיקן בלאָז פונעם שופר, האָט זיך פאַר־אנדערשט די צורה פון די קראָקעווער מענטשן און עס איז אויף איט־לעכן אָנגעפאַלן אַ געפיל פון אן אומאויסשעפלעכן פחד פאַר עפּעס אַ באַהאלטענעם כוח. עס איז פאַרשוואונדן יעדער פרווו פון אַ לאַך, אַ שמייכל; צופיל פון דעם מין איז קיין מאָל נישט געווען.

אין די צוויי וואָכן פון נאָך „שבת נחמו" ביז ראש־חודש אלול האָט געהערשט אַ ביסל אַ בעסערע שטימונג. די טרייסטווערטער פון די שבתדיקע הפטרות האָבן געגעבן אַ שטיקל האָפענונג פאַרן לעבן. איז דאָס מיטן ערשטן אלולדיקן בלאָז פונעם שופר איבערגעאַנדערשט גע־וואָרן — און מען האָט נאָר כסדר געהערט קרעכצן: „אוי לי, ווי לי, ראשי־תיבות אלול".

די סליחות פלעגן ביי אונדז זאָגן בלויז חסידים די ערשטע נאַכט צוועלף דעם זייגער. אַלע אנדערע סליחות־נעכט פלעגן ביי אונדז חסידים אויפשטיין גלייך מיט מתנגדים — צוויי שעה פאַר טאָג. מתנגדים פלעגט מען אַפילו צו די ערשטע סליחות דארפן וועקן. אַזוי ווי דער טאָג הויבט זיך אָן געוויינטלעך אַרום זעקס דעם זייגער אין דער פרי, האָט מען גע־וועקט צו סליחות אַרום פיר דעם זייגער פאַרטאָג.

אַזוי ווי די סליחות־טעג אין פוילן זענען שוין אָנהויב האַרבסט, ווען די נעכט זענען שוין קילע, אַפילו ווען די טעג זענען וואַרעמע — אין עס פאַלט שוין דעמאָלט אַ געפרוירענער טוי, וואָס באַדעקט אַמאָל די גאסן ווי שניי. איז כאָטש מיין פאָטער האָט מיך זייער ליב געהאט און ער האָט שטענדיק געציטערט איבער מיין געזונט, האָט ער מיך געוואָלט דערציען ווי דער שלחן־ערוך הייסט: „יתגבר בארי", אַז מען דאַרף זיך שטארקן ווי אַ לייב צו „עבודת הבורא". אַזוי ווי ער האָט נאָך דערהערט,

אַז מען וועקט צו סליחות, האָט ער מיך אַרויסגעריסן פון מיטן שלאָף פון אונטער דער וואַרימער פערינע און ער האָט מיך אָוועקגעשטעלט אַ נאַקעטן אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע.

געוועקט האָט מען דענסטמאָל זינגענדיק: „יידעלעך, כשרע יידע־לעך, טייערע יידעלעך, שטייט אויף, שטייטס אויף צו סליחות!" — דערנאָך האָט מען אָנגעקלאַפּט ביי „יחידי סגולה" (פאַר עטלעכע פּרו־טות מזומן) אין דער טיר אָדער אין פענצטער.

חוץ די סליחות פלעגט מען אויך וועקן אין אַנדערע טעג, אויפצו־שטיין צו „עבודת הבורא", אָט אַ שטייגער ווי עס פלעגט דאָס טאָן די חברה „שומרים לבוקר", וואָס פלעגן אויפשטיין יעדן פאַרטאָג, סיי זו־מער און סיי ווינטער, צו קענען אויסזאָגן גאַנץ תהלים פאַר דעם דאַ־ווענען. האָט אָבער דאָס דאָזיקע וועקן געהאַט אַן אַנדער פּנים ווי דאָס וועקן צו סליחות, ווייל מען האָט געקענט הערן וועקן און ווייטער שלאָפן.

ערב ראש־השנה איז דאָס וועקן צו סליחות צוגעגאַנגען אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן, ווייל מען האָט שוין דעמאָלט געוועקט אַרום דריי אַזייגער און געוועקט האָט מען אויף גאָר אַן אַנדערן נוסח. מען האָט דעמאָלט גערופן די „אבות", זיי זאָלן אויפשטיין בעטן פאַר יידן. דער נוסח פונעם דעמאָלסטיקן וועקן איז געווען: „אברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אהרן, דוד און שלמה, שטייטס אויף, יידן זענען אין גלות, שטייטס אויף צו די הייליקע סליחות!"

דערנאָך האָט דער שמש אָנגעקלאַפּט אינעם טויער פונעם אַלטן בית־הקברות, איין מאָל אויף דער יאַקאָבס־גאַס און איין מאָל אויפן הויף פון דער רמ"א־שול און ער האָט געוועקט.

„משה!" — האָט ער דעמאָלסט אַ געשריי געטאָן און געמיינט האָט ער דעם ר מ " א, דערנאָך האָט ער ווייטער געגעבן אַ קלאַפּ מיט זיין שטעקן אין טויער און ער האָט גערופן: „יואל!" און געמיינט האָט ער דערמיט דעם ב " ח. דערנאָך האָט זיך ווייטער איבערגעחזרט דאָס זעלביקע. ער האָט גערופן „ליפּע!" און געמיינט האָט ער דעם „תוספות יום טוב". דערנאָך האָט ער ווידער געגעבן אַ קלאַפּ מיטן שטע־קן און ער האָט גערופן „נטע!" און געמיינט האָט ער דעם „מגלה עמוקות" — און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די דאָזיקע קלעפּ, האָט ער פאַרענדיקט מיטן געשריי: „שטייטס אויף בעטן פאַר יידן!"...

האָב איך אַמאָל אין מיין קינדהייט געפרעגט, ווי קומט עס, אַז אַ

שמש זאָל וועקן די גרויסע גאונים אָן אַ באַזונדערן דרך־ארץ און ער זאָל זיי אַפילו נישט רופן מיטן געוויינטלעכן טיטל „רעב״ — האָט מען מיר געענטפערט, אַז ווען מען וועקט איינעם פאַרטאָג, אי״ז עס עפּעס אַן אַלטע טראַדיציע, נישט צו רופן קיינעמען מיטן טיטל „רעב״. פלעגט מען דערפאַר רופן יענע גרויסע רבנים בלויז ביי זייערע נעמען.

אין שפּעטערע יאָרן האָב איך געזוכט דעם „מקור״ פאַר דעם דאָזיקן מנהג און איך האָב אים נישט געפונען, גלייך ווי איך האָב נישט געפונען קיין סיבה, וואָס מען וועקט עפּעס נאָר יענע עטלעכע גאונים, זיי זאָלן אויפשטיין צו סליחות און מען וועקט נישט די צענדליקער אַנדערע גאונים, וואָס ליגן אויף דעם זעלביקן קראָקעווער בית־הקברות...

קאַפּיטל 3

דער ווינער קראַך, לאָטעריע־שפּיל און דאָס כישופדיקע טישל

אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי איך בין געבוירן געוואָרן, האָבן מיינע עלטערן געוווינט במשך פון דריי־פיר יאָר אין אָשפּיצין, (אָשוויענטשים), וווּ היטלער האָט אויפגעשטעלט דעם גרויסן אויוון, אויף צו פאַרברענען יידן.

שפּעטער (אין יאָר 1873), ווען איך בין אַלט געווען פינף יאָר, האָט געבושעוועט אַ „מגפה״ אין גאַנץ גאַליציע — און גאַליציאַנער יידן האָבן קעגן איר געקעמפט מיט די דריי אַלטע יידישע מיטלען: תשובה, תפלה און צדקה. גלייכצייטיק זענען דענסטמאָל פאָרגעקומען אין עסטרייך צוויי גרויסע געשעענישן, וואָס באַצייכענען דעם אָנהייב פונעם עסטרייכישן קריזיס, וואָס האָט זיך דערנאָך געצויגן ווי אַ רויטער פאָדעם ביז צום פאַנאַנדערפאַלן פון דער מאָנאַרכיע.

די אַנטוויקלונג פון דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע האָט אין יענער צייט אָנגענומען נייע פאָרמען. נאָך די קלעפּ, וואָס עסטרייך האָט אין יאָר 1859 געקראָגן פון איטאַליע און אין יאָר 1866 פון פּרייסן, האָט די רעגירונג אָנגעהויבן אַנטוויקלען דאָס לאַנד עקאָנאָמיש אויף אַ נייער באַזע. דאָס אינעווייניקסטע פּאָליטישע לעבן אין לאַנד האָט זיך גלייכצייטיק פיל איבערגעאַנדערשט. קייסער פראַנץ יאָזעף, וועלכער האָט

ביז דעמאָלט געמיינט, אַז אַ לאנד קען רעגירט ווערן מיטן שווערד און מיט תפיסות, האָט אָנגעהויבן קוקן אויף זיינע פעלקער מיט אנדערע אויגן און געפּרוווט זיך צוהערן צו די פארלאנגען פון די ברייטע פאָלקס־מאסן. דער קייסער האָט אויך דערווייל אַ שדוך געטאָן מיט זיין עלצטער טאָכטער, די פּרינצעסין גיזעלא, און מען האָט דערוואַרט, עס זאָלן קו־מען פאַרשיידענע קייסאָרים און קעניגן, אָפּגעבן אַ „מזל־טוב" פראנץ יאָזעפן, און מען האָט אויך גערעדט וועגן דעם אז זיי וועלן נישט קענען קומען אַלע צוזאמען, ווייל עס זענען דעמאָלט אייניקע פון זיי געווען ברוגז איינע מיט די אנדערע.

האָט די עסטרייכישע רעגירונג איינגעאָרדנט צוליב דעם אַ „וועלט אויסשטעלונג" אין ווין, כדי די פאַרשיידענע קייסאָרים און קעניגען, וואָס ווילן ווינטשן „מזל־טוב" פראנץ יאָזעפן, זאָלן נישט דארפן קומען דווקא אין איין טאָג און איינער זאָל זיך נישט מוזן טרעפן מיטן אַנדערן.

געהייסן האָט עס בכן דעמאָלט, אַז די ווינער רעגירונג גייט מאַכן אַן „אויסשטעלונג", בכדי צו ווייזן, וואָס די גרויסע ציוויליזירטע וועלט האָט אויפגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון מיסחר און אינדוסטריע. דערביי האָט מען אויך אין זינען געהאַט צו ווייזן, אַז טראָץ דעם וואָס עסטרייך איז נאָר אַן אַגראַר־שטאט, קען זי פיל אויפטאָן אין מיסחר און אינדוסטריע, ווען די אנדערע מלוכות זאָלן נאָר לאָזן.

דעם 1טן מאַי 1873 איז געעפנט געוואָרן די ווינער אויסשטעלונג. איז אָבער דעמאָלט באַלד געקומען דער 8טער מאַי, וואָס איז היסטאָריש באַקאנט ווי דער „שווארצער דאָנערשטאָג" און האָט געבראַכט אַ שרעק־לעכן קראַך אויף דער ווינער בערזע. טויזנטער עשירים, וואָס זייער קאפּיטאל איז באַשטאנען אין „ווערט־פּאַפּירן" און מען האָט זיי ביז צו יענעם טאָג געהאלטן פאַר מיליאָנערן, זענען אין איין רגע געוואָרן אָרע־מע לייט, אָן אַ פּרוטה אין קעשענע.

פאַרשטייט זיך, אַז די מענטשן האָבן דאָס דענסטמאָל ווייניק פאַר־שטאנען. דער גרויסער עולם פלעגט בלויז ריידן וועגן די ניי־אויפגעקו־מענע גבירים, אַז „זיי האנדלען מיט קרעדיט אין ווין" — און ווען מען האָט שפּעטער מיט יאָרן נאָכן קראַך באַגעגנט וועלכן ס'איז פון יענע געוועזענע גבירים און מען האָט זיי געבעטן אַ דערקלערונג, ווי אַזוי זיי האָבן אייגנטלעך געשפּילט אויף דער בערזע, האָט קיינער פון זיי נישט געוווסט צו זאָגן אַ וואָרט. יעדער האָט שפּעקולירט, געקויפט

פּאַפּירן און פאַרקויפט, געצאָלט „דיפערענצן" און איינקאַסירט פּראָפּי־
טן, געוואונען געלט און פאַרשפּילט, נישט־וויסנדיק פאַרוואָס און נישט־
פאַרשטייענדיק אַפילו דעם ענין „בערזע".

שפּעטער מיט יאָרן איז קלאָר געוואָרן, אַז דער בערזע־קראַך פון 1873 איז געווען דער אָנהייב פון עסטרייכס סוף. אין דער צייט, וואָס עסטרייך האָט געוואָלט באַווייזן איר פאַרשריט אין מיסחר און אינדוס־טריע, האָבן איר די שונאים פּלוצים אונטערגעשטעלט אַ פיסל, צו באַ־ווייזן, אַז זי האָט נישט גענוג קאַפּיטאַל אָנצופירן אַ זעלבשטענדיקן מיסחר און אַן אייגענע אינדוסטריע, ווו מען דאַרף קאָנקורירן מיט אַזעלכע קאַפּיטאַליסטיש פעסט־איינגעפונדעוועטע שטאַטן ווי ענגלאַנד און פראַנקרייך.

צו דער אויסשטעלונג אין ווין איז מען פון גאַליציע כמעט גאָר־נישט געפאָרן, אַזוי ווי די מגפה האָט געבושעוועט אין גאַליציע, האָט די ווינער פּאָליציי נישט געוואָלט צולאָזן קיין באַזוכער פון גאַליציע צו דער אויסשטעלונג. דאָס האָט אָבער נישט צום מינדעסטן געשטערט די אויסשטעלונג אָדער די חתונה־פייערלעכקייטן אינעם קייסערלעכן הויף. די שרעקלעכע ידיעות וועגן דער מגפה אין גאַליציע, גלייך ווי די טוי־זנטער זעלבסטמאָרדן און משוגעת־אָנפאַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען צוליבן קראַך פון דער בערזע, האָבן נישט געפונען קיין שום אָפּקלאַנג ביי די ווינער אַריסטאָקראַטן. דאָרט האָט מען גאָר אדרבא חוזק גע־מאַכט סיי פון די קרבנות פון דער מגפה און סיי פון די קרבנות פונעם קראַך, וואָס האָבן געוואָלט ווערן „פּריצים" אויף אַ גרינגן אופן.

וועגן ווינער קראַך האָט דעמאָלט דער ווינער קאָמפּאָזיטאָר יאָ־האַן שטרויס (דער זון) קאָמפּאָנירט זייער אַ שיינעם וואַלצער, וואָס איז שפּעטער יאָרן לאַנג געטאַנצט געוואָרן איבער גאַנץ עסטרייך.

מענטשן האָבן אויך דערציילט, אַז קייסער פראַנץ יאָזעף האָט אָפּט געהייסן שפּילן דעם דאָזיקן וואַלצער אויף אַ הויף־באַל, ווייל ער האָט אליין אַ גרויסע הנאה געהאַט, וואָס פאַרשידענע פינאַנסיסטן האָ־בן געכאַפּט אַ מפּלה. ער האָט נעבעך נישט פאַרשטאַנען, אַז דער קראַך איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון ענגלישע פינאַנסיסטן, וואָס האָבן גע־וואָלט עסטרייך רואינירן עקאָנאָמיש.

נאָך דעם ווי די מגפה האָט זיך איינגעשטילט און דער עולם איז אַ ביסל געקומען צו זיך פונעם פינאַנציעלן קראַך, האָט זיך ביי אַ גע־

וויסן טייל מענטשן אין גאַליציע אַנטוויקלט אַ מין שטרעבן צו אַ פּלוצימדיקן רייך־ווערן אויף אַן אַנדערן אופן. פון דער געוויינטלעכער פּרנסה איז קיינער נישט געווען צופרידן. דאָס ארבעטן אויפן טעגלעכן ברויט איז יעדן פארנמאסט געוואָרן און איטלעכער האָט געחלומט פון עשירות אָדער לפּחות פון פּירן אַ גרינג לעבן, אָן שווערער אַרבעט.

האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפרייטן צווישן עולם אַ מין חולאת פון שפּילן אויף דער „לאָטעריע". דאָס איז דאן געווען אַ שרעקלעכע מאַנקאַליע, וואָס האָט געהאלטן אין אירע לאפּעס אַלט און יונג, מאַנצבילן און ווייבער, יידן גלייך ווי גוים.

די „לאָטעריע" איז געווען אַ מיטל פון דער עסטרייכישער רעגירונג, אַרויסצושלעפּן די לעצטע פּרוטה ביי די אָרעמע מענטשן פאַר אַ האָפענונג אויף אַ פּלוצימדיקן גליק. דאָס איז געווען אַ „גימבלינג אינסטיטושאָן", וועלכע האָט באַלאנגט צו דער רעגירונג אין די אָרעמע באַפעלקערונג האָט ביי איר פאַרשפּילט דאָס לעצטע העמד. „דירעקציעס" פון דער „לאָטעריע" זענען געווען אין אַלע הויפּטשטעט פון דער עסטרייכישער מאָנארכיע און „אגענטורן" פון די דאָזיקע דירעקציעס זענען געווען אין די קלענסטע עסטרייכישע שטעטלעך. דער סיסטעם פון שפּילן אויף דער „לאָטעריע" איז באַשטאנען פון נומערן פון 1 ביז 90 — און דער „געמבלער" האָט געדארפט טרעפן, וואָס פאַר אַ נומערן עס וועלן אַרויסגעצויגן ווערן אין ווין, ברין, לעמבערג אָדער אין פּראג. ביי יעדער ציאונג זענען אַרויסגעצויגן געוואָרן פינף נומערן און ווער עס האָט געטראָפן צוויי פון די אַרויסגעצויגענע נומערן, דער האָט געוווּנען אן „אַמבאָ". ער האָט באַקומען 25 מאָל אזוי פיל ווי ער האָט איינגעשטעלט. און ווער עס האָט געטראָפן דריי פון די אַרויסגעצויגענע נומערן, דער האָט געוווּנען אַ „טערנאָ", ביי וועלכן דער געווינער האָט געקראָגן 300 מאָל אזוי פיל, ווי ער האָט איינגעשטעלט.

איז דאָס דאָזיקע שפּילן געווען אַזוי שטארק פאַרשפּרייט צווישן עולם, אַז טויזנטער מענטשן האָבן געהאַט שיין פּרנסה פון די לאָטעריע־אַגענטורן, ביי וועלכע זיי האָבן געארבעט אויף אַ געוויסן פּראָצענט פון די הכנסות. ווען מענטשן האָבן זיך באַגעגנט אין גאַס, פלעגן זיי מערסטנטיילס אַרויסקומען אין זייערע שמועסן אויף לאָטעריע־נומערן און צום מיינסטנס גאַנגבאַרע סחורה אין בוכהאנדלונגען זענען געווען „טרוים־ביכער", ווו עס האָט זיך געפונען אַן אויסטייטשונג פון יעדן מין חלום

מיט אַ נומער, וואָס דאַרף געשפּילט ווערן אויף דער לאָטעריע. דאָבײַ איז אויך געווען פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז די גרעסטע פּריצים פון דער וועלט און אַפילו דער קייסער אַליין, שפּילן אויך אויף דער לאָטעריע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פאַרבינדונג צווישן חלומות און לאָטעריע־שפּיל איז די ווייטערדיקע געשעעניש, וואָס איז אַמאָל פאָרגעקומען אין אונדזער שכנות: בײַ איינעם אַ „גביר" האָט דעמאָלט געדינט אַ קעכין, אַ לעבעדיקע מויד און אַ גרויסע שטיפערקע. בײַ דעם זעלביקן באַלעבאָס האָט אויך געדינט אַ משרת־יונג, אַ צוגעלייגטער און דער־שלאָגענער. פלעגט די דאָזיקע קעכין געוויינטלעך חוזק מאַכן פון דעם יונג און ווען ער פלעגט אַמאָל אנדרימלט ווערן בײַם טיש, פלעגט אים די קעכין איינרוימען אין אויער אַריין נומערן, עס זאָל זיך אים אויסדאַכטן, אַז עס האָט זיך אים געחלומט. איז דאָס געוויינטלעך געווען ווי אַ „טעאַטער" פאַר די הויז־מענטשן, וואָס פלעגן זיך בײַ אַזאַ סצענע קאַטשען פון געלעכטער. דעם יונג פלעגט זיך אויך ווירקלעך אויסדאַכטן, אַז די נומערן, וואָס די קעכין פלעגט אים איינרוימען, האָבן זיך אים טאַקע אויף אַן אמת געחלומט. פלעגט ער שפּילן די דאָזיקע נומערן און געוויינטלעך פאַרלירן, ביז עס איז אים איין מאָל געלונגען און ער האָט געוווּנען אַ טערנאָ אויף 500 גולדן.

האָט אים די מויד געלאָדן צום רב מיט דער טענה, אַז אַזוי ווי זי האָט אים איינגערוימט אין אויער אַריין די נומערן, וואָס ער האָט געטראָפן אויף דער לאָטעריע, דאַרף ער איר געבן אַ העלפט פון דעם געווונענעם געלט. האָט אויף דעם דער רב געפּסקנט, אַז אַ העלפט פון דעם געווונענעם געלט דאַרף דער יונג נישט אָוועקגעבן, נאָר ווען די מויד זאָל זײַן מרוצה, חתונה צו האָבן מיט דעם יונג דאַרף ער מיט איר חתונה האָבן אָן נדן.

דער סוף פון דער דאָזיקער מעשה איז געווען, אַז די מויד איז טאַקע מרוצה געווען חתונה צו האָבן מיט דעם יונג, וואָס איז שוין געווען אַן עושר פון 500 מזומנע גולדן.

עס פאַרשטייט זיך אויך, אַז דאָס דאָזיקע געווינס אויף דער לאָטעריע האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט. האָט דעמאָלט עפּעס אַ ווינער דייטש אויסקאָמבינירט אַ חשבון, ווי אַזוי מען זאָל מוזן געווינען, ווען מען שפּילט 54 גולדן מיט איין מאָל. האָט מען בײַ אונדז אין

הויז דעם דאָזיקן חשבון געקויפט, צונויפגעלייגט דאָס נויטיקע געלט און טאַקע באלד — נישט געווונען!

האָט זיך דערפאַר פלוצים באַוויזן ביי אונדז אַ פרעמדער ייד, וואָס האָט אַלעמען אויסגעלערנט פרעגן ביים טיש, וואָס פאַר אַ נומערן עס וועלן אַרויסקומען אויף דער לאָטעריע. צום אָנהייב האָט מען אַפילו גע־קלערט, צי מען מעג דאָס טאָן, ווייל עס איז מעגלעך, אַז עס שטעקט אין דעם עפּעס אַ כשוף. האָט אָבער יענער ייד איטלעכן באַלד באַרואיקט און אזוי ווי עס האָט יעדער פון יענעם יידס התנהגות אַרויסגעזען, אז ער איז אַ פרומער, האָט מען שוין נישט מער געזוכט קיין חשש איסור אין דער פירזאָגעריי פונעם טיש.

די מענטשן פלעגן זיך צונויפקומען ביי אונדז אין הייז אין אַ חדר מיוחד, ווו מען האָט אויך באַלד אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ, עס זאָל זיין פינצטער אין שטוב. דערנאָך האָבן זיך צען יידן אַוועקגעשטעלט נעבן אַ טיש, וואָס האָט געדאַרפט זיין צונויפגעשלאָגן מיט האָלצערנע טשוועק־לעך און עס האָט זיך נישט געטאָרט אין אים געפינען דאָס מינדעסטע ברעקל אייזן. דערביי האָט איטליכער אַרויפגעלייגט זיינע ביידע הענט אויפן טיש, אָנשפּאַרנדיק די פינגער־שפּיצן און די אַנטפּלאַכן האָבן געדאַרפט בלייבן אין דער לופט. בזה האופן האָט יענער פרעמדער ייד דעם עולם דערקלערט — קומען די כחות פונעם גאַנצן מענטש אין די שפּיצן פון די פינגער און דער כח פון די פינגער גייט דעמאָלט אַריין אינעם טיש.

פלעגט מען דאַן אזוי אָפּשטיין לערך אַ פערטל שעה שווייגנדיק, אָנשטרענגנדיק די כחות אין די פינגער אויפן טיש. פלוצים האָט זיך דער טיש אָנגעהויבן רוקן, אָדער אויפהייבן זיך אין דער לופט. און אימה איז דאַן אָנגעפאַלן אויף יעדן אין שטוב און מיר אליין איז אַ דראָזש אריבער איבערן לייב. איך האָב באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט, ווייל איך האָב מורא געהאַט צו קוקן אויף דעם, וואָס וועט דאַ פּאַרקומען.

דעמאָלט האָט דער פרעמדער ייד זיך אַ קער געטאָן צום טיש און ער האָט אַזוי געזאָגט:

— טישעלע, טייער טישעלע! זאָג אונדז, איך בעט דיך, וואָס פאַר א נומערן עס וועלן הייַנטיקע וואָך אַרויסקומען אויף דער לאָטעריע?

— ציילטס גענוי! — האָט איינער אַ זאָג געטאָן מיט אַ פאַרשטיק־טן קול.

הייבט זיך דער טיש אין דער לופטן — אזוי האָבן דעמאָלט אַלע יידן דערקלערט — און מען האָט געציילט שטילערהייט, וויפל מאָל דער טיש האָט זיך גערוקט, און פון דעם דאָזיקן רוקן האָט מען צונויפגעשטעלט די נומערן פון דער לאָטעריע, וואָס האָבן געדאַרפט אַרויסקומען ביי דער נאָענטסטער ציאונג.

געוויינטלעך האָט מען שלעכט געציילט. צוליב דער אויפרעגונג האָט מען זיך יעדעס מאָל פאַררעכנט, ווען דער טיש האָט זיך גערוקט. האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ שפּאַרעניש וועגן די נומערן און שפּעטער האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז אַלע האָבן געהאַט אַ טעות אינעם חשבון. און „אַמבאָ", דאָס הייסט צוויי נומערן, האָט נאָך איינער אַמאָל פון דעם כישוף־טישלס נביאות געוווּנען, אָבער אַ „טערנאָ", דאָס הייסט 3 נומערן, האָט שוין קיינער נישט געוווּנען.

עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, האָט דער פרעמדער ייד עפּעס אָפּגעטאָן אין שטאָט און איז אַנטלאָפן. וואָס ער האָט געטאָן, האָב איך נישט געקענט געוואָר ווערן. איך האָב נאָר געזען ווי דער עולם שושקעט זיך וועגן אים און לאַכט. מער האָב איך וועגן דעם פרעמדן ייד נישט געהערט און נאָך זיין אַנטלויפן האָט מען אויך אויפגעהערט צו מאכן די קונצן מיטן טיש.

קאַפּיטל 4

א חסיד איז „מקבל נזיפה" און די מגפה בושעוועט

נישט ווייט פון אָשפּיצין געפינט זיך אַ שטעטל מיטן נאָמען קשאַנאָוו. איז דער רוב איינוווינער פוןביידע שטעטלעך באַשטאַנען אין יענער צייט פון יידן און די פירונג זייער׳ע איז אויך געווען אַ יידישע.

אין קשאַנאָוו גייט די באַן דורך דער שטאָט, און אַזוי ווי עס האָט זיך דענסטמאָל אין יענע מקומות נישט געטראָפן, אַז אַ ייד זאָל אום שבת פאָרן אויף דער באַן, האָט איטלעכער געגלייבט, אַז ווען די באַן פאָרט אום שבת פאַרביי קשאַנאָוו, איז איר גאַנג אַ שטילער און זי היט זיך אויס פון פייפן, כדי נישט צו שטערן די שבתדיקע רו פון די קשאַנאָווער יידן.

עפּעס ענלעכעס איז געווען אין אָפּיצין. כמעט אַלע גוים פון דער שטאָט האָבן געווינט אין די אַרומיקע פאָרשטעט און חוץ דעם איינציקן „שבת־גוי״, וועלכער האָט צוזאמען מיט זיין ווייב און קינדער באַזאָרגט די שבתדיקע באַדערפענישן אין די יידישע הייזער, האָט זיך דאָרט אַ גוי זעלטן ווען באַוויזן אים שבת.

יענעם אָשפּיצינער „שבת־גוי״ געדענק איך גוט. ער האָט גערעדט יידיש און ער פלעגט שטאַרק מקפּיד זיין אויף כבוד. דער נאָמען זיינער איז געווען „סטאַך״ און ער האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים רופן „רעב סטאַך״. ווען אַ יינגל האָט אים נישט גערופן „רעב״, האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט, וואָס אַזאַ „שייגעץ״ האָט נישט קיין דרך־ארץ פאַר עלטערע מענטשן און ער פלעגט זאָגן, אַז אַזאַ שייגעץ וועט זיך נאָך זיכער שמדן.

אין יענע יאָרן האָט אויך געבושעוועט דער באַוווסטער קאַמף צווי־שן די סאַנדזער און סאַדאַגערער חסידים. דער אַלטער סאַנדזער צדיק, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, דער גרינדער פון א נייער רבישער דינאַסטיע מיט קינדער און אייניקלעך רביים, האָט דענסטמאָל געקעמפט מיט אי־בערמענטשלעכע כחות קעגן דער משפּחה פון ר׳ ישראל רוזשינער, וואָס זייער רבישע גזע איז שוין געווען אַן איינגעפונדעוועטע אין סאַדאַגערע, טשאָרטקאָוו, הוסיאַטין און נאָך עטלעכע אַנדערע מקומות.

די סאַדאַגערער דינאַסטיע האָט אויך אין יענער צייט געהאַט מער אַנהענגער אין די גרעסערע גאַליצישע שטעט. דער סאַדאַגערער רבי אַליין האָט זיך געהאַלטן מער מאָדערן. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ קאַפּעלוש, נישט קיין ספּאָדעק. ער האָט אויך געטראָגן אַ ווייס העמד מיט אַ האַרטן קאָלנער און אַ שניפּס. אויסער דעם האָט ער געטראָגן אין קעשענע אַ פאַטשיילע און ער האָט זיך נישט געווישט די נאָז מיטן אַר־בל אָדער מיט דער פּאָלע פון דער קאַפּאָטע.

אין די קלענערע שטעטלעך פון מערב־גאַליציע זענען דאַן אַלע גע־ווען סאַנדזער חסידים און מען האָט דאָרט עוקר מן השורש געווען יעדן סאַדאַגערער חסיד. און אַזוי ווי די סאַדאַגערער חסידים האָבן אויך נישט געשוויגן, פלעגן אָפטמאָל פאָרקומען די שרעקלעכסטע מחלוקותן מיט געשלעגן און מסירות.

האָט זיך דענסטמאָל געפונען איין סאַדאַגערער חסיד אין קשאנאָוו, וווּ דער רב פון דעם שטעטל איז געווען אַ זון פונעם סאַנדזער צדיק און אַלע יידן זענען דאָרט געווען סאַנדזער חסידים. ה א ל ע נ ד ע ר איז

געווען דער נאָמען פון יענעם איין־איינציקן סאַדאַגערער חסיד אין קשאַ־נאָוו, וועלכער האָט זיך נישט געלאָזט אַרונטערפירן פון זיין דרך.

אויף ווי ווייט איך געדענק, איז דער דאָזיקער האַלענדער געווען אַ רייכער מענטש, האָט ער זיך צוליב דעם געקענט פאַרגינען, צו בלייבן אַ פאַרעקשנטער סאַדאַגערער חסיד, ווען אַלע קשאַנאָווער יידן זענען שוין געהאַט אַריבערגעגאַנגען אויף דער זייט פונעם סאַנדזער.

דער קשאַנאָווער רב האָט זיך דעמאָלט געסטאַרעט אויף אַלערליי אופנים, אַריינצוקריגן האַלענדערן אויף זיין זייט. איז דאָס אָבער נישט געגאַנגען, ווייל האַלענדער איז געווען אַן עושר און אַ תקיף ביי די אָר־טיקע רעגירונגס־באַאמטע. דער פאַרקויף פון טאַבאַק איז דענסטמאָל גע־ווען אַ „מאָנאָפּאָל" ביי דער עסטרייכישער רעגירונג און האַלענדער האָט געהאַט דעם הורט־פאַרקויף פאַר קשאַנאָוו און אומגעגנט. ער איז צוליב דעם געווען אַ חשוב ביים שטייער־אינספּעקטאָר און ביי דער זשאַנ־דאַרמעריע. מיט איין וואָרט ביי די דאָזיקע באַאמטע וואָלט ער געקענט דעם רב פאַרניכטן. האָט ער דאָס אָבער נישט געטאָן, ווייל ער האָט ניט געוואָלט זיין דער גורם, אַז גוים זאָלן זיך דאַרפן מישן אין די אינעווייניקסטע יידישע ענינים.

נישט אַזוי האָט געהאַנדלט דער אַנדערער צד, ווייל ווען דער קשאַ־נאָווער רב האָט געזען, אַז אַלע זיינע באַמיאונגען העלפן נישט צו קריגן האַלענדערן אויף זיין זייט, האָט ער אין דעם געזען אַ געפאַר פאַרן סאַנדזער חסידות און ער האָט אָנגעהויבן גיין קעגן האַלענדערן מיט בייזן און מיטן כח פון אַ „חרם".

עס האָט אַפילו עקזיסטירט אין עסטרייך אַ שטרענגער פאַרבאָט קעגן יעדן מין „חרם". זייט דער צייט פון קייסער יאָזעף דעם צווייטן האָט אַ „הויף־דעקרעט" באַשטימט, אַז ווער עס לייגט אַריין אַ מענטשן אין אַ רעליגיעזן „חרם", דאַרף קריגן אַ שטראָף ביז פופצן יאָר תפיסה. האָט דעמאָלט דער קשאַנאָווער רב מפקיר געווען זיין לעבן און ווען ער האָט געזען, אַז ער קען נישט געווינען האַלענדערן אויף זיין זייט מיט גוטן, האָט ער אים אריינגעלייגט אין חרם.

האָט זיך האַלענדער אין אָנהייב אויסגעלאַכט דערפון. אַזוי ווי ער האָט אָבער געזען, אַז אַלע יידן האָבן אים אָנגעהויבן אויסמיידן און עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ער איז געבליבן איינער אליין אין הויז, ווייל דאָס ווייב זיינס און די קינדער זענען פון אים אַוועקגעגאַנגען, האָט ער

איינגעזען, אַז דער חרם איז שטאַרקער פון זיין תקיפות און ער וועט מוזן אָנבויגן זיין שטאָלץ אַקעגן דעם סאַנדזער צד.

קיינער האָט אים נישט געוואָלט דערלאַנגען אַ לעפל עסן. אַ יידי־שער בעקער האָט אים נישט געוואָלט פאַרקויפן אַ שטיקל ברויט און ער איז געווען געצווונגען, צו עסן „פת עכו״ם“. האָט ער דאַן געפלאַנט אַוועק צו פאָרן פון קשאַנאָוו. מיט דעם געלט, וואָס ער האָט דעמאָלט פאַר־מאָגט, וואָלט ער זיך געקענט איינאָרדענען אין יעדער אַנדערער שטאָט. האָט אים דאָס ווייב געלאָזט זאָגן, אַז ווי לאַנג דער רב וועט נישט אַרונ־טערנעמען פון אים דעם חרם, וועט זי נישט מיט אים מיטפאָרן.

האָט דאַן דער שטאָלצער האָלענדער געמוזט אָנבייגן דעם קאָפּ און שיקן בעטן דעם רב, ער זאָל פון אים אַרונטערנעמען דעם חרם. האָט דאָס דער רב צוגעזאָגט צו טאָן, ווען האָלענדער וועט עפנטלעך „מקבל נזיפה“ זיין און דערקלערן בפני קהל ועדה, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון יע־דער שייכות מיט די סאַדאַגערער חסידים.

זאָגט צו מיר אַמאָל מיין פאָטער: „מאָרגן אי״ה וועסטו אויפשטיין כעלות השחר, וועל איך דיך מיטנעמען קיין קשאַנאָוו, ווו דו וועסט זען אזא מין זאַך, וואָס דו וועסט אודאי קיין מאָל נישט מער זען אין דיין לעבן!“

בין איך תיכף אונטערגעצונדן געוואָרן פון נייגעריקייט און צו מאָרגנס פאַרטאָג בין איך שוין געווען אויף די פיס, האָב מיך אויף גיך אָנגעטאָן און אָפּגעדאַוונט.

אַלט געווען בין איך דענסטמאָל קאַרגע פינף יאָר און איך האָב שוין געדאַוונט יעדן טאָג פונעם סדורל. דערביי פלעג איך זיך דינגען מיט מיין טאַטן, דער טאַטע האָט מיך דעמאָלט געהייסן דאַוונען וואָס ווייני־קער און איך האָב געוואָלט דאַוונען וואָס מער.

געדאַוונט און אָפּגעגעסן פרישטיק, זענען מיר אַוועקגעפאָרן מיט דער באַן קיין קשאַנאָוו. געווען איז דאָס אַ צוויי וואָכן נאָך פסח. דער טאָג איז דאַן געווען אַ רעגנדיקער, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין קשאַנאָוו איז געווען אַרום ניין דעם זייגער.

אָשפּיצינער בלאָטעס אין אַ רעגנדיקן טאָג האָבן זיך נישט געהאַט וואָס צו שעמען. פון דעסטוועגן געדענק איך נאָך היינט זייער גוט, אַז די קשאַנאָווער בלאָטעס האָבן מיך פשוט איבעראַשט און דער טאַטע מיינער האָט מיך גענומען טראָגן אויף די הענט, איך זאָל מיר נישט פאַרשמירן

די פּיס מיט בלאָטע און איך זאָל אויך קענען בעסער זען דעם „ספּעק־טאַקל", וואָס דאַרף דאָ פּאַרקומען.

מחנות מענטשן זענען געווען צונויפגעשטופּט ווי אין אַ קנויל און זיצנדיק ביים טאַטן אויף דער האַנט, האָט דאָס ביי מיר אויסגעזען ווי אַ וואַלד מיט קעפּ, ווייל מער ווי דעם קאָפּ האָט מען אין דער צוזאַמענשטור־פּעניש פון די מענטשן נישט אַרויסגעזען.

פּלוצים איז אַרויסגעקומען פון אַ הויז אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ שוואַרצער באָרד, וואָס ביי די עקן איז זי געווען גראָלעך באַ־שפּרענקלט, אָנגעטאָן אין אַ צוריסענער קאַפּאָטע, די הוילע זאָקן אויף די פיס און אַ הוילע מיט אַש באַשאָטענע יאַרמולקע אויפן קאָפּ. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ סדורל, מורמלענדיק פון דאָרט עפּעס שטילערהייט און שלאָגנדיק זיך כסדר מיט דער פויסט אין האַרצן.

„ער גייט צו דער שול!" — האָט מיר דער טאַטע דערקלערט.

און ווי יענער מענטש האָט אָנגעהויבן גיין, האָט זיך דער קנויל מענטשן גיך פאַנאַנדערגעפּלאָנטערט. איטלעכער איז אָפּגעטראָטן פון זיין פּלאַץ, צו מאַכן פאַר יענעם מענטשן אַ וואַרע, מען זאָל זיך אָן אים חלילה נישט אָנרירן. ווו ער איז פאַרבייגעגאַנגען, האָבן די מענטשן אויסגעשפּיגן. אַנדערע האָבן אויף אים אַ שפּיי געטאָן גלייך אין פּנים אַריין און ער האָט נאָר כסדר געמורמלט פונעם סדורל, געקלאַפּט זיך אין האַרצן און אַפילו דאָס שפּייעכטס נישט אָפּגעווישט.

„פּושע באלקי ישראל!" — האָט זיך דעמאָלט דערהערט אַ געשריי און אַ שטיין האָט דעם אָרימען האָלענדער געטראָפן אין רוקן. האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט און ער איז ווייטער געגאַנגען מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ צו דער שול, ווו עס האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן די צערעמאָניע פון דער „קבלת נזיפה".

וואָס ווייטער איז געשען, האָב איך שוין נישט געזען מער. אין שול אַריין האָט מיין טאַטע נישט מער געוואָלט גיין.

— זעסט — האָט מיר דערנאָך דער טאַטע געזאָגט ביים אַהיימ־פאָרן — ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין, וואָס דו האָסט היינט געזען. האָסט געזען, ווי מען שפּייט אַ יידן אין פּנים און מען באַ־וואַרפט אים מיט שטיינער, כאָטש ער איז אַ פרומער גאָטספאָרכטיקער מענטש, נאָר ווייל זיין רבי איז נישט דער רבי פון אַלע אַנדערע יידן אין זיין שטעטל.

נישט לאנג נאָך יענער געשעעניש איז פלוצים אויסגעבראָכן די פריער דערמאָנטע מגפה אין אַלע גאַליצישע שטעט און שטעטלעך. קיי־נער האָט נישט געוווסט, ווי אזוי און פון וואַנען דאָס אומגליק איז גע־קומען. די מגפה האָט זיך מיט אַ פייערדיקער שנעלקייט פאַרשפרייט איבער אַלע ווינקעלעך פון גאַליציע. אָן רחמנות האָט דער מלאך־המות געבושעוועט אין אַלע הייזער פון דער יידישער גאַס. מענטשן האָבן פאַרלוירן די לוסט צום לעבן און האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט ווי שאָטנס. געלט און דאָקטוירים האָבן גאָר נישט געהאַט דעם כוח אָפצוראַטעווען עמעצן פון דער מגפה, ווען זי האָט אים אַריינגעקראָגן אין אירע איי־זערנע לאַפּעס.

די מאַכטהאָבער האָבן דעמאָלט אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיט־לען אויף צו באַקעמפן די מגפה. האָט מען אויסגעבויעט באַראַקן פאַר די קראַנקע, ווו מען זאָל זיי קענען אָפּזונדערן פון דער אַרומיקער וועלט. די קראַנקייט זאָל זיך נישט דורך זיי ווייטער פאַרשפרייטן. צוליב דעם איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז די דאָקטוירים פאַרסמען די קראַנקע דאָרט און יענע באַראַקן. האָבן זיך שוין די מענטשן אויסגעהיט פון דאָקטוירים — און טאָמער איז עמעצער קראַנק געוואָרן, האָט מען אים אין שטוב גע־ראַטעוועט מיט אַלע מיטלען, אַבי מען זאָל נישט דאַרפן רופן קיין דאָק־טער און מען זאָל אים נישט נעמען אין די באַראַקן.

אין אָשפּיצין האָט מען דעמאָלט געגרינדעט אַ גרויסע „בקור חו־לים״, אין וועלכער עס האָט זיך געמוזט באַטייליקן פּערזענלעך יעדער באַלעבאָס. אונדזערער אַ שכן, אַ געוויסער הערשעלע זילבערשטיין, אַ ייד אַ למדן און אַ משכיל, איז געווען דער „גענעראַל״. אים האָט מען געדאַרפט מעלדן וועגן יעדן קראַנקייטס־פאַל און ער האָט קאָמאַנדע־וועט איבער אַלעמען און אָנגעוויזן איטלעכן וווהין צו גיין. יעדע נאַכט פלעגט זיך דער עולם צונויפקומען ביי אונדז אין שטוב, אויסצוהערן דעם באַריכט, וואָס עס טוט זיך און אַרויסלאָזן זיך איבערן שטעטל.

אין יענער צייט זענען יידן שטאַרק פרום געוואָרן. סאַדאַגערער חסי־דים פון אָשפּיצין זענען געלאָפן צו זייער רבין, איינרייסן ביי אים די טירן, ער זאָל העלפן, האָט ער זיי געענטפערט, אַז די מגפה איז געקומען ווי אַ שטראָף דערפאַר, וואָס מען האָט אין קשאַנאָוו מבייש געווען אַ יידן אַ תלמיד־חכם. האָבן די אָשפּיצינער חסידים געטענהט, אַז זיי זע־נען נישט שולדיק, ווייל דער בזיון איז פאָרגעקומען אין קשאַנאָוו. האָט

אויף דעם דער רבי געענטפערט, אַז סאַדאַגערער חסידים האָבן דאָס ניט געדאַרפט דערלאָזן, ווען מען זאָל אַפילו דאַרפן גיין מיטן כח פון דער ממשלה.

און ווען די סאַנדזער חסידים זענען געווען ביי זייער רבין, האָט ער זיי געזאָגט, אַז די שטראָף איז דערפאַר, וואָס זיי דולדן נאָך אַלץ די סאַ־דאַגערער חסידים ביי זיך אין שטאָט.

דעמאָלט האָט פּלוצים ווי פון זיך אַליין אויפגעהערט יעטוועדע מחלוקות צווישן סאַנדזער און סאַדאַגערער. איז דאָס אָבער נאָר געווען אינעם ענין פון חסידות, ווייל אין אַלע אַנדערע ענינים פון יידישקייט האָט מען געהאַט אַ שאַרף אויג — און גלייך ווי עס זענען די מענטשן פון דער „בקור חולים" אַרומגעגאַנגען ראַטעווען די קראַנקע, איז אַן אַנ־דערע גרופּע יידן און יידענעס אַרומגעגאַנגען צווישן די געזונטע, אויף צו זוכן חטאים, טאָמער וועט מען קענען אויסגעפינען אין וועמענס זינד יידן ווערן אַזוי שטאַרק געשטראָפט, און ווי איז איינעם געווען, אַז מען האָט אויסגעפינען דעם קלענסטן פלעק אויף זיין פרומקייט. אים האָט מען שוין איבערגעגעבן צו די דאָקטוירים און צו די באַראַקן, מען זאָל זיך דאָרט מיט אים אָפּרעכענען.

קאַפּיטל 5

דער געשטודירטער אָשפּיצינער רב

אַזוי ווי אָשפּיצין איז אין יענער צייט געווען נאָענט צו דער פּריי־סישער גרענעץ, האָט זיך אַ גרויסער טייל פון אירע באַלעבאַטים געפילט פאַרפליכטעט, אַריין צו ברענגען אין דער פירונג פון זייער קהלה דייטשע מנהגים — און זיי האָבן געשטרעבט, צו האָבן אַ רב אַ געשטודירטן מיטן טיטל „דאָקטער פון פילאָסאָפיע". און ווען איך נעם זיך היינט באַ־טראַכטן די דעמאָלטדיקע לאַגע אין דער צייט פון דער מגפה, איז מיר אַ גרויס וואונדער, וואָס אָשפּיצינער יידן האָבן זיך דענסטמאָל נישט גע־טשעפּעט צו זייער געשטודירטן רב מיט דער טענה, אַז טאַקע נאָר ער איז שולדיק אין דער מגפה, ווייל דער אָשפּיצינער רב פון דעמאָלט איז גע־ווען אַ געשטודירטער „דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע".

ד"ר ל י י ב ו ש מ י נ ץ איז געווען דעם דאָזיקן רבס נאָ־

מען. דאס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ חשיבות ביי יידן ווי אַ למדן און ביי דער רעגירונג איז ער געווען אַ חשוב צוליב זיין „דאָקטאָר־דיפּלאָם". די יידישע באַפעלקערונג אין אַלגעמיין איז געווען זייער ווייט פון וועלן האָבן אַ דאָקטאָר פילאָסאָפיע פאַר אַ רב. זענען אָבער די פאַרשטייער פון דער קהלה געווען אויסגעקליבענע פון דער רע־גירונג, נישט אָפּהענגיק אין זייער אמת פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן זיי זיך געווײַנטלעך גאָר נישט געמאַכט אַ וועזן פון דער פאָלקס־מיינונג און זיי האָבן אַרויפגעצוווּנגען אויף זייער קהלה אַ געשטודירטן רב.

פלעגן דאן די אָשפּיצינער יידן זאָגן וועגן זייער רב, אַז עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס אַזאַ ייד האָט שטודירט פילאָסאָפיע און דערמיט געוואָרפן אַ פלעק אויף זיין לומדות. אַנדערע האָבן ווייטער געזאָגט, אַז בנוגע צו די גוישע ידיעות קען מען אויף אים נישט אָנווענדן דאָס וואָרט „שטודירט", ווייל אַזאַ ייד ווי ד"ר מינץ האָט אוודאי מיט איין קוק אין „זייערע" ביכער תופס געווען די גאַנצע פילאָסאָפיע זייערע. אַזאַ ר' לייבוש מינץ, וועלכער האָט געהאַט זיין סמיכה פונעם „חתם סופר", האָט אודאי געלערנט יומם ולילה אין די גרעסטע אונגאַרישע ישיבות און נאָר אַמאָל, בשעה שלא יום ולא לילה, האָט ער געדאַרפט אַ קוק טאָן אין די „ספרים חיצונים", האָט ער דאָרט זיכערלעך מיט זיין שאַרפן מוח אויסגעלערנט אַלע „שבע חכמות" על רגל אחת.

עס פאַרשטייט זיך אויך, אַז די חסידים אין שטאָט האָבן נישט גע־וואָלט אָנערקענען אַזאַ ד"ר מינץ פאַר זייער רב, ווען ער זאָל אַפילו גע־ווען זיין דער גרעסטער גאון אין לערנען. עס האָט זיך בשום אופן נישט געגלייבט, אַז אַ מענטש מיט אַ פילאָסאָפישער בילדונג זאָל פאַרמאָגן גענוג פרומקייט, צו קענען זיין אַ גייסטיקער פירער ביי חסידישע יידן.

האָבן זיך דעמאָלט חוץ דעם געשטודירטן רב געפונען אין אָשפּיצין צוויי אַנדערע רבנים, ביידע חסידישע „רביים", וואָס האָבן געפּראַוועט „טישן" און גענומען „פּדיונות". ביידע זענען נישט געווען אָנערקענט פון דער רעגירונג און די קהלה האָט זיי געצאָלט אַ געהאַלט ווי „גע־הילפן" צום רב. איינער פון זיי איז געווען דעם סאַנדזער צדיקס אַן איי־ניקל און דער אַנדערער איז געווען אַן אָנהענגער פונעם סאַדאַגערער.

ביי די חסידישע יידן אין אָשפּיצין איז ד"ר מינץ געווען בלויז דער „קרייז־ראַבינער", וועמען זיי האָבן באַטראַכט ווי עפּעס אַן אָנשיקעניש, וואָס מען מוז מיט אים יוצא זיין אַקעגן „מלכות".

חוץ די דאָזיקע חסידישע רביים זענען אויך געווען אין אָשפּיצין צוויי דיינים, וואָס טאָמער האָט אן אָשפּיצינער באַלעבאָס געהאַט צו פרעגן אַ שאלה, איז מען דאָס נישט געגאַנגען פרעגן ביי ד״ר מינץ, כאָטש מען האָט נישט געהאַט גאָר אויסצוזעצן קעגן זיין רעליגיעזער התנהגות. ד״ר מינץ איז בכן בלויז געווען דער פאָרשטייער פון דער יידישער קהלה און איר וואָרטפירער ביי דער רעגירונג, וו ער האָט אימפּאָנירט מיט זיין געלערזאמקייט און מיט זיין קאָרעקטער דייטשער שפּראַך. האָט מען אָבער געדאַרפט פרעגן אַ שאלה וועגן „טעפּל־לעפל", איז מען געגאַנגען פרעגן ביי די דיינים פונעם שטעטל.

איז דער רב געזעסן גאַנצע טעג ביי זיך אין הויז און ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. פלעגן זיך ביי אים צונויפקומען די האַלבע און די פערטלדיקע „משכילים" פון דער שטאָט צו פאַרברענגען די צייט אין שמועסן.

שפּעטער איז אָבער טראָץ אַלעמען אויסגעבראָכן אַ מחלוקה, צוליב וועלכער ד״ר מינץ האָט זיך געזען געצוווּנגען, צו פאַרלאָזן די שטאָט — און פאָרגעקומען איז דאָס אויף אזא אופן: אַזוי ווי די מגפה האָט זיך אויסגעשפּרייט אין שטאָט, האָט מען געוואָלט שטעלן אַ חופה אויפן בית הקברות ווי אַ סגולה קעגן דער מגפה. האָט דאָס ד״ר מינץ נישט דער־לאָזן, און ווען ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט דאָס טאָן קעגן זיין ווילן, האָט ער געבעטן דעם בירגערמייסטער פון דער שטאָט, ער זאָל צושיקן אַ פּאַפּיר צו דער קהלה, וו עס זאָל זיין אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז טאָמער וועט מען פּרווון צו שטעלן אַ חופה אויפן בית־הקברות קעגן דעם ווילן פון זייער רב, וועט מען פאַנאַנדערטרייבן די מענטשן מיט זשאַנדאַרן און מען וועט נאָך אויסער דעם באַשטראָפן די „מחותנים" פון דער חתונה מיט אַרעסט.

איז דעמאָלט די שטאָט אויפגעקאָכט געוואָרן קעגן דעם רב — און ווען עס איז דערנאָך געקומען ראש־השנה און דער רב האָט געוואָלט מקריא זיין פאַר די תקיעות, איז צו אים צוגעלאָפן אַ ייד מיט אַ פאָר גע־זונטע הענט, אַ געוויסער ישראל טאַביאַס, האָט געגעבן אַ שטופּ אַוועק דעם רב פון דער „בימה" און אַ געשריי געטאָן:

— די הייליקע תקיעות אונדזערע זענען נישט פאַר קיין לאַטייניש סטודענטן און אַזאַ מענטש ווי איר האָט אין זיי גאָרנישט וואָס צו זוכן! האָט דער רב אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אויף דעם שרייער, נישט

פאַרשטייענדיק דאָס פּלוצימדיקע אַרויסטרעטן פון דעם דאָזיקן מענטשן.

— אַז מיר וועלן דאַרפן האָבן אַ שתדלן ביים גוישן פּריץ, ווו מען דאַרף קענען ריידן לאַטייניש אָדער דייטש, וועלן מיר אייך שיקן — האָט טאָביאַס ווייטער געשריגן — אָבער איצט דאַרפן מיר אַ שתדלן ביים רבונו של עולם, דאַרפן מיר צו דעם האָבן אַ ייד, וואָס זאָל נישט קענען קיין לאַטייניש!

האָט שוין דער רב פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ און האָט טאָביאַסן אויסגעזידלט. האָט דעמאָלט דער ישראל טאָביאַס אויפגעהויבן די האַנט און אַרונטערגעלאָזן דעם רב אַ פּאַטש, אַז עס האָט אַזש אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער שול.

צוליב דעם איז געוואָרן אַ שרעקלעכע מהומה און עס האָט דעמאָלט באַלד איינער פונעם עולם געבראַכט זשאַנדאַרן אין שול אריין צו באַשיצן דעם רב, ווען ער וועט מקריא זיין פאַר די תקיעות.

האָט דער רב נישט געקענט אַריבערטראָגן אַזאַ בזיון און ער איז באַלד נאָך סוכות אַוועק פון אָשפּיצין אויף אַ רבנות־שטעלע אין דער פּויזנער שטאָט קעמפּנאָ, ווו דער מלבי״ם איז פריער געווען דער רב.

נאָך ד״ר מינצס אָפּפאָרן האָט די אָשפּיצינער קהילה נישט מער געהאַט קיין געשטודירטן רב. דער „פּראָגרעסיווער״ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אָשפּיצין איז נאָך ד״ר מינצס דורכפאַל אין גאַנצן אָפּהענטיק געוואָרן. דערווייל איז אויך אין דער מחלוקה צווישן סאַנדזער און סאַדאַגערער חסידים דער סאַנדזער צד שטאַרקער געוואָרן. האָט די רעגירונג באַשטעטיקט, די קהילה זאָל איבערגעבן דאָס רבנות צום סאַנדזער צדיקס אייניקל, ר׳ שלמה האַלבערשטאַם — און דער צווייטער חסידישער רבי, דער אָנהענגער פונעם סאַדאַגערער צד איז נישט געבליבן אַפילו אויף זיין פריערדיקער שטעל און ער האָט געמוזט זוכן צו מאכן אַ לעבן בלויז פון פּדיונות און נדבות.

צוליב די דאָזיקע ענדערונגען אין דער קהילה האָבן זיך דעמאָלט פאַרשטאַרקט די מחלוקותן צווישן דעם סאַנדזער און סאַדאַגערער און ווי ווייט עס האָט דאָרט דער דאָזיקער קאַמף געבושעוועט, קען מען זען פון צוויי צווישנפאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער דאָזיקער מחלוקה און זיי האָבן זיך טיף איינגעקריצט ביי מיר אין זכרון, נישט פאַרגעסן צו ווערן.

אַ פעטער מיינער, משה יוסף יונגער, איז געווען אַ סאַנדזער חסיד,

איינער פון די מקורבים ביים סאַנדזער צדיק, און ווי ער פלעגט זייער דערציילן, האָט ער אַמאָל געהאַט די זכיה, וואָס דער סאַנדזער צדיק האָט אים מיט זיין אייגענער האַנט אַ פּאַטש געגעבן — און ווער עס האָט זיך געקענט רימען מיט אַזאַ פּאַטש, איז שוין געווען אויסגעזאָרגט מיט זיין „חלק עולם הבא".

פאַרשטייט עס זיך שוין, אַז די איבערגעבנקייט פון מיין פעטער צום סאַנדזער האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ און ער איז געווען גרייט דורס צו זיין יעדן, וואָס וואָלט זיך דערוועגט צו זאָגן אין זיין קעגנוואַרט דאָס מינדעסטע וואָרט אַקעגן דעם כבוד פונעם סאַנדזער צדיק.

מאַכט זיך אַמאָל אין אַ פרייטאָג נאָכמיטיק נאָכן מרחץ, ביי אַ גלעזל ביר בעת אַ וויכוח צווישן מיין פעטער און אַ סאַדאַגערער חסיד. מיין פעטער איז געווען אַ ייד אַ למדן מיט אַ נשמה פון הילל הזקן, וואָס האָט זיך נישט געקענט קיין מאָל אויף אַ מענטש אָנבייזערן. האָט זיך אָבער עמעצער דערלויבט אָנצורירן דעם כבוד פון זיין רבין אין זיין קעגנוואַרט, פלעגט שוין דער פעטער אַריינפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס און עס האָט זיך דעמאָלט פשוט אויסגעדאַכט, אַז ער גייט קוילענען מענטשן.

אָבער דער סאַדאַגערער חסיד, וואָס דער פעטער האָט געהאַט מיט אים דעם וויכוח, איז געווען וואַרשיינלעך אַ גרעסערער כעסן — און ווען דער פעטער האָט געלאָזט לויפן זיין צונג אַקעגן דעם סאַדאַגערער. האָט יענער געכאַפּט אַ שווער ביר־גלאָז און געשפּאָלטן דעם פעטער דעם קאָפּ.

דער סוף פון דעם דאָזיקן „וויכוח" איז דעמאָלט געווען, אַז דער פעטער מיינער איז פיר וואָכן שפּעטער געשטאָרבן. דערנאָך ערשט האָט געקאָסט זייער פיל מי און געלט, מען זאָל דאָס נישט געוואָר ווערן ביי די גוים און דאָס געריכט זאָל נישט אָנהייבן מאַכן אַן אונטערזוכונג.

אַן אַנדערער צווישנפאַל פון אַן ענלעכן שטייגער איז פאָרגעקומען מיט מיין אייגענעם פאָטער, וואָס איז געווען אַ שאַרפער „מתנגד" און עס האָט אים נישט געהערט קיינער זאָגן אַ וואָרט אין דער גאַנצער צייט פון דער מחלוקה, נישט וועגן סאַנדזער און נישט וועגן סאַדאַגערער. זע־נען דעמאָלט אין אָשפּיצין געווען דריי שוחטים, צוויי סאַדאַגערער און איין סאַנדזער. האָבן די סאַנדזער חסידים געשטורעמט, אַז אַזוי ווי זיי זענען דער רוב אין שטאָט, דאַרף זיין צוויי שוחטים סאַנדזער און איי־

נער אַ סאַדאַגערער. האָבן זיי דערפאַר געפאָדערט, אַז די קהלה זאָל איין סאַדאַגערער שוחט אָפּזאָגן און אַוועקשטעלן אויף זיין אָרט אַ סאַנדזער.

זענען זיי געקומען צו מיין פאָטער מיט דער בקשה, ער זאָל אָנ־שרייבן פאַר זיי דעם „כתב״ צו דער קהילה מיט אַ סטראַשונאָק, אַז ווי באַלד די קהילה וועט נישט ווען נאָכגעבן דעם פאַרלאַנג, וועט מען זיך ווענדן וועגן דעם דירעקט צו דער רעגירונג. האָט דאָס מיין פאָטער נישט געוואָלט שרייבן, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אויף אים אַ קלאַנג, אַז ער איז אַ באַהאַלטענער סאַדאַגערער חסיד און זיי האָבן אויך באַשלאָסן, זיך נוקם צו זיין אויף אים ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

שמחת־תורה צו די הקפות האָבן דעמאָלט עטלעכע סאנדזער חסי־דים אַרומגערינגלט מיין פאָטער און דוקא אים געוואָלט אַזו גלאַט אין שפּאַס אַ ביסל אַריינצימבלען. איז דאָס אָבער נישט געגאַנגען, ווייל דער טאַטע מיינער איז געווען אַ „גבורן״. האָט ער דעמאָלט אויסגעריסן אַ פוס פון אַ באַנק און אַוועקגעשטעלט זיך ביי דער וואַנט. האָט שוין קיינער נישט געקענט צו אים צוקומען.

אזוי ווי איך האָב דאָס דענסטמאָל צוגעזען איז אויף מיר אָנגעפאלן אַ שרעקלעכער פּחד, עס זאָל נישט חלילה עפּעס געשען דעם טאַטן, בין איך אַוועקגעפאלן אין חלשות — און ווען איך בין דערנאָך אויפגעקו־מען, בין איך געלעגן אין דער היים אין מיין בעט און אַ דאָקטער איז איבער מיר געשטאַנען.

נאָך דער דאָזיקער פאַסירונג האָט מיין פאָטער באַשלאָסן, אַריבער צוציען זיך צוריק קיין קראָקע...

קאַפּיטל 6

א בלוט - בילבול

נאָך דעם ווי מיינע עלטערן זענען אַוועק פון אָשפּיצין און זיי זענען געגאַנגען זיך צוריק אַריבערציען קיין קראָקע, האָבן מיר פאַרבראַכט דריי וואָכן צייט ביי מיין זיידן, דעם פאָטער פון מיין מוטער, וועלכער איז געווען אַן אַרענדאַר אין אַ דאָרף מיטן נאָמען פשיטקאָוויץ, נעבן קאַל־וואַריאַ. יענע צייט איז געווען זייער אַ באַוועגטע, ווייל דער זיידע מיי־

נער איז דענסטמאָל שיער נישט אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ בלוט־בילבול.

אין אַן אַנדער דאָרף לעבן קאַלוואַריאַ מיטן נאָמען לעניעץ האָט געוווינט אַ ייד אַ קרעטשמער, וועלכער האָט געהייסן אַברהם הופערט. האָט ביי אים געדינט אַ שיקסע פון דעם זעלביקן דאָרף, איז זי געווען אַזוי צוגעבונדן צו זיין הויז, אַז איטלעכער האָט זי שוין גערעכנט ווי אַן אייגענע.

זענען דאָרט אין לעניעץ פּלוצים אָנגעקומען אולאַנער פון וואָדאַ־וויץ, האָט איינער פון זיי מיטגענומען די שיקסע מיט זיך אַן דעם וויסן פון איר משפחה. צוויי וואָכן שפּעטער איז געקומען די מוטער פון דער שיקסע, פרעגן ביי אַברהם הופערט, ווו ער האָט אַהינגעטאָן איר טאָכ־טער. האָט דער ייד געמיינט, אַז דאָס נאָכפרעגן זיך אויף דער טאָכטער איז נישט מער ווי עפּעס אַ מין „שפּיצל" פון דער מוטער, וואָס האָט מסתמא אַוועקגעגעבן די טאָכטער דינען אויף אַ בעסערן פּלאַץ. האָט ער זיך גוט אָנגעבייזערט אויף דער אַלטער גויע און האָט זי אַרויסגעוואָרפן פון זיין הויז. איז דאַן די אַלטע גויע אַוועקגעגאַנגען איבערן דאָרף מיט אַ געוויין און זי האָט דערביי יעדן דערציילט, אַז דער ייד האָט ערגעץ באַהאַלטן איר טאָכטער און איין גאָט ווייסט, צי ער האָט זי נישט גע־קוילעט, אויף צו געברויכן איר בלוט צו די מצות.

גראָד איז דאָס געווען פאַר פּסח און די יידן פון אַלע דערפער אין דער גאַנצער סביבה זענען זיך צונויפגעקומען באַקן מצות ביי מיין זיידן, דוד באַדער אין פּשיטקאָוויץ. זענען דאַן פּלוצים אָנגעקומען זשאַנדאַרן און האָבן אויפן באַפעל פונעם קאַלוואַריער באַצירקס־געריכט קאָנפיס־קירט אַלע ביז דעמאָלט אָנגעבאַקענע מצות און פאַרזיגלט דעם אויוון ביי מיין זיידן אין הויז.

דערנאָך האָבן זיי אַרעסטירט דעם אויבן דערמאָנטן אַברהם הופערט פון לעניעץ מיט זיין ווייב און קינדער, צווישן וועלכע עס האָט זיך גע־פונען אַ קליין קינד פון אַכט חדשים — און געקאָוועט אין קייטן, האָט מען זיי אַלעמען אָפּגעפירט צום באַצירקס־געריכט אין קאַלוואַריאַ, ווו עס האָט דעמאָלט אַמטירט אַ באַצירקס־ריכטער מיטן נאָמען ערמיק, וואָס האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז ער וועט אָנווענדן אַלע מעגלעכקייט, אַרויסצוברענגען פאַר דער וועלט דעם אמת, אַז יידן קוילענען קריס־טן, אויף צו געברויכן זייער בלוט צו די מצות.

די אויפרעגונג איז געווען אַ שרעקלעכע און די פּוּיערן פון די אַרו־מיקע דערפער זענען געווען גרייט, אויסצוקוילענען אַלע יידן. האָט אָבער דער פּריץ פון דער געגנט באַשיצט די יידן מיט אַלע מיטלען און נישט געלאָזט זיי טאָן קיין שלעכטס.

דער אייגנטימער פון פשיטקאָוויץ, לעניעץ און פיל אַנדערע דער־פער אין יענער סביבה איז געווען אַ פּוילישער פּריץ מיטן נאָמען בראַנ־דיס. דאָס איז געווען זייער אַ ליבעראַלער מענטש און פול מיט אויטאָ־ריטעט אין דער גאַנצער געגנט. האָט דער בלוט־בילבול אויף אברהם הו־פּערט דעם דאָזיקן בראַנדיסן ביז גאָר פאַרדראָסן. ספּעציעל אין כעס איז ער געווען, וואָס מען האָט זיך דערוועגט צו מאכן אַזאַ בילבול אויף „זיינעם״ אַ יידן, נישט־אָנפרעגנדיק פריער זיין מיינונג.

האָט ער דערפאַר אויפגערודערט אַלע פּאָליטיש איינפלוסרייכע מענטשן פון גאַליציע ביז צו די מיניסטאָרן אין ווין און האָט אומעטום געשריגן, אַז ער — בראַנדיס — פילט זיך געקרענקט אין זיין ערע צוליב אַזאַ שרעקלעכן בילבול אויף „זיינעם״ אַ יידן, ווייל „ווען עס זאָל אַפילו באַוויזן ווערן, אַז יידן פון אַנדערע דערפער געברויכן קריסטלעך בלוט צו די מצות, איז דאָס ביי זיינעם אַ יידן זיכערלעך נישט אמת״.

אויף זיינע אייגענע קאָסטן האָט אויך דער פּריץ אָנגעשטעלט דע־טעקטיווס, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער אַלע דערפער פון דער סביבה, אויסצוגעפינען דעם אָרט, וו די שיקסע געפינט זיך, ווייל ער איז געווען ביי זיך מער ווי זיכער, אַז די שיקסע לעבט ערגעץ באַהאַלטן.

דערווייל האָט דער קאַלוואַריאַער באַצירקס־ריכטער ערמיק געוואָרפן א חשד אויף מיין זיידן, אַז ער איז וואַרשיינלעך באַטייליקט אינעם קוילענען פון דער שיקסע. מען האָט דאָך געבאַקן די מצות אין זיין הויז. האָט דער פּריץ באַהאַלטן מיין זיידן ביי זיך אין הויף — און די זשאַנ־דאַרן, וואָס ערמיק האָט אַרויסגעשיקט צו כאַפּן מיין זיידן האָבן אים נישט געקענט געפינען.

נישט ווייסנדיק גאָר וועגן דעם וואָס עס טוט זיך ביי מיין זיידן, זענען מיר דריי טאָג נאָך פסח (1857) אָנגעקומען אין פשיטקאָוויץ. אין דער קרעטשמע ביים זיידן האָט זיך געפונען דעם זיידנס וויב און אירע קינדער, וועלכע האָבן אונדז געראָטן ווי צום גיכסטן צו אַנטלויפן, איי־דער ריכטער ערמיק ווערט געוואָר וועגן אונדזער אָנקומען אין פשיטקאָ־וויץ.

יעדן טאָג, האָט די שטיף־באָבע מיינע דערציילט, קומען אנדערע זשאַנדאַרן זוכן ביי אונדז די פאַרשווונדענע שיקסע. דער זיידע באַהאַלט זיך ביים פריץ און זי אליין האָט מען שוין אויך געהאַלט אַרעסטירן. האָט דער פריץ געשיקט אָנזאָגן דער זשאַנדאַרמעריע, מע זאָל זיך נישט דערוועגן זי אָנצורירן, ווייל ווען עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז זי איז אויך באַטייליקט אינעם פאַרשווינדן פון דער שיקסע, גאַראַנטירט ער, אז ער וועט זי צושטעלן צום געריכט.

מיין פאָטער איז נישט געווען קיין איבערגעשראָקענער און ער האָט דעמאָלט תיכף געבעטן צו האָבן אן אוידיענץ ביי בראַנדיסן. דער פריץ האָט אים אויפגענומען און דערציילט, אַז אַ געוויסער גלח, אַ שונא־ישראל, מיטן נאָמען יורטשינסקי פונעם זעבדאָוויצער קלויסטער, האָט אָנגעשריבן אַ פאַמפלעט וועגן דעם בלוט־בילבול און ער האָט עס אַוועקגעשיקט צו ריכטער ערמיק.

דאָרט אין יענעם פאַמפלעט האָט דער גלח געבראַכט כלערליי ראיות, אַז יידן באַנוצן קריסטלעך בלוט צו די מצות. ער האָט אויך דאָרט געבראַכט אַ רעפּראָדוקציע פון אַ בילד, וואָס געפינט זיך אינעם קאַלוואַריאַער קלויסטער, ווי יידן האָבן געקוילעט אַ קריסטלעך קינד און זענען דערפאַר געריכטלעך באַשטראָפט געוואָרן מיט פאַרברענען.

דעמאָלט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיין פאָטער זאָל האָבן אַ וויכוח מיטן גלח יורטשינסקי ביים ריכטער ערמיק אין שטוב אין קעגנווארט פונעם פריץ און פון נאָך אַנדערע גלחים. זענען אַלע יידן פון דער גאַנצער סביבה געווען צופרידן מיט דעם וויכוח, וואָס מיין פאָטער האָט געדאַרפט אָנפירן, ווייל זיי זענען געווען זיכער, אַז דער אמת וועט ביי דעם דאָזיקן וויכוח זיגן.

נאָר מיין טאַטע אליין איז נישט צופרידן געווען פונעם וויכוח. האָט ער פריער דריי טעג געפאַסט און דריי נעכט נישט געשלאָפן, אַרויסקוקנדיק אויף אַ נס, אַז דער גלח זאָל חרטה האָבן אויפן וויכוח אָדער דער אייבערשטער זאָל אַריינגעבן צו מיין פאָטער אַזוי פיל שכל, אז ער זאָל חלילה נישט געשטרויכלט ווערן מיט עטוואָס ביים וויכוח.

צו דער באַשטימטער שעה איז מען זיך דעמאָלט צונויפגעקומען צום וויכוח. דער גלח יורטשינסקי איז אַרויסגעקומען דער ערשטער מיט אַ לאַנגן צעטל טענות אַקעגן יידן, אָבער איידער ער האָט נאָך געענדיקט דאָס פאָרלייענען פון זיין אָנגעשריבענער אָנקלאגע, איז אָנגעקומען אַ

שטאָפּעט צו בראַנדיסן, וואָס האָט אָנגעזאָגט די בשורה. אז איינער פון די דעטעקטיווס, וואָס בראנדיס האָט אָנגעשטעלט, אויף צו זוכן דאָס באַ־העלטעניש פון דער פאַרשווונדענער שיקסע, האָט געפונען די שיקסע אַ לעבעדיקע און אַ געזונטע אין וואָדאָוויץ, ווו זי האָט זיך געשטעלט דינען ביי אַ מיליטערישן אָפיציר אין הויז, כדי צו קענען זיין נאָענט צו איר אולאַנער.

חוץ דעם האָט דער קראָקאָווער בישאָף צוגעשיקט אַ בריוו צו די קאַלוואַריאַער גלחים מיט אַ שאַרפן אָנזאָג, נישט צו האָבן קיין וויכוחים מיט יידן. עס איז טאַקע גוט — זאָגט דאָרט דעם בישאָפס בריוו — צו באַווייזן די יידן די אומגערעכטיקייט פון זייער גלויבן. איז עס אָבער אַ געפערלעכע זאַך מיט זיי צו דיסקוטירן. אַזוי ווי זיי שטייען אונטערן דירעקטן איינפלוס פונעם טייוועל, העלפט ער זיי געוויינטלעך אין זייע־רע פאַרעקשנטע איינרעדענישן און לאָזט זיי נישט זען דאָס אמתע ליכט פונעם קריסטנטום.

האָט מען שוין איבערגעשלאָגן דעם וויכוח צווישן די גלחים און מיין פאָטער — און ריכטער ערמיק האָט געמוזט תיכף באַפרייען דעם אַרעסטירטן אברהם הופערט מיט זיין פאַמיליע. דערנאָך האָט דער פּריץ גענומען די שיקסע, אַרויפגעזעצט אויף אַ וואָגן און געלאָזט זי אַרומפירן אין באַגלייטונג פון אַ שליח מיוחד אין אַלע זיינע דערפער, ווייזנדיק דעם עולם, אז דאָס איז די שיקסע, וואָס מען האָט וועגן איר אַרויסגע־לאָזן אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן זי געקוילעט צו די מצות.

און וויפל מאָל עס האָט מיט מיר דערנאָך מיין פאָטער גערעדט וועגן דעם דאָזיקן אָנגעהויבענעם און נישט דורכגעפירטן וויכוח, פלעגט ער מיר זאָגן, אַז ער האָט באַלד אין יענעם מאָמענט איינגעזען, ווי נייי־טיק עס איז פאַר אַ יידן צו קענען גוט פּויליש, ווייל עס איז דאָך אַ גע־פאַר, צו האָבן אַ וויכוח מיט גלחים, ווען די גלחים ריידן אַ שפּראַך, וואָס דער יידישער „מתווכח" קען זיי נישט אָפּענטפערן אין דער זעלבי־קער שפּראַך.

עס קען אויך נישט זיין קיין וונדער — האָט מיין פאָטער אַן אַנ־דער מאָל געזאָגט — וואָס די וויכוחים צווישן רבנים און גלחים אין פּוילן האָבן זיך ר'רוב געענדיקט שלעכט פאַרן יידן, ווייל אַזוי ווי די יידן אין פּוילן האָבן נישט געקענט קיין פּויליש, האָבן די רבנים זיכערלעך

נישט פאַרשטאַנען, וואָס די גלחים טענהן און די גלחים האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס די רבנים ענטפערן.

דאָ מוז איך באַמערקט ווערן, אַז מײן פאָטער האָט גוט פאַרשטאַנען פּויליש, אָבער רײדן אויף דעם לשון האָט ער נישט געקענט און ער האָט געהאַט דערפאַר די באַזונדערע פּריווילעגיע אָפּצוגעבן זײנע תשובות אויף די טענות פון גלח יורטשינסקי אויף דער שפּראַך, וואָס ער האָט אויסגעצײכנט באַהערשט — אויף דײטש.

קאַפּיטל 7

אונדזערע ערשטע קראָקעווער שכנים

באַלד אין די ערשטע עטלעכע חדשים, וואָס מיר האָבן געווױנט אין קראָקע, האָב איך שוין געהאַט די פֿעאיקײט צו באַאָבאַכטן אונדזערע שכנים און צו מאַכן מײנע באַמערקונגען וועגן זײ. איך בין דעמאָלט געווען אַ בחורל פון קאַרגע זיבן יאָר און איך האָב שוין געקענט גאַנץ תורה מיט רש״י אויף אויסנווײניק.

אינעם הויז ווו מיר האָבן דעמאָלט געווױנט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, האָבן מיר געהאַט פיל שכנים, וואָס האָבן זיך אַרײנגעצויגן און אַרויסגעצויגן יעדעס האַלבע יאָר אָדער יעדעס יאָר. אײנגעקריצט בײ מיר אין זכרון האָבן זיך אָבער נאָר יענע שכנים אונדזערע, וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם אויף מײנע קינדערשע געפילן און שפּיר־נגען.

דאָס ערשטע איז מיר בײ צווײ פון אונדזערע שכנים נישט געפעלן, וואָס זײ פלעגן שלאָגן די װײבער. שלאָגן אַ װײב, האָט זיך מיר דעמאָלט אויסגעדאַכט, איז זיכערלעך אַ מיאוסע מידה, וואָס יידן האָבן אָפּגעלערנט פון גוים — און ווען איך וואָלט געווען דעמאָלט געוווּסט עפּעס וועגן „אַסימילאַציע״, וואָלט איך יענע צווײ יידן פאַררעכנט פאַר „אַסימילאַנטן״. אַזוי ווי איך האָב דאָס אָבער דעמאָלט נישט געוווּסט, האָב איך זײ גערופן מיט אַנדערע צונעמענישן. האָב איך אײנעם פון זײ גערופן „סמבטיון״, ווײל ער פלעגט שלאָגן דאָס װײב אַ גאַנצע וואָך און שבת פלעגט ער רוען — און דעם אַנדערן האָב איך גערופן „גלית״, ווײל ער איז געווען אַ הויכער און אַ שטאַרקער און אַ קלײן װײבל האָט אים באַזיגט.

„סמבטיון״ איז געווען אַ טרעגער, קליין פון וווקס מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, די שווערסטע משאות פלעגט ער אַ הייב טאָן און כאַפּן זיי אויפן רוקן, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַזוי גרינג, ווי אַ פּעדער. אַנדערע טרעגער פלעגן אים רופן „קורצפרייטאָג״. יעדע פּרוטה, וואָס ער האָט פאַרדינט, פלעגט ער אויף גיך אַוועקטראָגן צום ווייב. פלעגט זי געוויינטלעך נישט זיין צופרידן מיט דעם. אַמאָל פלעגט זי אים מאַכן אַ פאָרוואָרף, אַז בשעת ער לויפט אַהיים מיטן געלט, פאַרלירט ער פּרנסה. האָט ער איר פאַר אַזאַ זאָג געשלאָגן. אָן אַנדער מאָל, ווען ער האָט איר געבראַכט דאָס פאַרדינטע געלט, האָט זי אים געבעטן, ער זאָל עפּעס איבערכאַפּן, ווייל ער איז אוודאי הונגעריק, האָט ער איר אויף דעם ווידער דערלאַנגט. און האָט זי אים פון דעמאָלט גאָרנישט געזאָגט, איז ער נאָך מער אויפגערעגט געווען און האָט איר אָן ווערטער אַרונטערגעלאָזן אַ פּאַטש איבערן גאַנצן פּנים.

דאָס אַלץ פלעגט אָבער פאָרקומען נאָר אין וואָכנטעג. פרייטיק פלעגט ער אַהיימקומען באַלד נאָך מיטיק און ביז מוצאי שבת נאָך הבדלה איז ער געווען ווי איבערגעביטן, נישט צו דערקענען. זומערדיקע פרייטיקן פלעגט ער העלפן דעם ווייב ביי דער קיך, זי זאָל גיכער פאַרטיק ווערן מיטן שבת, כדי צו קענען זיך פאַרגינען „אָפּצוכאַפּן אַ מינוט פון אַ גאַנצער וואָך אַרבעט״. און ווינטערדיקע פרייטיקן פלעגט ער לויפן שנעל אין מרחץ, כדי צו קענען מקבל שבת זיין מיט אַלע יידן צוגלייך.

שבת אַ גאַנצן טאָג פלעגט „סמבטיון״ רוען, פון פרייטיק פאַר נאַכט, ווען ער פלעגט גיין מיט אַריסטאָקראַטיש - געמאָסטענע שריט צום דאַוונען, ביז מוצאי־שבת נאָך הבדלה, פלעגט מען נישט הערן קיין הויך וואָרט פון זיין מויל. ערשט מוצאי־שבת נאָך הבדלה האָבן זיך אָנגעהויבן הערן קולות און אָפּקלאַנגען פון קלעפּ. האָב איך דעמאָלט געזאָגט: „סמבטיון האָט אַ גאַנצן שבת גערוט, הייבט ער איצט אָן ווייטער צו וואַרפן שטיינער!״

„גלית״ איז געווען אַ קצב, אַ הויכער שטאַרקער ייד, וואָס פלעגט שלאָגן זיין ווייב זעלטענער ווי „סמבטיון״. דערפאַר פלעגט ער שוין ניט מקפּיד זיין אויפן טאָג, נאָר ווען עס איז אים אָנגעקומען דער חשק צו שלאָגן דאָס ווייב, איז שוין ביי אים נישט געווען קיין חילוק, צי עס איז שבת אָדער אַ וואָכנטאָג. דאָס ווייב זיינס פלעגט אויך אָננעמען די

קלעפּ באהבה, און ווען ער האָט זיך אַמאָל שטאַרק אַנגעמוטשעט מיטן שלאָגן און האָט זיך דערנאָך אָוועקגעלייגט אויפן בעט אָפּרוען, איז זי נעבן אים געזעסן און האָט אָפּגעיאָגט פון אים די פליגן.

און פאַר־וואָס האָב איך אים גערופן „גלית"? ווייל עס האָבן זיך אַמאָל די ווייבער אַריינגעמישט אין דער מחלוקה צווישן אים און זיין ווייב — און אַ קליין שוואַך ווייבל פון אונדזער שכנות האָט דעמאָלט דעם גרויסן גיבור דערלאַנגט מיט אַן אייזערנעם טאָפּ איבערן קאָפּ. איך טאָרט אָבער נישט מיינען, אַז די געשלאָגענע פרוי איז געווען צופרידן מיט דעם, וואָס יענץ ווייבל האָט זיך פאַר איר אַנגענומען, פאַרקערט, זי האָט דאָס ווייבל גוט אויסגעזידלט און איר אַנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, זי זאָל זיך נישט מער אַריינמישן צווישן איר און איר מאַן, ווייל „ער איז אַ מאַן און האָט אַ רעכט צו שלאָגן".

צו אַ גאַנץ אַנדערן מין מענטשן האָט באַלאַנגט אונדזער שכן אליעזר מלמד. דאָ איז שוין דאָס פאַרהעלטניש געווען פאַרקערט. ער — אַ שווייגנדיקער און זי — אַ שרייערקע. ווען איך האָב זיי דערקענט, האָבן זיי געהאַט אַ יינגל פון צוויי יאָר, וועלכעס איז שוין געגאַנגען און האָט גערעדט. פון דעסטוועגן האָט עס נאָך געזויגט דער מוטערס ברוסט. פלעגט דאָס דאָזיקע קינד אַרויסקומען פאַרן הויז, ווו די מוטער זיינע איז פאַרנאַכט געזעסן, אַנגעטאָן אַ יאַרמולקע אויפן קעפּל — און אַרויסנע־מען דער מאַמעס ברוסט אויף צו זויגן. פלעגט די מוטער אַ זאָג טאָן:

— „אָן אַ ברכה? שייגעץ"! —

פלעגט זיך דאָס קינד שטאַרק פאַרשעמען, אַרויסלאָזן די ברוסט פון דער האַנט און מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ מאַכן אַ „שהכל".

דערנאָך ערשט פלעגט אים די מוטער געבן די ברוסט אין זיין מויל, צודריקנדיק אים צום האַרצן מיט אַ פריילעך אויסגעלייטערטן פּנים. — און אַזוי אָפט ווי איך דערמאָן זיך אין דעם דאָזיקן קליינעם יידעלע פון צוויי יאָר מיטן יאַרמולקעלע אויפן קעפּל, וואָס האָט גע־דאַרפט אַ ברכה מאַכן איבער דער מאַמעס ברוסט, ווערט מיר וואַרעם אויפן האַרצן און טרערן שטיקן מיך אין האַלדז.

אַ צווייטער מלמד האָט געוווינט אין אונדזער שכנות, וועלכער פלעגט שוין לערנען גמרא און פוסקים, פלעגט ער קומען צו אונדז אין שטוב אַריין יעדן שבת, דורכלערנען ביי מיין פאָטער דעם שיעור גמרא, וואָס ער האָט דעמאָלט געדאַרפט לערנען מיט זיינע תלמידים. דערפאַר

פלעגט ער אונדז שיקן ווײַן אויף יעדן פּסח און אַ גאַנדז אויף שמחת־תּורה.

דער אינטערעסאַנטסטער שכן אונדזערער איז געווען אַ ייִד מיטן נאָמען מרדכי ווײַנדלינג, אַ למדן און אַ גרויסער בעל דקדוק, וועלכער פלעגט לערנען אומזיסט דקדוק מיט צענדליקער אָרעמע און רײַכע בחורים — און ווען ער פלעגט דאַווענען, האָט דאָס געדויערט בײַ אים גאַנצע שעהן, ער פלעגט זאָגן יעדעס וואָרט הויך און מיטן דקדוק, קוועטשנדיק ספּעציעל אויף זײַן אײַגענעם שטײַגער יענע ווערטער פונעם דאַווענען, וואָס די מדקדקים האָבן אָנגעזאָגט, מען זאָל זיי געניט באַטאָנען, כּדי צו פאַרמײַדן דעם מינדעסטן טעות אינעם פּשט, אַ שטײַגער ווי: „למען תּזכּרו“ אָדער „הקושט שנים עשר“.

אַ געוויסע צײַט האָב איך דאָס פּראָבירט נאָכצוטאָן. האָט דאָס מײַן פאָטער באַמערקט און ער האָט מיר געזאָגט: „רחמנא לבא בעי! דער אייבערשטער קוקט בלויז אויף דער גוטער כּוונה פון די, וואָס דאַווענען צו אים, ווײַל איידער דו רעדסט נאָך אַרויס דאָס וואָרט, ווייסט ער שוין, וואָס דו ווילסט אים זאָגן. איז ער דערפאַר נישט מקפּיד, צי דו זאָגסט דאָס וואָרט לויט אַלע כּללים פונעם דקדוק!“

האַרט לעבן אונדזער טיר האָט געוווינט אַ יונגערמאַנטשיק פון אַ יאָר פופצן — און שוין אַ חתונה־געהאַטער מיט אַ ווײַבל פון אַ גרויסן יחוס.־און גערופן האָב איך אים „דאָס האַלבע באַלעבעסל“, ווײַל איך האָב אַמאָל געהערט, ווי די מאַמע מײַנע האָט וועגן אים אײַנגעראַמט אַ סוד אין אויער צו אַנדערע ווײַבער, וואָס האָבן דערבײַ געשמייכלט צופרידן. און כאָטש ער איז שוין געווען אַ באַלעבעסל, האָט ער נאָך געלערנט בײַ אַ מלמד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער כּעסן און פלעגט זייער אָפּט אַרײַנצימבלען זײַנע תּלמידים, ווען זיי האָבן נישט געקענט זייער שיעור. איז אַמאָל פאָרגעקומען, וואָס גראָד דעמאָלט, ווען דער מלמד האָט אונדזער „האַלבן באַלעבעסל“ אַרײַנגעצימבלט, איז אָנגעקומען אַ שליח אָנזאָגן דעם אַרײַנגעצימבלטן די בשורה, אַז ער איז געוואָרן אַ טאַטע.

נאָך אַן אינטערעסאַנטער שכן איז געווען דער בלינדער אפרים, אַ ייִד אין די מיטעלע יאָרן, וואָס איז בלינד געוואָרן נאָך אַלס קינד פון פינף יאָר — און ווען ער האָט געוווינט אין אונדזער שכנות, האָט ער

גוט געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות און האָט אויך געהאַט אַ שיינע ידיעה אין תנ״ך.

כדאי צו דערמאָנען אין נאָך אַ שכן אונדזערן, אַ געוויסער לייבוש שטיינפעלד׳, אַ גרויסער מומחה אין שאָך־שפּילן, און וואָס פלעגט זייער אָפט שפּילן אליין מיט זיך, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערן פּאַרטנער. ווי עס פאַרשטייט זיך אויך, פלעגט ער אין אַזאַ פאַל מאכן אַ גוטן גאנג אינעם שפּיל פאַר זיך און פאַר דעם אומזיכטבאַרן מיטשפּילער פלעגט ער מאַכן נאָר שלעכטע געגנג, כדי דער „יענער״ זאָל ווי צום גיכסטן פאַרלירן דאָס שפּיל. און ווען איך פלעג אַמאָל צו אים אַריינקומען, האָב איך אים געוויינטלעך געטראָפן זיצן פאַרטיפט ביים שאָך־ברעט, שפּילנדיק פאַר זיך און פאַר אַ פּאַרטנער. דערביי פלעגט ער זיך אונטערברומען, גלייך ווי ער וואָלט דאָס צו עמעצן גערעדט: „ביזטו דאָך אַ קאַליקע און קענסט נישט שפּילן, וועל איך דיר ווייזן, וואָס עס הייסט, צו ווען שפּילן שאָך מיט לייבוש שטיינפעלדן!״

דער זעלביקער לייבוש שטיינפעלד איז אויך געווען אַ גרויסער למדן און ער האָט געקענט כמעט גאַנץ ש״ס פון אויסנווייניק — און ווען איך האָב שוין שפּעטער מיט יאָרן געלערנט גמרא־תוספות און שלחן־ערוך, האָט ער געבעטן מיין פאָטער, ער זאָל מיך אַריינשיקן צו אים יעדן טאָג גאַנץ פרי, איידער מען גייט צום דאַווענען, איבערחזרן די גמרא אָדער דעם שלחן־ערוך, וואָס איך לערן ביי אַ מלמד.

פלעגט ער דעמאָלט ליגן אין בעט און האָט מיט מיר דערביי איי־בערגעלערנט מיין שיעור. בעת איך האָב אַריינגעקוקט אין דער גמרא אָדער אינעם שלחן־ערוך און ער האָט אַלצדינג געוווּסט אויסנווייניק.

קאַפּיטל 8

כיבוד אב ואם אין יענער צייט

אין דער שילדערונג פון אונדזערע שכנים אין קראָקע, זענען דער־מאָנט געוואָרן יידן, וואָס האָבן געשלאָגן די ווייבער, מוזן מיר דאָ באַ־מערקן, אַז דאָס זענען געווען אויסנאַמען אין דער אַלגעמיינער פירונג, ווו עס האָט עקזיסטירט אַ מוסטערהאַפטע פאַמיליע־לעבן, וואָס איז שטענדיק באַוואונדערט געוואָרן פון די גויאישע שכנים.

דער שטאָלץ פון יעדער פאַמיליע איז דעמאָלט געווען דער פאָטער. אַ וואָרט פון זיין מויל איז געווען ווי אַ געזעץ, ווי דאָס וואָרט פון אַ קעניג. האָט ער עפּעס געזאָגט, האָט דאָס גאַנצע הויז אויפגעשטעלט די אויערן, נישט צו פאַרלירן דאָס מינדעסטע פון דעם, וואָס דער טאַטע זאָגט, ווייל וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט, איז געווען פאַררעכנט פאַר גאָלער חכמה.

ווען דער טאַטע איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט אַלעמען דורכ־גענומען אַ דרך־ארץ און מען האָט מורא געהאַט אַ מויל צו עפענען, אָדער גאָר אַרויסצולאָזן אַ הויך וואָרט. האָט דער טאַטע עפּעס געפרעגט, האָט מען אים געענטפערט מיטן גרעסטן דרך־ארץ. נישט געפרעגטער־הייט איז מען געשטאַנען פון וויטן און מען האָט געשוויגן.

האָט זיך דער טאַטע אַוועקגעזעצט צום טיש, איז דאַן באַלד איט־לעכער צוגעאַנגען יעדער צו זיין פּלאַץ און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. און געזעסן איז מען מיט „שטאַאט". קיינער פון די טיש־מענטשן האָט זיך אויך נישט געשטופּט צום פאָדערגרונד, אַז דער טאַטע זאָל אים פריער זען. דערפאַר פלעגט זיך דער טאַטע אָפּשטעלן מיט אַ וואָרט צו יעדן איינעם, כדי נישט צו מאַכן קיין קנאה־שנאה צווישן די טיש־מענטשן. קיינער פון זיי זאָל זיך נישט קענען באַרימען, אַז נאָר צו אים האָט דער טאַטע גערעדט און נישט צו די אַנדערע.

ערשט נאָך דעם ווי דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען פונעם טיש, פלעגט זיך אָנהויבן אַ וויכוח צווישן די טיש־מענטשן וועגן די תשובות, וואָס מען האָט געגעבן אויפן טאַטנס ווערטער, צי זיי זענען געווען ריכ־טיקע אָדער נישט.

אַ טאַטן — האָט איטלעכער געוווסט — דאַרף מען אָפּגעבן כבוד. מען טאָר נישט זיצן אויף זיין אָרט און מען טאָר נישט אַריינפאַלן אים אין די רייד, נישט דווקא ווען דער טאַטע איז אַ למדן אָדער אַ גרויסער חשוב, נאָר אַפילו ווען דער טאַטע איז אַן „עם הארץ" אָדער גלאַט אַזוי אַ „נחות דרגא".

ס'איז אויך אַזוינס אַמאָל פאָרגעקומען אין קראָקע. אַ געוויסער קאַנדידאַט אויף דער שטעלע פון אַ „מגיד" אין ר' שלמה דייכעסעס בית־המדרש, איז געווען דער זון פון אַ טאַטן אַן עם־הארץ און אַ שיכור. האָט ער אַרויסגייענדיק פונעם בית־המדרש אין באַגלייטונג פון די גרעסטע חשובים, באַגעגנט דעם פאָטער זיינעם אַ פאַרבלאָטיקטן און אַ

שיכורן. האָט ער זיך נישט אַרויסגעדרייט פון דער באַגעגעניש, נאָר ער איז צוגעגאַנגען צו זיין פאָטער, האָט אים אַרומגענומען מיט ליבשאַפט און געהאַלדזט, כאָטש ער האָט גוט געוווסט, אַז אַזאַ טאַטע קען אים נישט געבן קיין „פּרעסטיזש" אין די אויגן פון זיינע באַגלייטער. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט צוליב דער דאָזיקער באַגעגעניש די שטעלע נישט באַקומען!

אין יענער צייט האָט איטלעכער געוווסט, אַז מען דאַרף אַ טאַטן ליב האָבן. איז אָבער דער „יראה הכבוד" פאַרן טאַטן געווען שטאַרקער פון דער ליבע. און ווי גרויס עס איז דעמאָלט געווען די ליבע פונעם טאַטן צו זיין קינד, האָט ער זיך שטענדיק געהיט, נישט אַרויסצווייזן זיין ליבע, ווייל דאָס וואָלט נישט געווען „מעשה טאַטע". פלעגט זיך דאָס קינד מוזן באַנוגענען מיטן טאַטנס אַ שמייכל אָדער גאָר מיט אַ קניפּ אין בעקל. דער בעסטער סימן פונעם טאַטנס ליבע איז געווען, ווען ער האָט אַמאָל געגעבן שמיץ, ווי דער פּסוק זאָגט: ווער עס שלאָגט נישט זיין קינד, דער האָט עס פיינט.

ביי אונדז אין קלויז פלעגט אַ טאַטע אַ בעל־עגלה לערנען יעדן פאַרטאָג מיט זיין זון אַ סדרה פון דער וואָך. זאָגט אַמאָל דער בעל־עגלה צו זיין יינגל: „לערן, מיין קינד, דאָס חומש מיט חשק, ווייל אַז דו וועסט שוין קענען גוט חומש, וועל איך אָנהייבן לערנען מיט דיר רש"י!" — טוט דאָס יינגל אויף דעם אַ פרעג: „טאַטן, דו קענסט דען רש"י?". האָט אים אויף דעם דער פאָטער אַ פּאַטש געגעבן און אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

— „אַ טאַטן פרעגסטו דו אַזעלכע קשיות!"

דענסטמאָל האָט זיך ביי מיר איינגעקריצט אין מיין געדאַנק, אַז אַ טאַטע מוז קענען רש"י, ווייל ער וואָלט אַנדערש נישט געקענט זיין קיין טאַטע!

אַזוי פלעגט אויך דער קראָקעווער רב, ר' שמעון סופר, שטענדיק דערציילן וועגן זיין פאָטער דעם בעל „חתם סופר", אַז ווען ער איז געוואָרן אַ בר־מצוה, האָט ער געזאָגט אַ דרשה אין דער פראַנקפורטער שול און דאָרט האָט ער זיך דערלויבט צו זאָגן אַ סתירה צו דער מיינונג פון זיין זיידן, דעם מחבר פונעם „כוס ישועות" אויף סדר נזיקין (בעסער באַקאַנט אין דער לומדישער וועלט אונטערן נאָמען „מהרש"ק"). האָט דערמאָלט דער פאָטער פונעם „חתם סופר" ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַלע

לומדים פון דער שטאָט האָבן זיך איינגעהערט מיט אָפענע מיילער צו דער דרשה פון זיין זון. ער האָט תיכף אַרונטערגעשלעפּט דעם בחור פון דער בימה און פאַר אַלעמען אין די אויגן אויסגעפּאַטשט פאַר דער חוצפה זיינער, צו קריטיקירן די מיינונג פון זיין זיידן.

עטוואָס ענלעכעס איז אַמאָל פאָרגעקומען ביי אונדז אין קלויז. געווען ביי אונדז אַ ייד אַ למדן, וועלכער האָט זיך תמיד מייחס געווען נ״ט זיין זיידן, אַ געוועזענעם דיין אין דער צייט, וואָס דער בית־דין אין קראָקע האָט אַרויסגעגעבן אַ חרם קעגן חסידים. איז דער זון פון יענעם למדן און דער אוראייניקל פון יענעם דיין, וועלכער האָט אונטערגעשריבן דעם חרם אויף חסידים, פּלוצים אַרויס „לתרבות רעה״. איז דאָס אָבער געווען אַ „תרבות רעה״ בלויז לויט דער מיינונג פון זיין פאָטער: ער איז געוואָרן אַ חסיד.

האָט דער פאָטער זיינער פּשוט מרעיש־עולם געווען קעגן דעם „בן־סורר ומורה״, וואָס האָט עס זיך דערלויבט, מעיז פנים צו זיין קעגן זיין עלטער־זיידן און צוזושטיין צו דער חברה, וואָס זיין עלטער־זיידע האָט אַריינגעלייגט אין חרם. האָב איך דענסטמאָל אָנגעווענדעט אַלע מיינע כחות, דעם אויפגערעגטן פאָטער צו באַרואיקן. און אויף דער טענה פון „כיבוד אב״ האָב איך געבראַכט אַ ראיה פונעם רבנו תם, וועלכער איז געווען אַ חולק אויף די תפילין פון זיין זיידן, רש״י. האָט מיר דער פאָטער פון יענעם „תרבות־רעהניק״ אַ זאָג געטאָן:

— „איז עס דאָך געווען רבנו תם און נישט אַזאַ תם ווי מיין זון!״

— איז דאָך דער זיידע פון אייער זון געווען אַ פּשוטער דיין און נישט אזא מענטש ווי רש״י! — האָב איך אים אָפּגעענטפערט.

מיינע השתדלותן פאַר יענעם „תרבות־רעה׳ניק״ האָבן פון דעסטוועגן נישט געהאָלפן ביי זיין פאָטער. ער האָט זיך ווייטער געהאַלטן ביי זיינס, אַז דער זון האָט עובר געווען אויף כיבוד אב און אַזוי ווי ער איז דערפאַר אַ בן סורר ומורה, איז ער אַ חייב מיתה. האָט ער זיך נאָך אים געזעצט שבעה.

הונדערטער מענטשן פון מיין סביבה פלעגן נאָכטאָן אין אַלעמען זייערע טאַטעס, ביי איטלעכער תנועה אין שטוב, גלייך ווי ביי יעדן שריט אין גאַס. און ווען איך פלעג די דאָזיקע מענטשן זען, האָט זיך מיר אָפּטמאָל אויסגעדאַכט, אַז איך זע זייערע טאַטעס, ווייל אויסער דער ענלעכקייט אין זייער אויסזען, האָבן זיך יענע מענטשן תמיד גע־

מאַטערט צו זײַן גלײַך צו זײַערע טאַטעס אין דער גאַנצער פּירונג זײַערער.

דער כיבוד אב איז בײַ יענע מענטשן געווען אַזוי גרויס, אַז אַפּילו אַן עלטערער זון, וועלכער האָט שוין גלײַך געהאַט אײניקלעך, האָט זיך נישט דערלויבט, צו אונטערנעמען אַ נײַעם שריט אינעם לעבן אָן דער צושטימונג פון זײַן טאַטן. אַזוי ווי די גמרא זאָגט: „מכבדו בחייו ומכבדו במותו", וואָס מײנט, אַז גלײַך ווי מען האַלט דעם טאַטן בכבוד בײַם לעבן, דאַרף מען אים אויך בכבוד האַלטן נאָכן טויט. פלעגט מען טאַקע גײן האַלטן עצות מיטן טויטן טאַטן אויפן בית־הקברות — און וואָס עס איז אײנעם אײַנגעפאַלן שטײענדיק אויפן בית־הקברות, דאָס האָט מען באַטראַכט ווי אַ ווונק פון יענער זײַט קבר.

אַפּילו אין אַזאַ הויז, וואָס די מוטער איז געווען די „עקרת הבית", די פּרנסה־געבערין, אַפּילו דאָרט ווו די מאַמע האָט געאַרבעט אין שענק אָדער אין דער קראָם און דער טאַטע איז טאָג און נאַכט געזעסן אין בית־המדרש, האָט מען אויך דעם טאַטן געהאַלטן פאַרן חכם און מען האָט נישט געטאָן גאָרנישט אָן זײַן הסכמה. אַזוי איז געווען אין אונדזער שכנות אײנע אַ שענקערין, זיסל דבורה איז געווען איר נאָמען, וואָס דער מאַן אירער פלעגט גײן אײַנהאַנדלען די משקה, כאָטש ער האָט אַפּילו נישט געוווּסט די נעמען פון די געטראַנקען. אַן אַנדערער שכן אונדזערער, ירוחם חנה־דאָבעס, וואָס די פרוי זײַנע האָט געהאַנדלט מיט תבואה, פלעגט גײן מיטן ווײַב אויפן יריד. שמועסן מיטן פּויער וועגן דער תבואה, האָט ירוחם נישט געקענט, ווײַל ער האָט נישט געקענט רײדן קײן גויאיש. פלעגט זײַן חנה־דאָבע אויסדינגען די סחורה בײַם פּויער און ער האָט געטראָגן דאָס געלט אויף צו באַצאָלן פאַר דער סחורה. פון דעסטוועגן האָט די פרוי תמיד געפרעגט בײַ איר מאַן מבינות אויף דער סחורה, און כאָטש ער האָט דעם דאָזיקן ענין גאָר נישט פאַרשטאַנען, פלעגט ער זיך אַמאָל אײַנעקשנען אויף יאָ צו קויפן אָדער נישט צו קויפן — און דאָס ווײַב האָט אים תמיד געפאָלגט.

געוווינט האָט אויך אין אונדזער שכנות אײנער אַ שמש, וואָס זײַן ווײַב פלעגט אים העלפן יעדן פרײַטיק אויסקערן דעם בית־המדרש. פון דעסטוועגן פלעגט זי נישט טאָן קײן אײנציקן קער, אײדער דער מאַן האָט איר נישט געוויזן, ווי אַזוי זי זאָל דאָ טאָן, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז דער מאַן אירער ווײסט נישט, ווי אַזוי צו האַלטן אַ בעזעם אין דער

האַנט. „ער איז דאָך אַ מאנצביל“, פלעגט זי זאָגן, „ווייסט ער מן־הסתם אַלצדינג בעסער!“

אויף דער מאמעס פלייצעס איז געווען די גאַנצע פירונג פונעם הויז. ביי איר האָט דאָס קינד געלערנט ריידן זיינע ערשטע ווערטער און ביז דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן לערנען חומש, האָט זי אים אויך געהאַט אונטער איר השגחה. אָבער ווי לאַנג דער טאַטע איז געווען אין הויז, פלעגט זי אויך נישט אַרויסריידן קיין וואָרט. גלייך מיט די קינדער פלעגט זי קוקן דעם טאַטן אין מויל אריין און איינהערן זיך צו זיינע חכמות.

ווי לאַנג דאָס יינגעלע איז קליין געווען, פלעגט די מוטער אָנקוועלן פון זיין חכמה און אָפּטמאָל אים צודריקן צום האַרצן. האָט ער אָבער אָנגעהויבן לערנען חומש, האָט ער שוין מער געזוכט די געזעלשאַפט פונעם פאָטער, מיט וועמען ער פלעגט קענען שמועסן אין „לערנען“. אין איינציקע הייזער, וו די מאמע איז געווען אַ מלומדת, האָט זיך די דער־ווייטערונג פונעם זון ערשט שפּעטער אָנגעהויבן, ווען דער זון האָט שוין געלערנט גמרא און פוסקים. דאַן פלעגט דער טאַטע מקבל־תענוג זיין פונעם זון, וואָס זיינע גרויסע אויפטוען זענען שוין פאַר דער מוטער געווען ווי פרעמד. זי האָט פּשוט נישט פאַרשטאַנען די שפּראַך, גלייך ווי דעם ענין פון זייערע פּלפּולים. זי האָט בלויז געקענט זען די מינעס פון די לומדים, וואָס זענען געקומען זיך מפלפל זיין מיט איר זון. אַזוי ווי דער שמועס פלעגט זיין גאַנץ ווייט פון אירע באַגריפן און זי האָט אויך נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ נוצן די וועלט קען האָבן פון אַט אַזעלכע פּלפּולים, האָט זי זיך בלויז שטילערהייט געקענט פרייען, אַז ווויל איז דער מאמען, וואָס האָט אַזאַ זון!

קאַפּיטל 9

מיין ערשטער שיעור גמרא

דריי יאָר צייט פלעגט יעדער יידישער טאַטע לאָזן דאָס קליינע יידעלע זיינס שפּילן אין זאַמד מיט אַנדערע קינדער און אויפן פערטן יאָר האָט דאָס קליינע יידעלע געדאַרפט אויפהערן זיין אַ קינד און מען האָט שוין אויף אים אַרויפגעלייגט דעם עול פון די יידישע מיצוות. ער

האָט שוין נישט געטאָרט געניסן קיין שום זאַך אָן אַ ברכה. ער האָט אויך געדאַרפט וויסן, וואָס פאַר אַ ברכה מען דאַרף מאַכן איבער יעדן מין עסן און ער האָט שוין געדאַרפט לערנען אין חדר, ווי דער פסוק זאָגט: „שלש שנים יהיה לכם ערלים, ובשנה הרביעית יהיה כל פריו קודש“, זאָגט אויף דעם דער מדרש, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן אַ יידיש קינד, וואָס קען נישט דענקען און קען נישט ריידן ביז דריי יאָר, דאַרף מען עס לאָזן ווי אַן „ערל“ אָן תורה, אָבער אויפן פערטן יאָר דאַרף עס דער פאָטער הייליקן פאַר דער תורה.

איידער אַ קינד איז געקומען אין חדר, האָט שוין דער מלמד גע־האָט אָנגעגרייט אַ מטבע, און ווען דאָס קינד האָט אַריינגעקוקט אין סדור, איז דער גראָשן פלוצים אַרונטערגעפאַלן ווי פונעם הימל פאַר די אויגן פונעם קינד און דער מלמד פלעגט זאָגן, אַז דער מלאך „פּאַמפּיאל“ האָט אים דאָס אַרונטערגעוואָרפן, כדי ער זאָל לערנען מיט חשק. פאַר אַנדערע קינדער האָט מען געהאַט צוגעגרייט אַ קליין האָניק־לעקעכל און אויפן לעקעכל איז געווען אויסגעגאָסן מיט צוקער־אותיות דער פסוק „תורה צווה לנו“. פלעגט דאַן דער מלמד זאָגן צום קינד:

— „זעסט, דאָס זענען די הייליקע אותיות פונעם סידורל, וואָס דער מלאך פּאַמפּיאל האָט דיר אַרונטערגעוואָרפן פונעם הימל, אַז דו זאָלסט לערנען מיט חשק“.

טיף אונטער דער צוריסענער קאַפּאָטע פונעם אָרעמען מלמד האָט געקלאַפּט אַ האַרץ מיט וואַרעמקייט און ריינקייט און ער איז געווען העכסט צופרידן, וואָס די שווערע אַרבעט זיינע האָט אים געבראַכט אַ שטיקל ברויט, כאָטש נישט צו דער זעט. אָט דער אָרעמער מלמד מיטן אויסגעדאַרטן אומעטיקן פּנים האָט פאַרשפּרייט האַרציקייט אין זיין גאַנצער סביבה, ווען די אויסגעלאָשענע אויגן זיינע פלעגן זיך אָנצינדן אין אַ הייליק פייערל — און אָנצינדן פלעגן זיי זיך יעדעס מאָל, ווען זיינער אַ תלמיד האָט געקענט, וואָס מען האָט מיט אים געלערנט. אין אַזאַ מאָמענט האָט דער מלמד פאַרגעסן זיין הונגער און דעם הונגער פון זיין פאַמיליע, ווייל עס איז פאַר אים געווען אַ נחת־רוח, וואָס ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט, צו קריגן אַ שם פון אַ גוטן מלמד.

מיט אַן אייגנאַרטיקן ניגון האָט ביי איינעם אַ דרדקי־מלמד אין אונדזער שכנות יעדעס קינד געמוזט אויסזינגען דעם אלף־בית — און ווען עס האָט דעמאָלט אימיצער דעם דאָזיקן מלמד אַמאָל געבעטן, ער

זאָל שוין מיט זיין קינד אָנהייבן „טראַף“, ווי מען פלעגט רופן אין אונ־דזערע מקומות דאָס „קמץ־אלף“־לערנען, האָט אים דער מלמד דער־ציילט אַ מעשה וועגן דעם פּראָגער רב, וואָס פלעגט אָפּגעבן דעם גרעס־טן כבוד צו זיין דרדקי־מלמד, מער ווי צו אַלע זיינע אַנדערע מלמדים. האָבן זיך דעם פּראָגער רבס גמרא־מלמדים געפילט געקרענקט פון דעם און איינער פון זיי האָט דירעקט אָנגעפרעגט ביים פּראָגער רב, וואָס פאַר אַ טעם עס שטעקט אין דער דאָזיקער התנהגות זיינער. האָט אים דער פּראַגער רב געענטפערט בזו הלשון: „אַלצדינג, וואָס עס האָבן מיינע גמרא־מלמדים מיט מיר געלערנט, האָב איך שפּעטער מיט מיין אייגענעם שכל אויסגעבעסערט און איך האָב איינגעזען, אַז אין אַלעמען וואָס זיי האָבן מיט מיר געלערנט, האָבן זיי נישט געגנוי געוווסט דעם ריכטיקן פשט. אָבער וואָס דער דרדקי־מלמד האָט מיט מיר געלערנט, דאָס האָב איך אויך שפּעטער נישט געקענט אויסבעסערן, ער האָט מיר געוויזן אַן אלף און אַ בית, איז ווען די וועלט זאָל זיך אַפילו איבערקער־רן, וועט דאָס אייביק בלייבן אַן אלף און אַ בית...

— צוליב דעם, פאַרשטייט איר — האָט יענער מלמד צוגעגעבן — נעמט עס ביי מיר אַזוי לאַנג, ביז איך הייב אָן לערנען עברי מיט תלמי־דים, ווייל איך וויל זיך ביי זיי איינקריצן אין זכרון, אַז טאָמער וועלן פון זיי אַרויסוואַקסן גאונים, זאָלן זיי געדענקען, אַז דעם גרעסטן אמת פון אונדזער הייליקער תורה, די נעמען פון אונדזערע הייליקע אותיות, האָבן זיי ביי מיר געלערנט.

פלוצים איז אַמאָל ביי אונדז אין קראָקע אַרויסגעקומען אַ גזרה פון דער שטאָטישער רעגירונג, אַז יעדער מלמד מוז האָבן אַ באַשטעט־טיקונג פונעם רב, אַז ער איז פעאיק צו זיין אַ מלמד. אַזוי ווי דאָס איז דענסטמאָל געווען אַ נייס, זענען זיך ביים קראָקאָווער רב ר׳ שמעון סופר אָנגעלאָפן א פולע שטוב יינגערע און עלטערע יידן און יעדער האָט געוואָלט אַן אַטעסטאַט פאַר מלמדות. אַ סך פון די דאָזיקע יידן זענען קיין מאָל נישט געווען קיין מלמדים, אָבער אַזוי ווי מען האָט געהאַלטן אין געבן באַשטעטיקונגען, האָבן יענע יידן געדענקט: „זאָל זיך אַזאַ אַטעסטאַטל אַרומוואַלגערן אין שטוב, עס קען אַמאָל צוניץ קומען!“

גאַנצע צענדליקער קאַנדידאַטן אויף מלמדים האָט דעמאָלט דער רב געפּסלט פון מלמדות און האָט זיי נישט געוואָלט אַרויסגעבן קיין באַ־שטעטיקונג. אייניקע האָבן געוואָלט גילטן ווי ספּעציאַליסטן אין נ״ך

און זענען נעבעך דורכגעפאלן ביי פשוטע טייטשווערטער. אַנדערע זענען דורכגעפאלן, ווייל זיי האָבן געוואָלט גילטן פאַר בקיאים אין דקדוק. מיט גמרא־מלמדים האָט דער רב נישט אזוי שטארק מקפיד געווען. ער פלעגט זאָגן, אַז דער גמרא־מלמד האָט בלויז די אויפגאבע, אריינצופירן דעם תלמיד אינעם לערנען — און ווען דער תלמיד איז אַ בעל שכל, וועט ער שוין פאַרן איבריקן אליין זאָרגן.

איינער אַ מלמד, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער איז אַ ידען אין דקדוק, האָט דער רב געפרעגט אַזאַ מין שאלה: אין מגילת אסתר, וווּ עס ווערט דערציילט, אז מען האָט צונויפגעקליבן מיידלעך פאַר אחשורושן, זאָגט דער פסוק „ובזה הנערה באה אל המלך", הייסט דאָס, אַז יעדעס מיידל איז געגאנגען צום קעניג צוזאַמען מיט אַ זכר — און ביי אהרן הכהן זאָגט דער פסוק „בזאת יבא אהרן אל הקודש", הייסט דאָס, אַז ווען אהרן הכהן איז אַריינגעגאנגען אין משכן, האָט ער מיט־גענומען אַ „זאת". פרעג איך אייך: „היתכן? ווי קען דאָס געמאָלט זיין?"

שפּעטער איז געקומען אַן עלטערער ייד, בעטן אַ באַשטעטיקונג ווי אַ מלמד און ער האָט דערביי אַוועקגעלייגט די ווייטערדיקע טענה:

— אייגנטלעך וואָלט אזא ייד ווי איך נישט געדאַרפט האָבן קיין צייגניש, ווייל אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין ברוך־השם 37 יאָר אַ מלמד און עטלעכע תלמידים מיינע זענען היינט רבנים, דיינים, שוחטים און מלמדים. אָבער אַזוי ווי עס איז גזרת המלכות, אַז יעדער מלמד מוז האָבן אַ צייגניש, דאַרף אַזאַ ייד ווי איך אויך בעטן אַן אַטעס־טאט גלייך מיט אַלע אַנדערע נחותי דרגא.

האָט דער דאָזיקער זאָג דעם רב שטאַרק פאַדדראָסן. האָט ער דעם מענטש געהייסן קומען צומאָרגנס. און ווען דער מענטש איז דעמאָלט געקומען דאָס צווייטע מאָל, האָט אים דעם רבס זון איבערגעגעבן די ווייטערדיקע תשובה אין נאָמען פון זיין פאָטער:

— דער טאטע זאָל לעבן וויל אייך נישט געבן קיין צייגניש, ווייל ער דענקט, אַז איר זענט נישט קיין גוטער מלמד. אַ גוטער מלמד, וואָס האָט געלערנט 37 יאָר מיט יידישע קינדער דאַרף זיין אַ יאַדישליוווער מיט אַ האַרץ־פּעלער פון שווערער אַרבעט און איר זעט קיין עין־הרע אויס געזונט און שטאַרק ווי אַ בעל־עגלה, נישט ווי אַ מלמד!"

דערמאָנט זיך מיר דאָס אַלץ, ווייל גלייך ווי אַלע אַנדערע קינדער פון מיין שטייגער האָט מיך מיין פאָטער צו דריי יאָר איינגעוויקלט אין

אַ טלית און אַוועקגעטראָגן אויף זיינע הענט צו אַ מלמד, וואָס האָט אָנגעהויבן לערנען מיט מיר דעם אלף־בית, כאָטש איך האָב שוין געקענט לייענען די עברי פונעם סדור, וואָס מיין טאַטנס אַ שוועסטער האָט מיך אויסגעלערנט.

און אַזוי ווי איך בין דריי טעג אין חודש תרל״ה (1875) אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָב איך דעמאָלט אָנגעהויבן לערנען גמרא. דער טאַטע מיינער האָט אַפילו געהאַט אַן אַנדערן פּלאַן פאַר מיין דערציאונג. האָבן אים אָבער די אומשטענדן געצוווּנגען צו אַ גענצלעכער ענדערונג פון זיינע פּלענער.

קודם האָט ער זיך־געוואָלט האַלטן אָן דעם כלל „בן עשר שנים למשנה״ און האָט בשום אופן נישט געוואָלט צוגעבן, איך זאָל אָנהייבן גמרא לערנען פאַר צען יאָר. די משנה אין אבות זאָגט דאָרט אַפילו ווייטער: „בן חמש עשרה לגמרא״. האָט דאָס אָבער מיין טאַטע דערקלערט, אַז דאָס דאַרף מען שוין נישט נעמען ווערטלעך, ווייל עס מיינט, אַז ווען אַ יינגל הויבט אָן צו צען יאָר לערנען משניות, איז ער דאָן צו פופצן יאָר שוין ווייט אין גמרא. איך האָב זיך אָבער געריסן צו דער גמרא מיט אַלע כחות. אַזוי ווי דער טאַטע מיינער האָט געהאַט דעמאָלט משניותן מיט נקודות אין אַ דייטשער איבערזעצונג, האָב איך כסדר אין זיי געבלעטערט און איך האָב זיך דעמאָלט געגומען פאַרגלייכן דעם טעקסט פון דער משנה, וועלכן איך האָב געהאַט אַ מנוקדן פאַר מיינע אויגן מיט דעם זעלביקן טעקסט אין דער גמרא, אויף וועלכן איך האָב זיך געלערנט לייענען אָן נקודות. האָב איך אַמאָל געפרעגט מיין טאַטן, פאַר־וואָס עס שטייט אינעם משניות ברכות „מאימתי קורין את שמע בערבית״ און אין דער גמרא שטייט „בערבין?״ האָט מיר דער טאַטע געהייסן לייענען די גאַנצע משנה, און אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז איך פאַרשטיי גוט וואָס איך לייען, האָט ער מיר צוגעזאָגט אָנצוהויבן מיט מיר צו מיין זיבעטן געבוירנטאָג גמרא.

דער ערשטער שיעור מיינער אין גמרא איז געווען דער פרק „השואל את הפרה״ אין בבא מציעא, וועלכן איך האָב באַלד געלערנט מיט רש״י און תוספות. דער טאַטע אליין איז געווען אַ מלמד, ווייל ער האָט מיך דעמאָלט נישט געוואָלט לאָזן גיין אין אַ חדר, איך זאָל נישט קאַליע ווערן צווישן חברים.

יענעם ווינטער האָט געוווינט אין אונדזער שכנות אַ יונגער מאַן,

אַן „איידים אויף קעסט״, אַ ווילדער למדן, וואָס האָט געבעטן מײן טאַטן, ער זאָל מיך אַרײנשיקן צו אים לערנען גמרא יעדן טאָג אַ צוויי־דריי שעה. האָט דער דאָזיקער יונגער מאַן אָנגעהויבן מיט מיר לערנען דעם פּרק „שור שנגח את הפּרה״ אין בבא קמא, אָבער ווי אַ גרויסער למדן יענער יונגען מאַן איז געווען, איז ער געווען נאָך אַ גרעסערער כעסן. פלעגט ער מיך בשעתן לערנען שלאָגן מכות רצח. פאַר נישט־פאַרשטײן אַ וואָרט האָט ער מיר האַלבע פּאות אויסגעריסן, און ווען איך האָב ניט אַליין געטראָפן אַ קשיא פון תוספות, פלעגט ער מיך סטראַשען, אַז ער וועט אָנזאָגן דעם טאַטן מײנעם, ער זאָל מיך נישט לאָזן ווייטער לער־נען, ווייל עס פּאַסט פאַר מיר בעסער, צו ווערן אַ בעל־מלאכה.

האָט דער דאָזיקער צושטאַנד געדויערט אַזוי לאַנג, ביז איך בין קראַנק געוואָרן פון אויפרעגונג — און אַזוי ווי איך האָב אין דער היץ כסדר פאַנטאַזירט פון אָקסן, וואָס שטויסן און דער אייגנטימער זייערער מוז נעבעך באַצאָלן דעם שאָדן, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז דער מוח מײנער איז צו־פיל אָנגעשטרענגט און מינדעסטנס אַ יאָר צייט טאָר מען מיך נישט לאָזן לערנען קיין שום זאַך אין דער וועלט.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דעם דאָקטאָר נישט געפאָלגט — און אַזוי ווי איך בין נאָר געזונט געוואָרן, האָב איך ווייטער אָנגעהויבן לערנען ביי יענעם יונגן למדן. צו מײן גליק איז ער דעמאָלט באַלד אויפ־גענומען געוואָרן פאַר אַ דיין אין אַן אַנדערער שטאָט. האָט מיך דער טאַטע מײנער אָוועקגעגעבן צו אַ מלמד מיטן נאָמען יהושע קאַנער. האָט דער דאָזיקער מלמד געלערנט דעם פּרק „השואל את הפּרה״, וועלכן איך האָב שוין געהאַט איין מאָל געלערנט ביי מײן טאַטן. האָט מיך דאָס דאָ־זיקע לערנען זייער געלאַנגווייליקט און איך האָב נישט געוואָלט אַפילו אַ מינוט אַרײנקוקן אין דער גמרא, ביז עס האָט מיך דער מלמד פאַר־קלאָגט צום טאַטן און דער טאַטע האָט מיר אויסגעזוכט אַן אַנדערן מלמד, אַ בחור מיטן נאָמען אַברהם מרדכי אַמסטערדאַם, וועלכער האָט געזאָלט מיט מיר לערנען גמרא און ער האָט מיך אָנשטאָט דעם אויסגע־לערנט לייענען און שרייבן דייטש.

קאַפּיטל 10

דער קעלעמער מגיד אין קראָקע

ערב שבת פּרשה עקב תרל״ו (1876) איז אָנגעקומען דער קעלעמער מגיד אין גראָקע — און כאָטש מען פלעגט געוויינטלעך נישט לאָזן קיין פרעמדן בעל־דרשן דרשענען אין דער „אלטער שול״, האָט מען דאָס פון דעסטוועגן דעם קעלעמער מגיד יאָ דערלויבט. מען האָט אים נאָר נישט געלאָזט שטיין ביי דער דרשה פאַרן ארון־הקודש, נאָר מען האָט אים גע־הייסן שטיין אויף דער בימה אין מיטן שול ביים „אלמעמער״, ווו מען לייענט די ספר־תורה. האָט ער געזאָגט דאָרט זיין דרשה שבת נאָך מנחה און בשעת דעם ריידן האָט ער זיך געדרייט ווי אַ ווינטמיל אויף אַלע זייטן, כדי אויסצוקומען מיטן פּנים יעדעס מאָל צו אַן אַנדערן טייל פונעם עולם.

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז פאַר מיר היינט שווער צו וויסן, צי דאָס איז געווען דער זעלביקער קעלעמער מגיד, וואָס ווערט דערמאָנט אין יהודה ליב גאָרדאָנס „עולם כמנהגו״, ווייל איך האָב וועגן דעם קיין מאָל נישט נאָכגעקלערט. ס׳איז אפשר גאָר מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ מגיד פון אַן אַנדערער שטאָט, וואָס האָט געוואָלט קראָקעווער יידן „אָפּנארן״ און זיך אויסגעגעבן פאַרן קעלעמער מגיד. אין מיינע אויגן איז ער געווען דער אמתער קעלעמער מגיד און אין דער מודעה וועגן זיין דרשה, וואָס האָט געקלעפּט אין שול אויף דער וואַנט, איז געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס — לויט ווי איך געדענק — „הרב הדרשן הגדול והמפורסם מו״ה משה יצחק מקעלמא יע״א״.

דאָס דערלויבן אַ פרעמדן מגיד, צו דרשענען אין דער „אלטער שול״ אין קראָקע, טאָר נישט אויסזען אין עמיצנס אויגן ווי אַ קליינִי־קייט, ווייל די דאָזיקע אַלטע שול איז איינע פון די עלטסטע שולן אין גאַנץ פוילן און עס גייען אַרום וועגן איר אומצאָליקע לעגענדעס.

געבויעט איז זי געווען אָט די אַלטע שול אַ גאַנצן שטאָק טיף אין דער ערד און די פענצטער אירע, וואָס זענען אינעווייניק אַזוי הויך, נישט צו דערגרייכן מיט דער האַנט, פלעגן אויסזען פון דרויסן ווי ניד־ריקע קעלער־פענצטער, דורך וועלכע מען האָט נישט מער געקענט זען פון די פאַרבייגייער ווי די טריט פון זייערע פיס. אין וואָס פאַר אַ יאָר

די דאָזיקע שול איז געבױעט געװאָרן, קען קײנער נישט זאָגן אױף זי־כער, װײל עס איז נישט פאַרהאַנען קײן דאָקומענט װעגן דעם.

בײם רעפּאַרירן אַ װאַנט פון דער שול האָט מען דאָרט געפונען אײנגעמױערט אַן אײזערנע צדקה־פּושקע, אױף װעלכער עס איז געװען אױסגעקריצט אַ פּרט פון אַ יאָר מיט די װערטער „בחסד יכון כסא״. האָבן אײניקע געשיכטס־פאָרשער באַהױפּטעט, אַז נאָר דאָס װאָרט „כסא״ רעכנט זיך פאַר אַ פּרט און עס הײסט שנת פ״א לאלף הששי (1321 לױט קריסטלעכער צײטרעכענונג). אַנדערע האָבן װײטער גע־זאָגט, אַז מען דאַרף רעכענען „יכון כסא״, דאָס הײסט קס״ז (1407 לױט קריסטלעכער צײטרעכענונג). מיר דאַכט זיך אָבער, אַז מען דאַרף רעכענען אַלע דרײ װערטער (בחסד יכון כסא) פאַרן פּרט, נאָר געמײנט מיט דעם איז דאָס יאָר, װאָס די פּושקע איז אײנגעמױערט געװאָרן אין דער װאַנט (שנת רמ״א, 1481), אָבער נישט דאָס יאָר, װאָס די שול איז געבױעט.

דרײ־פיר יאָר פאַר דער ערשטער װעלט־מלחמה האָט די קראָקע־װער קהלה געעפנט אירע היסטאָרישע אַרכיװן פאַר דעם היסטאָריקער מאיר באַלאַבאַן, האָט ער דאָרט אױסגעפונען, אַז די קראָקעװער אַלטע שול איז אױפגעבױעט געװאָרן אינעם יאָר 1450. איז דאָס אין מײנע אױגן אױך נישט מער װי אַ השערה, װײל עס איז אבסאָלוט נישט פאַראַן װעגן דעם קײן אָפיציעלער דאָקומענט.

צװישן עולם איז געװײנטלעך פאַרשפּרײט די מײנונג, אַז די גע־בײדע פון דער „אַלטער שול״ איז אַמאָל געװען אַ קעניגלעכע ביבליאָ־טעק און קעניג קאַזימיר דער גרױסער האָט זי געשענקט צו יידן, אױף צו מאַכן פון איר אַ שול. איז דאָס אָבער היסטאָריש אוממעגלעך, װײל דער גאַנצער יידישער קװאַרטאַל פון קראָקע איז אין קעניג קאַזימירס צײטן געװען אַ „קעמפּע״ (אינדזל) אין מיטן פון דער װײסל. מעגלעך איז אָבער, אַז דער קעניג האָט געהײסן בױען די שול אין דער פאָרעם פון אַ פעסטונג, יידן זאָלן זיך קענען דאָרט באַהאַלטן אין צײט פון נױט, װען גױים װעלן פּרוּװן אָנפאַלן אױף זײ.

אין דער צײט פון דער ערשטער װעלט־מלחמה האָט די עסטרײַכי־שע אַרמײ פאַרװאַנדלט די „אַלטע שול״ אין אַ שטאַל פאַר די מיליטע־רישע פערד. און װען אַזאַ זאַך האָט געקענט פאָרקומען אונטער פראַנץ־

יאָזעפּס ממשלה, קען מען זיך שוין משער זיין, וואָס פאַר אַ פּנים די דאָזיקע שול האָט געהאַט, ווען היטלער האָט געהערשט אין קראָקע.

פונעם ערשטן טאָג אָנגעהויבן, וואָס מיינע עלטערן זענען געקומען קיין קראָקע, האָט מיין טאַטע געדאַוונט אין דער אַלטער שול — און ווען עס האָבן די גבאים פון דער שול דערלויבט דעם קעלעמער מגיד, צו דרשענען אין דער אַלטער שול, האָט מיין טאַטע שטאַרק מתרעם געווען קעגן זיי, ווייל ער איז בטבע געווען אַ קעגנער פון מגידים און דרשנים. פון דעסטוועגן איז ער אין יענעם שבת נאָכן „שלש סעודות" געגאַנגען הערן דעם מגיד און ער האָט אויך מיך מיטגענומען.

די שול איז דאַן געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן און קוים וואָס מיר האָבן זיך צוגעשטופּט נעענטער צו דער בימה, מיר זאָלן קענען הערן אַ וואָרט פונעם מגידס דרשה. עס האָט אויך גענומען אַ ביסל צייט, ביז איך האָב פאַרשטאַנען דעם מגידס ליטווישן יידיש און איך האָב מיך צוגעוווינט צו זיין מוזיקאַלישן זינג־זאַנג, וואָס איז אָפּט אונטערבראָכן געוואָרן פון אַ הויכן אויסגעשריי ווי אַ דונער, ווען דער מגיד איז אַריינגעפאַלן אין עקסטאַז.

אויף דער גאַס האָבן שוין געברענט די לאָמפּן און די פאַרבייגייענדיקע פון דרויסן האָבן געוואָרפן זייערע שאָטנס אויפן באַלקן און אויף די ווענט פון דער שול, וועלכע זענען געווען איינגעטונקען אין טונקלקייט. דער מגיד האָט דעמאָלט גראָד געשילדערט די מוראדיקע יסורים פון די רשעים אין גיהנם און איך האָב זיך געטוליעט צו מיין טאַטן, כדי נישט צו טראַכטן וועגן די דאָזיקע שרעקלעכקייטן. אַ געפיל פון רחמנות האָט מיך אַרומגענומען צו די אָרעמע רשעים, וואָס וואָלטן אפשר תשובה געטאָן, ווען זיי וואָלטן אַמאָל געהאַט די געלעגנהייט, צו הערן די איבערצייגנדיקע ווערטער פונעם קעלעמער מגיד.

פאַראַן אַ קליינע מיצווה ביי יידן — האָט דער מגיד פּלוצים אַ געשריי געטאָן — הייסט זי „מיצוות ציצית" און כאָטש זי איז שקולה כנגד כל המיצוות שבתורה, ווייל ווער עס איז מקיים מיצוות ציצית ווי עס דאַרף צו זיין, ווערט דאָס אים גערעכנט גלייך ווי ער וואָלט מקיים געווען אַלע תרי"ג מיצוות פון דער תורה, זענען יידן פון דעסטוועגן מזלזל אין דער דאָזיקער מצוה, אַז ער כאַפּט אַזש אָן אַ שרעק, ווען איך קלער וועגן דעם. און לאָמיר אייך דערציילן מיינעם אַ חלום פון היינטיקן נאַכט, וועט איר קענען פון אים אַרויסנעמען אַ מוסר, ווי ווייט מען

טאָר נישט מזלזל זיין אין מיצוות ציצית, ווייל דער גאַנצער קיום היהדות הענגט אָפּ פון דער דאָזיקער מיצווה.

— „חלם חזיתי וידחלינני והרהורין על משכבי יבהלונני", אַ חלום האָב איך געזען, האָט ער מיך געמאַכט ציטערן און די געדאַנקען אויף מיין געלעגער האָבן מיך געמאַכט שרעקן. חלומט זיך מיר פּלוצים, אַז איך בין אין הימל און איך שטיי פאַרן „בית־דין של מעלה" און איך זע ווי מען ברענגט צו שלעפּן די עבירות פון מיינע יידעלעך און מען לייגט זיי אַרויף אויף אַ וואָגשאָל. ברענגט מען די דאָזיקע עבירות אין זעק און עס שלעפּן זיי טויזנטער מלאכי חבלה. פאַלט אָן אויף מיר אַ שרעק, ווען איך זע, וויפל עבירות יידן האָבן. הייבט מען דערנאָך אָן ברענגען מיצוות אין קליינע זעקעלעך, שטייט דער מלאך מיכאל, דער מליץ־יושר פונעם יידישן פאָלק מיט אַ פאַרזאָרגטער צורה און זאָגט צו מיר: „רבי, די עברות פון מיין פאָלק וועלן אַ סך אַריבערוועגן די מיצוות!"

„הייבן אָן די מקטרגים צו טאַנצן פאַר שמחה, וואָס יידן האָבן מער עבירות ווי מיצוות. פאַרקלעמט עס מיך ביים האַרצן און איך טראַכט ביי זיך, אַז מען מוז דאָ אָפּטאָן די מקטרגים עפּעס אַ שפּיצל. לייג איך אַרויף אַ פוס אויף דער זייט פון די מיצוות אויפן וואָגשאָל און קוועטש אַרונטער די וואָג מיטן גאַנצן כוח און עס העלפט נישט. די עבירות זענען אַלץ מערער פון די מיצוות. זאָגט צו מיר דער מלאך מיכאל: „רבי! נעמט אַ ציצה און בינדט זי אָן אויף דער זייט פון די מיצוות, וועלן זיי אַריבערוועגן די עבירות!" — איז דאָס אָבער ביינאַכט און ביינאַכט איז מען דאָך פּטור פון ציצית, האָב איך נישט ביי מיר דעם טלית קטן, לויף איך איבער אַלע גאסן אין קראָקע, זע איך ווי דער עולם זיצט נאָך אין די שענקעס, דערצייל איך יעדן די מעשה און זאָג זיי אָן, אַז איך זוך אַ ציצה, צוצובינדן זי צו דער וואָגשאָל אין הימל, כדי צו מאכן אַרונטער־וועגן די מיצוות פון יידן. און וואָס זאָל איך אייך דערציילן? האָב איך צווישן די אַלע יידן אין קראָקע נישט געטראָפן איינעם, וואָס זאָל טראָגן ציצית"!

— קום, לאָמיר גיין! — האָב איך אַ זאָג געטאָן צו מיין טאַטן — ער איז מוציא שם רע אויף יידן! — ווייל אין דער אמתן האָב איך נאָך ביז דעמאָלט נישט געהאַט געזען אַ יידן, וואָס זאָל גיין אָן ציצית. אויסער דעם האָב איך געדענקט, אַז ער אליין ווי אַ פרומער ייד האָט נישט געדאַרפט אויסטאָן דעם טלית־קטן אַפילו ביינאַכט.

— מאַך זיך נישט נאַריש! — ענטפערט מיר אויף דעם מיין פאָ־טער — ס'איז נאָר אַ משל און פאַר אַ משל איז דאָס זייער שיין!

האָב איך זיך ווייטער איינגעהערט צו דער דרשה און איך הער ווי דער מגיד זאָגט:

— „קומט שבת שפעט, ווען יידן דאַרפן מאכן הבדלה, טוט דער מלאך דומה אַ געשריי צו די נשמות פון די רשעים: „אוכלי טרפות, מחללי שבתותי, נואפים!" ס'איז שוין נאָך שבת, טאָ גייט־זשע צוריק אין גיהנם אַריין! ענטפערן די רשעים: „מען האָט נאָך אין ווארשע נישט געדאווענט קיין מעריב!" בלייבט דער מלאך דומה וואַרטן עטלעכע מינוט און טוט דערנאָך ווייטער אַ געשריי: „אוכלי טרפות, מ ח ל ל י שבתות, נואפים! צוריק אין גיהנם אַריין!" ענטפערן אים די רשעים: „מען האָט נאָך אין ווילנע נישט געדאַווענט קיין מעריב!" — בלייבט דער מלאך דומה וואַרטן אַ מינוטקע און טוט דערנאָך ווייטער אַ געשריי: „אוכלי טרפות, מחללי שבתות, נואפים! ס'איז שוין נאָך שבת. אין וואַרשע און אין ווילנע האָט מען שוין געדאווענט מעריב. טאָ גייט־זשע צוריק אין גיהנם אַריין!" ענטפערן אויף דעם די רשעים: „מען האָט נאָך אין קראָקע נישט געדאווענט קיין מעריב!" ווערט דער מלאך דומה אין כעס און טוט אַ געשריי: „אוכלי טרפות, מחללי שבתות, נואפים! אויף קראָקע וואַרט איר? אומזיסט אייער וואַרטן, ווייל אין קראָקע דאווענט מען קיין מאָל נישט מעריב! טאָ גייט־זשע טאַקע צוריק אין גיהנם אריין"!...

מער האָט שוין דער מגיד נישט גערעדט; די גבאים פון דער שול האָבן זיך געפילט באַליידיקט פון אַזאַ חשד, אַז זיי גייען אָן ציצית און דאווענען נישט קיין מעריב, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט זייער וואָכעדיקן בעל־תפילה צום עמוד, דער שמש האָט געגעבן עטלעכע קלאַפּ אין שלחן און עס האָט זיך באַלד דערהערט דער וואָכעדיקער „והוא רחום" — און דער מגיד איז געבליבן שטיין אין דער מיט פון זיין דרשה.

קאפיטל 11
דער זאלישטשיקער רבי

אין קראָקע האָט אין יענער צייט געלעבט און געווירקט אַ חסידי־שער רבי, וועמען דער עולם האָט גערופן „דער זאַלישטשיקער“, ווייל ער איז געקומען פון דער מזרח־גאַליצישער שטאָט זאלישטשיק און ער האָט זיך באַזעצט אין קראָקע. דער נאָמען זיינער איז געווען ר׳ מנחם אריה צוויזמער און די גזע זיינע איז געווען פון אַ רבנישער משפחה, וואָס איז אַמאָל געווען באַקאַנט אין מזרח־גאַליציע און אין וואָלין.

האָט אונדזער ר׳ מנחם־אַריה צוויזמער פלוצים געהאַט אויף זיך אַ פּראָצעס וועגן אַ חרם, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן קעגן איינעם פון די שטאָטישע תקיפים, אַ פּראָצענטניק און אַ שרעקלעכער הויט־שינדער, האָט דער רב געמוזט אַנטלויפן פון זאַלישטשיק, ווו עס האָט אים גע־דראָט אַ שטראָף פון עטלעכע יאָר תפיסה און ער איז אָנגעקומען אין קראָקע, וואָס כאָטש זי האָט שוין דענסטמאָל באַלאַנגט צו עסטרייך, האָט מען דעמאָלט דאָרט זיך נאָך געקענט באַהאַלטן פאַר אַ פּראָצעס וועגן אַ חרם.

איידער דער זאליטשיקער איז געקומען קיין קראָקע, האָט ער אַרומ־געבלאָנקעט איבער פאַרשידענע גאַליצישע שטעט און ער איז אויך גע־ווען פרעגן אַן עצה ביים סאנדזער צדיק ר׳ חיים האַלבערשטאַם. האָט אים דער סאנדזער געהייסן פאָרן קיין קראָקע צו ווערן דאָרט אַ מלמד. האָט אונדזער ר׳ מנחם אַריה געפאָלגט די ערשטע העלפט פון ר׳ חיים סאנדזערס עצה: ער איז געפאָרן קיין קראָקע, נאָר אַנשטאָט צו ווערן אַ מלמד, איז ער געוואָרן אַ רבי. דערפאַר האָבן אים סאנדזער חסידים נישט אָנערקענט און אין דער גרויסער מחלוקה צווישן סאנדז און סאַדאָגערע איז דער זאלישטשיקער געווען אויף דער סאדאגערער זייט.

דער זאליטשיקער רבי האָט נישט געהאַט קיין הצלחה ווי אַ רבי: ער איז נאָר געווען אַזוי צו זאָגן אַ „ווייבערישער גוטער ייד“. ער האָט נישט געפּראַוועט קיין טישן און ער האָט אויך נישט געהאַט אַרום זיך קיין „יושבים“. העכסטנס וואָס מען איז זיך ביי אים צוזאַמענגעקומען צו אַ ראש־חודש־קערמעשל אָדער צו אַן אַנדערן יומא דפגרא. כמעט אַלע זיינע חסידים זענען געווען קליינע קרעמערלעך, אָרעמע יידן, בעלי־

מלאכות — און מיט „קוויטלעך“ פלעגן נאָר קומען וויבער, וואָס פלעגן אים ברענגען אַ „פדיון“ פון ח״י צ״ל (לערך 7 אַמעריקאַנער סענט) ביז העכסטנס אַ רייניש (40 אַמעריקאַנער סענט). פון אָט אַזעלכע פדיונות האָט ער געדאַרפט אויסהאַלטן אַ שטוב מיט זיבן קינדער (דריי זין און פיר טעכטער).

ווי איך האָב שוין אַמאָל באַמערקט, איז מיין פאָטער ע״ה געווען אַ שאַרפער מתנגד און ער וואָלט נישט קיין מאָל אין זיין לעבן אַריבער־געטראָטן די שוועל פון אַ חסידישן רבין, וואָס נעמט קוויטלעך. איז ער אָבער גלייכצייטיק געווען אַ מענטש, וואָס האָט נישט געקענט ליידן קיין עוולות, איז ער אַמאָל זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן אין דער אַלטער שול, וו ער פלעגט דאַוונען, ווען עס האָט דאָרט דער אייגנטימער פון אַ „פרייליכער הייזל“ געמאַכט אַן „אויפרופן“ פאַר זיינער אַ טאָכטער און דער דאָזיקער פאַרשוין האָט אויך אין דער קראָקעווער אַלטער שול באַ־קומען אַן עליה. דער דאָזיקער מענטש איז געווען זייער אַ רייכער און ער האָט אויך דעמאָלט פיל געשנדרט ביים ספר־תורה. מיין טאַטנס אַלע טענות וועגן „אתנן זונה ומחיר כלב“ האָבן נישט געהאַט קיין ווירקונג און מיין טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען פון דער שול אַ ברוגזער. האָבן מיר פון דעמאָלט אָן געדאַוונט אין וואָכנטעג אין דער „נייער שול“ (רמ״א־שול) און שבת פלעגן מיר דאַוונען ביים זאַלישטשיקער.

געקומען צום זאַלישטשיקער זענען מיר צוליב דעם זיידן מיינעם (דעם פאָטער פון מיין פאָטער), וואָס איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענ־גער פונעם זאַלישטשיקער און ער פלעגט אים צופירן חסידים פון צווי־שן זיינע קרובים און באַקאַנטע. מיין טאַטע האָט אָבער מורא געהאַט, אַז ווען איך וועל כסדר מיט אים גיין דאַוונען צום זאַלישטשיקער, וועט זיך נאָך צו מיר צוקלעפּן אַ שטיק חסידות, פלעגט ער תמיד ביים אַהיימ־גיין פונעם דאַוונען אויסריידן אויף חסידים און מיר דערציילן אויס־טערלישע מעשיות וועגן חסידישע רביים.

דעם זאַלישטשיקער רבינס הויז האָט דעמאָלט געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף מיינע געפילן, און ווען דער טאַטע מיינער האָט אַפילו שפּעטער אויפגעהערט צו גיין אַהין דאַוונען, פלעג איך אַליין אַהינגיין — נישט חלילה צוליב מיין נייגונג צו חסידות, נאָר ווייל דאָס הויז איז מיר געווען ליב. דעם זאַלישטשיקער רבנס יינגסטער זון מאיר איז גע־

ווען מיין חבר פאַר עטלעכע יאָר און מיטן רבינס טאָכטער יוכבד האָב איך צוזאַמען דורכגעלייענט עטלעכע הונדערט דייטשע ביכער.

אין דער צייט וואָס דער זאַלישטשיקער רבי איז אָנגעקומען אין קראָקע, האָט זיך דאָרט גראָד געקאָכט וועגן דעם, וואָס מען האָט גע־דאַרפט אויפנעמען אַ רב פאַר דער שטאָט. האָט אונדזער ר׳ מנחם אַריה זיך באַמיט אָנצונעמען דאָס דאָזיקע רבנות. ווי אַ גאון איז ער געוויס געווען ראוי פאַרן דאָזיקן אמט. אין קראָקע האָט מען אָבער דעמאָלט געזוכט אַ רב, וואָס זאָל קענען פאַרטרעטן די קהילה ביי דער רעגירונג. פאַר פסקנען שאלות און אַכטונג געבן אויף דער שחיטה, האָט מען גע־האַט דיינים, וואָס האָבן געטאָן זייער זאַך אויפן בעסטן אופן.

האָבן די ראשי־הקהל גערופן דעם זאַלישטשיקער רבין כלומרשט אויסצופרעגן וועגן זיינע פעאיקייטן. איז ווען מען האָט אים געפרעגט, צי ער קען די שפּראַכן פונעם לאַנד, האָט ער געענטפערט: „יש לי אשה אשר בפני מלכים תתיצב״. האָבן די ראשי־קהל אים דערויף געענטפערט, אַז קראָקע דאַרף האָבן אַ רב, נישט קיין רביצין.

פרייטיק צו נאַכטס נאָך מעריב פלעגט דער רבי אַרויסקומען פון זיין חדר מיוחד צום גרויסן עולם, הערן אַ ביסל נייס און אַ שמועס טאָן וועגן פּאָליטיק. דער רוסיש־טערקישער קריג האָט דעמאָלט זיך נאָר גע־האַט וואָס אָנגעהויבן און יידן זענען געווען שטאַרק צורודערט, ווייל מען האָט געשמועסט, אַז עס האַלט טאַקע ביי משיחס צייטן.

אַמאָל ביי אַזאַ געלעגנהייט איז מען געקומען צו ריידן וועגן קינ־דער מיט גוטע קעפּ. האָט מיך דעמאָלט מיין פאָטער גערימט, אַז איך האָב זייער אַ גוטן זכרון און איך וועל קענען זאָגן פון אויסנווייניק אַ בלאַט גמרא מיט רש״י און תוספות. האָט אויף דעם דער רבי געזאָגט, אז ער וואָלט געווען זייער נייגעריק דאָס צו הערן. האָב איך זיך צו דעם דאָזיקן עקזאַמען צוגעגרייט אַ וואָך צייט.

— און שבת בשלח תרל״ז האָב איך אין דער אָנוועזנהייט פון מיין זיידן און פון פילע אנדערע מיינע קרובים געזאָגט פון אויסנווייניק די ערשטע אַנדערטהאַלבן דפים פון מסכת ראש־השנה מיט רש״י און תוספות.

אַלט געווען בין איך דענסטמאָל אַכט און אַ האַלב יאָר. האָט די רביצין, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו מיין עקזאַמען, אַוועקגערופן מיין טאַטן אָן אַ זייט און האָט אים געמאַכט די ביטערסטע פאַרוורפן, צו

וואָס ער שטאָפּט מיר אָן דעם קאָפּ מיט גמרא און לאָזט מיך נישט ליי־בערשט לערנען שפּראכן, איך זאָל קענען אַמאָל קומען צו אַ תכלית.

די זאלישטשיקער רביצין איז געווען זייער אַ געבילדעטע דאמע, וואָס האָט געקענט גוט דייטש, פראנצויזיש און העברעאיש. ביים רבין איז זי געווען די צווייטע פרוי און זי האָט נישט זייער שטארק געוואָלט מאכן פון אירע קינדער רבנים. האָט זי מיך פון דעמאָלט אָן געלערנט דייטש צוזאמען מיט איר טאָכטער יוכבד, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט צוויי יאָר. אַזוי ווי יוכבד האָט געלערנט אין אַ פּריוואטער דייטשער שול. פלעגט די רביצין ווידערהאָלן מיט איר יעדן אָוונט, וואָס זי האָט בייטאָג געלערנט. בין איך בייגעווען די דאָזיקע איבער־חזרונגען ביז מיר האָבן שוין שפּעטער אַליין געלערנט אָן דער רביצינס הילף.

העכער דריי יאָר צייט מיט קורצע איבעררייסן האָב איך געלערנט און געלייענט עטלעכע שעה יעדן אָוונט צוזאמען מיט דעם זאַלישטשי־קער רבינס טאָכטער. פון אַ חבר ביים לערנען, וואָס האָט זיך פון אָנהייב געמוזט שטאַרק אָנשטרענגען צו קענען אָניאָגן דאָס מיידל, בין איך באַלד געוואָרן דעם מיידלס לערער.

איך האָב אויך די גאַנצע צייט שטאַרק פאַרנאכלעסיקט די גמרא, ווייל איך האָב גאַנצע טעג און נעכט נאָר געלערנט דייטש, ביז די רביצין האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ווען איך וועל זיך סטארען צו זיין אַ גע־בילדעטער מענטש, וועט זי מיר געבן איר טאָכטער פאַר אַ כלה, איז דאָס מיר טאַקע זייער געפעלן, נאָר אזוי ווי איך האָב זיך דערביי גע־שעמט, האָב איך ביי מיר באַשלאָסן, נישט מער אַריינצוקומען צו דער רביצין אין הויז און נישט קומען מער נאָענט צו דער מיידל, ווען מענטשן זעען. אויב זי דאַרף שוין יאָ זיין מיין כלה, האָב איך פאַר־שטאנען, דאַרף אונדזער פאַרקער זיין אַ געהיימער ווייל אַזוי איז גע־שטאנען געשריבן אין די דייטשע ביכלעך, וואָס איך האָב דעמאָלט גע־לייענט.

דעם זאַלישטשיקער רבינס טאָכטער איז טאַקע נישט געוואָרן מיין כלה. די וועגן פון אונדזער לעבן זענען זיך פאַנאנדערגעגאנגען אין פאַרשיידענע ריכטונגען. נאָך דעם ווי איך בין אַוועק פון מיין פאָטערס הויז, האָב איך זי מער נישט געזען און איך האָב אויך ווייניק געהערט ווי עס איז איר געגאנגען יוכבדן.

נאָך דער פּטירה פונעם זאַלישטשיקער רבין האָט זײַן עלצטער זון ר׳ זיסער געוואָלט איבערנעמען דעם פאָטערס רבישן „כסא״. אָט דער ר׳ זיסער איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן. ווען מיר האָבן געוווינט אין אָשפּיצין, איז ער דאָרט אַ געוויסע צײַט געווען אין שטאָט און דער־נאָך האָט ער דאָרט געשפּילט די ראָלע פון אַ חסידישן רבין.

עס איז דעמאָלט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן ר׳ זיסער און זײַן פיל ייִנגערן ברודער ר׳ שמעון, וואָס האָט געטענהט, אַז ער איז דער אמתער יורש פון זײַן פאָטערס „ראַבייסטווא״. אָט דער ר׳ שמעון האָט לכתחילה נישט געוואָלט זײַן קיין רבי. פאַר אַ קורצער צײַט האָט זיך אים גאָר געוואָלט ווערן אַ סוחר. ער האָט רײַך חתונה געהאַט און דער שווער האָט אים געגעבן אַ גרויס געשעפט, וואָס ער האָט ווינציק פון דעם פאַרשטאַנען. אַנשטאָט צו זיצן אין געוועלב, איז ער כסדר געזעסן אין בית־המדרש, ביז דאָס גאַנצע געשעפט זײַנס איז רואינירט געוואָרן און, אַזוי ווי ער האָט אויך נישט געקענט ווערן קיין רבי, איז ער געוואָרן אַ מלמד. ער האָט דערנאָך נישט לאַנג געלעבט, ער איז געשטאָרבן יונגערהייט.

אַן עלטערער ברודער זײַנער, חיים נטע רײַכענבערג, איז לכתחילה אַוועקגעגאַנגען אויף לינקע וועגן. דער־אָ חיים נטע, באַלד נאָך דעם ווי ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער פון זיך אַרונטערגעוואָרפן די חסידישע בגדים. אַ לאַנגע צײַט האָט ער געמסחרט און דערנאָך האָט ער געגרינ־דעט אַ צײַטונג, האַלב דײַטש און האַלב פּויליש, מיטן נאָמען „ספּראַ־וו׳עדליוואָשטש — גערעכטיקייט״, וועלכע האָט אַלע יאָרן פון איר עק־זיסטענץ געקעמפט קעגן געזעלשאַפטלעכער קאָרופּציע אינעם קראָקע־ווער ייִדישן לעבן.

קאַפּיטל 12

דאָבריש די מכשפה

זיבן יאָר בין איך אַלט געווען, ווען איך האָב פּלוצים אויף דער „הויכער גאַס״ אין קראָקע באַגעגנט אַן אַלטע ייִדענע מיט אַ פּנים פון אַ ציגײַנערין, אָנגעטאָן אין געלאַטעטע ייִדענע קליידער און מיט אַן אָפּ־געבלאַסקעוועטן ייִדענעם שאַל אויפן קאָפּ, וואָס קינדער האָבן איר נאָכ־

געוואָרפן שטיינער מיט דער שטאַרקער כוונה איר צו טרעפן אין פלייצע און דערביי האָבן זיי איר נאָכגעשריגן „דאַבריש מכשפה! מכשפה לא תחיה!"

אַזוי ווי איך האָב דאָס דערזען, האָב איך געוואָלט יענע קינדער, וואָס זענען געווען מיינע חברים, אויסמוסרן, וואָס זיי נעמען זיך עפּעס ווארפן שטיינער אויף אַן אַלטער יידענע. האָבן מיר די דאָזיקע קינדער דערציילט, ווער און וואָס אָט די יידענע איז, אַז זי האָט פאַרקויפט איר נשמה צו די טייוואָלים און פון דענסטמאָל אָן גייט זי אַרום צווישן קימפּעטאָרינס און „באַנעמט" די ניי־געבוירענע קינדער.

— וואָס הייסט: זי „באַנעמט"? — האָב איך נאַאיוו געפרעגט און איך האָב אויף דעם געקראָגן די ווייטערדיקע תשובה:

— אַזוי ווי זי ווערט נאָר געוווירן, אַז עס איז ערגעץ געבוירן געוואָרן אַ קינד, קומט זי כלומרשט ווינטשן מזל־טוב צו דער קימפּעטאָרין, אָבער אַזוי ווי זי טוט נאָר אַ קוק אויף דער קימפּעטאָרין, ווערט באַלד דעם קינד נישט גוט. עס הויבט אָן ברעכן און עס שטאַרבט. לאָזט מען זי דערפאַר נישט אַריין אין ערגעץ און ווען זי באַווייזט זיך אַמאָל אין גאָס, באַוואַרפט מען זי מיט שטיינער, ביז זי אַנטלויפט צוריק צו זיך אין הויז אַריין.

וועגן דעם ווארפן שטיינער האָבן מיר די חברים מיינע ווייטער דערקלערט, אַז מען מוז צילן, איר צו טרעפן אין רוקן, טוט איר גאָר נישט וויי: ער שלאָגט בלויז די שדים, וואָס באַגלייטן זי אומעטום...

הערנדיק אַזעלכע זאכן, בין איך שנעל אַהיימגעלאָפן, איבערפרעגן דעם ענין ביי מיין פאָטער, וואָס פלעגט מיר פאַרענטפערן אַלע קשיות אינעם לעבן. האָט מיר מיין פאָטער דערציילט, אַז די דאָזיקע דאַבריש איז אַמאָל באַטראכט געוואָרן ווי עפּעס אַ „הייליקע". ווייבער האָבן זיך מיט איר געצאצקעט. זי פלעגט פאַרשטיין, צו קוקן אויף אַ פּנים אָדער אויף די שטריכן פון דער האַנט און פון דאָרט אַרונטערלייענען אַלע ביז אַהעריקע איבערלעבונגען פון יענער פערזאָן. דערביי פלעגט זי אויך פאָראויסזאָגן, וואָס עס וועט מיט יענער פערזאָן פאַסירן — און וואָס די דאַבריש פלעגט זאָגן, פלעגט שטענדיק מקוים ווערן...

האָט דאָס אַמאָל עמיצער דערציילט דעם חסידישן רב פון קראָקע, ר' שאול לאַנדען, האָט ער אויף יענעם יידן אָנגעשריען, וואָס ער גלייבט אין אַזעלכע זאכן און ער האָט אים אויך אָנגעזאָגט, אַז אַ ייד טאָר גאָר

אַזאַ זאַך נישט גלייבן, ווי עס זאָגט אַ פּשוטער פּסוק אין חומש: „לא יהיה בך קוסם קסמים, מעונן ומנחש ומכשף", וואָס מיינט, אַז עס טאָר זיך נישט געפינען ביי יידן אַ כשוף־מאַכער, אַ צייכן־באַשטימער און אַ סימנים־זוכער אויף אָנצופירן אַן אַרבעט — און טאָמער טרעפט טאַקע יענע יידענע, איז דאָס אודאי מיטן כח פון „כישוף", ווי עס זענען אַמאָל געווען די „אובות" און מען דאַרף זיי באַהאַנדלען לויטן דין פון אַ מכשפה...

פון דענסטמאָל אָן האָט זיך איבערגעאַנדערשט דאַברישעס מזל. אַנשטאָט וואָס די ווייבער פלעגן צו איר קומען, זי זאָל זיי זאָגן זייער צוקונפט, האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז זי גייט אַרום דורך די נעכט, שעדיקן די ניי־געבוירענע קינדער.

ווי לאַנג די ווייבער האָבן אין איר געגלייבט, פלעגן זיי איר ברענגען פון כל־טוב און זי האָט געהאַט פון וואַנען צו לעבן. אַזוי ווי די ווייבער האָבן פלוצים אויפגעהערט גלייבן אין איר, ווייל דער רבי ר' שאול לאַנדא האָט וועגן איר געזאָגט, אַז זי איז זיכער אַ כישוף־מאַכערין און אַ ייד טאָר נישט גלייבן אין כישוף, זאָגט מען, אַז די „חיצונים" ברענגען איר עסן און טרינקען...

געווען איז דאָס זומער־צייט 1875 — דער קראָקעווער חסידישער רב ר' שאול לאַנדא איז שוין געווען אַריבער צוואַנציק יאָר טויט. האָב איך נישט מער גאָר געפרעגט וועגן דער דאָזיקער יידענע און עס איז ביי מיר געבליבן בלויז דער איינדרוק, אַז זי איז איינע פון יענע, וואָס האָט זיך פאַרקויפט צום טייוול און מען מעג זי טאַקע פאַרוואַרפן מיט שטיינער.

אָבער אַזוי ווי איך בין דענסטמאָל געווען זיכער אין מיין גלויבן אין די כחות פון די שדים, אַזוי בין איך אויך געווען זיכער, אַז מיט פרומקייט קען מען די דאָזיקע כחות באַזיגן. האָב איך טאַקע פון דענסטמאָל אָן פרומער געדאַווענט און נאָך פרומער יעדע נאַכט קריאת־שמע געלייענט.

האָב איך דעמאָלט געקראָגן אין אונדזער שכנות אַ שם פון זייער אַ פרום קינד און אַלע מעשיות, וואָס איך האָב דענסטמאָל געהערט וועגן שדים און רוחות, האָבן מיך גאָר נישט איבערגעשראָקן.

ווי געזאָגט — האָט דענסטמאָל געלעבט און געווירקט אין קראָקע דער זאַלישטשיקער רבי, צו וועמען עס פלעגן ס'רוב קומען ווייבער,

ווען ער פלעגט געבן פאַרשיידענע סגולות און רפואות צו כלערליי קראַנקהייטן און מען פלעגט אויך דערציילן די מופתים, וואָס ער באַוויזט.

עס האָט זיך אויך דערנסטמאָל אין קראָקע געפונען אַ ייד מיטן נאָמען מרדכי שענקער, וועלכער האָט געהאַט אַ בראָנפן־שענק אין דער הויכער גאַס, ווו עס פלעגן כסדר זיצן גויאישע שכורים און אונטערוועלט־מענטשן.

איז אָט דער מרדכי שענקער געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון דעם זאַלישטשיקער רבין און אַזוי ווי דער אייבערשטער האָט אים געבענטשט מיט ניין טעכטער, איז ווען דאָס ווייב איז געווען מעוברת מיטן צענטן קינד, איז מרדכי שענקער געקומען כמעט יעדן טאָג מיט אַ פּדיון צום זאַלישטשיקער רבין בעטן, אַז דאָס ווייב זאָל איצט האָבן אַ בן־זכר...

האָט אים דער רבי געוויזן די משנה אין ברכות, ווו עס ווערט געזאָגט: „היתה אשתו מעוברת ואמר יהי רצון שתלד זכר, הרי זו תפלת שוא״. האָט אים מרדכי שענקער דערמאָנט, וואָס די גמרא זאָגט אויפן פּסוק „ואחר ילדה בת״, אַז די תפילה פון דער מאמע לאה האָט געפּועלטביים אויבערשטן משנה צו זיין ביי איר טאָכטער דינה פון אַ ייִנגל אויף אַ מיידל, קען איצט די תפילה פונעם רבין משנה זיין פון אַ מיידל אויף אַ ייִנגל. האָט אים דער רבי געזאָגט, אַז מיטן כח פון זיין אמונה איז דער רבי זיכער, אַז דאָס מאָל וועט דאָס ווייב זיינס האָבן אַ בן־זכר.

און כך הוה. מרדכי שענקערס ווייב האָט טאַקע געהאַט אַ בן־זכר. האָט מרדכי שענקער צוגעגרייט אַ ברית כיד המלך. דעם זאַלישטשיקער רבין האָט ער מכבד געווען מיט סנדקאות — און מיך האָט דער זאַלישטשיקער רבי געהייסן מכבד זיין מיט קריאַת־שמע לייענען אין דער וואַכנאַכט.

בין איך „בדחילו ורחימו״ געאַנגען צו דער דאָזיקער קריאַת־שמע. איך מוז אויך מודה זיין, אַז עס איז מיר אַליין אָנגעפאַלן אַ פּחד צוליב דער גרויסער „פאַראַנטוואָרטלעכקייט״, וואָס ליגט אויף מיר מיט דער דאָזיקער קריאַת־שמע.

דער סוף איז דאָן געווען, אַז די קריאַת־שמע איז מיר ווי צום בעסטן געלונגען. איך האָב געזאָגט יעדעס וואָרט הויך און דייטלעך ביי דער קימפּעטאָרינס בעט און איך בין אויך געווען זיכער, אַז מיין תפילה האָט געהאַט די געווינטשטע ווירקונג, ווייל עס איז געווען אמתדיק „תפילתי

שגורה בפי". יעדעס וואָרט מיינס — בין איך געווען זיכער — פאַר־טרייבט די נישט־גוטע צו אַלע פוסטע וועלדער.

דער ברית איז אויך דורכגעגאַנגען ווי צום בעסטן. איז אָבער פּלוצים געשען אן אומגליק. דאָבריש איז געוואָר געוואָרן, אַז ביי מרדכי שענקער איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל. איז זי געקומען צו לויפן ווינטשן דער קימפּעטאָרין מזל־טוב. האָט זי מרדכי שענקער מכבד געווען מיט בראָנפן, נאָר צו דער קימפּעטאָרין האָט ער זי נישט אַריינגעלאָזט.

פון דעסטוועגן איז אזוי ווי דאָבריש איז נאָר אַוועקגעגאַנגען פון דער שענק, איז דעם קינד שלעכט געוואָרן און עס האָט אָנגעהויבן ברעכן. איז מרדכי שענקער נאָכגעלאָפן דער מכשפה און ער האָט איר דערלאַנגט עטלעכע פּעטש. דערנאָך האָט ער זי געשלעפּט צום זאַליש־טשיקער רבין און אַ האַלבע שטאָט איז מיטגעלאָפן.

האָט זי דער רבי אַריינגערופן אין זיין חדר מיוחד און ער האָט דאָרט אויף איר שרעקלעך געשריען. דערביי האָט זי געוויינט מיט ביטערע טרערן און זי האָט געשווירן מיט שבועי שבועות, אַז זי ווייסט גאָר נישט פון קיין שום כישוף, אַז דאָס האָבן שונאים אויף איר אויס־געטראַכט...

לסוף איז דער רבי אַרויסגעקומען פון זיין חדר מיוחד, געהייסן דאָברישן אהיימפירן בשלום און דאָס קינד איז תיכף געזונט געוואָרן...

פון דענסטמאָל אָן האָט דאָבריש פאַרלוירן איר שם פון מכשפה. זי פלעגט אַרומגיין איבער די גאַסן אין קראָקע און קינדער האָבן זי ניט מער געטשעפּעט. זי איז אויך נישט לאַנג דערנאָך געשטאָרבן און נאָך איר טויט האָט זיך אַרויסגעוויזן, פון וואַנען זי האָט אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן געצויגן חיונה. זי האָט געהאַט צוויי זין אין אַמעריקע, וואָס פלעגן איר שיקן געלט, און פון דעם האָט זי געלעבט...

קאַפּיטל 13

קראָקעווער משכּילים

עס איז ביי מיר היינט מער ווי זיכער, אַז אין יענער צייט, וועגן וועלכער איך שרייב דאָ, איז אומעטום אין יעדער יידישער שטאָט געווען דאָס זעלביקע אז יעדער משכיל, וואָס האָט אַמאָל אַריינגעקוקט אין

תנ״ך, איז געווען אַ העברעאישער שרייבער און אַ קאָרעספּאָנדענט פון די העברעאישע צייטונגען — און קוים האָט אימיצער געשריבן אַ קאָרעספּאָנדענץ צו אַ צייטונג, האָט ער תיכף געמוזט ווערן אַ שונא פון אַלע אַנדערע משכילים, וואָס האָבן געלעבט אין דער זעלביקער שטאָט.

האָט אַמאָל איינער אַזאַ קאָרעספּאָנדענט זיך באַקלאָגט וועגן דער אומאיינּיקייט, וואָס הערשט אין זיין שטאָט, און אַרויסגעזאָגט די השערה אַז צוליב דער צעריסנקייט איז זי פּלוצים אָפּגעבערענט געוואָרן, — האָט דאָס באַלד אַן אַנדערער קאָרעספּאָנדענט אָפּגעלייקנט, און גאָר באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז עס הערשט אין דער שטאָט גאָר די גרעסטע אחדות, איי, די באָד איז פאַרברענט געוואָרן, איז דאָס אויך נישט אין גאַנצן אמת, ווייל דער קוימען פון דער באָד איז געבליבן שטיין אַ גאַנצער, און ווען די גבירים פון דער שטאָט וועלן נאָר מנדב זיין די נייטיקע סומע, וועט מען גאָר אין גיכן קענען אויפשטעלן אַ נייע באָד, און דער כבוד פון דעם דאָזיקן נייעם בנין וועט זיין פיל גרעסער ווי דער כבוד פון דער ערשטער באָד, און עס וועט זיין שלום על ישראל.

ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט האָט איינער מודיע געווען, אַז דער גביר פונעם שטעטל איז געשטאָרבן. האָט דאָס באַלד דער משכיל־קאָנקורענט אָפּגעלייקנט, ווייל מען קען גאָר אויף אַזאַ גביר נישט זאָגן דאָס וואָרט „געשטאָרבן״. אַזעלכע גבירים שטאַרבן נישט, נאָר זיי לעבן אייביק אינעם זכרון פון זייער שטאָט און ווי לאַנג עס וועט שיינען אַ זון אויף דער וועלט, וועט דעם גבירס נאָמען גלאַנצן. אלא וואָס דען איז דאָרט געשען? דער גוף פון יענעם גביר איז געשטאָרבן און איז אויך אָפּגעפירט געוואָרן צו קבר ישראל מיט פּראַכט און גלאַנץ, מיט הספּדים און געוויינען. אָבער דאָס איז געווען דער גוף פון יענעם גביר, נישט די נשמה!

ווען מיר זענען געקומען וווינען אין קראָקע, זענען דאָרט געווען צוויי אַזעלכע משכילים־שריפטשטעלער, קאָרעספּאָנדענטן פון העברעאישע צייטונגען און מחברים פון העברעאישע ספרימלעך, וואָס האָבן זיך ממש געגעסן איינער דעם אנדערן לעבעדיקערהייט: איינער האָט געהייסן פייוול גאָלדשטאָף און דער צווייטער האָט זיך גערופן יחיאל מתתיהו צונץ.

אַ רחמנות איז געווען דער קאַמף צווישן אָט די צוויי פאַרשוינען. ווען איינער האָט גערעדט וועגן דעם אַנדערן, איז דאָס געווען מיט אַזאַ

שנאה, גלייך ווי יענער זאָל אים האָבן אַ קינד געקוילעט. וואָס איינער האָט געשריבן, האָט דער אַנדערער געמוזט אָפּלייקענען און דערצו באַוויזן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט א פּשוטן עם הארץ, וואָס רעדט פונעם וועג און ווייסט נישט פון זיין הענט און פיס צו זאָגן.

פייוול גאָלדשטאָף האָט געשריבן אַ וועלט־געשיכטע אין צוויי טיילן מיטן נאָמען „קורות העולם", וואָס ער האָט איבערזעצט און צונויפגעשטוקעוועט פון פארשיידענע דייטשע געשיכטס־ביכער. האָט דאָס אָנגעמאַכט אַ מהומה צווישן משכילים און די קנאה קעגן אים איז געווען גאָר אַ גרויסע, וואָס אים איז געלונגען זיך איינצוקויפן אומשטערבלעכקייט מיט אַזאַ וויכטיק ווערק ווי אַ וועלט־געשיכטע.

אויסצוזוכן פעלערן אין דער דאָזיקער געשיכטע, האָט דעמאָלט קיינער נישט פאַרשטאנען. האָט מען בלויז געזוכט צו קריטיקירן די מליצות און מען האָט אויך אין דעם פרט ווייניק וואָס געפונען אויסצוזעצן, ווייל דער מחבר איז געווען אַ גוטער בעל תנ"ך און אַ מלומד אין דקדוק.

האָט אָבער דער דאָזיקער פייוול גאָלדשטאָף אויסער זיין וועלט־געשיכטע נאָך געשריבן פירושים און אָנמערקונגען צו געוויסע פסוקים פון תנ"ך, צו שווערע מאמרים פון דער גמרא און צו מאנכע פיוטים. דאָ האָט שוין זיין קעגנער, יחיאל מתתיהו צונץ, געהאט אַ ברייטן שפּיל־פּלאַץ צו קריטיקירן, אַז גאָלדשטאָף דערוועגט זיך צו טייטשן אַ פסוק אַנדערש ווי רש"י אָדער אבן־עזרא, אַז ער האָט פאַרגעסן אַ תוספות, אָדער אַז ער האָט נישט פאַרשטאנען, וואָס דער „מטה לגר" זאָגט.

איז דעמאָלט פלוצים דעם יחיאל מתתיהו איינגעפאלן, צו נעמען זיך ארבעטן אויף אַ חיבור, וואָס זאָל גאָלדשטאָפן אין גאַנצן אָפּווישן, צוזאמען מיט זיין וועלט־געשיכטע, מיט זיינע פירושים און אָנמערקונגען צו געוויסע פסוקים פון תנ"ך, צו די שווערע שטעלן פון דער גמרא און צו געוויסע פיוטים. יחיאל מתתיהו צונץ האָט זיך גענומען שרייבן אַ געשיכטע פון די יידן אין קראָקע מיטן נאָמען „עיר הצדק". כדאי צו וויסן, אַז מען האָט נישט געהאט דענסטמאָל צו אזא היסטאָרישער אַרבעט קיין שום מאַטעריאלן און עס האָט אים אויך געפעלט יעדער היסטאָרישער חוש. אויסער דעם האָט ער נישט געקענט קיין אַנדערע שפּראַך חוץ העברעאיש.

אַלע זיינע קוואלן אויף צונויפצושטעלן די געשיכטע פון די יידן

אין קראָקע זענען געווען: אַן אַלטער פּנקס פון דער חברה קדישא, די מצבות אויפן בית־הקברות און די זכרונות, וואָס געפינען זיך אין שאַלות ותשובות.

האָט דעמאָלט דאָס דערשיינען פונעם „עיר הצדק" באמת אָפּגעװישט אַלצדינג, וואָס גאָלדשטאָף האָט ביז דעמאָלט געשריבן. גרעץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשיקט אַ דאנק־בריוו צום מחבר פאַר זיין ווערטפולער אַרבעט. דערנאָך איז אַרויסגעקומען ב״ג (בער גאָלד־בערג) פון פּאַריז מיט אַן אָפענעם בריוו צום בעל „עיר הצדק" אינעם „המגיד", אַז יחיאל מתתיהו צונץ ברענגט כבוד זיין נאָמען און לעאָ־פּאָלד צונץ, וואָס טראָגט דעם זעלביקן נאָמען, קאָן זיין מיט אים שטאָלץ. דאָס דאָזיקע איז פאַר די קראָקעווער משכילים געווען צופיל. זענען זיי אַרויסגעקומען מיט אַ דערקלערונג, אַז דער מחבר פונעם „עיר הצדק" רופט זיך אָן צונץ, ווייל ער וויל מאַכן גלויבן, אַז ער איז אַ קרוב פון יענעם גרויסן געלערנטן אין בערלין. אין אמתן איז זיין פאַ־מיליען־נאָמען נישט צונץ, נאָר „צינז" — און צינז הייסט ער, ווייל דער זיידע זיינער איז געווען אַ פּראַצענטניק.

די קנאה אַקעגן צונצן פאַר זיין דערפאָלג מיטן „עיר הצדק" איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט זיך באַלד געפונען אַ העלפער צו גאָלד־שטאָפן פון אַזאַ זייט, וואָס ער האָט זיך גאָר נישט אויף דעם גערעכט: עס איז באַלד אַרויסגעקומען אַ פאַרניכטנדיקע קריטיק פונעם „עיר הצדק" מיטן נאָמען „מפּלת עיר הצדק" — און דער שרייבער פון דער דאָזיקער קריטיק איז געווען אַ געוויסער יואל דעמביצער, אַ פּעטער פון צונצס פרוי. שפּעטער איז אַרויסגעקומען דער ברודער פון יענעם יואל דעמביצער (אַ צווייטער פּעטער פון צונצס פרוי), דער באַקאַנטער ווּבנישער היסטאָריקער ר׳ חיים נתן דעמביצער, מיט אַן עפנטלעכער דערקלערונג, אַז ער איז גאָר דער מחבר פונעם פּאַמפלעט „מפּלת עיר הצדק" און אַז דער ברודער האָט ביי אים אויסגענאַרט אַלע פונקטן פון דער קריטיק איבערן „עיר הצדק".

יואל דעמביצערס קריטיק האָט געוואָלט באַווייזן, אַז דער מחבר פונעם עיר הצדק האָט נישט פאַרשטאַנען אויסצונוצן אַלע פאַראַנענע קוואַלן פאַר זיין אַרבעט און ער האָט זיך אויך זייער אָפט באַנוגנט מיט אויבערפלעכלעכקייטן, ווייל ער פאַרמאָגט נישט דעם כוח אַריינצולאָזן זיך אין היסטאָרישער חקירה. אַזוי ווי ער קען נישט קיין אַנדערע שפּראַך

חוץ העברעאיש, האָט ער נישט די מעגלעכקייט צו וויסן, וואָס יידן האָבן דורכגעמאַכט אין קראָקע. ערגער פון דעם איז אָבער גאָר, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאנען גוט אויסצונוצן די העברעאישע מקורים און ער האָט נישט געוווסט, אַז יעדער אַלטער ספר שאַלות־ותשובות איז אַן אוצר פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע.

יחיאל מתתיהוס ליידן צוליב זיין ספר זענען געווען אין לשערדי־קע: חוץ דער שאַרפער קריטיק פון זיין ווייבס צוויי פעטערס האָט ער געדאַרפט אויסשטיין פיל גרעסערע צרות פון דער ווייב גופא, וועלכע האָט אין אַלגעמיין נישט געוואָלט, אַז איר מאַן זאָל זיך אָפּגעבן מיט שרייבערייען. מחברים פון ספרים זענען אין אירע אויגן געווען פאַררע־כנט פאַר אייביקע קבצנים און זי האָט געוואָלט גילטן פאַר אַ נגידית.

אַזוי ווי עס איז דענסטמאָל נישט געווען קיין יידישע דרוקעריי אין קראָקע, האָט צונץ געדרוקט זיין ספר אין לעמבערג און יעדער געדרוק־טער בויגן איז אים אָנגעקומען באַזונדער מיט דער פּאָסט. האָט אַמאָל דאָס ווייב זיינס אין אָפּוועזנהייט פון איר מאַן איבערגענומען אַ גע־דרוקטן בויגן פון דער פּאָסט און האָט אים פאַרברענט. דערביי איז אויך דער מאַנוסקריפּט פון יענעם בויגן נישט אָפּגעהיט געוואָרן אין דער דרוקעריי. האָט דעמאָלט דער אָרעמער צונץ געמוזט איבערשרייבן און אויפסניי איבערדרוקן דעם אינהאַלט פון יענעם פאַרברענטן בויגן לויט די צעוואָרפענע נאָטיצן, וואָס ער האָט נאָך ביי זיך געפונען.

ביי אַזעלכע אומשטענדן האָט שוין מיין פאָטער מורא געהאַט, צו נעמען אַ פען אין האנט און צו פּרוון מיט אַ קאָרעספּאָנדענציע צום „המגיד", ווי ער פלעגט דאָס פריער טאָן אין אַשפּיצין. פּייוול גאָלד־שטאָפּן האָט געפאַלן מיין טאטנס נישט־עוסק זיין אין דער מלאכה פון שרייבן, און ווען ער האָט אַמאָל באַגעגנט מיין פאָטער אין גאַס, האָט ער אים פריינדלעך געקלאַפּט אויף דער פּלייצע, זאָגנדיק דערביי:

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? זייט דו האָסט אויפגעהערט שרייבן דיינע קאָרעספּאָנדענציעס אין „המגיד", ביזטו גאָר אַן אַנדע־רער מענטש געוואָרן און איך האָב דיך פיל ליבער ווי פריער!...

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נאָך דענסטמאָל נישט פאַרשטאנען די קעגנזייטיקע שנאה פון די קראָקעווער משכילים און איך האָב זיך בלויז צוגעהערט צו דעם, וואָס מיין פאָטער פלעגט איבעררײדן — און ווען מיין פאָטער האָט נאָך אַמאָל באַגעגנט דעם פּייוול גאָלדשטאָף און

ער האָט מיך פאַר אים געלויבט, אַז איך וואַקס אַ כלי, האָט אים פּיוול גאָלדשטאָף אַ זאָג געטאָן:

— זע, למען השם, דו זאָלסט אים נישט אויסלערנען שרייבן אין ציַיטונגען!

איז ווען איך דערמאָן זיך יענע ווערטער, דאכט זיך מיר, אַז איך האָב אים געוואָלט זאָגן:

— בייסט זיך אָפּ די צונג, ווייל איך וועל זיכער יאָ ווערן אַ שרייבער!...

אויף וויפל איך געדענק, האָב איך שוין דענסטמאָל געפילט, ווי עס קיצלען מיך די פינגער צו שרייבן — און צו זען מיין נאָמען געדרוקט...

קאַפּיטל 14

דער רוסיש - טערקישער קריג פון 1876

רוסיש־טערקישע מלחמות זענען אין פאַרלויף פונעם 19טן יאָרהונ־דערט געווען ד ר יי — און די דריטע, וואָס איך געדענק, איז געווען אין 1876. אַרויסגעקומען איז זי צוליב דעם, וואָס די טערקישע רעגי־רונג האָט פאַרפאָלגט די קריסטן. האָט זיך רוסלאַנד אָנגענומען זייער קריוודע און אַזאַ קריסטלעכע מלוכה ווי עסטרייך, האָט זיך דערקלערט „ניטראַל". האָבן רוסישע יידן געהאַט וווהין צו לויפן, ווען זיי האָבן נישט געוואָלט דינען פאַניען קעגן טערקיי.

יענע מלחמה האָט שטאַרק אויפגערודערט אַלע יידישע קרייזן אין אונדזער סביבה. אין די סיבות פון דער דאָזיקער מלחמה איז ביי אונדז זעלבסטפאַרשטענדלעך קיינער נישט געווען פאַראינטערעסירט. איטלע־כער פון אונדז האָט געהאַט די איבערצייגונג, אַז די איינציקע סיבה פאַר אַלע מלחמות איז, וואָס די קייסאָרים ווילן צוכאַפּן איינער ביים אַנדערן שטיקער לאַנד. שעמען זיי זיך אָבער אַרויסצוזאָגן דאָס עפנטלעך, מוזן זיי דערפאַר אויסזוכן פאַרשיידענע פוילע תירוצים און טשעפּען זיך איינער צום אַנדערן מיט פּוסטע טענות.

די קראָקעווער יידן זענען אין דער מלחמה גופא געווען אַ ביסל פאַראינטערעסירט צוליב פּרנסה. הונדערטער קראָקעווער יידן פלעגן ציען זייער חיונה פון אריינברענגען עסנווארג און עופות פון יענער זייט

גרענעץ אָדער פון אַריבערפירן אהין לייוונט און טוך פון גאַליציע. די גרענעץ צווישן גאַליציע און רוסיש־פוילן איז דענסטמאָל געווען אָן אָפענע און מען האָט נאָר געדארפט אַ „פּאַסירשיין" אויף אַריבערצוגיין די גרענעץ. האָט דאָס די מלחמה טיילווייז געשטערט, ווייל טראָץ עסטרייכס „נייטראַליטעט" זענען פאַרשאַרפט געוואָרן די באַגרעניצונ־גען אינעם האנדל צווישן גאַליציע און רוסיש־פוילן.

אויסער דעם האָט נאָך די מלחמה אָנגערירט הונדערטער קראָקע־ווער פאַמיליעס, וואָס זענען געווען פאַרבונדן אין שידוכים מיט רוסיש־פוילישע פאַמיליעס. פילע איידעמעס פון קראָקעווער פאַמיליעס האָבן געמוזט גיין אין מלחמה און די ווייבער זענען געקומען אַהיים צו טאטע־מאמע. עס זענען אויך דענסטמאָל געווען פיל מיליטער־פליכטיקע יידן, אַנטלאָפענע פון רוסיש־פוילן, וואָס האָבן זיך באַזעצט ביי אונדז אין שטאָט און עס האָט זיי איטלעכער דערקענט אויפן ערשטן בליק, ווייל זיי האָבן געטראָגן פוילישע קאַשקעטלעך אויפן קאָפּ און קאַפּאָטעס מיט לאַנגע שפּאלטן פון הינטן, וואָס די פּאָלעס זייערע פלעגן זיך הייבן אין דער לופטן.

אַ טייל פון די דאָזיקע יונגע לייטלעך האָבן ביי אונדז חתונה־געַ־האַט, כדי צו קענען בלייבן אין קראָקע. אָפטמאָל האָט זיך גאָר אַרויס־געוויזן, אַז אַ סך פון זיי זענען גאָר געווען באַווייבטע פון פריער און עס זענען פון דעם אַרויסגעקומען פאַרשיידענע סכסוכים מיט גטן און עגונות.

שפּעטער זענען אויך אָנגעקומען עטלעכע ליטוואַקעס, אויף וועלכע מיר האָבן שוין געקוקט קרומלעך, ווייל זיי זענען אונדז נישט געווען אַזוי נאָענט ווי די רוסיש־פוילישע און מיר האָבן זיי כמעט גאָר נישט געקענט. פאַר דער מלחמה האָבן זיך אין גאַנץ קראָקע געפונען צוויי ליטוואַקעס, וואָס זענען מיט יאָרן צוריק אָנגעקומען ווי „האָצע־בחורים". איז איינער פון זיי געווען אַ שוסטער און איינער האָט געהאַנ־דלט מיט פיש.

ווילט איר דאָך אודאי וויסן, וואָס עס מיינט אַזוינס אַ „האָצקע־בחור"? דאָס איז געווען ביי אונדז אַ צונאָמען פאַר יענע אָרעמע יונגע לייט, וואָס האָבן זיך געלאָזט אָפּקויפן מיט געלט, אויף צו גיין דינען ביים מיליטער אָנשטאָט אַ גבירס אַ קינד.

ביזן יאָר 1856 איז דער מיליטער־דינסט פאַר יידן אין עסטרייך

נישט געווען קיין אלגעמיינער, נאָר יעדע יידישע קהילה האָט געדארפט געבן אַ געוויסע צאָל סאָלדאטן. האָבן די ראשי־הקהל געוויינטלעך גענו־מען די אָרעמסטע קינדער פון דער קהילה, משרתים און בעלי מלאכות, און געמאַכט זיי פאַר סאָלדאטן. האָבן פילע פון יענע אָרעמע קינדער נישט געוואָלט גיין דינען צום מיליטער. האָט מען זיי אָפּגעקויפט מיט אַ „יארמולקע מינץ", קהל האָט גענומען אַ יארמולקע, אָנגעפילט זי מיט גרויסע קופערנע מטבעות, פאַרווייסט פון אויבן מיט אַ שיכט ווייס זיל־בער־געלט. אַט אַזאַ יאַרמולקע האָט געקענט האַלטן העכסטנס דריי רייניש שיין (לערך אַנדערטהאלבן אַמעריקאנער דאָלאר). און האָט אַזאַ בחור געהאט אָפּגעדינט זיינע צוועלף יאָר ביים מיליטער, האָט ער גע־קענט נעמען נאָך אַ יארמולקע מינץ און אָפדינען דאָס צווייטע מאָל צוועלף יאָר.

אָט אַזעלכע סאָלדאטן פלעגט מען רופט „האָצקע" - בחורים — און ווען יענע צוויי ליטוואקעס זענען אָנגעקומען אין קראָקע, האָבן זיך די ראשי־הקהל דערקוויקט פון תענוג, ווייל זיי האָבן געקראָגן צוויי „האָצ־קע־בחורים" אָן אַ יארמולקע מינץ. אזוי ווי עס האָבן זיך נאָר יענע צוויי ליטוואקעס באַוויזן אין קראָקע, האָט מען זיי באַלד געכאַפּט און אָפּ־געגעבן פאַר סאָלדאטן. האָבן די ביידע געדינט צו צוועלף יאָר ביים מי־ליטער. ווו איינער פון זיי האָט זיך אויסגעלערנט שוסטעריי. דערנאָך האָבן זיי ביידע חתונה געהאָט מיט קראָקעווער מיידלעך און האָבן זיך באַזעצט אין קראָקע.

שטארק פאַראינטערעסירט אין דער רוסיש־טערקישער מלחמה זע־נען אונדזערע יידן געווען צוליב נאָך אַן אנדערער סיבה. איטלעכער האָט ביי אונדז געוווסט, אַז רוסלאנד באַהאנדלט שלעכט אירע יידן, זי לאָזט זיי נישט ווינען אומעטום אין לאנד און זי שטערט זיי אויך אין דער פרנסה. דערפאַר האָט יעדער געווונטשן פאָניען אַ מפלה — און ביי יעדן דורכפאַל פון דער רוסישער אַרמיי איז ביי יעדער יידן געוואקסן אַ שטיק הארץ.

איך האָב אַפילו אַמאָל געפרעגט ביי מיין פאָטער, וואָס יידן פרייען זיך אַזוי מיט רוסלאנדס מפלות, ווען יעדער ווייסט, אַז עס דינען אַ סך יידן אין רוסלאנדס מיליטער און די טערקן האָבן נאָך דעמאָלט נישט גענומען קיין יידן צו מיליטער־דינסט. מיין שאלה איז געבליבן אָן אַ תשובה — און ווען עס זענען זיך נאָר צוזאמענגעקומען אונדזערע יידן

אויף אַ סעודת־מיצווה, האָט מען זיך ביים לחיים נישט געווונטשן עט־וואָס אנדערש ווי נאָר אַ מפּלה פאַר רוסלאַנד.

עטלעכע חדשים שפּעטער האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט און די טערקן האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן. האָט ביים פאַלן פון פּלעוונא גע־הערשט אַ גרויסער טרויער אין דער יידישער גאַס. אסתר תענית — געדענק איך — איז אָנגעקומען צו אונדז די ידיעה, אַז פּלעוונאַ איז גע־פאַלן. האָט מיין טאַטע געהאַט דערפון גרויס צער. איז ער געגאַנגען צום דאַווגען און לייענען די מגילה צום זאַלישטשיקער רבין. האָט דעמאָלט דער זאַלישטשיקער רבי געזאָגט אַ דרשה לכבוד פּורים און דערמאָנט דערביי, וואָס דער „בעל הטורים" זאָגט אויפן פּסוק „על פּני כל אחיו נפל" (אין סוף פּרשה חיי שרה): „כשיפּול ישמעאל, אַז יצמח בן דוד שהוא מתולדות יצחק". מיינט דאָס, אַז וואָס דער פּסוק דערציילט וועגן די קינדער פון ישמעאל און ענדיקט מיטן וואָרט „נפל" און דערנאָך הייבט ער אָן מיט „תולדות יצחק", וויל דאָס אונדז אָנזאָגן, אַז ווען ישמעאל וועט פאַלן, וועט אַרויסקומען משיח, וועלכער שטאַמט אָפּ פון יצחקן.

אַלע פאַרזאַרגטע פּנימער האָבן דעמאָלט זיך אויסגעלייטערט און עס איז פון זיי אַרונטער יעדער צייכן פון מרה־שחורה. דאָס האַרץ האָט ביי איטלעכן געטאַנצט פון שמחה און מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף די ליפּן האָט איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט. דער „בעל הטורים" האָט באַוויזן, אַז טאָמער ווילן מיר דערלעבן משיחן, מוזן מיר זיין צופרידן מיט טערקייס מפּלה, ווייל ישמעאל מוז פאַלן, אַז דודס זון זאָל קענען קומען — און מיט יעדן קלאַפּ, וואָס ישמעאל קריגט אין דער מלחמה, דערנענטערן זיך צו אונדז די טעג פון משיח.

עס האָט נאָך דעמאָלט דער רבי געדרשנט וועגן „מועד מועדים וחצי" פון דניאל און ער האָט אונדז געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז ער ווייסט גענוי דעם טאָג און די שעה, וואָס משיח דאַרף קומען. זענען מיר דאַן אַהיימגעגאַנגען צופרידענע, אָנגעפילט מיט גליקלעכע פאַנטאַזיעס. און ווען מיר האָבן זיך נאָך שפּעטער אַוועקגעשטעלט מחדש זיין די לבנה און דער רבי האָט זיך שטאַרק געקוועטשט ביים פּסוק „קול דודי הנה זה בא", זענען מיר אַלע געווען זיכער, אַז משיח איז שוין ערגעץ אונטערוועגנס און רייסט זיך צו קומען צו אונדז וואָס פריער. אַפילו מיין פאָטער דער מתנגד, וואָס האָט נישט געגלייבט קיין וואָרט פון אַ

חסידישן רבין, איז אויך כמעט ווי איבערצייגט געווען, אַז משיח דער־נענטערט זיך שוין צו אונדז.

וואָס לענגער עס האָט געדויערט די מלחמה צווישן רוסלאַנד און טערקיי, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן דער גלויבן, אַז מיר לעבן טאַקע אין משיחס צייטן. פאַר דער מלחמה פלעגט מען אַריינברענגען קיין קראָקע תבואות און עופות פון רוסיש־פוילן. האָט דאָס אויפגעהערט אי־בער דער מלחמה. מען האָט דעמאָלט גאָר אדרבה אַוועקגעשיקט תבואות און פליישן פון גאַליציע קיין רוסיש־פוילן. איז צוליב דעם געשטיגן ביי אונדז דער יקרות פון טאָג צו טאָג און אַ שטיקל ברויט איז געוואָרן פשוט אַ „לאַקאָטקע״, וואָס נישט יעדער האָט זיך עס געקענט פאַרג׳נען.

האָט דער זאַלישטשיקער רבי אין איינער פון זיינע דרשות בפירוש דערקלערט, אַז משיח שטייט שוין הינטער דער וואַנט („הנה זה עומד אחר כתלנו״) און מיר אַלע וועלן אים גאָר אין גיכן אַקעגנגיין. פאַר אָט דעם צוועק, האָט דער רבי געזאָגט, ליגט אָנגעגרייט ביי אים אַ פּעקל געפּלאָכטענע „הבדלות״ אויף מקבל־פּנים צו זיין משיחן — און ווען מען וועט אים קומען אָנזאָגן די בשורה, אַז משיח איז געקומען, וועט ער דעמאָלט באַווייזן פאַר אַלעמען, אַז ער האָט שוין געהאַט פון פריער ביי זיך אויפגעשריבן דעם טאָג און די שעה פון משיחס קומען.

שפּעטער ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט מען געהערט, אַז ענגלאַנד לאָזט נישט מאַכן קיין שלום — און אַז עפּעס איינער אַ גרויסער ענגלישער מיניסטער, וויל דורכאויס צווינגען רוסלאַנד, זי זאָל מוזן געבן גלייכע רעכט צו יידן. יענער ענגלישער מיניסטער וויל אויך צונויפרופן אַלע קייסאָרים צו אַ גרויסער אַסיפה און עס איז גאָר מעג־לעך, אַז פון דער דאָזיקער אסיפה זאָלן ארויסוואַקסן נייע מלחמות, נאָך וועלכע, משיח וועט שוין זיכער קומען.

אַזוי איז ערב פּסח תרל״ח איטלעכער ביי אונדז געווען איבער־צייגט, אַז משיח דאַרף היינטיקע נאַכט קומען. פון מויל צו מויל איז גע־גאַנגען די ידיעה און עס האָט יעדער וועגן דעם גערעדט מיט דער גרעסטער זיכערקייט, אַז נאָך דער נאַכט מוז קומען דער טאָג.

בין איך דעמאָלט אין די לעצטע צוויי וואָכן פאַר פּסח משונהדיק פרום געוואָרן. עס האָט זיך מיר דאַן געהאַט געחלומט דער פּסוק „העשירי יהי קודש לה׳״, האָב איך דאָס אָנגענומען פאַר אַ שטיק נבואה, אַז משיח וועט קומען אינעם צענטן יאָר פון מיין לעבן.

קאפיטל 15

ערשטע סדר-נאַכט תרל״ח האָט מען דערוואַרט משיחן

פון די אַלע שמועסן וועגן דער נאָענטער גאולה, בין איך יענעם ערב פסח תרל״ח (1878) געווען זיכער, אַז משיח וועט הייַנטיקע נאַכט קו־מען. כאָטש דער זאַלישטשיקער רבי האָט דאָס נישט אויסדריקלעך גע־זאָגט האָב איך געמאַכט אַ פאָרשלאַג מיין חבר מאיר, דעם זאַליש־טשיקער רבינס זון, אַז מיר זאָלן זיך ביידע נאָכן סדר זיך אַוועקגנבנען פונעם הויז, צו קענען גיין צוזאמען מקבל־פנים זיין משיחן.

האָט מיר מאיר דעם רבינס מבטל געווען אַלע מיינע דאַרוואַרטונ־גען: ער האָט מיר בכלל אָנגעזאָגט, אַז מען טאָר גאָר נישט דענקען וועגן אַקעגנגיין משיחן, ווייל משיח דאַרף קומען בהיסח הדעת, דוקא דענסט־מאָל ווען מען וועט אויף אים נישט וואַרטן. האָב איך זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּשרעקן פון אַזעלכע רייד, ווייל עס איז ביי מיר געווען מער ווי זיכער, אַז משיח מוז הייַנטיקע נאַכט קומען. האָב איך מאירן געזאָגט, אַז איך דאַרף נישט האָבן קיין באַגלייטער מקבל־פנים צו זיין משיחן, איך וועל אליין גיין.

צוויי אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט איז מיין פאָטער פאַרטיק געוואָ־רן מיטן סדר. איך האָב זיך געוואָלט אָנטאָן אַוועקצוגיין — און ווען איך האָב געזאָגט, וווהין איך וויל גיין, האָט זיך מיין פאָטער שטאַרק צולאַכט:

— ווייסטו, אַז דאָס וואָס דו ווילסט טאָן, איז קעגן דעם יידישן דת? ווילסט אַקעגנגיין משיחן, ווען דו גלויבסט, אַז משיח וועט הייַנט קומען, וועט ער דאָך קומען, ווען דו וועסט אים אַפילו נישט אַקעגנגיין! אלא אז דו ווילסט אויספרווון דעם אויבערשטן, איז דאָ אויף דעם אַ בפירושער פסוק אין דער תורה: „לא תנסו את ה׳״.

בין איך שוין געבליבן אין דער היים — און כאָטש איך האָב זיך געוואָלט שטאַרקן נישט איינצושלאָפן, בין איך פון דעסטוועגן פעסט איינגעשלאָפן. און ווען איך האָב זיך אין דער פרי אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך געשעמט צו פרעגן, צי משיח איז טאַקע געקומען, ווייל איך האָב שוין גוט פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט געקומען. פאַר מיין מאַמען

איז דאָס אָבער נישט געגוג געווען, האָט זי מיך נאָך געשטעכעלירט, אַז משיח האָט מיך געזוכט און ווייל איך בין געשלאָפן, האָט ער געזאָגט, אז ער קען שוין צוליב דעם היינט נישט קומען.

יענעם טאָג האָב איך מיט קיינעם נישט גערעדט. מיין שרעקלעכע אַנטטוישונג, וואָס משיח איז נישט געקומען, האָט אַוועקגענומען אַ גרויסן טייל פון מיין גלויבן. אַ שאַרפע פאַרצווייפלונג האָט אַרומגענומען אַלע מיינע חושים און איך האָב שוין אַ גאַנצן יום־ טוב כמעט גאָר ניט געדאווגט.

דער צווייטער סדר האָט מיר נאָך געגעבן פלאַץ, צו באַווייזן מיינע בריהשקייטן אין די פירושים צו דער הגדה. אָבער דאָס יום־טובדיקע דאווגען האָב איך אין גאַנצן איגנאָרירט. אַ באַזונדערער כעס האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן אַקעגן אַלע פסוקים און תפילות, וואָס ריידן וועגן דער גאולה, ווייל עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דאָס מאכן דאָרט יידן פשוט חוזק פון זיך אליין.

האָט דאָס מיין פאָטער באַלד באַמערקט און האָט מיך דערפאַר שטארק אויסגעמוסרט.

— זעסט — האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן — דאָס איז דער חילוק צווישן דיר און אַן אמת גלויביקן: נאָך אן איינציקער אנטטוישונג איז דיין גאַנצער גלויבן דערשיטערט געוואָרן. איז דאָס טאַקע אַ סימן, אַז דו האָסט פריער אויך נישט ערלעך געגלויבט. דער ערשטער גלויבן איז דיינער געקומען צוליב אַ נאַרישער פלוידעריי פון אַ חסידישן רבין, און ווייל דו זעסט, אַז די נבואה פון אַ חסידישן רבין איז נישט מקוים געוואָרן, ווילט זיך דיר שוין, חלילה, אָפּלייקענען איינעם פון די „אַני־מאַמינס".

— אַכצן לאנגע יאָרהונדערטער — האָט נאָך מיין פאָטער צוגעגעבן — וואַרט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אויף משיחן און עס האָבן זיי אַלערליי שחיטות און רדיפות נישט געקענט אָפּוועגטיק מאכן אין דער דאָזיקער אמונה. און דו, קוים איז נאָר משיח נישט געקומען אין דעם אויגנבליק, וואָס דו האָסט אים דערוואַרט, ביזטו שוין אַ פאַרצווייפלטער, גלייך דו זאָלסט שוין האָבן דערגאַנגען אַלע סודות פון דער גאולה, וואָס דער אייבערשטער האָט באַהאלטן אַפילו פאַר זיינע גרעסטע צדיקים.

אגב, בין איך דענסטמאָל חלילה נישט געווען דער איינציקער אין

מיין וואַרטן אויף משיחס אָנקומען. פילע עלטערע און קליגערע פון מיר זענען אין יענער פסח־נאַכט אַרומגעגאַנגען איבער די קראָקעווער גאַסן ביז אין גרויסן טאָג אריין, וועלנדיק זיין די ערשטע, משיחן צו באַגריסן.

פון דעסטוועגן האָבן מיין פּאָטערס מוסר־ווערטער נישט פאַרהיילט דעם שווערן קלאַפּ, וואָס מיין אמונה האָט באַקומען. ווי צעדולט בין איך אין יענער צייט גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען און דורך די נעכט בין איך געלעגן וואך און האָב געוויינט. האָב איך גאָר נישט געלערנט און נישט געלייענט, נישט געשלאָפן און נישט געגעסן. קומענדיק אין בית־המדרש אריין, האָט עס מיך געיאָגט צוריק אַהיימצוגיין און קומענדיק אַהיים, בין איך ווייטער צוריק געלאָפן אין בית־המדרש אַריין.

איין געדאנק האָט כסדר געעגבערט מיין מוח און האָט מיך נישט געלאָזט רוען ביי טאָג און ביי נאַכט: ווען עס איז שוין אויף אונדז נגזר געוואָרן, מיר זאָלן קיין מאָל נישט אויסגעלייזט ווערן פונעם גלות, טאָ צו־וואָס ליידן מיר? פאַר־וואָס זאָלן מיר זיך נישט אויסמישן מיט די פעלקער, צווישן וועלכע מיר וווינען, כדי עס זאָל ענדלעך אַמאָל נעמען אַן עק צו אַלע יידישע צרות?

דאָס האָב איך אָבער בלויז אין מיר אַריינגעקלערט און עס האָט נישט קיינער פון מיינע חברים געוווּסט דאָס מינדעסטע פון דעם, וואָס עס קומט פאָר ביי מיר אינעווייניק אין האַרצן. שטענדיק האָב איך דע־מאָלט נאָר געזוכט צו זיין מיט זיך אַליין — און מיט אַ באַזונדערער כוונה האָב איך עס אויסגעמיטן, נישט צו באַגעגענען זיך מיט אַ באַ־קאַנטן, ווייל טאָמער וועל איך זיך פאַרגעסן און וועל אויספּלוידערן עטוואָס פון דעם, וואָס עס באַדריקט מיינע געפילן.

מיין מאמע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט באַמערקט, אַז איך גיי אַרום אַ צעטומלטער. האָט זי געפּרוּווט דערגיין דעם סוד פון מיין צעטומלטקייט. אַזוי ווי איך האָב זיך אָבער געהאַלטן פעסט פאַרשלאָסן, האָט זי גאָר נישט געקענט אויפטאָן מיט איר נישטערן אין מיינע סודות. האָט דעמאָלט די מאמע אויפמערקזאַם געמאַכט דעם טאַטן אויף מיין נידערשלאָגנקייט. האָט מיך דער טאַטע גענומען אויף אַ פאַרהער און האָט טראָצדעם אויך נישט געקענט אַרויסקריגן פון מיר אַ וואָרט.

אָט דער צושטאַנד האָט ביי מיר אָנגעהאַלטן פון פסח ביז שבועות. איז דער טאַטע מיט מיר געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר. האָט מיך דער דאָק־טאָר געשיקט צו אַ גרויסן ספּעציאַליסט פון גייסטיקע קראַנקייטן אויף

דער קליניק. דער ספעציאַליסט האָט דערקלערט, אַז איך לייד פון פאַר־באָרגענעם נשמה־ווייטיק און מען דאַרף מיך היטן, איך זאָל נישט אַרונ־טער פון זינען.

האָט דער טאַטע מיינער אָנגעוועגדעט פאַרשיידענע מיטלען אַרויס־צוקריגן פון מיר אַ וואָרט וועגן דעם, וואָס עס דריקט מיין האַרץ — און האָט ביי מיר גאָר נישט געקענט אַרויסקריגן. איך האָב מורא געהאַט צו אַנטפּלעקן פאַר אים אַ וואָרט וועגן דעם, וואָס עס קאָכט זיך ביי מיר אינעווייניק, ער זאָל מיך נישט אויסלאַכן.

ערב שבועות האָב איך דעמאָלט באַגעגנט יוכבד דעם רבינס. האָט זי מיר געמאַכט אַ פאָרוואורף, וואָס איך האָב אויפגעהערט קומען צום רבין אין הויז, צו לייענען מיט איר צוזאַמען דייטשע ביכער. האָב איך איר דערציילט אַלצדינג, וואָס עס דריקט מיך אויפן האַרצן. האָט זי מיך שטאַרק אויסגעלאַכט און האָט מיר אויך אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, איך זאָל זיך נישט נאַריש מאַכן און זאָל מיר אויך נישט צולאָזן אַזעלכע דאגות, ווייל עס וואָלט פון מיר זייער נאַריש געווען, איך זאָל נעמען טראָגן דאגות פונעם כלל אויף מיין קינדערישן קאָפּ.

האָט יוכבדס געלעכטער און איר פריינדלעכקייט צו מיר אַוועקגעג־נומען ווי מיט אַ כישוף די מרה־שחורה מיינע. אין איין אויגנבליק האָב איך צוריקגעקראָגן מיין גאַנצע לעבנסלוסט פון פריער און איך האָב אויך טאַקע באַלד באַשלאָסן, אַוועקצוייאָגן פון מיר יעדן שוואַרצן געדאַנק און אָנצוהייבן פון היינט אָן אַ ניי לעבן.

געווען איז דאָס ערב שבועות — און כאָטש מיר האָבן דאָס צווישן זיך נישט אָפּגעמאַכט, האָבן מיר ביידע פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן זיך נאָך זען היינט ביי נאַכט נאָכן עסן. איך בין געגאַנגען מיט מיין טאַטן אין שול אריין צו „תיקון ליל שבועות" און פון דער שול האָב איך זיך שטילערהייט אַוועקגעגנבעט צום רבינס הויז, ווו איך האָב זיך ווייטער באַגעגנט מיט יוכבדן און איך האָב מיט איר אויפסניי איבערגעשמועסט אַלע מיינע גייסטיקע שמאַרצן און זי האָט מיר אַלצדינג נאָך אַמאָל אויסגערעדט מיט עטלעכע קלוגע טרייסט־ווערטער.

צוריקגעקומען דערנאָך צום טאַטן אין שול, האָב איך אים געטראָפן פאַרטיפט אין אַ שמועס וועגן די צרות פונעם גלות, וואָס יידן דאַרפן אויסשטיין און זיי טאָרן אַלץ נישט פאַרלירן זייער האָפענונג אויף אַ נאָענטער גאולה.

האָב איך דאָס שוין נישט געקענט מער אַריבערטראָגן און איך האָב צו דעם עולם אַזוי געזאָגט:

— צעיר אַני לימים ואתם ישישים ממני, אַ יונג קינד בין איך נאָך און איר זײַט אַלע צו דרײַ און פיר מאָל אַזוי אַלט ווי איך בין. פון דעסטוועגן מוז איך אײַך זאָגן, אַז איר זענט נאַרישע ייִדן, וואָס איר לײַדט ווי ייִדן. דער אמת איז אָבער, אַז איר לײַדט גאָר נישט, ווײַל איר לעבט זיך הײַנט אַזוי פרײַ גלײַך ווי די מענטשן פון יעדן אַנדערן פֿאָלק.

די ייִדן האָבן אַרויסגעגלאָצט אויף מיר אַ פּאָר אויגן און איך האָב ווײַטער געזאָגט:

— איר זאָגט, אַז איר לײַדט גלות, ווײַל איך אײַך פרעגן, צי איר קענט פאַרגלײַכן אײַערע הײַנטיקע לײַדן צו די צרות פונעם מיטלעל־טער, למשל, ווען ייִדן זענען געווען באַשרענקט אויף יעדן שריט און דאָס לעבן זײַערס איז געווען הפקר? און קענט איר אפשר זאָגן, אַז איר וואַרט ערנסט און ערלעך אויף משיחן, ווען איר זאָגט „אני מאמין בביאת המשיח“ און איר דערוואַרטעט משיחן יעדן טאָג, טאָ צו־וואָס קויפט איר דערווײַל הײַזער אין גלות און איר מאַכט פאַרבינדונגען אין צוואַנציק־יעריקע געשעפטן?

ווי פאַרשטײנערט זענען די ייִדן געבליבן זיצן. אַזוי ווי זיי האָבן געדענקט, אַז איך בין אַ ביסל צוגעדולט, האָט מיך איטלעכער אָנגעקוקט מיט אַזעלכע אויגן ווי מען קוקט אויף אַ משוגענעם. האָט מיר דער טאַטע מײַנער מיט טרערן אין די אויגן געטאַפּט דעם קאָפּ און געבעטן, איך זאָל אַהיימגיין שלאָפן, ווײַל איך רייד פונעם וועג.

בין איך געבליבן אַ שרעקלעך פאַרשעמטער און איך האָב זיך גע־נומען גיין אַהיים. דערווײַל האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָב איך זיך געלאָזט גיין צו דער „וואָלניצע“.

דערווײַל האָט אַ זומערדיק לופטל דערפרישט מײַן קאָפּ און איך האָב באַוווּנדערט די שײנקייט פון דער אין מאָרגן־גרוי פאַרשלאָפענער גאַס. דערנאָך האָב איך זיך פאַרקירעוועט צו דער „בוזע“, ווי אונדזערע קראָקעווער ייִדן פלעגן רופן די „קאָרפּוס קריסטי־קירכע“ און עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט כאַפּן אַ קוק אין קירכע. די גלאָקן פון דער קירכע האָבן געקלונגען און דער קלינג־קלאַנג זײַערער האָט מיך דערמאָנט,

וואָס איך האָב געלייענט אינעם ספר „שבט יהודה", ווי יידן פלעגן זיך מוזן באַהאַלטן, ווען קירכען־גלאָקן האָבן געקלונגען.

פאַרטיפט אין אַזעלכע געדאנקען, האָב איך זיך געלאָזט גיין אויפן הויף פון דער קירכע און עס איז מיר דאָרט אַלצדינג טאַקע שטארק געפעלן. האָט מיך אָבער פלוצלינג איינער אַ שייגעץ דערזען און האָט צו מיר אַ געשריי געטאָן: זשידו! איז מיר שיער די נשמה אַרויסגעפלויגן פון מורא — און איידער איך האָב נאָך אויסגעשריִען אַ קוק צו טאָן אויפן שרייער, האָט ער מיר דערלאַנגט מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ און איך בין געבליבן ליגן אויפן אָרט אַ פאַרחלשטער.

צופעליק איז דאָרט געווען דער סטרוזש פונעם הויז, ווו מיר האָבן געוווינט. האָט ער מיך דערקענט, ווער איך בין, האָט ער מיך גענומען אויף די הענט און אַהיימגעטראָגן אַ פאַרווונדעטן צו מיין מאמען, וועלכע האָט זיך זיכערלעך גאָר נישט געריכט, מקבל־פּנים צו זיין איר בן־יחיד אין אַזאַ צושטאנד לכבוד שבועות.

קאַפּיטל 16

אַ דרשה פון צען ווערטער און דאָס 69סטע קאַפּיטל תהילים

זומער תרל"ח (1878) זענען ארומגעגאנגען איבער קראָקע פאַרשיידענע קראנקייטן, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט אַלט און יונג — און קליינע קינדער זענען געפאלן פשוט ווי זאַנגען אונטער דער האנט פונעם שניטער. וואָס פאַר אַ מין „אונטערגאנג" דאָס איז דענסטמאָל געווען און מיט וואָס פאַר אַ נאָמען עס האָבן אים די דאָקטוירים אָנגערופן, איז מיר היינט שווער צו וויסן.

ביי מיר האָט זיך יענער זומער איינגעקריצט טיף אין זכרון, ווייל דער טאַטע מיינער איז אַ גאנצן זומער געפערלעך קראַנק געווען און סוף חודש תמוז פון יענעם יאָר איז מיינע אַ שוועסטערל פון צוויי יאָר געשטאָרבן.

ווי עס פאַרשטייט זיך אליין, האָב איך ביי אַזעלכע אומשטענדן נישט געהאט יענעם זומער מער קיין געדולד אויף נאָכצוקלערן וועגן אַלע יענע ענינים פון ספקות, וואָס האָבן מיך ביז דעמאָלט באַאומרו־

איקט, ווייל נאָכן טויט פון מיין שוועסטערל זענען אַלע מיינע געדאנקען געווען קאָנצענטרירט אויף דער קראנקייט פון מיין פאָטער און עס איז ביי מיר געווען זיכער, אַז דאָס וואָס מיין שוועסטערל איז געשטאָרבן און דאָס וואָס מיין פאָטער איז קראַנק, איז דאָס אַלץ נאָר צוליב מיינע עבירות. און ווען איך האָב געהערט, ווי דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז די קראנקייט פון מיין פאָטער איז אַ געפערלעכע, האָב איך אָנגעשריבן אַ „קוויטל" צום זאַלישטשיקער רבין (לויט ווי איך האָב געזען ווי דעם רבינס גבאי פלעגט שרייבן די קוויטלעך) און איך בין אַוועקגעלאָפן מיט אַ געוויין צום רבין. האָט מיך דער רבי געדולדיק אויסגעהערט און האָט מיר געגעבן אַן „אָפּגעשפּראָכענע" זילבערנע מטבע, איך זאָל זי ארונ־טערלייגן אונטער דעם טאטנס קישן. האָב איך דאָס געוואָלט טאָן אָן דעם טאטנס וויסן, האָט מיך אָבער דער טאַטע געכאַפּט ביי דער האַנט, און ווען איך האָב אים אַלצדינג דערציילט, האָט ער גענומען און אַרויס־געוואָרפן די מטבע דורכן פענצטער, זאָגנדיק דערביי, אַז ווען דער איי־בערשטער וועט אים העלפן, ער זאָל געזונט ווערן, וויל ער נישט איבער־לאָזן דעם מינדעסטן באַוויַז, אַז דעם רבינס מטבע האָט אים צו דעם צוגעהאָלפן.

דערווייל האָבן די קינדער־קראנקייטן שרעקלעך געבושעוועט אי־בער דער שטאָט און אין דער גאַנצער יידישער סביבה איז נישט געווען קיין איינציק הויז, וווּ עס זאָל נישט האָבן זיין מינדעסטנס איין קינד לפחות געשטאָרבן.

כאראקטעריסטיש איז, וואָס מען פלעגט ביי אונדז נישט מאכן קיין לוויה פאַר אַ קינד פון אונטער זיבן יאָר, נאָר דער קברן פלעגט דאָס נעמען, אַוועקלייגן עס אויף אַ ברעטל אונטער אַ לאנגן שווארצן מאַנטל און אַוועקטראָגן צו דער קבורה. איז אַמאָל דעם קברן איינגעפאלן צו מאכן אַ נאַרישן וויץ. אַריינגייענדיק אויפן וועג צום בית־הקברות צו מלכהלע די שענקערין, נעמען דאָרט אַ טרונק בראָנפן, האָט ער צוגענו־מען פונעם שענקטיש אַ געבראָטן גענדזל און האָט עס אַוועקגעלייגט אויפן ברעטל אונטער זיין שוואַרצן מאנטל און אָנשטאָט דעם גענדזל, וואָס ער האָט צוגענומען, האָט ער אַוועקגעלייגט אַ טויט קינד.

ווען די שענקערין האָט דאָס אַ מינוט שפּעטער דערזען, האָט זי געחלשט און מען האָט געמוזט רופן אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט דורכאויס געוואָלט אָנקלאָגן דעם קברן צו דער פּאָליציי — און אַזוי ווי קהל האָט

זיך דערשראָקן פאַר אַ „בילבול“ אויף יידן, האָט מען דעם דאָקטאָר קוים אָפּגעבעטן, ער זאָל דעם אינצידענט פאַרשווייגן.

אַן אַנדערער „מתעסק“ מיט די מתים איז געווען הערשל שמש פון דער חברה קדישא. ער פלעגט קומען יעדע נאַכט צו לאהלע דער מעד־שענקערין און פון זיין מינע פלעגט זיך דערקענען, וואָס פאַר אַ טאָג עס איז געווען אין באַצוג צו די קראנקייטן. איז ער געקומען מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און, רייבנדיק זיך די הענט, געבעטן לאהלען, זי זאָל אים אויסזוכן עפּעס אַ גוט געגנדזן לעבערל, האָט מען געוווסט, אַז עס איז גע־ווען אַ שלעכטער טאָג. און נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט אויסגעטרונקען זיין פּערטעלע מעד און פאַרביסן אַ גוט גענדזל לעבערל, האָט ער אַליין אַ זאָג געטאָן מיט אַ געמאַכטן ערנסט:

— געווען היינט אַ יומל, השם ישמרנו! ניין שטיקלעך!...

און איז געווען אַ מאָל אַ לייכטער טאָג מיט ווייניק מתים, האָט שוין הערשל שמש געהאַט אַ פינצטערע גרימאַסע אויף זיין פּנים און האָט נישט פאַרביסן קיין גענדזן לעבערל צו זיין פּערטעלע מעד. איז מען שוין צוגעגאַנגען אים פרעגן נייס, און נאָך איידער מען האָט אים געפרעגט, האָט ער אַ זאָג געטאָן אַ נישט־צופרידענער:

— בסך־הכל דריי שטיקלעך!...

פאַר ראש־השנה איז מיין טאַטן ערגער געוואָרן און ער האָט נישט געקענט אַרויסגיין פונעם בעט אַפילו ראש־השנה און יום־כפור צום דאַוונען. האָב איך ראש־השנה געדאַוונט ביים זאַלישטשיקער רבין צו־זאַמען מיט מיין זיידן — און ערב יום־כפור האָט מיר דער טאַטע אָנגע־זאָגט, איך זאָל גיין דאַוונען יום־כפור צו דער חברה „קובע עתים לתורה“.

זענען אָבער ערב יום־כפור אַלע יידן אין קראָקע געגאַנגען זייער פרי צום דאַוונען. ביטער און זויער איז געווען איטלעכן אויפן האַרצן. די קראנקייטן פון די עלטערע מענטשן און דער טויט פון די קליינע קינ־דער האָבן כמעט אין יעדן הויז אָנגעמאַכט אַ חורבה. איז דעמאָלט יעדער געקומען מיט אַ פול האַרץ צו כל־נדרי, גרייט אויסצוברעכן אין אַ שרעקלעכן יאָמער ביי דער מינדעסטער באַרירונג פון דעם גרויסן אלגע־מיינעם שמאַרץ.

ביי דער חברה „קובע עתים לתורה“ איז דעמאָלט געווען דער מגיד ר׳ יאָסל מאַנעסעס לעדערבערגער, וואָס איז שפּעטער געווען דיין און

ראש בית־דין אין קראָקע. דעמאָלט איז ער נאָר געווען מגיד ביי די קובע עתים און ער האָט אויך געפּסקנט שאַלות אָן אַ באַצאָלונג פון דער קהילה.

האָט זיך דעמאָלט ר׳ יאָסל מאַנעסעס אַוועקגעשטעלט דרשענען פאַר כל־נדרי און האָט די דרשה זיינע אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— לאָמיר זען, וואָס דער עולם איז היינט אַזוי פרי געקומען...

ווייטער איז ער שוין אין זיין דרשה נישט געקומען. פון די עטלעכע ווערטער האָט שוין איטלעכער געוווסט, וואָס דער מגיד מיינט צו זאָגן. איז אויסגעבראָכן אַ יללה צווישן עולם, ווי מען האָט דאָס נאָך קיין מאָל נישט געהאט געהערט. מאַנצבילן האָבן געכליפּעט אויפן קול און ווייבער זענען אריינגעפאלן פשוט אין היסטעריקע. האָבן דאָס די קינדער געזען און געהערט, ווי זייערע טאַטעס און מאַמעס וויינען אַזוי יעמערלעך, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען מיט באַנומענע קולות. האָבן זיך אויסגעמישט די אַלע געוויינען צו איין שטאַרקן שוידערלעכן יאָמער, וואָס האָט פשוט געשפּאַלטן הימלען.

דערווייל האָט אויך אין דרויסן אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן, האָט זיך אַלעמען אויסגעדאכט, אַז דער הימל וויינט מיט מיט אונדז אַלעמען.

עטלעכע מאָל האָט דער מגיד געפּרווט פאָרזעצן זיין דרשה, אָנהייבן עפּעס זאָגן, האָט ער נישט געקענט ריידן, ווייל עס זענען אים די ווערטער געבליבן שטעקן אין האַלדז און עס האָט זיך נאָר געהערט אַ יאָמערלעך שלוכצן און אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. איז דער עולם פּלוצים אומגעדולדיק געוואָרן און אָנגעהויבן קלאַפּן אין די שטענדערס, דער מגיד זאָל די דרשה וואָס גיכער ענדיקן, אַז מען זאָל קענען אָנהייבן זאָגן כל־נדרי. האָט אָבער דער מגיד אַלץ ווייטער נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט. האָט ער מיט אַ פון טרערן פאַרשטיקטער שטים געזאָגט צום חזן, ער זאָל זיך שטעלן זאָגן כל־נדרי, ווייל עס איז שוין טאַקע שפּעט...

זייט יענער צייט האָב איך שוין פאַרשיידענע גרעסערע און שטאַרקערע דרשות געהערט. איך האָב געהערט שעהן־לאַנגע רעדעס: פון די גרעסטע וועלט־אָראַטאָרן. איך האָב געהערט דרשות פון רבנים, וואָס האָבן געצאַפּט טרערן ביי זייערע צוהערער, גלייך ווי מען צאַפּט וואַסער פון אַ ברונעם. איך האָב געהערט די פּרעדיקטן פון די באַרימטסטע קירכן־רעדנער, וואָס וואָלטן אַפילו אַ שטיין גערירט. איך האָב געהערט

פלאמענדיקע פאַרלאַמענטס־רעדעס אינעם דייטשן און עסטרייכישן פאַר־לאַמענט. איך האָב געהערט אונדזער מאקס נאָרדויס היסטאָרישע רעדע אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. איך האָב אַמאָל געהערט דעם פראנצויזישן סאָציאַליסטישן פירער זשאָרעס ריידן צו דייטשע אַר־בעטער אין בערלין און איך האָב געזען, ווי עס צינדן זיך אָן פייערלעך אין די אויגן פון די צוהערער און זיי זענען תיכּף גרייט צו ברענגען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, כאָטש זיי האָבן פון דער רעדע ווייניק וואָס פאַר־שטאַנען.

מוז איך אָבער מודה זיין, אַז קיין איינציקע פון יענע אַלע דרשות און ריידן קען זיך נישט פאַרגלייכן אין זייער ווירקונג צו ר׳ יאָסל מאַ־נעסעס האַרץ־רייסנדיקע דרשה פון צען ווערטער.

צומאָרגנס נאָך יום־כּפּור איז מיין טאַטן בעסער געוואָרן און ער איז אויך דעם סוכות שוין געזעסן מיט מיר אין דער סוכה. אַזוי ווי דער טאַטע האָט אָבער יענעם גאַנצן זומער כּמעט גאָר נישט פאַרדינט, איז ביי אונדז דער יום־טוב נישט געווען קיין געהויבענער. אַזוי ווי די מענ־טשן פלעגן זיך דענסטמאָל נוהג זיין, אריין צו קוקן איינער אינעם אַנ־דערנס טעלער, האָבן מיר דעמאָלט בלויז קידוש געמאַכט אין סוכה — און אַזוי ווי עס האָט געהייסן, אַז דער טאַטע טאָר נישט לאנג זיצן אין סוכה, האָבן מיר פאַרענדיקט דאָס „עסן" אין שטוב...

דעם ערשטן טאָג חול־המועד סוכות תרל״ט האָב איך באַוויזן מיין פאָטער, ער זאָל מיט מיר צוזאמען גיין צום זאַלישטשיקער רבין פאַר אַ סגולה צו פרנסה. האָט מיר דאַן דער רבי געהייסן זאָגן 31 מאָל (כּמנין א״ל) דאָס קאַפּיטל ס״ט פון תהילים (הושיעני אלהים כי באו מים עד נפש) — און אַזוי ווי איך האָב געהאט פארענדיקט דאָס 31סטע מאָל, איז אין דער זעלביקער רגע אַריינגעקומען צו אונדז אַ ייד, וועלכער האָט מיט מיין פאָטער אָפּגעשמועסט וועגן אַ נייער פרנסה.

פון דעמאָלט אָן — מוז איך מודה זיין — אז יעדעס מאָל, ווען עס ווערט מיר ענג יענעם לעבן, זאָג איך פאַר מיר דאָס דאָזיקע קאַפּיטל תהילים — און ווען איך ווער אַפילו נישט דערפון געהאָלפן אויפן מאָ־מענט, ווערט מיר תיכּף גרינג אויפן האַרצן און מיינע געפילן הייבן זיך אויף איבער יעדער דאגה, דערמאָנענדיק יענעם מאָמענט פון מיין קינד־הייט, ווען דער זאַלישטשיקער רבי האָט מיר געהייסן זאָגן דאָס 69סטע קאַפּיטל תהילים...

קאַפּיטל 17

די „תּלמוד תּורה כּללי" אין קראָקע

על פּי לוח האָבן מיר שוין געהאַלטן אָנהייב תּרל"ט און די דערציִ־אונג פון אונדזערע יידישע קינדער אין קראָקע האָט זיך נאָך פון דעסט־וועגן נישט געהאַט גערוקט אַפילו איין שריט פאָראויס. יידישע מיידלעך זענען שוין אַפילו געגאַנגען אין די „שקאָלעס" און מען האָט זיי געלאָזט לערנען פּויליש, דייטש און פראַנצויזיש. יידישע ייִנגלעך האָט מען אָבער נאָך גאָר ווייניק געלאָזט לערנען אין אַ שקאָלע — און אַ ייִנגל, וואָס האָט שטודירט, איז דעמאָלט געווען אַזאַ זעלטנהייט, אַז עס האָט אים איטלעכער געקענט און פון אים גערעדט. די מערסטע יידישע קינ־דער פונעם באַלעבאַטישן שטאַנד האָבן געלערנט נאָר אין חדר און בלויז אייניקע פלעגן נאָך לערנען ביי אַ פּריוואַטן לערער אויפשרייבן אַ דייטשן בריוו אָדער אַן אַדרעס. דערנאָך פלעגט מען דאָס ייִנגל לאָזן לערנען עטלעכע יאָר אין קלויז אָדער מען פלעגט אים אַוועקגעבן פאַר אַ משרת אין אַ געוועלב.

האָט זיך די רעגירונג פּלוצים גענומען פאַרפאָלגן די חדרים און פאַרלאַנגען פון יעדן פאָטער, ער זאָל שיקן זיינע קינדער אין שקאָלע, און ווי ווייט יידישע קינדער אין קראָקע זענען ביז דעמאָלט נישט גע־גאַנגען אין קיין שקאָלעס, קען מען אַמבעסטן זען פון דעם, וואָס עס איז ביז דעמאָלט גענוג געווען איין שולע פאַר אַלע יידישע קינדער אין קראָקע, און אַזוי ווי די רעגירונג האָט נאָר אָנגעהויבן צווינגען, אַז אַלע יידישע קינדער זאָלן גיין אין שול האָט מען באַלד געמוזט אויסבויען צוויי נייע שולן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס שיקן ייִנגלעך אין אַ שולע, איז נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען, ווי עס זאָגט זיך. קראָקעווער יידן האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַרן באַגריף „שקאָלע", כאָטש מען האָט פון אַ יידישן ייִנגל אין דער אַלגעמיינער שולע נישט פאַרלאַנגט, ער זאָל מחלל־שבת זיין. מען האָט אָבער פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל זיצן אין דער שולע אָן אַ היטל אויפן קאָפּ. דאָס האָט די יידן אָפּגעשראָקן און מען האָט צוליב דעם געזוכט אַלערליי תּחבולות, נישט צו שיקן אַ ייִנגל אין שול.

דעמאָלט האָט געוווינט אין קראָקע ר' חיים ליבוש הורוויץ, וואָס

איז מיט פיל יאָרן שפּעטער געווען רב אין זשאָלקיעוו און דערנאָך אין קראָקע. האָט ער געגרינדעט אַ „תלמוד תורה כללי", ווו מען זאָל לערנען אַלע יידישע לימודים, גלייך ווי אין יעדן חדר, און, אויסער דעם, זאָל מען דאָרט לערנען די לימודים פון די וועלטלעכע שולן, אַבי מען זאָל נישט דאַרפן גיין אין שקאָלעס און זיצן דאָרט אָן אַ היטל.

ר' חיים ליבוש הורוויץ איז געווען אַ זון פונעם סטאַניסלאַוּוער רב, ר' שאול הורוויץ (מחבר פונעם ספר „שו"ת בשמים ראש") און דעמאָלט איז ער געווען אַ יונגער איידעם אויף קעסט ביי אַ שווער אַן עושר מיטן נאָמען מיכאל ציפּרעס, וואָס האָט אַוועקגעשענקט אַ הויז און אַ פאַרמעגן מיט געלט פאַר אַ בית־המדרש. אויסער דעם איז נאָך דער דאָזיקער ר' חיים ליבוש געווען זייער אַ געבילדעטער מענטש, וואָס האָט גערעדט גוט דייטש און געהאַט די אמביציע, אויפצוציען אַ יונגן דור, וואָס זאָל זיין יידישלעך פרום און וועלטלעך געבילדעט דערצו.

דאָרט אין יענער „תלמוד תורה כללי" האָבן געלערנט פיל נגידישע קינדער, וואָס די מאַמעס זייערע האָבן זייער געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן לערנען כלערליי וועלטלעכע לימודים און זיי זאָלן פון דעסטוועגן נישט דאַרפן גיין אין די שקאָלעס. כאָטש עס איז דאָרט דער שכר־לימוד געווען אַ גרויסער, האָט מיין טאַטע געהאַט די אמביציע צו שיקן מיך לערנען אין דער „תלמוד תורה כללי". בין איך דאָרט אָנגעקומען אין דעם העכסטן קלאַס, סיי אין יידישע לימודים און סיי אין די אַלגעמיינע, כאָטש איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געקענט קיין וואָרט פּויליש און איך האָב אויך נישט געהאַט קיין שום ידיעה אין חשבון.

איך בין אין דער „תלמוד תורה כללי" געווען איינער פון די בעסטע תלמידים — און ספּעציעל אויסגעצייכנט האָב איך זיך אין צוויי קעגנשטאַנדן: אין דייטש און אין תנ"ך. מען האָט אויך דאָרט געלערנט גמרא און דער גמרא־מלמד איז געווען אַ געוויסער מרדכי ריפּע. האָט ער אָבער נישט פאַרמאָגט דעם „כח המושך" צו מיין האַרץ און איך האָב אַפילו נישט געוווסט, וואָס פאַר אַ גמרא מען לערנט, ביז עס איז דער טאַטע מיינער געוואָר געוואָרן דערפון און ער האָט מיר אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז ער וועט מיך שבת אַ ביסל „פאַרהערן". האָב איך אָבער שוין פיר חדשים נישט געהאַט אָנגעקוקט קיין גמרא און ערשט דאָנערשטיק נאָך מיטיק בין איך געוואָר געוואָרן, אַז איך לערן פּרק מרובה אין בבא־קמא. בין איך געגאַנגען צו מיינעם אַ שוועסטערקינד,

אהרן יונגער, וואָס איז גראָד דעמאָלט געווען אין קראָקע. האָט ער מיט מיר יענעם פּריוויטיק אַ גאַנצן טאָג דורכגעלערנט פינף בלאַט גמרא פון פּרק מרובה מיט רש״י און תוספות, איך זאָל קענען באַווייזן דעם טאַטן, אַז איך קען די גמרא, כאָטש מען זאָגט אויף מיר, אַז איך לערן נישט.

דאָס זעלביקע וואָס מיט גמרא איז אויך געווען מיט פּויליש, ווייל איך האָב אויך דאָס פּוילישע פּאַרנאַכלעסיקט, און מיין פּוילישער לע־רער, אַ געוויסער אַנטאָן אַרמהויז, איז פון מיר גאָר נישט צופרידן גע־ווען. נאָר תנ״ך און דקדוק האָב איך דאָרט גוט געלערנט ביי אַ מלמד מיטן נאָמען חיים פריינדליך. דעסגלייכן האָב איך אויך גוט געלערנט דייטש ביים דירעקטאָר מרדכי ווינטער.

חיים פריינדליך איז געווען אַ מלמד אַ משכיל, אַ גרויסער בעל־תנ״ך און אַ מדקדק. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געוואָרן אַ סוחר און געשטאָרבן איז ער צו 78 יאָר. מאַרקוס ווינטער איז געווען אַן אונגאַרישער ייד, אַ תלמיד פונעם „חתם סופר״. ער איז געקומען קיין קראָקע ווי אַ לערער פון דער יידישער שטאָטישער שול מיט דייטשער אונטערריכטס־שפּראַך. שפּעטער האָט די רעגירונג געענדערט די לערן־שפּראַך פון יענער שולע אויף פּויליש, איז דעמאָלט דער דאָזיקער מאַר־קוס ווינטער געבליבן אָן אַ שטעלע.

אין יענער צייט איז ר׳ שמעון סופר אָנגעקומען פאַר אַ רב אין קראָקע — און אַזוי ווי ער האָט דאָ באַגעגנט זיין פאָטערס תלמיד, מאַרקוס ווינטער, וועלכער האָט דעמאָלט געמאַכט אַ לעבן פון געבן לעקציעס פון דייטש אין רייכע הייזער, האָט ער ווינטערן צוגענומען פאַר אַ פּריוואַט־סעקרעטאַר, און אַזוי ווי ווינטער האָט אויך געהאַט רעכט אויף אָנצופירן אַ פאָלקס־שולע, האָט אים ר׳ חיים ליבוש אויפגע־נומען, ער זאָל ווערן דירעקטאָר פון דער „תלמוד תורה כללי״.

מאַרקוס ווינטער איז געווען אַ ייד אַ בן־תורה און אַ משכיל. ער האָט געהאַט זייער אַ שיינעם העברעאישן סטיל און מען האָט אים אויך נישט זעלטן געטראָפן זיצן איבער אַ גמרא. פון דעסטוועגן האָבן די קראָ־קעווער אָרטאָדאָקסישע יידן ווייניק וואָס פון אים געהאַלטן, ווייל ער איז אַמאָל געווען אַ תלמיד פונעם „חתם סופר״ און ער האָט זיך טראָץ דעם אָפּגעגעבן מיט „חכמות חיצוניות״.

אין זיין אַלטעגלעכער התנהגות האָט מען אַפילו נישט געקענט אויסגעפינען קיין שום פּגימה. יעדן טאָג אין דער פרי פלעגט ער לויפן

מיטן טלית־זאק אונטערן אָרעם דאוונען בצבור, און ווי ווייט ער האָט זיך געקענט אויסהיטן, נישט צו גיין אָן אַ יארמולקע, האָט ער דאָס געטאָן — און עס האָט אים אַלץ נישט געהאָלפן צו זיין רעפּוטאַציע.

קראָקעווער חסידים האָבן אויך פאַרפאָלגט די „תלמוד תורה כללי" מיט פאַרשיידענע בילבולים. אזוי ווי מען האָט דאָרט איבערזעצט תנ"ך אויף דייטש, האָט מען זיך אין די חסידישע קלויזן דערציילט, אַז די תלמוד תורה כללי האַלט אַ ספּעציעלן מיסיאָנער, וואָס וואַרט ביז די קינדער וועלן דאָרט אויסלערנען גאַנץ תנ"ך, ער זאָל אָנהייבן לערנען מיט זיי דעם „נייעם טעסטאַמענט". צוליב דער „תלמוד תורה כללי" איז דער נאָמען פון ר' חיים ליבוש הורוויץ דערנידריקט געוואָרן ביי אַלע חסידישע יידן אין קראָקע — און ווען ער האָט שפּעטער געוואָלט ווערן רב אין קראָקע, האָבן אים חסידים באַקעמפט פאַר דער גרינדונג פון דער „תלמוד תורה כללי".

די גאַנצע צייט, וואָס די „תלמוד תורה כללי" האָט עקזיסטירט, האָט זיך ר' שמעון סופר, דער רב פון קראָקע, געהאַלטן פון ווייטן. די גרינדער פון דער שולע האָבן ביי אים כסדר געבעטן אַ גוט וואָרט פאַר דער שול. האָט ער זיי מדחה געווען פון טאָג צו טאָג. זענען געקומען די קעגנער פון דער שולע און האָבן ביי אים געבעטן אַ וואָרט פון קעגנערשאַפט, האָט ער דאָס אויך נישט געוואָלט זאָגן, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרטשעפּען מיט דער משפּחה פון ר' חיים ליבוש הורוויץ און אויך האָט ער נישט געוואָלט שעדיקן די פּרנסה פון זיין פּריוואַט־סעקרעטאַר, דעם פריער - דערמאָנטן מאַרקוס ווינטער.

יעדן נאָכמיטיק, ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער שול, האָבן אונדז אָפּגעוואַרט מחנות חסידישע ייִנגלעך פון די חדרים און זיי האָבן געוואָרפן אויף אונדז שטיינער. אויסער דעם האָבן זיי אונדז גערופן מיט פאַרשיידענע צונעמענישן און אונדזער שולע פלעגן זיי רופן „תלמוד תורה קללה" (פאַרשאָלטענע תלמוד תורה).

פינף חדשים צייט האָב איך געלערנט אין דער „תלמוד תורה כללי". אַזוי ווי דער טאַטע מיינער איז נישט געווען בכח, צו צאָלן מלמדות־געלט, האָט ער זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט, וואָס איך האָב נישט געוואָלט לערנען קיין גמרא ביי מרדכי ריפ — און ער האָט מיך נאָך פינף חדשים פון יענער שולע אַוועקגענומען.

צווישן מרדכי ריפס תלמידים האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט

דער זון פון ר׳ חיים ליבוש הורוויץ מיטן נאָמען מיכאל, וואָס איז דענסטמאָל געווען אין דעם זעלביקן עלטער וואָס איך — און אַזוי ווי ער איז געווען דער בעסטער תלמיד אין קלאַס, האָט אים דער מלמד נישט געזשאַלעוועט קיין פּעטש, סיי ווען ער האָט געקענט דעם שיעור פון דער וואָך און סיי ווען ער האָט נישט געקענט. דער מלמד איז דערפאַר אין מיינע אויגן געווען ווי אַ פּשוטער גזלן, וועלכער האָט אַ סאַדיסטישע הנאה פון שלאָגן די תלמידים. מיר איז דאַן איבערהויפּט געווען אַ וווּנדער, וואָס דער מיכאל הורוויץ לאָזט זיך אַזוי פּאַטשן, ביז איך האָב אַמאָל אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע פון אַלע תלמידים קעגן דעם מלמד און עס זענען פון אונדז געלאָפן אַ חברה פון צען תלמידים צוקלאָגן דעם מלמד צו ר׳ חיים ליבוש הורוויץ אַליין, וועלכער איז גראָד דענסטמאָל געווען אינעם בנין פון דער שולע.

שפּעטער מיט יאָרן האָב איך געהערט, אַז מיכאל הורוויץ האָט נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער געוואָלט קאַנדידירן אויפן קראָקעווער רבנות. אָבער אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז זיין קאַנדידאַטור מאַכט אָן אַ מחלוקה אין שטאָט, האָט ער רעזיגנירט פון זיין קאַנדידאַטור ווי אַ רב און ער איז געוואָרן אַ סוחר פון דיאַמאַנטן אין אַנטווערפּן.

נאָך מיין אַוועקגיין פון דער „תלמוד תורה כללי״ האָט די שולע נאָך עקזיסטירט נישט מער ווי אַנדערטהאַלבן יאָר. אַזוי ווי ר׳ חיים ליבוש הורוויץ איז דעמאָלט געוואָרן רב אין זשאַלקיעוו, האָט זיך די „תלמוד תורה כללי״ פאַרמאַכט. עטלעכע יאָר שפּעטער האָט די קהלשע תלמוד תורה אין קראָקע אונטערן צוואַנג פון דער רעגירונג איינגע־פירט ביי זיך דאָס לערנען די אלגעמיינע לימודים — און אַ קינד, וואָס האָט געלערנט אין דער קהלשער תלמוד תורה איז נישט געווען מער פאַרפליכטעט צו באַזוכן די עפנטלעכע שול.

קאַפּיטל 18

אהרן פויסטס בוכהאַנדלונג און יוסף פישערס דרוקעריי

די באַקאַנטע העברעאישע בוכהאַנדלונג פון אהרן פויסט אין קראָ־קע, וואָס אירע קאַטאַלאָגן זענען פאַר לאַנגע צייטן געווען דער הויפּט־קוואַל פאַר כלערליי ביבליאָגראַפן, איז אויך לאַנגע יאָרן געווען דער

איינציקער יידישער קולטור־צענטער אין קראָקע. די אינטעליגענטן פון דער קראָקעווער יידישער גאַס האָבן אין יענער צייט נישט געהאַט קיין פּאַראיין פאַר זייערע צוזאַמענקונפטן און צוליב זייער קאַטעגאָריע אין דער געזעלשאַפט איז זיי נישט אָנגעשטאַנען, צו גיין אַמאָל אין אַ קאַפע־הויז אָדער אין אַ שענק. פלעגן זיי זיך צונויפקומען ביי אהרן פויסטן אין דער בוכהאַנדלונג, ווו מען פלעגט אַרומריידן די לעצטע געשעענישן אין שטאָט, כאַפּן אַ קוק אויף די נייעסטע דערשיינונגען אין ליטעראַטור און לייענען די העברעאישע צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט.

אין 1879 איז צוגעקומען אין קראָקע נאָך אַזאַ צענטער: די דרוק־קעריי פון יוסף פישער. די גרינדונג פון דער דאָזיקער דרוקעריי האָט געבראַכט דעם חשק אויף צו גרינדן אַ צייטונג אין קראָקע. אָרטאָדאָק־סיש געזאָנענע יידישע בחורימלעך זענען געוואָרן „דרוקעריי אַרבעטער" און עס איז אויך געקומען אַמאָל אַ מחבר פון דער פרעמד, דרוקן דאָרט אַ ווערק.

אַפילו צונויפצוקומען זיך אין דער קלויז צום צוועק פון אַן אינטע־ליגענטן שמועס, האָבן קראָקעווער משכילים נישט געקענט. אומבאַרו־פענע אויערן האָבן אומעטום אונטערגעהערט און אַרויסגעקוקט, צו כאַפּן ביי זיי אַ שטיקל נישט „גלאַט־כשרן" געדאַנק, אויסגעדריקט אין אַ נישט־באַדאַכטן אויגנבליק. די לעבנס־אומשטענדן אין דער דעמאָלטיקער יידישער גאַס זענען געווען אָרעמע און עס האָט זיך נישט קיינער גע־קענט פאַרגינען, צו מאַכן ביי זיך אַ צוזאַמענקום אַפילו נאָר ביי אַן אָרעם גלעזל טיי. די, וואָס האָבן שוין געהאַט געבראַכן מיטן באַלעבאַ־טישן שטייגער לעבן, האָבן געהאַט אַנדערע ערטער פאַר זייערע צוזאַ־מענקומען. זיי האָבן זיך געקענט טרעפן ערגעץ אין אַ ביער־שענק. אָבער אַזעלכע באַלעבאַטישע יידן אַ שטייגער ווי מיין פאָטער האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן אָרט פאַר אַן אינטעליגענטן שמועס, ווי נאָר ביי אהרן פויסטן אין דער בוכהאַנדלונג, ווו מען האָט כלומרשט נאָכגע־פרעגט אויף עפּעס אַן אַלטע „שיימע", אָדער ביי יוסף פישערן אין דער דרוקעריי, ווו מען האָט זיך גענומען שמועסן וועגן שריפטן, וואָס ליגן ביי יעדן אין שופלאָד און מען וויל זיי לאָזן דרוקן.

אהרן פויסט און יוסף פישער זענען געווען צוויי מערקווירדיקע טיפּן, וואָס האָבן שטאַרק משפּיע דעם גאַנג פון מיין גייסטיקער אַנט־וויקלונג.

דער בוכהענדלער אהרן פויסט איז געווען באַקאַנט ווי אַ „הויט־רייסער". אַ מחבר, וואָס איז צו אים אין די הענט אַריינגעפאלן, האָט ביי אים באַלד פאַרלוירן דעם קאָפּ און האָט זיך אמאָל אין קראָקע גע־פונען אַ ייד, וואָס האָט געוואָלט אויפשטעלן אַ קאָנקורענץ־בוכהאנד־לונג, פלעגט פויסט קעגן זיין קאָנקורענט אָנווענדן אַלערליי דערלויב־טע און נישט־דערלויבטע טריקס, ביז ער האָט דעם קאָנקורענט אָפּגע־ראַמט פונעם פלאַץ.

טראָצדעם איז דער דאָזיקער פויסט געווען איינער פון די גרעסטע אידעאַליסטן, וואָס האָט אַוועקגעגעבן אַלע זיינע כחות און זיין גאַנצע ענערגיע, אויף צו מאַכן זיין בוכהאנדלונג פאַר איינע פון די גרעסטע אין דער וועלט. ער האָט געהאַט די אמביציע, צו האָבן אַלע מעגלעכע ספרים אין זיין בוכהאנדלונג — און ווען עס איז אים אַמאָל אויסגעקו־מען, צו פאַרקויפן אַ ספר אַ „יקר המציאות", האָט ער איבער אים גע־קרעכצט, גלייך ווי עס קרעכצט אַ טאַטע, ווען ער שיקט אַוועק פון זיך זיין געליבט קינד.

אהרן פויסטס בוכהאנדלונג איז געגרינדעט געוואָרן אין 1866 — און פון דער ערשטער מינוט אָן האָט דער מענטש איר געווידמעט אַלע זיינע פעאיקייטן, צו מאַכן פון זיין געשעפט אַ וועלט־בוכהאנדלונג און דאָס איז אים אויך געלונגען. ווי עס איז שוין אויבן באַמערקט, איז זיינער אַ קאַטאַלאָג געווען אַ וועגווייזער פאַר יידישע ביבליאָגראַפן — און ווען עס האָבן אַמאָל די גרויסע ביבליאָטעקן פון דער וועלט געוואָלט קריגן עפּעס אַ בוכהענדלעריש אַנטיקל, האָבן זיי געוווסט, אַז זיי קענען דאָס געפינען נאָר ביי אהרן פויסט אין קראָקע.

פויסט איז געווען אַ ישיבה־בחור, וואָס האָט זיך אַרומגעוואַלגערט איבער די ישיבות אין אונגאַרן און מערן, ביז ער איז געוואָרן אַן איי־דעם פון ר' פייוויש פרענקעל, אַ ייד אַ למדן און אַ שוחט אין לאָסלוי (אויבערשלעזיען). ער האָט דעמאָלט באַלד מפורסם געמאַכט דעם שווער זיינעם ווי אַ מחבר פון פאַרשיידענע רבנישע ספרים און פירושים אויף גמרא, אין הילכות שחיטה און אַ מראה־מקומות אין ש"ס („ציון לדרש").

מיין הונגער צו לייענען איז דאַן געווען זייער גרויס, שטאַרקער ווי עמעצער קען זיך דאָס פאָרשטעלן. האָב איך גענישטערט צווישן די ספרים אינעם בית־המדרש און איך פלעג לייענען די „שערים", די הסכמות און די הקדמות פון די מחברים. דער ענין גופא פון די אַלע

ספרים האָט מיך דענסטמאָל ווייניק וואָס אינטערעסירט. האָבן מיך די גרויסע בחורים צוגעקלאָגט צום שמש, אַז איך מיש אין די ספרים און איך צורייס זיי. זאָל ער מיך דערפאַר אָוועקטרייבן פון די ספרים. האָט מיין פאָטער גערעדט דעם שמש און אים געבעטן, ער זאָל מיר נישט שטערן, צו מישן אין די ספרים, וויפל איך וויל, ווייל איך בין שוין אַ שטיקל יודע ספר און עס איז נישט פאַראַנען קיין סכנה, אַז איך וועל די ספרים צערייסן.

אַ ביסל שפּעטער כ'לעגט מיר מיין מאַמע געבן יעדן טאָג צוויי קרייצער אויף פרישטיק. האָב איך מיר פאַר דעם געלט נישט געקויפט קיין עסן, נאָר איך האָב מיר צונויפגעקליבן ביז צען קרייצער, איך זאָל מיר קענען קויפן אַ לשון־הקודשדיק ספּרל צום לייענען. דאָס ערשטע ספּרל, וואָס איך האָב מיר געקויפט — „שו״ת מן השמים״, ווו עס ווערט איבערגעגעבן, אַז אַ געוויסער ר׳ יעקב ממרויש ומקורביל פלעגט אָנ־שרייבן זיינע שאלות אויף אַ פּאַפּיר, געלאָזט דאָס ליגן איבער נאַכט און אויף מאָרגן האָט ער געטראָפן אָנגעשריבן אַ תשובה פון אַ געטלע־כער האַנט.

האָט מיין פאָטער אַ קוק געטאָן אויף דעם ספּרל, וואָס איך האָב געקויפט און אין וועלכן איך האָב אַ גאַנצע וואָך פלייסיק געלייענט — און ווען מיין פאָטער האָט אין דעם אַ ביסל אַריינגעקוקט, האָט זיך צע־שפּילט אַן איראָנישער שמייכל אויף זיינע ליפּן, נאָר ער האָט מיר גאָר נישט געזאָגט.

דאָס צווייטע ספּרל, וואָס איך האָב זיך געקויפט, איז געווען „בת־שבע״, אַ שיר פון שלמה מאַנדעלקערן, ווו עס ווערט פּאָעטיש געשיל־דערט די מעשה פון דוד המלך מיט בת־שבען. האָט אויף דעם מיין פאָ־טער בלויז געזאָגט: „פאַרשטייסטו דאָס דען?״ דערביי האָט ער זיך אָבער נישט באַמיט, מיך אויסצופרעגן אויפן אינהאַלט פונעם ספּרל.

ווען איך האָב אָבער דאָס דריטע ספּרל אהיימגעבראַכט, און דאָס איז געווען „שבחי בעש״ט״, איז מיין פאָטער אַריינגעפאַלן אין אַ כעס, ווי איך האָב ביי אים קיין מאָל נישט געזען. ער האָט געכאַפּט דאָס ספּרל, צעריסן עס אויף פּיצלעך און געטראָטן עס מיט די פיס — און ווען איך האָב דאָס נישט געוואָלט לאָזן, האָט ער מיר אין זיין כעס אַ פּאַטש געגעבן. איז דאָס געווען דער ערשטער און לעצטער פּאַטש, וואָס איך האָב ווען עס איז געקראָגן פון מיין פאָטער.

און אַזוי ווי מיין פאָטער האָט דעמאָלט געזען, אַז ער מוז מיך באַ־זאָרגן מיט לייען־שטאָף, האָט ער געזוכט די געלעגנהייט, צו גיין מיט מיר צו אהרן־פויסט, איך זאָל מיר דאָרט אויסזוכן עפּעס אַ ספרל. פלעגט זיך מיין פאָטער דאָרט אָוועקזעצן שמועסן צווישן די אנדערע משכילים און בעת דער צייט, פלעג איך זיך אַריינגנבענען צו די ספרים, בשעת דער עולם האָט געשמועסט און איך האָב דערווייל אַרומגענישטערט, ביז איך האָב געפונען אַ ספרל, וואָס האָט מיך אינטערעסירט אויף אריינצו־קוקן אין אים און דער טאטע האָט עס געמוזט פאַר מיר קויפן.

פויסט האָט דעמאָלט געזען מיין הונגער צו ביכער, און אַזוי ווי ער האָט גוט געוווסט, אַז דער טאַטע מיינער קען מיר נישט קויפן די אַלע ספרים, וואָס איך פאַרלאַנג, האָט ער מיר געליען אַהיים אומזיסט אַלע ספרים, וואָס איך האָב נאָר געוואָלט. און אַזוי ווי איך האָב דע־מאָלט נישט פאַרשטאַנען, צו קלייבן דאָס בוך אָדער דעם ספר, וואָס פאַסט פאַר מיר, האָב איך גענומען פויסטס רשימה פון זיין בוכהאנד־לונג, און אַזוי ווי די ספרים זענען געווען פאַרצייכנט אין דער רשימה, אַזוי האָב איך זיי געלייענט איינס נאָכן אַנדערן. דאָס ערשטע ספר, וואָס איך האָב געלייענט איז געווען דער „אבודרהם". דערנאָך האָב איך גענו־מען „אבות דרבי נתן" און דערנאָך האָב איך געקראָגן אַ העברעאיש לעזע־ביכל מיטן נאָמען „אבטליון" פון אהרן וואָלפסאָן האַללע. שפּעטער האָב איך געלייענט אַ פירוש אויפן אבן־עזרא מיטן נאָמען „אביעזר" פון ר' שלמה מליסא און נאָך שפּעטער האָב איך געקראָגן אַ צווייטן „אביעזר" פון מרדכי אהרן גינצבורג.

ענדלעך האָט פויסט געזען, ווי איך מוטשע זיך מיטן אויסזוכן אַ פאַסיקן ספר צום לייענען און איך ווייס נישט אַליין, וואָס איך זאָל אויסקלייבן, האָט ער דאָס אויסקלייבן די ספרים פאַר מיינעטוועגן גע־נומען אויף זיך און ער האָט מיר שוין אויסגעקליבן וואָס איך זאָל לייענען.

העכער 35 יאָר האָט אהרן פויסט אָנגעפירט זיין בוכהאנדלונג און האָט זיך די גאַנצע צייט נישט פאַרגונען צו פאַרברענגען אַ שעה מיט זיין פאַמיליע, אָדער צו גיין אַמאָל שפּאַצירן. בייטאָג און ביינאַכט האָט ער נאָר געקלערט וועגן זיינע ספרים. זיי זענען געווען די נאָענטע פריינט פון זיין לעבן און נאָר אין זייער געזעלשאַפט האָט ער געפונען זיין פאַרגעניגן. און ווען ער איז (62 יאָר אַלט) געשטאָרבן, האָט מען די

גאַנצע בוכהאנדלונג זיינע פארקויפט פאַר 15 טויזנט קראָנען (דריי טויזנט דאָלאר).

ביז צום יאָר 1879 איז נישט געווען קיין יידישע דרוקעריי אין קראָקע. אין אַלטע צייטן איז דאָרט געווען איינע פון די ערשטע יידישע דרוקערייען אין פוילן. אין די עסטרייכישע צייטן האָט דאָרט אַ דייטשער גוי מיטן נאָמען בודווייזער געהאַט אַ יידישע דרוקעריי. האָט זי אָבער נישט געקענט עקזיסטירן, ווייל קראָקע האָט דעמאָלט נישט געקענט געבן גענוג אַרבעט פאַר אַ יידישער דרוקעריי. איז אין 1879 געקומען יוסף פישער און האָט זיך געמאַכט אַ דרוקעריי אין קראָקע, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו איינער פון די גרעסטע און שענסטע יידישע דרוקערייען אין דער וועלט.

אין זיין פּריוואַטן לעבן איז יוסף פישער געווען חזן אינעם קראָקעווער רעפאָרמירטן טעמפּל און ווי אַזעלכער האָט ער געמאַכט אַ שיין לעבן. מוזיקאַליש גוט אויסגעבילדעט און באַגאַבט מיט אַ שטאַרקער שטים, וואָלט ער ווי אַ חזן געקענט ווערן איינער פון די גרעסטע. האָט ער אָבער געהאַט יצר־הרע גרויס צו ווערן אויף אַן אַנדער פעלד. האָט ער געגרינדעט אַ גרויסע ליי־ביבליאָטעק און דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ יידישע דרוקעריי. צוערשט האָט ער געהאַט אַ שותף צו דער דרוקעריי. שפּעטער האָט ער אויסגעצאָלט דעם שותף זיין חלק און איז געבליבן אַליין ביי דער דרוקעריי.

פישער האָט אַוועקגעלייגט זיין לעבן פאַר דער דרוקעריי. איך ווייס נישט, צי זי האָט אים אַריינגעבראַכט עפּעס צו דער פּרנסה. אָבער צרות האָט ער געהאַט פון איר זייער פיל. ווי ער האָט נאָר צונויפגעקראַצט עטלעכע גולדן, האָט ער זיי אַריינגעלייגט אין די אויסבעסערונגען פון זיין דרוקעריי.

ווו נאָר אַ מחבר, וואָס האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף אַרייַנצולייגן אינעם דרוק פון זיין חיבור, איז ער געגאַנגען דרוקן ביי יוסף פישער, וואָס האָט אָנגענומען דרוקן אַלצדינג אָן אַ חשבון — און אין די קעלערן ביי אים האָט איר געקענט געפינען טויזנטער פאַרשיידענע ביכער, וואָס די מחברים פלעגן נישט קענען אַרויסנעמען. זייער אָפט פלעגט ער נאָך די מחברים בעטן, זיי זאָלן ביי אים אַוועקנעמען די ספרים גאַנץ אומזיסט, ווייל עס האָט אים אויסגעפעלט פּלאַץ פאַר אַלע

ספרים, וואָס די מחברים זייערע האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַרן דרוק פון זייערע חיבורים.

מיט יוסף פישערן האָט זיך מיין טאַטע דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט ביי אהרן פויסטן אין דער בוכהאנדלונג. דאָרט האָט פישער געזען מיין ביכער־דורשט. און אַזוי ווי איך בין אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט ער מיר דערלויבט, צו נעמען אומזיסט דייטשע ביכער אין זיין לייביבליאָטעק. דערביי האָט ער מיך אויך פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס איך לערן נישט קיין פויליש.

אָט אַזוי זענען יוסף פישערס דרוקעריי און אהרן פויסטס בוכהאנדלונג געווען צוויי וויכטיקע קולטור - צענטרען אין קראָקע. מיט דער גרינדונג פון יוסף פישערס דרוקעריי קען זיך אויך רעכענען, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין דער אנטוויקלונג פון דער יידישער אינטעליגענץ אין קראָקע.

קאַפּיטל 19

מתים האָבן געוויינט אין זייערע קברים

אין אַ געוויסן טאָג פונעם חודש אב אינעם 1879סטן יאָר איז פּלוצים אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע פּאַניק איבער דער גאַנצער יידישער גאַס אין קראָקע. פונעם בית־הקברות האָבן זיך דעמאָלט יעדע נאַכט געהערט יעמערלעכע געוויינען, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די נערוון פון אַלעמען, וואָס עס איז זיי אויסגעקומען פאַרביי צו גיין נאָענט פון יענער געגנט.

דערביי איז אויך כדאי צו וויסן, אַז די פאַרבייגייער זענען דאָרט דעמאָלט געווען זייער ווייניק, ווייל דער אַזוי אָנגערופענער „נייער וועג", וואָס האָט געהייסן אויף פויליש „אוליצא וואַלאָווא", איז ערשט נאָר וואָס געהאַט פאַרטיק געוואָרן און יידן האָבן נאָך דעמאָלט דאָרט נישט געוווינט. אַרויסקומענדיק פון דער „הויכער גאַס" צו דער „באַנבריק" אויפן וועג צום בית־הקברות, איז נאָך געווען אַ ליידיקער פּלאַץ.

איינער אַ פּאָליאַק מיט צוויי לאַנגע באַקנבערד אַ־לאַ פראַנץ־יאָזעף, מיטן נאָמען מאַיער, האָט דאָרט געהאַט זיינע שטאַלן מיט קי, וווּ יידן זענען געקומען קויפן פריש־געמאָלקענע מילך — און אויפן „דאַי־

וואַר״ ביים נישט־צוגעדעקטן קאַנאַל האָבן זיך בלויז געפונען אייניקע אַלטע איינגעפאַלענע הייזלעך, ווו עס האָבן געוווינט אָרעמע פיש־כאַ־פערס און שבת־גוים.

ביז ניין אזייגער אין אָוונט פלעגן דאָרט אַרומגיין סאָלדאַטן מיט שיקסעס און פון נאָך ניין אזייגער פלעגן דאָרט אַרומשפּאַצירן יידישע פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס פלעגן זיך אַוועקלאָזן ביז העט ווייט הינטער דער קברות־מויער, ווו עס איז געווייינלעך געווען שטאַרק־פינצטער, ווייל עס האָט שוין דאָרט נישט מער געברענט קיין לאָמפּ. פלעגט זיך דאָרט שוין דענסטמאָל אַנטפּלעקן דער סוד, אַז אַרום אַ בית־הקברות, ווו עס הערשט די שטילקייט פונעם טויט, דערוועקן זיך שטענדיק די געפילן פון אַ ניי לעבן...

האָבן זיך דעמאָלט פּלוצים דערהערט יענע שרעקלעכע קולות פּו־נעם בית־הקברות, זענען ביי די פּאַרליבטע פּאָרלעך אַלע אברים אָפּגע־שטאָרבן פאַר שרעק און מען האָט אויפגעהערט, צו דערנענטערן זיך ביי־נאַכט צו יענער געגנט. כאָטש עס האָט נישט קיינער געוווסט אויף געווי, וואָס די געשרייען זענען און פון וואַנען זיי קומען.

זענען ארומגעגאנגען וועגן דעם פּאַרשיידענע קלאַנגען. האָט מען געשמועסט, אַז די מתים וויינען אין זייערע קברים, ווייל זיי זעען, ווי עס גרייט זיך אָן אַ גרויס אומגליק איבער דער שטאָט. אין דער לופט האָט זיך געהערט וועגן צוגרייטונגען צו מלחמות — און פון באָסניע, וואָס איז דעמאָלט נאָכן רוסיש־טערקישן קריג אָקופּירט געוואָרן פון עסטרייך, האָבן זיך געהערט נישט קיין פריילעכע בשורות...

דערצו האָבן אויך אַלטע יידן דערציילט, אַז מיט יאָרן צוריק איז אַן ענלעכע מעשה פאָרגעקומען. עס האָבן זיך פּלוצים יעדע נאַכט גע־הערט שרעקלעכע קולות און מתים האָבן אָנגעקלאַפּט ביי די אין יענער שכנות וווינענדיקע גוים אין די פענצטער, בעטנדיק זיי, צו גיין אָנזאָגן צו די יידן די בשורה, אַז חיות רעות האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין בית־הקברות און זיי שטערן די מנוחה פון די מתים.

אָט אַזוי האָבן אַלטע יידן דערציילט וועגן אַמאָליקע געשרייען, וואָס זענען געקומען פונעם בית־הקברות — און וועגן די איצטיקע גע־שרייען האָט זיך נישט קיינער געטרויעט, צו טאָן אַ שריט, אויף צו פּרוון דערגיין, וואָס די געשרייען באַטייטן. איטלעכער אין שטאָט האָט

װעגן דעם גערעדט און דערציילט, אָבער דאָס ריכטיקע האָט קיינער נישט געװוּסט.

די קברנים, װאָס װױנען לעבן דעם בית־הקברות, פלעגן אויך דער־ציילן שרעקלעכע מעשיות. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט זאָגן, אַז זיי האָבן די אַלע שרעקלעכקייטן געזען מיט די אייגענע אויגן, װײַל מען פלעגט דענסטמאָל נישט באַגראָבן אין קראָקע ביינאַכט, האָט זיך שוין אַפילו אַ קברן נישט געטרויעט, צו מאכן ביינאַכט אַן אונטערזוכונג פון דעם, װאָס עס קומט פאָר אין דער פינצטער צװישן די מצבות.

איז דער עולם געלאָפן צום רב, דערציילן װאָס עס טוט זיך אין שטאָט. האָט דער רב געזאָגט, אַז מען דאַרף מאַכן אַ גענױע חקירה ודרישה אינעם גאַנצן ענין, װײַל ער דענקט, אַז עס געפינען זיך דאָרט חיות רעות, װאָס פרעסן די קערפּערס פון די טויטע און די געשרייען קומען טאַקע נאָר פון די חיות רעות און נישט פון די מתים.

דערביי האָט אויך דער רב דערמאָנט, װאָס זיין פאָטער (דער בעל „חתם סופר”) דערציילט אין זיינע „זכרונות”, אַז איידער די פראַנצױזן זענען אָנגעפאַלן אויף פּרעשבורג, האָט מען אויך דאָרט געהערט פאַר־שיידענע װילדע קולות פונעם בית־הקברות און דער סוף איז דענסטמאָל געװען, אַז די דאָזיקע קולות האָבן געדאַרפט אָנזאָגן צו די פּרעשבורגער יידן, אַז עס שװעבט אַ גרויסע סכנה איבער זייערע קעפּ...

שפּעטער איז דער עולם געגאַנגען שמועסן װעגן די קולות פונעם בית־הקברות מיטן זאַלישטשיקער רבין, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז װאַרשיינלעך דער אָנהייב פון משיחס צייטן און עס האַלט שוין אודאי ביים מקוים װערן די נבואה פון דניאל, אַז „רבים מישני אדמת עפר יקיצו”.

באַלד נאָך שבועות פון יענעם יאָר האָב איך צוריק אָנגעהויבן זיך טרעפן מיט יוכבדן, דעם זאַלישטשיקער רבינס טאָכטער — און אַזוי װי אונדזערע באַגעגענישן זענען שטענדיק געװען אָפענע פאַר אַלעמען, האָט דאָס שוין פאַר אונדז נישט געהאַט דענסטמאָל קיין רייץ. האָבן מיר דערפאַר באַשלאָסן צו האָבן געהיימע צוזאַמענקונפטן אין דער גע־גנט פונעם בית־הקברות, װוּ מיר פלעגן אַרומריידן דעם אינהאַלט פון די ביכלעך, װאָס מיר האָבן צוזאַמען געלייענט.

האָבן מיר פּלוצים דערהערט די געװיינען פונעם בית־הקברות, זע־נען ביי אונדז אַלע אברים אָפּגעשטאָרבן. יוכבד האָט שרעקלעך געצי־

טערט פֿאַר מורא און האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר, זוכנדיק שוץ אונטער מיינע פֿליגלען — און איך בין דענסטמאָל געווען אַ „מאַנצביל״ פֿון קאַרגע עלף יאָר, בין איך אליין שיער נישט געפֿאלן אין חלשות פֿאַר פּחד.

שטיל איז געווען אין דער גאַנצער גאַס און אַ מענטש האָט זיך נישט געזען. אַ רואיקע האָט זיך די לבנה שפּאַצירט אויפֿן הימל און איר ווייס ליכט האָט באַלויכטן די ארומיקע פֿינצטערניש. האָב איך דעמאָלט דייטלעך געהערט, ווי עס ווײנט דאָס קול פֿונעם בית־הקברות און שרייט דערביי פֿאַרשיידענע פּסוקים פֿון תהילים.

דאָס קול פֿונעם געוויין איז געווען אַזוי אומגעהייער יעמערלעך און זיין עכאָ האָט זיך אָוועקגעטראָגן ווייט אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט. האָב איך דערציילט וועגן דעם מיין טאַטן, פֿאַרשווייגנדיק דער־ביי, מיט וועמען איך בין געגאַנגען. האָט מיר דער טאַטע אָנגעזאָגט, איך זאָל אויף מאָרגן ווייטער צוגיין צום בית־הקברות, גענויער צו דערגיין פֿון וואַנען די קולות קומען.

דער קראָקעווער בית־הקברות איז געווען אַזוי געבויעט, אַז אַ כהן זאָל מעגן אַריינגיין עטלעכע שריט. דאָס טויער איז געווען אָן אַ „ביי־שטידל״ פֿון אויבן און איז דערפֿאַר נישט „מטמא״. די ערשטע קברים זענען אויך ווייט פֿון דער מויער. בין איך באַלד די אנדערע נאַכט אַהינגעגאַנגען מיט יוכבדן און די מורא פֿון נעכטן איז פֿון מיר אין גאַנצן אָפּגעטראָטן. יוכבד האָט זיך צו מיר שטאַרקער צוגעטוליעט און געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ העלד. איך בין אויך געווען זיכער, אַז די מיצווה פֿון כבוד אב, וואָס איך גיי פֿאָלגן, וואָס דער טאַטע האָט מיר געהייסן טאָן, וועט מיך באַשיצן אויף מיין וועג.

האָב איך דאָרט ביים ליכט פֿון דער לבנה דערזען, ווי עס שטייט אַ מענטש צווישן די קברים, אָנגעטאָן אין ווייסן און שרייט מיט באַ־נומענע קולות. און כאָטש איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס קען נישט זיין קיין מת, ווייל איך האָב דייטלעך געהערט אים זאָגן פּסוקים פֿון תהילים און איך האָב ערנסט געגלויבט, אַז „לא המתים יהללו יה״, וועלכעס מיינט, אַז טויטע קענען נישט זאָגן קיין תהילים, בין איך פֿון דעסטוועגן תיכף אַנטלאָפֿן און האָב נישט געוואָלט גאָר מער זען.

אויפֿן וועג אַהיים האָב איך זיך געדאַרפֿט אָמפּערן מיט יוכבדן, ווייל איך האָב איר געוואָלט באַווייזן, אַז זי איז די ערשטע אַנטלאָפֿן

און זי האָט ווייטער מיר געוואָלט איינריידן, אַז איך בין דער ערשטער אַנטלאָפן.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט דער קברן געפונען אַ טויטן מענטשן אָנגעטאָן אין תכריכים, ליגנדיק אויף זיין ווייבס קבר. האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן, פון וואַנען די געשרייען אויפן בית־הקברות זענען געקומען און וואָס זייער סיבה איז געווען. ביי אַ געוויסן חיים־לייב ראָזענצווייג איז דאָס ווייב געשטאָרבן און ער איז געבליבן אויף דער וועלט איינער אליין, ווייל ער איז געווען אָן קינדער און אָן קרובים. איז אים דאָס לעבן אזוי נמאס געוואָרן, אַז ער איז אזש געגאַנגען יעדע נאַכט צום ווייבס קבר אויפן בית־הקברות, אָנגעטאָן אין תכריכים, בעטן זיך דאָרט ביים ווייב, זי זאָל אים באַפרייען פונעם לעבן, ביז ער איז אויך ענדלעך אויף איר קבר געשטאָרבן.

פון דעסטוועגן האָט דער עולם גיכער געגלייבט, אַז די מתים האָבן געוויינט אין די קברים און אַ ראיה איז געווען, וואָס עס האָבן יענעם זומער געבושעוועט די קינדער־קראַנקייטן, וועגן וועלכע איך האָב שוין געשריבן.

קאַפּיטל 20

שמעון בערמאַן

באַלד, ווי דער רוסיש־טערקישער קריג פון 1877 האָט זיך פאַרענדיקט און עס האָבן זיך געשאַפן פאַרשיידענע פּאָליטישע פאַרהעלטנישן, וועגן וועלכע אונדזער יידישע גאַס אין קראָקע האָט בלויז געוווּסט, אַז עסטרייך האָט אַרויסגעשיקט עטלעכע פון אירע רעגימענטן מיליטער, צו פאַרכאַפּן די טערקישע פּראָווינץ באָסניע, האָט זיך פּלוצים פאַרשפּרייט ביי אונדז די ידיעה אַז אַ חברה „מיסיאָנערן" אין לאָנדאָן האָבן זיך גענומען אַרבעטן מעשים, צו גרינדן „קאָלאָניעס" פאַר יידן אין ארץ־ישראל, ווו זיי זאָלן זיך קענען מפרנס זיין פון אייגענער אַרבעט און זיי זאָלן נישט מער דאַרפן אַרויסקוקן אויף די נדבות פון חוץ־לארץ.

האָט מען דאָס ביי אונדז אויסגעטייטשט אויף פאַרשיידענע אופנים. דער ענין גופא איז אין געוויסע קרייזן אַ ביסעלע געפעלן געוואָרן. זאָלן זיך די יידן אין ארץ ישראל צוגעוווינען צו פּראָדוקטיווער

אַרבעט — האָט מען געטענהט — וועט דאָס אפשר זיין אַ טובה פאַרן גאַנצן כלל יידן. אָט דאָס איז אַפילו בלויז געווען גערעדט אין די קלויזן און אין בתי־מדרשים, ווייל וואָס עס קען דערפון ווערן אויף אַן אמת, האָט קיינער נישט געוווסט.

אַנדערע גרופן יידן האָבן אָנגעהויבן פּילן אין דעם אַ דערנענטע־רונג פון משיחס צייטן. יידן וועלן אָנהייבן באַארבעטן די פעלדער אין ארץ ישראל, וועלן זיי קענען מקיים זיין „אַלע מצות התלויות בארץ". האָבן דאָס אנדערע ווייטער אויסגעלאַכט, אַז ווען „מיסיאָנערן" גיבן זיך אָפּ מיט דעם, האָבן זיי אוודאי אין זינען, בלויז אָפּצושמדן יידן און די „מצות התלויות בארץ" ליגן זיי זיכערלעך אין דער לינקער פּיאַטע...

זענען דאַן די קראָקעווער יידן געקומען מיט דער דאָזיקער שאלה צום קראָקעווער רב, צו ר' שמעון סופר, הייסט עס, איז ער פון דער דאָ־זיקער שאלה אין גאנצן מבולבל געוואָרן — און אַזוי ווי ער האָט נישט געוווסט, וואָס פאַר אַ שטעלונג ער זאָל דערצו נעמען, האָט ער דער־ציילט, אַז ר' הירש קאַלישער, ועמען ער האָט געשילדערט ווי אַ דייטשן רב פון דער פּרייסישער שטאָט טהאָרן, האָט אַמאָל געפּרווווט אייננצו־שמועסן דעם זיידן זיינעם, דעם באַוווסטן גאון ר' עקיבא אייגער פון פּויזן, און דעם פאָטער זיינעם, ר' משה סופר פון פּרעסבורג, דעם בעל „חתם סופר", זיי זאָלן אים העלפן באַזעצן יידן אויף ערד־ארבעט אין ארץ ישראל. דערביי האָט ער אויך געוואָלט באַווייזן, אַז די גאולה פון „גלות אדום" וועט קומען בדרך הטבע און דאָס נאָר ערשט נאָך דעם ווי עס וועט זיך דאָרט אָנקלייבן אַ גרויסע צאָל יידן, וועט די צייט זיין צו־געגרייט צו „ביאת המשיח".

האָבן יענע צוויי גרויסע גאונים אויף דעם געענטפערט — האָט ר' שמעון סופר ווייטער דערציילט — אז אַ ייד טאָר זיך נישט פאָרשטעלן דאָס אָנקומען פון דער גאולה בדרך הטבע. ווען יידן וואָלטן געזאָגט, אַז זיי ווילן גיין מקיים זיין די „מצות התלויות באָרץ", וואָלט דאָס געווען אַן אנדער זאַך, אָבער אַזוי ווי דאָס איז נישט געווען די כוונה פון ר' הירש קאַלישער, האָבן זיי נישט געוואָלט מסכים זיין דערצו.

אין דער זעלביקער צייט האָט זיך געהערט, אַז עס האָט זיך צונויפ־גענומען אַ מנין רומענישע יידן, צו גרינדן אַ קאָלאָניע אין ארץ ישראל מיטן נאָמען „פתח תקוה", איז מען ווייטער געקומען פרעגן אַ מיינונג

וועגן דעם ביי ר׳ שמעון סופר, האָט ער די פּרעגערס גוט אויסגעזידלט און ער האָט זיי גאָר נישט געוואָלט זאָגן.

כמעט אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן רודערן אין קראָקע מיט עפּעס איינעם אַ יידן, וועלכער האָט ביי אונדז געשפּילט די ראָלע פון אַ „מחבר" און אַנדערע האָבן אים גאָר נישט געהאַלטן פאַר אַ „מחבר", ווייל ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט עפּעס אַ ביכל אין „זשאַרגאָן", נישט אין לשון הקודש, כאָטש עס איז אַלעמען געווען באַקאַנט, אז ער איז אַ שרייבער אין העברעאיש און ער האָט שוין אויך געדרוקט פילע לשון־הקודשדיקע אַרטיקלען אין די צייטונגען.

דער נאָמען פון דעם דאָזיקן „מחבר" איז געווען ש מ ע ו ן ב ע ר מ א ן — און די כתבים זיינע, אין וועלכע ער האָט באַשריבן זיינע אַ רייזע אין אמעריקע און אין ארץ ישראל, האָט ער אַ נאָמען געגעבן „מסעות שמעון".

צוליב יוסף פישערס ניי־געגרינדעטער יידישער דרוקעריי האָבן זיך אין יענע טעג אָנגעהויבן באַווייזן אין קראָקע פאַרשיידענע מחברים פון פרעמדע שטעט און לענדער, וואָס זענען געקומען דרוקן זייערע ספרים אין קראָקע. איז שמעון בערמאַן געווען איינער פון זיי.

האָב איך אָט דעם שמעון בערמאַן געזען דאָס ערשטע מאָל אין דער נאַכט פון הושענא רבה אינעם יאָר תר״מ (אָקטאָבער 1879), אין דער ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס שול, ווו איך בין דעמאָלט געווען מיט מיין פאָטער צו „תיקון ליל הושענא רבה" און צו די סליחות, וואָס ווערן אין יענער נאַכט געזאָגט בלויז אין דער שטאָט קראָקע. אַזוי ווי בערמאַן האָט געהאַט איבערגעגעבן זיין ספר צום דרוק, האָט ער געמוזט וואַרטן אין קראָקע, ביז דער ספר וועט פאַרטיק ווערן. האָט ער זיך דערווייל אַרומגעדרייט איבער די קראָקעווער שולן און בתי־מדרשים, און ווו ער האָט נאָר געהאַט די געלעגנהייט, האָט ער געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע פאַר די אידעען, וואָס ער האָט אין זיין ספר אויסגעדריקט.

אַלט געווען בין איך דענסטמאָל עלף יאָר — און זיצנדיק איבערן „תיקון ליל הושענא רבה", זענען די געדאַנקען מיינע אַרומגעשוועבט ערגעץ ווייט פון דער קעגנוואַרט און איך בין טאַקע גאָר באַלד אַנדרימלט געוואָרן. אָבער אַ מינוט שפּעטער בין איך אויפגעוואַכט געוואָרן פון אַ הויכן וויכוח, וועלכער איז אָנגעגאַנגען צווישן אַ פרעמדן מיטלוויקסיקן יידן און עטלעכע פון די „תיקון זאָגערס".

דער פרעמדער ייד איז געווען שמעון בערמאַן, וועלכער האָט גע־רעדט זייער הויך און די ווערטער זיינע האָבן זיך איינגעקריצט טיף אין מיין זכרון.

— ווילט איר אפשר דאָ אַזוי לאנג זיצן אין גלות — האָט בערמאַן געשריגן — ביז מען וועט אייך פון דאנען אַרויסטרייבן? ווילט איר נישט פאַרשטיין, אַז די גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס יידן האָבן אין גלות, איז נישט מער ווי אַ צאַצקעלע, וואָס מען גיט קליינע קינדער צו שפּילן? זעט איר, מיר קען מען שוין דאָס נישט איינריידן, ווייל איך קען די וועלט זייער גוט. יאָרן לאנג בין איך געווען אין אַזאַ פריי לאנד ווי אַמעריקע און איך בין אויך געווען אין ארץ ישראל. איך האָב געוואָלט גרינדן קאָלאָניעס פאַר יידן אין אַמעריקע און איך האָב אויך געאַרבעט פאַר דער גרינדונג פון קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. איך קען אייך אָבער זאָגן, אז אויב מיר וועלן גרינדן קאָלאָניעס, דאַרף דאָס נאָר זיין אין ארץ ישראל. דער טערק וועט אונדז אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס, ווייל ער וועט צופרידן זיין, ווען מיר וועלן אויפלעבן ארץ ישראל מיט אונדזער פלייס, מיט אונדזער מארך, מיט אונדזער ענערגיע און מיט אונדזער אינטעליגענץ.

האָבן די יידן אויף דעם אָפּגעענטפערט און איינער האָט געשריגן העכער פונעם אנדערן.

— איר ווילט גיין קיין ארץ ישראל, טאָ גייט אייך געזונטערהייט און זייט נישט קיין „מסית ומדיח", מיר זאָלן חלילה וועלן זיין „דוחה את הקץ"...

— ווער איז דאָס דער פאַרשוין? — האָט אַן אנדערער ייד אַ זאָג געטאָן שטילערהייט.

— דאַכט זיך אַ מיסיאָנער! — האָט איינער געענטפערט.

— אַ ייד אין אַ קורצן ראָק און אָן פּיאות וויל פּלוצים גיין קיין ארץ ישראל, איז עס אַ פּראָסטע פּשוטע מעשה חוזק! — האָט אַן אַנדע־רער געזאָגט און ער האָט זיך דערביי צולאַכט אויף אַ קול.

בערמאַן האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן פון דעם אַלעמען און ער האָט ווייטער געטענהט:

— זאָגט דאָך דער רמב"ן אויפן פּסוק „גאולה תתנו לארץ", אז מען דאַרף קודם אַליין עטוואָס טאָן וועגן דער גאולה, אַ שטייגער ווי פאָרן

קיין ארץ ישראל, אויף צו באַזעצן זיך דאָרט, ווייל ערשט דערנאָך ווען יידן וועלן זיין אין ארץ ישראל, וועט משיח קומען...

— ווען איר זענט אַ „מיסיאָנער", איז וואָס ווילט איר דאָ אין שיל? — האָט אַ פריש־צוגעקומענער ייד אַ זאָג געטאָן.

— איך אַ מיסיאָנער? — האָט בערמאַן אָפּגעענטפערט מיט כעס — בייסט אייך אָפּ אייער שמוציקע צונג, איר עם־הארץ!

— יעדער וואָס וויל זיין אַ „דוחה את הקץ" איז אַ מיסיאָנער! — מאַכט יענער — און ווען איר זענט אַ ייד אַ בן תורה, דאַרפט איר וויסן, וואָס די גמרא זאָגט, אַז ווען די יידן זענען געגאַנגען אין גלות, האָט זיי דער אייבערשטער באַשווירן, זיי זאָלן נישט וועלן אַלע אין איינעם גיין קיין ארץ ישראל מיט געוואַלט...

מיין פאָטער איז דאַן צוגעגאַנגען צו בערמאַנען און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— „טענו את בעירכם", איר ווילט טענהן מיט בהמות? טאָ צו וואָס טויג דאָס אייך?

איז דאַן דער ויכוח באַלד שטיל געוואָרן.

פון דענסטמאָל אָן איז שמעון בערמאַן געוואָרן אַ „יוצא ונכנס" ביי אונדז אין הויז — און ווען זיין „מסעות שמעון" איז אַרויס פון דרוק, האָט ער באַלד געבראַכט צו אונדז איין עקזעמפּלאַר, האָב איך דאַן געלייענט דאָס בוך פון טאָוול ביז טאָוול.

איצט האָב איך צום באַדויערן נישט דעם „מסעות שמעון" פאַר מיינע אויגן — און אַזוי ווי איך וויל דאָ איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אָט דעם ספר אויף וויפל דאָס נייטיקט זיך פאַרן פאַרשטענדעניש פון שמעון בערמאַנס פערזענלעכקייט, מוז איך מיך דאָ באַנוצן מיט מיין זכרון.

שמעון בערמאַן איז געווען אַ געבוירענער אין קראָקע. שפּעטער האָבן זיינע עלטערן געוווינט אין אַ דאָרף ווו ער פלעגט שעפּן נחת פון גאָטס נאַטור און פאַרגיסן טרערן אויף יידנס צרות, סיי ווען ער האָט זיי געזען מיט די אייגענע אויגן און סיי ווען ער האָט וועגן זיי געלייענט אין אַלטע ספרים. אין קראָקע און אין איר גאַנצער סביבה איז דאַן יידן זייער שלעכט געגאַנגען. אויף שריט און טריט האָט מען זיי געדריקט און אָנגעטאָן אַלערליי בזיונות. אויפן „שיצענגאָרטן", למשל, איז געווען אַ שילד: „פאַר יידן און פאַר הינט איז דער אַריינטריט פאַרבאָטן!"...

האָט דאָס אים געבראַכט צום געדאַנק, אַז די סיבה דערפון, וואָס

יידן גייט שלעכט, שטעקט הויפטזעכלעך אין דעם, וואָס זיי געבן זיך נישט אָפּ מיט ערד־ארבעט און ער האָט זיך דערפאר פאָרגענומען, צו אָפּגעבן זיין לעבן אויף צו פאַרשפרייטן ערד־ארבעט צווישן יידן.

דערווייל האָט ער חתונה געהאט — און אַזוי ווי ער האָט זיך גע־נייטיקט אין פרנסה, איז ער אַוועק אין אַמעריקע. דאָ האָט אים אויך דאָס גליק צוגעשפילט, צוערשט ווי אַ געשעפטסמאַן און דער נאָך ווי אַ חזן און מורה־הוראה. איז ער דאָן געוועזן אַ צייט אין ניו־יאָרק און שפּע־טער אין סינסינעטי. איז אים אין סינסינעטי זיין פרוי און זיין טאָכטער געשטאָרבן, האָט ער גענומען זיין צווייטע טאָכטער און ער איז מיט איר צוריקגעפאָרן קיין קראָקע.

אין קראָקע האָט בערמאַן די טאָכטער חתונה געמאַכט און אַליין איז ער אַוועק קיין ארץ ישראל, גרינדן דאָרטן אַ יידישע קאָלאָניע. האָט ער אָבער נישט געקענט דורכפירן זיין פּלאַן אין ארץ ישראל. די צייט איז נאָך צו דעם נישט רייף געווען. די יידן אין ארץ ישראל האָבן זיך אַפילו אַרויסגעוויזן אַרבעטסווייליק. זענען אים אָבער אַנדערע גרויסע שטערונגען געשטאַנען אויפן וועג און עס האָט זיך גאָר נישט געלאָזט טאָן. איז ער צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע, אויף צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיין אידעע, ביז עס וועט זיך אַרום אים צונויפקלייבן דאָס נייטיקע מענטשן - מאַטעריאל צוזאַמען מיט געלט פאַר דער אויספירונג פון זיינע פּלענער.

נאָך דעם ווי שמעון בערמאַן האָט זיין בוך געדרוקט, האָט ער צום באַדויערן, נישט געפונען די נייטיקע אונטערשטיצונג פאַר זיין אידעע. איז ער שפּעטער געוואָרן אַ מלמד אין דערפער פון אַרום קראָקע, דער־נאָך איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל, און ער האָט נישט אויפגע־הערט פּראָפּאַגאַנדירן זיינע אידייען אין די העברעאישע צייטונגען פון יענער צייט, ביז ער איז דעם 26טן יאַנואַר 1884 געשטאָרבן אין דער הייליקער שטאָט טבריה.

קאַפּיטל 21

מײן פֿאָטערס צוואה

חנוכה תר״מ בין איך אַמאָל אױפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי און איך האָב געפֿונען אױפֿן טיש עטלעכע אָנגעשריבענע בײגעלעך פּאַפּיר, צו־זאַמענגענײטע אין אַ בוך, איז דאָס געװען די צוואה פֿון מײן פֿאָטער, געשריבן אין העברעאיש — און אױפֿן שער־בלעטל פֿונעם בוך איז געװען אױפֿגעשריבן „מחשבות שעשועים לבן יקיר״. אַזױ װי דער פֿאָטער מײ־נער האָט זיך געפֿילט שװאַך, האָט ער מורא געהאַט, טאָמער װעט אים אױסקומען צו שטאַרבן אָן אַ צוואה, האָט ער דאָס דעמאָלט פֿאַר מיר אָנגעגרײט.

אין דער הקדמה צו זײן צוואה זאָגט מײן פֿאָטער צו מיר:

— נישט קײן מוסר װיל איך דאָ דיר זאָגן, װײל צום מוסר־זאָגן זענען פֿאַראַן טױזנטער ספרים אין פֿאַרשײדענע לשונות, געשריבן פֿון די גרעסטע װעלט־מאָראַליסטן, יידן און גוים. איך װיל דיר דאָ אױך נישט אײנפּלאַנצן קײן אמונה, װײל װען אײנער איז אומגלײביק, קען מען אים נאָר באַדױערן, גלײך װי מען דאַרף באַדױערן אַ קאַליקע אָן אַ האַנט אָדער אָן אַ פֿוס. מען קען אױך אַזאַ מענטש נישט העלפֿן מיט װערטער, גלײך װי איך אַלײן גלײב נישט, אַז מען קען אָפּשפּרעכן אַ קראַנקײט מיט װערטער. אײן זאַך װיל איך דיר יאָ איבערלאָזן, דאָס איז דאָס באַװוסטזײן פֿון דײן שורש, אַז די גזע פֿון דײן אָפּשטאַמונג איז אַ מיוחסדיקע, װעט דיר דאָס תמיד גרינגער מאַכן דאָס לעבן, װײל דו װעסט װיסן, אַז דו דאַרפֿסט זיך אױסהיטן פֿון אַזעלכע מעשים, װאָס דו װאָלסט געטאָן, װען דו שטאַמסט נישט פֿון אַזאַ גזע. בײ גוים הײסט דאָס „נאָבלעס אָבליזש״ און װער עס געדענקט אין דעם, װעט זיך תמיד אױסהיטן פֿון „והתערבו זרע הקודש בעמי הארצות״.

אין דער צוואה דערצײלט מיר מײן פֿאָטער, אַז דער יחוס פֿון מײן משפּחה גײט פֿון אײן זײט ביז צום ש״ך און פֿון דער צװײטער זײט ביז צום של״ה. פֿון אלטע צײטן אָן האָט אין אונדזער משפּחה געהערשט אַ מנהג, מען זאָל זיך מתחתן זײן נאָר צװישן אײגענע. פֿון דעסטװעגן האָט זיך די משפּחה בײם אָנהײב פֿונעם 19טן יאָרהונדערט צעטײלט אין צװײ חלקים: אײן צד איז געװען חסידים, פֿאַנאַטיש איבערגעגעבן צו

רביים, דאַקעגן איז דער אַנדערער צד געווען מתנגדיש, משכיליש און וועלטלעך געבילדעט. איין זיידע זיינער, יוסף אהרן באַדער, איז געווען איינער פון די ערשטע חסידים אין קראָקע, וואָס האָבן אַריבערגעבראַכט דעם רבין ר׳ קאַלמיש נייסטעדטער, דעם מחבר פונעם „מאור ושמש״ אויף תורה. שפּעטער האָט דער זעלביקער זיידע געהאָלפן קרוינען ר׳ שאול לאַנדא פאַר אַ רב אין קראָקע און ווי אַ חסידישער רבי. דער סאנדזער צדיק ר׳ חיים האַלבערשטאם פלעגט אין זיין יוגנט פאָרן צו ר שאול לאנדא. דעם זיידנס פאָטער, שלמה באַדער, האָט יאָרנלאנג געפּאַסט משבת לשבת, און ווען ער האָט שוין אַמאָל געגעסן, האָט ער נישט גענאָסן קיין „דבר מן החי״, אַפילו נישט קיין איי און קיין פּוטער. דעם פאָטערס אַן עלטערזיידע פון דער מוטערס צד, נתנאל בוים, איז געווען איינער פון די ערשטע יידן אין פּוילן, וואָס האָבן געשריבן פּויליש. ערב יום־כפור תקל״ו האָט ער אויף באַפעל פון דער קראָקעווער קהילה געבראַכט פּאָליציי, צו שטערן דעם רבין ר׳ קאַלמיש דאָס דאַווענען בציבור אום יום־כפור. אין דעם זעלביקן יאָר האָט ער געשריבן אַ מעמאָראַנדום צו דער פּוילישער רעגירונג וועגן דער לאגע פון די יידן. דער זעלביקער נתנאל בוים איז שפּעטער געווען אַ פּערזענלעכער פריינט פון ר׳ פּינחס אַליהו מווילנע, דעם בעל „ספר הברית״, וועמען ער האָט אונטערשטיצט אין זיין ארבעט מיט אַלע כחות און אויפן פאַרלאַנג פון דער רעגירונג האָט ער איבערזעצט דעם פּרק „אהבת רעים״ פונעם „ספר הברית״ אויף פּויליש.

צווישן ביידע צדדים פון דער משפּחה האָט מסתמא געהערשט אַ שאַרפע קעגנערשאַפט, כאָטש זיי האָבן זיך זייער אָפט משדך געווען צווישן זיך. דער זיידע יוסף אהרן באדער האָט גענומען פאַר אַ פרוי אַ טאָכטער פון נתנאל בוים — און מיין פאָטערס פאָטער, מענדל באַדער, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אייניקל פון נתנאל בוים.

אַ זון פון נתנאל בוים, גרשון בוים, וואָס איך הייס נאָך אים, איז געווען אַ שרייבער ביי דער קראָקעווער קהלה און חסידים האָבן אויף אים געמורמלט, אַז ער איז אַ גרויסער בעל־דקדוק און נישט זייער קיין פרומער. אַזוי ווי ער איז אָבער געווען אַ באַרימטער בעל־תוקע, פלעגט זיך דער רבי ר׳ שאול לאנדא מתקנא זיין אין אים — און ווען עס האָט זיך געווייטלעך דער שטן אריינגעלייגט אין ר׳ שאול לאנדאס שופר, פלעגט ער אַ געשריי טאָן: „רבונו של עולם, ווילסטו דען, אַז גרשון

די עלטערן פון גרשם באַדער



דער פאַטער
ר׳ יצחק משה באַדער
(1905 – 1841)

די מוטער
הענע באַדער
(1920 — 1843)

שרייבער זאָל פאַר דיר בלאָזן שופר?״... פלעגט זיך דער שטן דערשרעקן פאַר אַזאַ סטראַשונאַק און עס זענען שוין דערנאָך ר׳ שאולס תקיעות געגאַנגען ווי געשמירט.

ווי געזאָגט, האָט מיר מיין טאַטע אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין פעטער גרשון. טראָצדעם האָט ער מיר געהייסן שרייבן מיין נאָמען „גרשם״ מיט אַ מ״ם צום סוף, ווייל עס האָט אים דער זאַלישטשיקער רבי אָנגעזאָגט, ער זאָל מיך רופן „גרשון״ מיט אַ נון, דערקלערנדיק דערביי, אַז זייט די טעג פון יהונתן בן גרשם איז דער נאָמען „גרשם״ מיט אַ מ״ם געפערלעך פאַר יידן.

נתנאל בוימס אַן איידעם איז געווען מיין עלטערזיידע שאול בירנבוים, וואָס איז געווען אַזאַ שאַרפער מתנגד, אַז ער האָט דורכאויס געוואָלט דורכפירן אַ גט צווישן מיין זיידן מענדל באַדער און זיין ווייב ווייל דער זיידע איז געווען אַ חסיד ביים רבין ר׳ שאול לאַנדאַ.

פון יוסף־אהרן באַדערס אייניקלעך זענען אַרויסגעקומען רבנים, דיינים, מלמדים און שוחטים, דאקעגן זענען פון נתנאל בוימס אייניקלעך אַרויסגעקומען משכילים, סוחרים און דאָקטוירים. האָבן די דאָזיקע צוויי מינים ירושות געקעמפט אין מיין פאָטער די גאַנצע צייט פון זיין לעבן. אַמאָל איז ער געווען יוסף אהרן באַדערס אַן אייניקל, אַ פאַנאַטיש פרומער, וואָס וואָלט זיך געלאָזט הרגנען פאַר אַ קוצו של יוד פונעם שלחן־ערוך און אַמאָל איז ער געווען נתנאל בוימס אַן אייניקל, אַ ראַציאָנאַליסטישער דענקער, וואָס האָט זיך געריסן צו דער גרויסער ציוויליזירטער וועלט, געלערנט דייטש און געשטרעבט צו שטודירן. ליידער האָבן אים זיינע מאַטעריעלע פאַרהעלטנישן נישט געלאָזט ווערן קיין רב. ווי עס וואָלט פאַר אים געפּאַסט פאַר יוסף אהרן באַדערס אַן אייניקל. ער איז אויך נישט געוואָרן קיין דאָקטאָר, ווי עס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַן אייניקל פון נתנאל בוים.

צו מיין פאָטערס צוואה איז נאָך צו באַמערקן, אַז ער האָט זי געשריבן אין יאָר 1879 — ווען ער איז אַלט געווען 38 יאָר און געשטאָרבן איז ער 26 יאָר שפּעטער (י״ב אדר שני תרס״ה), 64 יאָר אַלט.

איינער פון מיינע קרובים, אַ „שני ברביעי״, איז געווען אברהמל קאָהן אין וואַרשע.

דערציילט מיר מיין טאַטע וועגן אים אין זיין צוואה דאָס ווייטערדיקע:

שמעון, דער פֿאָטער פֿון אַברהמל קאָהן, איז געווען אַ ברודער פֿון מיין עלטערזיידע שלמה באַדער — און ווען ער איז אָפּגעפֿאָרן פֿון קראָקע קיין וואַרשע, צו ווערן דאָרט אַ שוחט, האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן קאָהן.

אָט דעם אַברהמל קאָהן האָבן די פּאָליטישע פֿאַרהעלטענישן צוגעשפּילט, וואָס ער איז געוואָרן אַ חשוב ביים רוסישן צאַר, וואָס האָט אָוועקגעשטעלט אַן ערנוואַך פֿון צוויי קאָזאַקן ביי זיין הויז.

די מעשה דערפֿון איז אַזוי געווען:

אַ רייך־חתונה־געהאַטער, האָט אַברהמל קאָהן אָנגעקניפּט פֿאַרבינדונגען מיט די גרעסטע פּוילישע פּריצים, וואָס האָבן אים איבערגעגעבן די פֿאַרוואַלטונג פֿון זייערע הייזער און גיטער. האָט דעמאָלט די רוסישע רעגירונג געוואָרפֿן אַן אויג, אויף צו קריגן פֿאַר איר אייגנטום פּאָוואָנזעק פֿון לעבן וואַרשע. די רוסישע רעגירונג האָט דאָס דעמאָלט געדאַרפֿט פֿאַר אירע סטראַטעגישע צוועקן, אויפֿצובויען דאָרט מיליטערישע קאַזאַרמעס. האָט אָבער דער אייגנטימער פֿון פּאָוואָנזעק נישט געוואָלט פֿאַרקויפֿן דעם פּלאַץ דער רוסישער רעגירונג. האָט ער עס פֿאַרקויפֿט צו אַברהמל קאָהן מיט אַ תּנאַי, ער זאָל דאָס קיינמאָל נישט פֿאַרקויפֿן צו דער רוסישער רעגירונג.

איז די רוסישע רעגירונג תּיכף געוואָר געוואָרן פֿון אַברהמל קאָהנס קויף און זי האָט אים טאַקע באַלד געמאַכט דעם פֿאָרשלאַג, ער זאָל איר אָפּפֿאַרקויפֿן פּאָוואָנזעק און וואָס פֿאַר אַ פּרייז ער וועט פֿאַרלאַנגען, וועט מען אים באַצאָלן. איז דאָס אָבער געווען אין דער צייט, ווען די פּאָליאַקן האָבן זיך צוגעגרייט צום אויפֿשטאַנד פֿון 1830. אַ געהיים רעוואָלוציאָנעריש געריכט האָט דעמאָלט געבושעוועט אין וואַרשע — און יעדער וואָס איז נאָר געווען עטוואָס פֿאַרדעכטיק, אַז ער שטייט אין נאָענטע באַציונגען צו דער רוסישער רעגירונג, איז באַלד פֿאַראורטיילט און היגגעריכטעט געוואָרן. האָט דעמאָלט אַברהמל קאָהן געקראָגן אַ בריוו פֿונעם פּוילישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, אַז אויב ער וועט פֿאַרקויפֿן פּאָוואָנזעק צו דער רוסישער רעגירונג, וועט ער דאָס דאַרפֿן באַצאָלן מיט זיין לעבן, ווייל מען וועט אים דערשיסן אָדער אויפֿהענגען אין מיטן גאַס.

האָט זיך אַברהמל קאָהן פֿאַר דער דאָזיקער דראָאונג זייער דערשראָקן און ער האָט שוין מורא געהאַט צו פֿאַרקויפֿן פּאָוואָנזעק צו דער

רוסישער רעגירונג. ער האָט אָבער אויך מורא געהאַט, נישט צו וועלן דאָס אָוועקצוגעבן, ווייל ער האָט געוווּסט, אז אויב ער וועט עס נישט טאָן מיט גוטן קען די רוסישע רעגירונג אויסגעפינען גענוג מיטלען, אָפּ־צונעמען ביי אים דעם אייגנטום מיט געוואַלט און אָן יעדער באַצאָלונג. איז ער געפאַלן אויף אַ פּאַרטעל, יוצא צו זיין פאר ביידע צדדים. ער האָט פאַוואָנזעק אוועקגעשענקט דער רוסישער רעגירונג. די פּאָליאקן זאָלן נישט קענען זאָגן, אז ער האָט געבראָכן זיין צוזאָג צום פריערדיקן אייגנטימער, נישט צו פאַרקויפן דאָס צו דער רוסי־שער רעגירונג.

פון דעסטוועגן האָט ער דערנאָך מורא געהאַט, אַז די פּאָליאקן וועלן נישט אָנערקענען זיין לאגע, און כאָטש ער האָט דעם פלאץ נישט פאַרקויפט פאַר געלט, נאָר אָוועקגעשאָנקען, וועלן זיי טשאַטעווען אויף זיין לעבן. איז ער צוליב דעם אַנטלאָפן פון וואַרשע און ער האָט זיך באַזעצט אין פּעטערבורג, ווו די רעגירונג האָט אים איבערגעגעבן פאַר־שיידענע פּאָדריאַדן, פון וועלכע ער האָט פאַרדינט פיל געלט.

דערווייל איז אויסגעבראָכן דער פּוילישער אויפשטאַנד — און נאָכן אונטערדריקן דעם פּוילישן פּרווו אַראָפּצוּוואַרפן דעם רוסישן יאָך האָט אים די רוסישע רעגירונג געגעבן אָנצוגעהערן, אַז עס וועט פאַר אַזאַ מענטש ווי ער וועט בעסער לוינען, ווען ער וועט ווינען אין וואַר־שע אַנשטאָט אין פּעטערבורג. אַזוי ווי ער האָט אָבער אין וואַרשע מורא געהאַט פאַר אַן אַטענטאַט אויף זיין לעבן, האָט דער צאַר געגעבן אַ באַ־פעל, אָוועקצושטעלן צוויי קאָזאַקן ביי זיין טיר ווי אַן „ערנוואַך", וואָס האָט אים געדאַרפט שטענדיק היטן און נישט אָפּלאָזן פונעם אויג אויף אַ רגע.

האָט דאָס אָבער נישט געשמעקט דעם גענעראַל פּאַסקיעוויטש, וועלכער האָט באַזיגט דעם אויפשטאַנד און געוואָרן פּרינץ פון וואַרשע און וויצע־קעניג פון פּוילן. אַזאַ שונא־ישראל ווי פּאַסקיעוויטש האָט עס נישט געוואָלט ליידן, וואָס א ייד איז אַזאַ גרויסער חשוב, אַז ער האָט אַזש צוויי קאָזאַקן ווי אַן ערנוואַך. האָט זיך פּאַסקיעוויטש אַמאָל גע־מאַכט אַ וויץ און האָט אונדזער אַברהמל קאָהן מכבד געווען מיט אַ ציג־אַר, וואָס איז געווען פאַרגיפטעט — און נאָכן אויסרייכערן פונעם ציגאַר איז אברהמל קאָהן געשטאָרבן.

נישט פּאַליאַקן האָבן אים דאָס לעבן גענומען, נאָר דוקא דער צאַ־רישער וויצעקעניג פון פוילן, וואָס האָט געדאַרפט אָפּהיטן דאָס לעבן פונעם צאַרס חשוב.

קאַפּיטל 22

מיין פאָטערס יוגנט - חברים

אין זיין פריסטער יוגנט — האָט מיר מיין פאָטער דערציילט אין זיין צוואה — האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אידעע, אַרויסצורייסן זיך פונעם בית־המדרש, אויף צו גיין זוכן אַ תכלית אין דער ווייטער וועלט. פאַר אָט דעם געדאַנק זיינעם האָט ער געפונען אַ אונטערשפּאַר ביי זיין פעטער, אַ ברודער פון זיין מוטער, מיטן נאָמען וואָלף בירנבוים, וועלכער האָט אַרום זיך גרופּירט עטלעכע בחורים פון זיין סביבה, וואָס פלעגן זיך פאַרגנבענען יעדע נאַכט אין דער ווייבערשער קלויז, כלומרשט אויף צו קענען דאָרט לערנען גמרא און פוסקים אומגעשטערט — און געלערנט האָבן זיי אַנשטאָט דעם לאַטייניש און גריכיש, כדי צו קענען אַריינקומען אין אַ גימנאַזיום און אויף דער אוניווערזיטעט.

מיין פאָטער, וואָס האָט אויך געשטרעבט צו דעם זעלביקן צוועק און נאָך מיט זיינע דעמאָלסדיקע ידיעות נישט געקענט אָניאָגן יענע עלטערע חברים, האָט זיך דערווייל געמוזט באַנוגענען מיט דעם, וואָס מען האָט אים אַוועקגעשטעלט צו שטיין, „שמירה" ביי דער טיר פון דער ווייבערשער קלויז, טאָמער וועט זיך דערנענטערן אַ געפאַר, די בחורים זאָלן געכאַפּט ווערן ביי זייער שטודירן, זאָל זיי דאָס מיין פאָטער לאָזן וויסן, זיי זאָלן קענען אויף גיך אויפמישן די גמראס אָדער די אנדערע ספרים צום לערנען.

פאַר אָט דעם שטיקל אַרבעט — האָט מען צוגעזאָגט מיין פאָטער, אז ווען די גרופּע וועט זיך נאָר האָבן אַ ביסל אַריינגעלעבט אין זייער צוועק, וועלן זיי מיין פאָטער אַריינגעמען אין דער קאָמפּאַניע אויף צו לערנען מיט זיי צוזאַמען. דערווייל האָט ער בלויז געדאַרפט שטיין שמירה, אָפּצוהיטן די עלטערע חברים פון אַ „בייז אויג".

ווי באַמערקט, האָבן זיך די אַלע חברים גרופּירט אַרום מיין פאָ־טערס פעטער, וואָס איז שוין דענסטמאָל געווען אַ בחור פון 18 יאָר און

באוווסט אין שטאָט ווי אַ למדן. און צווישן די בחורים, וואָס האָבן זיך געגומען שטודירן צוזאמען מיט מיין פאָטערס פעטער, האָט זיך געפונען איינער מיטן נאָמען יוסף הירש דינער, איינער יוסף פאָטשנער און איינער שאול שפינגאָרן.

די חברותא ביים שטודירן האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. דער ערשטער, וואָס האָט נישט געקענט אָנהאַלטן זיין אויפגאַבע, איז געווען מיין טאַטע. דער פאָטער זיינער — מיין זיידע — איז גאָר גיך געוואָרן געוואָרן, אין וואָס פאַר אַ דרכים זיין זון נעמט זיך גיין, האָט ער אים פשוט געוואָלט דערהרגענען. דערנאָך האָט זיך שאול שפינגאָרן אָפּגעשיידט פון דער חברותא. דורך מיין זיידן איז שפינגאָרנס פאָטער געוואָר געוואָרן פון זיין זונס מעשים, האָט ער פשוט מרעיש עולמות געווען און „גוטע יידן" האָבן אים מבטיח געווען, אַז דער זון זיינער וועט נישט שטודירן. די הבטחה פון יענע „גוטע יידן" איז אויך מקוים געוואָרן, ווייל דער בחור האָט טאַקע באַלד אויפגעהערט שטודירן, און ווען מיין פאָטער האָט מיך אַמאָל פאַר אים פאָרגעשטעלט, איז ער געווען אַ שאַרפער חסיד, וואָס האָט געהאַנדלט מיט בראָנפן און געשאָלטן משכילים.

איז דעמאָלט די חברותא באַשטאַנען פון בלויז דריי: יוסף הירש דינער, יוסף פאָטשנער און וואָלף בירנבוים, וואָס האָבן צוזאמען פלייסיק שטודירט און געמאַכט גלענצנדיקע פאָרשריט אין זייער שטודיום.

יוסף הירש דינער, דער עלצטער פון דער חבריא, איז געווען אַ זון פון אַ זייער אָרעמער פאַמיליע. זיין פאָטער האָט געהייסן לייזער וויינשענקער, וואָס האָט געצויגן פרנסה פון פאַרקויפן וויין אויף קידוש און אויף „ארבע כוסות". איז דאָס נישט געווען גענוג, אויף צו קענען געבן ברויט צו דריי זין. האָט ער זיי אַלעמען אַוועקגעשיקט פונעם הויז און יוסף הירש איז געווען אַ מלמד ביי אַ קראָקעווער גביר מיטן נאָמען טרענער, איז יוסף הירשס תלמיד, וועלכער האָט געהייסן מאָטל, געוואָרן געוואָרן, אַז זיין מלמד לערנט „חכמות חצוניות", האָט ער דעם מלמד גוט אויסגעפּאַטשט און געשטאָכן מיט אַ מעסער.

איז דער געפּאַטשטער און געשטאָכענער מלמד געלעגן עטלעכע חדשים אין אַ שפּיטאָל, ביז עס האָבן זיך ביי אים פאַרהיילט די וווּנדן — און אזוי ווי ער האָט זיך דערנאָך געשעמט צו ווייזן זיין פּנים אין גאַס, איז ער אַוועקגעפאָרן פון קראָקע און ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט

איבער דער וועלט, אויף די אוניווערזיטעטן פון באָן און היידעלבערג, ביז ער האָט אויסשטודירט פילאָזאָפיע און אין 1874 איז ער געוואָרן רב אין אַמסטערדאַם.

דערווייל האָט מען אין קראָקע נישט געוווּסט גאָר, ווו דער יוסף הירש איז אַוועקגעקומען. מען האָט בלויז געוווּסט, אַז ווען ער האָט גע־הערט, אַז דער פאָטער זיינער איז געשטאָרבן, האָט ער פון ערגעץ גע־שיקט אַרויסנעמען זיינע ברידער פון קראָקע. האָבן זיך דערפאַר אַרומגע־טראָגן קלאַנגען, אַז ער איז ערגעץ געוואָרן אַ „מיסיאָנער" און אַז ער האָט געמאַכט די ברידער פאַר גלחים. ערשט ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז ער איז געוואָרן אַ רב אין אַמסטערדאַם, און דער קראָקעווער רב, ר' שמעון סופר, האָט דאָס אַלעמען דערציילט, אַז ר' יוסף הירש האָט אים אין אַ בריוו פשוט צוטומלט מיט זיינער אַ שאלה, אין וועל־כער ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס גאונות, זענען אַלע יענע קלאַנגען פאַר־שטומט געוואָרן.

ליטעראַריש האָט זיך יוסף הירש דינער געמאַכט באַרימט מיט זיינע הגהות אויף ש"ס בבלי און ירושלמי, ווו ער האָט זייער אָפט אַוועקגע־שטעלט אַ נייע גירסא אין דער משנה, לויט וועלכער עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, ווי אַזוי די אמוראים האָבן געקאָנט האָבן אַ טעות אינעם פשט פון דער משנה. טראָצדעם איז ער געווען אַן אָרטאָדאָקס מיטן פולן מויל און ער האָט באַקעמפט מיט דער גרעסטער שאַרפקייט יעדע מין רעפאָרם אינעם יידישן דת.

אויף מיין וועג קיין אַמעריקע אין 1910 האָב איך דעם אַמסטער־דאַמער רב, ד"ר דינער באַגעגנט ביי ראַבינער ד"ר ריטער אין ראָטער־דאַם. האָב איך דעמאָלט געהאַט די געלעגנהייט, זיך צו איבערצייגן וועגן דער גרויסער גאונות זיינער. דערביי האָט ער מיר אויך פּרטימדיק אי־בערגעגעבן וועגן דעם אינצידענט מיט זיין תלמיד אין קראָקע. ער האָט אויך גוט געדענקט, ווי מיין פאָטער פלעגט שטיין שמירה, ווען די חבריא האָט געלערנט זייערע „חכמות חיצוניות".

יוסף בן שלמה פאָטשנער איז געווען דער יינגסטער אין דער חבריא און אים האָט זיין פאָטער אַליין געהייסן שטודירן. איז ער באַלד נאָך דינערס אנטלויפן פון קראָקע אויך אָפּגעפאָרן און ער איז געקומען קיין ברעסלוי, ווו ער איז פאַרבליבן שטודירן אינעם דאָרטיקן ראַבינער־סע־מינאַר און אויף דער אוניווערזיטעט.

נאָכן פאַרענדיקן זיין שטודיום, איז ער געוואָרן ראַבינער אין בעל־פאַסט, אירלאַנד — און שפּעטער איז ער געוואָרן לעקטאָר אינעם מאָנ־טעפיאָרע ־ קאָלעדזש אין ראַמסגעיט.

ליטעראַריש איז ער געווען באַקאַנט ווי אַ הומאָריסט און ער האָט אַ סך אָפּגעשפּעט פון חסידישע רביים און יידישע אָבערגלויבנס אין העברעאיש און ענגליש. אין זיין העברעאישן סטיל האָט ער זיך געסטאַ־רעט נאָכצומאכן יהודה אלחריזי און עמנואל איש רומי — און אין ענגליש האָט ער אַרויסגעגעבן עטלעכע געלונגענע איבערזעצונגען פון פרץ, מענדעלע און שלום־עליכם.

מיין פאָטערס פעטער וואָלף בירנבוים האָט געענדיקט גימנאַזיום אין קראָקע. דערנאָך האָט ער שטודירט מעדיצין און געקראָגן זיין די־פּלאָם פון דער אוניווערזיטעט אין קראָקע. שפּעטער האָט ער זיך „האַ־ביליטירט" ווי אַ דאָצענט אויף דער קראָקעווער אוניווערזיטעט. ער האָט אָנגעשריבן אַ וויסנשאַפטלעכע שטודיע וועגן פּאַרגיפטונגען, די שטודיע האָט געפונען אָנערקענונג ביי די קראָקעווער פּראָפעסאָרן, און ווען ער וואָלט געבליבן אין קראָקע, וואָלט ער זיך געוויס אַרויפגעאַרבעט אויף אוניווערזיטעט ־ פּראָפעסאָר.

אזוי ווי ער האָט דעמאָלט חתונה־געהאט מיט דער טאָכטער פון יהודה ליב ליבערמאַן פון ראַדאָם אין רוסיש־פּוילן, און געוואָלט דאָרט פּראַקטיצירן ווי מעדיצינער, האָט ער געמוזט דערגאַנצן זיין שטודיום אויפס ניי, צוויי יאָר אויף דער אוניווערזיטעט אין דאָרפּאַט, כדי צו קריגן אַ רוסישן דיפּלאָם.

געשטאָרבן איז ער אין טאָמאַשאָוו, 51 יאָר אַלט — און אַ הספד אויף אים געפינט זיך אינעם פערטן באַנד „האָסיף".

ביים רוסיש־טערקישן קריג פון 1877 איז ער געווען מיליטער־דאָק־טאָר אין דער רוסישער אַרמיי און ער האָט זיך אויך דאָרט שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זיינע מעדיצינישע קענטענישן און מיט זיין דרייסט־קייט.

זיין זון זדזיסלאַוו בירנבוים איז געווען אַ באַרימטער מוזיקער, וואָס האָט זיך אין יאָר 1922 פאַרסמט אין בערלין.

נאָך דעם ווי מיין פאָטער האָט מיר דאָס אַלץ און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן איבערגעגעבן אין זיין צוואה, האָט ער פאַרענדיקט מיט די ווייטערדיקע ווערטער:

— איצט וויל איך דיר אָנזאָגן, דו זאָלסט זיך תמיד סטאַרען צו ווערן אַ מענטש, וואָס זאָל געבן כבוד צו דער משפחה. נישט דו זאָלסט דאַרפן שטאָלצירן מיט דער משפחה, נאָר די משפחה זאָל קענען שטאָלצירן מיט דיר!...״

נאָכן דורכלייענען מיין פאָטערס צוואה בין איך אין גאַנצן איבער־געאַנדערשט געוואָרן — און איך האָב ביי מיר באַשלאָסן, אָרויסצושלאָגן זיך פונעם קאָפּ אַלע „נאַרישקייטן״ וועגן שטודירן, נאָר לערנען פלייסיק גמרא מיט פוסקים, כדי צו קענען ווערן דער שטאָלץ פון מיין משפחה, כפי דער טאַטע האָט דאָס פון מיר פאַרלאַנגט.

האָב איך אָנגעהויבן לערנען גאַנצע טעג ביז אין די האַלבע נעכט צוזאַמען מיט נאָך פיר בחורים, וואָס יעדער פון זיי איז געווען עלטער פון מיר מיט אַ דריי־פיר יאָר. יעדן אָוונט האָבן מיר זיך גענומען לער־נען פון נאָך מעריב ביז צוועלף אַ זייגער — און לערנען האָבן מיר גע־וואָלט גאַנץ ש״ס כסדר, פון ברכות אָנגעהויבן. אַזוי ווי עס האָבן אָבער מיינע חברים אַלע געלערנט אַ גאַנצן טאָג ביי פאַרשיידענע מלמדים, פלעג איך זיצן בייטאָג איינער אַליין אין קלויז און לערנען פאַר זיך. פלעג איך דאַן נעמען און בלעטערן אין „שאלות ותשובות״ וועגן עגונות מיט גביית עדות, וועגן שלעכטע מענער, וואָס האָבן פאַרלאָזן זייערע ווייבער, אָדער וועגן דערהרגעטע יידן. האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך לייען ווייטער יענעם סאָרט דייטשע ביכלעך, וואָס איך פלעג אַזוי־פיל לייענען און זייער אינהאַלט איז געווען אינטריגעס און ליבעס, און פאַרשיידענע מערדערייען. האָט דאָס מיך לאַנגזאַם אָפּגעווענדעט פון דער גמרא און צוריקגעבראַכט צו לייענען דייטש. פלעג איך זיך שוין דערלויבן, מיטצונעמען אין בית־המדרש אַריין דייטשע ביכלעך און לייע־נען זיי אין אַ ווינקל בסוד־סודות.

דערווייל זענען מיינע חברים געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר קענען נישט אַליין לערנען. האָבן מיר באַשלאָסן, צו דינגען אַ מלמד פאַר דער צייט פון ביינאַכט — און מיר האָבן אויך געפונען אַ בחור, אַ למדן, וועלכער איז געווען מרוצה, צו לערנען מיט אונדז פאַר פיר גילדן אַ חודש. האָט איטלעכער פון אונדז גערן געצאָלט זיין חלק. יעדנס על־טערן זענען געווען צופרידן צו צאָלן יעדע סומע, אַבי זייערע קינדער זאָלן לערנען. אַזוי ווי איך האָב אָבער נישט געקענט קריגן ביי מיינע עלטערן די סומע געלט, וואָס איז אויסגעקומען אויף מיין חלק, האָב איך

געמוזט אָנווענדן אַ „טריק". אַזוי ווי איך פלעג באַקומען פון מיין מוטער יעדן טאָג אויף וועטשערע צוויי שטיקלעך ברויט, האָב איך דאָס אָוועקגעגעבן צו אונדזער מלמד אַנשטאָט באַצאָלונג און איך האָב שוין דעמאָלט פון נאָכן מיטיק ביז צום אַנדערן טאָג אין דער פרי גאָר נישט געגעסן.

האָט דאָס דאָזיקע נישט־עסן זייער שטאַרק געווירקט אויף מיין אויסזען און מיין מוטער האָט גאָר באַלד דערקענט, אַז איך פאַל פון די כוחות. האָט זי אָנגעהויבן מיט מיר אַ טענה, צו וואָס איך הרגע זיך אַזוי אָוועק. האָט אָבער מיין פאָטער אָנגעקוואָלן פון מיין פלייס און ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווען איך וועל אַזוי אָנגיין מיטן לערנען ביז צו דער בר־מצוה, וועל איך צו דער בר־מצוה שוין קענען זיין אַ שטיקל לייט.

וואָלט מיר די מאמע מיינע נישט געקענט שטערן אין מיין פלייס, ווען עס זאָל מיך דעמאָלט נישט געווען טרעפן אַן אַנדער באַגעגעניש, וואָס האָט מיט אַן אומבאַרמהאַרציקער האַנט איבערגעריסן מיין לערנען און האָט מיך פאַר אַ קורצער צייט אין גאַנצן דערווייטערט פונעם בית־המדרש.

אַזוי ווי איך פלעג אָפטמאָל מיטנעמען אַ דייטש ביכל אין בית־המדרש אַריין און האָב עס דאָרט געלייענט אין אַ באַהאַלטענעם ווינקל, האָב איך אַמאָל געהאַט מיט מיר אַזאַ טריפה־פסול, וואָס זיין אינהאַלט האָט מיך זייער שטאַרק אינטערעסירט. בין איך געזעסן אין אַ ווינקל איבער אַן אָפענער גמרא און אויף דער גמרא האָב איך געהאַלטן דאָס ביכל. איז צוגעקומען אונדזערער אַ שכן, וואָס איז תמיד אַנטציקט געווען פון מיר און פון מיין פלייסיקן לערנען. איז אַזוי ווי ער האָט דערזען, אַז איך האַלט אַ דייטש ביכל איבער דער גמרא, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ, אַז פונקען זענען מיר אַזש געפלויגן פאַר די אויגן. דער נאָך האָט ער אַרויסגעריסן דאָס דייטשע ביכל פון מיינע הענט און געמאַכט דערביי אַ שרעקלעכן ליאַרעם איבערן גאַנצן בית־המדרש.

גאָט ווייסט, מיט וואָס עס וואָלט זיך געענדיקט דער דאָזיקער ענין, ווען איך זאָל נישט געווען באַלד אויפהייבן די פיס און אַנטלויפן פונעם בית־המדרש אַן טענות.

קאַפּיטל 23

מיין מאמע

אַזוי ווי איך האָב שוין פיל געשריבן וועגן מיין פאָטער און זיין השפעה אויפן גאנג פון מיין לעבנסוועג, מוז איך דאָ גאַנץ באַזונדער דערמאָנען מיין מאמען, וואָס איר איינפלוס אויף מיין לעבן איז אפשר נישט געווען קיין קלענערער ווי דער פון מיין פאָטער. דער חילוק איז בלויז אין דעם, וואָס מיין פאָטער האָט מער משפיע געווען מיין אינטע־לעקט און די מאמע מיינע האָט דאָס געטאָן אויף מיין האַרץ און מיינע געפילן.

קיין מאָל אין מיין לעבן האָב איך נישט געגלייבט אינעם גליק פון קיין שום מענטשן אין דער וועלט. איך האָב אָבער שטענדיק געשעצט גליקלעך אַלע יענע מענטשן, וואָס האָבן נאָך אַ מאַמען. די גרעסטע עשי־רים אין דער וועלט פאַרמאָגן נישט אינאיינעם, צו באַצאָלן דעם ווערט פון אַ מאַמען. און טאָמער קענט איר עמעצן, וואָס ווייסט נישט דאָס אָפּצושאַצן, דאַרף מען אים ערנסט באַדויערן, ווייל עס פעלט אים דאָס וויכטיקסטע שרייפל אין זיינע געפילן.

ווי לאַנג אַ מענטש האָט נאָך אַ מאַמען, פילט ער זיך נאָך ווי אַ קינד, ווען ער איז שוין אַליין אַפילו אַ זיידע צו אַנדערע. אַ מוטער מעג אַפילו זיין טויזנטער מייל ווייט פון איר קינד, שוועבט איר גייסט אַרום זיין קאָפּ און ער פילט, ווי זי באַשיצט אים מיט אירע פליגלען, ווייל ער ווייסט, אַז די מאמע האָט אים תמיד אין זינען, סיי בייטאָג און סיי ביי־נאַכט. און איז די מאמע נאָענט צו איר זון, האָט ער אין איר דעם בעסטן פריינד, פאַר וועמען ער קען זיך אויסריידן זיין האַרץ, ווייל עס זענען זייער אָפט פאַראַן אַזעלכע שמארצן, וואָס איר קענט וועגן זיי נישט ריידן מיט אייער פאָטער, מיט אייער פרוי, מיט אייערע בעסטע חברים אָדער מיט אייערע קינדער, ווייל נאָר דאָס האַרץ פון אַ מאַמע קען אַזעלכע שמארצן באַגרייפן און נאָר זי קען געפינען דאָס ריכטיקע טרייסט־וואָרט ביי אַלע אומשטענדן פונעם לעבן.

ביז צו מיין 52סטן יאָר האָב איך זיך נאָך געקענט ציילן צווישן יענע גליקלעכע מענטשן, וואָס האָבן אַ מאַמע. ביז צו יענער צייט האָט נאָך מיין מוטער געלעבט. ס׳איז אויך מערקווירדיק, וואָס פאַר אַ פאַרהעלט־

ניש עס האָט זיך אַנטוויקלט צווישן מיר און מיין מוטער. ביז צו מיין זיבעטן לעבנסיאָר האָב איך נישט געהאַט קיין אנדערן חבר חוץ מיין מאַמען. ווען דער טאַטע מיינער איז אַוועקגעגאַנגען פאַרברענגען ביז האַלבער נאַכט אין בית־המדרש, אָדער ווען ער איז געזעסן אין דער היים פאַרטיפט אין זיינע ספרים, בין איך געווען מיט דער מאַמען און זיך צוגעהערט צו אירע וואונדערשיינע מעשהלעך, וואָס זי פלעגט מיר דער־ציילן אין אַ הערלעך פאַרבנרייכער שפּראַך, און צו די שיינע פאָלקס־לידער, וואָס זי פלעגט מיר זינגען.

אַ סך פון די מעשהלעך, וואָס מיין מוטער האָט מיר דערציילט, האָב איך שפּעטער געפונען אין מדרשים. האָט דאָס מיך נישט געוואונדערט, ווייל איך האָב געוווסט, אַז די מעשהלעך פונעם מדרש פלעגן אַרומגיין צווישן פאָלק. אַנדערש פון מיין מוטערס געשיכטעס האָב איך שפּעטער געפונען אין די ביכער פון גרים און אַנדערסען. איז דאָס מיר שוין יאָ אַ רעטעניש ביז צום היינטיקן טאָג, ווייל איך האָב נישט געקענט פאַר־שטיין, ווי אַזוי עס האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט די דאָזיקע געשיכטעלעך אין דער יידישער גאַס אַריין.

אין יעדער פון די מעשהלעך, וואָס מיין מאַמע פלעגט מיר דערציי־לן, האָט געשטעקט אַ טיפער מוסר פאַר גרויס און קליין, אָדער אַ שכלדי־קער אויפטו וואָס האָט אין זיך דעם נייטיקן שפּיץ אויף צו שאַרפן דעם מוח פונעם צוהערער, און די פאָלקסלידער, וואָס מיין מאַמע פלעגט מיר זינגען, זענען געווען אַזוי האַרציק טרויעריק, אַז איך פלעג ביי זיי תמיד גיסן טרערן — און ווען איך דערמאָן זיך אין זיי אַפילו היינט, בין איך אויך גרייט צו וויינען. אָט די פאָלקסלידער האָבן באַזונגען די יידישע אָרעמקייט אין אַלע אירע געשטאַלטן. דאָס זענען געווען לידער פון דער־שלאָגענע יידישע בעלי־מלאכות און וואַנדערנדיקע בעטלערס. גאַנץ באַ־זונדערס האָט מיין מאַמע ליב געהאַט צו זינגען לידער וועגן שטיף־מאַמעס, ווייל זי האָט געהאַט צו ליידן פון אַ שטיפמוטער און איר איי־גענע מוטער איז אויך געווען אויפגעצויגן ביי אַ שטיף־מאַמע.

ווי עס איז מיר באַוווסט, האָט מיין מוטער ווייניק וואָס געוווּסט פון נויט, ווי לאַנג זי איז געווען ביי איר פאָטער אין הויז. איר פאָטער איז געווען אַ דאָרפישער גביר מיט פעלדער און בהמות — און ווי ווייט יידן האָבן זיך דענסטמאָל פאַרגונען צו עסן, האָט זי דאָרט זיכערלעך קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין נויט, כאָטש די שטיפמאַמע האָט גע־

שאַלטעוועט. אירע נויטן זענען דענסטמאָל געווען בלויז גייסטיקע און וועגן יידישער אָרעמקייט האָט זי בלויז געהערט. ערשט ווען זי איז אָנגע־קומען אין הויז פון מיין פאָטער, האָט זי זיך באַקענט מיט נויט און אָרעמקייט.

גלייך ווי פיל אַנדערע פון מיין דור, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט ריידן יידיש ביי זייערע מאמעס, האָב איך געלערנט יידיש ביי מיין מו־טער. דאָס געפיל פון ליבע צו דער יידישער שפּראַך האָט זיך דערפאַר ביי מיר ענג פאַרקניפּט מיט דער ליבע צו מיין מאמען, און ווען איך לאשטשע זיך היינט צו דער יידישער שפּראַך און איך לאָז זיך פון איר אַ גלעט טאָן ביי דער נשמה, דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך לאשטשע זיך צו מיין מאמען און איך פיל איר גלעט אויף מיין קאָפּ.

דאָס לשון פון מיין מאמען איז אַפילו נישט געווען דאָס יידיש, אויף וועלכן איך רייד אָדער איך שרייב, ווייל דאָס יידיש פון מיין מאמען איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט זייער פיל לשון־הקודשדיקע ווערטער. אַזוי ווי איר לשון איז אָבער געווען פול מוסר און יראת־שמים, — איז מיר דער דרך־ארץ פאַר אָט די גוטע מידות פאַרבליבן טיף איינגעבאקן אין האַרצן און זיי זענען ביי מיר ענג פאַרבונדן מיטן תוך פון דער יידישער שפּראַך.

אַ ליבע צו יידיש האָט אויך מיין פאָטער אין מיר איינגעפלאַנצט. די יידישע שפּראַך פלעגט ער מיר זאָגן, איז דער לשון פון אונדזערע יסורים. קיין אַנדערע שפּראַך אין דער וועלט פאַרמאָגט נישט אַזאַ רייכקייט פון צער ווי דאָס יידישע לשון, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט אונד־זערע טרערן פון לאנגע דורות. די יסודות פונעם יידישן לשון זענען אַפילו אויפגעבויעט אויף דער דייטשער שפּראַך פונעם מיטלאלטער. לויט ווי זי איז גערעדט געוואָרן אין די געגנטן פונעם רהיין. זענען אָבער די דאָזיקע יסודות אַזוי פאַריידישט געוואָרן אין אונדזער מויל, אַז זיי זענען היינט נישט מער פאַרשטענדלעך צו זייערע ערשטע באַשאַפער.

שפּעטער האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט די ליבע צו דער יידישער שפּראַך, ווייל זי דערנענטערט מיך צו די יידישע מאסן. נישט ווייל איך וויל זיך מאַכן פאַרשטענדלעך צו זיי, האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש, נאָר ווייל איך וויל זיי פאַרשטיין. און יעדעס מאָל ווען איך שרייב יידיש, קומט מיר מיין ליבהארציקע מאמע פאַר די אויגן און עס דערמאָנט זיך מיר איר שמחה, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען,

וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין יידיש, ווייל זי האָט דעמאָלט פאַרשטאַ־נען, וואָס איר זון האָט צו זאָגן צו דער וועלט.

די מאמע מיינע איז פאַר איר צייט געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע מלומדת און זי האָט אויך געהאט אַ רייכע ביבליאָטעק פון ספרים אין עברי־טייטש. ראָמאַנען האָט זי בטבע פיינט געהאט צו לייענען, ווייל עס שטעקט נישט אין זיי, לויט אירע באַגריפן, קיין שום מוסר השכל. און ווען עס האָט מיין פאָטער אָנגעשריבן עטלעכע ראָמאַנען אין יידיש, האָט זי זיי געלייענט פון יוצא וועגן. אַליין צו לייענען האָט זי ליב געהאט מוסר ספרים. און ווען ס׳האָט זי געבלענדט דאָס ליכט פונעם לאָמפּ און זי האָט נישט געקענט מער לייענען מיט די אייגענע אויגן, האָב איך איר אין די לאַנגע ווינטער־נעכט פאָרגעלייענט פאַרשיידענע קאַפּיטלען פו־נעם „מנורת המאור“, פונעם „נופת צופים“, פונעם „שבט מוסר“, פונעם „ברך אברהם“, פונעם „פלא יועץ“ און פון נאָך אַנדערע ספרים, וועלכע איך האָב אַזוי פיל מאָל איבערגעלייענט, ביז איך האָב זיי אין גאַנצן אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. און ווען עס איז מיר אַמאָל געוואָרן לאַנגווייליק צו לייענען פון יענע ספרים, האָב איך איר פאַרטייטשט שטיקער מדרש, וואָס זי האָט גוט פאַרשטאַנען מיט אַלע שפּיצלעך.

אַמאָל האָב איך איר געבראַכט צו לייענען אַ ראָמאַן פון די נייע, וואָס איז מיר זייער געפעלן, האָט זי מיך אונטערבראָכן ביים לייענען באַלד נאָך די ערשטע עטלעכע זייטלעך, ווייל עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער מחבר פון יענעם בוך מאַכט פשוט חוזק פון יידן. האָב איך איר אָבער אַמאָל געבראַכט אַ מעשה־ביכל פון אייזיק מאיר דיק, האָט זי זיך גערן איינגעהערט, ווי איך האָב עס איר פאָרגעלייענט, ווייל עס איז דאָרט דער אינהאַלט געווען מיט אַ מוסר השכל צום לייענער.

העברעאיש איז דעמאָלט געווען אין מיינע אויגן דער לשון פון מיין טאַטען, צו וועמען איך האָב זיך באַצויגן מיט אַ גוואַלטיקן רעס־פּעקט, און ווען איך האָב צו אים גערעדט, האָב איך געוויגן און געמאָס־טן יעדעס וואָרט, עס זאָל זיין ריכטיק מיטן פּינטעלע לויט אַלע דינים פון דקדוק, אָבער יידיש איז געווען אין מיינע אויגן דער לשון פון מיין מאַמען, וועלכער האָט געקלונגען אין מיינע אויערן אַזוי האַרציק ווייך, ווי עס פלעגט צו מירריידן מיין מאמע — אָן קונצן און אָן דקדוק.

איז ביי מיר פאַרבליבן די יידישע שפּראַך אַ שפּראַך פון מוסר — און יעדעס מאָל ווען איך שרייב יידיש, דאַכט זיך מיר, אַז מיין מאמע

וועט עס לייענען. בין איך דעמאָלט באַשטרעבט, אויסצוהיטן זיך פון יעדן וואָרט, וועלכעס איך וואָלט נישט קיין מאָל געברויכט אין קעגנוואָרט פון מיין מאַמען.

דערפאַר האָט מיין מוטער געגלייבט אין אַלעמען, וואָס איך האָב געשריבן אין יידיש און זי האָט עס געלייענט. מיט מיין פאָטער פלעג איך האָבן מיינונגס־פאַרשיידנקייטן. ווי אַ ייד אַ תלמוד־חכם איז ער געוויינטלעך געווען פאַרעקשנט אין זיינע אַנשויאונגען און ער האָט זיך נישט קיין מאָל געוואָלט צובייגן צו דער מינדעסטער פאַרגרינגערונג, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ענינים פון אמונה. אָבער ביי מיין מאמען בין איך געווען אַ מין פוסק אחרון אין אַלע פראגן פונעם לעבן, אַפילו דעמאָלט ווען מען איז איר געקומען אָנזאָגן די בשורה אַז איך בין אַרונטער פונעם דרך הישר, אַפילו דענסטמאָל האָט זי נישט פאַרלוירן דאָס מינדסטע ברעקל צוטרוי צו מיר און צו מיינע מיינונגען.

קאַפּיטל 24

מיינע ערשטע וואַנדערונגען

זומער תר״ם (1880) זענען מיר, אַ חברה יינגלעך פון 12־13 יאָר, צונויפגעקומען אינעם ווייבערישן בית־המדרש צו אַ „באַראַטונג״, וואָס מיר זאָלן טאָן פאַר אונדזער צוקונפט. געווען זענען מיר אַלע קינדער פון אָרעמע אָדער פון גאַנץ מיטלמעסיק באַלעבאַטישע היימען און מיר האָבן נישט געזען קיין מעגלעכקייט, אונדזערע עלטערן זאָלן אונדז קענען אָנהאַלטן ביים לערנען ווי אַנדערע, וואָס פלעגן זיצן און לערנען ביז צו דער התונה און דערנאָך פלעגן זיי באַקומען אַ שווער, וואָס האָט געזאָרגט פאַר זייער פרנסה.

אין אונדזער שטאַנד האָט אַ בחורל פון אונדזער שטייגער בלויז געקענט ווערן אַ בעל־מלאכה אָדער אַ משרת אין אַ געוועלב. האָבן מיר דעמאָלט געוואָלט אויסגעפינען אַ פּלאַן, וואָס זאָל זיין דער נאָענטסטער שריט אונדזערער פאַר דער זיכערונג פון אַ צוקונפט.

עס האָט שוין אַפילו דענסטמאָל עקזיסטירט אין קראָקע אַ שטיקל אינדוסטריע, דהיינו: אַ פאַבריק פון פאָדעם, נישט אויף צו מאַכן דעם פאָדעם, נאָר אויף צו וויקלען דעם פאָדעם אויף די ברעטעלעך. האָט

מען דאָרט געדאַרפט אַרבעטן צוועלף שעה אַ טאָג און מען האָט געקענט פאַרדינען צווישן 30 און 40 קרייצער אַ וואָך (דאָס הייסט: פון 12 ביז 16 אַמעריקאַנער סענט). עס איז אויך געווען אַ פאַבריק פון לעדערנע בייטעלעך, ווו מען האָט געקענט פאַרדינען פון 50 קרייצער ביז 1 גולדן די וואָך (פון 20 ביז 40 אַמעריקאַנער סענט). אַנדערע אינדוסטריעס האָבן נאָך דענסטמאָל אין קראָקע נישט עקזיסטירט.

האָב איך פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן זיך אָוועקלאָזן אין אַ גרופּע צו דער בייטעלעך־פאַבריק. האָב איך אָבער געהאַט אַ חבר מיטן נאָמען יאַנקל בראָנער, וואָס איז געווען דער זון פון אַ דאָרפישן קרעטשמער, האָט ער אונדז אָפּגעראָטן פון יעדער מלאכה. אַזוי ווי דער פאָטער זיי־נער איז לויט אונדזערע אומשטענדן געווען אַ גוטשטייענדיקער מענטש, פלעגט ער דאָס ייִנגל אַהיימנעמען אויף שבת און ווען ער האָט אים צונ־טיק אין דער פרי צוריקגעבראַכט קיין קראָקע, פלעגט ער אים מיטגעבן דריי גרויסע ברויטן, אַ טעפּל פּוטער און עטלעכע קעזלעך. אויסער דעם פלעגט ער פאַר זייַנעטוועגן באַצאָלן פאַר 5 מיטיקן (פרייטיק פלעגט מען אין קראָקע נישט עסן קיין מיטיק) צו 9 קרייצער אַ מיטיק, פאַר וועלכן ער פלעגט באַקומען אַ טעלער בעבעלעך מיט קלוסקעלעך און אַ וורשטל. ברויט האָט ער צוגעגעסן אייגענע.

אָט דער יאַנקל בראָנער האָט אונדז געזאָגט, אַז ווען ער וועט זיך לאָזן אין וועג אריין צו אַ ישיבה, וועט אים זיין פאָטער מיטגעבן גאַנצע 10 גולדן מזומן (4 אַמעריקאַנער דאָלאַר) חוץ עסנוואַרג — און מיט אַזאַ פאַרמעגן דאַרף ער נישט גיין אַרבעטן. שטילערהייט האָט ער מיר אויך צוגעזאָגט, אַז ער איז גרייט מיך מיטצונעמען אויף זיינע הוצאות.

בין איך אויף דעם באַשטאַנען און איך בין געווען גרייט אָוועקצו־לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין. האָב איך דאָס דעמאָלט דערקלערט מיין פאָטער, אָבער אויף דער פראַגע — וווהין? — האָב איך נישט געהאַט קיין קלאָרע תשובה. איך האָב נאָר געוווסט איין זאַך: איך וויל מיך לאָזן אין דער וועלט אריין, קיין אונטערשייד נישט וווהין, אַבי אָוועק פון קראָקע.

פון דעסטוועגן איז מיין פאָטער נישט געווען קעגן מיין פּלאַן און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל מקיים זיין דעם מאמר המשנה „הוי גולה למקום תורה" און איך וויל גיין צופוס ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן, אַבי צו קענען קומען צו אַן אָרט, וועלכער זאָל פאַר מיר פּאַסן,

איך זאָל דאָרט קענען לערנען. איז מיין פאָטער געווען זיכער, אַז איך וועל שוין געפינען מיין וועג.

מיין מאמע האָט אָבער נישט אַזוי גיך געגעבן איר צושטימונג צו מיין פּלאַן. זי האָט געטענהט, אַז ווער עס וויל לערנען, קען דאָס גאַנץ גוט טאָן אין קראָקע און מוז נישט ערשט אַוועקוואַנדערן פון זיין היים. און ווען דו שעמסט זיך צו קומען אין דעם בית־המדרש, ווו דו האָסט פריער געלערנט — האָט זי זיך געווענדעט צו מיר — קענסטו דיר אויסזוכן אַן אַנדער בית־המדרש.

האָט מיין פאָטער ארגומענטירט קעגן דער מיינונג פון מיין מוטער, אַז נאָר אין דער פרעמד קען זיך אַ מענטש אַנטוויקלען און אַז די אַט־מאָספער אין קראָקע טייט אָפּ יעדע פעאיקייט און שלעפערט איין יעדן טאַלאַנט, האָט שוין די מאמע צוגעשטימט צו מיין פּלאַן.

וועגן מיין חבר יאַנקל בראָנער איז כדאי צו דערציילן, אַז דער פאָטער זיינער האָט אים אַבסאָלוט נישט געוואָלט מאַכן פאַר קיין באַנק־קוועטשער. איז אָבער אַמאָל אין אַ זומער מיינער אַ פעטער אָנגעקומען אויף פרישער לופט צו זיין פאָטער אין קרעטשמע, האָט ער דערקענט, אַז יאַנקל האָט גרויסע פעאיקייטן צום לערנען. איז דעמאָלט דער פע־טער מיינער אויפגעשטאַנען יעדן טאָג כעלות און ער האָט מיט דעם יינגל בסוד געלערנט חומש־רש״י און גמרא, אַז די עלטערן זאָלן דערפון נישט וויסן. שפעטער איז דעם יינגלס פאָטער געוואָר געוואָרן, וואָס דער זון זיינער טוט, האָט ער אָנגעהויבן געוואָלדעווען אויף מיין פעטער, צו־וואָס ער האָט גאָר אָנגעהויבן לערנען אַזעלכע „פאַרשימלטע״ יידישע לימודים מיט זיין זון. האָט שוין אָבער מיין פעטער געהאט איינגע־פלאַנצט אַזאַ שטאַרקע ליבע צו יידישקייט אינעם האַרצן פונעם יינגל, אַז ער האָט אזש נישט געוואָלט מער בלייבן אין דער היים און ער איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַנטלאָפן קיין קראָקע.

נאָך דעם ווי יאַנקל איז אָנגעקומען אין קראָקע, האָט דער פאָטער זיינער געמיינט, אַז ער וועט דאָרט שטודירן אין אַ גימנאַזיום. דער פריץ וואָס יאַנקלס פאָטער האָט געהאַלטן ביי אים די קרעטשמע, האָט אים געוואָלט דערצו העלפן. האָט אָבער דער בחור נישט געוואָלט לערנען קיין גויאישע לימודים און ער איז ליבערשט געגאַנגען לערנען אין תלמוד תורה.

סוף תמוז תר״מ האָב איך זיך מיט מיין פריינד יאַנקל בראָנער גע־

לאָזט צופוס אין וועג אריין. אַ ריכטיקן פּלאַן פאַר דער דאָזיקער וואַנ־דערונג האָבן מיר ביידע נישט געהאַט. מיך אַליין האָט עס שטאַרק גע־צויגן קיין דייטשלאַנד. איך האָב געדענקט, אַז נאָר אין דייטשלאַנד קען אַזאַ בחורל ווי איך האָבן דערפאָלג. האָבן מיר זיך געלאָזן גיין צו דער פּרייסישער גרענעץ. קומענדיק אויף אונדזער וועג אין קשאנאָוו, האָבן מיר דאָרט באַגעגנט איינעם אַ משכיל, וועלכער האָט אונדז אָפּגעראָטן פון דייטשלאַנד און ער האָט אונדז געהייסן גיין קיין אונגארן. האָבן מיר פאַרקערעוועט אונדזער רייזע איבער ביאלא און זאיבוש ביז נאָמעסטאָ אין דער אונגארישער אָראַווא, ווו עס האָט זיך דענסטמאָל געפונען אַ קליינע ישיבה.

אויפן וועג, ווו מיר זענען געגאַנגען צופוס איבער שטעטלעך און דערפער, האָבן מיר מערסטנטיילס גענעכטיקט אין די יידישע קרעטש־מעס, ווו מען האָט אונדז אויך אַמאָל געגעבן אָפּצועסן אַ מאָלצייט. זע־נען מיר אַמאָל אָנגעקומען נעכטיקן אין אַ דאָרף מיטן נאָמען זאמיעשציע ביי לימאנאָוו, האָט אונדז דאָרט אַ חברה שקצים מקבל פּנים געווען מיט אַ האָגל פון שטיינער — און איין שטיין האָט מיר געטראָפן אין קאָפּ, אז איך בין שיער נישט דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. האָב איך דענסטמאָל אָנגעשריבן אַן העברעאישן „שיר״, פון וועלכן איך געדענק היינט בלויז די ערשטע צוויי סטראָפן:

> גדולים מעשיך, יוצרי, אל אמונה,
> ראה עניני וחלצני מכל צרותי;
> שם בכפר זאמיעשציע הייתי בסכנה,
> מלאכיך הצילוני לחייני בצל אבותי.
> הוללים וזדים, שכורים, גזלנים,
> כרעו והכריעו במלחמת אֲבנים,
> השליכו אבן גדולה ממעל בגבורה
> נגד ראשי כחץ ופצירה.

מער ווי די דאָזיקע צוויי סטראָפן פון יענעם שיר געדענק איך נישט היינט — און טאָמער וועלן עמעצן די דאָזיקע צוויי סטראָפן אויך נישט געפעלן, זאָל ער פריער באַדענקען, אז איך בין נאָך נישט אַלט געווען קיין גאנצע צוועלף יאָר, ווען איך האָב זיי אָנגעשריבן.

אויפן וועג פון יענער וואַנדערונג מיינער האָב איך זיך באַקענט

מיט צוויי פּשוטע יידן, וואָס זענען ווערט, איך זאָל זיי אָפּגעבן אַ באַ־זונדערע שילדערונג.ביידע האָבן זיך קעגנזייטיק נישט געקענט און זיי זענען אויך געווען ווייט איינער פונעם אַנדערן. דערמאָן איך זיך וועגן זיי פון דעסטוועגן ביידע אינאיינעם, ווייל זיי זענען געווען ביידע פון דעם זעלביקן כאַראַקטער. ביידע האָבן זיך נישט געקענט אַפילו אונטער־שרייבן. זענען זיי אָבער געווען אַזעלכע איידעלע נשמות, דורכגעדרונגען פון אמת־יידישער גוטהאַרציקייט, ווי מען קען זעלטן טרעפן זייערס גלייכן צווישן די בעסטע מענטשן אין דער וועלט.

וואָלף זשאבנער איז געווען דער נאָמען פון איינעם און גרשון ווי־סאָקיער איז געווען דער נאָמען פונעם אַנדערן. ביידע האָט מען גערופן אויפן נאָמען פון די דערפער, וווּ זיי האָבן געוווינט.

הויך אויבן אין די בעסקידן־בערג ליגט דאָס דאָרף זשאַבנאָ. דער וועג אַהין איז זייער אַ שווערער, באַרג אַרויף, איבער זאמדן און שטיי־נער — און צענדליקער מאָל מוז דער וואַנדערער מיד ווערן גייענדיק.

דער טאָג, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען צו גיין קיין זשאַבנאָ, איז געווען אַ פרייטיק און זייער אַ הייסער. אין דער פרי בין איך מיט מיין חבר אָנגעקומען אין זאַיבוש (זשיוויעץ), וווּ יידן האָבן נישט גע־טאָרט וווינען. און טאָמער האָט זיך געפונען אַ ייד, וואָס האָט געהאַט זיין געשעפט אין זאַיבוש, האָט ער געמוזט נעכטיקן אין זאַבלאָציע (אַ פאָרשטאָט פון זאיבוש). אַזוי איז דאָרט געווען אונטער פראַנץ יאָזעף און אַזוי איז דאָרט געווען אונטער פוילן. היטלער האָט דאָרט וואַרשיינ־לעך נישט געהאַט וואָס צו טאָן, ווייל איידער די דייטשן זענען דאָרט אָנגעקומען, האָבן די אָרטיקע פּאָליאַקן אויסגערייכערט די זאַיבושער געטאָ ביז צום לעצטן.

און האָבן זאַיבושער גויאים נישט געלאָזט וווינען קיין יידן אין זייער מיט, האָבן די זאבלאָציער יידן באַהאַנדלט יעדן פרעמדן ייד אויף דעם זעלביקן שטייגער, ווי די זאַיבושער גוים האָבן זיי באַהאַנדלט, בפרט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צוויי יינגלעך אין לאַנגע קאַ־פּאָטעס און מיט פאות, ווי איך און מיין חבר יאַנקל בראָנער.

האָבן מיר אין זאַבלאָציע נישט געקענט קריגן קיין הויז אויף צו בלייבן דאָרט איבער שבת — און ווען מיר זענען אַריינגעקומען צום שוחט פון דער קהילה, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז עס פּאַסט גאָר נישט פאַר אונדז, מיר זאָלן וועלן בלייבן אויף שבת אין אַזאַ טרפה מקום ווי

זאַבלאָציע. האָט ער אונדז געגעבן אַן עצה, מיר זאָלן טאָן אַ גיי קיין זשאַבנאָ, ווו מיר וועלן זיכערלעך קענען האַלטן שבת.

באין ברירה האָבן מיר געפאָלגט דעם שוחטס עצה. האָבן מיר טאַקע תיכף געהויבן פיס און מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין וועג אַריין קיין זשאַבנאָ. האָט זיך מיר יענעם טאָג דאָס ערשטע מאָל אויף מיין וועג געטראָפן, וואָס איך בין שרעקלעך מיד געוואָרן און איך האָב נישט גע־קענט רירן די פיס פונעם אָרט.. האָט מיך מיין חבר אָנגעטריבן, איך זאָל גיין וואָס שנעלער, ווייל מיר וועלן נאָך מוזן בלייבן אויף שבת אין מיטן וועג — און ווען איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אַ ביסל אויפן גראָז לעבן וועג, האָט מיך מיין חבר געסטראַשעט, אַז ער וועט אליין גיין ווייטער...

קאַפּיטל 25

וואָלף זשאַבנער

אויף אַ שטח פון אַריבער אַ צענדלינק מייל ציט זיך די מערבדיקע גרענעץ פון גאַליציע, פון ביאַלע, ביי דער אַמאָליקער עסטרייכיש־שלעזישער גרענעץ, ביז אין די טאַטרא־בערג פון די קאַרפּאַטן, איבער זאַיבוש, זאַבלאָציע, מילאָווקא און ראַיטשא ביז צום קוואַל פונעם טייך „סאָלא", צו דער אַמאָליקער אונגארישער און היינטיקער סלאָוואַקישער געגנט פונעם אָראַוואַער דיסטריקט.

די גאַנצע געגנט האָט שטענדיק געהאַט אַ גאַנץ קליינע צאָל יידן, בפרט דענסטמאָל, ווען יענע גאַנצע געגנט האָט באַלאַנגט צו פירשט זאַמאָיסקי, וואָס האָט שטענדיק געשטרעבט, אַז עס זאָלן זיך נישט גע־פינען קיין יידן אין זיינע באַזיצונגען.

האָט ער דאָס געקענט דורכפירן אין די דערפער פון יענער געגנט אויף אַ גרינגן אופן. האָט מען דאָרט געקענט אַרומוואַנדערן אַ טאָג מיט אַ נאַכט און נישט באַגעגענען קיין איין ייד. אָבער אין מילאָווקא און ראַיטשא איז זאַמאָיסקיס מאַכט געווען צו קורץ, דורכצופירן זיינע אַנ־טיסעמיטישע טענדענצן. האָט זאַמאָיסקי געמוזט צוקוקן, ווי יידן האָבן זיך באַזעצט אין זיינע שטעטלעך און אָנגעפירט דאָרט זייער האַנדל.

אזוי איז דאָס געווען, ווי לאַנג עסטרייך האָט דאָרט געבאַלעבאַטע־

וועט — און געשען איז דאָס נישט אַזוי צוליב עסטרייכס גוטהאַרציקייט צו יידן, נאָר ווייל עסטרייך האָט שטענדיק געוואָלט האָבן אַ בייטש קעגן די פּאָלאַקן, אַז טאָמער וועלן זיי זיך אַמאָל „בונטעווען”, זאָלן זיי דאָס נישט קענען טאָן, ווייל די יידן וועלן זיי שטערן...

דאָס איינציקע שטעטל אין יענער געגנט, וואָס האָט זיך פּאַרעקשנט נישט אַריינצולאָזן קיין יידן, איז געווען ז אַ י ב ו ש, וואָס הייסט אויף פּויליש זשיוויעץ, ווו יידן האָבן נישט געקענט קיינמאָל ווינען טראָץ כל־ערליי שתדלנותן פון פאַרשידענע פּאָליטיש - ליבעראַלע עלע־מענטן און טראָץ קייסער פראַנץ־יאָזעפס פריינדלעכער באַציאונג צו יידן.

זשיוויעץ איז ביז צום סוף פון דער ערשטער וועלט - מלחמה גע־ווען דאָס אייגנטום פונעם עסטרייכישן ערצהערצאָג קאַרל סטעפאַן, וואָס איז געווען אַ קוזין פון קייסער פראַנץ יאָזעף. ער האָט דאָס דאָזיקע שטעטל אָפּגעקויפט פון זאַמאָיסקין און כאָטש ער איז געווען פון דער קייסערלעכער משפחה, האָט ער אָנגעהאַלטן זאַמאָיסקיס טראַדיציע, אַז יידן זאָלן דאָרט נישט קענען ווינען.

די האַבסבורגער משפחה האָט שוין אין יענער צייט געפילט, אַז זייער ממשלה אין עסטרייך וואַקלט זיך, האָבן זיי אָפּגעטיילט צוויי צווייגן פון דער משפחה, וואָס איינע זאָל שפּילן די ראָלע פון פּאָליאַקן און איינע זאָל שפּילן די ראָלע פון מאַדיאַרן, אַז טאָמער וועט די דינאַס־טיע פאַלן אין עסטרייך, זאָל איין טייל פון דער משפחה קענען איבער־נעמען די הערשאַפט איבער פּוילן און אַן אַנדערער טייל זאָל איבערנע־מען די הערשאַפט אין אונגאַרן.

ווי די אומשטענדן האָבן זיך אָבער שפּעטער אַנטוויקלט, האָט דאָס דאָזיקע מיטל גאָר נישט געהאָלפן. אונגאַרן האָט זיך די ערשטע צוגעאײַלט אָפּצוזאָגן זיך פון דער האַבסבורגער דינאַסטיע און ביי דער באַנייאונג פון דער פּוילישער מלוכה, האָט דער זשיוויעצער טייל פון דער קייסערלעכער משפחה געמוזט אַנטלויפן פונעם לאַנד. איינער פון די זשיוויעצער פּרינצן, ווילהעלם האַבסבורג, האָט זיך אַפילו געוואָלט צו־שמייכלען צו די אוקראַאינער און ער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „וואַסילי ווישיוואַני”, האָט ער זיך אָבער טראַצדעם געמוזט אָפּזאָגן פון אַלע זיינע אַמביציעס צו אַ קעניגלעכן טראָן און עס ווייסט נישט היינט קיינער, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

געזעצליך האָט די שטאָט זשיוויעץ באַקומען אינעם יאָר 1808 באַ־שטעטיקט פון דער עסטרייכישער רעגירונג, אַז יידן קענען דאָרט נישט וווינען. זייט דעמאָלט האָט מען פיל מאָל געפּרוווט גיין קעגן יענעם געזעץ — און ווען איך בין דאָרט געווען, האָט מען זיך דערציילט, אַז מיט זיבן יאָר פריער האָט דאָרט איינער אַ ייד געפּרואווט נעמען אַ וווינונג אין זשיוויעץ. אַזוי ווי ער האָט דאָרט געהאַט באַקומען אַ שטע־לע אינעם זשיוויעצער געריכט, האָט ער געפּרואווט דינגען אַ וווינונג אי־נעם שטעטל. איז מען דאָרט געוויר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז אַ ייד, האָט מען אים תיכף אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער מעג זיך זיין אַ באַאַמטער אין געריכט, אָבער וווינען אין זשיוויעץ וועט מען אים נישט לאָזן.

פון וואַנען מען איז געוויר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז אַ ייד, האָט קיינער נישט געוווּסט. די צרה זיינע איז לחלוטין נישט גע־ווען קיין יידישע. ער האָט אויך נישט געהאַט מיט זיך קיין טלית און תפילין און די מאָלצייטן זיינע האָט ער געגעסן אין אַ גויאישן רעסטאָ־ראַן. טאָ ווי אַזוי האָט מען דאָך דערקענט, אַז ער איז אַ ייד? — איז דער ענטפער, אַז ווען עס האָט זיינער אַ גויאישער קאָלעגע אין אַ געווי־סן זונטיק געפרעגט, צי ער וועט גיין אין קירכע, האָט ער געענטפערט, אַז ער איז אַ פריידענקער און ער גלייבט נישט אין קיין שום רעליגיע. האָט יענער קאָלעגע באַלד געוווּסט, אַז דער מענטש איז אַ ייד...

ווען ער איז דעם זעלביקן טאָג אַהיימגעקומען שלאָפן, האָט ער גע־טראָפן אַ געזעמל מענטשן שטיין פאַר זיין הויז מיט פּויקן און ברע־נעדיקע שטאָרקאַצן און אַלע זיינע שטוב־זאַכן זענען שוין געלעגן צע־וואָרפן אויף דער גאַס. איז אַזוי ווי דער פּעוול האָט אים דערזען, האָט מען אים מקבל־פּנים געווען מיט אַ קאַצנמוזיק. דערנאָך האָט מען אים מיט געוואַלט אַרויפגעפּעקלט אויף אַ וואָגן, איינגעשפּאַנט אין אַן אָקס און אַן אייזל — און אויף אָט אַזאַ אופן האָט מען אים אַרויסגעפירט פון שטאָט.

ס'איז אַפילו שפּעטער פאָרגעקומען אַ פּראָצעס און די פאַרוואַלטונג פון זשיוויעץ האָט באַקומען צו הערן די שאַרפסטע אויסריידן, זי זאָל זיך שעמען מיט אזא פירונג. האָט זיך פון דעסטוועגן פון דענסטמאָל אָן גאָר זעלטן וועלכער ס'איז ייד דערוועגט, צו וועלן וווינען אין זשיוויעץ און עס האָט זיך דאָס נישט קיינעם איינגעגעבן. עטלעכע יידן האָבן אַפּי־

לו אין יענער צייט געהאט זייערע קראָמען אין זשיוויעץ, אָבער אויף דער נאַכט פלעגן זיי מוזן גיין שלאָפן אין זאבלאָציע, וועלכעס איז געווען אַזוי צו זאָגן די „געטאָ“ פון די זשיוויעצער יידן.

זענען מיר געגאנגען ווייטער איבער ראַיטשא, ביז מיר זענען אָנ־געקומען אין זשאבנאָ, וווּ עס האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ ייד אַ גדבן, וואָס זיינסגלייכן איז זעלטן צו געפינען.

געהייסן האָט ער וואָלף און זיין אַ ייד האָט ביי אים געהייסן געבן צדקה מיט אַן אָפענער האַנט. נישט בלויז אַזוי פיל ווי די כוחות טראָגן אויס, נאָר פיל מער איבער די כוחות. יעדן שבת פלעגט ער האָבן אַ מנין אורחים ביים טיש — און אַ מנין איז ביי אים נישט געווען דוקא צען, ווייל עס האָט אויך אַמאָל געקענט זיין צוואַנציק. פון יעדן מיטוואָך אָן, ווען אַ ייד איז דאָרט פאַרבייגעגאנגען, האָט ער שוין געמוזט בלייבן איבער שבת.

מיט יעדן פון די אורחים פלעגט זיך וואָלף זשאבנער אַריינלאָזן אין אַ שמועס, געוויר צו ווערן, מיט וואָס מען וואָלט דעם אָרעמען ייד גע־קענט העלפן. איינעם האָט ער געשטיצט מיט אַ סומע געלט, געגעבן אים אַ הלואה, ער זאָל זיך קענען צושלאָגן צו אַ פרנסה. פאַר אַנדערן האָט ער דורך זיינע פאַרבינדונגען אויסגעזוכט אַרבעט — און כדי צו קענען געפינען ארבעט פאַר אַ יידן, האָט וואָלף זשאַבנער אַליין זיך אָפטמאָל אַריינגעלאָזט אין געשעפטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס עס זענען אים דערביי פאַרגעשטאנען היזקות, אַבי אַ ייד זאָל קענען האָבן פרנסה און זאָל נישט דאַרפן אַרומוואַנדערן איבער דער וועלט.

פאַר איינעם פון זיינע אורחים האָט ער אַמאָל געדונגען אַ קרעטש־מע אין אַ שכנותדיקן דאָרף און איינגעאָרדנט אים אַלצדינג צו דער באַ־לעבאַטישקייט. האָט אים יענער דאָס דערנאָך אָפּגעדאנקט מיט פראַ־צעסן און מסירות, וואָס האָבן וואָלף זשאַבנערן שיער נישט געבראַכט פונעם ברויט.

שפעט נאָכמיטיק זענען מיר אָנגעקומען צו וואָלף זשאַבנערן אין קרעטשמע און געטראָפן האָבן מיר דאָרט מער ווי אַ מנין יידן, וואָס האָבן אַהין געצויגן פריער פאַר אונדז. זענען מיר פון דעסטוועגן געווען זייער אָנגעלייגטע געסט. אַזוי ווי מען האָט אונדז נאָר דערזען פון ווייטן, איז אונדז וואָלף זשאַבנער אַליין אקעגנגעקומען, מיר זאָלן קו־מען האַלטן שבת ביי אים. כאָטש ער האָט געוווסט, אַז מיר קענען נישט

אַוועקגיין ערגעץ אַנדערש אויף שבת, ווייל עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטיק און צוצוקומען צום נאָענטסטן יידישן שכן וואָלט נאָך גע־דאַרפט נעמען לפּחות דריי שעה. דערציי האָט ער אונדז דערקלערט, אַז אַזוי ווי ער וווינט אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל און קען נישט די גאַנצע וואָך דאַוונען מיטן מנין, פילט ער זיך דאַנקבאַר צו יעדן יידן, וואָס קומט האַלטן שבת ביי אים, ווייל ער גיט אים די געלעגנהייט, צו קענען האָבן ביי זיך אַ מנין אויף שבת.

וואָלף זשאַבנער איז נישט געווען אַזוי רייך, ווי גרויס ער איז געווען אַ מכניס אורח. אליין איז ער געווען גאָר אַ פּראָסטער מענטש. ער האָט אָבער געהאַט זייער אַ גרויסן דרך ארץ פאַר לערנען. צו לאָזן לערנען זיי־נע קינדער, איז אים גאָרנישט געווען צו טייער — און ווען ער האָט גע־האַלטן ביים אויסקלויבן אַ מאַן פאַר זיינער אַ טאָכטער, האָט ער אויס־געזוכט אַ „לערן־בחור״, וועלכער האָט יעדן אורח שטאַרק מקרב געווען און ווען ער האָט געכאַפּט מיט מיר אַ שמועס, איז ער גאָר אַנטציקט געווען.

מוצאי שבת נאָך הבדלה האָט מען געמאַכט די שענסטע מלוה מלכה, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן — און אַזוי ווי מיר האָבן באַלד פּרייטיק נושא־חן געווען ביי וואָלף זשאַבנערס איידעם, האָט מען זונטיק אין דער פרי איינגעשפּאַנט אַ וואָגן און מען האָט אונדז אָפּגע־פירט ביז נאָמעסטאָ, ביז צו דער טיר פון דער ישיבה. מען האָט אונדז אויך מיטגעגעבן אַ היבש פּעקל עסן און אַ שיינע נדבה אין מזומן.

אין נאָמעסטאָ האָט דער ראש־ישיבה אונדזביידן תיכף עקזאַמי־נירט אין לערנען — און נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעדריקט זיין גרויסע פאַרוווּנדערונג איבער מיינע ידיעות, האָט ער דערקלערט, אַז ער קען אונדז נישט אַרייננעמען אין זיין ישיבה, צוליב דעם וואָס פּוילישע ישיבה־בחורים ווערן געוויינטלעך אפּיקורסים. האָט ער זיך דערפאַר געמאַכט פאַר אַ „חק ולא יעבור״, נישט אָנצונעמען קיין פּוילישע בחו־רים אין זיין ישיבה.

נאָך דער דאָזיקער אַנטוישונג אין נאָמעסטאָ האָבן מיר באַשלאָסן, צו גיין צוריק קיין גאַליציע און צו פּרווון פּרובירן אונדזער גליק אין סאַנדז. האָבן מיר דאָרט געטראָפן הונדערטער בחורים לומדי תורה, וואָס די מענטשן פון דער שטאָט האָבן זיי אויסגעהאַלטן. איז מיר לכתחילה זייער געפעלן געוואָרן צו בלייבן דאָרט לערנען. אַזוי ווי איך

האָב מיר אָבער אַמאָל צוגעהערט צום שמועס פון די בחורים אין דער סאַנדזער קלויז, אַז זיי ריידן נאָר פון חסידות און פונעם אַלטן צדיקס מופתים, האָב איך נישט מער געוואָלט דאָרט בלייבן...

קאַפּיטל 26

גרשון וויסאָקיער

אין סאַנדז זענען דענסטמאָל די אומשטענדן געווען זייער אומרו־איקע. ווי לאנג דער אלטער צדיק ר׳ חיים האַלבערשטאם האָט געלעבט, האָט ער מפרנס געווען הונדערטער סאַנדזער משפחות און ער האָט אויך פּערזענלעך געזאָרגט פאַר דער פּרנסה פון די לערן־בחורים. אָבער אין דער צייט, וואָס איך בין דענסטמאָל געקומען קיין סאַנדז, איז דער אַל־טער צדיק שוין זייט פיר יאָר געווען אַ „שוכן־עפר״ און עס האָט דאָרט געבושעוועט אַ גרויסע מחלוקת צווישן די צוויי עלצטע זין פון ר׳ חיים האַלבערשטאם, וואָס יעדער פון זיי האָט געוואָלט זיין דעם פאָטערס יורש. ר׳ אהרן האַלבערשטאם איז געווען דער אַנערקענטער ממלא מקום, באַשטימט פונעם אַלטן צדיק.

איז ער אָבער נישט געגאַנגען אין די דרכים פון זיין פאָטער בנוגע דער פאַרזאָרגונג פון די סאַנדזער אָרעמע לייט. כאָטש ער איז געווען אַ שטיקל גביר פלעגט ער בלויז צונעמען די נדבות פון זיינע חסידים און פאַר די אָרעמע לייט האָט ער געהייסן דעם אייבערשטן זאָרגן. זענען דע־מאָלט די הונדערטער חסידים, וואָס פלעגן באַקומען וואָכן־געלטער ביים אַלטן צדיק, געבליבן אין גאַנצן אָן שום הכנסה.

חוץ לזה איז אונדזער וואַנדערונג פון נאַמעסטאָ ביז סאַנדז געווען פול מיט אנטוישונגען. ווו מיר זענען געקומען, האָבן זיך די מענטשן באַקלאָגט אויף זייער שלעכטער לאגע און מאנגל אין פּרנסה.

געווען איז דאָס אַרום תשעה־באב און אין דער גאַנצער סביבה האָ־בן די פּויערן שוין לאנג געהאַט אויפגעגעסן דאָס לעצטע ביסל תבואה, וואָס איינער האָט פאַרמאָגט און די נייע תבואה איז נאָך נישט געווען. האָבן דעמאָלט די פּויערן געהונגערט און די יידן אין די דערפער האָבן אין אַזאַ צייט מורא געהאַט, אַרויסצוווייזן, אַז זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט אין זייערע שפּייכלערס געוויס תבואה, אויף צו עסן. האָט מען דאָרט גע־

קענט אַרומוואַנדערן איבער יענע דערפער אַ גאַנצן טאָג און נישט באַקומען אַ שטיקל ברויט אָדער אַ לעפל געקעכץ.

געוויסע יידן האָבן אונדז אַפילו אַנגעמוסרט, וואָס אַזעלכע יונגע קינדער האָבן זיך פּלוצים פאַרלייגט אויף דעם, אַז פרעמדע מענטשן זאָלן זיי מפרנס זיין. אַנשטאָט צו לערנען עפּעס אַ מלאכה אויף צו קענען פאַרדינען פאַרן לעבן, ווילן זיי גאָר ווערן „בטלנים" און דענקען, אַז קהל איז מחויב זיי אויסצוהאַלטן.

דער אַלטער סאַנדזער צדיק האָט נישט בלויז מיט זיין תפילה און מיט זיין פראַווען חסידות קונה־שם געווען, נאָר הויפּטזעכלעך מיט זיין גאונות. ווען מען האָט אַמאָל אין זיין קעגנוואַרט גערעדט וועגן מופתים פון חסידישע רביים, פלעגט ער זאָגן „אותות ומופתים באדמת בני חם" און ער האָט דאָס טאַקע תיכף דערקלערט, אַז „מופתים" דאַרף מען האָבן פאַר כאמעס, אָבער אַ ייד דאַרף קונה־שלימות זיין בלויז מיט לערנען. און טאַמער האָט ער אַמאָל געזען, אַז די בחורים אין זיין בית־המדרש זענען מבטל דאָס לערנען און זיי הייבן אָן דערציילן מעשיות פון רביים, פלעגט ער אויף זיי שרייען, אַז „דערציילן מעשיות, עס מעגן אַפילו זיין חסידישע און מיט די בעסטע כוונות, איז נישט מער ווי אַ ביטול־תורה, ווייל צו אמתער חסידות קען מען נאָר בלויז קומען מיט גמרא, תוספות און מהרש"א".

האָבן מיר דאָרט באַלד אויפן ערשטן בליק געזען, אַז עס האָט זיך אין די פיר יאָר נאָכן צדיקס פּטירה אַלצדינג איבערגעאַנדערשט. דער גרויסער עולם האָט אויפגעהערט לערנען און אַנשטאָט דעם דערציילט מען זיך פאַרשיידענע חסידישע מעשיות. האָט דאָס ביי אונדז אַוועקגענומען יעדן חשק דאָרט צו בלייבן, ווייל מיר האָבן איינגעזען, אַז מיר וועלן זיך דאָ אפשר אָננעמען מיט חסידות, אָבער לערנען וועלן מי'ר דאָ גאָר נישט...

פון דעסטוועגן האָבן מיר דאָרט באַגעגנט אין אַ דאָרף לעבן סאַנדז מיטן נאָמען וויסאָקיע — איינעם אַן ענלעכן מכניס אורח ווי וואָלף זשאַבנער. גערופן האָט מען דעם דאָזיקן מענטש גרשון וויסאָקיער — און ווען עס קומט מיר אויס אים צו דערמאָנען, דערוועקט ער ביי מיר אַן אַנגענעמע דעראינערונג, ווייל זייט מיר האָבן פאַרלאָזן זשאַבנע און מיר זענען אַוועק מיט בושה פון נאָמעסטאָ, איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אונדז באַגעגנט אויף אַ פריינדלעכן אופן אין דער צייט, וואָס

די אַנדערע יידן אין יענער גאַנצער געגנט האָבן אונדז באַגעגנט מיט גרינגשעצונג און אַמאָל אַפילו מיט שנאה.

גרשון וויסאָקיער האָט געהאַלטן אַ הויף ביי אַ פּוילישן גראַף אין אַ דאָרף צווישן לימאַנאָוו און סאַנדז. איז דאָרט דער דאָזיקער הויף געווען ווי אַן „אַכסניא" פאַר אַלערליי דורכרייזנדיקע — און דורכרייזנדיקע זענען דאָרט געווען זייער פּילע, ווייל וויסאָקיע געפינט זיך ביים אָפענעם טראַקט און יעדן טאָג פלעגן דאָרט פאַרבייפאָרן אָדער פאַרביי־גיין אַנדערע יידן צום רבין אין סאַנדז אָדער צו איינעם פון די ירידים אין די אַרומיקע שטעטלעך.

פלעגט דאָרט יעדער פאַרבייפאָרער אָדער פאַרבייגייער קריגן עסן און שלאָפן פונעם שענסטן און בעסטן. יוטאַלע, גרשון וויסאָקיערס ווייב, פלעגט אויפשטיין יעדן טאָג גאַנץ פרי, קאָכן אָנבייסן פאַר אירע צענד־ליקער „געסט" און מיטגעבן דערנאָך פאַר יעדן „צידה לדרך" — אַ ברויטל, אַ זעקל קאַרטאָפליעס, בעבעלעך, גרויפּן, עטלעכע פונט ציבע־לעס, אַ שטיקל פּוטער, אַ ביסל שמאַלץ אָדער עטלעכע אייער.

און ווען עס האָבן זיך דאָרט אַמאָל אָנגעקליבן אַזוי פיל געסט, אַז עס האָט שוין פאַר זיי נישט געסטאַיעט קיין פּלאַץ אין אַלע שטיבער פונעם הויף, פלעגט גרשון וויסאָקיער אַליין אַרויסגיין פון זיין בעט און מאַכן פּלאַץ פאַר די אורחים. און דאָס דאָזיקע בעט איז ביי גרשון ווי־סאָקיער געווען זייער אַ חשובע זאַך, ווייל עס האָט דאָרט אין 1873 דער אַלטער סאַנדזער צדיק געשלאָפן אַ גאַנצן זומער אין יענעם בעט.

דער אַלטער סאַנדזער צדיק פלעגט אָפטמאָל זומער־צייט קומען אויף אַ קורצן באַזוך קיין וויסאָקיע, אָבער אין זומער 1873 האָט ער דאָרט פאַרבראַכט דעם גאַנצן זומער. פון דענסטמאָל איז דאָרט דעם צדיקס לעבן געווען באַדראָט פון אַ פּלוצימדיקן פּויערשן אויפשטאַנד.

אַזוי ווי עס האָט דענסטמאָל געבושעוועט די מגפה אין גאַליציע, האָט די רעגירונג נישט געלאָזט די חסידים צונויפקומען אין סאַנדז. האָ־בן זיי יענעם זומער געוואָלט מאַכן זייער פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ אין ווי־סאָקיע. האָט דאַן עמעצער אויפגעהעצט קעגן דעם די וויסאָקיער פּויערן און זיי איינגערעדט, אַז דער רבי איז געקומען מיט זיינע חסידים פאַר־שפּרייטן די כאָלערע צווישן די וויסאָקיער פּויערן. האָבן זיי זיך דעמאָלט פּלוצים צונויפגעקליבן מיט פאַרשיידענע מאָרד־מכשירים אין די הענט און זיי האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל אַלע דאָרט פאַרזאַמלטע חסידים

תיכף אָפּשיקן קײן סאַנדז און דעם רבין זאָל מען פּשוט דערהרגענען...

גרשון װיסאָקיער איז גראָד דענסטמאָל נישט געװען אין דער הײם און די קינדער זײַנע זענען נאָך אַלע געװען קלײן. האָט זיך גרשונס װײַב אָװעקגעשטעלט טענהן מיט די פּויערן, זײ צו באַרויִקן. האָט דאָס אָבער נישט געהאָלפֿן. מען האָט אויך דערװײַל אַלאַרמירט די זשאַנדאַרמעריע, װאָס האָט נישט געװאָלט קומען.

האָבן דעמאָלט די פּויערן אַרומגענישטערט איבערן גאַנצן הויף צו געפֿינען דעם רבין און זײ האָבן אים נישט געפֿונען. גרשונס װײַב האָט דערנאָך יעדן דערצײלט, אַז דער רבי איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען הינטער איר רוקן און די גוים האָבן אים נישט געזען. האָט זיך פּלוצים דער הימל שטאַרק פֿאַרװאָלקנט און עס האָט אָנגעהויבן שרעקלעך דונערן און בליצן. האָבן זיך די פּויערן דערשראָקן און זײ זענען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען.

גרשון װיסאָקיער איז געװען אַ פּראָסטער מענטש און ער האָט אַלײן גאָר נישט געקענט, אָבער די קינדער זײַנע האָט ער געלאָזט בילדן און ער האָט אַפֿילו אַמאָל געהאַט חשק, צו לאָזן זײ שטודירן. זענען אָבער בײַ אים צװײ דערװאַקסענע טעכטער פֿון 18 און 20 יאָר אַװעקגעשטאָרבן אין פֿאַרלויף פֿון דרײַ װאָכן צײַט. האָט בײַ אים דער סאַנדזער רב ר׳ אהרן האַלבערשטאַם גענומען דאָס װאָרט, אַז ער װעט נישט מער לאָזן די קינדער שטודירן.

זיבן יאָר שפּעטער בין איך געװען אַ לערער בײַ דעם זעלביקן גרשון װיסאָקיער אין הויז — און איך האָב דעמאָלט כמעט יעדן טאָג דערמאָנט די שײנע אויפֿנאַמע, װאָס איך האָב אין דעם הויז געקראָגן, װען איך בין דאָרט געװען אויפֿן װעג פֿון מײַן ערשטער װאַנדערונג.

קאַפּיטל 27

ערשטער סאָציאַליסטישער פּראָצעס אין גאַליציע

נאָך דעם װאָס איך בין צוריקגעקומען אהײם פֿון מײַן ערשטער װאַנדערונג, איז אין קראָקע פֿאָרגעקומען דער ערשטער פּראָצעס קעגן סאָציאַליסטן. פֿאַרשטײט זיך, אַז איך האָב דענסטמאָל װי אַ 12 יעריקער בחור נישט געקענט האָבן קײן קלאָרן באַגריף פֿון דעם, צוליב װאָס

פאַר אַ זינד דער דאָזיקער פּראָצעס איז פּאַרגעקומען, בפרט ווען עס איז אין יענער צייט דער גאַנצער יידישער עולם געווען אַזוי ווייניק באַוווסטזיניק, אַז עס האָבן זיך דאַן אַרומגעטראָגן איבער דער יידישער גאַס די ווילדסטע קלאַנגען וועגן דעם פּראָצעס.

אייניקע האָבן דערציילט, אַז מען האָט געכאַפּט רוסישע שפּיאָנען, וואָס האָבן געוואָלט אונטערמינירן די קראָקאָווער פעסטונג. אַנדערע, וואָס האָבן שוין עפּעס מער פאַרשטאַנען פון דער וועלט, האָבן געזאָגט, אַז די פּראָצעסירטע מענטשן זענען „קאָמוניסטן". האָט מען זיך ווייטער געשפּארט וועגן דעם, וואָס די קאָמוניסטן ווילן אייגנטלעך אויפטאָן. האָבן אייניקע געזאָגט, אַז די קאָמוניסטן ווילן איינפירן אַ סיסטעם פון „כיס אחד יהיה לכלנו", לויט דעם מנהג פון די גנבים אין „משלי". דאקעגן האָבן אַנדערע באַהויפּטעט, אַז די קאָמוניסטן זוכן נישט קיין געלט, ווייל זיי ווילן גאָר אדרבה בטל מאַכן דאָס געלט. מען זאָל קענען קריגן אַלצדינג אָן באַצאָלונג, גלייך ווי עס האָט זיך געפירט אין די אַלטע צייטן פאַר מתן תורה.

גיכער פון אַלעמען האָט דער עולם געגלייבט, אַז די פּראָצעסירטע מענטשן זענען רוסישע שפּיאָנען, ווייל פאַר רוסישע שפּיאָנען האָבן מיר זיך זייער געשראָקן. אַזוי ווי מיר האָבן זיך געפּילט גליקלעך, וואָס מיר געפינען זיך אונטער די פליגלען פון עסטרייך, — זענען מיר געווען איבערצייגט, אַז דער רוסישער צאַר האַלט גאַנצע טעג און נעכט אין איין קלערן, ווי אַזוי ער קען אַוועקנעמען קראָקע פאַר וסלאנד. קראָקע איז אָבער אַזאַ פעסטונג, וואָס רוסלאנד וועט נישט פאַר קיין פאַל נישט קענען איינגעמען. שיקט מען דערפאַר יעדעס מאָל אַנדערע שפּיאָנען אויסצוגעפינען פאַרן רוסישן צאַר עפּעס אַ מיטל אויף צו פאַרגרינגערן דאָס אַוועקנעמען פון קראָקע.

בין איך דאַן זייער נייגעריק געווען, צו וויסן אַלצדינג וועגן דעם פּראָצעס, האָב איך אָבער מיין נייגעריקייט נישט געקענט באַפרידיקן. גיין צום פּראָצעס, האָב איך נישט געקענט, ווייל מען וואָלט דאָרט אַזעלכע ייִנגלעך ווי מיך נישט אַריינגעלאָזט. האָב איך געזוכט געוואָר צו ווערן וועגן דעם דאָזיקן פּראָצעס פון צייטונגען. איז מיר דאָס אויך נישט מעגלעך געווען, ווייל אויסער־גאַליצישע צייטונגען האָבן נישט געבראַכט קיין וואָרט וועגן דעם פּראָצעס און פּוילישע צייטונגען האָבן מיר דאַן געהאַט אין קראָקע בלויז איינע, דעם קאָנסערוואטיוו־

רעאקציאָנערן „טשאס״, וועלכער האָט אלצדינג איבערגעדרייט און איך האָב אים אויך ווייניק פאַרשטאַנען, ווייל איך האָב דאַן ווייניק פאַר־שטאַנען פויליש.

האָט דאָס מיך געבראַכט אויפן געדאַנק, אַז איך מוז לערנען פוי־ליש און איך האָב אָנגעהויבן אָפּגעבן מיינע טעג און נעכט פאַר פויליש, און ווי עס פאַרשטייט זיך, האָב איך דאָס געטאָן אָן אַ סיסטעם. איך האָב גענומען אַ דייטש־פויליש ווערטערבוך און געלערנט הונדערט ווערטער אַ טאָג. צוויי וואָכן שפּעטער, האָב איך זיך שוין גענומען לייע־נען אַ פויליש ביכל — און דאָס ערשטע בוך, וואָס איז מיר געקומען אין האַנט אַריין, איז געווען מיצקיעוויטשס „קסיענגי נאראָדו פּאָל־סקיעגאָ אי פּיעלגרזימסטווא פּאָלסקיעגאָ״ („די ביכער פון פּוילישן פאָלק און פון די פּוילישע פּילגרימס״). אַזוי ווי עס איז אויך געווען דאָס דאָזיקע בוך איבערזעצט אין העברעאיש פון אַ געוויסן עזכריאל ס״ט, האָב איך ביידע ביכער צוזאמען געלייענט און איך האָב אויף אזא אופן אָנגעהויבן פלייסיק לייענען פויליש.

אָט די ביכער האָבן מיך דערנענטערט צו דער פּוילישער נאַציאָנאַ־ליטעט; איך האָב פון זיי געוווּנען די איבערצייגונג, אַז אין פאַרגלייך צו דעם, ווי יידן זענען באַהאַנדלט געוואָרן בעתן מיטלעלטער אין דייטשלאנד אָדער אין פראַנקרייך, האָבן זיך די פּאָליאַקן אין דער זעל־ביקער צייט אויפגעפירט אַקעגן יידן ווי צדיקים. און ווען עס האָט מיר דערציילט מיין זיידע, וואָס פאַר אַ צרות יידן האָבן געהאַט אויסצור־שטיין פון די פּאָליאַקן אין קראָקע, איידער די שטאָט איז געוואָרן עס־טרייכיש, האָב איך אים געענטפערט, אַז דאָס איז געקומען דערפאַר, וואָס יידן האָבן נישט קיינמאָל געלערנט די לאנדס־שפראַך, כדי צו קע־נען מיטפילן די נאַציאָנאַלע נויטן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. האָט מען דערפאַר באַטראַכט די יידן פאַר פרעמדע און מען האָט זיי אויך ווי אַזעלכע באַהאַנדלט.

דערנעענטערט צו די פּאָליאַקן האָט מיך אויך דער אומשטאנד, וואָס עס האָבן זיך דענסטמאָל אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אנטיסעמיטישע טעאָריעס אין דייטשלאנד דורך דעם בערלינער קעניגלעכן הויף־פּרעדי־קער שטעקער און מען האָט אויך געהערט וועגן שלאָגן יידן אין ניי־שטעטין און אין אַנדערע קליינע דייטשע פּראָווינץ־שטעט. צו דער זעל־ביקער צייט זענען מיר אויך געקומען אין האַנט אַריין עטלעכע עלטערע

אַנטיסעמיטישע ביכער אין דייטש — און אין פּויליש האָב איך גע־קראָגן צו לייענען די ביכער פון קראַשעווסקי און עליזאַ אָרזעשקאָ, וועמעס אידעען עס האָבן אויסגעזען אַקעגן די אידעען און די טאַטן פון יענע אַנטיסעמיטישע דייטשן, ווי עס זעען אויס די ריינע מחשבות פון די גרעסטע צדיקים אַקעגן די מעשים תעתועים פון ווילדע רשעים.

צוועלף יאָר בין איך דענסטמאָל אַלט געווען, און ווען איך האָב אַפילו געוווסט, ווי אַזוי עס באַהאַנדלען מיך שטענדיק די פאָלקס־גע־נאָסן פון קראַשעווסקי און עליזאַ אָרזעשקאָ, — האָב איך דאָס אויסגע־טייטשט, אַז די סיבה דערפון שטעקט נישט אין דער שנאה פונעם פּאָ־ליאַק צום ייד, נאָר ווייל מיר ריידן נישט די שפּראַך פונעם לאַנד און ווייל מיר גייען אָנגעטאָן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע מענטשן אינעם לאַנד.

דריי יאָר נאָך יענעם ערשטן פּראָצעס פון סאָציאַליסטן אין גאַלי־ציע האָב איך געקראָגן צו לייענען אַ ביכל וועגן אַלעמען, וואָס איז ביי יענעם פּראָצעס פאָרגעקומען. דאָס ביכל איז געווען אין פּויליש און גע־דרוקט אין גענף. ס'איז אויך דאָרט געווען דערקלערט, וואָס די סאָציאַ־ליסטן ווילן אויפטאָן אויף דער וועלט. און יענע פינף מענטשן, וואָס זענען דענסטמאָל פּראָצעסירט געוואָרן אין קראָקע, זענען געווען אַנט־לאָפענע פון וואַרשע, וווּ זיי האָבן געוואָלט אָרגאַניזירן די פּוילישע אַרבעטער, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן אויסנאָגן דעם מאַרך פון די רויבע־רישע קאַפּיטאַליסטן. האָט זיי די רוסישע רעגירונג געוואָלט האָבן ווי פּוילישע בונטאָוושטשיקעס, און ווען מען זאָל זיי געווען כאַפּן, וואָלט מען וואַרשיינלעך געמאַכט מיט זיי אַ קורצן פּראָצעס, גלייך ווי מען פלעגט דאָס דאָרט טאָן מיט אַנדערע ענלעכע מענטשן, וואָס זענען אויפגעהאַנגען געוואָרן אינעם „פּאַוויאַק“, אָדער זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן אויף אייביקער קאַטאָרגע אין סיביר. האָבן זיך יענע פינף מענטשן געראַטעוועט פונעם צאַרס הענט און זיי זענען אַנטלאָפן קיין קראָקע, פון וואַנען זיי האָבן ווייטער אָנגעפירט זייער אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער אין רוסיש־פּוילן.

האָט זיי די קראָקעווער פּאָליציי געכאַפּט און אַרעסטירט — און עס האָט זיך דעמאָלט די עסטרייכישע רעגירונג שטאַרק מיט זיי גע־מוטשעט, אויסצוגעפינען די עבירה, צוליב וועלכער מען קען זיי מאַכן אַ פּראָצעס און פאַראורטיילן אויפן גרונד פון די עסטרייכישע געזעצן.

מאַכן זיי אַ פּראָצעס פאַר צוגרייטן אַ רעוואָלוציע, האָט מען נישט גע־קענט, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט מאַכן קיין שום רעוואָלוציע אין עסטרייך. און צו דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט רעוואָלטירן קעגן רוס־לאַנד, האָט מען נישט געפונען געניג באַווייזן, צו קענען זיי פאַראור־טיילן.

ביים געריכט האָבן די פּראָצעסירטע דערקלערט, אַז זיי זענען סאָ־ציאַליסטן — און פאַר דער בלויזער צוגעהעריקייט צו דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי האָט מען זיי נישט געקענט פאַראורטיילן, ווייל עס האָט נישט עקזיסטירט אַזאַ געזעץ אין עסטרייך. זענען זיי דערפאַר באַפרייט געוואָרן פון אַלע זינד, וואָס מען האָט אויף זיי געוואָלט אַרויפלייגן.

איין איינציקע זינד האָט מען אויף זיי פון דעסטוועגן אויסגעפונ־נען — און דאָס איז, וואָס זיי זענען אָנגעקומען אין קראָקע אויף פאַל־שע פּאַספּאָרטן. האָט מען זיי דערפאַר פאַראורטיילט צו זיצן אין תפיסה צו דריי וואָכן. אָבער אזוי ווי זיי זענען שוין געווען אַרעסטירט פריער פאַרן פּראָצעס עטלעכע מאָנאַטן, האָט מען זיי אַרונטערגערעכנט די דריי וואָכן פון יענע עטלעכע מאָנאַטן.

אזוי ווי זיי זענען שוין דאַן געווען פאַראורטיילטע אויסלענדער, האָבן זיי שוין נישט געטאָרט מער בלייבן אין עסטרייך — און לויט דעם פּאָליצייסקן מנהג אין עסטרייך וואָלט מען זיי געדאַרפט אָפּפירן צו דער רוסישער גרענעץ און זיי איבערגעבן דער רוסישער זשאַנדאַר־מעריע. האָבן זיי זיך אָבער געבעטן, אַז מען זאָל זיי לאָזן אַוועקפאָרן פון עסטרייך, וווהין זיי ווילן אליין, האָט מען זיי די דאָזיקע ביטע נאָכ־געגעבן און מען האָט זיי צוגעשטעלט איבער אינסברוק צו דער שווייַ־צער גרעניץ.

צווישן יענע פּראָצעסירטע סאָציאַליסטן איז געווען איינער, סטאַ־ניסלאַוו מענדעלזאָן, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געווען אַן איידעם פון נחום סאָקאָלאָוו — און מיט אים בין איך מיט 25 יאָר שפּעטער געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס, ווען ער איז דאַן געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער פּוילישער צייטונג „קוריער לוואָווסקי" אין לעמ־בערג.

דער דאָזיקער „קוריער לוואָווסקי" איז דענסטמאָל געווען דער אָר־גאַן פון די ראַדיקאַלע בירגערלעכע גאַליציאַנער פּאָליאַקן. האָב איך דאָרט אין פאַרלויף פון אַן אנדערטהאַלבן יאָר געהאַט די מעגלעכקייט,

צו אינפאָרמירן די לייענער אויף אַן אומפּאַרטייאישן אופן וועגן אַלע יידישע פראַגן, די עקאָנאָמישע און די ליטעראַרישע. געווען איז דאָס נאָכן טויט פון דער צייטונגס ערשטן רעדאַקטאָר, הענריק רעוואַקאָוויטש, האָט דעמאָלט איבערגענומען די רעדאַקציע אַ לאַנגיעריקער פריערער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, זיגמונט פרילינג (אַ משומד), וועלכער האָט געוואָלט אָנהייבן אַ ליבעראַלערן קורס צו יידן.

איז אָבער די צייטונג פּלוצים פאַרקויפט געוואָרן צו אַנדערע אייגנטימער, איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר רעדאַקטאָר סטאַניסלאַוו מענדעלזאָן, וועלכער האָט אין דער צווישנצייט דורכגעמאַכט פילע און פאַרשיידענע פּאָליטישע טראַנספאָרמאַציעס. און אין יענעם מאָמענט האָט ער די צייטונג פאַרוואַנדלט אין אַן אָרגאַן פון די רעוואָלוציאָנער־ראַדיקאַלע פּוילישע פּויערן. איז דער ערשטער שריט זיינער געווען, וואָס ער האָט נישט געוואָלט מער דרוקן קיין שום אַרטיקלען וועגן יידן. דערביי האָט ער מיר דעם דאָזיקן שריט זיינעם דערקלערט מיט דער וויטערדיקער באַגרינדונג: „דער קוריער לוואָווסקי" האָט נישט די אויפגאַבע, אויפצוקלערן דאָס פּוילישע פּויערנטום וועגן יידן! דער פּוילישער פּויער איז בטבע אַ שונא פון יידן. עס איז נישט אינעם אינטערעס פון דער צייטונג צו דרוקן אַרטיקלען, וואָס זענען קעגנעריש צום פּויערס איבערצייגונג"...

און ווען איך האָב אין אונדזער געשפּרעך אַריינגעוואָרפן די באַמערקונג, אַז אַזוי ווי ער איז אַ ייד, וואָלט ער געדאַרפט אָננעמען אַן אַנדערע שטעלונג, האָט ער מיר געענטפערט מיט כעס, אַז ער איז נישט קיין ייד, און אויב איך וויל, קען ער מיר ווייזן, אַז ער איז געטויפט געוואָרן באַלד ביי זיין געבורט...

קאַפּיטל 28

ווען צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דערמאָרדעט געוואָרן

די ניהיליסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד, וואָס האָט זיך דאָרט פאַנאַנדערגעוואַקסן אין די 70קער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, האָט געהאַט די שטאַרקסטע סימפּאַטיעס ביי אונדז אין גאַליציע, ביי יידן

גלייך ווי ביי גוים. וואָס די רוסישע ניהיליסטן ווילן און צו וואָס זיי שטרעבן, האָט אַפילו ביי אונדז קיינער נישט געננו געוווסט. אונדזערע מענטשן האָבן בלויז פאַרשטאַנען, אַז די ניהיליסטן ווילן אַפּראַמען דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, וואָס מ׳האָט געהאַלטן, אַז ער איז איי־נער פון די ערגסטע מענטשן. יידן האָבן געוווסט, אַז צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער שטערט די אַנטוויקלונג פונעם יידישן לעבן און לאָזט זיי נישט טראָגן קיין פאות און קיין שטריימלעך; און פּאָליאַקן האָבן גע־וווּסט, אַז נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863 האָט צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער בטל געמאַכט יעדן זכר פון אַ פּוילישער מלוכה און האָט אָנגעהויבן פירן אַ פּאָליטיק פון געצוווּנגענער רוסיפיצירונג אין פּוילן.

ווען מיר זאָלן געווען דענסטמאָל קענען די רוסישע געשיכטע, וואָלטן מיר אפשר געהאַט אַן אַנדערע מיינונג וועגן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, וואָס האָט באַפרייט די פּויערים פון דער „פּאַנשטשיזנע״ און האָט אויך בטל געמאַכט דאָס געזעץ פון ניקאָלאַי דעם ערשטן וועגן צונעמען קליינע יידישע יינגלעך צום מיליטער (קאַנטאָניסטן). אַזוי ווי מיר האָבן דענסטמאָל אַלצדינג ניט געוווּסט, האָבן מיר נאָר נאָכגערעדט, וואָס מיר האָבן געהערט וועגן דעם צאַר, פון די ניהיליסטן.

מיר האָבן געוווּסט, אַז די ניהיליסטן זענען אַזוי שטאַרק אינעם צאַרישן הויף, אַז ווען דער צאַר לייגט זיך שלאָפן, מוז ער זוכן מיט אַ ליכט אונטערן בעט, צי עס האָט זיך נישט דאָרט באַהאַלטן אַ ניהיליסט — און ווען ער שטייט אויף פונעם שלאָף, טרעפט ער געוויינלעך צוגע־קלעפּט צו זיין קישן אַ צעטל, וואָס זאָגט אים אָן, אַז אָט־אָט וועט מען אים מאַכן מיט אַ קאָפּ קורצער. מען האָט אויך ביי אונדז געגלייבט, אַז דער רוסישער קרוינפּרינץ אַליין (דער שפּעטערדער צאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער) איז אַ חבר מיט די ניהיליסטן און ער גיט זיי אַרויס אַלע סודות פון זיין פּאַטערס הויף, ווייל ער איז אַ פרייגעזאָנענער אין זיינע פּאָליטישע אַנשויאונגען.

ביי מיר איז תמיד געווען אַ קשיא, אז ווען די ניהיליסטן זענען באמת אַזוי שטאַרק אינעם צאַרישן הויף, טאָ פאַרוואָס געלינגט זיי נישט קיין מאָל צו האָבן דעם נייטיקן דערפאָלג ביי אַן אטענטאט אויפן צאַר? — איז דער תירוץ, האָב איך דאַן אויסגעטייטשט, אַז יעדער מלך האָט זיך זיין מלאך אין הימל, וואָס באַשיצט אים אַקעגן אַלע זיינע אָנגריי־פער — און אַזוי לאַנג ווי צאַר אַלעקסאַנדערס מלאך איז אַ תקיף אין

דער „פמליא של מעלה“ קענען די ניהיליסטן אין רוסלאנד גאָר נישט אויפטאָן.

נאָך אַ סיבה פאַר אונדזער סימפּאַטיע מיט די ניהיליסטן איז געווען, וואָס עס האָבן זיך ביי אונדז געפונען הונדערטער רוסיש־פּוילישע יידן, וועלכע האָבן אַוועקגענומען די פּרנסה ביי אונדזערע אייגענע מענטשן, און אונדזערע יידן האָבן זיי גערן געוואָלט פּטרן אויף יעדן מעגלעכן אופן. האָבן מיר אָבער געוווסט אַז זיי האָבן נישט וווהין צו גיין, זענען מיר שוין געווען טאָלעראַנט צו זיי — און אונדזערע יידן האָבן נאָר אַרויסגעקוקט, אַז דער צאַר זאָל שטאַרבן, ווייל עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ווען דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער וועט שטאַרבן, וועט אויפקומען אַ ניי לעבן אין דער רוסישער אימפּעריע און יידן וועלן דאָרט קענען אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

ווען עס איז אַלזאָ אָנגעקומען צו אונדז די ידיעה וועגן דעם אַטאַנטאַט אויף צאַר אַלעקסאַנדער, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 13טן מערץ, 1881 — פּונקט אום פּורים צו דער סעודה — האָט דאָס אַרויסגערופן ביי אונדז אַ שמחה, וואָס מען קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן. כאָטש מען האָט זיך פריער וועגן דעם נישט צונויפגערעדט, האָבן זיך מחנות יידן צונויפגעקליבן נאָך דער סעודה און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט טאַנצן אין די גאַסן. אַנדערע מחנות האָבן ווייטער אָנגעפילט די קלויזן און בתי־מדרשים ווו מען האָט געזונגען אַ „הנותן תשועה“ פאַרן עסטרייכישן קייסער פראַנץ יאָזעף און די פּורימדיקע רביים האָבן געזאָגט הספּדים אויף צאַר אַלעקסאַנדער, וואָס דער עולם האָט זיך ביי זיי געקאַטשעט פון געלעכטער.

יעדער פון אונדז איז געווען זיכער, אַז נאָך צאַר אַלעקסאַנדערס טויט וועלן זיך גאָר גיך בייטן די פאַרהעלטענישן אין רוסלאַנד. יידן וועלן דאָרט פריי און גליקלעך קענען לעבן; ווייל איטליכער האָט געגלויבט, אַז דער קרוינפּרינץ איז אַ ליבעראַלער מענטש, וועלכער וועט געבן אַלערליי פרייהייטן צו זיין פאָלק און צווישן אַלע אַנדערע פריי געוואָרענע פון זיין לאַנד, וועט ער אויך די יידן געדענקען צום גוטן.

מיר האָבן זיך אָבער באַלד אויסגעניכטערט פון אונדזערע חלומות, ווען מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין קיעוו.

לכתחילה האָבן מיר זיך אַפילו פּרובירט טרייסטן, אַז דאָס איז אַ

פּאָראיבערגייענדיקע דערשיינונג, וואָס וועט נישט אָפּהאַלטן רוסלאַנדס פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג. מיר האָבן אָבער באַלד איינגעזען אַז מיר האָבן געהאַט אַ ביטערן טעות אין אַלע אונדזערע האָפענונגען. אויף אַ נייעם מלך טאָר מען נישט בעטן, ווייל די פּאָגראָמען זענען דעמאָלט געוואָרן אַ רעגלמעסיק סיסטעם ביי דער רוסישער רעגירונג. יעדעס מאָל, ווען מען האָט דאָרט געזען, אַז דער סיסטעם פון דער רעגירונג קען זיך נישט ווייטער האַלטן אויף דעם זעלביקן שטייגער, ווייל די באַפעלקע־רונג איז אויפגערעגט, האָט מען באַלד אינסצענירט אַ פּאָגראָם אויף יידן, אין אַ גרעסערער אָדער אין אַ קלענערער פאָרעם, אָפּצוראַטעווען מיט דעם די אייגענע הויט, ביז עס וועט קומען די נויטווענדיקייט צו מאַכן אַ נייעם פּאָגראָם.

דער פּאָגראָם איז אויף יידן אין קיעוו פון יאָר 1881 האָט שטאַרק באאיינפלוסט דאָס לעבן און דענקען פון אונדזערע יידן אין גאַליציע. קודם כל האָבן מיר באַלד איינגעזען, אַז נישט נאָר וואָס מיר וועלן נישט אַזוי גיך קענען פּטרן די הונדערטער רוסיש־פּוילישע יידן, וואָס האָבן אַוועקגענומען די ־פּרנסה ביי אונדזערע מענטשן, נאָר מיר האָבן אויך באַלד צוגעקראָגן אַנדערע הונדערטער יידן, וואָס זענען אַנגעלאָפן קיין גאַליציע פון קיעוו, גלייך ווי פון אַנדערע מקומות, און מען האָט זיי אַלעמען געמוזט באַזאָרגן מיט אַלע הצטרכותן פון לעבן, ביז מען האָט זיי אַוועקגעשיקט ווייטער.

אַ חוץ דעם האָבן זיך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אָפּגערופן צום שלעכטן אויף אונדזער אייגענער לאַגע אין גאַליציע. די דייטשע און פּוילישע צייטונגען האָבן פאַרצייכנט יעדן ריר און יעדע באַוועגונג אַקעגן יידן אין רוסלאַנד. דאָס האָט אויפגעוועקט אַ ניי געפיל פון האַס און פאַראַכטונג צו אונדז ביי אונדזערע גויאישע שכנים און מיר האָבן כסדר מורא געהאַט, אונדזערע גוים זאָלן נישט פּרוּוון נאָכטאָן ביי אונדז, וואָס זייערע ברידער אין רוסלאַנד טוען צו אונדזערע ברידער. אַ סך פון אונדזערע גוים האָבן זיך אויך אַריבערגעכאַפּט איבער דער גרע־נעץ, צו קענען זיך באַטייליקן אין די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד — און ווען זיי זענען געקומען אַהיים, נאָך דעם ווי זיי האָבן דאָרט אין רוסלאַנד געזען, אַז יידישע לעבנס און פאַרמעגנס זענען הפקר, זענען זיי ביי אונדז געוואָרן די פאַרשפּרייטער פון יענע אידעען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אויף יענער זייט גרענעץ אָנגעזאַפּט.

קאַפּיטל 29

אברהם גינצלער

פּסח־צייט תרמ״א (1881) איז אָנגעקומען צו באַזעצן זיך אין קראָקע איינער אַ פּראָמינענטער העברעאישער שרייבער מיטן נאָמען אברהם גינצלער, וואָס האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ העברעאישע צייטונג, „התור". אָט די צייטונג איז פריער דערשינען אין דעם אונגארישן שטעטל סיגעט און דערנאָך איז זי דערשינען אין דער גאַליצישער שטאָט קאָלאָמיי. אין קראָקע האָט גינצלער אָנגעהויבן דרוקן זיין צייטונג אין דער דרוקעריי פון יוסף פישער און אויפן קאָפּ פון דער צייטונג האָט מען אַרויפגעשטעלט „שנת רביעית", כאָטש די צייטונג איז ביז דענסטמאָל נישט דערשינען אַפילו איין יאָר כסדר.

העברעאישע צייטונגען זענען אין יענע צייטן נישט געווען קיין גאַנגבארע סחורה, בפרט אין אַזאַ לאנד ווי גאַליציע, ווו עס האָט דענסטמאָל די עסטרייכישע רעגירונג אָנגעווענדעט כחות, צו באַשרענקען דאָס דערשיינען פון צייטונגען דורך גרויסע שטייערן און אַנדערע מניעות, ווייל זי האָט געוווסט, אַז ווען די פאָלקס־מאסן וועלן זיך נעמען לייענען צייטונגען, איז דאָס ווי סם המות פאַר אַזאַ רעגירונגס־סיטעם, ווי עס האָט דענסטמאָל געהערשט אין עסטרייך. און ווען עס האָבן אין יענער צייט די גוים וויניק געלייענט צייטונגען, קען מען שוין גרינג פאַרשטיין, אַז יידן האָבן דענסטמאָל זיי נאָך ווייניקער געלייענט, און העברעאישע צייטונגען האָט מען שוין כמעט גאָרנישט געלייענט. פרומע יידן האָבן איבערהויפּט מורא געהאט, די העברעאישע צייטונגען זאָלן זיי נישט אַרונטערפירן פונעם דרך הישר — און די תקיפים פון די יידישע קהלות זענען געווען קעגנער פון די העברעאישע צייטונגען, ווייל מען פלעגט דאָרט באַלייכטן זייערע עובדות.

גאַליציאנער לייענער פון העברעאישע צייטונגען פלעגן נאָך אויסער דעם וועלן גילטן פאַר שרייבער — און ווי אַזעלכער האָט איטלעכער פון זיי געוואָלט קריגן די צייטונג אומזיסט. און טאָמער האָט שוין איינער באַצאָלט אַ האַלבן פרייז פאַר אַ העברעאישער צייטונג, האָט ער מיט דעם באַוויזן אַן אומבאַשרייבלעכן חסד צום רעדאקטאָר פון דער

צײַטונג און האָט שוין דערפֿאַר פֿאַרלאַנגט, מען זאָל פֿון אים רײדן אין זײַן שטעטל.

באַקאַנט געוואָרן מיט אַברהם גינצלער בין איך, נאָך דעם ווי איך בין צוריקגעקומען פֿון מײַן ערשטער וואַנדערונג. איך בין דאָן נישט מער געגאַנגען לערנען אינעם בית־המדרש און איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ באַשעפֿטיקונג פֿאַר פּרנסה. בין איך דעמאָלט געגאַנגען אַרבעטן אין יוסף פֿישערס דרוקערײַ, ווו איך האָב זיך געוואָלט אויסלערנען ווערן אַ זעצער. אַזוי ווי איך האָב זיך אויך אַרויסגעוויזן פֿעאיק צו דער דאָזיקער מלאכה, ווײַל איך האָב געקענט לײענען אַלערלײ האַנטשריפֿטן, האָט מיך אַברהם גינצלער שטאַרק מקרב געווען און דערקלערט, אַז איך וועל אַמאָל זײַן זײער אַ גוטער זעצער. בין איך שוין צוליב דעם אַוואַנסירט אין מײַן מאַטעריעלער שטעלונג — און נאָך זעקס וואָכן אומזיסטער אַרבעט האָט מיר פֿישער באַשטימט אַ וועכנטלעכן געהאַלט פֿון 75 קרײצער (30 אַמעריקאַנער סענט).

פֿון דעסטוועגן בין איך נישט געוואָרן קײן זעצער, אַפֿילו ניט קײן שלעכטער — און שולדיק אין דעם בין איך אַלײן.

דער הויפּטמאַכער אין פֿישערס דרוקערײַ איז דאַן געווען אַ געוויסער יואל ווערבער, אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, אַ געבוירענער בראָדער, וואָס האָט מיך פֿײַנט געקראָגן פֿונעם ערשטן אויגנבליק אָן, וואָס איך בין איבערגעטראָטן די שוועל פֿון דער דרוקערײַ און ער האָט זיך אויף מיר אָנגעזעצט נישט צו דערלאָזן איך זאָל ווערן אַ זעצער. די סיבה פֿון זײַן שנאה צו מיר איז געווען, וואָס איך האָב צו שנעל אויסגעלערנט די זעצער־קונסט און וואָס איך האָב אים אַמאָל באַלײדיקט, ווײַל ער האָט אָנגעטאָן צו־פֿיל צרות און געפּײַניקט די לערן־ײנגלעך אין דער דרוקערײַ.

אַזוי ווי איך בין געווען אויפֿגעצויגן בײַ אַ טאַטן, וואָס פֿלעגט זיך נישט לאָזן פֿון קײנעם, האָב איך פֿון אים געירשנט די דאָזיקע מידה אין אַ זײער אַנטוויקלטער פֿאָרם. האָב איך נישט געקענט לײדן, ווען איך האָב געזען, ווי עמעצער טוט אַן עוולה צו אַנדערע. האָט עס מיך גע־קרענקט צו זען, ווי עס פֿלעגן די זעצער באַהאַנדלען די לערן־ײנגלעך ווי שקלאַפֿן, און ווען עס האָט אַמאָל אײנער פֿון די לערן־ײנגלעך אַרויסגע־קוקט פֿאַר אַ מינוט דורכן פֿענצטער אויף אַ פֿאַרבײַגײענדיקער מוזיק־קאַפּעליע, האָט אים יואל ווערבער אָנגעצויגן די אויערן. האָב איך אויף

דעם עפּענטלעך דערקלערט, אַז ווען ער וואָלט דאָס מיר געטאָן, וואָלט איך אים דערלאַנגט מיט אַ שטיק בליי איבערן קאָפּ. האָט מיך יואל ווערבער געהייסן אַהיימגיין און נישט מער צוריקקומען, ווייל איך בין אַ „ניהיליסט" און מען טאָר מיך נישט האַלטן אין אַ יידישער שטוב...

דערביי איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער דאָזיקער יואַל ווערבער איז געווען סאָציאַליסטיש געשטימט — און ווען ער האָט מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער געאַרבעט ווי אַ זעצער אין לאָנדאָן, האָט ער זיך באַטייליקט מיט אַלע כוחות ביי ווינטשעווסקיס צייטונג „דער פּוילישער יידל". פון דעסטוועגן האָט ער אליין געפּייניקט און אונטערדריקט די לערן־ייִנגלעך אין דער דרוקעריי, גלייך ווי דער ערגסטער „בורזשוי".

ווי אַלע אנדערע צייטונגען אין גאַליציע פון יענער צייט האָט אויך דער „התור" נישט געהאט קיין אַריכות־ימים. אַזוי ווי ער האָט דעמאָלס זייער פיל געשריבן וועגן די פּאָגראָמען פון יענער צייט, האָט אים די רוסישע רעגירונג פאַרבאָטן, אַריינצוקומען אין רוסלאַנד, האָט ער צוליב דעם פאַרלוירן גאַנצע צווייהונדערט פול־באַצאָלטע אַבאָנענטן און האָט שוין נישט געקענט ווייטער דערשיינען.

דאָרט אינעם „התור" האָב איך געשריבן מיין ערשטן העברעאישן חיבור: אַ שטיקל נייס וועגן די יידן אין רוסיש־פּוילן, וואָס איך האָב אַרויסגענומען פון דער פּוילישער צייטונג „טשאַס". אָט־דאָס שטיקל נייס האָב איך געהאט אָנגעשריבן אויפן נאָמען פון מיינעם אַ חבר, רפאל קויפמאַן, וועלכער האָט מיר צוגעזאָגט דערפאַר גאַנצע 10 קרייצער (4 אַמעריקאַנער סענט) — און ווען דאָס שטיקל נייס איז שוין געווען אויפ־געזעצט אין דער דרוקעריי, האָב איך זיך פאַר אַברהם גינצלער מודה געווען, אַז איך בין דער מחבר פון דעם שטיקל נייס. איז אברהם גינצלער אויף מיר בייז געוואָרן, האָט ער אויסגעמעקט דעם נאָמען רפאל קויפמאַן פון אונטער דעם שטיקל נייס און אונטערגעשריבן — ג"ב...

נאָך 21 נומערן, וואָס זענען דערשינען אין פאַרלויף פון זעקס מאָ־נאַטן, האָט דער „תור" אויפגעהערט צו דערשיינען. אברהם גינצלער איז פון דעסטוועגן ווייטער פאַרבליבן אין קראָקע, ווו ער האָט אָנגעהויבן אונטערריכטן אין אָרטאָדאָקסישע רייכע הייזער און שרייבן אַרטיקלען פאַר דער העברעאישער צייטונג „מחזיקי הדת", וואָס האָט אים געגעבן אַן אָרטאָדאָקסישן שם. פרומע עלטערן זאָלן האָבן צו אים דעם נייטיקן

צוטרוי, אַז ער וועט נישט ארונטערפירן זייערע קינדער פונעם דרך הישר. עֶר האָט געהאט דאָס גרויסע פארדינסט, וואָס ער האָט געלערנט העברעאיש מיט חסידישע בחורים, וואָס פיל פון זיי האָבן זיך אין דער ווירקלעכקייט אויסגעלערנט שרייבן אַ גוטן ליטעראַרישן העברעאיש און אונטעֶר זיין השפעה האָבן זיי געקראָגן אַ גייסטיקע אָריענטאַציע.

אברהם גינצלער איז געווען אַן אמת אָרטאָדאָקסישער ייד מיט אַ פייער־פלאַמענדיקער פּען אין פראגן פון יידישקייט. ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי טריי איבערגעגעבן זיינע אָרטאָדאָקסישע אידייען און ווען ער זאָל זיך נישט געווען פאַרטשעפּען מיט אַלעמען, וואָס נייגן אַ ביסל אָפּ פון זיינע פרומקייט־אידעאלן, וואָלט אים מסתמא געווען מאַטעריעל אַ סך בעסער.

נאָך מיין אַוועקגיין פון פישערס דרוקעריי בין איך אַלץ געבליבן פאַרבונדן מיט אַברהם גינצלער און ביי אים געווען ווי אַ בן־בית. ער האָט מיר געגעבן צו לייענען זיין קאָרעספּאָנדענץ און ער האָט מיך אויך אָפּטמאָל באַאויפטראַגט איך זאָל ענטפערן בריוו אויף זיין נאָמען. איין מאָל האָט ער מיר אַפילו פאָרגעשלאָגן, איך זאָל ווערן אַ מיטאַרבעטער פון זיין „מחזיקי הדת". האָב איך דאָס נישט געוואָלט. עפּעס האָט מיך דענסטמאָל מיין נאמנות נישט געלאָזט, איך זאָל פלוצים ווערן אַ פּרע־דיקער פאַר אַ מין רעליגיעזן פאַנאַטיזם, וואָס איז קעגן מיינע איבער־צייגונגען...

אַלט געווען בין איך דענסטמאָל 13 יאָר. און זיבן יאָר שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַן אָנערקענטער העברעאישער שרייבער, נאָך דעם ווי איך האָב זיך שוין געהאַט אַרומגעוואלגערט איבער דער גרויסער וועלט און דער „המגיד" אין ליק האָט געדרוקט מיינע ארטיקלען, — איז ער אויף מיר אָנגעפאלן אין זיין „מחזיקי הדת", ווייל איך האָב אין מיינעם אַן ארטיקל געשילדערט עפּעס אַ מין „עוות הדין" פון אַ חסידישן רבין. האָב איך אים דעמאָלט זייער גראָב אָפּגעענטפערט און איך האָב אים געשילדערט ווי אַ פינצטערן היפּאָקריט, וואָס איז גרייט צו פאַרקויפן דאָס הייליקסטע, ווען דאָס זאָל אים ברענגען ריוח...

דריי־פיר יאָר האָט געדויערט מיין קאַמף קעגן אברהם גינצלער. איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבן אַ „משנת חסידים" אין תלמודישן סטיל, וווּ עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך האָב שוין פון מיין קעגנער

געמאַכט „אשפה“. האָט אָבער אברהם גינצלער אָנגעשריבן אַ מאמר „ליצנותא דעבודה זרה“ אין זעלביקן סטיל, האָט זיך מיין „משנת חסידים“ גאָר נישט געקענט מעסטן מיט יענעם און איך האָב דערפאַר אויפגעהערט אָנצופירן מיין פּאָלעמיק.

און ווען איך דערמאָן דאָ היינט די דאָזיקע מחלוקה, ווילט זיך מיר זייער בעטן מחילה ביי דער נשמה פון אברהם גינצלער פאַר אַלע מיינע אָנפאַלן אויף זיין כבוד — און איך בין זיך דאָ מודה, אַז איך האָב אַפילו דענסטמאָל בשעת מחלוקה געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר זיין טרייער איבערגעבנקייט צו זיינע פרומע אידעאַלן.

ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן העברעאיש, האָט ער מיך געפירט ווי אַ טאַטע — און ווען עס האָט זיך מיר דעמאָלט אַמאָל איינגעגעבן, אויסצופורעמען אין מיינעם אַ „חיבור“ עפּעס אַ שיינע מליצה, האָט ער דערפון אָנגעקוואָלן גלייך ווי אַ לערער קוועלט אָן פון זיינעם אַ געראָ־טענעם תלמיד. איך האָב אויך שטענדיק פיל געהאלטן פון זיין העברע־אישן סטיל און יעדעס מאָל, וואָס איך האָב געטראָפן זיינעם אַן אַרטיקל אין דער צייטונג „מחזיקי הדת“, האָט דאָס ביי מיר אויסגעזען, ווי אַ ציווילייזירטער מענטש ווערט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט צווישן ווילדע...

קאַפּיטל 30

ביי ר׳ שמעון סופר אין הויז

אויף דער השתדלות פון אברהם גינצלער בין איך אינעם ווינטער תרמ״ב אָנגעקומען צום קראָקעווער רב, ר׳ שמעון סופר, אין הויז. ר׳ שמעון סופר האָט מיך שוין אַפילו געקענט פון פריער. ער האָט גוט געקענט מיין פאָטער און מיט ר׳ שמעון סופרס אַן אייניקל האָב איך אַמאָל צוזאמען געלערנט ביי אַ מלמד מיטן נאָמען יהושע קאַנער. פלעג איך דעמאָלט מיט אים אַהיימגיין און איבערחזרן די גמרא. האָט דאָס דער רב באַמערקט און דערפון אַ גרויסע הנאה געהאַט. אַברהם גינצלערס השתדלות האָט מיר דאַן ברייט געעפנט די טירן פון ר׳ שמעון סופרס הויז. דער רב אַליין האָט מיך געבעטן, איך זאָל קומען יעדן טאָג צו אים, לערנען צוזאמען מיט זיינע אייניקלעך גמרא און פוסקים ביי זיין איידעם ר׳ עקיבא קאָרניצער און צו ווייזן זיי דערביי אַ ביסל תנ״ך און דייטש.

ר׳ שמעון סופר איז געווען אַ זון פֿונעם פּרעשבורגער גאון, דעם בעל „חתם סופר״ — און דעמאָלט ווען איך האָב אָנגעהויבן אַרויפקומען צו אים אין הויז, איז ער געשטאַנען אין דער מיט פֿון זיין גרויסן קאַמף פֿאַר יידישקייט ווי אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט רייכסראַט און ווי אַ פֿאָר־זיצער פֿון דער חברה „מחזיקי הדת״. אָט דער קאַמף האָט אויך אויפֿ־געגעסן זיינע כוחות. משכילים האָבן אים געזידלט ווי דעם ערגסטן און אין דער העברעאישער צייטונג „עברי אנכי״ איז געווען כמעט יעדע וואָך אַן אָנפֿאַל אויף זיין כבוד. האָט דאָס געווייטיקט צוגערויבט ביי אים אַ שטיק פֿון זיין לעבן.

בעצם איז ער אַליין געווען שטאַרק אַגרעסיוו, ווו עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן יידישקייט, איז ער געווען גרייט צו גיין ביז צום אוי־סערסטן און האָט נישט קיינעם געשוינט. האָט זיך אָבער עמעצער דער־וואָגט, צו רעאַגירן אויף זיינעם אַן אָנגריף און אָפּענטפֿערן אויף אַ נישט קיין אָרענטלעכן שטייגער, האָט ער דאָס נישט געקענט פֿאַרליידן און ער איז דאַן באַלד שרעקלעך אויפֿגעקאָכט געוואָרן, אַז מען האָט אַזש תיכף געמוזט רופֿן אַ דאָקטאָר.

ווען ער איז אָנגעקומען אין קראָקע, האָט זיך שוין דאָרט געהאַט אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פֿאַר רעליגיעזע רעפֿאָרמען און עס איז שוין געווען אויפֿגעבויעט אַ רעפֿאָרמירטער טעמפּל, וואָס איז — לויטן פּסק־דין פֿונעם „חתם סופר״ — געווען פֿאַררעכנט ווי אַ „תיפלה״, וואָס אַ ייד טאָר גאָר נישט אַהין אַריינקוקן. מיט דער אָנשטרענגונג פֿון אַלע כוחות האָט ער אויך געקעמפֿט קעגן יעדן פּרעדיקער, וואָס די קראָקעווער קהילה האָט דענסטמאָל אָנגאַזשירט פֿארן טעמפּל, אָנגעהויבן מיט יצחק מיזעס און פֿאַרענדיקנדיק מיטן ד״ר דושאַק.

צום ערגסטן פֿלעגט דער רב ריידן וועגן דעם פּרעדיקער ד״ר דאַנ־קאָוויטש, וואָס האָט ביי אים נישט אַנדערש געהייסן ווי „דער ימח־שמוניק״ און דעם רבס הויז־מענטשן פֿלעגן וועגן אים דערציילן, אַז ער האָט געוואָלט איינפֿירן צו זאָגן ביים שבתדיקן דאַווענען די תפילה „בריך שמיה״ אויף פּויליש.

ווען דער פּרעדיקער ד״ר מרדכי דושאַק איז אָנגעקומען אין קראָקע, האָט ער תיכף געמאַכט אַ באַזוך ביי ר׳ שמעון סופר.ביידע האָבן צוזאַמען געלערנט אין דער פּרעשבורגער ישיבה ביים „חתם סופר״, און ווען עס

האָט זיך גערעדט אין פּרעשבורג וועגן קענען לערנען, האָט דושאַק געהאַט אַ בעסערן קאָפּ. פון דעסטוועגן האָט אים ר' שמעון סופר געלאָזט שטיין אַ לאַנגע צייט ביי דער טיר, איידער ער האָט זיך אויף אים אומגעקוקט.

דערנאָך האָט זיך צווישןביידע אַנטוויקלט דאָס ווייטערדיקע געשפּרעך, לויט ווי עס האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן ד"ר דושאַק אַליין.

געווען איז דאָס שבת נאָכן דאַוונען. האָט אים ר' שמעון סופר געפרעגט:

— איר זענט טאַקע היינט געקומען צו פאָרן?

האָט אויף דעם ד"ר דושאַק געענטפערט:

— געקומען צו פאָרן בין איך מיטוואָך, אָבער מאַכן מיין וויזיט ביי אייך, קען איך ערשט היינט!...

— אַזוי? — האָט ר' שמעון סופר געענטפערט — איז צו וואָס אייגנטלעך זענט איר געקומען קיין קראָקע? איר זענט דאָ דער גלח פונעם היגן טעמפּל?

האָט אויף דעם ד"ר דושאַק געענטפערט:

— אַנטשולדיקט, רבי, איך בין ראַבינער אין דער היגער טעמפּל־געמיינדע!

— צו־וואָס דאַרף די טעמפּל־געמיינדע האָבן אַ ראַבינער, ווען זיי זענען סיי־ווי נישט קיין יידן? — האָט ר' שמעון סופר געפרעגט.

— זיי זענען יידן גלייך ווי אַנדערע! — האָט ד"ר דושאַק געענטפערט — נאָר זיי האַלטן זייער יידישקייט אויף אַ מאָדערנעם שטייגער!

— אונדזער יידישקייט קען נישט מאָדערניזירט ווערן! — האָט ר' שמעון סופר אַ זאָג געטאָן — און ווער עס וויל יידן מאָדערניזירן, איז אַליין נישט מער קיין ייד!

— אויף אַזוי פיל בין איך שוין תלמודישע אויטאָריטעט, איך זאָל פאַרשטיין — האָט ד"ר דושאַק אָפּגעענטפערט — אַז אייער מיינונג וועגן אַ מאָדערניזירטער יידישקייט איז נישט קיין ריכטיקע!

— פון וואַנען האָט איר דעם כוח — האָט ר' שמעון סופר געפרעגט — וואָס איר זאָגט אויף זיך, אַז איר זענט אַ „תלמודישע אויטאָריטעט"?

— ווי אַ תלמיד פונעם „חתם סופר" — האָט ד"ר דושאַק גע־

ענטפערט — האָב איך דאָס רעכט צו גלייבן, אַז איך בין אַ „תלמודישע אויטאָריטעט"!

— איר זענט נישט געווען קיין תלמיד פון מיין פאָטער! — האָט ר' שמעון אַ זאָג געטאָן.

— ווי קענט איר אויפשטעלן אַזאַ באַהויפּטונג? — האָט ד"ר דושאַק געענטפערט — ווען איר דאַרפט עס גוט געדענקען, אַז מיר זענען ביידע געזעסן אין אייער פאָטערס ישיבה אויף איין באַנק?

— איך וויל נישט לייקענען, אז איר האָט געלערנט ביי מיין פאָטער! — האָט ר' שמעון סופר געענטפערט — אָבער אַ תלמיד פון מיין פאָטער זענט איר אבסאָלוט נישט געווען!

— ווי מיינט איר דאָס? — האָט ד"ר דושאַק געפרעגט.

— איך מיין — האָט ר' שמעון סופר געענטפערט — אַז אַ תלמיד נעמט איבער די מידות פון זיין רבין און איז אויך באַשטרעבט, אים נאָכצוטאָן. איר האָט בכן נאָר געלערנט ביי מיין פאָטער, דאָס הייסט, ער האָט אייך אויסגעלערנט, איר זאָלט קענען פאַרטייטשן די ספרים, פון וועלכע ער האָט אייך געלערנט. מיט זיינע מידות האָט איר זיך אָבער נישט אָנגענומען, און ווער עס האָט זיך נישט אָנגענומען מיט די מידות פון מיין פאָטער, דער האָט נישט קיין רעכט צו זאָגן, אַז ער איז זיינער אַ תלמיד.

דאָס זאָגנדיק, איז ר' שמעון סופר אויפגעשטאַנען און אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער, לאָזנדיק דעם ד"ר דושאַק אַ פאַרשעמטן און אַ צעטומלטן.

מער זענען זיי ביידע קיין מאָל נישט צוזאַמענגעקומען.

העכער אַ יאָר צייט בין איך געווען ביי ר' שמעון סופר אין הויז — און ווי אָפט ר' שמעון סופר איז געווען אין קראָקע, פלעג איך ביי אים עסן און שלאָפן, ווייל איך פלעג דעמאָלט איבערשרייבן זיינע דרשות און חידושי ש"ס.

יעדעס מאָל ווען ר'שמעון סופר פלעגט מיר איבערגעבן די דאָזיקע „זאכן" צום איבערשרייבן, פלעגט ער מיר אָנזאָגן, איך זאָל נישט קיינעם אין דער וועלט וועגן דעם דערציילן. דערביי האָט ער מיר אויך געוויזן אַ נאָטיץ, וואָס דער קראָקעווער בוכהענדלער אהרן פויסט האָט געדרוקט אין דער צייטונג „עברי אנכי", אז ער איז גרייט צו דרוקן אויף זיינע

הוצאות מיטן שענסטן דרוק און פאַרטיילן דאָס געדרוקטע אומזיסט, ווען עס וועט זיך אַמאָל טרעפן, עס זאָל זיך דעם ר׳ שמעון סופר איינגעבן אָנ־צושרייבן עפעס אַ לומדישן חידוש.

די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָט ר׳ שמעון סופר געליטן פון שלאָפלאָזיקייט. פלעגט ער גאַנצע נעכט אַרומגיין איבער די צימערן אָדער זיצן און שרייבן העברעאישע שירים — און עס האָט זיך געפונען ביי אים אַ גאַנצער ספר שירים מיטן נאָמען „שירים אילת השחר״.

אין פאַרלויף פון יענעם יאָר האָבן די אָפּקלאַנגען פון די רוסישע פּאָגראָמען אַריינגעבראַכט אַ שרעקלעכן גייסטיקן קריזיס אין גאַליציע. איינע נאָך די אנדערע האָבן זיך געיאָגט די ידיעות וועגן פּאָגראָמען אין קיעוו, אין יעליסאַוועטגראַד, אָדעס און וואַרשע — און יעדע פון די דאָזיקע ידיעות האָט זיך אריינגעברענט אין אונדזער פלייש ווי מיט גליענדיקע צוואַנגען. יעדן קלאַפּ, וואָס יידן אין רוסלאַנד האָבן געקראָגן, האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ שטאַרקן ווידער־קול אויף אונדזערע נערוון. עס האָט זיך אונדז אַפילו נישט געוואָלט לייענען די ידיעות אין די צייטונגען, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט, די פּאָגראָמען זאָלן זיך נישט וועלן אַריבערכאַפּן צו אונדז איבער דער גרענעץ.

קראָקעווער סוחרים, וואָס פלעגן האַנדלען אויף יענער זייט גרענעץ, פלעגן דערציילן די שוידערלעכסטע מעשיות וועגן דער אויפגערעגטער שטימונג, וואָס הערשט איצט אויף יענער זייט, אין רוסלאַנד הייסט עס. ווי די גוים גרייטן זיך דאָרט צו עפנטלעך צו פּאָגראָמען אויף יידן, ווען עס וועט נאָר צו זיי אָנקומען „אַ באַפעל פונעם צאַר״, און ווי יידן גרייטן זיך דאָרט צו, צו אַנטלויפן איבער דער גרענעץ, ווען די מינדעסטע בהלה זאָל חלילה אויסברעכן.

דערווייל זענען אָנגעקומען אין גאַליציע יעדן טאָג נייע רוסישע פליטים. ספּעציעל גרויס איז געווען די צאָל פון די דאָזיקע אַנטלאָפענע אין די מזרח־גאַליצישע שטעט. אין בראָד, וואָס געפינט זיך ביי דער ראַדזיווילאָווער גרענעץ, האָבן זיך ארומגעוואַלגערט 15 ביז 20 טויזנט יידן. מען האָט זיך דאָרט פאַר זייערטוועגן געזאָרגט זיי זאָלן קענען פאָרן ווייטער און וואָס מער פליטים מען האָט פון בראָד אַוועקגעשיקט, זענען אַלץ מער צוגעקומען נייע. ביז די עסטרייכישע רעגירונג האָט פאַרווערט די איינוואַנדערונג פון רוסישע פליטים — און שפּעטער האָט מען זיי

אַפילו נישט געלאָזן דורכוואַנדערן דורך דער עסטרייכישער טעריטאָריע, אַפילו ווען די פּליטים האָבן נישט געהאַט בדעה גאָר זיך אָפּצושטעלן אין גאַליציע.

ביים אַרויסקומען פון דעם דאָזיקן פאַרבאָט אַקעגן די רוסישע פּליטים האָט מען שטאַרק געמורמלט, אַז אַחינו בני ישראל האָבן געהאַט אַ האַנט ביים אַרויסגעבן דעם דעקרעט, ווייל עס האָט ביי זיי געהערשט אַ מורא, אַז די מגפה פון פּאָגראָמען זאָל זיך נישט אריבערכאַפּן קיין גאַליציע, און ווען עס וועלן די גוים זען, די גרויסע צאָל אַנטלאָפענע רוסישע יידן, וואָס זענען געקומען זיך אָנזעצן אויף גאַליציענס קאַרק, קען זיי נאָך פּלוצים אָננעמען אַ חשק, צו מאכן אַ פּאָגראָמעלע אויף אונדזער זייט.

שווער היינט צו וויסן, צי עס שטעקט אין דעם אַן אמת, אַז יידן האָבן געהאַט אַ האַנט ביים אַרויסגעבן דעם פאַרבאָט אַקעגן די רוסישע פּליכטלינגע. איינס איז אָבער זיכער, אַז בראָדער יידן האָבן געריסן די הויט פון די פּליטים, ווי ווייט עס האָט זיך נאָר געלאָזט — און קיינער פון זיי האָט זיי נישט באַגעגנט ווי ברידער, וואָס פילן זייער אומגליק און זענען גרייט בייצושטיין זיי אין צייט פון נויט.

קאַפּיטל 31

די „בני ביל״ו" אויפן וועג קיין ארץ־ישראל

צוזאמען מיט די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד איז אונדז גלייכצייטיק אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז איבער אַלע רוסישע אוניווערסיטעטן הערט זיך אַ נייער רוף, וועלכער שרייט מיט באַנומענע קולות און ער זאָגט „בית יעקב לכו ונלכה!" (ביל״ו), וואָס מיינט, אַז מען דאַרף אַנטלויפן פון אזא לאַנד, וואָס די דאָרטיקע רעגירונג וויל פאַרענטפערן די יידן־פראַגע מיט פּאָגראָמען — און דער אָפּקלאַנג פון דעם דאָזיקן רוף ציט זיך ווי אַ שטורעמווינט איבער דער גאַנצער רוסישער מלוכה, אַז צוזאמען מיט די צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן מיט האַק און פּאַק, אויף צו זוכן אַ נייע היים ערגעץ „מעבר לים", שלעפּן זיך אויך מיט יידישע סטודענטן, וואָס אַנשטאָט צו

באַנייען דאָס לערנען אויף דער אוניווערסיטעט, לויפן זיי אַוועק פון רוסלאנד און ווילן גיין קיין ארץ־ישראל.

לויט איר געאָגראפישער לאגע איז די שטאָט קראָקע געווען אַ פונקט, ווו אַלע יענע רוסישע אויסוואנדערער, וואָס זענען געלאָפן איבער בראָד און לעמבערג, האָבן געדארפט דורכגיין. האָט מען דענסטמאָל געקענט טרעפן הונדערטער מענטשן אַרומוואַלגערן זיך איבער די קראָ־קעווער גאַסן, אַן ברויט און אַן אַ דאך איבערן קאָפּ. עטלעכע פון זיי האָט מען געלאָזט נעכטיקן אין דער געביידע פון שפיטאָל, וואָס מען האָט ערשט געהאט אויפגעבויעט. אַנדערע זענען געלעגן פשוט אויף דער גאַס, אונטערן פרייען הימל.

די אַזוי אָנגערופענע „עפנטלעכע מיינונג״ האָט אויף דעם אַלעמען געקוקט קאַלט און גלייכגילטיק. עס האָט אַפילו עקזיסטירט עפּעס אַ שטיקל „קאָמיטעט״, צו וועלכן מען האָט געשיקט געלט פון ווין, פון בערלין און פון פּאַריז. אַ חוצדעם האָט זיך נישט קיינער אינטערעסירט פאַר די עמיגראַנטן. פון לייענען צייטונגען האָט נאָך דענסטמאָל דער רוב פונעם יידישן עולם נישט געהאַלטן און מען האָט אויך ווייניק וואָס פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט.

פּלוצים זענען אָנגעקומען 70 רוסישע יידן קיין קראָקע אויף אַ שבת. איז געוואָרן אַן אומבאַשרייבלעכע בהלה איבער דער גאַנצער שטאָט. איטלעכער האָט געשריגן, אַז די קהילה דאַרף זיי באַזאָרגן און קיינער האָט נישט גערירט קיין האַנט, ביז עס האָבן זיך נישט צונויפ־גענומען עטלעכע אָרעמע יידן, וואָס זענען געגאַנגען שטורעמען די קהל־שטוב. האָט ערשט שלמה דייכעס (דער פּרעזידענט פון דער קהילה און דער גרעסטער יידישער גביר אין שטאָט) געשיקט זאָגן, אַז מען וועט די 70 פליכטלינגע באַזאָרגן מיט אַלעמען און מען וועט זיי אויך געבן אויף הוצאות זיי זאָלן קענען פאָרן ווייטער.

נאָך יענע 70 פּליטים האָבן אָנגעהויבן קומען ווייטערע רוסישע פליכטלינגע — און אויף וויפל איך געדענק היינט, האָבן זיך די באַלע־באַטישע יידן אין שטאָט ווייניק געזאָרגט וועגן זיי. געזאָרגט פאַר די רוסישע פּליטים האָבן זיך נאָר די אינטעליגענטן פון שטאָט און די אָרעמע לייט. אַלע אַנדערע יידן האָבן געמיינט, אַז ווען זיי וועלן פאַר־מאכן די אויגן און נישט וועלן זען דאָס אומגליק, וועט עס פון זיי אַרונ־טערנעמען יעדע אחריות.

עס האָט דענסטמאָל איבערהויפּט געהערשט אַן אומבאַשרייבלעכע קאָפּלאָזיקייט צווישן יידן און בנוגע צו די רוסישע פּליטים האָבן די קליגסטע מענטשן נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. גאָר צוערשט האָט מען זיי אַלעמען געהייסן פאָרן קיין אַמעריקע. דערנאָך זענען אָנגעקומען וואָרנונגען פון אַמעריקע, אַז עס איז גאָר נישט מעגלעך צו געפינען דאָ פּרנסה פאַר אַזוי פיל נייע מענטשן. האָט מען געהייסן די פּליטים לויפן קיין ארץ־ישראל — און וועגן ארץ־ישראל האָט זיך שפּעטער אנטוויקלט אַ מחלוקה צווישן די צוויי העברעאישע צייטונגען: „המגיד" און „עברי אנכי".

דער „המגיד" האָט געוואָלט אַריבערפירן אַלע רוסישע פּליטים קיין ארץ־ישראל. האָט ער צוליב דעם געבראַכט די ערגסטע ידיעות פון אַמעריקע. אַקעגן דעם האָט דער „עברי אָנכי" געזידלט די אידעע פון „ישוב ארץ־ישראל", אַז דאָס איז פּשוט אַ מיסיאָנערסקע שטיקל אַרבעט, אויף אַריינצונאַרן יידן קיין ארץ־ישראל, כדי מען זאָל זיי דאָרט קענען אָפּשמדן...

און אַזוי ווי דער שטראָם פון רוסישע עמיגראַנטן האָט דערווייל נישט אויפגעהערט צו גיין איבער קראָקע, פלעג איך זיך אַרויסכאַפּן עטלעכע מאָל אין דער וואָך צוזאַמען מיט אייניקע חברים פון מיין עלטער צום באַנהויף, אָנצוקוקן די מחנות עמיגראַנטן, וואָס זענען פאַר־ בייגעפאָרן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, אָדער זיי האָבן געהאַט אַ דער־ לויבעניש, אָפּצושטעלן זיך אויף עטלעכע שעה אין קראָקע.

פּלוצים, איך געדענק נישט מער היינט ווי אַזוי, האָט זיך פאַר־ שפּרייט אַ ידיעה, אַז מיר קריגן די חברה ב י ל " ו צו גאַסט: זיי וועלן זיך אָפּשטעלן אין קראָקע אויף זייער וועג קיין ארץ־ישראל.

ווער די ביל"ו זענען אַזוינס און ווער אירע מענטשן זענען, האָבן מיר שוין גוט געוווסט. מיר האָבן עס שוין געהאַט געלייענט אין די העברעאישע בלעטער, אַז אַ חברה סטודענטן אין כאַרקאָוו האָט זיך אַזאַ נאָמען געגעבן, ווייל זיי האָבן זיך געמאַכט אַ פּאַראָל: „בית יעקב לכו ונלכה!" און זיי האָבן געשריגן: „קומט, יידן, לאָמיר גיין קיין ארץ־ ישראל!"

איצט, האָבן מיר געוווסט: די דאָזיקע סטודענטן האָבן אָפּגעלאָזט זייער שטודיום און זיי ווילן זיך פּשוט נעמען צום סערפּ, צום פלוג, צו ווערן איינפאַכע פויערן אין אונדזער אַמאָליקער היים.

ביי אונדז אין קראָקע האָבן זיך דענסטמאָל די כלל־מענטשן אָפּגע־געבן בלויז מיט די מחלוקותן צווישן די אזוי אָנגערופענע אָרטאָדאָקסן און משכילים און יעדער האַלבוועגס פאַרשטענדיקער מענטש האָט נישט געהאַט קיין אנדערע דאגות וועגן כלל־ישראל. בלויז אזא בחורל ווי איך און עטלעכע פון מיינע חברים האָבן אין יענער צייט געטראָגן אויף זיך די לאַסט פון דער שאלה, וואָס עס וועט זיין מיט די פּאָגראָמירטע רו־סישע יידן!...

קען מען שוין פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פּנים אונדזער ווירקונג האָט דאַן געקענט האָבן, ווען איך בין דענסטמאָל געווען אַ בחורל פון קאַרגע 14 יאָר און מיינע חברים זענען געווען מיט אַ יאָר אָדער צוויי עלטער.

קראָקעווער קהל האָט פון דעסטוועגן נישט געשוויגן. קודם האָט מען אַרויסגעקוקט, אַז דער רב ר׳ שמעון סופר זאָל ברענגען אַ גוטע בשורה פון ווין, ווו ער איז געווען „רייכסראַטס־אַבגעאָרדנעטער״ (דעפּוטאַט) — און לויט אונדזערע דעמאָלטדיקע באַגריפן האָבן מיר גערעכנט, אַז אזא „קרוב למלכות״ קען מיט איין וואָרט בטל מאַכן אַלע גזרות אויף יידן...

און ווען דער רב איז אהיימגעקומען פון ווין און די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָבן גאָר נישט געוואָלט אויפהערן, האָט דער רב גוזר תענית געווען, כאָטש דער „ראש בית־דין״ ר׳ העשקע ראַפּאַפּאָרט האָט זיך קעגן דעם שטאַרק אַרויסגעשטעלט מיט דער טענה, אַז מען דאַרף נישט פאַסטן, די רוסישע יידן — האָט ער אַרגו־מענטירט — זענען נישט מער ווערט, ווייל זיי זענען אַלע „ניהיליסטן״, קעגנער פונעם „מלכות״...

דערווייל האָט זיך דער שטראָם פון די עמיגראַנטן אַלץ נישט איינ־געשטילט. וועגן דעם ציל פון דער דאָזיקער עמיגראַציע זענען די מיי־נונגען געווען צעטיילט. די עמיגראַנטן גופא האָבן זיך וועגן אונדזערע מיינונגען גאָר נישט געדאגהט. מיינער אַ חבר מיטן נאָמען טאַשנער, וואָס דער פאָטער זיינער האָט געלייענט דעם „עברי אנכי״, האָט זיך געהאַלטן ביי דער טעאָריע פון זיין צייטונג, אַז „ארץ ישראל איז נישט מער ווי אַ זייפנבלאָז, וואָס משוגענע מענטשן ריידן זיך איין, אז מען קען בויען אַ נייע היים פאַר די געיאָגטע יידן מיט שפּינוועבס״.

איך דאַקעגן און אַלע אַנדערע מיינע חברים זענען געשטאַנען

הגאון הרב ר' שמעון סופר

(1883 — 1821)



ר' עזריאל הערצאג

(1913 — 1840)

שטאָל און אייזן פאַר ארץ־ישראל, לויט ווי איך האָב געלערנט פונעם „המגיד", וועלכן איך האָב אין יענער צייט געלייענט רעגלמעסיק ביי ר' שמעון סופר אין הויז.

עס זענען אויך דענסטמאָל געווען נאָך אַנדערע העברעאישע צייטונגען, אַ שטייגער ווי: די „הצפירה" אין וואַרשע און דער „המליץ" אין פעטערבורג. האָבן מיר אָבער געוווּסט, אַז זיי טאָרן נישט שרייבן וועגן די פּאָגראָמען אָדער וועגן די פראַגן פון דער יידישער וואַנדערונג — און ביי אונדז האָט געבערענט די פראַגע, וואַהין די רוסישע עמיגראַנטן דאַרפן גיין. דער „עברי אנכי" האָט געשריבן: „אַמעריקע, נאָר אַמעריקע!" און דער „המגיד" האָט געטענהט: „ארץ־ישראל, נאָר ארץ־ישראל"!

יעדער פון אונדז האָט אויך געהאַט אונטער זיך אַ גאַנצע חבריא, וואָס האָט געהאַלטן מיט מיר אָדער מיט מיין חבר טאַשנער. נאָך די מעשה מיט די קראָקאָווער סטודענטן, וואָס האָבן פאַרלאָזן זייער שטודיום, אויף צו גיין קיין ארץ־ישראל, האָט דעם חבר מיינעם גאָר שוואַך געמאַכט. ער איז געבליבן כמעט אָן לשון און ער האָט מיר דענסטמאָל מודה געווען, אַז איך און דוד גאָרדאָן פונעם „המגיד" האָבן טאַקע רעכט, ווייל נאָר ארץ־ישראל קען זיין די איינציקע הילף פאַר יידן!...

פורים־צייט תרמ"ב האָבן די בני ביל"ו געדאַרפט דורכפאָרן איבער קראָקע. איך און מיין חבר, דער לייענער פונעם „עברי אנכי", צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים האָבן זיך דענסטמאָל מקדים געווען, שנעל אָפּגעדאַוונט און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין מקבל־פּנים זיין די בילוצעס. זענען אָבער די בילוצעס דענסטמאָל נישט געקומען. האָבן מיר דערנאָך אויף מאָרגן איבערגעחזרט דעם זעלביקן גאַנג און מיר האָבן זיי אויך נישט געטראָפן. דעם זעלביקן טאָג נאָכמיטיק זענען מיר ווייטער געגאַנגען צו דער באַן, און אַזוי ווי עס האָבן זיך באַוויזן צוויי רוסישע סטודענטן, וואָס זענען אַרויסגעקומען פונעם צוג, בין איך צוגעלאָפן צו איינעם און איך האָב אים געפרעגט, צי ער איז נישט פון דער חברה ביל"ו, האָט ער מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם און ער האָט צו מיר אויפגעהויבן זיין שטעקן.

ערשט אַ וואָך שפּעטער זענען די בילוצעס פאַרבייגעפאָרן קראָקע

און זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אין שטאָט. צו מיין באַדויערן האָב איך דעמאָלט פאַרשלאָפן — און מיין חבר, דער לייענער פונעם „עברי אנכי", האָט מיר דערנאָך אָנדערציילט „הרים וגבעות" פון זיי, ווי ער האָט מיט זיי געשמועסט און וואָס זיי האָבן אים געזאָגט. האָב איך דעמאָלט אָנגעשריבן אַ בויגן „מליצות" וועגן דער דאָזיקער געשעעניש אויפן נאָמען פון מיין חבר, וואָס האָט זיי אָוועקגעשיקט צום „עברי אנכי" צום דרוקן. איז אָבער יענע קאָרעספּאָנדענץ נישט געדרוקט געוואָרן. איך האָב בלויז געהאט די סאַטיספאַקציע, וואָס דער רעדאַקטאָר האָט יענע קאָרעספּאָנדענץ נישט איגנאָרירט און ער האָט גאָר מזכה געווען מיין חבר מיט אַ תשובה אינעם בריווקאַסטן פון דער צייטונג, ווו ער זאָגט, אַז „די מענטשן, וואָס זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל, זענען זיכערלעך באַצאָלטע פון דער „ענגלישער מיסיאָן", וועלכע וויל אויסנוצן די פּאָ־גראָמען אין רוסלאַנד פאַר אירע מיסיאָנערישע צוועקן".

וויפיל יסורים און עגמת־נפש איך האָב געהאט, וואָס איך האָב נישט זוכה געווען, צו זען די בילוצעס, קען איך גאָר נישט איבערגעבן. דערווייל האָב איך דורכאויס געוואָלט וויסן, וואָס ר' שמעון סופר האָלט פון „ישוב ארץ־ישראל". האָב איך זיך אַמאָל אָנגעגורט מיט אַלע ראיות פונעם „המגיד", צו באַווייזן, אַז ישוב ארץ־ישראל איז דאָס איינציקע מיטל פאַר די רוסישע עמיגראַנטן. אַזוי ווי איך האָב אָבער נישט געוואגט צוצוטרעטן מיט מיינע טענות צו ר' שמעון סופר, האָב איך זיך פריער געווענדעט צו ר' עקיבא קאָרניצער, וועלכער האָט מיך מחזק געווען אין מיין פאַרלאַנג צו זיין שווער — און ווען ר' שמעון סופר האָט מיך אויס־געהערט, האָט ער מיר בלויז געזאָגט, אַז איך בין „אַ תלמיד המחכים את רבותיו" און אַז ישוב ארץ־ישראל איז אַ גרויסע זאַך, ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס רבנים פאַרשטיין נישט דאָס אויסצונוצן פאַר דער אָרטאָ־דאָקסיע...

קאַפּיטל 32

ווי אזוי ר׳ שמעון סופר איז געוואָרן א דעפּוטאט

די מעשה, וואָס דער קראָקעווער רב ר׳ שמעון סופר, איז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ „רייכסראט - אבגעאָרדנעטען״ (אַ דעפּוטאט אינעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט), אָט דאָס איז זייער אַ טשיקאווע געשעעניש.

דענסטמאָל גלייך ווי שפּעטער האָבן אַפילו די פּאָליטישע קרייזן אין עסטרייך נישט געגרן געזען אַ יידישן פאַרטרעטער אינעם פּאַרלאַמענט. דערצו פאַרשטייט עס זיך, אז אזא רב ווי ר׳ שמעון סופר האָט נישט געהאט די נייטיקע קוואליפיקאציע צו ווערן אַ פּאָליטישער פאַרטרעטער פון די יידישע אינטערעסן. איז דערפאר דער דאָזיקער אויסוואל געווען אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג פון דער גאַליציש-עסטרייכישער פּאָליטיק.

געווען איז דאָס, איידער די גאַליציאַנער פּאָליאַקן האָבן זיך דערקלערט אין ליבע צו קייסער פראַנץ יאָזעף. האָבן דעמאָלט געוויסע פּאָליטישע קרייזן שטאַרק חשק געהאט, אַז די גאַליצישע אוקראַאינער, וואָס האָבן דענסטמאָל געהייסן „רוטענער״, זאָלן זיך פריער אַרויסכאַפּן מיט אַ ליבעס-דערקלערונג צו עסטרייך. אַזוי ווי די רוטענער זענען ביז דענסטמאָל געווען פאַרשריגן ווי „רוסאָפילן״, האָבן יענע קרייזן געוואָלט, די רוטענער זאָלן זיך פלוצים נעמען שפּילן אין עסטרייכישן פּאַטריאָטיזם און אָפּלייקענען יעדן אָפּנויג צו דער רוסישער זייט, כדי אָפּצושטופּן די פּאָליאַקן פון דעם פראָנט און אַריינקוועטשן זיי אין אַ פינצטערן ווינקל, מען זאָל זיי דאָרט נישט מער אַרויסזען.

דערווייל איז אין 1879 ליידיק געוואָרן דער מאנדאט פון רייכסראט פון די דריי גאַליצישע שטעט: קאָלאָמעא - סניאטין - בוטשאטש, וועלכע האָבן געהאט איין פאַרטרעטער, אינעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט. איז דענסטמאָל דער דאָזיקער פאַרטרעטער, אַ פּאָליאַק, געשטאָרבן — און עס איז געווען אַ געפאַר, אז ווען די יידן וועלן זיך פאַראייניקן מיט די רוטענער, קען דער מאנדאט אָנקומען צו אַן אוקראַאינער. איז דעמאָלט אין דער גאַליצישער הויפּטשטאָט לעמבערג געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז

אַזוי ווי די אויבן־דערמאָנטע דריי שטעט האָבן אַ יידישע מערהייט, זאָל מען דאָרט לאָזן אויסוויילן אַ ייד.

איז דאָן געווען אַ שאלה, וואָס פאַר אַ ייד מען זאָל דאָרט לאָזן אויסגעקליבן צו ווערן. די לעמבערגער רעגירונג האָט געוואָלט האָבן איינעם פון די אַסימילירטע גאַליציאַנער יידן. האָט מען דאָס אָבער אין ווין נישט געוואָלט. דאָרט האָט מען מורא געהאַט, אַז אַזאַ אַסימילירטער ייד וועט פאַרשטאַרקן דעם פוילישן עלעמענט אינעם רייכסטאַג. אַזוי ווי די פּאָליאַקן זענען נאָך דענסטמאָל נישט געווען אין גאַנצן שלום מיט עסטרייך און אַ ייד אַ פּאָליאַק איז אין ווין באַטראַכט געוואָרן ווי ערגער פון שלעכט; האָט מען גענומען זוכן פאַר יענעם פריי־געוואָרענעם מאַנדאַט אַ פּאַסיקן ייד צווישן די ווינער פינאַנסיסטן. אָבער אַזוי ווי מען האָט זיך גענומען מאַכן אַן איבערזיכט פון די ווינער רייכע יידן, האָט נישט קיין איינציקער פון זיי אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. איז דערפאַר' באַשלאָסן געוואָרן, אויסצוקלייבן אַ גאַליציש יידן, נישט קיין אַסימילירטן.

מיט אזא מין אויסוואַל, האָט מען אין ווין גערעכנט, וועט מען קענען באַווייזן, ווי טאָלעראַנט ס'איז די עסטרייכישע רעגירונג, אַז זי דערלויבט אַפילו אַ יידישן פאַרלאַמענטאַריער פון אַזאַ קרייז מענטשן, וואָס האָט ביז איצט נישט געהאַט צו טאָן מיט פּאָליטיק.

גראָד דענסטמאָל האָט ר' שמעון סופר אַרומגעפאָדיעט אין די קאָ־רידאָרן פון די עסטרייכישע מיניסטעריומס אין זיינע שתדלנותן צו באַקומען די באַוויליקונג פאַר דער גרינדונג פון אַ חברה „מחזיקי הדת“, וואָס זאָל האָבן אין איר האַנט דעם פּאָליטישן שוץ פון די אָרטאָדאָק־סישע יידן. אַזוי ווי די גאַליצישע לאַנדעס־רעגירונג האָט אין דער גרינ־דונג פון אזא חברה געזען אַ גורם פאַר מחלוקות, האָט זי נישט געוואָלט דערלאָזן צו דער דאָזיקער גרינדונג. האָבן ר' שמעון סופרס אַדוואָקאַטן געגעבן אַן עצה אַריינצונעמען בוקאָווינע צום געביט פון די „מחזיקי־הדת“, איז דאָס שוין געוואָרן אַן ענין פאַר צוויי „קרוינלענדער“ און מען האָט שוין געדאַרפט דערצו די באַשטעטיקונג פון ווין.

אַזוי ווי מען האָט זיך דאָרט אין ווין באַקענט מיט דעם שאַרפן אופן פון ר' שמעון סופרס זיך איינשטעלן פאַר די פראַגן פון רעליגיע, האָט דאָס אין ווין זייער נושא־חן געווען. און ס'איז זיי איינגעפאַלן אַ

געדאנק צו האָבן אַ דעפּוטאַט, וואָס וועט נישט האָבן אין זינען קיין אַנדערע פראגן, חוץ רעליגיע. דערפאר איז אָנגענומען געוואָרן די אידעע, אז ר׳ שמעון סופר זאָל ווערן דער פּאַרלאַמענטאַרישער פאַרטרעטער פון קאָלאָמעא־סניאַטין־בוטשאַטש.

ווי עס פאַרשטייט זיך, איז די עסטרייכישע רעגירונג גופא געווען איבערצייגט, אַז אַזאַ ייד ווי ר׳ שמעון סופר איז נישט דער געאייגנעטער מענטש פאַר זיין מאַנדאַט. אָבער ער איז פון דעסטוועגן געווען פאַר־רעכנט אין רייכסראַט צווישן די אינטערעסאַנטערע פּערזענלעכקייטן, וואָס געפינען זיך דאָרט. מיט זיין לאַנגער ווייסער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ־זיידענעם קאַפּטאַן מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, איז ער געווען ענליך — להבדיל — צו אַ גריכיש־אָריענטאַלישן בישאָף. אין די רע־גירנדע קרייזן האָט מען דאָס גערן געזען, גלייך ווי מען האָט דאָרט גערן געהאַט די כלערליי גלחים, וועלכע פלעגן זיצן און זיך צוהערן צו די פּאָליטישע דעבאַטן, פון וועלכע זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. עס האָט אויך דענסטמאָל נישט עקזיסטירט קיין שום ספּעציעל יידישע פּאָליטיק אין עסטרייך. די רעגירונג האָט אַפילו אין יענער צייט געשאַפן פאַרשיידענע געזעצן מיט אַ שטעכיקן שפּיץ קעגן גאַליציאַנער יידן, אַ שטייגער ווי: דאָס געזעץ קעגן פּראָצענטניקעס, וואָס האָט כמעט ווי באַפרייט די פּוילישע פּריצים פון זייערע חובות צו יידן. דערנאָך איז געמאַכט געוואָרן אַ ספּעציעל געזעץ פאַר גאַליציע קעגן שיכּרות, וועלכעס האָט כמעט ווי באַפרייט דעם גאַליצישן פּויער פון צו באַצאָלן זיינע חובות פאַר בראָנפן.

אָט די געזעצן זענען געווען באַשט־מט, אָפּצושניידן יעטוועדן קוו־אל פון פּרנסה פאַרן ייד, כאָטש מען האָט זיך אויסגעהיט, צו דערמאָנען דערביי דאָס וואָרט „ייד“. מען האָט זיך נאָך דענסטמאָל געשעמט אויס־צוזאָגן, אַז מען מיינט דעם ייד און יידן האָבן זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים און כלומרשט נישט געוואָלט וויסן, אַז מען מיינט זיי...

דערפאר טאַקע, איז ווי לאַנג ר׳ שמעון סופר איז געזעסן אין רייכסראַט, האָט ער נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו נעמען אַ וואָרט אין וועלכער ס׳איז פראגע. דאָס זעלביקע פלעגט אויך דענסטמאָל זיין ביי פאַרשיידענע גלחים, אַפילו פון די העכערע קרייזן, וואָס זענען געזעסן אין די פּאַרלאַמענטאַרישע קערפּערשאַפטן בלויז ווי אַ דעקאָראַציע און האָבן אָפטמאָל אַפילו נישט געוווסט, וועגן וואָס עס ווערט גערעדט.

אין דער צייט, וואָס ר׳ שמעון סופר איז געזעסן אין פּאַרלאַמענט, איז אים אַמאָל דער רייכסראַט־מאַנדאַט נמאס געוואָרן. ער האָט זיך דעמאָלט געניטיקט אין אַ פּערזענלעכער טובה און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ווען ער וואָלט נישט געווען קיין „רייכסראַט־אַבגע־אָרדנעטער", וואָלט ער זיכער די דאָזיקע טובה באַקומען.

מען האָט גענומען צום מיליטער דעם רבס זון, שלמהלע, האָט זיך דעם רב שטאַרק געוואָלט דעם זון באַפרייען. האָט ער אָפּגעשלאָגן די טירן אין די פאַרשיידענע מיניסטעריומס און עס האָט נישט געהאָלפן. האָט ער זיך געווענדעט דירעקט צום קייסער, האָט אים דער קייסער גע־ענטפערט, אַז זיין אייגענער זון, דער קרוינפּרינץ, מוז אויך דינען ביים מיליטער. דאָס זעלביקע מוז אויך טאָן יעדער גלח — און ווען דער רב האָט דערמאָנט, אַז עס גייט אים וועגן דעם, וואָס דער זון זיינער וועט דאַרפן עסן טרפות, האָט אים דער קייסער געענטפערט, אַז ער קען אים לאָזן געבן צו עסן כשר דורך אַ פּריוואַטן רעסטאָראַן.

ר׳ שמעון סופרס אָנהענגער ווידער האָבן געגלייבט, אַז ווען ער וואָלט נישט געווען קיין רייכסראַט־אַבגעאָרדנעטער, וואָלט מען נישט געקראָגן די באַוויליקונג פאַר דער גרינדונג פון די „מחזיקי הדת". אָבער ר׳ שמעון סופר אליין האָט גוט געוווּסט, אַז די באַוויליקונג צו גרינדן די „מחזיקי הדת" איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן נאָר דערנסטמאָל, ווען מען האָט זיך געוואָלט באַשרענקען אויף גאַליציע און איר גרינדונג איז געווען אָפּ־הענגיק פון דער יוריסדיקציע פונעם גאַליצישן שטאַטהאַלטער, וועמען עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ווען ער וועט שטערן די גרינדונג, וועט ער דערמיט אויסהיטן דאָס לאַנד פון מחלוקתן. קוים איז מען אָבער געפאַלן אויפן שכל און מען האָט צוגעצויגן די בוקאָווינע, איז די יוריסדיקציע איבערגעגאַנגען צום מיניסטעריום פון אינערן, וועלכער האָט נישט געקענט געפינען קיין גרונד, צו שטערן די גרינדונג פון אזא חברה.

צוליב דער גרינדונג פון די „מחזיקי הדת" איז אויך ר׳ שמעון סופר אָוועקגעגאַנגען פון זיין פּרינציפּ צו זיין אַ מתנגד, לויט ווי דער פאָטער זיינער פלעגט זיך נוהג זיין — און ער האָט זיך פאַראייניקט מיטן בעלזער רבין. ווי אַ רב אין קראָקע האָבן אים דערפאַר מחנות מתנגדים קעגנעריש אָנגעפאַלן, האָט ער אָבער צוליב דער פאַראייניקונג מיטן בעלזער געוואונען ביי חסידים, כאָטש ער האָט ביי זיך אין מנין ווייטער אָנגעהאַלטן דאָס דאַוונען על־פּי נוסח אַשכנז...

קאַפּיטל 33

ווי יידישע פאָלקסמאסן האָבן געזוכט פאַרווייַלונגען

אין דער צייט, וואָס איך האָב געלערנט ביי ר׳ שמעון סופר אין הויז, איז מיר אָפטמאָל אויסגעקומען צו הערן וועגן פאַרשיידענע פאַרווייַלונגען, וואָס יידן האָבן פלוצים אָנגעהויבן זוכן מחוץ זייער הויז און בית־המדרש. עפּעס האָבן דענסטמאָל די ברייטע יידישע פאָלקס מאסן אָנגעהויבן פאַרלאָזן זייער אַלטן לעבנס־שטייגער.

די ברייטע פאָלקס־מאסן האָבן אַפילו ביז דענסטמאָל אויך געהאַט אַ שטיקל פּלאַץ פאַר צושטרייאונג. דאָס איז געווען דער „בית המדרש", וו מען האָט זיך געקענט צוהערן צום לערנען אָדער צו אַ חסידישן שמועס. האָט אָבער אָנגעהויבן בלאָזן אַ נייער ווינט אויף דער יידישער גאַס. דער עולם האָט גענומען פאַרברענגען די צייט אין די שענקען ביי אַ גלעזל ביר, וו עס האָט זיך זיי געוואָלט הערן „פּאַטשטן", און עס האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן באַווייזן „פאָלקס־זינגער".

מענטשן, וואָס האָבן זיך דענסטמאָל געפירט אַ ביסל פרייער, האָבן זיך שוין פרייער דערלויבט צו פאַרברענגען די ווינטערדיקע פרייטיק־צו־נאַכטן נאָכן עסן און די זומערדיקע שבת־נאָכמיטיקן מיט חברים אין אַ שענק. האָט אַמאָל דער קראָקאָווער רב גערעדט וועגן דעם און ער האָט דאָס עפנטלעך פאַרדאמט. עס האָט זיך אויך געהערט פון אַנדערע שטעט, אַז עס האָבן דאָרט די רבנים געטאָן דאָס זעלביקע. האָבן זיך דעריבער בכבודיקע באַלעבאַטים אָנגעהויבן אויסהיטן פון יענע מינים „פאַרברענג־געכצער".

ביי די רבנים אין די אויגן זענען אַזעלכע צוזאמענקונפטן געווען פאַררעכנט ווי אַ „מושב לצים" און אַ פאַרשווענדונג פון צייט, וואָס דאַרף פאַרבראַכט ווערן ביים טיש מיט זמירות אָדער אין קלויז ביים לערנען.

קעגן איין זאך בלויז זענען די איסורים פון די רבנים צו שוואך געווען און זיי האָבן עס נישט געקענט פאַרווערן צו טאָן, דהיינו: וואָס מען האָט זיך דענסטמאָל אין די ווינטערדיקע נעכט גענומען פאַרשטעלן אין לעבעדיקע בילדער די מעשה פון „מכירת יוסף" און „מפּלת המן".

די דאָזיקע צוויי מאָמענטן פון אונדזער געשיכטע האָבן די קראָקע־

ווער יידן פון יענער צייט אַנגענומען ווי אַנצוהערעניש פון אַן אייגנאַר־טיקן פּאָליטישן כאַראַקטער, כאָטש זיי האָבן געהאַט נאָך זייער אַ שוואַכן באַגריף וועגן זייער פּאָליטישער לאַגע.

פון דער מעשה מיט יוספן האָט דעמאָלט אַרויסגעדרונגען, אַז ווען אַ לאַנד איז אין געפאַר, אַז מען זאָל דאָרט אויסשטאַרבן פון הונגער, מוז מען אָנקומען צו אַ ייד, ער זאָל דאָס לאַנד ראַטעווען. אין דער דראַמע „מפלת המן״ פלעגט מען זיך גאַנץ אָפן אָפּרעכענען מיט די שונאי ישראל דערמיט, וואָס מען האָט פון זיי פּשוט חוזק געמאַכט. המן איז געווען די פאַרקערפּערונג פון שנאה צו יידן — און אַז מען האָט אים אויפגעהאַנגען האָט זיך איטלעכן אויסגעדאַכט, אַז מען איז זיך מיט דעם נוקם אָן אַלע שונאים.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן ענין איז, וואָס אַז מען האָט דורכאויס געדאַרפט אַרויסרופן ביים עולם געלעכטער. האָט מען צו די ביבליש־היסטאָרישע שילדערונגען צוגעגעבן פאַרשיידענע וויצן און יעדער פון די פאַרשטעלערס האָט געזאָגט, וואָס איז אים נאָר געקומען אין מויל אַריין. ביי „מכירת יוסף״ האָט מען די מאַדאַם פּוטיפר פאַרגעשטעלט ווי אַ זייער קאָמישע פיגור און אין „מפלת המן״ האָבן כמעט אַלע פאַרשטע־לערס געדאַרפט זאָגן וויצן.

האָט מען אָבער סיי ביי „מפלת המן״ און סיי ביי „מכירת יוסף״ ניט געקענט שפּילן אָן פרויען. אין מכירת יוסף האָט מען געדאַרפט פאַר־שטעלן די ליידנשאַפטלעכע מאַדאַם פּוטיפר און אין מפלת המן האָט מען געדאַרפט פאָרשטעלן דריי פרויען: ושתי, זרש און אסתר. האָט מען אַ לאַנגע צייט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט די דאָזיקע פרויען־ראָלן. פלעגט מען אַמאָל ביי „מכירת יוסף״ בלויז ריידן וועגן דער מאַדאַם פּוטיפר. דאָס זעלביקע פלעגט מען אַמאָל טאָן מיט די ראָלן פון ושתי און זרש אין „מפלת המן״. אָבער אָן אסתר האָט מען געמוזט האָבן.

ווי עס פאַרשטייט זיך אויך, האָט אין יענע יאָרן נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַ יידיש מיידל אָדער ווייבל, וואָס זאָל זיך מישן צווישן מאַנסבילן אין אַן עפנטלעכן שפּיל. וואָלט אין אַזאַ פאַל די ראָלע פון אסתר המלכה געדאַרפט שפּילן אַ בחור. האָט מען זיך דאַן ווייטער אָנגע־שטויסן אויפן איסור פון „לא ילבש גבר שמלת אשה״, וואָס מיינט, אַז אַ מאַנצביל טאָר נישט אָנטאָן קיין פרויען־קליידער.

האָט מען אָבער טראָץ דעם דאָזיקן איסור אָפטמאָל געשפּילט סיי „מכירת יוסף“ און סיי „מפּלת המן“ מיט אַ בחור אין דער ראָלע פון פּוטיפרס ווייב אָדער פון אסתר המלכה.

אינטערעסאַנט איז, וואָס יעדע פאָרשטעלונג האָט געדאַרפט זיין באַגלייט פון עטלעכע געפעפערטע דיאַלאָגן און וויצן. דער קאָמיקער פונעם שפּיל האָט דאָרט איבערהויפּט געהאַט אַ פרייע האַנט צו זאָגן, וואָס די צונג האָט געוואָלט, און ער האָט זיך נישט געדאַרפט רעכענען מיט קיין שום באַשרענקונג.

טראַדיציאָנעל איז ביי אונדז אָנגענומען, אַז אַחשורוש איז געווען אַ „מלך טיפש“. האָט דער קאָמיקער ביי „מפּלת המן“ אָוועקגעלייגט פאַר אחשורושן אזא מין פּיזמון:

„דו ביזט דער מלך פון פּרס ומדי, אָבער ביי מיר האָסטו אַ פּנים פון אַ וואַמפּן־וואַשער, אַ שטריק־טרעגער, אַ הינט־שלעגער און אַ קאַצן־יעגער. אַזוי ווי דו ביזט טאַקע אַ מלך, טאָ האַלט מיר דעם שטעקן און צי מיר אַראָפּ די שיך. עס מוז אויך געדרונגען זיין, אַז דו ביזט אַ מלך, ווייל אַן אַנדערער האָט די קרוין אויבן אויפן קאָפּ און דאָס בענקל אונטער די פיס, און דו האָסט דאָס בענקל פון אויבן און די קרוין פון אונטן . . . “

ווי אויף אַ פאַרזעצונג פון אָט אַזעלכע פאָרשטעלונגען האָט מען דאַן געקוקט אויף די „פאָלקס־זינגער“. מערסטנס זענען דאָס געווען בדחנים אָן פּרנסה. גאַליציאַנער עשירים האָבן זיך אין יענער צייט אָנגעהויבן „ציוויליזירן“, האָבן זיי אויפגעהערט צו געברויכן קלעזמאָרים און בדחנים ביי די חתונות פון זייערע קינדער, האָבן די באַשעפטיקונגסלאָזע בדחנים געמוזט גיין זינגען אין די שענקען און אויף פּריוואַטע אונטער־האַלטונגען, צו מלוה־מלכהס אָדער צו אנדערע סעודות, ווו זיי פלעגן בדחנען שלעכטע גראַמען און פאַרפאַסן לידער, וועלכע האָבן זיך גאָר גיך פאַרשפּרייט צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

דער אינהאַלט פון די דאָזיקע לידער איז געוויינטלעך געווען באַגרינ־דעט אויף אַ פאָלקס־פילאָזאָפישן מוסר־השכל וועגן רייך און אָרעם, טאָג און נאַכט, חסיד און מתנגד, שוסטער און שניידער, שייטעל און קאָפּקע, מלמד און באַהעלפער.

מער צום האַרצן פון די פאָלקס־מאַסן זענען געווען די לידער וועגן

די פֿאַרשידענע אָרעמע באַשעפֿטיקונגען, וואָס יעדער פֿון די אין דאגות פּרנסה פֿאַרהאָרעוועטע האָט אין זיי געזען אַ בילד פֿון זיך אליין, אַ שטייגער ווי דער „פּעקל־מאכער" (שמוגלער), דער גרעבער, דער שמש, אָדער שינדל־שלעגער, דער בעל־עגלה און דער וואַסער־טרעגער.

יענע אַלע לידער זענען פֿאַרפֿאַסט פֿון בערל בראָדער, וואָס די הײַנטיקע פֿאָלקס־זינגער רופֿן זיך אויף זײַן נאָמען („בראָדער זינגער"). עס זענען אָבער אויך געווען אַנדערע מחברים פֿון פֿאָלקס־געזאַנגען — און אײנעו' פֿון זיי, וועמעס נאָמען ס'איז ביזן הײַנטיקן טאָג נישט באַקאַנט, האָט פֿאַרפֿאַסט אַ וויכוח צווישן אַ חסיד און אַ מתנגד.

זאָגט דאָרט דער חסיד:

איך בין מיר אַ חסיד אַ ירא־שמים,
אַ תּלמיד פֿון קעלעמער מגיד,
דעם אמת מוז איך שרײַען,
אז איך לייד קיין מתנגד.
אַ ליאַדע מויער פֿון פּלום,
וואָס פֿאַרשטייט קיין תשרק צפּעס,
גיט זיך אַ ברייטן שמועס:
חסידים קאַטשע־לאַפּעס!
וואָס האָסטו חוזק צו מאַכן?
האַלט ביי דיר דײַן צונג!
אַז דו קענסט פֿון חסידים לאַכן,
מיינסטו אַז דו ביזט אַ ווילער יונג!

ענטפֿערט אויף דעם דער מתנגד:

באַקאַנט זענען אומעטום
אַלע אײַערע מידות,
דער הייסט ביי דיר נישט פֿרום,
ווער ס'ווייסט נישט קיין חסידות,
די הייסן ביי אייך קיין בריות,
צו זיי געהערן נישט אַפֿילו
ווער ס'זיצט נישט דריי שעה אויף נקיות,
אָדער טראָגט שעלקעס, חלילה.

אָבער װער ס׳דאַװנט ביז זײגער פֿיר
און קלערט נישט אױף עבר און עתיד,
און טרינקט בראָנפֿן אָן אַ שיעור,
דער הײסט בײ אײך אַ חסיד.

דערװײל האָט זיך אױך דאָס פֿאָלקס־זינגערײ בײם גרױסן עולם אַביסל צוגעגעסן. אַזױ װי מען האָט נישט צוגעקראָגן קײן נײע לידער, האָט דער עולם אױפֿגעהערט קומען הערן די אַלטע לידער. האָבן זיך פֿיל פֿון די פֿאָלקס־זינגער גענומען צו קונצנמאַכערײ, פֿלעגן זײ נאָכמאַכן די קולות פֿון אַלערלײ בהמות, חיות און עופֿות. אַנדערע פֿלעגן „עסן פֿײער״, ציען סטענגעס פֿונעם מױל אָדער טאַנצן אױף אַ שטריק. אַבי אַרױסצוקריגן עטלעכע פּרוטות אױף ברױט — און דער אָרעמער יידישער עולם פֿלעגט פֿון דעם אַלעמען אָנקװעלן און געפֿינען אין דעם די נײטיקע צעשטרײאונג אין זײן פֿרײער צײט.

װען מײן פֿאָטער האָט געהערט, אַז איך װיל גײן זען שפּילן „מכירת יוסף״ אָדער „מפּלת המן״, האָט ער מיר דערלױבט, באַמערקנדיק דערבײ, אַז אַזאַ בחור װי איך, װעלכער קען די אַלע מעשיות פֿונעם לערנען, דאַרף נישט װעלן גײן דאָס זען, אָבער אַזױ װי אַ הײנטיקער מענטש קען נישט שטענדיק זיצן און לערנען, דענקט ער, אַז אַזאַ פֿאָרשטעלונג קען אַמאָל אַרױספֿירן דעם לערנער, צו קענען פֿאַרענטפֿערן אַ קשיא אינעם ענין פֿון יענע היסטאָרישע געשעענישן, װאָס װערן פֿאָרגעשטעלט אױף דער בינע.

ר׳ שמעון סופֿר האָט דאָס מיר אָבער נישט דערלױבט, װײל גײן זען אַזעלכע מעשיות, מוז ברענגען צו „בטול תורה״. איז אָבער דאָרט אין הױז בײ ר׳ שמעון סופֿר געװען אַ משמש, װעלכער האָט נישט געװאָלט הערן, װאָס דער רב זאָגט — און אַזױ װי יענער בחור האָט זיך שטילער־הײט אײנגעקױפֿט אין אַ לאָסקע בײ די שפּילער, װאָס האָבן אים אַרײנ־געלאָזט אומזיסט צו זײערע פֿאָרשטעלונגען, פֿלעגט ער מיך יעדעס מאָל מיטנעמען און איך האָב זיך דעמאָלט בזה האופֿן באַקענט מיט אַ גרופּע פֿאָלקס־זינגער און זײער טעטיקײט.

קאַפּיטל 34

אַן ערלעכע שבועה מיט שלעכטע קאָנסעקווענצן

הונדערטער יידן אין קראָקע פלעגן זיך אין יענער צייט מפרנס זיין פון פאָרן אויף די ירידים אין די שטעטלעך פון אַריבער דער רוסיש־פּוילישער גרענעץ. נאָך דעם ווי קראָקע איז ערשט מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר פריער אַריבערגעגאַנגען צו עסטרייך, האָבן זיך אין דער סביבה פון דער שטאָט געפונען צענדליקער רוסישע גרענעצן, דורך וועלכע יידן פלעגן פאָרן האַנדלען אויף יענער זייט קראָקע. פלעגט מען דעמאָלט אַריבערשמוגלען פון קראָקע בראָנפן און מאַנופאַקטור קיין רוסיש־פּוילן און פון רוסיש־פּוילן פלעגט מען ברענגען אויף אַ לעגאַלן וועג תבואות און לעבעדיקע עופות.

אַט די רוסישע גרענעצן פלעגט מען אין קראָקע רופן „קאַמערן" און וועגן יענע סוחרים פלעגט מען זאָגן, אַז „זיי האַנדלען אויף דער קאַמער". איז דעמאָלט געווען איינער אַזאַ „סוחר אויף דער קאַמער", אַ געוויסער ר' שמעלקע, אַ ייד אַ בן־תורה און אַ פּקח, פון אַ חשובער באַלעבאַטישער משפחה, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעפּרוווט אַלע מעגלעכע פּרנסות. שוין געהאַט אַ מאָל אַ שענק, אַ בשמים־געוועלב און ער איז שוין אויך געווען אַ מלמד. האָט ער געזען, ווי מענטשן האָבן פּרנסה פון פאָרן „אויף דער קאַמער", האָט זיך דאָס אים פאַרגלוסט נאָכצוטאָן.

האָט דער־אָ ר' שמעלקע נישט געהאַט קיין אייגענע פּרוטה ביי דער נשמה, גלייך ווי יענער „איש חסיד" פון די מוצאי־שבתדיקע זמירות. אין דער זעלביקער צייט איז געווען אין קראָקע אַן אַנדערער ייד, וואָס האָט געצויגן זיין חיונה פון לייען געלט צו אַזעלכע מיני סוחרים. אַט דער אַנדערער ייד האָט געהייסן ר' זאַלקע און ער איז אויך געווען אַ בן־תורה און אַ פרומער. האָט ער חלילה נישט גענומען קיין פּראָצענט פון די הלוואות. וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן צו די סוחרים. אלא וואָס דען? ער איז געווען אַ שותף צו די מסחרים, וואָס יענע סוחרים האָבן אָנגעפירט, אָבער דאָס שותפות זיינס איז געווען „לשכר ולא להפסד", אויפן ריווח הייסט עס, אָבער נישט צו קיין היזק. פון יעדן ריווח, וואָס אַזאַ סוחר האָט געצויגן פון זיין געשעפט מיט ר' זאַלקעס געלט, האָט ר' זאַלקע גע־

דארפט באַקומען אַ העלפט. איז אָבער שווער געווען, אויסצורעכענען דעם ריווח יעדע וואָך, האָט ר׳ זאַלקע דערפאַר באַקומען אַ געוויסע סומע פון זיין חלק „עד לחשבון״ — און די סומע געלט, וואָס ער האָט אריינ־געלייגט אין שותפות, איז געבליבן אַן אייביקער חוב, וועלכן ער האָט געקענט יעדע וואָך פאַרלאַנגען צוריק.

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען עטלעכע יאָר. דריי גאַנצע הונדערטער האָט ר׳ שמעלקע געהאַלטן פון ר׳ זאַלקעס געלט בתורת הלוואה, וואָס יענער האָט אַריינגעגעבן אין שותפות „לשכר ולא להפסד״, ביז עס איז אין אַ געוויסן טאָג געשען אַ גרויס אומגליק. ר׳ שמעלקע איז אַרויסגע־פאָרן אויפן יריד אין דעם שטעטל מיכאַלאָוויץ לעבן קראָקע און ווען ער האָט דאָרט איינגעהאַנדלט ביי אַ פויער אַ ביסל תבואה, האָט ער פלוצים דערזען, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם „געלט־גאַרטל״ מיט אַלצדינג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

דער דאָזיקער געלט־גאַרטל פלעגט דעמאָלט זיין אין דער פאָרעם פון אַ ברייטן פּאַסעק, מיט וועלכן מען פלעגט אַרומנעמען די הויזן. איז ביי אים דער גאַרטל אויפן וועג לויז געוואָרן און איז ערגעץ אַרונטער־געפאַלן.

ר׳ שמעלקע איז צוריקגעלאָפן צום וואָגן, מיט וועלכן ער איז אָנגע־קומען, טאָמער האָט ער דאָרט פאַרלוירן דעם געלט־גאַרטל אינעם שטרוי — און אַזוי ווי ער האָט גאָר נישט געפונען, האָט ער געגוואַלדעוועט, געוויינט און געחלשט. נאָר עס האָט גאָר נישט געהאָלפן. דאָס געלט איז נישט געווען — און פאַרפאַלן!

קוים מיט צרות, וואָס ר׳ שמעלקע האָט זיך דערשלעפּט אַהיים — און וואָס עס האָט זיך דאָרט געטאָן, איז נישט צו באַשרייבן. די קולות און די יללות זענען געגאַנגען ביז אונטערן הימל.

די צרה איז געווען אַ טאָפּלטע: קודם איז ר׳ שמעלקע געווען גע־קוילעט אָן אַ מעסער. נישט ער האָט געהאַט געלט ווייטער צו האַנדלען און נישט ער האָט געקענט האָפן, אַז עמעצער וועט אים איצט אָנטרויען אַ פּרוטה. דערווייל האָט ער אויך געדאַרפט פאַרמאַכן ר׳ זאַלקען דאָס מויל, ווען ער וועט מאָנען זיין געלט — און איין גאָט ווייסט, וואָס ער וועט איצט טאָן.

לויפט מען צו ר׳ זאַלקען און מען דערציילט אים די מעשה, ענט־פערט ער אויף דעם:

— על־פּי דין גייט מיך די זאַך גאָר נישט אָן, ווייל איך בין צו ר׳ שמעלקען אַ שותף „לשכר ולא להפסד״, אָבער אַזוי ווי מיר זענען יידן, וועל איך ר׳ שמעלקען נישט שלעפּן צו די גוישע געריכטן. ער וועט בלויז מיט מיר גיין צום רב און וועט שווערן, אַז ער האָט אמתדיק דאָס געלט פאַרלוירן — און פּטור...

צומאָרגנס זענען טאַקע ביידע געגאַנגען האַלטן אַ „דין־תורה״ ביים רב.

ר׳ שמעלקע האָט אַלצדינג דערציילט, ווי אַזוי ער האָט דאָס געלט פאַרלוירן — און ר׳ זאַלקע האָט געזאָגט, אַז ער פאַרלאַנגט גאָר נישט מער, ווי נאָר, אַז ר׳ שמעלקע זאָל שווערן, אַז ער האָט אמתדיק דאָס געלט פאַרלוירן, וועט ער אים מוחל זיין!

האָט אויף דעם דער רב געפרעגט:

— ווי אַזוי, ווילט איר, זאָל ער שווערן?

— ביי אַ ספר־תורה אין שול! — האָט ר׳ זאַלקע געענטפערט.

— איך מיין — האָט דאַן דער רב אַ זאָג געטאָן — אַז עס וועט זיין גענוג, ווען ר׳ שמעלקע וועט געבן אַ „תקיעת־כף״, אַז ער האָט נישט פּושע געווען אינעם פּקדון, ווי דער פּסוק זאָגט „ונקרב בעל הבית אל האלהים״ און עס שטייט נישט דאָרט, אַז מען דאַרף שווערן אין אַ שול.

— במחילת כבודכם, רבי! — האָט יענער געענטפערט — די דריי הונדערטער, וואָס ר׳ שמעלקע האָט פאַרלוירן, איז מיין געלט און מיין היזק, ווייל איך טאַקע אַ „שבועת ה׳״, ווי דער פּסוק זאָגט ביי אַ „שומר שכר״, און אַ „שבועת ה׳״ דאַרף זיין אין שול בפני כל עם ועדה, אין קיטל און טלית, די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, ווייל גלייך ווי ר׳ שמעלקע איז שולדיק דאָס געלט צו מיר, בין איך דאָס שולדיק צו אַנדערע, וואָס קענען מיינען, אַז איך האָב מיט ר׳ שמעלקען אָפּגעמאַכט, ער זאָל דאָס דערציילן אַ מעשה וועגן דעם געלט, וואָס ער האָט פאַרלוירן, כדי איך זאָל קענען אָפּנאַרן מיינע בעלי־חובות.

— רבי! — האָט זיך ר׳ שמעלקע געבעטן — אַז איך וועל דאַרפן אָפּגעבן אַ שבועה אין קיטל און טלית אין שול, וועל איך דאָס נישט איבערלעבן!

— אַזוי ווי ר׳ זאַלקע טראָגט דאָ דעם שאָדן — האָט דער רב געענטפערט — האָט ער אַ רעכט, צו הייסן אייך שווערן, ווי אים געפעלט!

צומאָרגנס איז ר׳ שמעלקע געגאַנגען שווערן און די שבועה איז פאָרגעקומען אין דער „ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס שול״, וווביידע בעלי־דינים פלעגן דאווענען. עס זענען אויך געקומען הונדערטער מענטשן צו זען, ווי אַזוי ר׳ שמעלקע וועט שווערן.

ר׳ שמעלקע האָט זיך אָנגעטאָן דעם קיטל און איינגעוויקלט אין זיין טלית — און וואָס עס איז דאָרט ווייטער פאָרגעקומען, האָב איך נישט געקענט זען, ווי איך דער לופטן געטראָגן, ביז איך אַוועקגעשטופּט געוואָרן יעדעס מאָל ווייטער פונעם „אלמעמער״, ווו די דאָזיקע סצענע איז פאָר־געקומען.

פלוצים האָט זיך אויפגעהויבן אַ געררויש, פּשוט טויב צו ווערן — און פון צווישן די געשרייען האָב איך אַרויסגענומען, אַז מען האָט ר׳ שמעלקען נאָך דער שבועה געמוזט אַהיימפירן. הענט און פיס זענען אים מיט אַ מאָל געליימט געוואָרן און עס האָט אים אויך אָפּגענומען דאָס לשון...

איטלעכער איז דעמאָלט געווען איבערצייגט, אַז ר׳ שמעלקע האָט פאַלש געשוואָרן. און אַזוי ווי ער האָט דאָס געלט אויף אַן אמת נישט פארלוירן, האָט אים דער אייבערשטער טאַקע תיכף אויפן אָרט פאַר דער פאַלשער שבועה באַצאָלט...

צוויי־דריי וואָכן נאָך דער שבועה איז ר׳ שמעלקע געשטאָרבן. צו זיין לוויה איז אַפילו אַ מנין יידן נישט נאָכגעגאנגען.

פיר חדשים שפּעטער בין איך אַמאָל אין אַ נאָכמיטיק געזעסן ביי ר׳ שמעון סופר אין שטוב. דער רבי איז גראָד דענסטמאָל אַהיימגעקומען פונעם ווינער רייכסראַט. איז אַריינגעקומען אַ ייד, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער האָט עפּעס צו דערציילן דעם רב אונטער פיר אויגן. דער רב איז שטאַרק מיד געווען פון דער רייזע. האָט ער דעם יידן אַ פרעג געטאָן:

— מוז דאָס זיין דוקא איצט, אָדער איר קענט דאָס טאָן שפּעטער?

— איך וואָלט דאָס גערן איצט איבערגעקומען! — האָט דער ייד געענטפערט — איר ווייסט דאָך, רבי, זמן מנחה, שעתא דרעוא״ און איך מוז אַרויסברענגען, וואָס עס דריקט מיך ביים האַרצן. ס׳איז אַ „דאגה בלב איש״ און ווי די גמרא זאָגט „ישיחנה לאחרים״...

דער רב האָט מיר געגעבן אַ ווונק, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף אַריינגיין אין אַן אַנדער צימער — און ווען דער רב האָט מיך אַ

האַלבע שעה שפּעטער גערופן צוריק, איז ער געווען זייער אַ צוקאָכטער.

צוזאַמען מיט מיר האָט ער אויך אַריינגערופן זיין איידעם, ר׳ עקיבא קאָרניצער׳, און ער האָט אונדז דערציילט, אַז דער ייד איז אַ זון פון אַ געוויסן ר׳ ברוך, וועלכער איז געשטאָרבן מיט צוויי וואָכן צוריק — און ליגנדיק אויפן טויטן־בעט, האָט ער דעם זון אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל דעם רב דערציילן, אַז דעם געלט־גאַרטל מיט 300 גולדן, וואָס ר׳ שמעלקע האָט פאַרלוירן, און די גאַנצע וועלט האָט אים חושד געווען, אַז ער האָט פאַלש געשווירן, האָט טאַקע זיין פאָטער געפונען. דער געלט־גאַרטל איז ביי ר׳ שמעלקען לויז געוואָרן און ער איז אים אַרונטערגעפאַלן לעבן דעם וואָגן, מיט וועלכן זיי זענען ביידע געפאָרן קיין מיכאַלאָוויץ. האָט דער פאָטער זיינער דעם גאַרטל צוגענומען פאַר זיך, און אַזוי ווי דער פאָטער איז געשטאָרבן, האָט ער איבערגעלאָזן אַ צוואה, אַז דער זון זאָל דעם ענין אויסגלייכן. וויל ער דערפאַר מפייס זיין די אלמנה פון יענעם ר׳ שמעלקע, ווי ווייט ער קען.

האָט דאַן דער רב געשיקט רופן ר׳ זאַלקען און האָט אים איבער־געגעבן די ווערטער פון יענעם ייד. האָט ר׳ זאַלקע אויף דעם געענטפערט:

— אַזוי ווי דאָס איז שוין ביי מיר „לאחר יאוש״ און איך האָב ר׳ שמעלקען כסדר חושד געווען אין „פשיעה״, בין איך דעם גאַנצן ענין מפקיר און איך וויל נישט האָבן מער מיט דעם צו טאָן!

האָט דער רב געשיקט רופן ר׳ שמעלקעס אַלמנה — און נאָך דעם ווי ר׳ ברוכס זון האָט איר מיט אַ „נקיטת חפץ״ ביים רב צוגעזאָגט צו געבן פינף גולדן אַ חודש, ביז ער וועט איר האָבן אויסגעצאָלט די גאַנצע 300 גולדן, איז זי געגאַנגען אויף איר מאַנס קבר, אים אָנזאָגן וועגן דער „פשרה״ און זי איז אויך געגאַנגען אויף ר׳ ברוכס קבר, און אים מוחל זיין די עוולה, וואָס ער האָט געטאָן צו איר מאַן און צו אירע קינדער...

קאַפּיטל 35

דער מאַלער יאַן מאַטעיקאָ און זיינע יידישע שילער

דער באַרימטער פּוילישער מאַלער יאַן מאַטעיקאָ, וואָס איז במשך פון דער צווייטער העלפט פונעם 19טן יאָרהונדערט געווען דער שטאָלץ פונעם פּוילישן פאָלק, און וועמענס בילדער עס ווערן גע־

וויינטלעך דערמאָנט צוזאמען מיט די קונסטווערק פון די בעסטע קלאַ־סיקער — איז יאָרן־לאנג געווען באַוווסט ווי אַ ליבעראַלער מענטש. ער איז אויך געווען באַקענט פאַר אַ גרויסן פוילישן פּאַטריאָט, ווי עס איז זעלטן צו טרעפן אַ צווייטן, וואָס מען זאָל אים קענען צו אים פאַרגלייכן אין פּאַטריאָטיזם פאַר זיין פאָטערלאַנד.

בעת ער האָט שטודירט אין פּאַריז, האָט ער נאָך גאָר ווי אַ יונגער־מאַן קונה־שם געווען אין דער גרויסער וועלט. זיינע בילדער זענען באַ־רימט געוואָרן פאַר זייער אָריגינאַליטעט און זייער שטאַרקע ווירקונג אויפן מענטשלעכן אויג. ער האָט הויפּטזעכלעך געמאָלן בילדער, פון היסטאָרישע טעמעס. די לייוונטן זיינע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצ־ייכנט מיט זייער אייגנאַרטיקער אַנדערשקייט. צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער פון רוסלאַנד האָט געהערט, ווי מען רעדט וועגן דעם קינסטלער אין אַלע קרייזן, און היות דער רוסישער קייסער האָט זיך גערעכנט פאַרן קעניג פון פוילן, האָט ער מאַטעיקאָן צוגעשיקט אַן איינלאַדונג, ער זאָל קומען אויף אַ באַזוך אין פּעטערסבורג. האָט מאַטעיקאָ אויף דער דאָזיקער איינלאַדונג געענטפערט, אַז פאַרן אין רוסלאַנד קען ער נאָר ביז וואַרשע, און דאָס קען ער טאָן נאָר דעמאָלט, ווען דער צאַר וועט פריער אונטער־שרייבן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין הערשאַפט איבער פוילן...

געגאַנגען אָנגעטאָן איז דער דאָזיקער מאַטעיקאָ אין פּויליש־פּאַ־טריאָטישע מלבושים. דער אייבערשטער בגד זיינער איז געווען אַ פּוי־לישע „טשאַמאַראַ" און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ „קאָנפעדעראַטקע" (אַ היטל מיט פיר שפּיצן). ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען, איז ער געווען אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק.

יונגערהייט האָט ער זיך געלאָזט צוטיילן כבוד פון עסטרייך און ער האָט אָנגענומען אַן אָרדען פון קייסער פראַנץ יאָזעף. נאָך דעם אויפ־שטאנד פון 1863 האָבן פּאַטריאָטישע פּאָליאקן געגלויבט, אַז פראַנץ יאָזעף וועט צוריקאויפשטעלן די פּוילישע מלוכה. שפּעטער האָט מען איינגעזען, אַז די דאָזיקע האָפענונג איז אַן אומזיסטע, האָט שוין מאַ־טעיקאָ געענומען שפּילן אַ רוגז מיט עסטרייך אויך. פון דעסטוועגן האָט אים די עסטרייכישע רעגירונג באַשטימט פאַר פּראָפעסאָר פון מאלעריי אויף דער יאַגעלאָנישער אוניווערסיטעט אין קראָקע. דערנאָך האָט די רעגירונג געגרינדעט אין קראָקע א ספּעציעלע אַקאַדעמיע פון קונסט, ווו

מאטעיקאָ איז געוואָרן רעקטאָר — און אַלע פּוילישע סטודענטן, וואָס האָבן געוואָלט לערנען מאָלעריי, זענען געקומען לערנען ביי מאַטעיקאָ.

שפּעטער, אין 1882, האָט די עסטרייכישע רעגירונג אויפגעבויעט אַ באַזונדערע געביידע פאַר דער אַקאַדעמיע פון קונסט — און ווען עס איז געפייערט געוואָרן די עפענונג פון דער דאָזיקער אַקאַדעמיע, האָט מאטעיקאָ געהאלטן אַ גרויסע רעדע און ער האָט אין זיין רעדע געלאָזט לויפן די צונג צו באַליידיקן יידן.

ס׳איז אַפילו געוועזן אַ גרויס וואונדער, ווי אַזוי עס האָט געקענט קומען צו דעם, מאַטעיקאָ איז דאָך געווען באַקאַנט ווי אַ ליבעראַלער מענטש, און ווען ער האָט אַמאָל באַגעגנט צווישן זיינע שילער אַ יידישן יונגן מענטשן מיט טאַלאַנט האָט ער אים געשטיצט, וויפל ס׳איז אים נאָר געווען מעגלעך און ער האָט נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער שילער איז אַ ייד.

די עפענונג פון מאַטעיקאָס אַקאַדעמיע איז פאָרגעקומען, ווען איך בין געווען ביי ר׳ שמעון סופר אין הויז — און וועגן מאַטעיקאָס רעדע ביי דער עפענונג פון זיין אקאדעמיע האָב איך בלויז געלייענט אין דער פוילישער צייטונג „טשאַס״, ווען עס האָט זיך וועגן איר געטומלט אין דער יידישער גאַס און מען האָט שוין געהאַט פאַרהאַנדלט וועגן דער דאָ־זיקער רעדע ביים געריכט.

אין דער דאָזיקער רעדע זיינער האָט מאַטעיקאָ גערעדט וועגן דער הייליגקייט פון דער קונסט, וואָס פאַראיידלט דעם מענטשן און גיט אים אַריין ליבע צו אַלע מענטשלעכע באַשעפענישן, זיי זאָלן פאַרשטיין, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט קען נישט האָבן קיין באַשטאַנד, ווי לאַנג מענטשן פאַרשטייען נישט, ווי ווייט עס איז יעדער מענטש מחויב מקריב צו זיין אַלע זיינע כוחות פאַר זיין נאָענטסטן.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו די יידישע שילער פון דער אַקאַדעמיע און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— מיך פרייט זייער צו זען, וואָס איך האָב אַזוי פיל יידישע שילער, וואָס פילן אין זיך דעם כוח, צו אָפּגעבן זייער לעבן פאַר דער קונסט. די דאָזיקע שילער מוזן אָבער געדענקען, אַז די אַקאַדעמיע פון קונסט איז נישט קיין שול פאַר „שאכער־מאכער... מיך פרייט זייער, וואָס איך האָב אַזוי פיל יידישע שילער. מיין אַקאַדעמיע וועט אָבער זיין אַ פּויליש־נאַ־

ציאָנאַלע, און ווען יידן ווילן נישט זיין קיין פוילישע פּאַטריאָטן, דאַרפן זיי פאַרלאָזן די פוילישע ערד און זוכן פאַר זיך אַן אַנדער לאַנד, ווו מען וועט נישט פון זיי פאַרלאַנגען אַ באַזונדערן פּאַטריאָטיזם!...

ווי עס פאַרשטייט זיך, זענען מאַטעיקאָס יידישע שילער געבליבן ווי אָפּגעגאָסן מיט אומריינקייט און זיי האָבן כמעט אַלע דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן דעם זאַל. שפּעטער האָבן זיך פאַרשיידענע ניכטער־דענקענדיקע מענטשן געגריבלט אין די סיבות, וואָס האָבן אַזאַ מאַטעיקאָ געקענט ברענגען צו באַנוצן אַזעלכע שאַרפע ווערטער קעגן זיינע יידישע שילער. האָבן זיי דאָס דערקלערט מיט דעם, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אריינרייסן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם אין די רייען פון די יידישע סטודענטן — און דער באַגריף „אינטערנאַציאָנאַל" איז ביי זיי אויסגעטייטשט געוואָרן ווי קעגנעריש צו יעדן נאַציאָנאַליזם. פלעגן דעמאָלט מאַטעיקאָס יידישע שילער זוכן די געלעגנהייט, צו פּאָלעמיזירן מיט זייער לערער, וואָס איז געווען שטאַרק פּאַטריאָטיש, האָט דאָס ביי מאַטעיקאָן אַרויסגערופן די מיינונג, אַז יידן האָבן נישט קיין שום פּאַ־טריאָטיש געפיל, און ווען זיי גיבן זיך אָפּ צו דער קונסט, איז דערביי זייער איינציקער צוועק, צו מאַכן געשעפטן.

אָט אַזוי האָבן געוויסע ניכטער דענקענדיקע מענטשן שפּעטער אויס־געטייטשט מאַטעיקאָס אַרויסטריט קעגן זיינע יידישע שילער. אָבער דענסטמאָל, ווען די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן, האָט קיינער נישט געזוכט אויסצוגעפינען די סיבה — און די פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ האָבן זיך צונויפגענומען און אונטערגעשריבן אַ „פּראָ־טעסט" קעגן מאַטעיקאָ אין דער פוילישער צייטונג „טשאַס". אָט דער פּראָטעסט איז געווען אונטערגעשריבן פון פּראָפעסאָר ד"ר יאָזעף עטינ־גער, פון ד"ר יונתן וואַרשויער (אַ באַקאַנטער פוילישער פּאַטריאָט, וואָס איז אין 1846 שיר־נישט פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט צוליב זיין פוילישן פּאַטריאָטיזם), פון ד"ר יאָזעף ראָזענבלאַט (איינער פון די גרעסטע פוילישע אויטאָריטעטן פון רעכט) און באַנקיר אַלבערט מענ־דעלסבורג.

ווען עס איז דאַן אָנגעקומען די ידיעה וועגן מאַטעיקאָס אַרויסטריט קעגן יידן אין דער יידישער גאַס און די פאָרשטייער פון די קראָקעווער אָרטאָדאָקסן זענען געקומען צו לויפן צו ר' שמעון סופר, פרעגן ביי אים,

פאַר וואָס ער שוויגט צו אַזאַ גרויסער נבלה, האָט ער דעם גאַנצן ענין אויסגעלאַכט.

אַזוי ווי ר׳ שמעון סופר איז דאַן געווען אַ מיטגליד פונעם רייכסראַט, האָבן די אָרטאָדאָקסישע יידן געמיינט, אַז ער איז דאָרט אין ווין אַ „משנה למלך" און דער קייסער טוט אַלצדינג, וואָס ער פאַרלאַנגט פון אים. האָבן די דאָזיקע יידן זיך פאַרגעשטעלט, אַז ר׳ שמעון סופר דאַרף איצט אַ שמועס טאָן מיט פראַנץ־יאָזעפן, מען זאָל אזא מאַטעיקאָ באַ־שטראָפן פאַר זיין רשעות צו יידן און אים פאַרשיקן ערגעץ אין „כף הקלע". האָט עס זיי שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ר׳ שמעון סופר האָט דעם גאַנצן ענין אַוועקגעמאַכט מיט אַ וויק, אַז יידן האָבן וויכטיקערע דאגות ווי די פלוידעריי פון אַ נאַרישן גוי...

אַ געוויסער אַדוואָקאַט מיטן נאָמען ד״ר אייבעשיץ האָט זיך אָבער נישט געוואָלט באַנוגענען מיט דעם געדרוקטן פּראָטעסט אינעם „טשאַס" און ער האָט אָנגעשריבן צו מאַטעיקאָן אַ בריוו מיט באַליידיקונגען. האָט דער קינסטלער פאַרקלאָגט דעם בריוו־שרייבער צום געריכט. לכתחילה האָט דער דאָזיקער ד״ר אייבעשיץ געגלייבט, אַז ער וועט געפינען שטיצע ביי די פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען זייער קריוודע. האָבן אים אָבער די פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ באַלד פאַרלאָזן און זיי האָבן עפנטלעך דערקלערט, אַז זיי וואַרפן פון זיך אַראָפּ יעדע אחריות פאַר אייבעשיצעס בריוו צו מאַטעיקאָ. האָט אייבעשיץ פאָרגעשלאָגן, אַז ער וועט מאַטעיקאָן עפנטלעך איבערבעטן. האָט מאַטעיקאָ נישט געוואָלט אָננעמען דעם איבערבעט און דאָס געריכט האָט אייבעשיצן פאַראורטיילט צו צען טעג אַרעסט אָדער 150 גולדן שטראָף.

צען יאָר שפּעטער נאָך יענעם געשעעניש (אין 1892) בין איך געווען אַ מיטגליד אין אַ קראָקעווער געזעלשאַפטלעכן פאַראיין צוזאַמען מיט דעם באַוווסטן מאָלער אפרים משה ליליען, וואָס איז דענסטמאָל געווען אַ יונגער בחור און אַ תלמיד אין מאַטעיקאָס אַקאַדעמיע. האָט מיר ליליען דענסטמאָל דערציילט, אַז אַזוי ווי מאַטעיקאָ האָט איבערגענומען צו דע־קאָרירן די מאַריאַ־קירכע לכבוד איר אַ יובילעאום, האָט ער ליליענען געבעטן, ער זאָל אים העלפן ביים דעקאָרירן. האָט אים אפרים ליליען געענטפערט, אַז ווען מאַטעיקאָ וועט אים צוזאָגן צו העלפן דעקאָרירן אַ

„מאַקאַבעער־פייער", וועט ער אים העלפן דעקאָרירן די קירכע — און מאַטעיקאָ האָט דעם דאָזיקן באַדינג אָנגענומען...

די „מאַקאַבעער־פייער" איז דענסטמאָל נישט צושטאַנד געקומען, ווייל עס האָט זיך נאָך דענסטמאָל נישט געפונען קיינער אין קראָקע, וואָס זאָל זיך אונטערנעמען, צו פייערן אַ „מאַקאַבעער יום־טוב".

ליליען האָט מיר דענסטמאָל אויך איבערגעגעבן, אַז איינע פון די מינכענער אילוסטרירטע זשורנאַלן האָט געבעטן ביי מאַטעיקאָ, ער זאָל אָנווייזן איינעם פון זיינע שילער, וואָס זאָל וועלן מאַכן טיטל־אילוס־טראַציעס פאַר זייער זשורנאַל. האָט מאַטעיקאָ געוואָלט דאָס איבערגעבן ליליענען, איז אָבער דער דאָזיקער ענין אויך נישט צושטאַנד־געקומען, ווייל ליליען האָט נישט געוואָלט ענדערן זיין יידישן נאָמען „אפרים־משה" — און מאַטעיקאָ האָט אים דערפאַר געלויבט אין אַ ספּעציעלן בריוו, וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן...

קאַפּיטל 36

די קעמפערישע אָרטאָדאָקסיע אין גאַליציע

ביים סוף פון די 70קער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט האָבן די אָרטאָדאָקסישע יידן אין גאַליציע אָנגעהויבן איינזען, אַז ווען זיי ווילן נישט פאַרלירן דעם באָדן פון אונטער די פיס, מוזן זיי זיך פּאָליטיש אָר־גאַניזירן אויף מאָדערנע יסודות, אַז אַנשטאָט דעם וואָס זיי האָבן זיך ביז צו יענער צייט געהאַלטן ווי אָפּגעשלאָסן אין זייערע בתי־מדרשים מיט פאַרקלאַפּטע טירן און פענצטער, אַז עס זאָל נישט אַריינדרינגען צו זיי קיין שטראַל ליכט פון דרויסן, — מוזן זיי אָנהויבן אַרויסקומען אָפן און ווערן אָנגרייפעריש קעגן די פאַרשיידענע רעפאָרמען, וואָס די הערשנדיקע קרייזן ווילן איינפירן אינעם יידישן לעבן און וואָס שטעלן אין געפאַר די עקזיסטענץ פון דער אָרטאָדאָקסיע.

די פירונג פון די גרעסטע גאַליצישע קהילות איז אין יענער צייט געלעגן ביי רעפאָרמירטע יידן. אַזוי ווי מען האָט געדאַרפט אויסקלייבן אַלס „פירשפרעכער" פון די קהילות — מענטשן, וואָס זאָלן קענען פאַר־טרעטן די אינטערעסן פון די יידן אַקעגן די פאַרשטייער פון דער רעגירונג אין די פאַרשיידענע צווייגן פון דער פאַרוואַלטונג, האָט מען די דאָזיקע

אויפגאבע געמוזט איבערגעבן צו מענטשן מיט וועלטלעכער בילדונג. האָט מען שוין נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די קהילות דארפן זיין די פאַר־שטייער פונעם יידישן גלויבן, נאָר מען האָט אויסגעקליבן דווקא אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן דאָס גאַנצע יידישקייט אויסגעלאַכט.

דער פּרעזידענט פון דער קהילה אין קראָקע איז דעמאָלט געווען אַ געוויסער ד״ר סאַמעלזאָן, און אין לעמבערג איז געווען דער פּרעזידענט פון דער קהילה אַ געוויסער ד״ר פיליפּ צוקער. ביידע זענען זיי געווען אין גאַנצן פרעמד צו די ענינים פון דער יידישער אמונה. לפנים זענען זיי נאָך געווען יידן, אָבער די קינדער זייערע האָבן זיי אַליין געפירט צו דער שמד...

קעגן דער דאָזיקער פירונג פון די קהילות איז אין יענער צייט אַרויס־געקומען דער קראָקעווער רב ר׳ שמעון סופר. מיט דער גאַנצער ענערגיע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער זיך אונטערגענומען, צו איבעראנדערשן די דאָזיקע איינפירונגען און ער האָט אָנגעהויבן אַריינברענגען אַ סיסטעם, ביי וועלכער די אָרטאָדאָקסיע איז געוואָרן אָנגרייפעריש און האָט פאַר־לאַנגט איבערצונעמען די פירונג פון די יידישע קהילות אין אירע הענט.

אין די ערשטע יאָרן, וואָס ר׳ שמעון סופר איז אָנגעקומען פאַר אַ רב אין קראָקע, האָט ער נישט געקענט זיין אַזוי אגרעסיוו אין רעליגיעזע פראגן. ערשט אַזוי ווי עס האָט זיך אים איינגעגעבן אין יאָר 1879, באַשטימט צו ווערן פאַר אַ דעפּוטאַט צום עסטרייכישן רייכסראַט, האָט ער זיך שוין געקענט פילן זיכער אויף זיין רבנות־שטול. איז ער דעמאָלט אַרויסגעקומען מיט דער דערקלערונג, אַז ווער עס איז נישט קיין אָרטאָ־דאָקסישער ייד, האָט נישט קיין באַרעכטיקונג צו וועלן נעמען אַן אָנטייל אין דער פירונג פון אַ יידישער קהילה...

צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער דאָזיקער טענדענץ, איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אַ חברה מחזיקי הדת, כדי צו קענען איינריידן דעם יידישן עולם איבערן גאנצן לאנד, אַז נאָר זי, די מחזיקי הדת, איז די איינציקע אמתע פאַרשטייערן פון כלל־ישראל אין גאַליציע — און יעדע אַנדערע אָרגאַניזאַציע ברענגט בלויז שאָדן יידן, ווייל זי פירט זיי אַרונ־טער פונעם דרך־הישר.

פון פריערע יאָרן האָט שוין עקזיסטירט אַזאַ חברה, וואָס האָט געהאט דעם צוועק, אָנצונעמען זיך פאַר יידן און פאַר זייער כבוד או־

מעטום װוּ זײ װערן געקריװודעט אָדער באַלײדיקט. זענען אָבער די פּאַר־שטײער פון דער דאָזיקער חברה נישט געװען קײן פרומע, האָבן דערפאַר די אָרטאָדאָקסישע קרײזן אײנגעזען, אַז גאַליציע דאַרף אויך האָבן אַ חברה, צו באַשיצן די אמונה און די װאָס װילן זי אָנהאַלטן.

אין אָנהויב איז די חברה „שומר ישראל" געװען אַ לאָקאַלער געזעל־שאַפטלעכער פאַראײן, צו װעלכן עס האָט באַלאַנגט די יידישע אריסטראַ־קראַטיע פון לעמבערג צוזאַמען מיט זײערע װײבער און קינדער. די חברה האָט אויך געהאַט אַן אײגענע צײטונג אין דײטשער שפּראַך („דער איז־ראעליט" —) און װען עס האָט שוין עקזיסטירט אַזאַ פאַראײן מיט אַן אײגענער צײטונג, האָט ער אויך געװאָלט האָבן די גרויסע דעה בײ אַלע אָנגעלעגנהײטן פון דער קהילה. האָט זיך אַ מאָל געמאַכט אַ מחלוקה אין שטאָט אין דער צײט פון אַ װאַל־קאַמף. דעמאָלט האָט די רעגירונג גע־צװוּנגען דעם פאַראײן, ער זאָל פאַרװאַנדלט װערן אין אַ „פּאָליטישן", װײל אַ פּאָליטישן פאַראײן האָט מען געקענט בעסער קאָנטראָלירן און באַשרענקען אין זײן טעטיקײט, װען עס איז נײטיק געװען.

צו יענער צײט האָט די עסטרײכישע רעגירונג מודיע געװען די פּאַר־שטײער פון די יידישע קהילות אין גאַליציע, אַז זי האָט בדעה, צו שאַפן אַ ראַבינער־סעמינאַר פאַר גאַליציע, װײל איר כװנה איז אַז די רבנים זאָלן זײן געבילדעטע מענטשן, װאָס זאָלן קענען רײדן אויף אַן אײראָפּעאישער שפּראַך, גלײך װי די אַנדערע רבנים אין אַלע מערב־פּראָװינצן פון דער גאַנצער עסטרײכישער מלוכה. האָט זיך דער „שומר ישראל" תיכף אָנגע־כאַפּט אין דעם דאָזיקן געדאַנק, װעלנדיק איבערנעמען די פירונג פונעם גאַנצן ענין און דאָס שאַפן די מאַטעריעלע מיטלען פאַר אים, כדי דאָרט צו באַקומען די אַנטשײדנדיקע דעה.

באַלד איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם קעגן דעם עצם געדאַנק פון גרינדן אַ סעמינאַר אין גאַליציע, װאָס, לויט דער מײנונג פון זײנע קעגנער, קען זײן כװנה נישט זײן קײן אַנדערע װי נאָר „מעביר צו זײן די גאַליציאַנער יידן פון זײער דת". ר' שמעון סופר איז דעמאָלט אַרויסגעקומען דער ערשטער מיט אַ הילכיקן פּראָטעסט, װוּ ער האָט זיך אויסגעדריקט װעגן דעם סעמינאַר, „כי קשה גזרתם לישראל מגזרת שפּאַניע ופּאָרטוגאל"...

דערװײל האָט זיך די עסטרײכישע רעגירונג דערשראָקן פאַר דער מחלוקה און זי האָט נישט געװאָלט גײן קעגן די אָרטאָדאָקסן. האָט זי

באַלד בטל געמאַכט די גרינדונג פונעם ראַבינער־סעמינאַר, מיטן מאָטיוו, אַז ווי לאַנג די אָרטאָדאָקסישע יידן זענען אין דער מאַיאָריטעט, קען זי נישט צולאָזן קיין שום טעטיקייט, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער יידישער אמונה, קעגן דעם ווילן פון די אָרטאָדאָקסן.

האָט ר׳ שמעון סופר צונויפגערופן אַלע רבנים פון גאַליציע צו אַ גרויסער אסיפה, אויף צו באַפעסטיקן די שטעלונג פון די רבנים אין זייערע קהילות. אַזוי ווי די רבנים זענען פּאַרט געווען זייער אומבאַהאָלפן אין דער פירונג פון פּאָליטישע פראַגן, האָבן זיי געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון וועלטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיי פאַרקויפט זייער אַרבעט פאַר געלט אָדער פאַר אַ ביסל כבוד.

ביי אַזעלכע אומשטענדן איז עס פאַרשטענדלעך, אַז די טעטיקייט פון ר׳ שמעון סופר האָט זיך געמוזט אָנשטויסן אויף אַ שטאַרקער קעג־נערשאַפט אינעם גאַנצן לאַנד און בפרט אין קראָקע. די זשורנאַליסטישע וואָרטפירער פון דער דאָזיקער קעגנערשאַפט זענען דעמאָלט געווען די צייטונג „דער איזראעליט" פון דער חברה „שומר ישראל" אין לעמבערג און די העברעאישע צייטונג „עברי אנכי", וועלכע איז דערשינען אין בראָד.

וועגן דער עקזיסטענץ פון די דערמאָנטע צוויי אָרגאַניזאַציעס, „מחזיקי הדת" און „שומר ישראל", האָב איך שוין געוווסט פון פריער, איידער איך בין נאָך אָנגעקומען צו ר׳ שמעון סופר אין הויז. דער באַגריף מיינער וועגן זיי איז אָבער געווען אַ גאָר נישט קלאָרער, ביז איך האָב זיך געקענט זען אין דער צייט, וואָס איך בין געווען ביי ר׳ שמעון סופר אין הויז, וווּ עס זענען אָפטמאָל פאָרגעקומען באַראַטונגען פון די גרעסטע גאַליצישע רבנים — און אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ בעסערע מיינונג וועגן דער חברה „שומר ישראל", ווייל איך האָב גערעכנט, אַז אויב אַזעלכע געבילדעטע מענטשן זענען די פאָרשטייער פון דער דאָזיקער חברה, זענען זיי זיכער ווייט פון יעדער בטלנות און זיי האָבן שטענדיק פאַר די אויגן בלויז די אידעאַלע אויפגאַבן און צילן פון דער אינ־סטיטוציע.

מיט אַ פיר יאָר שפּעטער אָבער בין איך אַנדערש איבערצייגט גע־וואָרן. אין אַ געוויסן טאָג אינעם יאָר 1886 האָב איך געהאַט די „זכיה", צו קענען קומען פערזענלעך אינעם פאַראיין „שומר ישראל" אין לעמ־

בערג. און זאָל זיך נישט עמעצן דאַכטן, אַז דאָס איז נישט געווען קיין „זכיה“, לויטן עסטרייכישן פאראיינס־געזעץ האָט אַ בחור פון 18 יאָר, וואָס איך בין דענסטמאָל אַלט געווען, נישט געטאָרט אַריבערטרעטן די שוועל פון אַ פּאָליטישן פאראיין. אָבער היות ווי איך האָב מיך שוין דענסטמאָל שטאַרק געמישט אין אַלע פּאָליטישע פראַגן, ביז איך געפאָרן מיט אַ באַזונדערן פּראָיעקט וועגן דעם לימוד פון יידישקייט אין די עפנטלעכע שולן קיין לעמבערג — און אַזוי ווי איך האָב זיך דאָרט געוואָלט באַקענען מיט דער טעטיקייט פון דער חברה „שומר ישראל“, האָט מיך דער לעמבערגער שריפטשטעלער נטע בן סאמועלי אין איר אַריינגעפירט.

מיט האַרצקלאַפּן בין איך דאן געגאַנגען זען, וואָס מען טוט דאָרט אין דעם פאראיין. הענט און פיס האָבן אונטער מיר געציטערט פון אי־נערלעכער אויפרעגונג און עס האָט מיך אַרומגענומען אַ נערוועזע פרייד, וואָס איך וועל האָבן די זכיה, צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי די גרעסטע געבילדעטע יידן גיבן אַוועק זייערע טעג און נעכט צו באַזאָרגן דאָס פאָלק ישראל מיט כלעריליי פּאָליטישע הצטרכותן. אָבער ווי שרעק־לעך אנטוישט בין איך געוואָרן פון דעם, וואָס איך האָב דאָרט געטראָפן!...

די גרויסע מענטשן, וועלכע איך האָב דאָרט דערוואַרטעט צו זען, זענען דענסטמאָל גאָר נישט געקומען. אַנשטאָט זיי האָב איך געטראָפן אין אַ האַלב־טונקעלן צימער צוויי גרופּן אַלטע יידן, וואָס איינע פון זיי האָבן געשפּילט „ציגן־וואָלף“, און זיך אַפילו געקריגט איבער אַ בעבעלע, און אין אַן אַנדערן ווינקל איז געזעסן אַן אַנדערע גרופּע יידן, וואָס האָבן געשפּילט אַ „קאָנטשעניע“.

קאַפּיטל 37

גבריאל קוילן - הענדלערס הויז און זיין עשירות

אין יענער צייט איז מיר אַנגעקומען אַ געדאַנק, אַז ווען איך האָב דעם ווילן, צו קומען אַמאָל צו אַ שטיקל תכלית אינעם לעבן, וועל איך מוזן פאַרלאָזן מיין געבוירנשטאָט — און ווען עס האָט זיך מיר דעמאָלט אויסגעדאכט, אַז איך וועל דערנאָך שוין נישט מער צוריקקומען קיין קראָקע, האָב איך מיר געוואָלט איינקריצן אין זכרון געוויסע געשטאַלטן

פון קראָקעווער יידן, וואָס מיר האָט זיך דענסטמאָל אויסגעדאַכט, אַז זייערס גלייכן געפינט זיך נישט אין ערגעץ.

האָב איך דעמאָלט דאָס ערשטע געגומען אויפן זינען גבריאל קוילן־הענדלערס הויז אויף דער יאָזעפס־גאַס און עס האָבן זיך מיר דאבײַ דערמאָנט די געשיכטעס, וואָס פלעגן דערציילט ווערן וועגן דעם דאָזיקן יידן און דעם אָפּשטאַם פון זיין עשירות.

אויפגעבויעט איז דאָס דאָזיקע הויז געוואָרן דריי־פיר יאָר נאָך דער רעוואָלוציע פון 1846, ווען קראָקע איז געוואָרן אַן עסטרייכישע שטאָט.

די אַמאָליקע פוילישע מלוכה איז פריער שוין געווען צעטיילט צווישן עסטרייך, פּרייסן און רוסלאַנד. אָבער קראָקע מיט אַ קליינעם שטח פון אַ 200 דערפער אויפן לינקן ברעג פון דער ווייסעל, איז דענסטמאָל געווען ווי אַן איבערבלײַבעניש פון אַ כלומרשט זעלבסט־שטענדיקער פוילישער מלוכה. האָט דאָס דערצו געבראַכט, וואָס קראָקע איז געווען דעמאָלט פול מיט רעוואָלוציאָנערע צוגרייטונגען און די דערמאָנטע דריי רעגירונגען האָבן כסדר געדאַרפט האַלטן אַן אָפן אויג אויף די געשעענישן אין קראָקע, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג זאָל זיך נישט פון דאָרט אויס פאַנאַנדערוואַקסן.

האָבן זיך דעמאָלט די דריי אָקופּאַנטן פון דער פוילישער מלוכה געאײַניקט בטל צו מאכן דעם „פרײַשטאַט" קראָקע, וואָס האָט עק־סיסטירט זייט דעם 1815טן יאָר, אַז עסטרייך זאָל אים אַנעקסירן און מאכן פאַר אַ טייל פון איר מלוכה.

דערווייל זענען שטילערהייט אָנגעגאַנגען רעוואָלוציאָנערע טעטי־קייטן אין אַלע דיסטריקטן פונעם עסטרייכישן פוילן. קוים איז אָבער די רעגירונג געוואָר געוואָרן פון דעם, האָט זי באַלד אויפגעשטעלט אַ תליה פאַר אַלע יענע, קעגן וועמען עס איז געווען דער מינדעסטער חשד. אַנדערע האָט די רעגירונג פאַרשיקט אויף „קאַטאָרגע" אין די טשעכישע זילבער־מינען.

האָבן זיך די גאַליציאַנער פּריצים אָנגעהויבן בונטעווען — און די עסטרייכישע רעגירונג האָט זיך געטראַכט, אַז זי וועט נישט האָבן גענוג תליות פאַר אַלע בונטאָווטשיקעס, האָט זי די מרידה געלאָזט רואיק אַנטוויקלען, בכדי צו קענען אים דערנאָך דערשטיקן מיט איין קלאַפּ.

פונעם לעצטן נישט־געלונגענעם „מיאַטעזש" קעגן רוסלאַנד האָבן

די פריצים פונעם עסטרייכישן פוילן געלערנט, אַז כדי צו האָבן דער־פּאָלג קעגן דעם אָקופּאַנט, איז הויפּטזעכלעך נייטיק צו געווינען דאָס פּויערטום פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. די פריצים האָבן דע־מאָלט צונויפגערופן אַ גרויסע פּויערים־פאַרזאַמלונג אין טאַרנאָוו, ווו זיי האָבן איבערגעגעבן וועגן די רשעותן פון דער אָקופּאַציע־רעגירונג צום פּוילישן פאָלק און זיי האָבן אויך צוגעזאָגט, צו באַפרייען די פּויערן פון דער „פּאַנשטשינע", אויב זיי וועלן העלפן די פריצים אין זייער קאַמף קעגן עסטרייך.

זענען די פּויערים געווען צופרידן פון דעם דאָזיקן צוזאָג. די „פּאַנ־שטשינע", האָט ביי זיי אַרויסגעקוועטשט דעם מאַרך פון די ביינער. יעדער פּויער איז געווען פאַרפליכטעט, אָפּצוגעבן אומזיסט דריי־פיר טאָג אין דער וואָך פאַרן פריץ, וואָס האָט געהאַט דאָס אייגנטומס־רעכט אויף זיינע פעלדער צוזאַמען מיט די פּויערים.

האָבן אָבער די פּויערים נישט געגלויבט, אַז די פריצים וועלן האַלטן זייער הבטחה. איז אויפגעשטאַנען איינער פון די פּויערים און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט אונדז שוין עטלעכע מאָל צוגעזאָגט, צו באַפרייען פון דער „פּאַנשטשינע" און ביז איצט האָט איר נישט געהאַלטן קיין וואָרט. וועט איר דערפאַר גאַנץ גוט פאַרשטיין, אַז מיר קענען אייך אויך דאָס מאָל נישט גלויבן. אָן דער באַפרייאונג פון דער פּאַנשטשינע איז אונדז ליבער, וואָס מיר זענען מיט אייך צוזאַמען פאַרשקלאַפט אונטער עסט־רייך, איידער מיר זאָלן אַלע זיין פאַרשקלאַפט צו אייך און איר זאָלט זיין פריי!"...

— וואָס פאַר אַ פאַרזיכערונג קענען מיר אייך געבן, חוץ אונדזער ערנוואָרט? — האָט אויף דעם איינער פון די פריצים אָפּגעענטפערט.

— אייער ערנוואָרט איז פאַר אונדז נישט גענוג! — האָט יענער פּויער געענטפערט.

האָט דער פירער פון די פריצים נישט געלאָזט יענעם פּויער ווייטער ריידן, ווייל איידער ער האָט געענדיקט דאָס לעצטע וואָרט זיינס, האָט דער פירער פון די פריצים אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער פון קעשענע און האָט דערשאָסן דעם פּויער. האָבן דעמאָלט אַלע פּויערים שנעל פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג — און עס האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אַ בונט קעגן די פריצים.

באַלד זענען אויך אָנגעקומען אַזוי גערופענע „עמיסארן" (שליחים) פון דער עסטרייכישער רעגירונג צו די פויערן מיט אַ כלומרשטן באַפעל פונעם קייסער, אַז זיי מוזן דריי טאָג לאַנג מאָרדן און ראַבירן די פּריצישע הויפן אָן רחמנות. וואָס זיי וועלן נישט קענען נעמען מיט זיך, זאָלן זיי פאַר־ברענען. יעדער וואָס וועט זיך זיי אַקעגנשטעלן, זאָלן זיי הרגנען און עס וועט זיי דערפאַר גאָר נישט געשען.

אין זייער נאַיוויטעט האָבן די פּויערים געגלויבט, וואָס די „עמי־סארן" האָבן זיי אָנגעזאָגט צו טאָן, ווייל די פּריצים האָבן געהאַט פריער געזאָגט צו די פּויערים, אַז „דער ערשטער שריט פון דער רעוואָלוציע וועט זיין אויסצוהרגענען אַלע יידן און צו ראַבירן זייער פאַרמעגן, ווייל די יידן האָבן געמאַכט שותפות, צו אונטערדריקן דאָס פּוילישע פאָלק". האָט דאָס ביי די פּויערים אין די אויגן אויסגעזען, אַז דער קייסער וויל באַשיצן די יידן און איז דערפאַר מקריב די פּריצים...

האָבן די פּויערים געפאָלגט, וואָס די „עמיסארן" פון דער רעגירונג האָבן זיי אָנגעזאָגט. מיט אַ שרעקלעכן כעס האָבן זיי זיך דעמאָלט גע־וואָרפן אויף די פּריצישע הויפן, מאָרדן און ראַבעווען אָן רחמנות. אין זייער פאַרניכטונגס־חשק האָבן זיי אומעטום אונטערגעצונדן די הויפישע געביידעס מיט די תבואה־שפייכלערס, און ווער עס האָט זיך זיי אַקעגנ־געשטעלט, האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן.

דריי טעג און דריי נעכט האָט געדויערט דאָס ראַבירן. די רעגי־רונג האָט אַפילו באַלד אַרויסגעשיקט מיליטער צו באַשיצן די פּריצים. האָבן אָבער די סאָלדאטן אָפטמאָל גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט, ווי די פּויערים האָבן געשלאָגן און גערויבעוועט. ערשט אויפן פערטן טאָג האָט די רעגירונג אָנגעהויבן אַרעסטירן די פּויערים און געהייסן זיי צוריקגעבן די גערויבירטע זאכן.

גלייכצייטיק האָט די רעגירונג באַאויפטראגט עטלעכע יידן, זיי זאָלן — ווי ווייט דאָס וועט זיין מעגלעך — העלפן אָפּנעמען די געראַ־בירטע זאכן ביי די פּויערים, מען זאָל זיי דערנאָך אָפּגעבן צו די פּריצים. גאַנץ באַזונדערס האָט די רעגירונג געוואָלט אָפּנעמען ביי די פּויערים דאָס פּאַפּירענע געלט, וואָס די פּריצים האָבן געהאַט באַהאלטן אין זייערע קופערטעס און די פּויערים האָבן דאָס צוגענומען, נישט־וויסנדיק אַפילו, אַז דאָס איז געלט.

דאָס עסטרייכישע פּאַפּירענע געלט פון יענער צייט איז געווען גע־מאַכט פון ווייסן פּאַפּיר און געדרוקט בלויז אויף איין זייט מיט אַ בילדל. די צווייטע זייט, ווו עס האָט זיך געפונען אַ וואַסער־דרוק, איז געווען אַנזעעוודיק בלויז פאַר אַ געניט אויג. האָבן די פויערים אַנגענומען דאָס דאָזיקע געלט פאַר פשוטע בילדלעך און האָבן זיי אויפגעקלעפּט אויף די ווענט. און ווען יידישע דאָרפס־גייער זענען געקומען צו די פויערים און זיי האָבן געזען די פּאַפּירענע באַנקנאָטן אויף די ווענט, האָבן זיי זיך אָנגעטאָן טלית און תפילין און גענומען זיך שאָקלען, גלייך ווי זיי זאָלן ווען תפילה טאָן. דערביי האָבן זיי די פויערים איינגערעדט, אַז דאָס זענען בילדלעך פונעם יידישן גאָט. זענען די פויערים געווען דערפאַר ווילין, איינצוטוישן די דאָזיקע בילדלעך ביים יידישן סוחר פאַר עפּעס אַ קינדערשער צאַצקע.

צוויי קראָקעווער יידן, וואָס פלעגן אַרומגיין האַנדלען איבער די דערפער, זענען אויף אזא אופן פלוצים רייך געוואָרן. איינער האָט גע־הייסן וואָלף ליטוואַק און דער צווייטער איז געווען גבריאל קוילען־הענדלער.

וואָלף ליטוואַק איז אייגנטלעך געווען אַ געבוירענער אין אונגאַרן — און פאַרוואָס מען האָט אים גערופן ליטוואַק, האָט קיינער נישט געוווסט. האָט זיך דער דאָזיקער וואָלף אַמאָל אין פורים אָנגעשכורט, האָט ער דאַן געלאָזט לויפן זיין צונג אָן אַ קאָנטראָל און ער האָט דערציילט, ווי אזוי ער האָט אויסגענאַרט ביי די פויערים די פּאַפּירענע הונדערטער און טויזנטער׳. איז מען דעמאָלט געקומען צו אים פון דער פּאָליציי און מען האָט קאָנפיסקירט אַלצדינג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, נישט איבער־לאָזנדיק אים אַפילו אַ פאָדעם. ער האָט נאָך געדאַרפט זאָגן ב״ה, גאָט דאַנקען, וואָס מען האָט אים נישט אַרעסטירט. אַנדערש איז שוין געווען מיט גבריאלן. אַהיימגעקומען מיט אַ פּאַק געלט, האָט ער וועגן דעם קיינעם נישט אויסגעזאָגט, נאָר ער איז ווייטער אַנגעגאַנגען מיט זיין האַנדל איבער די אַרומיקע דערפער. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן האַנדלען מיט קוילן. אין אָנהייב האָט ער געעפנט אַ שטיקל קעלער און ער האָט אַליין געשלעפּט די קוילן אויף די פּלייצעס צו יעדן באַלעבאָס אין שטוב אריין. צביסלעך האָט ער דערנאָך אָנגעהויבן פירן דעם מיסחר מיט קוילן אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב, ביז ער איז טאַקע געוואָרן אַן אמתער

קוילן־סוחר. און כאָטש ער פלעגט פאַרקויפן די קוילן בּיליקער ווי די אַנדערע סוחרים, האָט מען וועגן אים געזאָגט, אַז ער שאַרט גאָלד מיט לאָפּעטעס.

שפּעטער האָט ער אָפּגעקויפט אָדער אָפּגעדונגען גאַנצע קוילן־פּעל־דער און ער האָט אויך אָנגעהויבן טיילן קוילן אומזיסט צו אָרעמע לייט. האָט אים דער עולם געבענטשט מיט אַלע מעגלעכע ברכות, ביז ער איז אמתדיק רייך געוואָרן.

האָט ער אויפגעמויערט אַ הויז אויף צוויי שטאָק הויך מיט קאַרגע הונדערט דירות, מיט צוואַנציק פענצטער אין דער לענג און מיט אַ הויף גרעסער אַ גרויסן. האָט מיר דערציילט מיינער אַ פעטער, וואָס האָט געוווינט לאַנגע יאָרן אין יענעם הויז אַז טאָמער האָט עמעצער פון גבריאלס שכנים נישט געהאַט צו צאָלן דאָס דירה־געלט אין צייט, האָט ער דעם שכן נישט געדריקט, ווי אַנדערע באַלעבאַטים פלעגן דאָס טאָן, נאָר ער פלעגט נאָך אַמאָל צולייגן אַזאַ שכן מזומנע געלט, דער מענטש זאָל האָבן, פון וואַנען צו לעבן.

אַמאָל האָט זיך אַזאַ מענטש גאָר געשעמט, צו ווייזן זיין פּנים פאַר גבריאלן, ווען ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן דאָס דירה־געלט אין צייט. האָט גבריאל געשיקט זיין זון צו יענעם שכן, כלומרשט איינמאָנען דאָס דירה־געלט, אָבער אין אמתן האָט ער דעם זון אָנגעזאָגט ער זאָל צו יענעם שכן ריידן אויף גאָר אַן אַנדערן שטייגער:

— דער טאַטעשי האָט געזאָגט — זאָל ער צו יענעם שכן זאָגן — אַז איר דאַרפט זיך נישט פאַר אים באַהאַלטן, ווען איר האָט איצט נישט צו באַצאָלן דאָס דירה־געלט, ער איז זיכער, אַז ווען איר וועט נאָר פאַרדינען די ערשטע פאַר גראָשן, וועט איר אודאי באַצאָלן. און טאָמער דאַרפט איר עפּעס, האָט דער טאַטעשי געזאָגט, זאָלט איר זיך גאָר נישט שעמען, ווייל ער וועט לייען. דער טאַטעשי קען אייך זייער גוט און ער איז זיכער, אַז איר וועט אַלצדינג באַצאָלן!...

אָט אַזוי האָט גבריאל קוילן־הענדלער אָפּגעלעבט אין עשירות אַרי־בער צוויי צענדלינג יאָרן — און ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מיר מיין פעטער דערציילט, איז ער געווען אין גאַנצן פאַראָרעמט. האָט די שטאָט אַרויסגעוואָרפן די קינדער פון זייער פאָטערס הויז, ווייל ער איז שולדיק געווען פיל געלט פאַר שטייערן. דערנאָך איז מען געוואָר געוואָרן, אַז

גבריאלס קוילן־פעלדער זענען שוין לאַנג צוריק אַריבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענט. אָבער דאָס הויז, וואָס גבריאל קוילן־הענדלער האָט אויפֿגעבויט, איז אַלץ גערופן געוואָרן אויף גבריאלס נאָמען — און ווען איך האָב זיך געקליבן, צו פֿאַרלאָזן קראָקע, איז דאָס הויז געווען דאָס שיינדל און דער שטאָלץ פון דער יידישער גאָס.

קאַפּיטל 38

דער לעצטער פורים ביי ר׳ שמעון סופר און זיין פטירה

פורים תרמ״ג (1883) איז ר׳ שמעון סופר געווען אין דער היים, כאָטש דער רייכסראַט אין וויען איז דענסטמאָל געווען פאַרזאַמלט און האָט אָנגעפירט זיינע באַראַטונגען. יענעם גאַנצן ווינטער האָט זיך ר׳ שמעון סופר געפילט נישט ביים בעסטן געזונט, איז ער אָפטמאָל אַהיימגעקומען אויף שבת, אַפילו ווען דער רייכסראַט איז געווען פאַרזאַמלט.

יענעם ווינטער האָב איך געהאַט ביי מיר באַשלאָסן, נישט מער צו פאַרטאָכלעווען מיין צייט אין קראָקע, ווייל טאָמער וויל איך לערנען פאַר אַ תכלית אינעם לעבן, מוז איך אַוועק ערגעץ אין אַ גרויסער ישיבה, ווי למשל אין פרעשבורג.

ר׳ שמעון סופר און זיין איידעם ר׳ עקיבא קאָרניצער האָבן ביידע מסכים געווען צו דעם דאָזיקן געדאַנק מיינעם און זיי האָבן מיר אויך געגעבן דערצו די בעסטע שריפטלעכע רעקאָמענדאַציעס.

האָב איך מיך שוין דענסטמאָל צוגעגרייט צום אַוועקפאָרן און איך בין שוין נישט אַזוי אָפט געקומען צום רב אין הויז. האָט מיך פורים אין דער פרי דער רב געשיקט רופן. ער האָט געוואָלט, איך זאָל זיך נעמען איבערשרייבן זיינעם אַ שיר וועגן המנס מפלה און ער האָט מיך אויך צוגלייך פאַרבעטן צו דער פורימדיקער סעודה.

ביי דער סעודה איז דעמאָלט געזעסן דאָס גאַנצע בני־בית און דעם רבס אייניקלעך האָבן זיך געדאַרפט אָנטאָן מאַסקעס, ווייל עס איז געווען באַשטימט, זיי זאָלן פאַרשטעלן די מעשה פון מפלת המן. און אַזוי ווי דער רב האָט פאַר מיר באַשטימט, איך זאָל שפילן די ראָלע פון אַ „מגיד״, האָב איך אויך געמוזט אָנטאָן אַ מאַסקע צוזאַמען מיט די אייניקלעך.

אין דער וועלט האָט זיך דענסטמאָל געקאָכט מיט דער געשעעניש

פון בלוט־בילבול פון דעם אונגארישן שטעטל טיסאַ־עסלאַר, ווו מען האָט געהאַלטן ביים צוגרייטן דעם פראָצעס. האָט מען פורים צו דער סעודה טאַקע פאַרגעשטעלט, ווי המן מאַכט כסדר בילבולים אויף יידן און מרדכי זיי פאַרטיידיקט. המן האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז יידן געברויכן קריסטלעך בלוט צו די מצות און מרדכי האָט באַוויזן מיט ראיות פון פארשיידענע ספרים, אַז דער בלוט־בילבול אויף יידן איז דורכויס אַ פאַלשער...

ווי באַמערקט, האָב איך געדאַרפט פאָרשטעלן אַ „מגיד" און איך האָב געדאַרפט זאָגן פורימדיקע תורהס. האָב איך זיך געהאַט גוט צוגע־גרייט פאַר מיין דרשה. אָבער איידער איך האָב נאָך אָנגעהויבן מיין דרשה, האָט איינער פונעם רבס אייניקלעך געוואָלט מיך שטעכעלירן און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— פון וואנען איז געדרונגען, אַז אַ מגיד פאַרשטייט אַ קרענק?

— אָ, דאָס שטייט דאָך בפירוש אין חומש! — האָט אַן אנדער אייניקל געענטפערט.

— דהיינו ווו? — האָט דער ערשטער געפרעגט.

— ווען יעקב אבינו האָט געשיקט זאָגן צו יוסף, אַז ער איז קראנק — האָט דאָס צווייטע אייניקל געענטפערט — זאָגט רש"י, אַז „אחד מן המגידים" האָט געבראַכט די בשורה צו יוסף, ווייל אַ מגיד איז אַ מבין אויף אַ קרענק...

האָט דאָס מיך שטאַרק פאַרדראָסן און איך האָב די באַליידיקונג נישט געוואָלט אַרונטערשלינגען. האָב איך באַלד פאַרגעסן, וואָס איך האָב געהאַט צוגעגרייט צו זאָגן און איך האָב אָנגעהויבן מיין דרשה אויף אַן אַנדערן אופן בזה הלשון:

— ווען יעקב אָבינו האָט דערזען זיינע צוויי אייניקלעך, אפרים און מנשה, נסתלקה שכינה הימנו, האָט זיך די שכינה פון אים אָפּגעטאָן. איי־ניקלעך, האָט ער דענסטמאָל איינגעזען, זענען נישט תמיד די ווירדיקע נאָכפאָלגער פון זייער זיידען, ווייל עס קען אַמאָל פּאַסירן, אַז אַזאַ טייערער ייד ווי אברהם אָבינו איז געווען, זאָלן האָבן אזא אייניקל ווי דער פעטער עשיו...

— אברהם אבינו האָט אויך געהאט אן אייניקל יעקב! — האָט דעם רבס איידעם, ר' עקיבא קאָרניצער, געגומען דאָס וואָרט און מיר געגעבן אַ צי פארן אויער.

— מיט קינדער איז נאָך אַ גרעסערע צרה ווי מיט אייניקלעך! — האָב איך באַלד געענטפערט און האָב מיך נישט געלאָזט אַרויסשלאָגן פון דער ראָלע — אברהם אבינו האָט געהאַט אַ זון ישמעאל און דער פעטער עשיו האָט געהאַט אַזאַ טייערן טאַטן ווי יצחק..

נאָך דער דאָזיקער אונטערברעכונג האָב איך שוין פאַרענדיקט מיין דרשה צו דער צופרידנהייט פון אַלעמען, אַפילו פונעם רבס אייניקלעך, וועלכע איך האָב כסדר מכבד געווען מיט שטעכווערטלעך.

דערווייל האָבן אָנגעהויבן קומען פאַרשיידענע אַנדערע מאַסקעס, וואָס האָבן אָפּגעזאָגט יעדער זיין „פזמון" און געקראָגן אַ גלאָז וויין מיט אַ שטיק לעקאך און אַ מזומנע נדבה.

צווישן אַנדערע איז דעמאָלט פלוצים אָנגעקומען אַ גרופּע מאַסקירטע „חסידים" און איינער פון זיי איז געלאָפן פאָראויס און האָט אַ געשריי געטאָן:

— מאַכטס אַ וואָרע, דער „פּורים־רב" איז דאָ!

אָט דער „פּורים־רב" איז געווען בלויז כאַראַקטעריזירט ווי אַ שוישפּילער, אָן אַ מאַסקע, נאָר אויסגעשמירט דעם פּנים און מיט אַ צוגעקלעפּטער באָרד, וואָס איז געווען זייער ענלעך צו ר' שמעון סופרס באָרד.

— נו, לאָמיר הערן, וואָס דער „פּורים־רב" האָט צו זאָגן! — האָט ר' שמעון סופר אַ זאָג געטאָן.

האָט דער „פּורים־רב" אָנגעהויבן זאָגן אַ „פּילפּול", וואָס קיינער האָט אים נישט געקענט נאָכפאָלגן.

— עס וואָלט זיך זייער געניטיקט — האָט ר' שמעון סופר איבער־געשלאָגן דעם „פּילפּול" — אַז דער „פּורים־רב" זאָל זיין דרשה זאָגן אַ ביסל לאַנגזאַמער, איטלעכער זאָל אים קענען פאַרשטיין!

— אַז איך וועל מיין דרשה זאָגן לאַנגזאַמער, וועט זי דאָ דען עמיצער פון אייך פאַרשטיין" — האָט דער „פּורים־רב" געענטפערט מיט חוצפּה — דאָ האָט מען דאָך נישט מער אין זינען דאָס לערנען, נאָר מען גיט זיך כסדר אָפּ בלויז מיט פּאָליטיק!...

— כלה נבואתך וצא! — האָט דעם רבס איידעם אַ זאָג געטאָן און גענומען דעם מענטש אַרויסשטופּן פון שטוב.

— לאָז אים; — האָט דער רב אויף דעם געזאָגט — איך בין נייגעריק צו וויסן, וואָס דער מענטש וויל זאָגן.

— איר דאַרפט נישט בייז זיין, וואָס מיין פילפול איז צו שווער פאר אייערע השגות! — האָט דער „פורים־רב" געענטפערט — ווען דער קראָקעווער רב האָט לעצטן שבת בראשית געזאָגט אַ דרשה אין דער אַלטער שול, האָט זי אויך נישט קיינער פאַרשטאַנען!

— דאָס האָט נישט קיין שום שייכות צום ענין! — האָט דעם רבס איידעם אַ זאָג געטאָן — איר דאַרפט נאָר בלויז געבן אַן אָנצוהערעניש, וואָס איר ווילט...

— איך וויל — האָט דער „פורים־רב" גענומען דאָס וואָרט — דער קראָקעווער רב זאָל אויסקלייבן וועלכע גמרא ער וויל און נאָך דעם ווי ער וועט מיר זאָגן, וועלכע מסכתא ער האָלט אין דער האַנט און אויף וועלכן דף ער וויל קוקן, וועל איך אים תיכף זאָגן אויף אויסענווייניק אַלצדינג, וועגן וואָס עס ווערט דאָרט גערעדט און וואָס רש"י און תוספות זאָגן וועגן דעם...

— טאָ וואָס וועט דערפון ווערן? — האָט דער רב געפרעגט.

— ווערן דערפון וועט אַ פשוטע זאַך! — האָט יענער געענטפערט — אַזוי ווי איך וועל באַווייזן, ווי אַזוי אַ רב דאַרף קענען לערנען, און דער קראָקעווער רב וואָס איז בלויז אַ פּאָליטיקער, וועט מען מיך קרוינען פאַר אַ רב אין קראָקע און דער קראָקעווער רב וועט גיין ווערן אַ „פורים־רב"...

— עז פנים לגיהנם! — האָט דעם רבס איידעם אַ געשריי געטאָן — אַרויס פון דאַנען!...

— אַ שיכור ווייסט נישט וואָס ער רעדט! — האָט דעם רבס אַן אייניקל אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

— וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז ביי אַ שיכור אויף דער צונג! — האָט דעם רבס איידעם געזאָגט.

— דאָס איז בלויז געזאָגט ביי אַ מענטש — האָט זיך דער רב גע־ווויצלט — אָבער נישט ביי אַ בהמה!...

— ווי איז דאָס געמיינט? — האָט דעם רבס איידעם געפרעגט.

— גאַנץ פשוט! — האָט דער רב געענטפערט — ווען דאָס באַ־ווסטע ווערטל, אַז „וואָס עס איז ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז ביי אַ שיכור אויף דער צונג" וואָלט אָנגעווענדעט געוואָרן אויף אַ בהמה, וואָלט מען נישט געדאַרפט האָבן קיין „בדיקה הריאה", ווייל עס וואָלט

געוועזן געגנוג, צו געבן דער בהמה אַ ביסל בראָנפן אויף דער צונג און מען וואָלט שוין געוווּסט, וואָס עס טוט זיך ביי איר אויף דער לונג.

עפּעס אַזוי ווי פון זיך אליין איז דעמאָלט דער אַזוי אָנגערופענער „פורים־רב" צוזאמען מיט זיין גאַנצער חבריא אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון ר' שמעון סופרס הויז. אָבער די באַליידיקונג האָט אויפן רב געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

באַלד נאָכן פאַרשווינדן פונעם „פורים־רב" איז דער רב אַוועקגעגאַנגען פונעם טיש, און ער איז דעמאָלט אַוועקגעפאלן אין זיין צימער אַ קראַנקער און מען האָט געמוזט רופן אַ דאָקטאָר.

צוויי טעג נאָך פורים איז ר' שמעון סופר נפטר געוואָרן.

ווער יענער „פורים־רב" איז געווען, איז מען קיין מאָל נישט געוואָר געוואָרן!...

***

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ר' שמעון סופר געליטן פון אַסטמע און האַרץ־פאַרפעטונג. אַ לאַנגע צייט איז ער געשטאַנען אונטער מעדיצינישער באַהאנדלונג, סיי ווען ער איז געווען אין דערהיים, אין קראָקע, און סיי ווען ער איז געווען אין ווין. האָט מען אָבער די דאָזיקע חולאתן שטענדיק באַטראכט ווי פאַריבערגייענדיקע, נישט דערוואַרטנדיק קיין ערנסטע קאָנסעקווענצן. ערשט נאָך יענעם צווישנפאל מיטן „פורים־רב" האָט אים די קראנקייט זיינע שטארק צוגעדריקט. צוויי לאַנגע טעג האָט ער זיך דעמאָלט געמוטשעט אין יסורים, ביז ער האָט אים ט"ז אדר שני תרמ"ג אַרויסגעלאָזן זיין לעצטן זיפץ און די נשמה איז אים אויסגעגאנגען.

אין דער זעלביקער צייט האָבן זיך אויך אַרומגעטראָגן פאַרשיידענע קלאנגען וועגן די מחלוקתן קעגן די „מחזיקי הדת", וועלכע האָבן אין ערשטער ריי געריכטעט זייערע שאַרפע שפּיצן קעגן ר' שמעון סופר. אין די לעצטע „פראָקלאמאציעס" צו זיינע אָנהענגער האָט ער גערעדט וועגן אַ חרם, וואָס איז נייטיק אַקעגן אַלע, וואָס טרעטן אַרויס קעגן דער אָרטאָדאָקסיע. אין יענע „פראָקלאמאציעס" האָט ער איבערזעצט דעם באַגריף „פאָרשריט" אין העברעאיש מיטן אויסדרוק „גש הלאה" און די „פאָרשריטלער" האָט ער דאָרט אָנגערופן „אַנשי סדום", צו קענען דערמאָנען, אז די „אנשי סדום" האָבן געזאָגט צו לוטן: „גש הלאה!"

האָבן דאַן די פאַרגעשריטענע געסטראשעט, אַז זיי וועלן דעם ר׳ שמעון סופר פאַרקלאָגן צום געריכט, ווייל ער הייסט פראָקלאמירן אַ חרם קעגן אַ גאנצן קלאס מענטשן און דאָס איז אין עסטרייך געווען געזעצלעך פאַרבאָטן. אויסער דעם האָבן די פאָרגעשריטענע אויסגעפונען, אַז ר׳ שמעון סופר האָט געקליבן געלט פאַר די צוועקן פון „מחזיקי הדת״ און ער האָט נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אויף וואָסערע הוצאות ער האָט דאָס דאָזיקע געלט פאַרברויכט.

פאַרשטייט עס זיך, אַז די פלוצימדיקע פטירה פון ר׳ שמעון סופר האָט שטום געמאַכט יענע אַלע קלאגען. אין זייער געיאָמער זענען אויך געווען פאַראייניקט אַלע קרייזן פון דער באַפעלקערונג, אַפילו דעם רבס קעגנער׳, וואָס האָבן כסדר ארויסגעקוקט, דער רב זאָל זיך פּאָליטיש אויס־גליטשען, האָבן אויך מיטגעקלאָגט. דאָס גאַנצע לעבן איז ער גאָר נישט געווען אזוי פּאָפּולער, ווי עס האָט זיך געוויזן נאָך זיין פטירה.

צו דער לוויה זענען געקומען די גרעסטע רבנים פון גאליציע און אונגארן, ספּעציעל יענע, וואָס האָבן גֿעהאט אַן אויג אויפן קראָקעווער רבנות. עס זענען אויך דעמאָלט געמאַכט געוואָרן די וויכטיקסטע הספדים אויפן נפטר פונעם לעמבערגער רב, ר׳ הירש אָרענשטיין, און פונעם פשעמישלער רב, ר׳ יצחק שמעלקעס, וועלכע האָבן ביידע געוואָלט, מען זאָל זיי מאכן אַ פאָרשלאג וועגן קראָקעווער רבנות...

דעם דריטן טאָג נאָך דער לוויה בין איך געגאַנגען זען, וואָס עס טוט זיך דאָרט אין הויז. האָט מיך דעם רבס איידעם מקבל־פּנים געווען מיט אַ רוגז, וואָס מען האָט דאָרט צוליב מיין אָפּוועזנהייט מבטל געווען דאָס לערנען פאַר גאַנצע צוויי טעג. ר׳ עקיבא קאָרניצער האָט אויך דאַן דער־קלערט, אַז דאָס לערנען ביים רב אין הויז וועט נישט אונטערבראָכן ווערן און אַלע די, וואָס זענען ביז היינט געזעסן ביים רבס טיש, וועלן דאָרט ווייטער זיצן.

כמעט דאָס זעלביקע האָט מיר אויך דערקלערט די רביצין, וועלכע איז געווען פון יענע נשים צדקניות, וואָס גיבן אַוועק זייער לעבן און אַלע זייערע כוחות פאַר לומדי תורה. דערביי האָט זי גערעדט מיט אַ רע־זיגנירטער איבערגעבנקייט צום אייבערשטנס רצון, וואָס האָט איר אין זיין גרויס חסד אָנגעטאָן אַ קרוין אויפן קאָפּ פאַר דריי צענדלינק יאָר און אין זיין גרויסער גערעכטיקייט, איז אים איצט געפעלן געוואָרן, אַוועק

צו נעמען ביי איר די קרוין ווי אַ שטראָף פאַר אירע זינד. אירע ווערטער האָבן דעמאָלט געקלונגען אין מיינע אויערן ווי אַ לעבעדיקער פירוש אויף איובס „ה׳ נתן וה׳ לקח, יהי שם ה׳ מבורך!“

אַן ענלעכע רעזיגנירטע שטימונג האָב איך געהאַט געזען ביי דער רביצין מיט אַ יאָר פריער, ווען זי האָט פאַרלוירן איר איינציקע טאָכטער, רייזעלע, די פרוי פון ר׳ עקיבא קאָרניצער. די גאַנצע שטאָט האָט דע־מאָלט באַוויינט די יונג־פאַרשטאָרבענע פרוי. נאָר איר מוטער, די רביצין, האָט נישט פאַרגאָסן קיין טרער. דער אייבערשטער האָט אַזוי געוואָלט, האָט זי געטענהט, טאָר מען נישט מתרעם זיין קעגן זיין ווילן.

רייזעלע דעם רבס איז געשטאָרבן אין קימפעט, אַ טאָג פאַרן ברית פון איר ניי־געבוירן קינד. צוריקקומענדיק פון דער לוויה, האָט מען זיך גענומען צום ברית. האָט דאַן די רביצין אַ ווײַלע געטאַנצט מיטן קינד אויף דער האַנט און דערביי געזונגען „ישמח האב ביוצא חלציו ותגל אמו בגן־עדן בפרי בטנה“.

ווי אַ ווינטמיל האָט זיך דעמאָלט די רביצין געדרייט מיטן קינד אויף דער האַנט. עס האָט אויסגעזען, אַז זי ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך אַרום איר. דאָס פנים אירס האָט דערביי געשיינט אין אַ פריידיקן עקסטאַז, אַז זי האָט אַזש געחלשט פון שמחה...

איך בין דאַן אַלט געווען 14 יאָר און איך בין אַזוי שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דער רביצינס עקסטאַטישן טאַנצן, אַז איך בין אַרונטער־געפאַלן פון מיין בענקל מיט אַ ספּאַזמישן געוויין. האָבן מיר די פריש־געוואָרענע יתומים נישט פאַרגונען דעם תענוג פון מיין מיטפילנדן שמאַרץ און איינער פון זיי איז צו מיר צוגעשטאַנען מיט אַ טענה:

— ס׳איז נישט דיין מאַמע און נישט דיין שוועסטער, טאָ וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו דאָ צו ווייזן סענטימענטן, וואָס האָבן נישט צו דיר קיין שום שייכות?

— עס איז די אבדה פון מיין רבין — האָב איך אויף דעם געענט־פערט — און ביי אבדת אביו ואבדת רבו, איז „אבדת רבו קודמת“...

האָט מיך דאַן ר׳ עקיבא אליין אויפגעהויבן פון דער ערד און צוריק אַוועקגעזעצט אויף מיין פּלאַץ.

קאַפּיטל 39

ראַבינער ד״ר מרדכי דושאַק

נאָך ר׳ שמעון סופרס פּטירה האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע מחלוקתן אין קראָקע. דער רוב פון דער קהילה, די חסידים און די קאָנסערוואַטיווע פּאָלקסמאַסן, האָבן געוואָלט ר׳ שמעון סופרס איידעם זאָל בלייבן רב אין קראָקע. דאָס האָבן אָבער נישט געוואָלט די נגידים פון דער שטאָט און די אַזוי גערופענע „פּאַרשריטלער". ביידע צדדים זענען אויך געווען שרעקליך גוואַלדיק פאַרעקשנט אין זייער ווילן און קיינער פון זיי האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן אַ שריט.

ביידע צדדים האָבן אויך בעת דער גאַנצער צייט פון דער מחלוקה נישט געקענט געפינען קיין באַרעכטיקונג פאַר זייער פאַרעקשנטן שטאַנד־פּונקט. די אָנהענגער פון ר׳ עקיבא קאָרניצער האָבן נישט געקענט דער־קלערן, צוליב וואָסערע מעלות זיי שטיין אַזוי שטאָל און אייזן פאַר זייער קאַנדידאַט — און די קעגנער פון ר׳ עקיבא קאָרניצער האָבן נאָך ווייני־קער געקענט דערקלערן די סיבה פון זייער קעגנערשאַפט.

איך בין געווען פאַראינטערעסירט אינעם רעזולטאַט פון דער מחלוקה און איך בין דאָך געווען נאָענט צו ר׳ עקיבא קאָרניצער, און האָב זייער געוואָלט, אַז טאַקע נאָר ער זאָל ווערן רב אין קראָקע. ליידער האָב איך אים נישט געקענט העלפן צו דעם. צוליב די מחלוקות און אינטריגעס איז מיר די גאַנצע רבנישע וועלט אין גאַליציע אַזוי פאַרנמאַסט געוואָרן, אַז איך האָב געזוכט אַלע מעגלעכע מיטלען צו אַנטלויפן פון דער דאָזיקער וועלט. האָב איך דעמאָלט געווענדעט מיינע אויגן צו אַן אַנדערער וועלט, צו דער בילדונג פון די נישט־געבילדעטע פון פּאָלקסמאַסן. אַנשטאָט צו לערנען גמרא און פּוסקים, האָב איך זיך צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים פאַרטיפט אין די טעאָריעס פון דאַרווין און ביכנער.

פּסח־צייט, נאָך דער פּטירה פון ר׳ שמעון סופר, האָבן מיך אַמאָל מיינע חברים געפירט באַקענען זיך מיטן קראָקעווער רעפאָרמירטן פּרע־דיקער ד״ר מרדכי דושאַק. לויט ווי זיי האָבן מיר דערציילט, איז זיי שוין עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו ריידן וועגן מיר מיטן ד״ר דושאַק, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז דער וויל מיך קענען.

ד״ר מרדכי דושאַק איז געווען אַ פילאָסאָפיש געלערנטער מענטש,

אַ שפּראַכן־פאָרשער, היסטאָריקער און אַ ספּעציאַליסט אין אויסטייטשן די שווערסטע שטעלן אינעם „תלמוד ירושלמי". ווי אַ פּרעדיקער איז ער אָבער געווען אַ שוואַכער רעדנער. דערצו איז ער נישט געווען געניט פּראַקטיש אין לעבן און עס האָט אים זייער אָפט געפעלט אַ קווינט שכל אין זיין פירונג. דערפאַר האָט אים זיין גרויסע ערודיציע נישט פאַרשאַפט דעם געהעריקן פּרעסטיזש ביי די מיטגלידער פון זיין קהילה. און אַזוי ווי ער האָט דעמאָלט אייגגעזען, אַז דער יונגער דור פון זיין קהילה פאַרהאַלט זיך פרעמד צו אים, האָט ער געשטרעבט צוצוציען צו זיך קינדער פון אָר־טאָדאָקסישע קרייזן, אויף וועלכע ער האָט געלייגט זיינע האָפענונגען, אַז זיי וועלן אַמאָל צונויפשטעלן דעם אַוואַנגאַרד פון זיינע אַנהענגער.

פלעגט זיך דעמאָלט אָפטמאָל צונויפקלייבן ביי אים אין הויז אַ גרופּע בחורימלעך, קינדער פון אָרטאָדאָקסישע עלטערן, פאַר וועלכע ער פלעגט לייענען קאַפּיטלעך יידישע געשיכטע, אָדער לערנען מיט זיי די סדרה פון דער וואָך מיט מענדעלסאָנס „ביאור". מיט אַנדערע פלעגט ער לערנען דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים" אָדער דעם „חובות הלבבות" פון רבנו בחיי.

אין זיין יוגנט איז ער געווען אַ תלמיד מובהק פונעם „חתם סופר" אין פּרעסבורג. אָבער באַלד ווי ער האָט זיך גענומען שטודירן און ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעפאָרמירטער באַוועגונג פון יענער צייט, האָט אים דער „חתם סופר" אויסגעמעקט פון זיין רשימה תלמידים.

צוואַנציק יאָר צייט איז ער געווען ראַבינער אין אַ קליין מעהריש שטעטל מיטן נאָמען גאַיאַ. פון דאָרטן איז ער (אין 1876) אָנגעקומען ווי אַ פּרעדיקער אינעם קראָקעווער טעמפּל, וועלכער איז דענסטמאָל געווען אַ פּשוטער פאַראיין מיט אַנדערטהאַלבן מנינים מיטגלידער. ביי וועמען ער האָט נישט געהאַט קיין שום פּרעסטיזש, ווייל זיינע פילאָלאָגישע אויפ־טוען און זיינע גייסטרייכע דערקלערונגען צום „תלמוד ירושלמי" האָבן אין זייערע אויגן נישט געהאַט קיין שום ווערט.

גאַנץ באַזונדער פלעגט ד"ר דושאַק ליידן פון זיין פרוי, וועלכע איז געווען אַן אמתע „כנגדו", לויט ווי די גמרא דערקלערט דאָס, און זי פלעגט אים אָן אויפהער דערגיין די יאָרן, אַז ער פלעגט אַזש אָפטמאָל טראַכטן פון נעמען זיך דאָס לעבן.

עס פלעגן אים אָנקומען בריוו פון די גרעסטע יידישע געלערנטע,

פלעגט זי אָפּנעמען די דאָזיקע בריוו ביים בריווטרעגער און פלעגט זיי פאַרברענען אָדער גלאַט אַוועקוואַרפן. די ביכער, וואָס ער האָט געהאַט, פלעגט זי צערייסן אָדער אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער. זיינע אייגענע ביכער, וואָס ער האָט געדרוקט, האָט ער געמוזט פון איר באַהאַלטן — און ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זיין ספר „ירושלים הבנויה" אויף תלמוד ירושלמי, פלעגט זי דעם ספר פאַרקויפן צו קריסטלעכע שפייז־הענדלער פאַר פאַק־פאַפּיר.

דאָס ערגסטע, וואָס די דאָזיקע פרוי האָט אָפּגעטאָן, איז געווען, וואָס זי האָט אויף אַ וואַנדאַלישן אופן רואינירט אַן אויסערגעוויינטלעך טייערע קאָלעקציע פון פאַרשיידענע תנ"ך־אויסגאַבן, וואָס איר מאַן האָט יאָרנלאַנג צונויפגעקליבן מיט דער גרעסטער מי. צווישן אַנדערע פלעגט ער זיך שטענדיק צאַצקען מיט אַן אַלטער ענגלישער תנ"ך־אויסגאַבע, וואָס ער האָט אַמאָל באַקומען מיט אַ פּערזענלעכער דעדיקאַציע פונעם אַרצעבישאָף פון קענטערבורי. האָט די פרוי דושאַק גענומען אַמאָל דעם דאָזיקן תנ"ך און אויסגעשווירן פון זיינע בלעטלעך פאַרשיידענע „צאַצקע־לעך", צו באַצירן מיט דעם איר שענקל מיט גלעזער אין קיך.

ווען ד"ר דושאַק האָט דאָס דערזען, האָט ער געחלשט און ער איז דערנאָך אַ גאַנצע וואָך געלעגן קראַנק. פון דעסטוועגן האָט ער זיך צוליב דעם נישט געגט מיט זיין פרוי. געדולדיק האָט ער דאַן ווייטער געליטן אירע קאַפּריזן, ביז ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 76 יאָר.

זיין שכירות ווי אַ ראַבינער אינעם קראָקעווער טעמפּל איז געווען 500 רייניש אַ יאָר (200 אַמעריקאַנער דאָלאַר). האָט דאָס אים, פאַר־שטענדלעך, נישט געגעבן גענוג פּרנסה, ער האָט געמוזט האַלטן אַ מנין סטודענטן, פּענסיאָניסטן, וואָס האָבן אים געצאָלט פאַר זייער עסן און שלאָפן, האָט ער לעבן זיי אויך געהאַט צו עסן.

ער איז אויך נישט געווען איבעריק קלוג און מיינע חברים פלעגן אים רופן „די פּתי". האָט אָבער עמעצער געמאַכט מיט אים אַ שמועס אין לערנען, האָט ער געמוזט שטוינען פון זיין גוואַלדיקער בקיאות אין דער רבנישער ליטעראַטור. ער האָט אויך געקענט אַנדערע לשונות און זיינע חיבורים אין „חכמת ישראל" האָבן געהאַט אַ גרויסן שם אין דער וועלט פון געלערנטע.

אין יענעם יאָר איז אויך פאָרגעקומען דער פּראָצעס וועגן דעם בלוט־

בלבול פון דעם אונגארישן שטעטל טיסאַ עסלאַר, וואָס האָט דעמאָלט אויפגעטרייסלט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט און געהאַלטן זי צוויי יאָר דורכאַנאַנד אין אַ געוואַלדיקער שפּאַנונג. אין יענעם שטעטל איז פּליצים פאַרשוווּנדן אַ שיקסע מיטן נאָמען עסטער שאָלימאָסי — און אַזוי ווי דאָס איז געשען פיר טעג פאַר פּסח, איז באַלד אַרויס אַ קלאַנג, אַז ייִדן האָבן זי געשחטן אויף צו געברויכן איר בלוט צו די מצות.

צופעליק זענען דענסטמאָל אין יענעם שטעטל געווען פאַרזאַמלט עטלעכע שוחטים, ווייל מען האָט דאָרט גראָד אין יענע טעג געדאַרפט אויסקלויבן אַ נייעם שוחט. האָבן די אַנטיסעמיטן אָנגערעדט אַ צוועלף־יעריק ייִדישן ייִנגל, מאָריץ שאַרף, דעם זון פונעם שמש יוסף שאַרף, ער זאָל זאָגן, אַז זיין פאָטער האָט אים עפּעס פּלוצים אַוועקגעשיקט פון שול — און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געטראָפן די שול פאַרמאַכט און אינעווייניק איז זי געווען אין גאַנצן באַלייכטעט. האָט ער אַריינגע־קוקט דורכן שליסל־לאָך און געזען, ווי זיין פאָטער און אַן אָרעמער אורח פון פּוילן, וואָס איז דאָרט געווען אויף שבת האַלטן די שיקסע, זי זאָל זיך נישט קענען וואָרפן, און אַלע פאַרזאַמלטע שוחטים צוזאַמען האָבן זי געקוילעט און אָפּגעצאַפּט איר בלוט אין אַ גרויסן בעכער אַריין.

שפּעטער האָט דער שטאָטישער טייך (די טיסאַ) אַרויסגעוואָרפן צום ברעג אַ דערטרונקען מיידל, וואָס איר פּנים איז געווען אין גאַנצן פאַרענדערט צוליב דעם לאַנגן ליגן אין וואַסער און ווייל עס האָבן איר אויך די פיש אָפּגעגריזעט די נאָז. און אַזוי ווי איר קערפּער איז געווען אומבאַרירט, האָט מען געוואָלט דערקלערן, אַז די שיקסע איז דערטרונקען געוואָרן דורך אַן אַקצידענט און די מעשה מיט דער שחיטה איז אַ ליגן.

האָט אָבער די מוטער פון דער פאַרשוווּנדענער שיקסע צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע עדות געזאָגט, אַז די דערטרונקענע שיקסע איז נישט די פאַרשוווּנדענע עסטער. האָט דעמאָלט דאָס געריכט קאָמבינירט נאָך אַ צווייטע קלאָגע קעגן די ייִדן, אַז איידער זיי האָבן עסטערן געכאַפּט צו דער שחיטה, האָבן זיי שוין געהאַט אַן אַנדערע שיקסע, וועלכע האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן שחטן און זי איז אַריינגעשפּרונגען אין טייך צו ראַטעווען זיך פונעם ייִדישן שוחטס חלף.

דער אינטערעס וועגן טיסאַ עסלאַר איז דאַן געווען זייער שטאַרק אין אַלע לענדער פון דער וועלט. אין פּראָג איז דענסטמאָל געווען אַ

פראָפעסאָר פון אָריענטאַלישע שפּראַכן מיטן נאָמען אויגוסט ראָהלינג, וועלכער האָט געהאַט אַמאָל אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן „די סודות פונעם תלמוד", האָט ער איצט דערקלערט עפנטלעך, אַז ער איז גרייט צו שווערן, אַז דער תלמוד הייסט געברויכן קריסטלעך בלוט צו די מצות. דער פּראָצעס פונעם בלוט־בלבול איז אויך געווען גוט צוגעגרייט. דאָס געריכט האָט פריער געפרעגט אַ מיינונג ביי כמעט אַלע קריסטלעכע געלערטע און דער דעמאָלטיקער אונגארישער יוסטיץ־מיניסטער, פּאָולער, וועלכער האָט אויך געהאַט דעם שם פון אַ קריסטלעכן געלערטן, האָט דערקלערט, אַז ער גלייבט אינעם בלוט־בילבול, ווייל עס וואָלט דאָך געווען אומ־מעגלעך, עס זאָל זיך איבערחזרן אויף דער וועלט אַזוי פיל מאָל אַ שקר־בילבול קעגן אַזאַ אינטעליגענט פאָלק ווי יידן. ס'איז אויך מעגלעך — האָט דער מיניסטער צוגעגעבן — אַז נישט אַלע יידן געברויכן קריסטלעך בלוט. זיכער איז אָבער, אַז עס איז פאַרהאַנען איין סעקטע אַזאַ, וועלכע קומט פון פוילן אָדער פון רוסלאַנד און צוליב דעם האָט מען אויך פאַר־בעטן קיין טיסאַ עסלאַר אויף יענעם שבת, וואָס מען האָט דענסטמאָל די שיקסע געקוילעט, אַן אורח פון פוילן, וואָס האָט די מענטשן געדאַרפט אויסלערנען, ווי אַזוי צו שחטן די שיקסע.

ביי אונדז אין גאַליציע זענען דענסטמאָל די געמיטער געווען אויפ־געגעגט בלויז אין די אַזוי אָנגערופענע פּראָגרעסיווע יידישע קרייזן. אונדזערע אָרטאָדאָקסישע יידן האָבן געגלייבט, אַז קייסער פראַנץ יאָזעף וועט עס באַשטימט נישט צולאָזן, מען זאָל פאַראורטיילן די אַרעסטירטע יידן — און מכח דעם בילבול גופא האָט ר' שמעון סופר דערקלערט, אַז עס וועט זיך אַלצדינג ענדיקן צום גוטן, ווי דער פּסוק זאָגט „לא תאונה אליך רעה", מאַכן די ראשי־תיבות פון די דאָזיקע פיר ווערטער „אתלר" (עסלאַר), האָט מען שוין אין אָרטאָדאָקסישע קרייזן ווייניק גערעדט פון דעם פּראָצעס, ווייל עס איז איטלעכער געווען זיכער, אַז דער דאָזיקער בילבול מוז פּלאַצן און אַלע שונאי ישראל וועלן האָבן אַ מיאוסע מפּלה.

אַנדערש איז די מיינונג געווען ביים רעפאָרמירטן פּרעדיקער ד"ר דושאַק, וועלכער איז צוליב דעם בילבול אַרומגעגאַנגען אַ שטאַרק צו־קאָכטער. ער איז אַפילו ביי זיך אין האַרצן אויך געווען זיכער, אַז די באַשולדיקטע וועגן דעם בילבול וועלן ביים פּראָצעס אַרויסגיין פריי. האָט עס אים אָבער זייער וויי־געטאָן, וואָס ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט

זאָל נאָך קענען פּאַרקומען אַזאַ בילבול. ווען מיינע חברים האָבן מיך דענסטמאָל געפירט צו ד״ר דושאַק, איז דאָס ערשטע וואָרט זיינס צו מיר געווען, אַז היות עס איז נאָך ליידער ווייניק געוואָרן געשריבן אויף צו באַווייזן די פאַלשקייט פונעם בלוט־בילבול. מוז ער מיט זיין קומענדיקן ווערק געבן דעם טויט־קלאַפּ דער דאָזיקער באַשולדיקונג קעגן יידן.

ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ער האַלט אין שרייבן אַ ווערק, וואָס וועט אויף אייביק אָפּווישן די מעגלעכקייט פון אַ בלוט־באַשולדיקונג. אַ גרויסן טייל פון דעם דאָזיקן ווערק האָט ער געהאַט אַוועקגעשיקט צום געריכט אין נירעדהאַזאַ, ווו דער פּראָצעס פון טיסאַ עסלאַר איז פאָרגעקומען. האָט מען דאָס אים צוריקגעשיקט מיט דער באַמערקונג, אַז מען אַקצעפּטירט דאָרט בלויז די עקספּערטיזן פון קריסטלעכע געלערטע. זיין עקספּערטיזע — האָט מען אים געוואָלט געבן אַ פלעסטערל אויף דער ווונד זיינער — ווייזט אָן אויף גרויסער געלערזאַמקייט, קען מען זי אָבער ניִשט אָננעמען, ווייל ער איז אַ יידישער געלערטער, און דערפאַר קען מען אים נישט שענקען דעם פולן גלויבן...

ביי יענער געלעגנהייט האָט מיר ד״ר דושאַק געוויזן דאָס מאַנוס־קריפּט פון זיין חיבור און איך האָב אים פאַרשפּראָכן, אַז ווען ער וועט ז'אָס מאַנוסקריפּט איבערגעבן צום דרוק, וועל איך אים העלפן מאכן די קאָרעקטורן. איך האָב אים אויך פאָרגעשלאָגן אַ העברעאישן נאָמען פאַר זיין ווערק, כאָטש עס איז געשריבן דייטש. דער נאָמען איז „תור אסתר" און ער איז אויך אָנגענומען געוואָרן.

ד״ר דושאַקס ווערק איז דערשינען לאַנג נאָך דעם וואָס די אָנגע־קלאָגטע פון טיסאַ עסלאַר זענען שוין געווען באַפרייט. און ווען ד״ר דושאַק האָט מיך מכבד געווען מיט אַן עקזעמפּלאַר פון זיין בוך האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער איז איצט ביי זיך פולשטענדיק איבערצייגט, אַז ווען עס זאָל נאָך חלילה פאַרקומען אַ פּראָצעס וועגן עלילת דם, וועט מען זיך מיט זיין ווערק באַנוצן פאַר אַן עקספּערטיזע און מען וועט לכתחילה נישט צולאָזן צו קיין עפנטלעכן פּראָצעס...

קאַפּיטל 40

אין דער פּרעשבורגער ישיבה

אין די ערשטע טעג פונעם חודש תרמ״ד (נאָוועמבער 1883) האָב איך פאַרלאָזן קראָקע, אויף אָנצוקומען אין דער פּרעשבורגער ישיבה. ר׳ שמעון סופר האָט מיר שוין לאַנג פריער געהאַט אָנגעשריבן אַ כתב וואָס זאָל מיר דינען ווי אַן אַטעסטאַט, אַז איך בין ראוי, אויפגענומען צו ווערן אין דער גרעסטער ישיבה. אין אָט יענעם כתב האָט ער מיך באַטיטלט מיט „יניק וחכים טובא״ און „תלמיד המחכים את רבותיו״ — און אַזוי ווי איך האָב איצט געהאַלטן ביי אַוועקפאָרן און ר׳ שמעון סופר איז שוין געווען אַ שוכן עפר, האָט דער איידעם זיינער, ר׳ עקיבא קאָרניצער, באַשטעטיקט דעם שווערס כתב און צוגעשריבן דערצו עטלעכע שבחים פון זיין זייט. האָט דאָס מיר געגעבן אַ גרונד צו גלייבן, אַז מיט די דאָזיקע שבחים וועל איך איינגעמען די גאַנצע פּרעשבורגער ישיבה.

איך בין דעמאָלט אָנגעקומען אין פּרעשבורג אין אַ דאָנערשטיק נאָכמיטיק — און איך בין אויך תיכף געגאַנגען זיך פאָרשטעלן צו די פאַרוואַלטערס פון דער ישיבה, וואָס האָבן מיך באַלד צוגעפירט צום ראש־ישיבה, צום פּרעשבורגער רב, ר׳ שמחה בונם סופר, וועלכער איז געווען אַ ברודערס זון פון ר׳ שמעון סופר.

אויף הוצאות קיין פּרעשבורג האָב איך געהאַט אָנגעקליבן פון אייגענע פאַרדינסטן, פּרוטה צו פּרוטה, אין משך פון אַ גאַנץ יאָר. איז דאָס מיר געווען גענוג ביז איך בין אָנגעקומען אין דער ישיבה פון פּרעשבורג, ווייל נאָך דעם ווי איך האָב דאָרט געגעסן פרישטיק אין אַ ביליקער אכסניא, איידער איך בין צוגעגאַנגען צו דער ישיבה, איז מיר נישט געבליבן אַפילו איין מזומנע פּרוטה.

באַלד בעת דער פאָרשטעלונג האָט דער ראש־ישיבה געהייסן מיר ווייזן אַ צימער, דערביי האָט ער מיך תיכף אַנטוישט אין מיינע דערוואַרטונגען, וואָס ער האָט מיך נישט געפרעגט, צי איך וויל נישט עפּעס עסן אָדער צי איך האָב גענוג געלט אויף צו קויפן מיר עסן, ביז מען וועט האָבן איינגעאָרדנט מיין לעבן אין פּרעשבורג. ביי ר׳ שמעון סופר אין הויז, בין איך געווען פאַררעכנט ווי אַ „בן יחיד״, וואָס איטלעכער האָט זיך מיט מיר

געצאצקעט — און דאָ האָב איך מיך פלוצים געפילט ווי אַן איינגעבע־טענער, וואָס קיינער האָט אים נישט אין זינען.

עס האָט זיך מיר עפּעס גאָר נישט געוואָלט באַגרייפן די סיבות פון די דאָזיקע אומשטענדן, אַז די פּרעשבורגער ישיבה האָט אַריבער דריי הונדערט תלמידים און דער ראש־ישיבה האָט נאָך נישט געהאט צייט, צו באַקענען זיך מיט מיין ווערט. בין איך דערפאַר ביי אים נישט אַזוי וויכטיק, ווי איך בין געווען אין קראָקע.

דאָס נעמלעכע האָט זיך איבערגעחזרט פּרייטיק אַרום 12 דעם זייגער, ווען איך בין נאָך אַמאָל געקומען זען דעם ראש־ישיבה און ער האָט מיך נישט געפרעגט, צי איך האָב שוין היינט עפּעס געגעסן. דערצו האָט ער בלויז באַדויערט, וואָס ער קען מיך נישט איינלאַדן צו זיין טיש אויף דעם שבת, ווייל פאַרן היינטיקן שבת וועט ער האָבן אַ גאַנצן מנין תלמידים ביי זיין טיש.

בין איך דעמאָלט אַוועקגעגאַנגען פונעם ראש־ישיבה אַ פאַרצוויי־פלטער. נישט האָבנדיק געהאט גאָרנישט אין מויל פאַר די לעצטע 30 שעה און נישט־וויסנדיק וואָס צו טאָן מיטן שבת. איז מיר פלוצים געקו־מען אַ הילף אַן אומגעריכטע. אַן עלטערער תלמיד פון דער ישיבה מיטן נאָמען אהרן ראָטמאַן, אַ געבוירענער פון גאַלאַץ אין רומעניע, האָט מיך מקרב געווען. ער האָט מיך נאָך מיין אַרויסקומען פונעם ראש־ישיבה גע־נומען גוט־ברודעריש אויספרעגן, צי איך האָב עפּעס געלט אָדער צי איך דערוואַרט אונטערשטיצונג פון דער היים, און נאָך דעם ווי איך האָב זיך פאַר אים אין גאַנצן אַנטפּלעקט, האָט ער מיך קודם גענומען צו זיך אין שטוב אריין און האָט מיר געגעבן אָפּצועסן ברויט מיט פּוטער און מילך. דערנאָך האָט ער צו מיר געזאָגט:

— זאָרג נישט, ביזט נישט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד, דו ביזט צווישן מענטשן! איך האָב געלט גענוג פאַר אונדזביידן, און ביז דו וועסט זיך דאָ איינאָרדענען, וועלן מיר לעבן אין שותפות!...

דערביי האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז אַ זון פון רייכע עלטערן, וואָס שיקן אים 300 פראַנק אַ חודש — און די מאַמע זיינע דערלייגט נאָך צו דעם אָפטמאָל אַ צוגאָב פון 100 פראַנק אויף איר אייגענעם חשבון.

ריידנדיק מיט מיר, האָט ראָטמאַן שטאַרק אָנגעגריפן די פירונג פון

דער ישיבה, דערביי האָט ער מיר דערציילט, אַז דער ראש־ישיבה זאָגט יעדן זונטיק אַ נייעם שיעור, טוט ער געוויינטלעך אַ זאָג, אַז טאָמער האָט אים אימיצער עפּעס צו פרעגן, קען ער קריגן דעם ענטפער אויפן צווייטן טאָג. דער ראש־ישיבה איז אויך זייער צופרידן, ווען מען פרעגט קשיות, אָבער ווייל איז דעם, וואָס דערוועגט זיך, נישט צו זיין צופרידן פונעם ראש־ישיבהס א תירוץ...

אָט אזוי האָט ער מיר כסדר אָנדערציילט סודות פון דער ישיבה און ער האָט מיך אויך געלערנט, איך זאָל וויסן, ווי אזוי מיך צו פירן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען פּשוט אנטציקט פון מיין נייעם חבר און יעדעס וואָרט זיינס איז ביי מיר געווען ווי די גרעסטע חכמה, בפרט אַז ער האָט מיר צוגעזאָגט, צו נעמען מיך אונטער זיין שוץ און אז ער וועט מיך נישט לאָזן ליידן.

ויהי ערב, ויהי בוקר — ס'איז אָנגעקומען דער זונטיק — און ווען דער רבי האָט דעמאָלט אָנגעהויבן זיין שיעור, האָב איך אים תיכף אונ־טערגעבראָכן מיט אַ קשיא אויף דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. האָט ער מיר בלויז אַ זאָג געטאָן:

— שאלות פרעגט מען ביים סוף פונעם שיעור!

האָב איך אויף דעם געענטפערט:

— ביז צום סוף פונעם שיעור, וועל איך דערווייל פאַרגעסן, וואָס איך האָב געוואָלט פרעגן!

— טאָ שרייב דיר אויף, וואָס דו ווילסט פרעגן, וועסטו עס געדענ־קען! — האָט דער רבי פאַרענדיקט.

— אז איך וועל זיין פאַרנומען מיט שרייבן — האָב איך אויף דעם געענטפערט — וועל איך נישט קענען גענוי נאָכפאָלגן דעם גאנג פונעם שיעור!

— פאר אַזאַ „סתם מקשן" ווי דו האָב איך נישט קיין תירוצים! — האָט דער ראש־ישיבה אַ נערוועזן זאָג געטאָן — דאָ ביי מיר וועל איך איבערהויפּט נישט לאָזן איינפירן דעם פוילישן „סדר הלימוד", ווו מען שלאָגט איבער דעם רבין מיט קשיות!

דערנאָך האָט ער ווייטער צוגעגעבן:

— אַפילו ווען דער מהרש"א זאָל זיין אַ תלמיד פון דער פּרעשבור־

גער ישיבה, וואָלט מען אים אויך נישט געלאָזט איבערשלאָגן דעם רבינס שיעור מיט זיינע קשיות!...

האָב איך מיך קוים דערוואַרט אויפן סוף פונעם שיעור און איך האָב ווייטער געפרעגט צוויי קשיות. האָט זיי דער ראש־ישיבה אויפן אָרט אין גאַנצן צעקלאַפּט. האָב איך מיך אָבער נישט צופרידן געשטעלט מיטן ראש־ישיבהס גרינגשאַצן מיינע קשיות און איך האָב פאַרלאַנגט, דער רבי זאָל מיר אויף מאָרגן געבן אַ דעפיניטיוון תירוץ.

צומאָרגנס האָט דער ראש־ישיבה איבערגעחזרט דעם שיעור, פאַר־ענטפערט דערביי עטלעכע קשיות, וואָס אַנדערע האָבן געפרעגט — און מיינע נעכטיקע קשיות האָט ער אין גאַנצן איגנאָרירט.

ווען דער ראש־ישיבה איז דערנאָך אַוועקגעגאַנגען אין זיין חדר מיוחד האָט מיך דער „חוזר ראשון" גענומען אין דער אַרבעט אריין און מיך אָנגעהויבן שטעכעלירן מיט קשיות.

— אָ, מען האָט גאָר נישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ גרויסער קשיא־פרעגער, ווועל איך דיך טאַקע אויך פרעגן עטלעכע קשיות...

האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן שיטן אויף מיר קשיות פון אַלע זייטן, אַז איך האָב אַזש נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון מיר. דערביי האָט מיר איטלעכער קשיא־פרעגער געגעבן אַ קלאַפּ אין פלייצע, גלייך ווי ער זאָל מיר ווועלן מאַכן אַ קאָמפּלימענט פאַר מיין וויל־קענעוודיקייט. האָט מיך דאַן מיין פריינד ראָטמאַן אַרויסגעראַטעוועט פון דער סיטו־אַציע. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיר ווי אַ וואַנט און דערביי אַ זאָג געטאָן, אַז ווער עס וועט צו מיר צוגיין מיט אַ קשיא, וועט עס האָבן מיט אים צו טאָן. האָט מיך שוין דער עולם אָפּגעלאָזט, נאָך דעם ווי עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די קלעפּ אין פלייצע פון מיינע חברים האָבן מיר אָפּגעשלאָגן אַ שטיק לונג...

דינסטיק אין דער פרי האָט דער „חוזר ראשון" איבערגעחזרט דעם שיעור און דער ראש־ישיבה האָט אים אויף עטלעכע שטעלן אויסגעבע־סערט און אַלע זענען געווען צופרידן.

האָט זיך דאַן דער ראש־ישיבה געווענדעט צו מיר, אַז אפשר האָב איך עפּעס אַ קשיא, זאָל איך זי דאָ פרעגן. האָב איך אויף דעם גאָר נישט געזאָגט.

מיטוואָך אין דער פרי האָט זיך דער „חוזר שני" געמאָלדן קראַנק,

האָט דעמאָלט דער ראש־ישיבה מיך מכבד געווען איבערצוחזרן דעם שיעור. איז כאָטש איך בין צו דעם נישט געווען צוגעגרייט, האָב איך דעם כיבוד אָנגענומען. דער ראש־ישיבה איז אויך זייער צופרידן געווען פון מיין איבערזאָגן דעם שיעור — און אַזוי ווי איך האָב באַמערקט, אַז איך האָב שוין איצט גאָר נישט צו פרעגן, האָט דער ראש־ישיבה אַ זאָג געטאָן:

— דו האָסט דיין אויפגאַבע גוט דורכגעפירט. דאָס איבערזאָגן מיין שיעור האָט אָבער געשמעקט פון דיין זייט מיט אַ גרויסער מאָס „שחצנות" (זעלבסטבאַוווסטע חוצפה), ווייל עס דאַכט זיך דיר, אַז אַזוי ווי דו האָסט איבערגעזאָגט מיין שיעור, איז נישט פאַראַן קיינער, וואָס זאָל דאָס קענען נאָכטאָן. פוילישע לומדים זענען ביי זיך אַזוי איינגע־בילדעט, אַז יעדער מיינט, אַז טאַקע נאָר ער פאַרמאָגט די גאַנצע תורה!...

— פון דעסטוועגן איז פאַראַן איין קשיא, וועלכע באַאומרואיקט מיך פונעם ערשטן אויגנבליק אָן, וואָס איך בין אַהער געקומען, און אייר האָט זי מיר בשום אופן פאַרענטפערט! — האָב איך דאַן אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

— דהיינו וואָס? — האָט דער ראש־ישיבה אַ פרעג געטאָן.

— מיין קשיא איז „ואם תאמר מה נאכל?" אָט בין איך שוין דאָ אַ קאַרגע וואָך צייט און איר האָט מיך נאָך נישט געפרעגט, צי איך האָב צו עסן!...

— דאָס פרעג איך נישט ביי קיינעם! — האָט דער ראש־ישיבה גע־ענטפערט — אזוי ווי איך האָב דיך נישט ספּעציעל געבעטן אַהער צו קומען צו דער פרעשבורגער ישיבה, האָב איך נישט קיין באַזונדערן חוב דיך צו באַזאָרגן מיט עסן!...

— געפעלט מיר טאַקע נישט דער גאַנצער סיסטעם אייערער! — האָב איך אויף דעם געענטפערט.

— לאָמיר אים געבן אויף הוצאות אהיים צו פאָרן! — האָט דער „חוזר ראשון" אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט — פרעשבורגער ישיבה דאַרף נישט האָבן אַזעלכע חכמים!...

שווייגנדיק האָט דער ראש־ישיבה דאָס געהערט און נישט געזאָגט קיין וואָרט.

האָט זיך דאַן ביי מיר נישט־ווילנדיק ארויסגעריסן:

„מדשקתי רבנן, שמע מינה, ניחא להו!"...
און דער ראש־ישיבה האָט אלץ געשוויגן.

***

דעמזעלבן נאָכמיטיק האָט מיר דער „חוזר ראשון" געבראַכט 15 מזומנע גולדן אויף הוצאות אהיים צו פאָרן...

דאָס זעענדיק האָט מיין פריינד ראָטמאַן מכבד געווען דעם חוזר ראשון מיט אַן אונגארישן „מי שברך"... דערביי האָט ער מיר אונטערגע־שטופּט אַנדערע 10 גולדן און מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל זוכן מיין גליק אין אַן אַנדערער אונגארישער ישיבה. ער האָט מיר אויך אָפּגעבראַכט פונעם ראש־ישיבה דעם כתב פון ר׳ שמעון סופר, וועלכער איז געווען אַדרעסירט צו אַלע ישיבות אין אונגארן.

קאַפּיטל 41

א מתנה פון א מיידל, געפלאָכטן פון אירע האָר

אַזוי ווי איך האָב אָנגעהויבן ארייינגיין צו ר׳ שמעון סופר אין הויז, איז מיר דער זאַלישטשיקער רבי געוואָרן אַ קעגנער — און ער האָט אָנ־געזאָגט ביי זיך אין שטוב, מען זאָל מיך נישט מער לאָזן אַריבערטרעטן ביי אים די שוועל און מען זאָל מיט מיר נישט האָבן קיין שום מגע־משא.

ר׳ שמעון סופר איז געווען באַקאַנט ווי אַ קעגנער פון חסידישע רביים, און דאָס, וואָס ער האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן דערנענטערט צום בעלזער רבין, האָט איטלעכער געוווסט, אַז דאָס איז ביי אים בלויז אַ פּאָליטישער שאַכצוג. איז דערפאַר דער זאַלישטשיקער רבי געווען זיכער, אַז איך וועל דאָרט ווערן אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון חסידות. אויסער דעם איז דער זאַלישטשיקער רבי געווען אַ קעגנער פון ר׳ שמעון סופרס „מחזיקי הדת".

האָט מיר אָבער יוכבד דעם רבינס אַמאָל געזאָגט, אַז זי וועט נישט קוקן אויף דער קעגנערשאַפט פון איר פאָטער און זי וועט זיך נישט לאָזן פאַרשלייערן צו קיין אנדערן, און ווען איך האָב אַמאָל באַגעגנט די זאַ־לישטשיקער רביצין אין גאַס און זי האָט מיך אויסגעפרעגט וואָס איך טו און ווי ווייט איך האַלט אין לערנען האָט זי מיר דעמאָלט מיט אַ

לייטזעליקן שמייכל אויף די ליפּן דערקלערט, אַז זי פון איר זייט וואָלט מיך זייער גערן געהאַט פאַר אַן איידעם, ווען איך זאָל פריער האָבן סמיכה אויף רבנות, אָדער איך זאָל זיין אַן אויסגעשטודירטער דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע.

מיין פאָטער האָט אויך געוווסט, אין וואָס פאַר אַ פאַרהעלטניש איך שטיי צום זאַלישטשיקער רבינס פאַמיליע און אַזוי ווי ער האָט אַמאָל גע־הערט, אַז יוכבד שטייט אין שידוכים, האָט דאָס אים זייער געקרענקט, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען דער ענין זאָל ווערן אַן ערנסטער, בין איך נישט קיין פּאַסיקער חתן פאַר אַזאַ מיידל ווי יוכבד דעם רבינס, וועלכע איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פון מיר. דערצו איז פון צופיל לערנען און לעבן אין שלעכטע אומשטענדן האָב נאָך אויסגעזען פיל יינגער, ווי איך בין געווען אין דערווירקלעכקייט.

האָט מיך אַמאָל ביינאַכט דער פאָטער מיינער אַרויסגערופן פון שטוב און געהאַלטן צו מיר די ווייטערדיקע דרשה:

— „ווי די זאַך מיט דיין לערנען זאָל זיך נישט ענדיקן, מוזטו איצט אַוועק פון קראָקע, און ווען דו וועסט אם ירצה השם צוריקקומען, וועסטו דאָ אַוודאי אָנטרעפן געענדערטע פאַרהעלטענישן, צו וועלכע דו וועסט זיך מוזן צופּאַסן. וועסט אפשר זען, אַז דאָס וואָס דו רעדסט זיך איין, אַז עס וואַרט אויף דיר, וועט גאָר זיין ביי אַן אַנדערן אין דער האַנט. האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, אַז אַן אָרעמאַן דאַרף נישט וועלן קריכן אויף די הויכע שוועלן, ווייל די צוריסענע שטיוול זיינע קענען זיך פאַרטשעפּען אָן דער הויכער שוועל און ער קען לייכט אומפאַלן".

מיר איז אַפילו נישט קלאָר געווען, וואָס דער טאַטע וויל מיר זאָגן מיט זיינע ווערטער. איך האָב אָבער נישט געהאַט די טבע דעם טאַטן איבערצופרעגן, איבערהויפּט ווען איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער רעדט קיין מאָל נישט קיין אומזיסטע רייד — און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער צילט מיט זיינע ווערטער צו אַ געוויסן פּונקט, וואָס האָט אַ שייכות צו מיין לעבן.

אין דער לעצטער נאַכט פאַר מיין אַוועקפאָרן, נאָך מיין אַהיימקומען מיט ליידיקע הענט פון פרעשבורג, ווען איך האָב געטראַכט צו פאָרן קיין בערלין און מיין פאָטער האָט געדענקט, אַז איך גיי זוכן עפּעס אַן אונ־גארישע ישיבה, האָט זיך די גאַנצע פראַגע אויפגעקלערט.

דורך מיין חבר מאיר, דעם זאַלישטשיקער רבינס זון, האָב איך געשיקט זאָגן צו זיין שוועסטער יוכבד, אַז איך וויל זי זען, ווייל איך קלייב זיך אַוועקצופאָרן פון קראָקע אויף גאָר אַ לאַנגער צייט.

האָט יוכבד אין יענער נאַכט געמאַכט אַ באַזוך ביי אונדז אין הויז — און ווען איך בין דאַן אַרויסגעגאַנגען זי באַגלייטן, האָט זי צו מיר אַזוי געזאָגט:

— „זאָלסט וויסן, אַז דער טאַטע צווינגט מיך, איך זאָל וואָס גיכער ווערן אַ כלה. ער שרייט, אַז איך בין שוין אַ מויד פון 17 יאָר און עס האָט נישט קיין זינען לענגער צו וואַרטן, בפרט ווען איך האָב נאָך דריי יינגערע שוועסטער, וואָס וואַרטן „פון מיר פטור צו ווערן". ווייס איך נישט, צי איך וועל האָבן דעם כוח איך זאָל זיך נאָך לאַנג קענען שטעלן אַנטקעגן דעם טאַטנס ווילן. קענסט אָבער זיין זיכער, אַז ווי לאַנג עס וועט מיר נאָר זיין מעגלעך, וועל איך טראַכטן צו בלייבן פריי ביז איך וועל ענדליך דער מאַמען אַרויסזאָגן, וועמען איך וויל"...

דערנאָך האָט זי מיר דערלאַנגט עפּעס איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר. און האָט מיר געזאָגט:

—„איך גיב דיר דאָ פון מיר אָן אָנדענקען אַ קייטל צו אַ זייגערל, געפלאָכטן פון מיינע אייגענע האָר. זאָל דאָס דיר זיין אַ סימן, אַז איך וועל שטענדיק פון דיר דענקען... און ווען דו וועסט קומען אַהיים אַ פּאַר־טיקער — האָט זי צוגעגעבן, ווען זי האָט געזען, אַז איך הער אַלצדינג שווייגנדיק און רוף זיך נישט אָפּ קיין וואָרט — ווען דו וועסט קימען אַהיים אַ פּאַרטיקער ווי אַ רב אָדער ווי אַ דאָקטאָר, ווי די מאַמע מיינע זאָגט, קענסטו זיין זיכער, אַז ווען איך וועל אַפילו זיין אַ חתונה געהאַט, וועל איך אויך טראַכטן זיך צו באַפרייען"...

— „טאָרסט נישט פאַרגעסן, אַז איך בין אַ כהן! — האָב איך איר געענטפערט.

מער האָב איך נישט געקענט ריידן. טרערן האָבן געשטיקט מיך אין האַלדז און איך בין צוריקגעגאַנגען אין שטוב כמעט אָן ווערטער.

שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין בערלין, האָט מיר מיין חבר מאיר געשריבן, אַז זיין שוועסטער יוכבד איז אַ כלה געוואָרן. האָט זיך מיר דעמאָלט אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט האָט שוין נישט פאַר מיר קיין שום רייץ.

ווײַל יוכבדן האָב איך זיך פון דעסטוועגן געטרייסט, אַז ווען אַ מיידל ווערט אַ כלה, הייסט דאָס נאָך נישט, אַז זי מוז חתונה האָבן דווקא מיט דעם זעלביקן חתן...

דאָס האָרענע קייטל, וואָס יוכבד האָט מיר געגעבן, האָב איך דערנאָך געטראָגן ווי אַ „קמיע" טאָג און נאַכט און איך האָב עס נישט אַרונטער־געלאָזן פון מיין האַלדז.

שפּעטער מיט אַנדערהאַלבן יאָר, ווען איך בין שוין לאַנג געהאַט צוריקגעקומען פון מיינע וואַנדערונגען, האָט מיר מיין פאָטער געשריבן, אַז יוכבדס חתונה איז באַשטימט פאַר דעם און דעם טאָג. בין איך אין יענער נאַכט, וואָס יוכבד האָט חתונה געהאַט, אַרומגעגאַנגען ווי אַ צוגע־דולטער — און דאַמאָלס איז ביי מיר אויך דאָס האָרענע קייטל פאַר־שוואונדן. איך קען נישט וויסן, צי עס האָט עמעצער ביי מיר דאָס אַוועק־געגנבעט אָדער איך האָב עס אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג אומבאַוווס־טערהייט אין פייער אַריינגעוואָרפן.

מאַנאַטן לאַנג דערנאָך האָב איך נישט אויפגעהערט דאָס קייטל צו זוכן, ווייל עס איז מיר נישט קלאָר געווען, ווי אַזוי עס איז פון מיר אַוועק־געקומען. צומאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז איך האָב עס אַליין מיט מיינע אייגענע הענט פאַרברענט. אַן אַנדער מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב עס ערגעץ באַהאַלטן, ביז איך האָב ענדלעך איינגעזען, אַז יוכבד, דעם רבינס טאָכטער, איז פאַר מיר פאַרלוירן, ווייל „אַן אָרעמאַן דאַרף נישט וועלן קריכן מיט זיינע צוריסענע שטיוול אויף אַ הויכער שוועל, וווּ ער קען זיך לייכט פאַרטשעפּען און אומפאַלן", ווי מיין פאָטער האָט מיר געזאָגט.

יוכבדן אַליין האָב איך, זייט איך בין דענסטמאָל אַוועק פון קראָקע און זי האָט מיר געגעבן דאָס האָרענע קייטל פאַר אַן אָנדענקען, נישט מער געזען... איך האָב בלויז געהערט, מיט וועמען זי האָט חתונה געהאַט און אין וועלכן שטעטל זי וווינט — און ווען עס איז מיר אַמאָל, מיט אַ צענדלינג יאָרן שפּעטער, אויסגעקומען צו זיין אין יענעם שטעטל, האָב איך מיט אַ באַזונדערער כוונה אַכטונג געגעבן, איך זאָל זי נישט דאָרט אין ערגעץ באַגעגענען...

קאַפּיטל 42

איך גיי זוכן „תּכלית“ אין בערלין

זומער, תרמ״ד (1884) בין איך אַרומגעגאַנגען ליידיק, נישט געהאַט וואָס צו טאָן. זיצנדיק גאַנצע טעג אינעם בית המדרש, האָט זיך מיר אַפילו נישט געגלוסט צו עפענען אַ ספר. גלייכגילטיק צו אַלעמען, בין איך אויך נישט געגאַנגען צו ר׳ עקיבא קאַרניצער אין הויז, כאָטש ער האָט מיך כסדר געבעטן, איך זאָל קומען צו אים לערנען ווי פריער.

איינער פון אונדזערע שכנים האָט מיר געראָטן, איך זאָל נישט מער זוכן קיין ישיבות אין אונגאַרן, נאָר איך זאָל ליבערשט פאָרן קיין פשעמישל, אין גאַליציע, וווּ עס האָט דעמאָלט דער דאָרטיקער רב ר׳ יצחק שמעלקיש אָנגעהאַלטן אַ ישיבה מיט צענדליקער בחורים.

האָב איך דאָס גאָר נישט געוואָלט הערן, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז די אָרעמע בחורים אין דער פשעמישלער ישיבה מוזן עסן „טעג“.

איז ביי מיר דערפאַר געבליבן צו לאָזן זיך קיין בערלין. דאָרט בין איך געווען זיכער, וועל איך שוין געפינען מיין וועג פאַרן לעבן. דאָרט וועל איך קענען אַריינקומען אינעם „ראַבינער סעמינאַר“ — און מיט מיינע ידיעות וועט מען מיך דאָרט זיכער האַלטן פאַר אַ „גדול בישראל“.

ווו נעמט מען אָבער אויף הוצאות קיין בערלין?

ג׳ אלול, תרמ״ד, פּונקט אין דעם טאָג, וואָס איך בין אַלט געוואָרן 16 יאָר, בין איך אַוועק צופוס פון קראָקע צו גיין קיין בערלין.

מיין פאָטער האָט מיר דעמאָלט געגעבן זיינע אַן אַלטע פאָר שטיוול צום פאַרקויפן, פאַר וועלכע איך האָב באַקומען עטלעכע פּרוטות. מיין מאַמע האָט אויך געהאַט אָנגעקליבן עטלעכע פּרוטות, האָט זי מיר זיי מיטגעגעבן. זי האָט מיר נאָך אויסער דעם איינגעפּאַקט אַ פּעקל עסן און אַריינגעלייגט דאָרט אַלצדינג, וואָס אַ מאַמע קען אַריינלייגן, ווען איר בן־יחיד גייט אַוועק אין אַזאַ ווייטן וועג.

און ווען איך בין דעמאָלט געקומען זיך געזעגענען מיט ר׳ עקיבא קאַרניצער, האָט ער מיר געגעבן אַ נייעם כתב און ער האָט מיר אויך אָנגעזאָגט, איך זאָל אים שרייבן, ווען עס וועט מיר עטוואָס פעלן...

צום אַוועקגיין פון קראָקע האָב איך אויסגעקליבן אַ צייט, וואָס איך האָב געוווּסט, אַז מיין פאָטער קען מיך דעמאָלט נישט באַגלייטן. איך

האָב נישט געוואָלט, ער זאָל מיך זען אין די קורצע בגדים. און טאַמער האָט מיך דער טאַטע געפרעגט, וואָס איך האָב עפּעס אויסגעקליבן אַזאַ מין אויסטערלישע שעה צום אַוועקגעפאָרן, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך מוז טאָן אַלץ, וואָס ר׳ עקיבא קאָרניצער הייסט מיר טאָן...

מיינע עלטערן און ר׳ עקיבא קאָרניצער האָבן געגלייבט, אַז איך פאָר ערגעץ אין אַן אונגארישער ישיבה און איך האָב זיך געלאָזט גיין צופוס קיין בערלין.

ווען אזא גרויסער פילאָסאָף, ווי משה מענדעלסאָן, האָט געקענט גיין צופוס פון דעסוי אין טיף דייטשלאנד, ביז קיין בערלין — האָב איך ביי זיך געקלערט, אַרויסגייענדיק פון קראָקע מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס — און ווען שלמה מיימון האָט געקענט גיין פון נעסוויזש אין דער ליטע ביז בערלין, וועל איך מיטן אייבערשטנס הילף אויך צוקומען בשלום אין בערלין.

מיין וועג האָב איך געהאט געענוי אָנגעצייכנט. קודם האָב איך גע־דאַרפט גיין פון קראָקע ביז אשציפין (אָשוויענטשים) און פון דאָרט האָב איך שוין גע־דאַרפט גיין אויף דייטשער טעריטאָריע. רייזע־דאָקו־מענטן האָב איך זיך געהאַט באַזאָרגט — און איך בין געגאַנגען!

גייט עס זיך אָבער נישט אַזוי שנעל ווי עס רעדט זיך. איז כאָטש איך האָב אַ גאנצן וועג כסדר געמורמלט די באַוווסטע פּסוקים, וואָס זענען אַ סגולה קעגן אַלע בייזע באַגעגענישן, זענען אויף מיר הינט אָנגע־פאלן, האָבן מיך ווילדע שקצים מיט שטיינער באַוואָרפן און די ערשטע נאַכט פון מיין וואנדערונג בין איך געשלאָפן אין מיטן וועג אונטערן פרייען הימל.

ערשט פאַר אָשפיצין, האָב איך באַגעגנט אַ מענטשן, פאָרנדיק אויף אַ וואָגן, וועלכער האָט זיך מיט מיר זייער אינטערעסירט. האָט ער מיך אַריבערגעפירט אין זיין וואָגן איבער דער פּרייסישער גרענעץ, געגעבן מיר אויפן וועג צו עסן און געוואָלט מיר אויך געבן געלט, וואָס איך האָב פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אָננעמען.

דערנאָך בין איך ווייטער געגאַנגען צופוס — און אַזוי ווי עס איז דעמאָלט געווען אַ שיין וועטער בין איך אָפטמאָל געגאנגען אַ גאַנצן טאָג און אַ גאנצע נאַכט, אָן אן אָפּרו.

געלעבט האָב איך פון מיין אייגענעם געלט און פונעם פּעקל עסן,

וואָס מיין מאמע האָט מיר מיטגעגעבן. קומענדיק דעמאָלט אין די פויז־נישע שטעטלעך, בין איך שוין געווען מיד פונעם גיין און דאָס געלט מיינס האָט אויך געהאַלטן ביים סוף. בין איך דאַן אַריינגעגאַנגען „אויף אַ באַזוך" צו די רבנים און די פאַרשטייער פון די קהילות. האָב איך שוין פאַרבראַכט האַלבע טעג און גאַנצע נעכט אין די פויזנער „בתי מדרשים", ווו יידן פלעגן אַמאָל זיצן און לערנען, אָבער דעמאָלט, ווען איך בין דאָרט געווען, האָט מען שוין אין יענע שטעטלעך נישט געקענט צונויפ־קלייבן אַ מנין צום דאַווענען, אַפילו ווען איינער האָט געהאַט יאָרצייט, אין אַ וואָכנטאָג. כמעט אין אַלע יענע לײדיקע בתי־מדרשים האָב איך גע־טראָפן פולע אַלמערס מיט אַלטע ספרים, וואָס עס האָט זיי שוין קיינער זייט צענדליקער יאָרן נישט אָנגערירט. אין איין שטעטל, מיטן נאָמען שווערזענץ, איז מיר אויסגעקומען צו זיין דער צענטער צום מנין ביי אַ יאָרצייט און חוץ דעם שמש בין איך דאָרט געווען דער איינציקער ביים דאַווענען, וואָס האָט געהאַט אייגענע תפילין . . .

געגעסן האָב איך אין יענע טעג זייער ווייניק. אומעטום, ווו איך בין אָנגעקומען און מען האָט געזען מיינע ידיעות, האָט מען מיך אַפילו געבעטן עסן. אַזוי ווי איך האָב זיך אָבער געשעמט צו עסן אומזיסט ביי פרעמדע מענטשן, האָב איך נישט געוואָלט גאָר נעמען ביי קיינעם און איך האָב געלעבט פון עפּל און באַרנעס, וועלכע איך פלעג אָפּרייסן פון די ביימער ביים וועג אָדער פון די קאַרטאָפלעס, וואָס איך פלעג מיר אויסגראָבן אין די פעלדער און בראָטן זיי אויפן וועג. האָט מיך אָבער אַמאָל אַ זשאַנדאַרם געכאַפּט ווי איך רייס עפּל פון אַ בוים, האָט ער מיך געסטראַשעט צו אַרעסטירן, האָב איך שוין דערפאַר געמוזט עסן, ווו מען האָט מיר נאָר געגעבן.

ראש־השנה, תרמ"ה, בין איך געווען אין ניישטעטין, אין דער פּראָ־ווינץ פּאָמערן. איז דאָס געווען צוויי יאָר נאָך אַ פּאָגראָם אויף די דאָר־טיקע יידן, ביי וועמען עס האָבן די גויים חרוב געמאַכט די דאָרטיקע שול — און כאָטש דאָס איז געווען אינעם פרייען „ציוויליזירטן" דייטש־לאַנד, האָבן די ניישטעטינער יידן צוויי יאָר נאָכן פּאָגראָם נאָך אַלץ מורא געהאַט צו ווייזן זיך אין אַ יום־טוב אין גאַס. אַפילו אין שול אַריין צום דאַווענען האָט מען מורא געהאַט צו גיין, — די גויים נישט אויפצור־רייצן. זענען דעמאָלט די מענער געקומען אין שול אַריין אָנגעטאָן

וואָכעדיק, די גויים זאָלן אויף זיי נישט דערקענען, אַז זיי גייען דאַווגען לכבוד יום־טוב, און ווייבער זענען גאָר אינגאַנצן געבליבן זיצן אין דער־היים.

געגעסן ראָש־השנה האָב איך נישט מער ווי אַ שטיקל טרוקן ברויט, וואָס איך האָב געהאַט אָנגעגרייט פון ערב ראָש־השנה. קיין איינציקער פון די דאָרטיקע יידן האָט מיר נישט פאַרבעטן צו זיך אויף יום־טוב, כאָטש ווען עס זאָל מיך געווען עמעצער פון די ניישטעטינער יידן בעטן צו זיך עסן, וואָלט איך די איינלאַדונג נישט אָנגענומען, ווייל איך האָב געזען, אַז זיי פירן אַלע טרפהנע קיכן...

אָנקומענדיק אין פראַנקפורט ביי דער אָדער, האָב איך געהאַט צו טאָן מיט דער פּאָליציי. אַ דעטעקטיוו האָט מיך אָנגעכאַפּט אין גאַס, רע־ווידירט מיין פּעקל און מיינע קעשענעס, און כאָטש ער האָט נישט גע־פונען ביי מיר קיין שום פאַרדעכטיקע זאַך, האָט ער מיך געפירט צו דער פּאָליציי, וווּ איך האָב דעם באַאמטן געמוזט דערציילן צו וואָס און ווי אַזוי איך בין געקומען קיין פראַנקפורט. אויסהערנדיק מיין געש־כטע, האָט דער פּאָליציי־באַאמטער דערקלערט, אַז מען וועט מיר געבן אַרבעט אין פראַנקפורט, כדי איך זאָל זיך קענען אָנקלייבן אויף הוצאות צו פאָרן ווייטער מיט דער באַן קיין בערלין, און טאָמער וועל איך נישט וועלן אָנעמען די אַרבעט, וואָס מען וועט מיר וועלן געבן, וועט דאָס זיין אַ באַווייז, אַז איך בין אַ פּשוטער שלעפּער (אַ בראָדיאַגע) און מען וועט מיך צוריקשיקן מיטן קאָנוואָי צו דער עסטרייכישער גרענעץ.

האָט מיר דאַן דער דעטעקטיוו צוגעפירט צו דער יידישער קהילה און דערנאָך האָט ער מיך אַרומגעפירט צווישן אַלע יידישע סוחרים אין פראַנקפורט. קיינער פון זיי האָט מיך אָבער נישט געוואָלט אַריינגעמען. פאַר איינעם בין איך געווען צו שוואַך, פאַר אַנדערע בין איך געווען פּסול, ווייל איך בין אַן עסטרייכער. ענדלעך איז דעם דעטעקטיוו נמאס געוואָרן דאָס אַרומגיין מיט מיר, האָט ער מיך געוואָלט פאַרשליסן אין אַרעסט אויף איבער נאַכט, האָב איך אָנגעהויבן וויינען, האָט ער אויף מיר פלוצים רחמנות געקראָגן און האָט מיר געהייסן גיין ווייטער, אַבי מען זאָל מיך נישט מער זען אין פראַנקפורט.

גייענדיק פון פראַנקפורט ביז בערלין, האָב איך שוין אויפן וועג ביי דריי אָדער פיר קהילות גענומען אונטערשטיצונג — און ווען איך בין נאָך

זיבן וואָכן וואַנדערן ענדלעך אָנגעקומען אין בערלין, האָב איך זיך אַרומ־געדרייט דריי לאַנגע טעג איבער די בערלינער גאַסן ביז איך בין גע־וואָר געוואָרן, אַז איך דאַרף גיין צום רעקטאָר פונעם בערלינער „ראַבי־נער־סעמינאַר“, ד״ר עזריאל הילדעסהיימער, וועלכער האָט מיך זייער שיין אויפגענומען און טאַקע אויף דער שטעל דערקלערט, אַז כאָטש איך קען גענוג ש״ס ופוסקים אויף צו מאַכן ביי אים דעם עקזאַמען פאַר ראַ־בינער סעמינאַר, קאָן מען מיך פון דעסטוועגן נישט אָננעמען פאַר אַ תלמיד אינעם ראַבינער ־ סעמינאַר, ווייל איך בין צו יונג און איך מוז צוערשט האָבן געענדיקט אַ גימנאַזיום.

עטלעכע טעג שפּעטער בין איך געקומען צום סעקרעטאַר פון דער „האָכשולע פאַר יידישער וויסנשאַפט“, ווו עס ווערן אויסגעבילדעט רע־פאָרמירטע ראַבינער, האָט ער מיך אומגעדולדיק אויסגעהערט און אויף מיר אַ געשריי געטאָן:

— אַ מערקווירדיקע זאַך מיט די פּוילישע שנאָרער, וואָס יעדער פון זיי דענקט, אַז ער קען ווערן ראַבינער, ווען ער זאָל נאָר וועלן...

איך האָב דעמאָלט איינגעזען, אַז איך האָב שוין נישט וואָס צו זוכן אין בערלין. האָב איך מיט דער הילף פון ד״ר הילדעסהיימער געקראָגן אויף הוצאות, איך זאָל קענען צוריקפאָרן קיין קראָקע.

קאַפּיטל 43

ביי דוד גאָרדאָן אין ליק

נאָך די אילוזיעס, וואָס איך האָב מיר פריער אויסגעמאָלן אין די געדאַנקען וועגן מיינע צוקינפטיקע אויפטוען אין בערלין, איז גרינג צו פאַרשטיין, פאַרוואָס עס האָט זיך מיר נישט געוואָלט צוריקפאָרן קיין קראָקע אין דעם זעלביקן צושטאַנד, וואָס איך בין פון דאָרט אַוועקגעפאָרן.

דער דורכפאַל פון אַלע מיינע פּלענער אין בערלין האָט מיך דאָן ווייניק וואָס אַראָפּגעקלאַפּט פון מוט און מיינע שטרעבונגען. אַנשטאָט וואָס איך האָב געזאָלט פאָרן צוריק קיין קראָקע, בין איך אַוועקגעפאָרן פון בערלין קיין ל י ק , מזרח־פּרייסן, נישט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ, ווו איך האָב זיך איינגערעדט, צו קריגן אַ שטעלע אַלס מיטאַר־

בעטער אין דער רעדאַקציע פון דער העברעאישער צייטונג „המגיד״, ביי דוד גאָרדאָן.

אָנגעקומען אין ליק, האָב איך נישט גלייך געטראָפן דעם וועג צו דער וווינונג פון דוד גאָרדאָן. ס׳איז מיר געווען אַ ווונדער, וואָס איך האָב זיך געמוזט לאַנג נאָכפרעגן, ביז איך האָב אויסגעפונען די רעדאַקציע פונעם „המגיד״. אין אַזאַ שטעטל ווי ליק, וואָס האָט פאַרמאָגט נישט מער ווי צען טויזנט איינוווינער, האָב איך געמיינט, אַז יעדעס קינד דאַרף וויסן, ווו דוד גאָרדאָן וווינט. לסוף האָט מען מיך געשיקט צוערשט צו דער פּאָליציי און דערנאָך צו דער פּאָסט געוואָר ווערן דעם ריכטיקן אַדרעס.

גאָרדאָן האָט מיך אויך זייער שיין אויפגענומען. אָבער ווען איך האָב אים דערציילט וועגן וואָס איך בין צו אים געקומען, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ בליק, ווי ער זאָל האַלטן, אַז איך בין נישט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. פונדעסטוועגן האָט ער זיך גענומען די מי, אַריינצו־לאָזן זיך אין אַ שמועס. איך האָב אים געוויזן אַ בריוו פונעם דעמאָלסטיקן גרעסטן דיכטער, יהודה לייב גאָרדאָן, פון פּעטערבורג. איך האָב יענעם געהאַט געשיקט אַן אַרטיקל פאַרן „המליץ״, וואָס ער האָט נישט געדרוקט; אָבער אַזוי ווי מיין העברעאיש - שרייבן איז אים געפעלן, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל זיך נישט באַליידיקן, וואָס ער דרוקט נישט מיין איצ־טיקן אַרטיקל און איך זאָל אים צושיקן אַנדערע „זאַכן״, וואָס ער וועט זייער גערן דרוקן, ווייל איך פאַרמאָג אַ שיינעם „סגנון״ און מיין „אופן הרצאה״ איז אַן אויסגעצייכנטער. דורכגעלייענט י. ל. גאָרדאָנס בריוו, האָט זיך דוד גאָרדאָן אין מיר שטאַרק פאַראינטערעסירט.

ער האָט מיר דערקלערט, אַז די צייטונג זיינע איז זייער אַן אָרעמע און ער קען פאַר מיין אַרבעט גאָר נישט צאָלן. ווען איך וואָלט געווען אַביסל עלטער און העכער אין וווקס, וואָלט ער מיך געקאָנט רעקאָמענ־דירן צו לערנען העברעאיש מיט קינדער. אָבער לויט ווי איך האָב אַלס 16יעריקער בחור דענסטמאָל אויסגעזען, האָט ער מורא געהאַט, אַז די „ווילדע ליקער שקצים״ וועלן נישט האָבן קיין דרך־ארץ פאַר מיינע גרויסע ידיעות.

דוד גאָרדאָן פלעגט אַליין מאַכן די גאַנצע צייטונג, אַליין געשריבן די אַרטיקלען און די נייס, רעדאַקטירט די אָנגעקומענע אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענץ פון דרויסנדיקע שרייבער, געפירט די געשעפטס־ביכער,

געלייענט די טעגלעכע צייטונגען און צוגעשיקטע ביכער, אונטערגע־האַנדלט וועגן אנאָנסן און קאָרעספּאָנדירט מיט הונדערטער פאַרשיידענע מענטשן אין אַלגעמיין יידישע ענינים. געהאָלפן ביי דער אַרבעט האָבן אים זיינע צוויי דערוואקסענע טעכטער, וועלכע פלעגן אויך שרייבן די אדרעסן צו די אבאָנענטן פון דער צייטונג.

אַ זון האָט ער געהאט אן איינציקן, וועלכער האָט צו גאָרנישט געטויגט, איז ער כסדר אַרומגעגאנגען פוסטע־פּאַס און האָט אַפילו נישט געוואָלט העלפן די שוועסטערן אין זייער אַרבעט.

ריידנדיק מיט דוד גאָרדאָן, האָב איך אים געוויזן אַ פּעקל העברע־אישע כתבים מיינע וועגן פאַרשיידענע צייט־פראגן, ער האָט דאָס אַוועק־געמאַכט מיט דער האנט און געהייסן מיר אָנשרייבן אן „על המדינות בו יאמר”... ווי עס פלעגן הייסן די פּאָליטישע אַרטיקלען זיינע. ווי אַן אָנוויז פאַר מיין שרייבן האָט ער מיר געגעבן דורכלייענען עטלעכע דייטשע צייטונגען. בין איך אויף גיך דורכגעפלויגן מיטן אויג איבער די אַלע צייטונגען און איך האָב מיך באַלד אַוועקגעזעצט שרייבן דעם כאַרלאנגטן ארטיקל. ווען איך האָב דאָס אַרטיקל פאַרענדיקט, האָט עס דוד גאָרדאָן דורכגעלייענט און דערקלערט, אז דער ארטיקל איז זייער גוט אָנגעשריבן, אָבער דרוקן קען מען אים נישט!...

אין מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען בין איך דאן געווען אַ קעגנער פון ביסמארק און פונעם דייטשן אימפּעריאליזם, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעפאנגען אויסשפּרייטן ביז איבער די גרענעצן פונעם לאנד. אויסער דעם האָב איך געגלייבט, אַז רוסלאנד מוז שטארק באַקעמפט ווערן, ווייל עס איז ממש אַ סכנה, אַז די רוסישע רעגירונגס־אָרדענונג זאָל זיך פאַר־שפּרייטן איבער אייראָפּע און זאָל דאָרט אַוועקהרגענען יעדע ציוויליזאַ־טאָרישע שטרעבונגען.

האָט זיך דוד גאָרדאָן זייער געוואונדערט, פון וואַנען עס קומען צו מיר אַזעלכע אָנשויאונגען, וואָס זענען פונקט קעגנזעצלעך צו זיינע אָנ־שויאונגען. דערביי האָט ער מיר דערקלערט, אַז אַ יידישע צייטונג מוז זיך האַלטן אין אַ קאָנסערוואטיווער דייטשער שטעלונג, צוגעווירצט מיט אביסל ליבעראליזם בנוגע צו יידן. ער אַליין — האָט ער מיר ווייטער דערקלערט — איז אויך אַ קעגנער פון ביסמארקן, ווייל ביסמארק שטיצט די אנטיסעמיטן און ווייל דער גרויסער יידישער פּאָליטיקער לאסקער

איז אַ קעגנער פון ביסמאַרקן, אָבער שרייבן אַזעלכע שאַרפע ווערטער קעגן ביסמאַרק, ווי איך האָב אין מיין אַרטיקל געשריבן, טאָר מען נישט... בנוגע צו רוסלאַנד — האָט ער נאָך צוגעגעבן — מוז מען לויבן אַלצדינג. וואָס דאָרט קומט פאָר, אויב נישט, וועט מען אַהין נישט אַריינלאָזן די צייטונג. העכסטנס קען מען זיך אַמאָל דערלויבן, צו זאָגן אַ האַרט וואָרט קעגן דעם רוסישן פאָלק, אַז עס איז נאַריש און פאַרפירט. דאָס מעג מען אָבער נאָר זאָגן, ווען עס קומט אויס צוריידן וועגן פּאָגראָמען אויף יידן. מען טאָר זיך אָבער נישט דערלויבן קיין שלעכט וואָרט קעגן דער רוסישער רעגירונג, וואָס גיט אַרויס אירע פאַראָרדענונגען אין נאָמען פונעם צאַר און די פּערזאָן פונעם צאַר דאַרף זיין הייליק ביי אַלע יידן, ווייל ער שיצט זיי אונטער זיינע פליגלען...

פאַרשטייט זיך, אַז ווען איך האָב אַזעלכע דיבורים געהערט, האָב איך דעם מענטשן פיינט געקראָגן, ווייל ער איז אין מיינע אויגן געווען אַ שרעקלעכער רעאַקציאָנער, וואָס קען נישט צופּאַסן זיינע אָנשויאונגען צום גייסט פון דער צייט. אַזוי ווי איך האָב אָבער ווייטער געזען, מיט וואָס פאַר אַן ערנסט אזא דוד גאָרדאָן איז איבערגעגעבן צו זיין אַרבעט, ביי וועלכער ער פלעגט פאַרברענגען פון 7 אַזייגער אין דער פרי ביז 12 אַזייגער אין דער נאַכט און אַמאָל נאָך שפּעטער, האָב איך פאַר דעם מענטשן געהאַט אַ גרויסן דרך־ארץ.

דערצו פלעגן דענסטמאָל אָנקומען אין ליק יעדן טאָג נייע מחנות רוסישע עמיגראַנטן און דוד גאָרדאָן פלעגט כסדר אַרומלויפן. באַזאָרגן פאַר יעדן עמיגראַנט דאָס נייטיקסטע גלייך ווי עס זאָל זיך האַנדלען וועגן זיינעם אַ נאָענטן קרוב.

הויפּטזעכלעך אימפּאָנירט האָט מיר דוד גאָרדאָן, ווען ער האָט גערעדט אָדער געשריבן וועגן „ישוב ארץ־ישראל". אין דער דאָזיקער באַציאונג איז נישט געווען קיין גרענעץ. זיין אָפּטימיזם בנוגע ארץ־ישראל איז געווען זייער אַ שטאַרקער. געקומען צו דער דאָזיקער אידייע איז ער פון אַ נאַציאָנאַל־יידישער אָנשויאונג. יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עס איז נייטיק צו מאַכן אַ נסיעה קיין פּאַריז אָדער לאָנדאָן, דאָרט צו פאַראינטערעסירן די „גרויסע" יידן פאַר „ישוב ארץ־ישראל", איז ער גרייט געווען אַוועקצונעמען דעם ביסן פונעם מויל ביי זיך און ביי זיין פאַמיליע, כדי צו קענען מאַכן די רייזע.

אויסער זיין ארבעט ווי רעדאקטאָר פונעם „המגיד" איז דוד גאָרדאָן געווען אַ מיטארבעטער אין אַ לאָקאלער דייטשער צייטונג מיטן נאָמען „ליקער אַנצייגער", וואָס איז דערשינען דריי מאָל אין דער וואָך. ער האָט אויך געשריבן ענגלישע קאָרעספּאָנדענציעס וועגן די געשעענישן ביי יידן אין רוסלאַנד צום „דזשואיש קראָניקל" אין לאָנדאָן.

חוץ דעם אַלעמען פלעגן אים אַ סך פון זיינע לייענער איבערגעבן צו דערליידיקן זייערע פּריוואַטע זאָרגן. דער „המגיד" איז דאַן געווען דער אָפיציעלער „בעל־עצה" פאַר די משכילים אין די קליינע אדומיקע שטעטלעך, וואָס האָבן געזוכט אינפאָרמאַציע ביי דער צייטונג אין יעדן ענין פון זייער לעבן, זיי צו באַלערנען, ווי זיי זאָלן זיך נוהג זיין.

זייער גערן וואָלט איך דענסטמאָל געבליבן אין ליק. איך האָב אָבער איינגעזען, אַז איך קען דאָרט נישט קומען צו קיין „תכלית". האָט מיר דוד גאָרדאָן ענדלעך פאַרשאפט דאָס נייטיקע געלט אויף הוצאות, איך זאָל קענען פאָרן קיין קעניגסבערג.

אין קעניגסבערג בין איך ווייטער אַריינגעפאלן אין מיינע פריערדיקע פאַנטאַזיעס וועגן שטודירן. עטלעכע טעג האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך וועל מאָבן די מעגלעכקייט דאָרט צו בלייבן. ווען איך האָב געטראַכט וועגן בלייבן אין קעניגסבערג, האָבן זיך אין מיר אויפגעוועקט די שענסטע היסטאָרישע בילדער וועגן קעניגסבערג, ווו עס האָט געלעבט מיין ליבלינגס־פילאָסאָף קאַנט, וואָס יידן פלעגן שרייבן זיין נאָמען „כאנת", כדי צו קענען זאָגן, אַז די ראשי־תיבות פון זיין נאָמען זענען: „כי אליך נפשי תערוג"...

ווען איך האָב געוואָלט בלייבן אין קעניגסבערג, האָב איך געבויט מיין גאַנצע האָפענונג אויף מיין קוזין עדוארד בירנבוים, דעם קאַנטאָר פונעם קעניגסבערגער טעמפּל. האָט מיר אָבער מיין קוזין אָפּגערעדט פון דעם דאָזיקן פּלאַן, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז איך וועל אין קעניגסבערג נישט האָבן פון וואַנען צו לעבן... ער האָט מיך געראַטן, איך זאָל פאָרן קיין קעלן אם רהיין צו ד"ר פלאַטאָ, וועלכער האָט דאָרט אָנגעפירט אַן אָרטאָדאָקסישע ישיבה. איך האָב מיין קוזין געפאָלגט און בין אַוועקגעפאָרן קיין קעלן.

קאַפּיטל 44

אינעם יידישן לערער - סעמינאר אין קעלן

אין יענער צייט האָבן נאָך עקזיסטירט אייניקע אָרטאָדאָקסישע ישיבות אין דייטשלאנד, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט וועלטלעכע שולן — און איינע פון זיי איז געווען אין קעלן אַם־ריין אונטערן נאָמען „יידישער לערער־סעמינאר".

געלערנט האָט מען דאָרט גמרא און פוסקים מער ווי אין אַ „ראַבינער סעמינאר". האָבן אָבער די תלמידים פון דעם דאָזיקן לערער־סעמינאר געקענט ווערן בלויז לערער אין יידיש־רעליגיעזע שולן, שוחטים אָדער העכסטנס „דיינים" אין אַזאַ קהילה, וו מען האָט נאָך מקפיד געווען אייף שמירת שבת און כשרות.

דער רעקטאָר פונעם קעלנער לערער־סעמינאר איז געווען ראַבינער ד"ר דוד פלאטאָ, אַ ייד אַ קנאַי, וועלכער האָט אַכטונג געגעבן אויף זיינע תלמידים שטרענגער ווי אַ פאַנאַטישער משגיח אין אַ ליטווישער ישיבה. אויף לשון־הקודש האָט מען דאָרט אין דער פרייער צייט בלויז געמעגט אַריינקוקן אין גמרא און פוסקים. צו לייענען עפּעס אנדערש אין לשון־הקודש, האָט מען געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פונעם רעקטאָר'.

אויף דייטשע ביכער וועגן אלגעמיין וועלטלעכע ענינים איז נישט געווען קיין שום צענזור. זענען אָבער אַזעלכע דייטשע ביכער געווען וועגן יידן, האָט מען זיי פריער געמוזט וויזן דעם רעקטאָר צום דורכקוקן, עס זאָל זיך דאָרט נישט געפינען קיין שום טרפה זאַך, אויסדריקלעך פאַר־ווערט צו לייענען זענען געווען די ביכער פון מענדעלזאָן, פילִיפּזאָן, צונץ און גייגער. ראָמאנען פונעם גוישן לעבן האָט מען געמעגט לייענען אָן אַ צענזור. ראָמאנען וועגן יידן האָט מען בלויז געמעגט לייענען די דערציי־לונגען פון ד"ר מאיר לעהמאַן.

די תלמידים פון אָט דעם סעמינאר פלעגן באַקומען אן אָרט צו שלאָפן און יעדן טאָג מיטיק. פאַר פרישטיק און אָוונטברויט האָט יעדער תלמיד געדאַרפט אַליין זאָרגן. האָבן אייניקע באַקומען אונטערשטיצונגען פון דער היים. אַנדערע האָבן געגעבן פריוואַטע לעקציעס אין העברעאיש אין פרומע הייזער. אַנדערע פלעגן זאָגן „קדיש" און האַלטן יאָרצייטן נאָך

געשטאָרבענע דייטשע יידן און פאַרדינען דערפון אַזוי פיל, ווי עס האָט זיי צוגעפעלט צו דער חיונה.

ווען איך בין אויפגענומען געוואָרן דאָרט ווי אַ תלמיד, — האָב איך נישט געקענט דערוואַרטן קיין אונטערשטיצונג פון מיין היים — און אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבן נאָך געלעבט, האָב איך מורא געהאַט, צו גיין זאָגן „קדיש" אָדער צו האלטן די יאָרצייט פון פרעמדע נפטרים, עס זאָל חלילה נישט שאטן מיינע עלטערן. האָב איך מיך דערפאַר געמוזט באַנוגענען מיט די בלויזע מיטיקן, וואָס איך האָב באַקומען אין דער קיך פונעם סעמינאַר. שבת בין איך געווען פאַרבעטן ביים רעקטאָר צום טיש און דאָרט האָב איך שוין באַקומען דריי פולע מאָלצייטן.

פון דעסטוועגן איז מיר דאָרט אַלצדינג געפעלן געוואָרן און איך האָב מיך גאָר גיך אַריינגעלעבט אין די אומשטענדן, צו עסן אין די וואָכנטעג בלויז איין מאָלצייט. איך האָב אויך נושא־חן געווען ביים רעקטאָר און ער האָט מיר צוגעזאָגט צו קירצן די צייט פון מיין לערנען, איך זאָל קענען ענדיקן דעם גאַנצן לערן־קורס פריער ווי די אַנדערע תלמידים.

איז אָבער אַריינגעטראָטן אַ זייטיקער שטן, צוליב וועלכער איך האָב די דאָזיקע שולע פאַרלאָזן מיט אַ געפיל פון אַ שרעקלעכן רוגז.

די סיבה דערפון איז געווען אַ גויאישער סטודענט, אַ רייכער דייטש מיטן נאָמען שירמער, וואָס האָט אין דער זעלביקער צייט געלערנט אינעם קאַטוילישן סעמינאַר פאַר גלחים און אינעם יידישן לערער סעמינאַר ביי ד"ר פלאטאָ.

עס האָט געהייסן, אַז שירמער האָט אַ פאָרליבע פאַר דער יידישער תורה און ער וויל זי קענען אין אַלע אירע פרטים. האָט דאָס מיר אַליין לכתחילה שטאַרק אימפּאָנירט. אַ קאַטוילישער גלח, האָב איך געוווסט, איז מחויב צו קענען די חמשה חומשי תורה אין זייער העברעאישן אָרי־גינאַל, אָבער אַז אַ גלח זאָל וועלן אויף אַן אמת קענען אַלע ידיעות פון דער יידישער אמונה, האָב איך דאָן געהערט צום ערשטן מאָל.

ווי עס פאַרשטייט זיך, האָבן אַלע תלמידים פון אונדזער לערער־סעמינאַר געקוקט אויף דעם גויאישן סטודענט מיט גרויס ליבשאַפט. עס האָט זיך אויך איטלעכער געסטאַרעט, צו פאַרגרינגערן פאַר דעם מענטשן דאָס לערנען, ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך.

כאָטש שירמער האָט שוין דאָרט געלערנט דאָס דריטע יאָר, האָט אים נאָך פיל געפעלט צו אַן אמתער באַהאַוונטקייט אין די יידישע לי־מודים. איז אַזוי ווי איך בין דאָרט אָנגעקומען לערנען, האָט ער זיך געזעצט ביי מיין זייט און מיט מיר צוזאמען האָט ער נאָכגעפאָלגט דעם שיעור פון ד״ר פלאטאָ. ער האָט אויך חוץ דעם גענומען אַ ספּעציעלע פּריוואטע לעקציע ביים ד״ר פלאטאָ אין דערהיים.

דאָס האָט געדויערט אַזוי לאנג, ביז איך בין אַרויסגעקומען מיט דער אָפענער באַשולדיקונג, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט דעם חשק, אויסצו־נוצן זיינע יידישע ידיעות פאַר אַ נ ט י ס ע מ י ט י ש ע צ וו ע ק ן...

געווען איז דאָס, נאָך דעם ווי דער מענטש האָט מיך אַמאָל באַ־שטעלט צו זיך אין הויז, זאָגנדיק, אַז ער וועט מיר באַצאָלן, איך זאָל מיט אים דורכלערנען די „חמשה חומשי תורה״ מיט מענדעלזאָנס איבער־זעצונג און דעם „ביאור״, וועלכעס איז געווען פאַרבאָטן ביי ד״ר פלאטאָ. האָט מיר ד״ר פלאטאָ וועגן דעם געזאָגט, אַז אַזוי ווי דער מענטש איז אַ קריסט, מעג איך מיט אים דאָס לערנען און ער איז נישט מקפיד אויף דעם, וואָס איך וועל זיך ווי אַ תלמיד פונעם יידישן לערער־סעמינאר פאַרטרפנען מיט דעם פאַרבאָטענעם לימוד.

קומענדיק אַמאָל צו מיין לעקציע, האָב איך ביי שירמערן אין הויז געטראָפן אַ גאַנצע כאַלאסטרע קאַטוילישע סטודענטן, וואָס האָבן גראָד דענסטמאָל געהאט אַ צוזאמענקונפט פון „מצות עסן און טרינקען שהזמן גרמא״ אויפן שטייגער פון אנדערע דייטשע סטודענטן, וואָס לערנען זיך „רייבן אַ סאַלאַמאַנדער״...

„רייבן אַ סאַלאַמאַנדער״ איז ביי די דייטשע סטודענטן אזא מין צערעמאָניע, ביי וועלכער עס ווערט אַ זייער גרויס גלאָז ביר געדרייט אויפן טיש ווי אַ ווינטמיל, קוים צו דערזען דאָס מיטן אויג, עס טאָר אויך דערביי נישט פאַרגעסן ווערן אַ מינדעסטער טראָפן פונעם ביר און איידער דער עולם באַווייזט זיך אַרומצוקוקן, מוז דער „רייבער״ אויס־טרינקען דאָס פולע גלאָז ביר מיט איין צי.

„שירמער האָט מיך דעמאָלט באַקענט מיט זיינע קאָלעגן, וועלכע זענען אַלע געווען גוט שיכור. האָבן זיי אָנגעהויבן חוזק מאַכן פון יידן און זיי האָבן מיר אויך געזאָגט, אַז שירמער לערנט ביים ראַבינער ד״ר פלאטאָ

נישט אויף צו וויסן, נאָר צו קענען די יידן שטעכעלירן מיט זייער תורה, פון וועלכער ער לאַכט אין די פויסטן.

געווען איז דאָס גראָד אין דער צייט, וואָס די ציוויליזירטע וועלט האָט געקאָכט מיט דעם, וואָס דער פראגער פראָפעסאָר ראָהלינג האָט גע־וואָלט שווערן, אַז יידן באַנוצן קריסטלעך בלוט צו די מצות און ד״ר בלאָך פון ווין האָט דעם פראָפעסאָר עפנטלעך פאָרגעוואָרפן, אַז ער וויל שווערן פאַלש.

ביי דער געלעגנהייט איז שירמער פלוצים צו מיר צוגעשטאַנען מיט כוח, איך זאָל זיך מודה זיין, וויפל אמת עס שטעקט אין דעם, וואָס יענער פראָפעסאָר וויל שווערן.

מיט אַלע מיינע כחות האָב איך זיך גענומען דערקלערן, אַז עס איז נישט פאראן אין דעם „עלילת דם״ קיין שום ממשות. האָבן אָבער מיינע אַלע רייד גאָר נישט געהאַט קיין ווירקונג. די גאַנצע כאלאסטריע סטור־דענטן איז געווען איבערצייגט, אַז אַזוי ווי איך האָב נאָך נישט דער־גרייכט די העכסטע שטופע אין מיינע תלמודישע ידיעות, בין איך נאָך נישט דערגאַנגען צו די „אמתע סודות פון דער יידישער אמונה״...

בעת מיר האָבן זיך אַזוי געאַמפּערט, איז אַריינגעקומען א משומד מיטן נאָמען ליכטענשטיין, וועגן וועלכן מען האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געווען פריער אַ רב אין דעם אונגארישן שטעטל טאַפּיאַ־סעלע. האָט ער גראָד דענסטמאָל צוגעבראַכט צו שירמערן אַ גמרא מיט אַ מעשה וועגן אַ ירושה, ווי שוועסטער האָבן געהרגעט זייערן אַ ברודער, כדי צו באַקומען די ירושה — און די דאָזיקע מעשה פאַרענדיקט זיך דאָרט מיט די ווערטער „ושחטוהו ערב הפסח״...

האָבן מיך די אַלע צוקונפטיקע גלחים אַרומגערינגלט און פאַרלאַנגט, איך זאָל מיט זיי דורכלערנען יענע מעשה פון דער גמרא און דאָס דער־קלערן. האָב איך דאָס געטאָן. זענען זיי אָבער נישט געווען צופרידן און זיי האָבן פון מיר דורכאויס פאַרלאַנגט, איך זאָל זיי געבן די „ריכטיקע״ דערקלערונג. האָב איך זיי בלויז געקענט שווערן אויף מיין נאמנות, אַז וואָס איך זאָג, איז דער ריינער אמת!

אין דער צייט פון מיין דערקלערן יענע שטעלע פון דער גמרא, האָט דער משומד ליכטענשטיין כסדר איראָניש געשמייכלט, גלייך ווי ער זאָל וועלן זאָגן, אַז איך טייטש דעם ענין לויט אַ פאַלשן פשט. האָב איך דאָס

נישט געקענט אַריבערטראָגן און נאָכן פאַרענדיקן פון מיין דערקלערונג, האָב איך אים געפרעגט, צי ער האָט אפשר אן אנדערן פשט, האָט ער מיר גאָר נישט געענטפערט, נאָר ער האָט אויף אַ מין אומדערקלערלעכן אופן כסדר געשמייכלט...

האָט דאָס מיך ענדגילטיק איבערצייגט, אַז שירמער לערנט גמרא, כדי צו פארשטארקן די בילבולים פון ראָהלינג, ער זאָל אין אַ פּאַסיקן מאָמענט קענען אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט און יידן זאָלן אים נישט קענען זאָגן, אַז ער פאַרשטייט נישט די גמרא.

דערווייל האָבן די פאַרשיכורטע סטודענטן געוואָלט מיך דורכאויס מאכן עסן טרפות — און אַזוי ווי איך האָב דאָס נישט געוואָלט, האָבן זיי מיר מיט געוואלט אָנגעשמירט די ליפּן מיט פלייש פון אַ „דבר אחר".

בין איך דעמאָלט אויפגעשטאנען און האָב די כאַלאסטריע גוט אויס־געזידלט. דערנאָך בין איך געקומען מיט אַ געשריי צום ד"ר פלאטאָ און האָב אים דאָס אַלצדינג דערציילט. דערביי האָב איך אים באַוויזן, ווי אמת עס איז, וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז „אין מוסרין דברי תורה לגוי" און „גוי שעוסק בתורה חייב מיתה", ווייל דער גוי לערנט נישט, צו דערגיין דעם אמת אין זיין לערנען, נאָר כדי צו קענען פלעכטן אַ בייטש אויף יידן.

האָט מיר ד"ר פלאטאָ געוואָלט איינריידן, אז איך באַשולדיק די סטודענטן אומזיסט, ווייל אין דער אמתן האָבן די גוים די בעסטע כוונות. אזוי ווי ראָהלינג פעלשט די ציטאטן פון דער גמרא, קען מען נאָר דורך אַזאַ גוי ווי שירמער באַווייזן די גרויסקייט פון דער יידישער תורה. איבעריקנס, האָט ער דערקלערט, אַז ער קען מיר גאָר נישט זאָגן, ווי לאנג ער וועט זיך נישט דורכשמועסן מיט שירמערן.

איז אָבער פון יענעם טאָג אָן שירמער נישט מער געקומען לערנען ביי ד"ר פלאטאָ אינעם לערער־סעמינאר און ער האָט אויך נישט מער גענומען ביי אים די פּריוואטע לעקציע. אָבער אָנשטאָט צופרידן צו זיין, וואָס דער סעמינאר איז פטור געוואָרן פון אַ גוי, וואָס האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט דער יידישער תורה, כדי צו קענען אַרויסקומען מיט שטאַר־קערע און בעסער באַגרינדעטע אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן, האָט מיר ד"ר פלאטאָ כסדר פאָרגעוואָרפן, אַז אַזוי ווי איך בין אַ פאַנאַטישער פּוילי־שער ייד, זע איך אין יעדן גוי אַן אַנטיסעמיט און איך קען גאָר נישט

פאַרשטיין די נשמה פון אַ דייטשן קריסט, וואָס האָט זיך געוואָלט באַ־קענען מיט דער יידישער תורה. ווען אַפילו מיט אַן אַנטימעסיטישער טענדענץ, אָבער דער סוף וואָלט געווען, אַז דער „מאור שבתורה" וואָלט אים זיכערלעך אַרויסגעפירט אויפן ריכטיקן וועג און „גוי ועוסק בתורה, הרי הוא בכהן גדול"...

זענען מיר די דאָזיקע וויכוחים מיט ד"ר פלאַטאָ נמאס געוואָרן. ביז איך האָב אַמאָל ביי אַזאַ אויפגערעגטן שמועס אַ זאָג געטאָן, אַז ווען איך זאָל האָבן אויף הוצאות, וואָלט איך אהיימגעפאָרן. האָט מיר ד"ר פלאַטאָ געהייסן קומען אים זען נאָכמיטיק אין זיין ביוראָ, און ווען איך בין דאָרט אָנגעקומען, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ בילעט פאַר אַ רייזע מיט דער באַן ביז קראָקע און פינף מאַרק מזומן.

האָב איך דאָס צוגענומען און בין טאַקע תיכף אויף מאָרגן אַהיימ־געפאָרן...

קאַפיטל 45

א קראָקעווער יידישער „מיאַטעזשניק"

צוריקגעקומען קיין קראָקע פון מיינע וואנדערונגען אין דייטשלאַנד בין איך אַ פאַרשעמטער און אַ מאָראַליש־דערשראָגענער, איז נאָך דער איבערראַשונג פון מיינע עלטערן געווען מיין ערשטער וועג צו ר' עקיבא קאָרניצער. דאָרט האָב איך זיך אויך אויפגעהאַלטן עטלעכע טעג. נישט־וויסנדיק, וואָס צו טאָן, איז דאָרט פלוצים אָנגעקומען איינער אַ ישובניק פון אַ דאָרף אַרום קראָקע, וועלכער האָט געזוכט עפּעס אַן אָרעמען בחור, וואָס זאָל ביי אים זיין אַ מלמד פאַר זיינס אַ קינד, וואָס וואַקסט ווילד צווישן די שקצים אינעם דאָרף.

אָט דער ישובניק האָט אויך אויסדריקלעך געזאָגט, אַז ער איז אַן אָרעמאַן און ער קען נישט פיל צאָלן, אָבער עסן און שלאָפן וועט דער מלמד ביי אים האָבן. דערביי וועט ער אַפילו נישט האָבן פיל צו טאָן. אַזוי ווי ער וועט בלויז האָבן איין תלמיד, וועט ער קענען פאַרווענדן דאָס רוב פון זיין איבעריקער צייט פאַר זיך אליין.

ר' עקיבא קאָרניצער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם מענטשן און

מיר זענען מושוה געוואָרן, איך זאָל דאָרט בלייבן ביז צו דער פּסח־וואָך, וועט ער מיר באַצאָלן פינף מזומנע רייניש (2 אַמעריקאַנער דאָלאר), חוץ וואָס איך וועל ביי אים האָבן עסן און שלאָפן — „כיד המלך״...

דעם אמת זאָגנדיק, בין איך דעם ייד אויפן ערשטן בליק נישט זייער געפעלן. עפּעס האָט זיך אים תיכף אויסגעדאכט, אַז דער זון זיינער וועט נישט האָבן פאַר מיר געגוג דרך־ארץ. אַזוי ווי דער בחור איז געווען אין מיין עלטער, שטאַרק אַנטוויקלט פיזיש און העכער געוואקסן פון מיר, האָט מיך דער ישובניק לכתחילה באַטראַכט אַ ביסל איראָניש, ווייל ער האָט געדענקט, אַז איך וועל מיך נישט קענען פאַרמעסטן אין גבורה מיט מיין צוקונפטיקן תלמיד. נאָר אַזוי ווי ר׳ עקיבא קאָרניצער האָט דעם מענטשן מבטיח געווען, אַז איך וועל אם־ירצה־השם נושא־חן זיין ביים תלמיד און ער וועט ביי מיר זיכער באַגערן צו לערנען, האָט זיך דער ייד געלאָזט איינריידן, אַז ער וועט אין מיר געפינען דעם ריכטיקן מלמד פאַר זיין קינד.

ר׳ עקיבא קאָרניצער האָט אונדז דאַן געהייסן, מיר זאָלן זיך געבן די הענט און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „הכל שריר וקיים!״ — ביי אַט די ווערטער איז מיין פאָטער אָנגעקומען און ער האָט מיר געוואָלט זאָגן, איך זאָל נישט גיין פאַרברענגען מיין צייט אין דאָרף. אָבער אַזוי ווי ר׳ עקיבא האָט שוין געהאט אלצדינג פאַר מיר אָפּגעמאַכט, האָט מיין פאָטער גע־שוויגן און גאָר נישט געזאָגט.

עס דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז ביי ר׳ עקיבא קאָרניצער אין הויז איז די פירונג נישט געווען מער אַזוי רחבותדיק ווי אין די צייטן, וואָס ר׳ שמעון סופר האָט געלעבט. די קהילה האָט נאָך אַפילו דענסטמאָל געצאָלט צו דעם רבס אלמנה דעם פולן געהאלט. איז אָבער דעם רבס שכירות קיין מאָל נישט געווען גענוג פאַר זיין פּרנסה און ער פלעגט מוזן אַרויסקוקן אויף זייטיקע הכנסות, וואָס זענען איצט צום גרעסטן טייל אַוועקגעפאַלן. בלויז עטלעכע חסידישע גבירים זענען געבליבן טריי צום אָנדענקען פון ר׳ שמעון סופר און זיי פלעגן צושיקן כסדרדיקע וועכנטלעכע אונטערשטיצונגען צו דער רביצין אָדער צו ר׳ עקיבא קאָר־ניצער. חוץ דעם האָבן עטלעכע בתי־מדרשים געקרוינט דעם ר׳ עקיבא קאָרניצער פאַר זייער רב און זיי האָבן זיך מתחייב געווען אים צו צאָלן

וועכנטלעכע שכירות ווי אַ רב. אָבער נישט אַלע האָבן דאָס התחייבות זייערס אָנגעהאַלטן.

אין דער צייט, וואָס איך בין געווען אויף מיין שטעלע ביי יענעם ישובניק האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך פון דער נאָענט מיט די פּרנסות פון די דאָרפישע יידן ארום קראָקע, וואָס פלעגן דענסט־מאָל ס׳רוב לעבן פון שמוגלען סחורות איבער דער עסטרייכיש־רוסישער גרענעץ. יידן פון דער עסטרייכישער זייט האָבן אַריינגעשמוגלט רוסישן טאַבאַק קיין גאַליציע און די גוים פון אַריבער דער רוסישער גרענעץ פלעגן אַהין אַריינשמוגלען טוך און בראָנפן.

דאָס דאָרף, וואָס איך בין דאָרט אַהין פאַרוואַלגערט געוואָרן, האָט זיך געפונען אין אַ זייער ווייט פאַרוואָרפענעם ווינקל. שווער געווען דאָרט צוצוקומען, ווייל עס האָט נישט געהאַט קיין רעגעלן וועג. און עס איז געווען ארומגערינגלט מיט גראָבנס און פוסטע פעלדער און ווען עס פלעגט אָנפאַלן אַ שניי, האָט שוין קיין מענטש נישט געקענט בדרך הטבע טראַכטן וועגן אַרויסגיין פונעם הויף.

פון דעסטוועגן איז דאָרט דאָס שמוגלען אָנגעגאַנגען זיין געוויינט־לעכן גאַנג. צומאָל איז אַפילו איינער אָדער דער אַנדערער שמוגלער פאַר־לוירן געגאַנגען אינעם שניי. האָט מען אָבער אויף דעם נישט געקוקט. ווער עס איז פאַרלוירן געגאַנגען, איז תיכף פאַרגעסן געוואָרן און די איבערגעבליבענע לעבעדיקע האָבן נישט אויפגעהערט צו דאגהנען פאַר חיונה.

איך אַליין האָב אויך דאָרט אויסגעהאַלטן דעם גאַנצן ווינטער ביז צו די ערשטע טעג פונעם חודש ניסן. דער תלמיד מיינער האָט אַפילו וויניק וואָס ביי מיר אויסגעלערנט. ער האָט אָבער מער אָדער ווייניקער געהאַט פאַר מיר דרך־ארץ — און ווען ער איז אַמאָל געקומען מיט מיר אין אַ קאָנפליקט, האָט ער אויסגעגאָסן זיין כעס אויף די דאָרפישע שקצים, מיט וועלכע ער האָט זיך געחברט און האָט זיי מכבד געווען מיט פעסטע קלעפּ.

די פרייע צייט מיינע האָב איך פאַרבראַכט מיטן שרייבן אַ טאָגבוך אין העברעאיש, וואָס איך האָב שפּעטער צעריסן און פאַרברענט. פון ר׳ עקיבא קאָרניצער האָב איך געהאַט געליען אַ גמרא בבא בתרא, האָב איך זי דריי מאָל דורכגעלערנט מיט אַלע מפרשים. אין אַנדערע פרייע שעהן

האָב איך פּשוט געזאָגט תהילים, וואָס האָט מיך דעמאָלט אָנגעפילט מיט אַ גייסט פון האָפענונג, אַז אַזוי ווי דער ווינטער מוז זיך סוף־כל־סוף ענדיקן, וועט אויך אַמאָל קומען פאַר מיר אַ וואַרעמער פרילינג־ווינט, וואָס וועט אויסהיילן אַלע מיינע וווּנדן און וועט מיך אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג פונעם לעבן.

ווען איך האָב צוגעזען ווי שווער מיינע באַלעבאַטים אַרבעטן, אַריינצוברענגען זייער פּרנסה אין הויז, האָב איך זיך אָפטמאָל פאַרגע־לייגט זיי צו העלפן. איך פלעג זיי ברענגען וואַסער פונעם ברונעם, וועלכער איז געווען אַ פּופציק מעטער ווייט פונעם הויז און דער וועג אַהין איז געווען זייער אַ גליטשיקער. איך פלעג אויך אַרויספירן דאָס פערד פונעם שטאַל צום טייך, עס זאָל זיך דאָרט אָנטרינקען. אָט־די אַרבעטן פלעג איך גערן טאָן מיט מיין אייגענעם ווילן. פאַרדראָסן האָט מיך נאָר, ווען די באַלעבאַטים האָבן אָנגעהויבן דענקען, אַז די דאָזיקע אַרבעטן באַלאַנגען צו מיר און זיי האָבן געהאַט די דרייסטקייט פון מיר צו פאַרלאַנגען, איך זאָל די דאָזיקע אַרבעטן כּסדר באַזאָרגן...

און ווען דאָס לעבן דאָרטן איז מיר געוואָרן אין גאַנצן לאַנגווייליק און איך האָב שיער נישט פאַרלוירן דאָס געדולד, אויסצוהאַלטן ביז צו דער פּסח־וואָך, — האָט זיך מיר איינגעגעבן, צו מאַכן דאָרט די באַ־קאַנטשאַפט פון איינעם אַ ייִדן, אַ געוועזענעם פּוילישן „מיאַטעזשניק״, וואָס האָט גאָר נישט אויסגעזען ווי אַ ייִד. מיט אַן אָפּגעגאָלט פּנים און אַ פּאָר געשוואָלענע פּוילישע וואָנצעס האָט זיך דער מענטש אַרומגעדרייט איבער יענע קאַנטן און ס׳רוב האָט ער געלעבט פון דעם, וואָס די פּויערים פלעגן אים געבן צו עסן.

„וואָלף״ איז געווען זיין יידישער נאָמען. זיין צווייטן נאָמען האָט ער מיר קיין מאָל נישט געוואָלט זאָגן, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז די משפּחה זיינע שעמט זיך מיט אים און מיט זיינע מעשׂים.

ער האָט אַפילו געקענט מאַכן אַ לעבן פון שניידעריי. יעדעס מאָל, ווען ער האָט געהאַט אַ „קלאָרן״ טאָג און ער איז נישט געווען שיכּור, פלעגן אים די דאָרפישע יידן געבן אויסלאַטען אָדער איבערניצעווען אַן אַלטן בגד, און ווען ער פלעגט אַרבעטן, פלעגן די יידן אים געבן עסן און צאָלן געלט פאַר דער אַרבעט. איז אים אָבער אָנגעקומען זיין מאַנקאָליע און ער האָט אָנגעהויבן שיכּורן, האָבן אים די יידן באַלד געטריבן פון

זייערע הייזער. איז ער דעמאָלט אַוועקגעגאַנגען צו די פּויערים, ווו ער פלעגט זיך מאַכן משוגע, זינגען פאַר זיי אויסגעלאַסענע „שיקסע־לידער" און די פּויערים פלעגן דערביי קייכן פון געלעכטער.

צומאָל האָט מען אים דאָרט צווישן די פּויערים גוט אָנגעשלאָגן, ווען ער האָט זיך געטשעפּעט צו איינער פון זייערע פרויען. אָבער עסן און אַ טרונק בראָנפן האָט ער ביי די גוים פון דעסטוועגן תמיד געקראָגן. און אַפילו דענסטמאָל, ווען זיי האָבן אים געשלאָגן, האָבן זיי אים אָפּגעגעבן כבוד און טיטולירט „פּאַן", ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט פון זייערס גלייכן.

ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט, האָט ער מיך באַלד באַשאָטן מיט כל׳ערליי פּשטלעך, איינטייטשענדיק פאַרשיידענע פּסוקים פון תנ"ך און מאמרים פון דער גמרא. און ווען ער האָט געזען, אַז איך ווער פון דעם אַלעמען נישט נתפעל, האָט ער פאַר מיר געזאָגט פון אויסענווייניק אַ שיעור גמרא אין בבא קמא, וועלכן ער האָט נאָך גוט געדענקט מיט אַלע מפרשים.

ער האָט מיר דאַן דערציילט, אַז ער איז אַ געוועזענער קלויזניק, וואָס האָט אין 1863 דערהערט דעם רוף פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילן, איז ער דעמאָלט באַלד אַנטלאָפן איבער דער רוסיש־פּוילישער גרענעץ, אָנצושליסן זיך צום פּוילישן אויפשטאַנד און איינצושטעלן זיין לעבן פאַר פּוילנס פרייהייט.

געטאָן האָט ער דאָס, ווייל ער האָט דענסטמאָל געהאַט אַ סך געלייענט פון דער פּוילישער ליטעראַטור און ער איז אויך געווען איינער פון די עטלעכע געציילטע מענטשן אויף דער קראָקעווער יידישער גאַס, וואָס האָט געקענט ריידן פּויליש.

אין קלויז איז ער געווען באַקאַנט ווי איינער פון די בעסטע לערן־בחורים. טאַטע־מאַמע האָבן זיך מיט אים געגרויסט, געוואַרט צו דערלעבן ביי אים אַ שטיקל נחת. איז ער פּלוצים אַנטלאָפן פון דער קלויז, צו העלפן פּוילן אין איר קאַמף קעגן רוסלאַנד.

לאַנג איז ער אויפן שלאַכטפעלד נישט געווען, ווייל מען האָט אים באַלד גענומען אין געפאַנגענשאַפט און אַוועקגעשיקט קיין סיביר. און וועגן זיינע איבערלעבונגען אין סיביר, האָט ער מיר דערציילט די וווּנ־דערבאַסטע זאַכן. אַזוי ווי ער איז געווען פאַראורטיילט צו „קאַטאָרגע",

האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין דער קעלטסטער געגנט פון סיביר, ווו ער האָט במשך־ פון ניין יאָר צייט נישט געזען קיין טאָג־ליכט. אויף די הענט האָט ער נאָך געהאַט די צייכנס פון די קייטן, וואָס ער איז געווען צו זיי צוגעשמידט און צוליב מאַנגל אין זונען־ליכט איז אים דער קוק ווי פאַרשטאַרט געוואָרן. דאָרט האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט שניי־דעריי. די נויט איז געווען זיין לערעריך, ווייל ווען ער זאָל זיך נישט געווען אויסלערנען שניידעריי, וואָלט אים אויסגעקומען צו גיין נאַקעט.

ריידנדיק מיט אים, פלעג איך אין אים זען אַ קלוגן דערפאַרענעם מענטשן, ער האָט אויך פאַרשטאַנען, צו דערציילן זיינע איבערלעבונגען אין די שענסטע פאַרבן, ביז ער האָט פלוצים אין מיטן ריידן פאַרלוירן דעם פאָדעם און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט זינגען דאָס באַקאַנטע פוילישע שלאַכט־ליד „פאַטוש קאַציושקא נא נאס ז׳ניעבא!״ (קוק אַרונ־טער קאָשציושקא אויף אונדז פונעם הימל!). דערנאָך פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אויף אַ בענקל, גלייך ווי איינער זיצט אויף אַ פערד, קאָמאַנ־דירענדיק דערביי מיט אַ שטעקעלע, ווי אַ גענעראַל קאָמאַנדירט זיינע סאָלדאַטן: „וו׳לעווא זוראָט! וו׳פראַוואָ זוראָט!״ (אויסדרייען לינקס, אויסדרייען רעכטס!) און דערנאָך האָט ער אַ געשריי געטאָן: „דאלעי, בראַציא, נא מאָסקאלי, הוראַ!״ (גייט ווייטער, ברידער, אויף די מאָס־קאלעס, הוראַ!).

אין אַזאַ מאָמענט פלעגט זיך צונויפקלייבן אַרום אים אַ גרויסער עולם, וואָס זענען ביי אַזאַ מין ספעקטאַקל שיער נישט געבליבן אָן זייטן פון לאַכן. איטלעכער האָט אויך געמיינט, אַז דער מענטש שפּילט דאָ אויף אַ שטיקל קאָמעדיע. איך אַליין פלעג אין אַזאַ מאָמענט נישט לאַכן. פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז דער מענטש איז אין סיביר געווירט גע־וואָרן אין זיין פאַרשטאַנד און דער ספעקטאַקל וואָס ער מאַכט, איז זיינע אָן איבערלעבונג, וועלכע האָט זיך אַזוי טיף איינגעקריצט ביי אים אין זכרון, אַז ער פאַנטאַזירט אַזש פון איר ביי יעדער געלעגנהייט.

עטלעכע מינוט נאָך אַזאַ ספעקטאַקל פלעגט זיך דער מענטש ווי פון שלאָף אויפכאַפּן, אויסווישן די אויגן און ווייטער אָנפירן זיין געשפּרעך וועגן זיינע איבערלעבונגען אין סיביר, אָדער וועגן אַ פשט פון אַ פסוק, גלייך ווי עס זאָל דאָ פריער גאָר נישט געווען פאָרגעקומען...

קאַפּיטל 46

ווען משה מאָנטעפיאָרע איז אַלט געוואָרן הונדערט יאָר

וואָס איך וויל דאָ דערמאָנען, איז פאָרגעקומען אום זומער תרמ״ד (1884), נאָך דעם וואָס איך בין אַהיימגעקומען פון קעלן.

די גאַנצע יידישע וועלט האָט זיך דאַן געטומלט מיט דעם, וואָס דער אַלגעמיין באַוווסטער און באַליבטער יידישער פילאַנטראָפּ און שתדלן, סער משה מאָנטעפיאָרע פון לאָנדאָן, איז אַלט געוואָרן הונדערט יאָר. דאָס האָט געגעבן די געלעגנהייט די רוסישע „חובבי ציון״, זיי זאָלן שאַפן אַ גרופּע אונטערן נאָמען „מזכרת משה״, וואָס האָט אַרויסגעגעבן בילדער פון משה מאָנטעפיאָרע, אויף צו פאַרקויפן צו רובל אַ שטיק, כדי דערמיט צו האָבן אַן אָנהויב פאַר אַ זאַמלונג פון אַ פאָנד לטובת „ישוב ארץ־ישראל״.

משה מאָנטעפיאָרע האָט אין דער צייט פון זיין לעבן געמאַכט זיבן רייזעס קיין ארץ־ישראל צוליב זיין שטרעבונג צו מאַכן די ארץ־ישראל־דיקע יידן פאַר ערדאַרבעטער און בעלי־מלאכות — און אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער חשוב ביי דער ענגלישער קעניגין וויקטאָריאַ, האָט ער אויך אין זיינע יונגע יאָרן באַזוכט די מלכים פון רוסלאַנד, רומעניע, טערקיי און מאַראָקאָ, זיך משתדל צו זיין נישט צו לאָזן דאָרט אונטער־דריקן יידן.

און ווען עס איז אין יענעם יאָר דערמאָנט געוואָרן, אַז מען דאַרף פייערן מאָנטעפיאָרעס הונדערטסטן געבוירנטאָג, האָט מען דאָס אין גאַליציע נישט געדאַרפט צוויי מאָל זאָגן, ווייל קינד און קייט האָט ביי אונדז געקענט דעם נאָמען און געוווּסט אַלצדינג וועגן אים.

דאָס בילד זיינס איז שוין לאַנג געהאַנגען אין יעדן יידישן הויז, און ווען עס זענען זיך צונויפגעקומען אונדזערע יידן, אין קלויז צי להבדיל אין באָד, האָט מען גערעדט וועגן אים ווי וועגן אַ „גוטן ייד״.

מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף די ליפּן פלעגט מען דערמאָלט דער־מאָנען מאָנטעפיאָרעס נאָמען — און דער דאָזיקער שמייכל האָט באַדייט אַז ווויל און ליכטיק איז דעם פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ מענטש. אוי־סער דעם איז אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב אַ ביכל אין יידיש וועגן משה מאָנטעפיאָרעס אויפטוען פאַר יידן. און ווען מ׳פלעגט ריידן וועגן

מאַנטעפיאָרעס רייכקייט, פלעגן זיך יידן אַמפּערן, וויפל ער פאַרמאָגט. האָט איינער געבראַכט אַ באַווייז פון די „נוספות לצמח דוד", אַז ער פאַרמאָגט הונדערט מיליאָן רייניש. האָט אַן אַנדערער אָבער געבראַכט אַ ציטאַט פון דער „הצפירה", אַז ער פאַרמאָגט בלויז 10 מיליאָן רובל. דערנאָך פלעגט מען זיך חקרנען וועגן דער פראַגע, ווער עס איז רייכער: ראָטשילד אָדער מאָנטעפיאָרע? און עס פלעגט בלייבן, אַז אַלע ראָטשילדס צוזאַמען זענען טאַקע רייכער. נעמט מען אָבער יעדן איינציקן ראָטשילד פאַר זיך, איז מאָנטעפיאָרע רייכער פון אים!...

פון זיין בילד, אין אַ יארמולקע, האָט מען אַרויסגעלערנט, אַז ער איז זייער אַ פרומער און דאַוונט אודאי אין צוויי פּאָר תפילין און טאָמער האָט עמעצער געוויזן דאָס בילד פון דער לעידי מאָנטעפיאָרע אין „אייגענע האָר", פלעגט מען זאָגן, אַז זי טראָגט אודאי אַזאַ פּאַרוק, וואָס מען זאָל אים נישט דערקענען, מען זאָל טאַקע מיינען, אַז די פרוי טראָגט די „אייגענע האָר". ווייל עס האָט זיך נישט קיינעם געוואָלט גלייבן, אַז די פרוי פון אזא פרומען יידן ווי מאָנטעפיאָרע, וואָס איז פאָטאָגראַפירט אין אַ יארמולקע, זאָל נישט האָבן אָפּגעשוירן די האָר ווי יעדע אַנדערע פרומע יידישע טאָכטער.

דעסגלייכן פלעגט מען אויך ביי אונדז דערציילן, ווי מאָנטעפיאָרע היט אָפּ אַלע מנהגים, וואָס זענען אַ „זכר לחורבן". איבערן טויער פון זיין הויז געפינט זיך אַ שוואַרצער פלעק מיט דער אויפשריפט „זכר לחורבן" — און אויף דער קאָטש, מיט וועלכער ער פאָרט, הענגט אַ טעוועלע מיט די ווערטער: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני". מען פלעגט זיך נאָר אַמפּערן, צי עס שטייט דאָרט אויף יענעם טעוועלע דאָס וואָרט „ירושלים" מיט אַ יו"ד נאָכן למ"ד אָדער אָן אַ יוד.

עס פלעגן נאָך אויסער דעם ארומגיין לעגענדעס וועגן משה מאָנטע־פיאָרעס פאַרהעלטניש צו דער ענגלישער קעניגין. עס האָט געהייסן, אַז מאָנטעפיאָרע האָט מיט זיין געלט פיל געהאָלפן, וואָס וויקטאָריא האָט געקענט ווערן קעניגין פון ענגלאַנד. איר פאָטער, וואָס האָט געהאַט דעם טיטל „דיוק אָוו קענט", איז געווען אַן אָרעמער ענגלישער פּרינץ און האָט געלעבט מחוץ ענגלאַנד. לויטן געזעץ מוז דער קעניג פון ענגלאַנד זיין אַ געבוירענער אין ענגלאַנד — און וויקטאָריאַס פאָטער האָט נישט געהאַט גענוג געלט, צו קענען זיך אַריבערציען קיין ענגלאַנד. האָט אים

משה מאָנטעפיאָרע געליען דאָס נייטיקע געלט אויף צו קענען דאָס טאָן. משה מאָנטעפיאָרע זאָל האָבן געהאט אַ ווייטן קוק: דאָס קינד זיינס וועט דאָך האָבן די מעגלעכקייט, צו ירשנען דעם ענגלישן טראָן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע יידן האָבן נישט געהאט קיין אנונג, ווי אַזוי וויקטאָריאַ האָט געירשנט דעם ענגלישן טראָן. איטלעכער איז אָבער געווען זיכער, אַז נאָר מאָנטעפיאָרע האָט איר צו דעם געהאָלפן, וואָרום אַזוי פשוט האָט מען נישט געקענט דערקלערן, וואָס אַ פרוי איז פלוצים געוואָרן די מלכה פון ענגלאַנד. יעדער האָט אויך געוווסט, ווי דאנקבאַר די ענגלישע קעניגין איז צו מאָנטעפיאָרע, אַז זי גיט אים אַזש יעדן טאָג אַ נייעם טיטל, און ווען מאָנטעפיאָרע איז געווען אויף זיין רייזע אין בוקארעסט, האָט זי אים יעדן טאָג געשיקט אַ טעלעגראַמע מיט דער באַגריסונג: „גוד מאָרנינג, פאפא!"...

אַנדערע פלעגן אַפילו באַהויפּטן, אַז די דאָזיקע מעשיות וועגן דער ענגלישער קעניגין און איר באַציאונג צו מאָנטעפיאָרע זענען אַ ביסל איבערטריבן. איינס איז אָבער אמת, אַז די ענגלישע קעניגין האָט זייער פיל געהאַלטן פון מאָנטעפיאָרען און ער איז ביי איר געווען פונקט אזא חשוב ווי ר' שמעון סופר ביי קייזער פראַנץ יאָזעף. זי זאָל אים האָבן אויך אַמאָל פאָרגעשטעלט פאַרן רוסישן קייסער און ער האָט דערנאָך געהאט אַ לאנגן וויכוח מיטן צאַר וועגן יידן.

בכלל האָט מען ביי אונדז געוווסט, אַז משה מאָנטעפיאָרע טוט נישט קיין שריט, וועלכן ער זאָל נישט פריער באַקלערן, צי ער איז גוט פאַר יידן. האָט מען דערפאַר ביי אונדז ביי יעדער געלעגנהייט געשטעלט די פראַגע: „וואָס וועט דערויף זאָגן משה מאָנטעפיאָרע?" — און ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָבן אונדזערע יידן באַלד געפרעגט: „פאַרוואָס שווייגט מאָנטעפיאָרע? פאַרוואָס לאָזט ער יידן אזוי פיל ליידן?"

מיר האָבן זיך אויך אויף די אַלע שאלות אַליין געענטפערט, אַז די סיבה פון מאָנטעפיאָרעס שווייגן וועגן אונדזערע צרות און יסורים איז, וואָס ער איז שוין צו אַלט, ער זאָל זיך לאָזן אין וועג אַריין צום צאַר אַלעקסאנדער דעם דריטן און אים אויסזידלען, פונקט ווי ער האָט אַמאָל אויסגעזידלט דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן און ווי ער האָט אָפּגע־שייגעצט דעם טערקישן סולטאַן בעתן בלוט־בילבול פון דמשק...

משה מאָנטעפיאָרע איז אויך געווען מפורסם צוליב דעם, וואָס אַלע מחברים, סיי רבנים און סיי משכילים. פלעגן אים צושיקן זייערע חיבורים און ער פלעגט יעדן דערפאַר אָפּשיקן לפּחות 5 שילינג מיט עטלעכע דאַנק־ווערטער, אָנגעשריבן אין העברעאיש פון זיין סעקרעטאַר ד״ר לעווי. האָבן דערפאַר אונדזערע יידן געגלייבט, אַז ער לייענט די אַלע צוגע־שיקטע ספרים און קוויקט זיך מיט זייער אינהאַלט. פלעגט שוין דעמאָלט יעדער מחבר אָפּדרוקן מאָנטעפיאָרעס בריוו אין זיין ספר, גלייך ווי מען דרוקט די הסכמה פון אַ רב. אנדערע פלעגן גאָר צושרייבן אַ „שיר״ לכבוד מאָנטעפיאָרע מיט ראשי־החרוזים און מיט קונציקע מליצה־דריידלעך וועגן מאָנטעפיאָרעס נאָמען, אַ שטייגער ווי: „משה בן עמרם הוציאנו ממצרים ומשה מעון־תפארת עשה כפלים״. און וואָלט זיך ביי אונדז עמיצער דערוועגט צו זאָגן, אַז מאָנטעפיאָרע לייענט גאָר נישט די אַלע צוגעשיקטע ספרים, ווייל זיי ליגן אים נישט אַפילו אין דער לינקער פּיאַטע, אָדער אַז ער באַטראַכט די אַלע מחברים, וואָס שיקן אים צו די ספרים ווי פּשוטע שנאָרערס, וואָלט מען אזא מענטשן די אויגן אויסגעדראַפּעט.

***

ווען איך בין אַהיימגעקומען פון קעלן, האָב איך מיך עטלעכע טעג געשעמט צו ווייזן אין גאַס. ר׳ עקיבא קאָרניצער איז אָבער באַלד געוואָר געוואָרן, אַז איך בין צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד, האָט ער מיך געשיקט רופן. איך בין צו אים געגאַנגען. ער האָט מיר פאָרגעלייגט אַ שטיקל באַשעפטיקונג, איך זאָל זיך נעמען לערנען ש״ס ופוסקים מיט אַ געוויסן בחור, וואָס האָט געקוואָקעט אויף „סמיכה״ — און היות איך בין דעמאָלט געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר די טעטיקייטן פון משה מאָנטעפיאָרע, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אַ העברעאישן מאמר מיטן נאָמען „צדיק כתמר יפרח״ און אַוועקגעשיקט אים צו דער צייטונג „מחזיקי הדת״ אין לעמבערג. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אָנגעפּיקעוועט מיין אַרטיקל מיט די שענסטע מליצות פון תנ״ך און מיט מאמרים פון גמרא און מדרשים און אונטערגעשריבן האָב איך דעם אַרטיקל אויפן נאָמען פון דעם בחור, מיט וועלכן איך האָב דענסטמאָל צוזאַמען גע־לערנט, דאָס זאָל זיין די סגולה ער זאָל קענען באַקומען „סמיכה״.

האָט דער ארטיקל מיינער נושא־חן געווען ביים רעדאקטאָר פונעם „מחזיקי הדת״ און ער האָט אים באַלד אָפגעדרוקט. און ווען עס איז דעמאָלט אָנגעקומען די צייטונג, האָב איך זי געוויזן מיט שטאָלץ דעם פאָטער פון מיינעם אַזוי אָנגערופענעם חבר צום לערנען, וואָס איז געווען אַ חסידישער ייד און יעדע מין צייטונג, אַפילו אַזאַ פרומע ווי „מחזיקי־הדת״, איז ביי אים געווען אַפיקורסות. האָט דערפאַר מיין ארטיקל געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג, ווי איך האָב זיך פריער פאָרגעשטעלט. איך האָב געוואָלט ווייזן דעם פאָטער פון מיין „חבר״, ווי גרויס מיין פעולה איז אויף זיין זון, אז איך האָב אים שוין אַזש אויסגעלערנט שרייבן ארטיקלען אין לשון־הקודשדיקע צייטונגען. איז אָבער דער פאָטער פון מיין חבר קעגן מיין דערוואַרטונג געוואָרן פשוט אין כעס, אַז אַנשטאָט וואָס מיר דאַרפן כסדר לערנען ש״ס ופוסקים, לערנען מיר זיך גאָר שרייבן אין צייטונגען...

און איך האָב געמיינט, אַז דעם פאָטער פון מיין תלמיד וועט עס הנאה טאָן, ווען ער וועט זען דעם נאָמען פון זיין זון געדרוקט אין אַ צייטונג, איך האָב אָבער באַלד איינגעזען מיין טעות, ווייל מען האָט מיר תיכף אָפגעזאָגט די „חברשאַפט״... און איך בין ווייטער געבליבן אָן אַ ברעקל הכנסה...

קאַפּיטל 47

א גוי — א „שומר שבת״

ביים פרווון אָנצוקומען אין אַן אונגארישער ישיבה, בין איך אַמאָל אין אַ פּרייטיק פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אויף מיינע וואַנדערונגען אין אַ שטעטל מיטן נאָמען גיולאַ פעהערוואַרי, אין טראַנסילוואַניע.

געווען איז דאָס אַרום עלף אַ זייגער פאַרמיטיק. איך בין ביים אָנקומען אין יענעם שטעטל געבליבן שטיין פאַרן באַנהויף, נישט־וויסנדיק, צי איך דאַרף גיין רעכטס אָדער לינקס. האָב איך ביי יעדן, וואָס איך האָב באַגעגנט, כסדר געפרעגט, וווּ עס וואוינט דאָ דער רב אָדער דער שוחט פונעם שטעטל. האָט מיר אָבער קיינער נישט געענטפערט אויף מיין שאלה; מען האָט מיך פשוט נישט פאַרשטאַנען. מיט אַלע מיינע כחות

האָב איך זיך באַמיט צו ריידן אַן אמתדיקן דייטש מיט אַלע קליפּערלעך, האָט דאָס אָבער גאָר נישט געהאָלפן, אַרויסצוקריגן אַ וואָרט ביי די פּאַר־בייגייערס. און ווען עס האָט זיך אַפילו איינער אָדער אַן אנדערער לעבן מיר אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט צו מיין פראגע, האָט ער בלויז אַ צי געטאָן מיט דער פּלייצע און מיר געענטפערט אויף אונגאריש: „נעם טודיאם!" (איך פאַרשטיי נישט!).

ווי אזוי איך בין עפּעס דענסטמאָל פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַזאַ־אַ שטעטל און ווי אזוי עס האָט מיר גאָר געקענט איינפאַלן צו זוכן דאָרט אַ ישיבה, — קען איך היינט נישט געדענקען. מסתמא איז דאָס דענסטמאָל געווען די לעצטע סטאַנציע ביז וואַנען עס האָט געגרייכט מיין ביסל געלט, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין פאַרמעגן...

נאָך אַ לאנגן ארומבלאָנדזשען אַרום דער באַן־סטאַנציע, בין איך צוגעגאנגען צו אַ פּאָליציאַנט און האָב אים פאָרגעלייגט מיין שאלה. האָט מיך דער דאָזיקער פּאָליציאַנט אָפּגעמאָסטן מיט זיין קוק פון קאָפּ ביז פיס און דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט עטלעכע ווערטער אויף אונגאריש, וועלכע איך האָב ווייטער נישט פאַרשטאַנען — און צום סוף האָט ער אַ זאָג געטאָן: „רייזעפּאס", האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף אים ווייזן מיינע דאָקומענטן. ער האָט זיי גוט איבערגעקוקט און ווייטער געזאָגט עטלעכע ווערטער אין אונגאריש, נאָר אַזוי ווי איך האָב אים ווייטער נישט פאַרשטאַנען, האָט ער מיר געוויזן אויף שטום־לשון, אויף וועלכע זייט איך דאַרף גיין צוצוקומען צום רב פונעם שטעטל.

דערווייל איז צו מיר צוגעקומען אַן עלטערער מענטש, וועלכער האָט מיט מיר גערעדט דייטש — און אַזוי ווי איך האָב אים געזאָגט, וועמען איך זוך, האָט ער מיך צוגעפירט צו יענעם הויז, וווּ דער רב פונעם שטעטל האָט געוווינט.

אויפן וועג צום רב האָט מיך דער מענטש אויסגעפרעגט, פון וואַנען איך קום און וועגן וואָס איך זוך דעם רב. דערביי האָט מיר דער מאַן געגעבן זיין אדרעס מיט אַן אָנזאָג, איך זאָל אים נאָך היינט באַזוכן. דער נאָמען פון דעם מענטש, לויט ווי עס איז געווען געדרוקט אויף זיין וויזיט־קאַרטע, איז געווען: עלעמער זאָלטאַן דע קיש מאַרטאָן, קעניגליך־אונגא־רישער אָפיציר ביי די האָנוועדס.

ביים רב אין הויז בין איך אויפגענומען געוואָרן נישט זייער

פרײַנדלעך. קודם האָט מיר דער רב געזאָגט, אַז דאָס שטעטל האָט נישט קײן שום ישיבה און אַז די ייִדן פֿונעם דאָזיקן שטעטל האָבן נישט קײן שום חשק צו אונטערשטיצן פּױלישע שנאָרער, װאָס פֿאַלן אָן אױף אונגאַרן, אױסצולײדיקן די קעשענעס פֿון די אונגאַרישע ייִדן. איז דערפֿאַר זײַן עצה, איך זאָל װאָס צום גיכסטן אַנטלױפֿן פֿון דער שטאָט — און װען איך האָב אים דערקלערט, אַז איך קען איצט נישט אַװעקפֿאָרן, װײַל איך האָב נישט דאָס נײטיקע געלט אױף דער הוצאה און איך האָב אױך נישט קײן אָרט אױף צו בלײַבן שבת, האָט ער מיר געזאָגט, אַז װען איך װעל קומען צו קבלת שבת אין שול אַרײַן קען זײַן, אַז עס װעט מיך דאָרט עמיצער פֿון די בעלעבאַטים נעמען אױף שבת און װעגן הוצאות אױף אַװעקצופֿאָרן, זאָל איך אים קומען באַזוכן זונטיק, װעט ער זען, װאָס ער קען פֿאַר מיר טאָן.

פֿאַרצװײפֿלט פֿונעם רבס װערטער, בין איך געגאַנגען באַזוכן דעם מענטש, װאָס האָט מיר געגעבן זײַן װיזיט־קאַרט.

יענער האָט מיך זײער פֿרײַנדלעך אױפֿגענומען — און נאָך דעם װי איך האָב אים דערצײלט, װאָס דער רב האָט מיר געזאָגט, האָט ער מיר אױך צוגעזאָגט, מיך צו באַזאָרגן מיט די נײטיקע הוצאות צו קענען פֿאָרן װײַטער. ער קען מיך אָבער נישט אײַנלאַדן, איך זאָל בײַ אים עסן שבת, װײַל ער איז אַ קריסט — און כאָטש ער היט אָפּ שבת און עסט אױך נישט קײן חזיר־פֿלײש, איז בײַ אים אַלצדינג טרפֿה, װײַל דאָס פֿלײש, װאָס ער קױפֿט, איז נישט געשחטן לױטן ייִדישן דין און עס איז געקױפֿט בײַ אַ קצב אַ גױ.

איך האָב צוגעשטימט, צו זײַן בײַ אים אַ גאַסט אױף שבת, עסן בײַ אים ברױט מיט פּאָװידלע, פֿאַרבײַסן מיט געטרוקנטע פּרוכטן און פֿאַרטרינקען מיט עפּל־זאַפֿט — און װען עס איז דעמאָלט אָנגעקומען די שעה פֿון ליכט־צינדן, האָט ער מיך אַרונטערגעפֿירט אין אַ קעלער, װוּ עס איז געװען אַלצדינג אױסגעפּוצט לכבוד שבת און אױפֿן טיש האָבן געלױכטן שבתדיקע ליכט.

און װען איך האָב דעמאָלט אױסגעדריקט מײַן פֿאַרװוּנדערונג, װאָס ער מאַכט עפּעס זײַן שבת אין אַ קעלער, האָט ער מיר דערקלערט, אַז מיט פֿיל יאָרן צוריק זענען געװען אין טראַנסילװאַניע אַ סך גױים שומרי שבת. ער װײסט נישט, װי אַזױ דאָס איז געקומען, װאָס די ייִדישע

אמונה האָט נושא חן געווען ביי קריסטן אויף אַזוי ווייט, אַז זיי זאָלן אזש אָננעמען יידישע מנהיגים, ווייל אָט יענע קריסטן האָבן אָפּגעהיט שבת און נישט געגעסן קיין חזיר־פלייש. אייניקע פון זיי האָבן אַפילו געמלט זייערע קינדער. אָבער אין אַלע אַנדערע פירונגען האָבן זיי זיך געהאלטן ווי פרום־גלייביקע קריסטן.

די רעגירונג פונעם לאנד האָט זיי שטרענג פאַרפאָלגט — און ווען עס איז אמאָל איינער פון זיי ארייגעפאלן צו דער רעגירונג אין די הענט, איז ער שוין פון דאָרט נישט מער אַרויס קיין לעבעדיקער...

האָבן זיך אָבער די מענטשן נישט געלאָזט אָפּשרעקן פון די אַלע פאַרפאָלגונגען און זיי האָבן אָפּגעהיט זייער פירונג מיט מסירת־נפש. איז טאַקע צוליב דער דאָזיקער מסירת־נפש נייטיק געווען, צו באַהאלטן זיך אין קעלערן, כדי צו קענען אָפּהיטן שבת, איז דערפאר ביי זיי שוין געבליבן אַ טראַדיציע צו באַהאלטן זיך אין קעלער לכבוד שבת.

אין 1867 — האָט מיר דער מענטש ווייטער דערציילט — איז פאָר־געקומען אַן איבערברוך אינעם פאַרהעלטניש פון דער רעגירונג צו די שומרי שבת. די רעגירונגס־לייט זענען דעמאָלט געווען ליבעראלע מענטשן. פון דעסטוועגן האָבן זיי נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז קריסטן זאָלן זיך פירן אויף אַ יידישן שטייגער, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אז ווען קריסטן ווילן אָפּהיטן דעם יידישן שבת אָדער זיך פירן אויף אַ יידישן שטייגער, זאָלן זיי זיך אין גאַנצן אָנשליסן צו דער יידישער קהילה, וואָרום אַנישט מוזן זיי בלייבן קריסטן און זיך פירן לויט די פאָר־שריפטן פון דער קירכע.

האָבן זיך דעמאָלט אַ סך פילע פון די קריסטלעכע שומרי שבת אָפּגעזאָגט פון זייער פירונג און זיי האָבן אויפגעהערט צו האַלטן שבת. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך גאָר אַנדערע אין גאַנצן מגייר געווען. אָבער די משפחה פון מיין גאַסטגעבער האָט נישט געוואָלט אָננעמען די יידישע אמונה און זי האָט זיך אויך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון איר ביז־אַהעריקער פירונג. ער איז פאַרבליבן אַן איינציקער אין דער גאַנצער שטאָט אַ קריסט, וואָס היט אָפּ שבת און עסט נישט קיין חזיר־פלייש.

דער איינציקער זון ביי זיינע עלטערן, און ער האָט אויך נישט קיינמאָל חתונה־געהאט. אַלע זיינע קרובים האַלטן נישט מער קיין שבת, אָבער ער היט אָפּ די טראַדיציע פון זיין משפחה און ער וועט אויך

נישט אָפּטרעטן אַ שריט פון זיין שטייגער־פירונג, ווי לאנג ער וועט לעבן!...

דער קריסט דער שומר־שבתניק האָט זיך ביי מיר געוואָלט דערוויסן וועגן זיין „חלק עולם הבא" לויט דער יידישער אמונה. האָב איך אים געענטפערט, אז ווי אַ בן נח איז געגוג פאַר אים, אָפּצוהיטן זיבן מיצוות אויף זוכה צו זיין צו עולם הבא, דהיינו: 1) נישט צו לעסטערן גאָט; 2) נישט צו דינען צו געצקעס פון האָלץ און שטיין; 3) נישט צו הרגענען מענטשן; 4) אָפּצוהיטן די געשלעכטלעכע מאָראל; 5) אויסצוהיטן זיך פון רויב; 6) נישט צו עסן קיין אבר מן החי; 7) צו אָנערקענען, אַז עס איז פאראנען אַ הימלישע באַלוינונג פאַר טאָן גוטס און אַ באַשטראָפונג פאַר טאָן שלעכטס.

דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט, וואָס די יידישע אמונה זאָגט וועגן אַ קריסט אַ שומר שבת. האָב איך אים געענטפערט, אַז איך בין נאָך נישט קאָמפּעטענט געגוג צו פסקנען אַ דין הלכה למעשה, אָבער לויט ווי די גמרא זאָגט (אין סנהדרין דף נ"ח עמוד ב') איז אַ גוי, וואָס היט אָפּ שבת — חייב מיתה...

און ווען מיין גאַסטגעבער האָט נישט געקענט פאַרשטיין די סיבה פון אַזאַ האַרבן דין, האָב איך דאָס אים דערקלערט, לויט דער מיינונג פון ר' יוסי בר חנינא, וועלכער זאָגט, אַז אַ גוי וואָס היט אָפּ שבת, איידער ער איז געמלט, איז חייב מיתה, ווייל ער טוט אַ זאַך, צו וועלכער ער איז נישט פאַרפליכטעט! (מדרש דברים רבה פרשה א' פיסקא י"ח).

דאָס הערנדיק, האָט דער מאַן אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיר איז שוין שווער צו ענדערן מיין פירונג, נאָך דעם ווי איך האָב מיין גאַנץ לעבן אָפּגעהיט שבת. אָבער ווען עס זאָל אַפילו זיין אמת, וואָס דיין גמרא זאָגט, אַז עס קומט מיר מיתה פאַרן אָפּהיטן שבת, וועל איך זיך נישט לאָזן אָפּשרעקן און וועל ווייטער אָפּהיטן שבת אויף מיין ביז אַהעריקן שטייגער!...

קאַפּיטל 48

די צייטונג „ווינער איזראעליט"

אַזוי ווי איך בין אין יענער צייט כסדר אַרומגעגאַנגען אָן אַ באַ־שטימטער באַשעפטיקונג, פלעג איך זייער אָפט קומען צו ר׳ עקיבא קאָרניצער אין הויז, וואָס ווייל ער האָט מיך געוואָלט צוציען צו אַ מער פלייסיקערן עוסק זיין אין לערנען, האָט ער מיר איינגערעדט, אַז ווען איך זיץ מיט אים צוזאַמען ביים לערנען, לערנט זיך אים פיל געשמאַקער און בעסער.

האָב איך אַמאָל ביי ר׳ עקיבא קאָרניצער אין הויז באַגעגנט אַ ווינער יידישן זשורנאַליסט מיטן נאָמען מאָריץ דאָרנבוש, וועלכער איז געקומען קיין קראָקע אין שליחות פונעם ווינער פּוילישן רב, ר׳ זלמן שפּיצער. ער איז געווען אַ שוואָגער פונעם פאַרשטאָרבענעם ר׳ שמעון סופר און ער האָט געוואָלט אונדזער ר׳ עקיבא קאָרניצער איינשמועסן, אַז ער זאָל אָננעמען דעם אָנבאָט פון די פאָרשטייער פון דער קראָקעווער קהילה, וואָס האָבן ר׳ עקיבאן פאָרגעלייגט די שטעלע פון אַ „ראש בית־דין" פון קראָקע, אַנשטאָט דאָס רבנות, וואָס ער האָט געוואָלט.

אַז עס וועט זיך אים האָבן איינגעגעבן — האָט מאָריץ דאָרנבוש אַרגומענטירט אין נאָמען פון ר׳ זלמן שפּיצער — צו קריגן די שטעלע פון אַ „ראש בית־דין" אין קראָקע, וועט ער האָבן אַ האָפענונג אויך צו אַוואַנסירן צו דער שטעלע פון אַ רב. אָבער ווען ער, ר׳ עקיבא קאָרניצער וועט זיך כסדר איינעקשנען, נישט אָנצונעמען די קלענערע שטעלע, וואָס מען וויל אים געבן, וועט ער בלייבן דרויסן און וועט זיין אַן „אייביק דורכגעפאַלענער קאַנדידאַט".

האָט זיך אָבער די פאַמיליע פון ר׳ עקיבא קאָרניצער און באַזונדערס זיין שוויגער, די אלמנה פון ר׳ שמעון סופר, געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז ער טאָר נישט אָננעמען קיין אַנדערע שטעלע ווי נאָר פון אַ רב, מיט דעם זעלביקן טיטל פון זיין פאַרשטאָרבענעם שווער.

וועגן די אַלע זאַכן פלעגט מען פאַרהאַנדלען ביי ר׳ עקיבא קאָרניצער עפנטלעך און איך בין ביי די אַלע טענות בייגעווען. ר׳ עקיבא קאָרניצער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר מאָריץ דאָרנבושן און האָט באַזונדערס געלויבט מיין פעאיקייט צו שרייבן אין גאַזעטן. האָט זיך דער זשורנאַ־

ליסט אַריינגעלאָזט מיט מיר אין אַ לענגערן שמועס וועגן דער פּאָליטישער לאַגע פון די יידן אין גאַליציע — און נאָך דעם ווי ער האָט געהערט מיין מיינונג, האָט ער מיר געגעבן די אויפגאַבע, איך זאָל אָנשרייבן אויף דייטש אַן אַרטיקל פאַר זיין צייטונג וועגן דעם דאָזיקן פּראָבלעם.

האָב איך זיך דענסטמאָל ביינאַכט אַוועקגעזעצט אָנשרייבן אַזאַ אַרטיקל און איך האָב אים באַלד אויפן אַנדערן טאָג איבערגעגעבן דאַרנבושן, וואָס איז ווייטער געקומען הערן די לעצטע אַנטשיידונג פון דער פאַמיליע קאַרניצער וועגן אָננעמען די שטעלע ווי קראָקעווער „ראש־בית־דין". דאַרנבוש איז געווען זייער צופרידן פון מיין אַרטיקל און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך גענייטיקט אין אַזאַ געהילף ווי איך פאַר' זיין צייטונג.

ער האָט מיר אויך פאַרזיכערט, אַז ווען איך וועל מיט אים מיטפאָרן קיין ווין, וועט ער דאָרט זאָרגן פאַר מיין פרנסה און ער וועט מיר אויך פאַרשאַפן די מעגלעכקייט, איך זאָל קענען אין ווין ווייטער שטודירן.

איך בין דעמאָלט געווען גרייט אָנצונעמען דאַרנבושס פאַרשלאַג. מיין פאָטער האָט מיך אָבער אָפּגעווענדט דערפון, דערקלערנדיק, אַז איך בין נאָך צו יונג צו קענען איבערנעמען אַזאַ וויכטיקע שטעלע.

אין יענעם מאָמענט איז מיר אליין אויך געווען אַ שאָד צו פאַרלאָזן קראָקע, ווייל איך האָב גראָד געהאַלטן ביי אַ סיום מסכתא מיט ר' עקיבא קאַרניצער. האָט זיך מיר נישט געגלוסט, אָפּצוזאָגן זיך פון אַזאַ תענוג, בפרט ווען דער סיום האָט געזאָלט אויסקומען אין די ניין טעג און מען וועט קענען האָבן אַ געלעגנהייט צו עסן אַ פליישיקן מאָלצייט לכבוד דעם סיום.

מערקווירדיק אינטערעסאַנט איז אויך די געשיכטע פון דער צייטונג „וויענער איזראעליט", ווו איך בין שיער נישט געוואָרן אַ נאָענטער מיט־אַרבעטער.

געשריבן איז די דאָזיקע צייטונג געווען אין אַ קאָרעקטן דייטש און געדרוקט מיט יידישע אותיות. אינהאַלטלעך האָט זי געבראַכט אַלע אינ־פאָרמאַציעס אין אַלע פראַגן פון דער אַלגעמיינער וועלט־פּאָליטיק און באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון דער יידישער לאַגע אין אַלע לענדער פון דער וועלט.

געגרינדעט איז דער „וויענער איזראעליט“ געוואָרן בעתן גרויסן טומל ארום עסטרייכישן ליבעראַליזם נאָך דעם גרויסן בערזען־קראַך פון 1873, ווען עס האָט זיך די יידן אויסגעדאַכט, אַז ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ יידישע צייטונג, וואָס זאָל זיי אינפאָרמירן וועגן דער עסטרייכישער עקאָנאָמיק און פינאַנציעלע ענינים וואָלטן זיי ניט אַזוי טיף אַריינגעפאַלן.

די באַשרענקונגען פון דער צענזור פאַר אַזאַ צייטונג זענען שוין דאַן בטל געווען, זענען אָבער אַנטשטאַנען אַנדערע מיני שיקאַנעס נישט צו דערלאָזן, אַז צייטונגען זאָלן זיך פאַרמערן, ביי דער רעגירונג האָט גע־הערשט די איבערצייגונג, אַז צייטונגען זענען ווי סם־המות פאַרן רעזשים.

אַ טעגלעכע צייטונג האָט געדאַרפט אַוועקלייגן ביי דער רעגירונג אַ קויציע פון 6 ביז 8 טויזנט גולדן (2.400 ביז 3.200 אַמעריקאַנער דאָלאַר) און אַ וואָכנבלאַט האָט געדאַרפט איינלייגן אַ העלפט פון דער דאָזיקער סומע. אויסער דעם האָט מען געמוזט צאָלן אַ שטייער פון איין קרייצער פאַר יעדן עקזעמפלאַר, וואָס מען האָט געדרוקט און איין קרייצער סטעמפל־אָפּצאָל פון יעדן עקזעמפלאַר. אויף צו מעגן פאַרקויפן איינצעלנע צייטונגען, האָט מען געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער רעגירונג, און פאַרקויפן צייטונגען אין די גאַסן, האָט מען אַבסאָלוט נישט געטאָרט.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזעלכע אומשטענדן האָט זיך קיין שום יידישע צייטונג נישט געקענט האַלטן אין גאַליציע. קלוגע מענטשן האָבן זיך אַפילו אַן עצה געגעבן קעגן דער קויציע און קעגן דעם שטייער פון יעדן געדרוקטן עקזעמפּלאַר. פלעגט מען אָפּנאַרן די רעגירונג און מען פלעגט אַרויסגעבן איין צייטונג מיט צוויי פאַרשיידענע נעמען, וואָס יעדע פון זיי איז דערשינען איין מאָל אין צוויי וואָכן.

די רעגירונג האָט פון דעם געוווּסט און זי פלעגט צומאַכן אַן אויג, נישט צו זען די אָפּנאַרעריי כדי צו האָבן קעגן דער צייטונג אַ בייטש, אַז ווען זי וועט זיך אַמאָל דערוועגן אַרונטערגיין פונעם דרך הישר.

האָבן אַ סך שריפטשטעלער אין גאַליציע פּרובירט אַרויסגעבן יידישע צייטונגען אפילו אונטער צוויי נעמען. אָבער עס איז זיי נישט געלונגען די צייטונגען אָנצוהאַלטן. דער ערשטער איז געווען אברהם־מענדל מאָהר פון לעמבערג, וואָס האָט אין 1848 געגרינדעט די ערשטע יידישע צייטונג

אין עסטרייך, וועלכע האָט איין וואָך געהייסן „צייטונג" און די אַנדערע וואָך האָט זי געהייסן „יידישע צייטונג".

שפּעטער האָבן דאָס אַנדערע נאָכגעטאָן און קיינער פון זיי איז אָבער נישט געבליבן אויפן פּלאַץ.

אין 1873 האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין ווין אַ נייע יידישע צייטונג מיט דער געזעצלעכער קויציע און שטעמפּל־אָפּצאָל, געשריבן אין אַ פּאָפּולערן דייטש און געדרוקט מיט יידישע אותיות, אונטערן נאָמען „וויענער איזראעליט". איז די דאָזיקע צייטונג גאָר גיך פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן גאַליציאַנער יידן, וועלכע האָבן זיך אויף איר געלערנט לייענען דייטשע צייטונגען. און כאָטש די דאָזיקע צייטונג איז געווען געשריבן דייטש און מען האָט זי אין גאַליציע ווייניק פאַרשטאַנען, האָט זי זיך פון דעסטוועגן גיכער איינגעפירט ביי די גאַליצישע יידן. איידער יענע צייטונגען, וואָס זענען דערשינען אין גאַליציע, ווייל זי איז געדרוקט געוואָרן אין ווין — און צו אַ ווינער צייטונג האָבן די גאַליצישע לייענער געהאַט מער צוטרוי, ווי צו זייערער אַ היימישער צייטונג. אַ ווינער צייטונג, האָבן גאַליציאַנער יידן געגלייבט, איז נאָענט צום קייסערלעכן הויף און צו דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

דער „וויענער איזראעליט" האָט פאַרטראָטן די אינטעליגענטע יידישע פאָלקסמאַסן אין גאַליציע — און כאָטש ער איז געשטאַנען אויף דער זייט פון די אויפגעקלערטע יידן און ער האָט צום שאַרפסטן באַקעמפט די אידעאַלן פון דער גאַליצישער אָרטאָדאָקסיע, האָבן אים פון דעסטוועגן די אינטעליגענטערע אָרטאָדאָקסן גערן געלייענט, ווייל ער האָט צו זיי גערעדט אויף דייטש און האָט זיי געעפנט די אויגן, צו קענען זען די אומשטענדן אין אַ „גרויסוועלטישן" ליכט.

דער ערשטער רעדאַקטאָר און באַגרינדער פונעם „וויענער איזראַעליט" איז געווען אַ געוויסער ווילהעלם ווייס, אַ גאַליציאַנער יונגער מאַן מיט זייער פיל ענערגיע, וואָס האָט מיט זיינע הוילע הענט צונויפגעשטעלט אַ גרויסע צייטונגס־מאַשינעריע. די אַרבעט ביי דער צייטונג איז אויך נישט געווען קיין גרינגע, ווייל זי האָט אויפגעגעסן אַלע כחות פון איר רעדאַקטאָר און נאָך צען יאָר עקזיסטענץ פון דער צייטונג איז דער דאָזיקער ווייס קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן — קוים 37 יאָר אַלט.

נאָכן טויט פון ווילהעלם ווייס האָט די צייטונג איבערגענומען דער

אויבנדערמאָנטער מאָריץ דאָרנבוש, אַ מאַן מיט אַ באַדייטנדיקן ליטע־ראַרישן טאַלאַנט, וואָס איז געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער ביי דער צייטונג ווי לאַנג ווייס האָט געלעבט.

דאָרנבוש האָט געוואָלט די צייטונג פירן אויף אַ נייעם וועג. ער האָט געגלייבט, אַז מען דאַרף טאַקע די יידן ציוויליזירן, גלייכצייטיק מוז מען אָבער פאַרשטאַרקן ביי זיי די באַדייטונג פון דער אמונה. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז יידן דאַרפן זיך אויסבילדן, מוזן זיי אָבער קריגן אַזאַ בילדונג, וואָס זאָל זיי נישט דערווייטערן פון זייער פאָלק.

מאָריץ דאָרנבוש האָט גרופירט אַרום זיך אַלע פירנדיקע אינטע־לעקטואַלן פונעם ווינער יידנטום, אַ שטייגער ווי: די ראַבינער יעלינעק, גידעמאַן און שמידל, די שריפטשטעלער באַראָן ווערטהיימער און אַדאָלף פישהאָף, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט אין זיין צייטונג. צווישן אַנדערע האָט אויך פּרץ סמאָלענסקין געשריבן אַרטיקלען אינעם „וויענער איזראַעליט“ און עס איז דאָרט געווען געדרוקט אַן איבערזעצונג פון סמאָלענסקינס דערציילונג „נקם ברית“.

אין יענער צייט האָט עס זיך שוין גערודערט מיטן יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק, וואָס זיין הויפּט־וואָרטזאָגער איז געווען דעמאָלט נתן בירנבוים. עס האָט אויך שוין עקזיסטירט אין ווין דער סטודענטישער פאַראיין „קדימה“, געגרינדעט פון ד״ר שנירער און נתן בירנבוים, וואָס איז דענסטמאָל נאָך געווען אַ סטודענט.

אָבער דער „וויענער איזראַעליט“ און מיט אים די אַנדערע יידיש־דייטשע צייטונגען האָבן זיך פאַרהאַלטן גאַנץ קריטיש צו דער דאָזיקער אידעע...

קאַפּיטל 49

אַ שרעקלעכער בילבול אויף אַ יידישער פאַמיליע

פיר לאַנגע יאָר האָט גאַליציע געקאָכט מיט אַ פּראָצעס, וואָס איז געווען פיל ערגער ווי דער פּראָצעס וועגן דעם בלוט־בילבול פון טיסאַ־עסלאַר. עס האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט דעם כוח, אין גאַנצן אָפּצולייקענען די באַשולדיקונג ווי מען האָט זי געקאָנט אָפּליי־

קענעןביים פּראָצעס פון טיסאַ עסלאַר. דער חילוק איז נאָר, וואָס דאָרט ביים פּראָצעס פון טיסאַ עסלאַר האָט די רעגירונג געהאַלטן מיט די אַנטי־סעמיטן און צוגעלאָזן צו פּאָגראָמען אויף יידן — און דאָ אין גאַליציע האָט די עסטרייכישע רעגירונג באַשיצט די יידן, מען זאָל זיי נישט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך אַפילו דענסטמאָל, ווען עס האָט זיך געגלייבט. אַז דער ענין פון דער אָנקלאַגע איז אַ פולשטענדיק באַגרינדעטער.

די מעשה דערפון איז געווען אַזאַ:

אין אַ געוויסן טאָג פונעם חודש נאָוועמבער פון 1881סטן יאָר, איז אין אַ דאָרף לעבן סטריזאָוו, גאַליציע, פאַרשוואונדן געוואָרן אַ קריסטלעך דינסטמיידל מיטן נאָמען פראַנציסקאַ מניך און ביז צום 6טן מערץ 1882 האָט קיין מענטש נישט געוווסט, ווו די דאָזיקע שיקסע איז ערגעץ אַהינ־געקומען. נאָך צוועלף וואָכן אַרומזוכן האָט מען געפונען איר טויטן קערפּער, אַ צעשניטענעם און אין גאַנצן אַ צעשטאָכענעם.

די זשאַנדאַרמען האָבן באַלד געוואָרפן אַ חשד אויפן יידישן שענקער אין יענעם דאָרף, מיטן נאָמען מ ש ה ר י ט ע ר, ווייל די שיקסע האָט ביי אים אַ צייט פריער געדינט — און אין דעם זעלבן טאָג, וואָס זי איז פאַרשוואונדן, האָט מען זי געזען אַריינגיין צו ריטערן אין הויז און זי איז פון דאָרטן נישט מער אַרויסגעקומען.

שפּעטער איז געקומען אַ פּויער מיטן נאָמען סטאַבלינסקי, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז ווען די שיקסע פראַנציסקאַ מניך איז געקומען אין יענעם טאָג צו ריטערן אין הויז, האָט מען זי אַרונטערגעפירט אין קעלער, ווו ער, סטאַבלינסקי, האָט זי אָפּגעוואָרט מיט אַ האַק אין האַנט און אויף משה ריטערס פאַרלאַנג האָט ער איר דערלאַנגט עטלעכע כמאַליעס איבערן קאָפּ — און ווען די שיקסע איז אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד, האָט זי משה ריטער געקוילעט מיט אַ מעסער און מיט דער הילף פון זיין ווייב און זיינע צוויי טעכטער האָט מען דערנאָך אויפגעשניטן ביי דער שיקסע דעם בויך און אַרויסגענומען פון דאָרט אַן „עמבריאָן", ווייל דאָס מיידל איז געווען שוואַנגער פון איר פריערדיקן יידישן באַלעבאָס און עס האָט זיך ביי ריטערן גערעכנט פאַר דער גרעסטער עבירה פון זיין לעבן, ווען עס זאָל ביי אים געבוירן ווערן אַ קינד פון אַ קריסטלעכער מוטער.

פאַר דער דאָזיקער טאַט זיינער, האָט סטאַבלינסקי ווייטער דער־

ציילט, האָט ער ביי משה ריטערן געקראָגן אַ באַלוינונג פון 50 גולדן (20 אַמעריקאַנער דאָלאַר).

דערנאָך זענען אויך אַרויסגעטראָטן אַנדערע עדות, וואָס האָבן דערציילט, אַז אַזוי ווי ריטערס עלצטע טאָכטער,ביילע, איז געווען אַ כלה, האָט ריטער מורא געהאַט, אַז דער מחותן קען נאָך אָפּלאָזן דעם שידוך, אויב ער וועט געוואָר ווערן פון זיין פאַרהעלטניש מיט אַ שיקסע, וואָס איז אַפילו מעוברת געוואָרן פון אים. האָט ער דערפאַר איינגעזען, אַז ער האָט נישט קיין אַנדערן אויסוועג ווי נאָר אומצוברענגען דאָס מיידל.

האָט מען אויפן סמך פון די דאָזיקע עדות אַרעסטירט דעם יידן משה ריטער, 51 יאָר אַלט; זיין ווייב שרה ריטער, 45 יאָר אַלט; זייער עלצטע טאָכטער,ביילע ריטער, 19 יאָר אַלט און זייער יינגערע טאָכטער חיה, 16 יאָר אַלט.

ווי עס פאַרשטייט זיך, האָט דאָס געריכט נאָך אזא עדות־זאָגן נישט געקענט אַנדערש פּסקענען, ווי נאָר פאַראורטיילן צום טויט משה ריטערן מיט זיין ווייב, צוזאַמען מיט דעם פויער סטאַבלינסקי, וועלכער האָט דערציילט, וואָס האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט דורכגעפירט דעם מאָרד פאַר אַ באַלוינונג. וועגן דער מיטשולד פון די מיידלעך ביים מאָרד האָט זיך דער עדות סטאַבלינסקי אין גאַנצן פאַרפּלאָנטערט, האָט זיי דאָס געריכט צוליב דעם באַפרייט.

דער פאַרטיידיקער פון די אָנגעקלאָגטע איז געווען פּראָפעסאָר יאָזעף ראָזענבלאַט פון קראָקע, וועלכער איז דענסטמאָל געווען פאַררעכנט ווי דער גרעסטער יוריסט פון פוילן. און עס האָט קיינעם זיך דעמאָלט נישט געגלייבט, אַז עס וועט מעגלעך זיין, אָפּצוראַטעווען די מענטשן פון דער תליה, ווייל די באַשולדיקונג איז געווען אַ נאַטירלעכע און אַזאַ גע־שעעניש האָט געקענט פאָרקומען אַפילו ווען די אָנגעקלאָגטע וואָלטן געווען גוים, אָדער ווען די דערהרגטע וואָלט געווען אַ יידיש מיידל. די „עפנטלעכע מיינונג" האָט אויך נישט געהאַט גאָר נישט אויסצוזעצן קעגן דער אמתדיקייט פונעם פויער סטאַבלינסקי, וואָס האָט דאָך מיט זיין עדות־זאָגן געבראַכט די טויט־שטראָף פאַר זיך אליין.

האָט אָבער דער פּראָקוראָר אין ריישע, וווּ דער פּראָצעס איז פאָר־געקומען, געוואָלט צוגעבן דעם דאָזיקן מאָרד אַ ריטועלן כאַראַקטער, און באַווייזן, אַז ריטער האָט דערהרגט די שיקסע צוליב ריטועלע צוועקן.

דערפאר איז דעם פּאַרטיידיקער געלונגען, אַז דאָס אייבערשטע געריכט אין ווין זאָל בטל מאכן דעם ערשטן אורטייל און באַשטימען אַ נייעם פּראָצעס ביי דעם זעלביקן געריכט, אָבער מיט נייע געשווירענע ריכטער.

ביי דער צווייטער געריכטס־פאַרהאַנדלונג אין ריישע איז געשען דאָס זעלביקע: די צוויי אָנגעקלאָגטע צוזאמען מיט דעם פויער סטאַ־בלינסקי זענען ווייטער פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. פּראָפעסאָר ראָזענבלאט האָט נישט גערוט און באַוויזן, אַז די גאַנצע געריכטס־פאַר־האנדלונג איז געווען אַ פּאַרטייאישע און ער האָט מיט זיין צווייטער אפעלאציע ווייטער אויסגעפועלט ביים אייבערשטן געריכט בטל צו מאכן דעם צווייטן טויט־אורטייל און באַשטימען אַ דריטן פּראָצעס, וואָס זאָל מער נישט פאָרקומען אין ריישע נאָר אין קראָקע.

ביי דער צוגרייטונג צום דריטן פּראָצעס אין קראָקע האָט דער פּראָ־קוראָר פאַנאַנדערגעשיקט אָנפראגן צו אַלע אוניווערסיטעטן אין עסטרייך, מען זאָל „אויסגעפינען יענע געוויסע תלמודישע שטעלע, וואָס הייסט הרגנען שוואנגערע שיקסעס, אויף אַרויסצונעמען ביי זיי די אומגעבוי־רענע פּרוכט צו יידיש־ריטועלע צוועקן“...

דאָס פאַרלאנגען אַזעלכע עקספּערטיזן ווערט געטאָן געוויינטלעך בסוד, נישט אויף אַן עפנטלעכן אופן. האָט אָבער דאָרט ביים לאנדעס־געריכט אין קראָקע געאַרבעט איינער אַ שרייבער, אַ גוי, וועלכער איז געווען אַ גוטער באַקאַנטער פון מיינעם אַ פריינד, איז, כאָטש ער האָט וועגן דעם אינהאַלט פון דער דאָזיקער אָנפראגע נישט געטאָרט גאָר קיינעם דערציילן, האָט ער פון דעסטוועגן איבערגעגעבן צו מיין פריינט אַ קאָפּיע פון יענער אָנפראגע.

איז דעמאָלט די ידיעה וועגן דער אָנפראגע צו די אוניווערסיטעטן־מאַכטהאָבער אָנגעקומען צו מיר. בין איך אויף גיך אַוועקגעלאָפן צו ר׳ חיים ליבוש הורוויץ, וועלכער איז דענסטמאָל געווען מורה הוראה אין קראָקע, אים אויפמערקזאם צו מאכן, אַז יידן טאָרן דעם דאָזיקע ענין נישט פאַרשווייגן, ווייל מען וויל פון ריטערס כלומרשטן פאַרברעכן מאכן אַ נייעם בילבול אויף כלל ישראל.

האָט מיר ר׳ חיים ליבוש הורוויץ דערקלערט, אַז אָן דער צושטימונג פון דער קהילה קען מען דאָ גאָר נישט טאָן. אויסער דעם איז פאַראנען אַ געזעץ, אַז ביי יעדן געריכטלעכן פּראָצעס טאָרן זיך זייטיקע מענטשן גאָר

נישט מישן. דערפאַר וועט ער דעם ענין ברענגען פאַר דער קהילה, ווו ריטערס פּאַרטיידיקער איז אויך אַ מיטגליד. דאָרטן וועט מען שוין באַשליסן, וואָס מען דאַרף טאָן.

האָב איך אָבער געזען, אַז טראָץ דעם וואָס ר׳ חיים ליבוש האָט מיר צוגעזאָגט עטוואָס צו טאָן, רירט נישט קיינער אַ האַנט וועגן דעם דאָזיקן ענין. האָב איך אָבער ביי מיר באַשלאָסן, צו טאָן דאָס נייטיקע אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און איך האָב אָנגעשריבן צום לאַנדס־געריכט אין קראָקע אַ מעמאָראַנדום וועגן דעם בילבול אויף יידן, וועמען מען באַשולדיקט אַז עס איז ביי זיי אַ מצוה צו הרגענען שוואַנגערע קריסטלעכע מיידלעך.

היות איך האָב דעמאָלט נישט געוווסט אַז אַזאַ שריט פון אַ זייטיקן מענטש קען באַשטראָפט ווערן מיט אַרעסט, האָט עס מיך שטאַרק פאַר־דראָסן, וואָס מיין מעמאָראַנדום צום קראָקעווער לאַנדס־געריכט האָט נישט געהאַט דעם געווינטשטן דערפאָלג, פּונקט ווי עס האָט דאָרט אויך נישט געהאָלפן די גלענצנדיקע פאַרטיידיקונגס־רעדע פון פּראָפעסאָר ראָ־זענבלאַט. משה ריטער מיט זיין ווייב צוזאַמען מיט דעם פויער סטאָ־בלינסקי זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום דריטן מאָל ביים קראָקעווער לאַנדס־געריכט צו שטאַרבן אויף דער תליה.

מיין מעמאָראַנדום צום קראָקעווער לאַנדס־געריכט האָט אָבער געהאַט אַ פּעולה אין אַן אַנדערער ריכטונג, ווי איך האָב געוואָלט. אַזוי ווי איך האָב די פּעטיציע נישט אונטערגעשריבן, האָט דער פּראָקוראָר זי אָפּגעשיקט צו דער קראָקעווער קהילה מיט דעם פאַרלאַנג, די קהילה זאָל אויסזוכן דעם שרייבער, בכדי אים געזעצלעך צו פאַרפאָלגן. ביי דער קהילה דאָרט איז געמאַכט געוואָרן אַ חקירה ודרישה און מען איז געקומען צום באַשלוס, אַז נאָר איך קען זיין דער שרייבער פון אַזאַ מעמאָראַנדום.

איז מען דאָרט אויף מיר געוואָרן שטאַרק אין כעס און מען האָט נאָך מיר געשיקט. ווען איך בין געקומען צו דער קהילה, ווו עס איז געווען צונויפגערופן אַ געריכט פון קהילה־פאָרשטייערס איבער מיר און מיינע מעשים. איך האָב דערקלערט די מאָטיוון פון מיין אָנשרייבן דעם מעמאָ־ראַנדום און דערביי אויסגעמוסרט די קהילה־פאָרשטייערס פאַר זייער גלייכגילטיקער האַלטונג צו אַזאַ שרעקלעכן בילבול אויף יידן. די קהילה־לייט האָבן מיר דערקלערט אין וואָס פאַר אַ געפערלעכער אונטערנעמונג

איך האָב זיך דאָ אַרייַנגעלאָזן, און אין מיין בייזיין האָט מען אָנגעשריבן צום לאַנדס־געריכט, אַז די קהילה האָט נישט קיין אַנונג ווער עס האָט אָנגעשריבן דעם מעמאָראַנדום.

איך האָב אָבער נישט גערוט. איך בין דעמאָלט באַקאַנט געווען מיט אַ קריסטלעכן סטודענט מיטן נאָמען ווילטשעק, האָב איך אים געגעבן אַ קאָפּיע פון מיין מעמאָראַנדום צום לאַנדס־געריכט. ער האָט דאָס אָפּגע־דרוקט אויף זיין אייגענעם נאָמען אין אַ גלחישער צייטונג מיטן נאָמען „פּשעגלאָד קאַטאָליצקי". דער פּראָקוראָר האָט קאָנפיסקירט די צייטונג נאָך דעם ווי זי איז שוין געווען פאַנאַנדערגעשיקט צו אירע אַבאָנענטן.

צו דער גאַנצקייט פונעם ענין דאַרף נאָך דאָ דערציילט ווערן, אַז דער פויער סטאַבלינסקי איז געשטאָרבן אין קרימינאַל און פאַר זיין טויט האָט ער זיך מודה געווען, אז ער האָט אליין אָן עמיצנס הילף דערהרגעט די פראַנציסקאַ מניך, ווייל זי איז שוואַנגער געווען פון אים אַליין און זי איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל מיט איר חתונה האָבן, ווי ער האָט איר פריער צוגעזאָגט — און דער ייִד משה ריטער האָט פון דער גאַנצער זאַך גאָר נישט געוווּסט.

דאָס לאַנדס־געריכט אין קראָקע האָט דעמאָלט נישט געוואָלט אָנער־קענען דאָס דאָזיקע עדות־זאָגן אויפן טויטן־בעט. ערשט דאָס העכסטע געריכט אין ווין האָט אָן שום פּראָצעס בטל געמאַכט דעם דריטן טויט־אורטייל אויף משה ריטערן און זיין ווייב און האָט די ביידע אָנגעקלאָגטע באַפרייט.

קאַפּיטל 50

פּרץ סמאָלענסקין

איך האָב פּרץ סמאָלענסקינס שריפטן נישט געהאַט געלייענט ביז צו מיין 17טן לעבנסיאָר. דעם נאָמען סמאָלענסקין האָב איך גוט געקענט און איך האָב אויך געוווּסט, וואָס פאַר אַ „זאכן" ער שרייבט. נאָר געלייענט האָב איך זיי נאָך נישט געהאַט.

אָפטמאָל האָט עס מיך אַפילו שטאַרק פאַראינטערעסירט, ווען מיינע חברים האָבן וועגן אים גערעדט מיט אַ יראת הכבוד פאַר זיין אַרויס־

טרעטן קעגן משה מענדעלסאָן און זיינע אָנהענגער. אָבער אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט געלייענט וואָס ער שרייבט, פלעג איך ביי דער געלע־גנהייט פון אַזעלכע וויכוחים שווייגן.

מיין פאָטער האָט מיר אַפילו אַמאָל געבראַכט צו לייענען דעם „התועה בדרכי החיים", האָב איך אים אָבער תיכף אָוועקגעלייגט פון דער האַנט, ווייל דענסטמאָל האָט ער מיך נישט אינטערעסירט. איך האָב שוין אין מיינע פילאָסאָפישע לעקטורן געהאַלטן ביי דאַרווינען און ביכנערן, האָט מיך נישט געקענט מער אינטערעסירן אַזאַ בוך ווי סמאָ־לענסקינס „התועה".

מעגלעך, אַז די סיבה וואָס דער דאָזיקער „התועה" איז געווען אַזוי שטאַרק אינטערעסאַנט פאַר דער יוגנט פון יענער תקופה, איז ווייל זיי האָבן זיך געמוזט מיט אים היטן פאַר זייערע עלטערן, ווען זיי האָבן דאָס ספר געוואָלט לייענען. אַזוי ווי איך האָב זיך נישט געדאַרפט אויסבאַ־האַלטן פאַר מיינע עלטערן ביים לייענען דעם „התועה", האָט ער מיך פשוט געלאַנגווייליקט.

איינער פון מיינע חברים האָט מיר געבראַכט עטלעכע העפטן „השחר", וווּ עס איז געווען געדרוקט סמאָלענסקיס „עם עולם". דאָס איז געווען אָנהייב ווינטער תרמ"ה. האָב איך דעם דאָזיקן מאמר פאַרשלונגען אין איין אָטעם — און מיינע אָנשויאונגען ווי אַ ייד זענען געוואָרן אין גאַנצן איבערגעאַנדערשט. פריער בין איך שטאַרק גענייגט געווען צו אַפּיקורסות. האָט מיך דער „עם עולם" צוריקגעפירט צום יידישן פאָלק און צו דער טראַדיציע. דער מאמר האָט אַפילו ביי מיר דערוועקט איי־ניקע הארבע קשיות. אָבער אין גרויסן און גאַנצן בין איך פון דעם דאָזיקן מאמר פשוט אַנטציקט געווען, און סמאָלענסקין איז אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן ווי אַ נביא, וואָס מען דאַרף זיך צוהערן צו יעדן וואָרט זיינעם.

ביז איך האָב געהאַט געלייענט דעם „עם עולם", האָב איך געוווּסט, אַז סמאָלענסקין איז עפּעס אַ מין פאַנאַטיקער פון מאָדנע אידעען, וואָס פּאַסן זיך גאָר נישט פאַר מאָדערנע מענטשן. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז ער איז אויך אַ שונא פון בילדונג, וואָס האָט זיך אריינ־געכאַפּט צווישן משכילים, אויף צו שטערן זייערע קולטור־שטרעבונגען. האָב איך אים דערפאַר גענומען לייענען מיט אַ געוויסן פאָראורטייל,

ווייל איך האָב געדענקט, אַז דאָס איז עפּעס אַ מין משכילישער „מחזיקי הדת". אז איך האָב איינגעזען אז איך האָב געהאַט אַ טעות, איז מיין פאָראורטייל צו סמאָלענסקין פאַרוואנדלט געוואָרן ממש אין אַ פאַר־געטערונג.

ווי באַמערקט, איז מיר נישט אַלצדינג אין מאמר „עם עולם" געפעלן און עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט שטעלן קשיות. איך האָב נאָר נישט געהאַט, מיט וועמען צו איבערשמועסן מיינע האַרבע פראַגעכצן, ווייל מיינע חברים, וואָס האָבן דעם מאמר פריער געלייענט, האָבן מיינע פּרעטענזיעס נישט געוואָלט אָנערקענען.

שפּעטער, ווען איך האָב שוין געקוקט אויף סמאָלענסקין מיט מער ניכטערע אויגן, האָב איך איינגעזען, אַז עס איז דאָ אויסצוזעצן אויף אים מער, ווי איך האָב עס פריער געהאַט אין זינען צו טאָן. גלייכצייטיק האָב איך אָבער געזען, אַז עס רעדט צו אונדז פון סמאָלענסקינס פעדער אַ טיף־פילנדיק יידיש האַרץ וואָס עס אַפּעלירט מער צום געפיל ווי צום שכל.

— אָט איז ער דער גרויסער נביא! — האָט אַן אינעווייניקסטע שטימע אין מיר אויסגערופן און עס האָט מיך אָנגענומען אַ חשק צו גיין זען דעם גרויסן נביא, אַוועקזעצן זיך נעבן אים און זיך קוויקן ביי די קוואַלן פון זיינע אידעען.

האָב איך זיך דעמאָלט אַ צייט לאַנג אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק, צו לאָזן זיך אין וועג אַריין קיין ווין, צו באַקענען זיך דאָרט פּערזענלעך מיט פּרץ סמאָלענסקין.

איך האָב זיך אויך באַלד ערנסט גענומען דורכפירן מיין פּלאַן און איך האָב זיך צוגעגרייט צו דער רייזע. די הוצאות, צו קענען קומען קיין ווין זענען שוין ביי מיר דענסטמאָל נישט געווען קיין שטערונג. איך האָב שוין געוווסט, אַז אַ בחור פון מיין שטייגער קען זיך גאַנץ גוט אַרויסלאָזן איבער דער וועלט אָן אַ מזומנעם גראָשן אין קעשענע.

און בעת איך האָב זיך צוגעגרייט צו מיין נייער וואַנדערונג, האָב איך דעם „עם עולם" געלערנט אויף אויסנווייניק, ביז — עס איז מיר אַמאָל אָנגעקומען די שרעקלעכע ידיעה, אַז פּרץ סמאָלענסקין איז דעם ערשטן פעברואר 1885 געשטאָרבן, קוים 43 יאָר אַלט.

ווי פון אַ דונער דערשלאָגן האָט מיך די דאָזיקע נאַכריכט. איבער־

הויפט ווען איך האָב געלייענט, אַז סמאָלענסקין איז געשטאָרבן אין דער פרעמד', ווייט פון זיין פרוי און קינדער. אין מעראַן, ווו ער איז געפאָרן זוכן אַ רפואה צו זיין שווינדזוכט, דאָרט איז אים די נשמה אויסגעגאַנגען אין מיטן נאַכט, ווען ער איז געווען איינער אַליין אין זיין צימער — און ערשט אויפן אנדערן טאָג אין דער פרי האָט מען אים געפונען אַ טויטן, ליגנדיק אויף דער ערד...

דאָרט אין מעראַן איז אויך פאָרגעקומען זיין לוויה, נאָך וועלכער עס זענען נאָכגעגאַנגען אייניקע טובערקולאָז־קראַנקע יידן, וואָס זענען גלייך ווי ער געקומען זוכן היילונג פאַר זייערע קראַנקע לונגען אין יענעם פון גאָט געבענטשטן טיראָלער ווינקל.

אויפגעהערט קלאַפּן דאָס גרויסע פילענדיקע האַרץ, האָט פּלוצים זיך אָפּגעשטעלט. איידער איך האָב געהאַט זכיה דעם ליבן סופר און חוקר צו זען פון דער נאָענט. האָב איך דעמאָלט אין יענער נאַכט ביטער געוויינט, ווי איך האָב נישט קיין מאָל געוויינט פריער אָדער שפּעטער, אַפילו נישט דעמאָלט ווען איך בין געשטאַנעןביים קבר פון מיין האַרציק געליבטן פאָטער, אַפילו נישט דענסטמאָל, ווען איך בין געשטאַנען ביים אָפענעם קבר פון מיין זיבן־יאָריקן זון, נאָך וועמענס טויט עס איז מיר אַ שטיק פון מיין האַרץ אָוועקגעריסן געוואָרן.

אַ גאַנצע נאַכט בין איך דעמאָלט אַרומגעגאַנגען איינער אליין אַהין און צוריק איבער די קראָקעווער גאַסן, אין קעלט און נעציקייט. ביי מיר אין הויז האָב איך געזאָגט, אז איך דאַרף היינטיקע נאַכט פאַרברענגען אינעם בית־המדרש — און ערשט ווען עס איז געוואָרן טאָג, בין איך געקומען אַהיים אַ גייסטיק צעבראָכענער און אַ שרעקלעך פאַרוויינטער.

פרץ סמאָלענסקינס טויט האָט מיך פּשוט דערשלאָגן און אַוועקגע־נומען ביי מיר יעדן חשק צום לעבן. איבערצייגט פונעם „משורר־מספיד“ אינעם „המליץ“, וואָס האָט געשריבן וועגן סמאָלענסקיס טויט: „נסתלק עמוד האש, שכינת אל כבתה“, — האָב איך דערפילט אַ שרעקלעכע ליי־דיקייט אין מיין האַרץ און איך האָב ביי זיך באַשלאָסן, אַז איך מוז אים דאָרט אינעווייניק אין מיין האַרצן אויסבויען אַ מאָנומענט, וואָס זאָל זיך אליין איבערלעבן.

סמאָלענסקיס אומהיימלעכער טויט האָט גאַנץ באַזונדערס מיך גע־מאַכט טרויערן. אָט שטייט אַ נביא אין דער מיט פון זיין פאָלק, זאָגט

זיינע נביאותן און איטלעכער הערט זיך צו אים צו „בדחילו ורחימו״, און אָט שטאַרבט דער זעלביקער נביא אין אַ פרעמדער שטאָט, ווייט פון זיין משפחה און ביי זיין קבר געפינט זיך נישט קיינער, וואָס זאָל פאַרגיסן אַ טרער אויף דעם גרויסן פאַרלוסט.

מער האָט מיר וויי־געטאָן די דאָזיקע אבידה, ווייל איך האָב דענסטמאָל געחלומט וועגן אַ שרייבערישער קאַריערע און איך האָב זיך געטראַכט, אַז ווען דער גורל פון אַזאַ גרויסן שריפטשטעלער האָט זיך געענדיקט מיט אַ קבר אין אַ ווינקל פונעם מעראַנער בית־הקברות, טאָ וואָס קען שוין דערוואַרטן אַ מענטש פון אַ קלענערער באַדייטונג?

ווען איך האָב מיך שפּעטער נאָענטער באַקענט מיט סמאָלענסקינס שריפטן און איך האָב דאָרט געפונען פאַרשיידענע פאַלשע באַגריפן און מיינונגען, וואָס קענען באַטראַכט ווערן ווי בטלנותדיקע נאַרישקייטן, האָב איך אויך דאַן נישט געקענט ענדערן מיין מיינונג וועגן אים, ווייל דער מאָנומענט זיינער אין מיין האַרצן איז ביי מיר געווען פעסטער ווי די קאַרפּאַטן־בערג, שטאַרקער ווי גראַניט און קיין שום קראַפט אין דער וועלט קען נישט וואַקלדיק מאַכן זיינע גרונדפעסטן.

פרץ סמאָלענסקין איז אין מיינע אויגן געבליבן דער גרויסער נביא פאַר אַלע צייטן פון מיין לעבן, כאָטש היינט קוק איך אויף אים מיט אַנדערע אויגן ווי אַמאָל — און דאָרט וווּ איך האָב אַמאָל געזען אין אים אַ גרויסן רעליגיע־פילאָסאָף און געשיכטס־פאָרשער, — זע איך אין אים היינט בלויז אַ פעאיקן זשורנאַליסט מיט אַ שאַרפן היסטאָרישן חוש. באַטראַכט איך אָבער זיין השפעה אויף מיין אידעען־גאַנג, איז ער ביי מיר היינט דער זעלביקער וואָס אַמאָל, ווען זיין „עם עולם״ האָט געלייגט דעם ערשטן ווינקלשטיין צו מיין יידיש־נאַציאָנאַלער איבערצייגונג און האָט באַגרינדעט מיין גלויבן אין דער אייביקייט פונעם יידישן פאָלק...

קאַפּיטל 51

מיין דורכגעפאַלענע אַגיטאַציע צווישן פּויערים

אָנהייב 1886 איז מיר מיין לאַגע אין קראָקע ווייטער ענג געוואָרן. צופעליק האָב איך גראָד דענסטמאָל געהאַט פּרנסה בכבוד פון העברע־אישע לעקציעס אין עטלעכע באַלעבאַטישע הייזער. דערצו האָב איך יעדן טאָג געהאַט צוויי־דריי שעה פרייע צייט, צו קענען פאַרזעצן מיין שטודיום — און איך האָב טאַקע אויך פלייסיק געלערנט. פון דעסטוועגן בין איך מיט מיין לאַגע גאָר נישט געווען צופרידן, כאָטש איך האָב אַליין נישט געוווסט פאַרוואָס.

האָב איך דאָס אַמאָל דערציילט ר׳ עקיבא קאָרניצער, האָט ער מיך צונויפגעפירט מיט איינעם אַ רייכן גוטבאַזיצער פון אַ דאָרף מיטן נאָמען לגאָטא, וואָדאָוויצער קרייז. דער דאָזיקער יידישער גוטבאַזיצער האָט געהאַט אַ זון, אַ „מוסמך״, וואָס האָט אויף אַן אמת געוואָלט ווערן רב, און ער האָט דערצו געדאַרפט קענען געוויסע וועלטלעכע לימודים, וואָס די רעגירונג האָט דענסטמאָל פאַרלאַנגט פון אַן אָרטאָדאָקסישן רב. דער פאָטער זיינער האָט געהאַט אַנגאַזשירט פאַר אים אַ גוישן פּראָפעסאָר, וואָס זאָל מיט אים לערנען.

היות דער פאָמיעשטשיק האָט אויך געוואָלט האָבן נעבן אים אַ יידישן בחור, מיט וועמען זיין זון דער צוקונפטיקער רב זאָל זיך קענען מפלפל זיין, נישט אָפּצולאָזן דאָס לערנען אַפילו אויף איין טאָג, האָט ער פאַר אָט דעם צוועק אויסגעקליבן מיך.

האָב איך דאָרט אין דעם לגאָטא פאַרבראַכט אין פּילפּלען זיך מיט יענעם צוקונפטיקן רב גאַנצע צוויי חדשים, ביז יענער בחור האָט פּלוצים באַקומען אַ נערוון־צוזאַמענברוך און האָט דערפאַר געמוזט אויפהערן יעדעס מין לערנען.

דערווייל האָב איך אָבער אין יענעם דאָרף זיך באַקענט מיט אַ זייער אינטעליגענטן פּויער מיטן נאָמען דזיאַבעק, וועלכער האָט שוין געהאַט אַמאָל שטודירט אין קראָקע און האָט געמוזט אונטערברעכן זיין שטודיום, ווייל דער פאָטער האָט אים גערופן אַהיים פירן די ווירטשאַפט.

איז דער דאָזיקער פּויער געווען אָנגעשטאָפּט מיט ראַדיקאַלע

אידעען — און אַזוי ווי עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז איך קען אים העלפן אין זיינע ראדיקאלע באַשטרעבונגען, האָט ער מיך באַזאָרגט מיט פּרנסה פאַר פיר מאָנאטן צייט און איך האָב גענומען אים העלפן אין אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

צווישן די פּויערים אין יענער געגנט איז דעמאָלט אָנגעגאנגען אַן אַגיטאציע, צו גרינדן אין יעדן דאָרף אַ „קולקא ראָלניטשע" (אגראר־גרופּע) און דאָס האָט אין די לעצטע פיר און צוואנציק יאָר פון דער עסטרייכישער הערשאַפט אין גאַליציע געשפּילט אַ גוואלדיק גרויסע ראָלע, און געהאט אַן השפּעה אויף דער עקאָנאָמיש־פּאָליטישער אַנט־וויקלונג פונעם פּוילישן פּויער.

דורך דער אַגיטאציע פון די גלחים און מיט דער אונטערשטיצונג פון דער רעגירונג זענען די דאָזיקע „אגראר גרופּעס" באַלד ביים אָנהייב פון זייער גרינדונג געוואָרן אַן אַנטיסעמיטישע אינסטיטוציע מיט דער כוונה, אַרויסצורייסן ביי די יידן אין די דערפער דעם ביסן ברויט פונעם מויל. אַזוי ווי דאָס האָט זיך אָבער נישט אויסגעזען תיכף גאַנץ בולט, האָט קיינער נישט געקענט וויסן, וואָס עס וועט אַרויסוואקסן פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע. האָב איך עס דעמאָלט גערעכנט פאַר אַ לויבנס־ווערדיקער טאט, מיטצוהעלפן און מיטצואַרבעטן ביי זייער אָרגאַניזירונג.

לכתחילה האָבן די „אגראר־גרופּעס" געהאט דעם צוועק צו מאָדער־ניזירן און צו פאַרפיינערן דעם אַקערבוי. אַזוי ווי גאַליציע איז שטענדיק געווען אַ לאַנד פון אגריקולטור, פלעגט עס זיך וואַרפן אין די אויגן, וואָס דער סיסטעם פונעם באַאַרבעטן די ערד איז דאָרט דענסטמאָל געווען אַ פּרימיטיווער, אָן מאָדערנע אַגריקולטור־מאַשינען און מאָדערנער טעכניק. און ווען מען האָט דעמאָלט גענומען איינפירן מאַשינען, האָבן זיך די פּויערים נישט געקענט צו זיי צוגעוווינען און עס זענען אויך אין אָנפאנג פאָרגעקומען עטלעכע אומגליקן וואָס מענטשן זענען צוקאַ־ליעטשעט געוואָרן ביי די מאַשינען, וועלכע האָבן ביי זיי אָפּגעריסן איינצעלנע פינגער אָדער גאַנצע הענט. האָבן דעמאָלט די פּויערים דער־קלערט אַז זיי וועלן בשום אופן נישט מער אַרבעטן מיט די מאַשינען, ווייל זיי ווילן נישט זיין קליגער פון זייערע טאַטעס, און זיי ווילן צוליב דעם ווייטער גיין אויף דעם זעלבן וועג, וואָס זייערע טאטעס זענען געגאַנגען.

האָט מען געדאַרפט די פויערים איבערצייגן מיט אַרגומענטן, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן אָפּשרעקן פון די עטלעכע אומגליקן, וואָס האָבן פּאַסירט ביי דער אַרבעט מיט די מאַשינען. אויסער דעם האָבן נאָך די פויערים געהאַט אַ נייגונג, צו זוכן זייער אָפּט אַ געלעגנהייט, אויף צו קענען גיין אין שטאָט אַריין, ווו זיי פלעגן פאַרברענגען די צייט מיט שיכורן און געשלעגן. דערנאָך זענען זיי געלעגן קראַנק און עס האָט אָפּט מאָל גענומען אַ גאַנצע וואָך, ביז זיי האָבן זיך געקענט צוריק נעמען צו זייער געוויינטלעכער אַרבעט.

ווען אַ פויער האָט אָנגעקליבן אַ פונט פּוטער אָדער אויסגעכאָוועט אַ הינדל, איז ער מיט דעם באַלד געלאָפן אין שטאָט אַריין — און האָט זיך נישט קיין מאָל געוואָלט באַרעכענען, אַז די צייט אַליין, וואָס מען פאַרלירט אומזיסט ביים גיין אין שטאָט אַריין, באַטרעפט מער, ווי דאָס וואָס ער קען באַקומען פאַר זיין סחורה.

קעגן אָט דער אומזיסטער פאַרשווענדונג פון צייט האָט זיך געניי־טיקט אָנצופירן אַ קאַמף אַ שטאַרקערן ווי וועגן זייער קעגנערשאַפט צו די מאַשינען — און ווען עס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אַ „אַגראַר־גרופּע" אין לגאָטא, האָב איך זיך מיט מיין גאַנצן כח אַריינגעוואָרפן מיטצוהעלפן.

ווען זיי האָבן געהערט וועגן מיינע אויפטוען אין לגאָטא, האָבן מיך אויך איינגעלאַדן די פויערים פון אַנדערע דערפער פונעם קראָקעווער, וויעליטשקער און וואַדאָוויצער פּאָוויאַט, איך זאָל זיי אויפקלערן וועגן דער באַדייטונג פון די „אַגראַר־גרופּעס" און זייער נוצן פאַר די פויערים.

אָבער אַזוי ווי די גלחים פון יענע מקומות האָבן געהערט וועגן מיינע אויפטוען, האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ ענערגישער אַגיטאַציע אויף זייער שטייגער — און אַנשטאָט צו באַלערנען דעם פויער, נישט צו פאַרשווענדן זיין צייט מיט פוסטע זאַכן און צו פאַרשטיין די נוצן פון אַ מאָדערניזירטן אַקערבוי, — האָבן זיי דעם פויער דערציילט, אַז דאָס גרעסטע אומגליק פאַר אים איז דער ייד. דאַרף מען זיך דערפאַר אויסהיטן פון קויפן ביי יידן אָדער פאַרקויפן צו יידן, פונקט ווי מען דאַרף זיך נישט צוהערן צו דעם, וואָס יידן זאָגן, ווייל יידן פאַרגיפטן דעם מוח פונעם פויער מיט זייערע גלאַטיקע ריידעלעך און ווענדן אָפּ זיין האַרץ פון דער אמונה.

איך האָב זיך גראַד איינגעשפּאַרט צו גיין אין אַ קאַמף קעגן יענע גלחים און מיין גויאישער פריינט דזיאבעק איז געווען מיט מיר. האָבן זיך די גלחים פון דער גאַנצער סביבה צונויפגענומען אויפצוטרעטן מיט כח קעגן אונדזער ביידנס טעטיקייט. זיי האָבן אַרויסגעלאָזן אַ קלאַנג, אַז דער דזשיאבעק האָט זיך מיר צוליב מגייר געווען און איז געוואָרן אַ ייד. און ווען זיי האָבן געזען, אַז דאָס ווירקט נישט אויף די פּויערים, האָבן זיי אַרונטערגעבראַכט דעם סטאַראָסטע פון וואַדאָוויץ, וואָס האָט דאָרט אין דאָרף געגרינדעט אַ קריסטלעך געוועלב, די גוים זאָלן נישט דאַרפן גאָר קויפן ביי יידן. און ווען דזשיאבעק האָט דערקלערט די פּויערים, וואָס פאַר אַ זינד זיי באַגייען, ווען זיי פאַרשווענדן זייער צייט אומזיסט און ווען זיי ווילן זיך נישט אויסלערנען ארבעטן מיט אַקערבוי־מאַשינען, האָט אים איינער אַ פּויער אָפּגעענטפערט, אַז ער טוט אַ גרעסערע עבירה וואָס ער חברט זיך מיט אַ ייד...

איך בין אויך געוואָר געוואָרן, אַז עס איז אָנגעקומען אין לגאָטא אַ גרויסע געלט־אונטערשטיצונג פון דער לעמבערגער לאַנדס־רעגירונג, אויף צו קענען פירן אין יענעם דאָרף אַ קריסטלעך געוועלב, אַז מען זאָל נישט דאַרפן גאָר קויפן ביי יידן — און געקומען איז דאָס דאָזיקע געלט צום סטאַראָסטא פאַר דער „אַגראַר - גרופּע", וואָס איך האָב געגרינדעט.

בין איך תיכף אַוועקגעפאָרן קיין לעמבערג אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם טעות פון דער רעגירונג און גלייכצייטיק האָב איך דאָרט גע־וואָלט אויפקלערן, אַז דער פון לעמבערג אונטערשטיצטער אַנטיסעמיטיזם מאַכט קאַליע די טענדענץ פון די „אַגראַר־גרופּעס". איך בין אין לעמ־בערג אַרומגעלאָפן פון טיר צו טיר, צום רב, ר' הירש אָרענשטיין, צום לאַנדמאַרשאַל זיבליקיעוויטש, צום פּרעדיקער לעווענשטיין און צום דע־פּוטאַט ד"ר בערנאַרד גאָלדמאַן, צום אַנטיסעמיט טעאָפיל מערונאָוויטש און צום ראַדיקאַלן פּוילישן זשורנאַליסט הענריק רעוואַקאָוויטש.

אַלעמען האָב איך געוואָלט באַווייזן, אַז מען שעדיקט די אידעע פון די אַגראַר־גרופּעס, באַלד ווי מען פאַרמישט זיי מיט אַנטיסעמיטיזם. איך האָב אָבער אומעטום געטראָפן אויף טויבע אויערן, אומפאַרשטענדלעך זענען געווען מיינע אַרגומענטן פאַר די יידן, אַפילו פאַר די יידישע פּאָ־ליטיקער. און די גוים, מיט וועלכע איך האָב גערעדט, האָבן מיך פשוט אויסגעלאַכט. איך בין דעמאָלט אַלט געווען קוים 17 יאָר.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון לעמבערג מיט ליידיקע הענט, האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אויפסנייַ צווישן די פויערים פאַר די טענדענצן פון די „אגראַר־גרופּעס״, לויט ווי איך האָב זיי באַגריפן. איז דעמאָלט פּלוצים אויסגעבראָכן אַ קאַמף צווישן מיר און דעם גלח פון לגאָטא.

געווען איז דאָס אין אַ זונטיק, האָט דער גלח געפּרעדיקט אין דער קירכע, אַז דאָס גאַנצע אומגליק פונעם פויער איז דער ייד, וואָס באָדט זיך אין אַלעם גוטן און נוצט אויס דעם פויערים שווייס און בלוט. האָבן מיר מיינע גויאישע פריינד איבערגעגעבן דעם גלחס ווערטער. האָב איך דאַן נאָכמיטיק צונויפגערופן די פויערים אין דער אָרטיקער קרעטשמע און איך האָב דאָרט פּאָלעמיזירט מיטן גלח.

זענען עטלעכע פויערים שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן איבער מיינע רייד און זענען צוגעשפּרונגען צו מיר מיט שטעקענעס און מיט פויסטן. אַנדערע האָבן אַפילו געוואָרפן ליידיקע פלאַשן אין מיין ריכטונג — און האָבן מיר נישט געטראָפן.

עס האָט זיך דאַן אַנטוויקלט אַ געשלעג צווישן יענע פויערים, וואָס האָבן קעגן מיר רעוואָלטירט און מיינע אָנהענגער. מיינע אָנהענגער האָבן דערשמעקט די געפאַר פון דער סיטואַציע. זיי האָבן מיך געכאַפּט אויף די הענט און אַרויסגעטראָגן פון דער קרעטשמע.

און ווען איך האָב זיך געזען אין דרויסן אַ גאַנצן אויף אַלע מיינע רמ״ח אַברים, האָב איך געמאַכט אַ ברכה „שלא עשני גוי״, ווייל די גוים פוןביידע צדדים זענען געווען שטאַרק צעשלאָגענע...

וואָלט מיך פון דעסטוועגן יענער פאַרפאַל נישט אָפּגעשראָקן פון מיין ווייטערער אַרבעט, ווען עס זאָלן נישט געווען קומען זשאַנדאַרן מיט אַ באַפעל פונעם סטאַראָסטע, מיך צו אַרעסטירן, ווייל איך מאַך „אומ־געזעצלעכע פאַרזאַמלונגען״, וואָס באַאומרואיקן די געגנט.

דאָס האָט מיך איבערצייגט, אַז די אומשטענדן זענען שטאַרקער פון מיר און מען קען קעגן זיי נישט קעמפן מיט לאָגיק און גוטן ווילן — און אַזוי ווי איך האָב דאָס איינגעזען, האָב איך תיכף פאַרלאָזן דאָס דאָרף.

קאַפּיטל 52

איך פיר אַ קאַמף קעגן „נישט - גוטע“

ענדע 1886 האָב איך אָנגענומען אַ שטעלע ווי אַ לערער אין אַ דאָרף מיטן נאָמען וויסאָקיע, וואָס געפינט זיך צווישן לימאַנאָוו און סאַנדז.

האָבן זיך דאָרט אינעם וויסאָקיער הויף פּלוצים באַוויזן „שדים“, וואָס האָבן פאַראומערט דאָס לעבן און אָנגעיאָגט אויף אַלעמען אַזאַ פּחד, ווי מען קען זיך גאָר שרעקלעכער נישט פאָרשטעלן.

יעדן טאָג, פון פאַרנאַכט אָנגעהויבן, ביז די הענער האָבן פאַרטאָג געקרייעט, האָט מען געהערט באַראַבאַנעווען אויפן בוידעם, גלייך ווי עס זאָל זיך דאָרט האָבן באַזעצט אַ גאַנצער רעגימענט פּאַקוסניקעס. עטלעכע שעה אין דער נאַכט האָט עס דאַן געוואָרפן אַקעגן די פענצטער מיט אַזעלכע קליינע שטיינדעלעך, וואָס האָבן געלעכערט די שויבן פון די פענצטער אַזוי קונציק־לענגליך, ווי עס וואָלט דאָס אַן אינזשעניער נישט געקענט בעסער אויסמעסטן. דערנאָך האָבן זיך פון הינטערן הויז געהערט משונהדיק־ווילדע געלעכטערס און אַ מיאַוקעריי ווי פון מיליאָנען קעץ.

קאָנצענטרירט האָט זיך דער דאָזיקער ספּעקטאַקל ספּעציעל אויף דער לינקער זייט פונעם הויז, ווו עס האָבן זיך געפונען די שלאָפצימערן פון דער גאַנצער פאַמיליע. דאָרט האָב איך אויך געהאַט מיין לערן־צימער דאָרט פלעגט מען זיך אויך צונויפקומען יעדן שבת און יום־טוב צו דאַווענען בציבור און טאַקע דאָרט האָט זיך אַמאָל דער אַלטער סאַנדזער צדיק ר׳ חיים האַלבערשטאַם באַהאַלטן אין צייט פון דער מגפה.

געווען איז דאָס אין 1873 — ווען די מגפה האָט געבושעוועט איבער אַלע שטעט און שטעטלעך אין גאַליציע, איז ר׳ חיים סאַנדזער אַנטלאָפן קיין וויסאָקיע, אָפּצוראַטעווען זיך אין דער גוטער דאָרפס־לופט. זענען אים דעמאָלט נאָכגעלאָפן הונדערטער חסידים און דער הויף אין וויסאָקיע איז געוואָרן ווי אַ „פיליאַלע“ פונעם רבינס הויז אין סאַנדז. האָבן די פּויערים פונעם דאָרף מורא געקראָגן, די מגפה זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן ביי זיי אין דאָרף, האָבן זיי באַשלאָסן, צו הרגענען דעם רבין און אַוועקצוטרייבן זיינע חסידים צוריק אין שטאָט אריין.

זיי זענען דעמאָלט אָנגעפאַלן ווי רוצחים אויף גרשון וויסאָקיערס

הויף מיט העק און קאָסעס אין אַ צייט, וואָס אַלע מאַנצבילן פונעם הויף זענען נישט געווען און עס איז נאָר געווען אין הויז די פרוי פון גרשון וויסאָקיער. זענען באַלד די חסידים אַנטלאָפן פונעם הויף — און איטעלע, גרשון וויסאָקיערס ווייב, האָט פאַרשטעלט דעם רבין מיט איר קערפּער, אַז די פויערים האָבן אים אַזש גאָר נישט געזען.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווי באַלד עס האָבן זיך באַוויזן „שדים" אין דעם וויסאָקיער הויף, האָט מען גאָר גיך אָנגענומען „שטרענגע מיטלען" אַקעגן זיי. קודם האָט אַ סופר־מומחה איבערגעקערט די מזוזות פון אַלע טירן — און כאָטש זיי זענען אַלע געווען כשר, האָט מען פון דעסטוועגן צוליב גרעסערער זיכערקייט צוגעקלעפּט נייע מזוזות. דערנאָך האָב איך אָנגעשריבן אַ שטאַרק „קוויטל" צום אַלטן סאַנדזער צדיק, מען זאָל דאָס אַוועקלייגן אויף זיין קבר — און דאָרט אין יענעם קוויטל האָב איך אים דערציילט וועגן אַלעמען, וואָס עס קומט איצט פאָר אין דעם חלק הויז, וווּ ער האָט מיט פערצן יאָר צוריק פאַרבראַכט אַ גאַנצן זומער און גע־פונען דאָרט שוץ אַקעגן דער מגפה.

מיט דעם דאָזיקן „קוויטל" מיינעם איז גרשון וויסאָקיער אַליין אָפּ־געפאָרן קיין סאַנדז און האָט עס מיט זיינע אייגענע הענט אַוועקגעלייגט אויפן קבר פונעם אַלטן צדיק. און ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס העלפט נישט, איז גרשון וויסאָקיער אַריינגעגאַנגען צום ממלא מקום פונעם אַלטן צדיק, צו ר' אהרן האַלבערשטאַם, וואָס האָט געהייסן אַרויסנעמען אַלע דייטשע און פּוילישע ביכלעך פונעם הויז — און ווען דאָס האָט אויך נישט געהאַט קיין ווירקונג, האָט דער רבי געהייסן פאַר־קלאַפּן דאָס הויז און איבערלאָזן עס פאַר די „נישט־גוטע", וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט.

האָבן זיך דעמאָלט די גואישע פּאַראָבקעס און שיקסעס פונעם הויף געווענדעט צום גלח, ער זאָל זען אָפּצוראַטעווען דאָס הויז פון די „נישט־גוטע". איז דער גלח געקומען אָנגעטאָן די „בגדי כהונה" מיט אַ גרויסן צלם אין האַנט — און נאָך דעם ווי ער האָט באַשפּריצט דאָס גאַנצע הויז פון אַלע זייטן מיט „ווײַ־וואַסער", האָט ער אַלעמען געגומען אויף אַ פאַרהער, טאָמער וועט אים געלינגען, געוואָר צו ווערן דעם סוד פון דער פּלוצימדיקער שליטה, וואָס די „נישט־גוטע" האָבן געקראָגן איבער דעם הויז.

און אַזוי ווי דאָס אַלצדינג האָט גאָר נישט געהאָלפן און די „נישט־גוטע" האָבן גאָר אדרבה מיט יעדן יאָר פאַרשטאַרקט זייער שליטה איבער גרשון וויסאָקיערס הויז, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אומקאָנטראָ־לירבאַרע קלאַנגען וועגן דעם גאַנצן ענין. גוים האָבן אַרויסגעלאָזן אַ שמיעה, אַז גרשון וויסאָקיער האָט פאַרקויפט זיין נשמה צו די „שדים", וואָס פלעגן אים כסדר ברענגען געלט. זענען זיי איצט געקומען אָפּנעמען דאָס געלט אָדער צונעמען ביים יידן די נשמה. יידן אָבער האָבן געטענהט, אַז דאָס קומט פאַר צוליב דער גרויסער זינד, וואָס מען האָט דאָרט אַמאָל געוואָלט שלעכטס טאָן צום אַלטן צדיק, ר' חיים האַלבערשטאַם.

דריי וואָכן צייט האָב איך זיך נישט אָנגערופן קיין וואָרט וועגן דער גאַנצער סומאַטאָכע מיט די „נישט־גוטע". איך האָב איבערהויפּט מורא געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם דאָזיקן ענין, וויל ווען איך זאָל געווען אַרויסזאָגן מיין מיינונג, נאָך דעם ווי דער רבי און להבדיל דער גלח האָבן די פראַגע ערנסט באַהאַנדלט, וואָלט מען מיך דאָרט זיכערלעך צורעכט־געמאַכט...

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר דאָרט געלערנט לויטער פרומע זאַכן: חומש, רש"י און משניות ברכות. מיר האָבן אויך דאָרט געגעסן פרישטיק און מיטיק, געוואַשן זיך געהעריק צו יעדער מאָלצייט און געבענטשט. דערנאָך האָבן מיר דאָרט געדאַוונט מנחה. אָבער באַלד נאָך מנחה זענען מיינע תלמידים שרעקלעך אומרואיק געוואָרן און איך האָב זיי נישט מער געקענט צוריקהאַלטן. זענען מיר דעמאָלט געגאַנגען פאַרזעצן דאָס לערנען אינעם אַנדערן חלק הויז, וווּ מיר האָבן געגעסן נאַכטמאָל און מיר זענען געגאַנגען שלאָפן.

געשלאָפן זענען מיר אַלע אינעם אַנדערן חלק הויז. לכתחילה האָב איך אַפילו געוואָלט שלאָפן דאָרט וווּ די „שדים" האָבן געשאַלטעוועט. האָט מען מיך נישט געלאָזט צוליב דער מורא, איך זאָל דאָרט חלילה נישט געשעדיקט ווערן.

דערווייל איז דער פחד פון די מענטשן געוואָרן זייער שטאַרק און מען האָט שוין פשוט געהאַלטן ביי פאַרמאַכן דאָס גאַנצע הויז און אַרויסציען זיך אין אַן אַנדער הויז, וווּ עס האָבן דעמאָלט געווינט די שיקסעס און די פאַראַבקעס.

ערשט דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן, אַז איך מוז דאָ דערגיין דעם

ריכטיקן אמת וועגן די „נישט־גוטע". זענען „שדים" ווירקלעך טאַקע פאַראַן אויף דער וועלט און האָבן רוחות באמת אַ שליטה איבערן מענטשן, ווייל איך דאָס זען מיט מיינע אייגענע אויגן, איך וויל זיך אַליין איבערציייגן, וואָס פאַר אַ געהיימע כחות עס שטעקן אין די „נישט־גוטע"...

איך האָב דאַן פאַרבראַכט עטלעכע נעכט איינער אליין אין יענעם חלק הויז, ווו עס האָבן די „נישט־גוטע" געהאַט די ממשלה...

ווי עס פאַרשטייט זיך אויך, בין איך געווען אַ גוט באַוואָפנטער מיט אַלע מעגלעכע כלי־זיין: אויפן לייב האָב איך געהאַט אָנגעטאָן אַ כשרן טלית־קטן מיט סטראָפּקאָוועך ציצית און איך האָב זיך אפילו נישט אויף אַ שריט אַ ריר געטאָן אָן אַ יאַרמולקע...

ביי טאָג האָט מען מיך געלאָזט שלאָפן עטלעכע שעה, ווייל איך האָב געוואָלט וואכן דורך די נעכט און לערנען. איך האָב אויך דענסטמאָל דורך פינף לאַנגע נעכט אויסגעלערנט גאַנץ מסכת „עבודה זרה" מיט תוספות און מהרש"א. אויסער דעם האָב איך אויך געלערנט אַ ביסל „זוהר" און „תיקונים".

זיצנדיק אַזוי גאַנצע נאַכט איינער אליין, איז אויף מיר אַפילו אָנגע־פאַלן אַ געהיימער פחד — און אין דער צייט, וואָס עס האָט אין דרויסן שוידערלעך געמיאוקעט, געדראַפּעט די ווענט און געקלאַפּט אין פענצטער, האָב איך אָפּטמאָל חשק געהאַט, צו אַנטלויפן פונעם צימער. האָב איך זיך אָבער יעדעס מאָל געשטאַרקט און איך האָב נישט געוואָלט צוריקטרעטן, ווי לאַנג איך בין נישט דערגאַנגען דעם ענין פון די „נישט גוטע".

פרייטיק־צו־נאַכטס האָב איך נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט די „נישט־גוטע", ווייל איך האָב געוווסט, אַז פרייטיק־צו־נאַכטס האָבן די „נישט־גוטע" אַ גרעסערע שליטה ווי אַ גאַנצע וואָך. אויסער דעם האָב איך מורא געהאַט, דער לאָמפּ זאָל מיר נישט אין אַזאַ נאַכט פלוצים ווערן אויסגעלאָשן און איך וועל אים נישט קענען אָנצינדן. אָבער שבת ביינאַכט האָט זיך שוין געפונען אַ באַהאַרצטער גוי, וועלכער האָט זיך אונטערגע־נומען צו זיצן מיט מיר איניינעם די גאַנצע נאַכט.

בין איך פון דעם געווען שטאַרק צופרידן, ווייל איך האָב געוווסט, אַז דאָס צוזאַמען־זיצן פון אַ גוי מיט אַ יידן איז זייער גוט מיטל אַקעגן „נישט־גוטע". האָב איך דעמאָלט געלייענט ערנסט קריאת־שמע און מיט אַ באַזונדערער כוונה האָב איך געקוועטשט דעם „מימיני מיכאל ומשמאלי

גבריאל". דער גוי האָט אויך זייער פרום אָפּגעזאָגט זיינע תפילות און כמעט ביי יעדן וואָרט האָט ער זיך באַקרייציקט.

, דערנאָך האָב איך זיך אַוועקגעזעצט לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות און ווי עס דאַכט זיך, האָב איך דעמאָלט געוואָלט אָנהויבן לערנען מסכת פסחים. איז דער גוי באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער עט־לעכע מינוט שפּעטער, איידער איך האָב זיך נאָך רעכט דערוואַרעמט אין מיין לערנען, האָט זיך דער גוי אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף מיט אַ געשריי און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

בין איך געבליבן אַ זייער דערשראָקענער און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך זע אַלערליי שדים און רוחות. האָט דאָס מיך שוין דערנאָך געקאָסט זייער פיל מי, צו קענען בלייבן אין צימער ביז דער האָהן האָט געקרייעט. דערנאָך אויפן אַנדערן טאָג בין איך געלעגן אין פיבער, האָט מען מיך שוין נישט געוואָלט לאָזן אריינגיין אין יענעם חלק הויז.

אליין פאַר זיך האָב איך זיך אויך איינגערעדט, אַז איך האָב מיר מיין שטראָף כשר פאַרדינט, ווייל איך האָב געוואָלט זיין קליגער פון אַלעמען.

מאָנטיק גאַנץ פרי איז גרשון וויסאָקיער אַוועקגעפאָרן צו גראַף סטאַדניצקי, וואָס איז געווען דער אייגנטימער פון וויסאָקיע, אים צו מעלדן, וואָס עס טוט זיך אין זיין הויף. האָט דער גראַף אַוועקגעשיקט קיין וויסאָקיע אַ הויפּט־פאַרוואַלטער מיט נאָך צוויי מענטשן, זיי זאָלן פּערזענלעך אונטערזוכן די לאַגע, איידער ער וועט זיך אַנטשליסן, וואָס מען דאַרף דאָ טאָן.

זענען גראַף סטאַדניצקיס מענטשן אָנגעקומען מאָנטיק פאַרנאַכט אין וויסאָקיע, האָב איך זיך מיט זיי אַוועקגעזעצט דוקא אין יענעם חלק הויז פון די „נישט־גוטע", זיי צו דערציילן געענוי אלצדינג, וואָס עס טוט זיך. האָט מען אַריינגעבראַכט פאַר די מענטשן בראָנפן, ביר און די בעסטע מאכלים. שפּעטער איז אַריינגעקומען דער עקאָנאָם פונעם הויף מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ אין האַנט, און בשעת ער האָט אריינגע־בראַכט דעם לאָמפּ און דעם גראַפס מענטשן זענען געווען פאַרנומען מיטן עסן און טרינקען, האָב איך באַמערקט, ווי דער עקאָנאָם מאַנעווורירט מיט די הענט, האַלטנדיק דעם לאָמפּ — און אין דער זעלבער מינוט וואָס ער

האָט אַוועקגעשטעלט דעם אָנגעצונדענעם לאָמפּ אויפן טיש, האָט ער מיט דער לינקער האַנט אַ שליידער געטאָן אַ קליין שטיינדל צום פענצטער, פון וועלכן עס האָט אַ שויב געקראַכט.

בין איך באַלד צו דעם עקאַנאָם צוגעלאָפן, האָב אים אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל און אַ געשריי געטאָן: „דו ביסט דער נישט־גוטער! דו מאַכסט דאָ די גאַנצע סומאַטאָכע!"

דער איבערגעשראָקענער עקאַנאָם האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויף מיר מיט די פויסטן. האָבן זיך אים דעם גראַפס מענטשן אַקעגנגעשטעלט מיט געלאָדענע רעוואָלווערן אין דער האַנט — און נאָך דעם ווי איך האָב זיי דערקלערט, וואָס איך האָב באַמערקט, האָבן זיי געזוכט ביים עקאַנאָם אין קעשענע און געפונען אַ מאַסע קליינע שפּיציקע שטיינדעלעך און אַ פייפל מיט אַ משונהדיקן קול. דער עקאַנאָם האָט געטענהט, אַז איך בין זיין שונא און איך האָב אים אַריינגעלייגט די דאָזיקע אַלע זאַכן אין קעשענע. דעם גראַפס מענטשן האָבן זיך אָבער נישט געוואָלט גאָר צו־הערן צו זיינע טענות — און נאָך דעם ווי זיי האָבן אים געבונדן, האָבן זיי אים באַלד אַוועקגעפירט אין שטאָט.

יענע נאַכט זענען שוין מער נישט געווען קיין „נישט־גוטע" אין ווי־סאָקיע.

שפּעטער איז אויך אַרויסגעקומען, אַז אַ שכנישער פּריץ האָט דעם וויסאָקיער עקאַנאָם געגעבן געלט אויף זיין ספּעקטאַקל, ווייל ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אויף אַזאַ אופן קענען אַרויסטרייבן דעם ייִד גרשון וויסאָקיער פון זיין הויף און אַליין איבערנעמען די „פּאָסעסיע" פונעם גראַף סטאַדניצקי...

קאַפּיטל 53

ר׳ ישעיה מאיר שפּירא פון טשאָרטקאָוו

אין דער צייט, וואָס איך בין געווען אין וויסאָקיע, האָב איך זיך דורך אַ באַזונדערער געלעגנהייט באַקענט מיט אַ טשאָרטקאָווער אינטעליגענט, וואָס איז געווען „קאָמיסאַר״ אין דער סאַנדזער באַצירקס הויפּטמאַנשאַפט (סטאַראָסטוואָ) און ער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט ווי אַ טשאָרטקאָווער „שאַפּירניק״.

דער נאָמען פון דעם דאָזיקן קאָמיסאַר איז געווען וויינער. מיט יאָרן פריער האָט ער געדינט אין דער באַצירקס־הויפּט־מאַנשאַפט פון טאַרנאָפּאָל און דערנאָך איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין סאַנדז.

האָט מיר דער דאָזיקער ייד דערציילט די אינטערעסאַנטסטע געשיכטעס וועגן דעם טשאָרטקאָווער רב, ר׳ ישעיה מאיר שפּירא, ווי אויך וועגן די גרויסע מחלוקותן, וואָס דער רב פירט אָן אַקעגן חסידים און די חסידישע רביים.

ווי אַ „מתנגד״, בין איך שטאַרק פאַראינטערעסירט געוואָרן אין דער פּערזאָן פון אַזאַ ר׳ ישעיה מאיר שפּירא און איך האָב זייער געגאַרט צו באַקענען זיך מיט אים. אין יענער צייט בין איך געווען באַהערשט פון אַ גרויסן חשק צו קעמפן פאַר דער „השכלה״. האָט עס זיך מיר זייער געוואָלט גלייבן, אַז ווען איך וועל זיך פאַרבינדן מיט אַזאַ מענטש ווי ר׳ ישעיה מאיר פון טשאָרטקאָוו, וועלן מיר ביידע קענען אַ סך אויפטוען פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אויפקלערונג צווישן אונדזערע יידן אין גאַליציע.

האָב איך דעמאָלט אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו ר׳ ישעיה מאירן, וו איך האָב אים פאָרגעלייגט אַ ברייטן טעטיקייט־פּלאַן, לויט וועלכן ער האָט געדאַרפט ווייטער אָנפירן זיין קאַמף אין מזרח־גאַליציע און איך האָב געוואָלט אָנפירן דעם זעלבן קאַמף אין מערב־גאַליציע.

ר׳ ישעיה האָט מיר געענטפערט, אַז מען האָט מיר שלעכט אינפאָרמירט וועגן זיינע קאַמפן, פונקט ווי מען שאַצט איבער זיינע כחות, ווייל ער איז שוין אַלט 58 יאָר און די שטענדיקע מחלוקתן וואָס ער איז געצוווּנגען אָנצופירן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג צווישן יידן, האָבן אים שטאַרק אויסגעמוטשעט — און געענדיקט זיין בריוו האָט ער

מיט די ווייטערדיקע ווערטער: „לא ככחי אז כחי עתה, ולא אוכל עוד לצאת ולבא לפני צאן מרעיתי, ואתה איש צעיר לימים, מלא כח עלומים, ע״כ אומר, לך בכחך זה והושע את עמך״, וואָס וויל זאָגן אין יידיש: מיין קראַפט איז נישט מער ווי אַמאָל און איך קען נישט מער אָנפירן מיין סטאַדע, אָבער דו ביזט אַ יונגער מענטש, פול יוגנטלעכער קראַפט, זאָג איך דיר דערפאר, גיי אָן מיט דיין קראַפט, צו העלפן דיין פאָלק!...

נישט לאַנג דערנאָך (י״ג טבת תרמ״ז) איז ר׳ ישעיה מאיר שפּירא געשטאָרבן — און איך האָב זייער באַדויערט, וואָס איך האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט, צו באַקענען זיך מיט אַזאַ מערקווירדיקער פּער־זענלעכקייט. דער אויבן־דערמאָנטער קאָמיסאַר פון דער סאַנדזער באַ־צירקס־הויפּט־מאַנשאַפט האָט מיך שפּעטער אינפאָרמירט, אַז דער העברעאישער שריפטשטעלער ד״ר דוד שפּירא אין דינאַבורג איז אַ זון פון ר׳ ישעיה מאיר. האָב איך צו אים באַלד געשריבן אַ בריוו און עס האָט זיך דאַן אַנטוויקלט צווישן אונדז אַ פּריינטשאַפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ, ביז ד״ר שפּירא האָט מיר צוגעשיקט זיינס אַ בראָשורקע מיט אַן אָנגריף אויף די „חובבי ציון״. דערנאָך בין איך געוואָרן געוואָר וועגן ד״ר שפּיראס טאָכטער, די העברעאישע דיכטערין שרה שפּירא (די פאַרפאַסערין פון „אל טל ואל מטר״) — אַן אייניקל פון ר׳ ישעיה מאיר.

עטלעכע מאָל האָב איך נאָך אין יענעם יאָר געהאַט די געלעגנהייט, צונויפצוקומען מיט קאָמיסאַר וויינער פון דער סאַנדזער באַצירקס־הויפּט־מאַנשאַפט, וואָס פלעגט מיר תמיד איבערגעבן פאַרשידענע מאָמענטן פון ר׳ ישעיה מאירס לעבן — און פון זיינע שילדערונגען האָב איך זיך צוזאַ־מענגעשטעלט אַ בילד פון דעם פאַרשטאָרבענעם ר׳ ישעיה מאיר שפּירא, גלייך ווי איך זאָל אים האָבן געקענט פערזענלעך.

ר׳ ישעיה מאיר שפּירא איז געווען אַ געבוירענער אין דער מזרח־פּרייסישער שטאָט מעמעל. ווי אַזוי און פון וואַנען עס זענען זיינע על־טערן דאָרט אַהין פאַרוואַלגערט געוואָרן, האָב איך קיין מאָל נישט גע־קענט געוואָר ווערן. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, האָבן זיינע עלטערן זיך אַריבערגעצויגן קיין סאָקאָל אין גאַליציע און ווען איך האָב געוואָלט געוואָר ווערן, ווי אַזוי און צוליב וואָס דאָס איז געשען, אַז מענטשן וואָס האָבן שוין געוווינט אין אַזאַ שטאָט ווי מעמעל, זאָלן פּלוצים פאַרוואַל־גערט ווערן אין אַזאַ פּיצטער שטעטל ווי סאָקאָל, ווו די וועלט איז

דעמאָלט געווען ווי „פאַרשלאָגן מיט ברעטער“, האָט מען מיר דערקלערט, אַז זיי האָבן ערגעץ געהאט אָפּגעדונגען אַ שטיקל „פּאָסעסיע“ אַרום סאָקאַל און דערנאָך זענען זיי שוין געבליבן וווינען אין יענעם שטעטל.

און ווען מען האָט געוווינט אין אַזאַ שטעטל ווי סאָקאַל, האָט מען שוין דעם בחור חתונה געמאַכט צו זיבעצן יאָר מיט דער טאָכטער פון אַ גביר אין ציעשאַנאָוו. דאָרט איז ר׳ ישעיה מאיר געוואָרן אַ סוחר, אַ כלל־טוער און אַ מיטארבעטער פון העברעאישע צייטונגען.

האָט מען זיך דעמאָלט געווענדעט פון דער טשאָרטקאָווער קהילה צו ר׳ ישעיה מאירן, וואָס איז שוין אַלט געווען דרייסיק יאָר, ער זאָל קומען ווערן רב אין טשאָרקאָוו. איז ער צו דעם מרוצה געוואָרן, ווען די קהילה אין טשאָרטקאָוו וועט זיין וויליק צו וואַרטן, ביז ער וועט האָבן דורכגע־מאַכט אַ קורס פון צוויי יאָר פילאָסאָפיע אויף דער לעמבערגער אוני־ווערסיטעט. די טשאָרטקאָווער קהילה האָט מסכים געווען צו דעם דאָזיקן תנאי — און נאָך דעם ווי ר׳ ישעיה מאיר האָט דורכגעמאַכט דעם פילאָ־סאָפישן קורס איז ער אין 1860 אָנגעקומען פאַר רב אין טשאָרטקאָוו אין עלטער פון צוויי און דרייסיק יאָר.

טשאָרטקאָוו, איינע פון די עקסטרעמסטע ווינקל־שטעט אין מזרח־גאַליציע, איז דעמאָלט געווען אַ שטאָט פון וועלטלעך אַנטוויקלטע יידישע סוחרים, וואָס האָבן אָנגעפירט גרויסע מסחרים מיט דייטשלאַנד און רוסלאַנד. האָט זיך זיי פאַרגלוסט, צו האָבן ביי זיך א געבילדעטן רב, מיט וועלכן זיי זאָלן קענען שטאָלצירן אַקעגן אַנדערע שטעט.

האָט זיך אָבער פּלוצים פאַרשטאַרקט דאָס חסידות אין טשאָרטקאָוו און די חשובים פון דער שטאָט האָבן פאַרבעטן דעם פּאָטאָקער רבין, ר׳ דוד משה פרידמאַן, אַ זון פון ר׳ ישראלטשע רוזשינער, צו קומען וווינען אין טשאָרטקאָוו. האָט זיך אָפילו ר׳ ישעיה מאיר אין דער התחלה גע־פּרוווט צו דערנענטערן זיך צום רבין, ווייל עס האָט זיך אים דורכאויס געוואָלט האָבן שלום אין שטאָט. האָבן אָבער די חסידים געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע דערנענטערן זיך צום רבין איז נישט ערלעך געמיינט, ווייל ר׳ ישעיה מאיר וויל בלויז קריגן אַ דריסת הרגל ביים רבין אין הויז, כדי ר׳זאָל אים קענען שפּעטער באַקעמפן. האָבן די חסידים אָנגעהויבן פירן אַ מלחמה קעגן ר׳ ישעיה מאיר מיט געשלעגן און מסירות, ווי ערגער קען מען זיך דאָס נישט פאָרשטעלן. די קהילה האָט באַלד אויפגעהערט צאָלן

דעם רב זיינע שכירות — און אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין דאָס דאָזיקע אָנצוהערעניש, אז מען וויל אים נישט מער האָבן אין שטאָט, האָט מען אים אין אַ געוויסן פרייטיק נאָכמיטיק אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה, וועלכע האָט באַלאַנגט צו דער קהילה.

ערשט דענסטמאָל האָט זיך אָרגאַניזירט אַ חברה „שאַפּירניקעס", אָנהענגער פון ר' ישעיה מאיר שפּירא. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַזוי ווי די דאָזיקע צוויי צדדים האָבן זיך נישט אונטערשידן מיט גאָר נישט חוץ מיט זייערע מיינונגען, האָבן זיך אַמאָל צוויי יידן פון די צוויי צדדים אָנגעכאַפּט ביי די פּאות און איינער האָט דעם אַנדערן אַזוי שטאַרק געריסן, ביז ער האָט ביים אַנדערן אַרויסגעריסן איין פּאה מיט די וואָרצלען — און עס איז שוין דער אַנדערער געבליבן אַ ייד מיט איין פּאה ביז צום סוף פון זיין לעבן, ווייל די אויסגעריסענע פּאה איז ביי אים קיין מאָל נישט צוריקגעוואקסן.

אַזוי ווי די קהילה האָט אויפגעהערט צאָלן שכירות ר' ישעיה מאירן, האָט ער געמוזט זוכן אַן אַנדערן מקור פאַר פּרנסה און ער האָט אָנגעהויבן פירן אַ מסחר מיט פּערל און דיאַמאַנטן, ווי ער האָט דאָס אַמאָל געפירט, ווען ער איז געווען אין ציעשאַנאָוו אַ יונגער מאַן נאָך דער חתונה. האָט זיך אים אָבער דאָס איצט נישט איינגעגעבן און נעמען „קצבה" אויף פּרנסה ביי זיינע אָנהענגער האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט. זהאָבן דעמאָלט די „שאַפּירניקעס" געגרינדעט פאַר זיינעטוועגן עפּעס אַ מין „פאָלקסבאַנק", וואָס איז געווען באַשטימט צו געבן ביליקן קרעדיט צו אָרעמע בעלי־מלאכות. ער האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער באַנק פאַר די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן און האָט פון איר אַרויסגעצויגן זיין פּרנסה בצמצום.

סיי ווי אַ רב און סיי ווי אַ באַנקיר האָט ר' ישעיה מאיר געווידמעט די מערסטע צייט פונעם טאָג פאַר כלל־אַרבעט: פאַר קינדער־דערציאונג, פאַר העלפן אָרעמע לייט צו פּרנסה און פאַר אָרגאַניזירן די בעלי־מלאכות אין שטאָט. און ווען ער פלעגט פאַרטיק ווערן מיט זיין כלל־אַרבעט, פלעגט ער זיך ערשט אַוועקזעצן צום שרייבטיש, צו פאַרשפּרייטן זיינע אידעען צווישן די יידן פון מחוץ טשאַרקאָוו.

קאַפּיטל 54

דער סאַנדזער אפּיקורס

באַלד אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין וויסאָקיע, וועלכעס איז אַ דאָרף אין דער סאַנדזער געגנט, איז מיר אָפטמאָל נמאס געוואָרן דאָס זיצן אין דאָרף און ארויסקוקן פון די פענצטער אויף די אָרעמע הייזקעס פון דער סביבה און די גרויסע בלאָטעס פון די וועגן, אין וועלכע אַלע טאָפּטשען זיך ביז צום גארטל. פלעג איך דאַן אנטלויפן פונעם דאָרף אין שטאָט אריין אויף אַ טאָג אָדער צוויי.

סאַנדז איז שוין דענסטמאָל געווען אַ האַלב־ציוויליזירטע שטאָט, ווו מען פלעגט כסדר באַגעגענען פאַרשיידענע מענטשן, דייטש־געקליידעטע מיט אַ האַרטן קאַלנער און אַ שליפס. זענען דאָס אָבער ס׳רוב נישט געווען קיין סאַנדזער געבוירענע, נאָר אַריבערגעקומענע פון אונגארן אָדער מענטשן פון אַנדערע גאַליציאַנער שטעט, וואָס האָבן געפירט מסחרים מיט אונגארן.

חוץ דעם איז נאָך געגאַנגען דייטש געקליידעט אַ באַלבירער, אַ בוכ־האַלטער און אַ משרת אין אַ געוועלב. זענען דאָס געווען פשוטע יידן, וואָס זענען נישט געשטאַנען אין קיין שום נאָענטער באַציאונג צו די אזוי אָנ־גערופענע „קהילה־דייטשן": עטלעכע יידישע דאָקטוירים און אדוואָקאטן, וואָס זענען אין די ענינים פון יידישקייט געשטאַנען כמעט „מחוץ למחנה" און זיי זענען טראָץ דעם געווען די פירער פון דער סאַנדזער קהילה און די פאָרשטייערס פון כלל ישראל לגבי די גוים.

איינער פון יענע „קהילה־דייטשן" פלעגט אַרויסגיין יעדן שבת מיט אַ ציגאַר אין מויל פונקט דענסטמאָל ווען יידן זענען געגאַנגען פונעם דאַוונען, בלאָזנדיק דעם רויך פון זיין ציגאַר די פרומע יידן אין די אויגן אַריין. האָט דאָס אים פון דעסטוועגן נישט געשאַט, צו ווערן שפּעטער דער פּרעזידענט פון דער סאַנדזער קהילה.

מערקווירדיק איז אויך, אַז די דאָזיקע „קהילה־דייטשן" האָבן טראָץ זייער הפקרדיקער אויפפירונג געהאַט אַ גרויסע חשיבות ביי אַלע יידן אין שטאָט — און די פרומסטע יידן אַפילו האָבן נישט געזען קיין חסרון אינעם פריינדשאַפטלעכן פאַרקער מיט די קהילה־דייטשן. געוואָרנט האָט

מען מיך בלויז פאַר אַ פאַרקער מיט אַ געוויסן אפיקורס, דעם איינציקן אין שטאָט, וואָס מאַכט קאַליע אַלע חסידישע בחורים און איז געפּערלעך פאַר יעדן, וואָס קומט מיט אים אין באַרירונג.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזעלכע וואָרענונגען האָב איך מיט אַלע מיינע חושים געגאַרט צו באַקענען זיך פון דער נאָענט מיט דעם דאָזיקן אַפּיקורס, וואָס מען האָט מיך פאַר אים אַזוי שטאַרק געוואָרנט. איז דאָס געווען אַ ייד אַ למדן און זייער אַ פרומער, אַנגעטאָן שטרענג חסידיש און די קינדער זיינע האָט ער אויפגעצויגן ערלעך - פרום אין בית־המדרש, נישט חלילה אין „שקאָלעס“.

מנחם אליעזר מאַלער האָט דער דאָזיקער מענטש געהייסן און אַלט איז ער דעמאָלט געווען כמעט דריי מאָל אַזוי פיל ווי איך, פון דעסטוועגן האָב איך מיט אים גאָר גיך זיך באַפריינדעט און אַ לאַנגע ריי יאָרן זענען מיר געווען איינער צום אַנדערן ווי ברידערלעך פאַרקניפּט און צוגעבונדן.

געווען איז ער אַ מוכר ספרים און ווי אַזעלכער האָט ער געקראָגן אַלע ספרי השכלה און העברעאישע צייטונגען. דאָס איז געווען די שטאַרקסטע צוציאונגס־קראַפט פאַר יונגע בחורים, וואָס האָבן זיך ביי אים אין הויז צונויפגעקליבן, צו לייענען די ספרי השכלה און די צייטונגען.

פון דעם דאָזיקן מסחר האָט ער אָבער נישט געהאַט גענוג אויף פרנסה, האָט ער געדאַרפט ציען חיונה פון אַנדערע מקורים און צו אָט דעם צוועק האָט ער אַרויסגעגעבן דעם אַלטן סאַנדזערס „הקפות לשמחת תורה“.

מנחם אליעזרס פאָטער איז געווען אַ „יוצא ונכנס“ ביים אַלטן סאַנדזער צדיק ר׳ חיים האַלבערשטאַם. האָט אים דער אַלטער צדיק איי־בערגעגעבן צום דרוקן זיינע „הקפות“ מיט אַלע סודות און רמזים, וואָס ער איז מכוון בשעת די הקפות. פלעגט דעמאָלט אונדזער מנחם אליעזר דרוקן יעדעס מאָל אַ נייע אויפלאַגע און מאַכן דערפון אַ לעבן.

ר׳ יחזקאלע שיניאַווער, דעם אַלטן צדיקס בכור, פלעגט אַפילו זאָגן, אַז מאַלערס „הקפות“ זענען נישט די אמתע הקפות פון זיין פאָטער — אין געוויסע סאַנדזער חסידים האָבן געטענהט, אַז מאַלער פעלשט דעם אַלטן צדיקס הקפות, ווייל ער טוט אין זיי אַריין שטיקער „אפיקורסות“... האָט פון דעסטוועגן סיי דער שיניאַווער און סיי דער סאַנדזער ממלא

ר׳ מנחם אליעזר מאהלער

(1922 — 1842)



הרב ר׳ ישעיהו מאיר שפירא

(1887 — 1828)

מקום פונעם אַלטן צדיק נישט געוואָלט אַרויסקומען אָפן קעגן מאַלערס הקפות. בײדע האָבן זײ געלאָזט אָפשרײבן דעם אַלטנס הקפות בײ אַ סופר מומחה און יעדן שמחת־תורה האָבן זײ געפּראַוועט די הקפות פונעם געשריבענעם, כדי נישט צו דאַרפן באַנוצן מאַלערס געדרוקטע הקפות.

חוץ די הקפות האָט נאָך מנחם אליעזר מאַלער געצויגן חיונה פון די אַזוי אָנגערופענע „חסידישע קאָרטן". חנוכה און ניטל פלעגט מען בײ אונדז מתיר זײן צו שפּילן קאָרטן. טאָר מען אָבער נישט שפּילן מיט געווײנטלעכע קאָרטן, ווײל קאָרטן זענען בילדער פון „קליפות". האָט מאַלער געמאַכט כשרע קאָרטן מיט ציפערן און מיט בילדער. מיט די־אַ קאָרטן פלעגט מען דעמאָלט שפּילן אין די גרעסטע חסידישע הײזער.

ווען איך האָב זיך שפּעטער נענטער באַקענט מיט מנחם אליעזר מאַלער און איך האָב נישט געקענט באַגרײפן די סיבה, וואָס חסידים מורמלען קעגן אים, האָב איך מיך געסטאַרעט צו דערגײן, דעם פּאַרוואָס דערפון, אפשר האָבן די חסידים ווירקלעך רעכט. האָט מען מיר געזאָגט, אַז אין דעם שטעקט טאַקע די קונץ פון דער „סטרא אחרא" וואָס מען איז נישט בכח צו כאַפּן מאַלערן בײ וועלכער ס'איז עבירה. אַזאַ ייד ווי מאַלער באַלאַנגט איבערהויפּט צו אַ באַזונדערן קלאַס אַפּיקורסים, וואָס זענען לפנים פרומע יידן — און מען דאַרף זיך פאַר זײ אויסהיטן ווי פאַר פײער...

דאָס גאַנצע לעבן זײנס האָט מנחם אליעזר מאַלער געווידמעט פאַר אַן אויסגאַבע פונעם „ספר חסידים", וואָס ער האָט אָפּגערײניקט פון אַלערלײ דרוקפעלער, וואָס האָבן זיך דאָרט אָנגעקליבן אין די פאַרשײדענע דרוקן, לויט אַ קאָפּיע פון עטלעכע אַלטע מאַנוסקריפּטן פונעם „ספר חסידים", וואָס געפינען זיך אין די ביבליאָטעקן פון פאַרמאַ, פאַריז און ווירצבורג.

מיט דער גרעסטער מי האָט ער די דאָזיקע מאַנוסקריפּטן פונעם „ספר חסידים" געלאָזט אָפּשרײבן דורך געניטע סופרים, וואָס קענען לײענען אַלטע כתב־יידן. אויסער דעם האָט ער נאָך אָנגעשריבן אַ גרויסע הקדמה וועגן דעם ווערט פונעם ספר חסידים און אַ ביאָגראַפיע פונעם מחבר ר' יהודה החסיד פון רעגענסבורג, וואָס ער האָט אויסגעפונען, אַז ער איז דער אמתער מחבר פונעם „ספר חסידים". צוגלײך האָט ער אויך אָנגעשריבן די ביאָגראַפיע פון ר' יהודה חסיד מסיר ליאון, וואָס גרעניץ

זאָגט וועגן אים, אַז ער איז דער אייגנטלעכער מחבר פונעם „ספר חסידים".

אַ פערטל יאָרהונדערט האָט מאַלער פאַרבראַכט ביי דער באַאַרבע־טונג פונעם ספר חסידים, צו וועלכן ער האָט אויך געשריבן אַ פּירוש. אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער אויך איבערזעצט אין העב־רעאיש אַלצדינג, וואָס ד"ר גידעמאַן האָט געשריבן וועגן דעם דאָזיקן ספר (לאַנגע יאָרן איידער עס איז דערשינען פרידבערגס „התורה והחיים"). איין קאַפּיטל פון דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך געדרוקט (אין 1891) אינעם דריטן באַנד „אוצר הספרות".

פיל מאָל האָט אויך ד"ר אברהם בערלינער צוגעזאָגט, אַז די חברה „מקיצי נרדמים", וואָס געבן אַרויס אַלטע ספרים אין נייע אויסגאַבן, וועט נעמען מאַלערס „ספר חסידים" צום דרוקן. לסוף האָט אים מאַלערס אַרבעט נאָר איבערצייגט וועגן דער וויכטיקייט פונעם „ספר חסידים" — און ווען עס האָבן די „מקיצי נרדמים" ענדליך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם „ספר חסידים", האָט מען איבערגעגעבן די אַרבעט צו יהודה הכהן וויסטינעצקי.

פון מאַלערס „ספר חסידים" איז דעמאָלט דערשינען די דערמאָנטע ביאָגראַפיע פון ר' יהודה החסיד מרעגענסבורג און ר' יהודה חסיד מסיר ליאָון, צוזאַמען מיטן ערשטן קאַפּיטל פונעם מוסר־ספר.

ביי מאַלערן אין הויז האָב איך געפונען דריי פאַרשיידענע מאַנוס־קריפּטן פונעם אַלטן „מעשה תלוי", וועלכן איך האָב דעמאָלט וויסנ־שאַפטלעך באַאַרבעט און מאַלער האָט מיר אויך געגעבן דאָס נייטיקע געלט פאַרן דרוק. איך זאָל דאָס קענען אַרויסגעבן אונטערן נאָמען „חלקת מחוקק". דערנאָך האָט ער אַליין אַרויסגעגעבן די זעלביקע כתב־ידן מיט זיינע אייגענע אָנמערקונגען אונטערן נאָמען „תולדות המחוקקים הנוצרים".

קומענדיק אָפט צו מאַלערן אין הויז, האָב איך זיך באַקענט מיט עטלעכע ליטעראַריש־פעאיקע בחורימלעך, צווישן וועלכע עס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיין פריינד הירש רומעלד (דעם סאַנדזער שוחטס אַ זון), וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעך פליסיקע פעדער אין העברעאיש. חוץ קאָרעספּאָנדענציעס און פעליעטאָנען אין פאַרשי־

דענע העברעאישע צייטונגען, האָט ער איבערזעצט בערטא זוטנערס ראָמאַן קעגן מלחמה מיטן נאָמען „הלאה הנשק״.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט רומעלד אָנגעפירט אַ האָטעל אינעם גאַליציישן קוראָרט זאַקאָפּאַנע, ווו ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נאַציס, וועלכע האָבן פאַרענדיקט זיין לעבן צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע.

דורך דער פאַרמיטלונג פון מנחם מאלער האָב איך זיך שפּעטער, אין דער צייט פון מיין אינטענסיווער קהילשער טעטיקייט אין לעמבערג, באַקענט מיט נפתלי מאיר ראַקער, וועלכער איז געווען איינער פון די צום מערסטן אָפּפערווילּיקע ציוניסטן אין סאַנדז און ווין — און פריער נאָך האָט ער מיך יאָרן־לאַנג מיט אַ ברייטער האַנט אונטערשטיצט ביי פילע פון מיינע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען.

קאַפּיטל 55

אין אַ צוזאַמענשטויס מיטן ווישניצער רבין

ווישניצע איז אַ פינצטער ווינקל־שטעטל אין מערב־גאַליציע (נישט צו פאַרוועקסלען מיט וויזשניץ אין דער בוקאָווינע). איז דאָס דאָזיקע שטעטל געווען פאַר עטלעכע יאָר צייט אַ שטיקל יחסנטע אין דער חסי־דישער וועלט, ווייל עס האָט דאָרט געוווינט אַ רבי, דעם אַלטן סאַנ־דזער צדיקס אַן אייניקל — ר׳ שלמה האַלבערשטאַם זצ״ל.

אָט דער ר׳ שלמה איז צוערשט געווען רב אין אָשפּיצין. דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין ווישניצע (אויפן אָרט פון זיין עלטער־זיידן, דעם „ברוך טעם״) און צולעצט איז ער געווען רב אין באָבאָווע. אין אָשפּיצין האָט ער נישט געקענט בלייבן צוליב מחלוקות און ווייל די פאַרשטייער פון דער אָשפּיצינער קהלה זענען שוין דעמאָלט געווען געניינגט צו „מאָ־דערניזם״ און האָבן דורכאויס געוואָלט האָבן אַ געשטודירטן רב.

בטבע איז ר׳ שלמה האַלבערשטאַם געווען אַ נדבן ווי זיין זיידע, דער אַלטער סאַנדזער צדיק, וועלכער פלעגט צעטיילן הונדערטער טויזנטער צו אָרעמע חסידים און אַליין האָט ער אָנגעפירט זייער אַ קאַרג לעבן. ר׳ שלמה האַלבערשטאַם איז אויך געווען אַ גאון ווי זיין זיידע און זיין

דרך אין חסידות איז געווען באַגרינדעט הויפּטזעכלעך אויף לערנען ש״ס ופּוסקים.

גראַד אין יענער צייט האָב איך אין מיינע אַנטי־חסידישע איבערציי־גונגען געליטן פון אַן איבערברוך. פון איין זייט איז מיר דאָס חסידות, ווי ווייט איך האָב דאָס געקענט זען אין סאַנדז, אַ ביסל געפעלן געוואָרן. פון דער אַנדערער זייט האָב איך זיך אָבער נישט געקענט באַפרייען פון מיין משכּילישער אַנשויאונג, אַז חסידות איז „פינצטערניש״ און אַ חסי־דישן רבין דאַרף מען באַקעמפן, ווי ווייט עס לאָזט זיך.

אין יענער צייט בין איך אויך עפּעס פּלוצים געוואָרן אַ גרויסער חשוב ביי די יידן פון דער גאַנצער סאַנדזער סביבה. די אַנטפּלעקונג מיינע וועגן די „נישט־גוטע״ אין וויסאָקיע, האָט מיר געגעבן אַ פּראָמי־נענטן פּרעסטיזש ווי אַ „חכם״, איז איידער איך האָב זיך רעכט אומגע־קוקט, בין איך געוואָרן אַ בורר אין סוחרישע סכסוכים און אַ בעל־יועץ אין עניני פּרנסה, כאָטש איך האָב דאָס נישט געוואָלט ווערן און איך האָב געטריבן די מענטשן פון זיך.

פּלוצים איז דעמאָלט צו מיר געקומען אַ ייד פון אַ דאָרף לעבן סאַנדז מיטן נאָמען מאַרינגער און ער האָט מיר דערציילט די ווייטער־דיקע געשיכטע:

זייט דרייסיק יאָר האַלט ער אַ קרעטשמע ביי אַ „פּאָסעסאָר״, וואָס האַלט אַ געדונגען אַ גוט און ער האָט אויך געהאַט דאָס רעכט, צו פּאַרדינגען די קרעטשמע אין זיין דאָרף. מ א ר י נ ג ע ר ס טאַטע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די זעלביקע קרעטשמע און דער גויאישער פּריץ, וואָס האָט דעמאָלט אַליין אָנגעפירט זיין ווירטשאַפט, האָט רעספּעקטירט די דאָזיקע חזקה. וויפיל עס זענען נישט געקומען מענטשן, דינגען די קרעטשמע, האָט זי דער פּריץ קיינעם נישט געוואָלט פּאַרדינגען, ווי לאַנג יענער קרעטשמער לעבט. איטלעכער האָט אויך גע־ווּוסט, אַז מאַרינגער האָט פון זיין קרעטשמע שיין פּרנסה, אַז ער האָט שטענדיק געהאַלטן די בעסטע מלמדים צו זיינע קינדער און ער האָט געשטרעבט, צו טאָן מיט זיי די שענסטע שדוכים.

— ווי דו קוקסט מיך אָן — האָט מיר דער ייד דערציילט — בין איך אַ חסידישער מענטש און ביים הייליקן צדיק, — ווי מען פּלעגט ביי

אונדז רופן דעם אַלטן ר׳ חיים סאַנדזער, — בין איך געווען אַ שטיקל השוב. נאָר איצטער, זייט דער הייליקער צדיק איז נסתלק געוואָרן, פאַר איך ניט מער צו קיינעם. איך רעכן, אַז „משמת ר׳ חיים, כבו המאורות״, אַז זייט ר׳ חיים איז נסתלק געוואָרן, איז פאַרלאָשן געוואָרן דאָס ליכט פון דער וועלט, האָב איך שוין נישט, צו וועמען צו פאָרן, בפרט זייט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מחלוקותן צווישן די חסידים פונעם צדיקס קינדער. האָב איך זיך פון דעמאָלט אָן געזאָגט: „מי אנכי, כי אכניס את ראשי בין שני הרים גבוהים?״ (ווער בין איך, וואָס איך זאָל גיין אַריינ־שטעקן מיין קאָפּ צווישן צוויי הויכע בערג.) און איך האָב זיך פאַרגע־נומען, נישט צו פאָרן צו קיינעם. און היות אַ חסידישער מענטש מוז דאָך ערגעץ־ווו פאָרן, קום איך יעדעס יאָר צום הייליקן צדיקס יאָרצייט און איך לייג אַוועק אַ קוויטל אויף זיין קבר. קומט פלוצים מיין פּאָסעסאָר, אַ ייד, וואָס דאַרף רעספּעקטירן „חזקה״ און פאַרדינגט מיין קרעטשמע צו אַ ווישניצער חסיד. אָט די קרעטשמע, ווו איך זיץ שוין זייט דרייסיק יאָר און מיין טאַטע עליו־השלום איז נאָך דאָרט אין יענער קרעטשמע געזעסן און איך, פאַרשטייסטו מיך, האָב אין דער דאָזיקער קרעטשמע אָפּגעלעבט מיינע בעסטע יאָרן, געהאַט דאָרט שיין פּרנסה, געגאַנגען דריי, פיר מאָל אַ יאָר מיט אַ קוויטל צום הייליקן צדיק, געגעבן אים שיינע פּדיונות, חתונה געמאַכט קינדער צו גאָט און צו לייט. היינט גיי אויף די אַלטע יאָרן זוכן אַ נייע פּרנסה. בין איך געגאַנגען און האָב גע־נומען מיין פּאָסעסאָר צו אַ דין־תורה, טאַקע צום ווישניצער רבין. האָט דער ווישניצער רבי אויסגעהערט אונדזערע ביידנס טענות און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסק־דין, אַז מיין פּאָסעסאָר זאָל מיר געבן טויזנט רייניש פאַר מיין חזקה און זאָל מעגן פאַרדינגען די קרעטשמע צו וועמען ער וויל. האָב איך אויף דעם געענטפערט, אַז איך וועל דעם פּאָסעסאָר מיי־נעם געבן טויזנט רייניש און פון מיין קרעטשמע וועל איך נישט אַוועק־גיין, ווען עס זאָל מיך אפילו קאָסטן מיין לעבן...

אַ מינוט איז דער ייד שטיל געבליבן אין זיין דערציילונג. די גע־שיכטע האָט אים זייער אויפגערעגט און ער האָט נישט געהאַט גענוג כוח צו באַהערשן זיין אויפרעגונג, גלייך ווי ער וואָלט נישט פאַרמאָגט גענוג ווערטער, אויף אויסצודריקן די גרויסע עוולה, וואָס איז אים גע־שען. האָט ער בלויז אַ רעזיגנירטן מאַך געטאָן מיט דער האַנט — און

נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס מיט זיין פּאַטשיילע, האָט ער ווייטער דערציילט:

— הערנדיק פון מיר אַזאַ תשובה, איז דער רבי אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס און האָט מיך אָנגעהויבן סטראַשען, אַז ווען איך וועל נישט אַוועקגיין פון דער קרעטשמע מיט גוטן, וועט מען מיך פון דאָרט אַוועקפירן, וואָס מיינט, אַז איך וועל חלילה שטאַרבן. האָב איך אויף דעם געענטפערט, אַז אויב עס איז אויף מיר נגזר געוואָרן, איך זאָל אַוועקגיין פון דער וועלט, וועל איך גיין, אָבער פון מיין דרייסיק־יאָריקער חזקה אויף דער קרעטשמע וועל איך מיט מיין גוטן ווילן נישט מוחל זיין!...

— און ווי האַלט עס אַצינד? — בין איך געווען פאַראינטערעסירט, צו הערן דעם סוף.

— ווען סטו הערן, וואָס דער אייבערשטער קען טאָן — האָט דער ייד געענטפערט אויף מיין שאלה — פאַרט זיך מיין פּאָסעסאָר אַהיים פריש און געזונט און שטאַרבט אין דער זעלביקער נאַכט, וואָס ער האָט געוואונען די דין־תורה. אַנשטאָט וואָס איך האָב געדאַרפט שטאַרבן, לויט ווי דער רבי האָט מיך געסטראַשעט, איז גאָר מיין פּאָסעסאָר געשטאָרבן. איצט ווילן דעם פּאָסעסאָרס קינדער מקיים זיין דעם ווישניצער רבינס פסק־דין און ווילן מיך אַרויסוואַרפן פון מיין קרעטשמע!...

האָט מיך די דאָזיקע געשיכטע שרעקלעך אויפגעקאָכט, איז אַנשטאָט וואָס דער מאַרינגער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אָנשרייבן אַ בריוו צום ווישניצער רבין און אים בעטן, ער זאָל ענדערן זיין פסק־דין, האָב איך דעם ייד איינגערעדט, אַז עס וועט זיין בעסער, איך זאָל אָנשרייבן אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער גאַנצער אָנגעלעגנהייט צום „המגיד“, וועט זיך דער רבי שעמען מיט זיין פסק־דין און ער וועט אים אַליין צוריק־ציען.

באין ברירה האָט דער ייד צוגעשטימט צו מיין מיינונג — אַזוי ווי מיין קאָרעספּאָנדענץ איז געדרוקט געוואָרן, האָט זי אַרויסגערופן דאָס קעגנטייל פון דעם, וואָס איך האָב געוואָלט.

איבער קראָקע און סאַנדז ביז קיין לעמבערג האָט זיך אויפגעהויבן קעגן מיר אַ שטורעם וואָס האָט באַדראָט מיין גאַנצע עקזיסטענץ. צענד־ליקער בריוו זענען אָפּגעשיקט געוואָרן צום „המגיד“, אָפּצולייקענען דאָס

גאַנצע געשעעניש. האָט זיך דער רעדאַקטאָר פונעם „המגיד" פאַר אַזאַ בהלה שטאַרק דערשראָקן און ער האָט מיך עפנטלעך אויסגעזידלט, וואָס איך האַלט נאָך פון אויסטראַכטן בילבולים אויף חסידים.

צוליב יענער קאָרעספּאָנדענץ האָב איך אָבער אויך געקראָגן סילע נייע אָנהענגער. אַ חברה משכילים אין קראָקע האָט מיר צוגעשיקט אַ גרויסן אָנערקענונגס־בריוו, ווו זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי שטעלן זיך אַלע אונטער מיין פירערשאַפט. אַן אַנדערע חברה משכילים אין סאַנדז האָט מיר געשיקט אַ מתנה: מאַפּוס „עיט צבוע", געבונדן אין פראַכטבאַנד מיט אַ ווידמונג „לכבוד הכהן לאלהי ההשכלה והתושיה". צופרידן פון מיין טאַט איז אויך געווען מיין פאָטער, וועלכער האָט מיר אין זיינע בריוו צוגעגעבן מוט צו מיין קאַמף קעגן חסידות און זייערע רביים.

נישט געשוויגן האָבן די ווישניצער חסידים. קודם זענען אָנגעקומען צענדליקער בריוו צו מיין ברויטגעבער, ווו איך בין געווען הויזלערער, אַז מען זאָל מיך אַרויסטרייבן פונעם הויז, ווייל אַנישט וועט מען זיך פאַרזינדיקן קעגן גאָט און זיין תורה. מיין ברויטגעבער פון דעמאָלט איז אָבער געווען אַ ליבעראַלער מענטש און אַ קעגנער פון חסידות, האָט ער שטאַרק אָנגעקוואָלן פון מיינע מעשים. ער האָט נאָר בלויז איינגע־װענדעט, אַז די מעטאָדע פון מיין קאַמף קען נישט האָבן קיין ווירקונג, ווייל וואָס מער מען וועט באַקעמפן חסידות מיט מיינע אַרגומענטן, וועט דאָס חסידות פריש פאַרשטאַרקט ווערן.

אין סאַנדז גופא האָבן חסידים באַשלאָסן, מיך צו רודפן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, ביז עס וועט מיר נמאס ווערן דאָס לעבן אין דער סאַנדזער סביבה. האָבן מיך אַמאָל עטלעכע חסידישע בחורימלעך באַ־וואָרפן מיט שטיינער, האָב איך זיך געראַטעוועטביים סאַנדזער רב. ר' אהרן האלבערשטאַם, אין הויז.

דאָרט ביים רב אין הויז האָב איך געפונען אַ גוטן פריינד אין דער פּערזאָן פונעם רבס אייניקל, יקותיאל האלבערשטאַם, וועלכער האָט דורכ־אויס געוואָלט האָבן מיט מיר שלום. האָט ער תיכף אַרויסגעשיקט דעם שמש, אָוועקצוטרייבן די שטיינער־וואַרפערס. דערנאָך האָט ער געוואָלט אַרויסקריגן אַ כתב פונעם ווישניצער רבין, אַז איך האָב מיט מיין קאָ־רעספּאָנדענץ אינעם „המגיד" נישט געזינדיקט קעגן זיין כבוד.

אַט דער יקותיאל האַלבערשטאַם, וועלכער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן ווי אַ חסידישער רבי אין אַ דייטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער איז געווען אַ גדול בש״ס ופוסקים און אַ בקי אין דער גאַנצער השכלה־ליטעראַטור, אַזוי אַז עס איז נישט געווען קיין שטיקל משכילישע „שיימע״, וועלכע ער זאָל נישט האָבן געלייענט. יעדן טאָג פלעגט ער קומען צום מוכר־ספרים מאהלער, לייענען וואָס די משכילים שרייבן — און אַזוי ווי ער האָט נישט גערעדט מיט די בחורימלעך ביי מאהלערן, האָט קיינער נישט געקענט זיינע געדאַנקען.

האָט מיר יקותיאל האַלבערשטאַם געהייסן אָנשרייבן אַ שאלת־תשובה צום ווישניצער רבין, ווו איך זאָל אים כלומרשט פרעגן זיין מיינונג ביי אַזאַ מין „חזקה״, ווי מאַרינגער האָט אויף זיין קרעטשמע — און ווי ער וואָלט געפסקנט, ווען אַזאַ פאַל וואָלט ביי אים פאָרגעקומען.

הוץ לזה האָט יקותיאל האַלבערשטאַם אין אַ ספּעציעלן בריוו צום ווישניצער רבין געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט, אַז דער פסק־דין זיינער האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע קעגנערשאַפט און פיל איינפלוסרייכע חסידישע קרייזן ווילן זיין פסק־דין נישט אָנערקענען, זאָל ער דערפאַר מיין שאלת־תשובה נישט איגנאָרירן.

איך האָב געפאָלגט יקותיאלס עצה, אָבער אַזוי ווי מיין בריוו צום ווישניצער רבין איז נישט געווען געשריבן מיט הכנעה, האָט ער אַרויסגערופן דאָס קעגנטייל פון דעם, וואָס איך האָב באַצוועקט. האָב איך באַקומען אַ תשובה, געשריבן פונעם ווישניצער רבינס גבאי בזו הלשון:

„מכותלי מכתבך נראה, כי אינך פחמי. אבל את אשר רצית להשיג מכבוד האדמו״ר שליט״א, לא תשיג לעולם וכבר אמר המלך החכם „אל תען״, אעפ״כ ידוע תדע, כי אין לכבוד האדמו״ר שליט״א כל תרעומות נגדך ואם תשוב בתשובה שלמה מדרכך הרע אשר בחרת יקבל אותך האדמו״ר שליט״א בזרועות פתוחות...״

דערווייל איז אויך איינגעשטילט געוואָרן דער כעס פון די סאַנדזער חסידים קעגן מיר און מען האָט כמעט ווי פאַרגעסן די עוולה, וואָס איך בין באַגאַנגען קעגן דעם ווישניצער רבין מיט מיין קאָרעספּאָנדענץ צום „המגיד״.

קאפיטל 56

פוילישע אסימילאציע אויף העברעאיש

כמעט אלע אונדזערע משכילים אין די 80קער יארן פונעם 19טן יארהונדערט זענען געווען אויסגעשפּראכענע אסימילאנטן, כאטש זיי האבן דאס נישט בפירוש ארויסגעזאגט. בכלל איז דעמאלט ביי משכי־לים געווען איינגעפירט צו ריידן אין א פארנעפּלטן לשון, כדי עס זאל ארויסקומען דאס קעגנטייל פון דעם, וואס מען האט געוואלט זאגן. איט־לעכער האט געשטרעבט צו פארשפּרייטן אויפקלערונג צווישן יידן און אין דעם דאזיקן שטרעבן האט געשטעקט דער חשק, צו רעפארמירן די יידישע אמונה. דער ערשטער שריט צו דער אויפקלערונג, איז דעמאלט געווען צו פארדייטשמערן די פאלקסשפּראך, אראפּוואַרפן פון זיך די אל־טע יידישע קליידונג און אויפצוהערן לערנען ש״ס ופוסקים.

אט דאס איז אין יענער צייט פּראפּאגאנדירט געווארן אין דער גאנ־צער העברעאישער פּרעסע, וואס מיר האבן דעמאלט פארמאגט, חוץ פון דער צייטונג „מחזיקי הדת״, וואס איז ביי אונדז גאר נישט געווען פאר־רעכנט פאר א צייטונג. מיר האבן דענסטמאל פארמאגט בלויז העברע־אישע וואכנבלעטער און עס האט קיינער נישט געחלומט וועגן דער מעג־לעכקייט, צו האבן טאג־צייטונגען אין העברעאיש.

דער „עברי אנכי״, וואס איז דערשינען אין בראדי, האט אפן געפרע־דיקט קעגן ארטאדאקסיע, געלויבט רעפארמירטע יידן און קריטיקירט פרומע רבנים. מיט דער גרעסטער שנאה האט ער באקעמפט די אידעע פון „ישוב ארץ־ישראל״ און געזידלט דעם יידישן נאציאנאליזם. ער פלעגט בלויז רעדן וועגן דער „השכלה בת השמים״ און „רוח העת החיה״, וואס „ישוב ארץ־ישראל״ און נאציאנאליזם זענען — לויט זיין מיינונג — נישט אין איינקלאנג מיט דעם. ווען מ׳האט די רעדאקטארן געשטעלט פראגעס וועגן זייער מאדנער באציאונג צו די פּראבלעמען, פלעגן זיי געבן מטושטשע תשובות, וואס האבן אבסאלוט גארנישט פארענטפערט די פראגע.

בראדי, דארף מען איבערהויפּט וויסן, איז געווען איינע פון די ערשטע השכלה־שטעט אין גאליציע, וואס אירע מענטשן האבן ארויס־געטראגן קולטור אין אנדערע שטעט און לענדער: נחמן קראכמאל איז

געווען אַ געבוירענער פון בראָדי. די ערשטע מאָדערנע יידן אין אדעס זענען געווען איינגעוואַנדערטע פון בראָדי. יוליוס באַראַש אין בוקאַ־רעשט איז געווען אַ בראָדער און יעקב ראָזענפעלד (דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין רוסישער שפּראַך) איז אויך געווען אַ בראָדער.

צום מיינסטן פאַרשפּרייט אין אונדזערע קרייזן איז געווען דער „המגיד“, וועלכער איז דערשינען אין ליק. אינעם שטעטל גופא האָט די צייטונג געהאַט גאָר ווייניק לייענער און איר גאַנצע ווירקונג איז געווען באַשטימט פאַר רוסלאַנד און גאַליציע, וווּ זי האָט געפּרעדיקט אויפקלע־רונג, וואָס איז געווען אַביסל אַנדערש ווי די השכלה פונעם „עברי אנ־כי“: דעם „המגידס“ שיטה איז געווען: פאַראייניקן בילדונג מיט גלויבן אויפן שטייגער פון דער דייטשער אָרטאָדאָקסיע.

דער „המגיד“ האָט שטאַרק פּראָפּאַגאַנדירט פאַר ישוב ארץ־ישראל און ווייל זיין שטרעבן איז געווען, אַז די גאַנצע יידישע וואַנדערונג פון יענער צייט זאָל גיין קיין ארץ־ישראל, פלעגט ער צום שאַרפסטן אַרויס־טרעטן קעגן פאָרן קיין אַמעריקע, און בעתן פאַרשפּרייטן דעם רעיון פון ישוב ארץ־ישראל, האָט ער זיך שוין איינגעשטעלט גלייכצייטיק פאַרן יידישן נאַציאָנאַליזם, כאָטש צוביסלעך פלעגט ער אויך סימפּאַטיזירן מיט דער דייטשער אַסימילאַציע.

די „הצפירה“, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע, האָט אויך געהאַט פילע לייענער אין גאַליציע. איר טענדענץ איז געווען, צו פאַרשפּרייטן וויסנשאַפט און אויפקלערונג. דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער צייטונג איז געווען אַ ידען אין אַסטראָנאָמיע. איז דאָס געווען דער הויפּט קעגנשטאַנד אין זיין צייטונג. ער האָט למשל, געוואָלט באַווייזן, אַז עס איז אַ נאַרישקייט צו גלויבן אינעם נס פונעם קריגל בוימל, וואָס די חשמונאים האָבן געפונען אינעם בית־המקדש, אים איז אויך געגאַנגען אין לעבן אַז די יידן אין פּוילן זאָלן זיך באַקענען מיטן רוסישן לשון. אַ חוץ דעם האָט קיינער נישט געקענט וויסן, וואָס דער רעדאַקטאָר וויל און וווּ אַהין ער צילט.

ערלעכער פון אַלעמען, אָבער גאָר ווייניק פאַרשפּרייט אין גאַליציע און אָן יעדער השפעה איז געווען דער „הלבנון“. די טענדענץ פון דער דאָזיקער צייטונג איז געווען אָרטאָדאָקסיע לויטן דייטשן נוסח און ישוב

ארץ־ישראל. בנוגע צו אַט די צוויי ענינים האָט דער רעדאַקטאָר פונעם „הלבנון" נישט אנערקענט קיין קאָמפּראָמיסן, אפילו ווען ס'איז אים אויסגעקומען פערזענלעך שטאַרק צו ליידן פון דעם.

אָרטאָדאָקסיע האָט ביים „הלבנון" געהייסן אמתע פרומקייט און פּראָפּאַגאַנדירן ישוב ארץ־ישראל איז ביי אים געווען צו ווינציק, בעסער זאָל מען אַליין פאָרן קיין ארץ ישראל. און טאָמער האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז וועלכער ס'איז פּראָמינענטער ייד באַגייט אַן עוולה צו מענטשן אָדער אפילו נאָר צו פּרינציפּן, האָט דער רעדאַקטאָר פון „הלבנון" זיך תיכף צו אים גענומען און ער האָט געמעגט זיין אפילו דער בעסטער פריינד זיינער, האָט ער אים געשטעמפּלט ווי דעם גרעסטן אויסוואורף.

דער „המליץ" איז שוין דענסטמאָל — דאַכט זיך — דערשינען צוויי מאָל אין דער וואָך און געווען איז ער אַ צייטונג פאַר רעפאָרמען־זוכעריי און קעגן רבנים. עס דאַכט זיך אויך, אַז ער האָט דעמאָלט נישט געהאַט אפילו קיין איין לייענער אין גאַליציע און מיר האָבן אים געקענט בלויז פון די ציטאַטן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון אים אין אַנדערע צייטונגען.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אַלע העברעאישע צייטונגען האָבן געמאַכט אַ שרעקלעכן מיש־מאַש אין אונדזערע מוחות, ווייל חוץ וואָס זיי פלעגן זיך קעגנזייטיק באַקעמפן, איז יעדע צייטונג פאַר זיך געווען פול מיט ווידערשפּרוכן.. האָט איינער פון אונדז געלייענט איין צייטונג, איז דאָס נאָך געווען, ווי מען זאָגט, אַ „האַלבע צרה". צוגעוווינט צו תלמו־דישע פּלפּולים, האָט זיך אַ גמרא־קעפּל אַרויסגעדרייט מיטן גראָבן פינ־גער פון אַלע ווידערשפּרוכן. האָט אָבער איינער געלייענט צוויי אָדער דריי העברעאישע צייטונגען, האָט דאָס געמוזט אָנמאַכן אַן אמתן ווירר־וואַר אין זיין מוח און עס האָט ביי אים אַוועקגענומען די פעאיקייט צו האָבן אַ גלייכן בליק אויף דער וועלט אָדער בכלל צו קענען דענקען לאָ־גיש.

דער פּועל יוצא פון דער השכלה, וואָס יענע אַלע צייטונגען האָבן פּראָפּאַגאַנדירט איז געווען — אַסימילאַציע. כאַראַקטעריסטיש דערביי איז, וואָס די דאָזיקע אַסימילאַציע איז געווען אַ דייטשע, נישט קיין רו־סישע אָדער פּוילישע. יעדער משכיל האָט זיך דעמאָלט געבראָכן די צונג אויף צו רעדן דייטש. קינדער האָבן געלערנט חומש מיט איבערזעצונג,

דאָס מיינט: אויף דייטש — און ווער עס האָט איינגעפירט אין זיין הויז רוסיש אָדער, ביי אונדז אין גאַליציע פויליש, האָט עס געהייסן, אַז ער פירט אַליין זיינע קינדער צו דער שמד...

זענען זיך אין 1881 צונויפגעקומען אין לעמבערג עטלעכע יונגע לייט, משכילים, וואָס האָבן געוואָלט אַריינברענגען די פוילישע שפּראַך אין די יידישע הייזער און האָבן צו דעם צוועק געגרינדעט אַ נייע צייטונג (האַלב העברעאיש און האַלב פויליש) פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אַ פוילישער אַסימילאַציע צווישן יידן. דער נאָמען פון דער נייער צייטונג איז געווען „המזכיר אהבה לארץ־מולדתו" און אויף פויליש האָט זי געהייסן „אָיטשיזנאַ" („פאַטערלאַנד").

מיטן העברעאישן טייל פונעם „המזכיר" האָט מען געוואָלט צופירן די יידן צו דער פוילישער קולטור און מיטן פוילישן טייל פון דער צייטונג האָט מען געוואָלט איבערצייגן די גויים, אַז זיי דאַרפן יידן בעסער באַהאַנדלען. ס'איז דעמאָלט איינגעפירט געוואָרן, אַז מ'האָט געדאַרפט באַנוצן אַן אייראָפּעאיש וואָרט, אַ שטייגער ווי די נעמען פון חדשים, טייכן אָדער שטעט, האָט מען עס געשריבן אויף פויליש.

זייער אָפט זענען דאָרט אין יענער צייטונג פאָרגעקומען שאַרפע ווידערשפּרוכן צווישן דעם פוילישן און העברעאישן טייל פון דער צייטונג. האָט מען אָבער אויף דעם זעלטן קשיות געפרעגט, ווייל די לייענער פונעם העברעאישן טייל האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין פויליש און די לייענער פונעם פוילישן טייל האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין העברעאיש.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין די דאָזיקע קעגנזאַצן האָט פּאַסירט מיטן הונדערטסטן געבוירנטאָג פון משה מאָנטעפיאָרען: אינעם העברעאישן טייל פון דער צייטונג זענען דערשינען אַרטיקלען מיט די גרעסטע לויב־געזאַנגען לכבוד מאָנטעפיאָרע, דעם בעסטן ייד, וואָס האָט מקריב געווען זיין לעבן פאַר כלל־ישראל — און אינעם פוילישן טייל פון דער צייטונג זענען געווען געשריבן די ווייטערדיקע שורות וועגן דעם זעלביקן ענין: „וואָס דולן זיי אַ קאָפּ מיט דעם מאָשקאָ? פאַר וועלכן פוילישן ייד איז עס נייטיק צו וויסן, וואָס דער דאָזיקער ענגלישער מאָשקאָ האָט אויפגעטאָן? אַזוי ווי ער האָט פאַר פוילישע יידן גאָר נישט געטאָן, האָבן מיר שוין נישט אין דעם גאַנצן מאָשקאָ קיין שום אינטערעס נישט!"...

נישט זעלטן האָט זיך אויך געטראָפן, אַז מען האָט דאָרט אינעם העברעאישן טײל אַרײנגעשמוגלט אַזעלכע אפּיקורסישע געדאַנקען, אַז עס לוינט זיך נישט צו ארבעטן פאַר אַן אַסימילאַציע מיט פּאָליאַקן, ווײל די פּאָליאַקן זענען אומדאנקבאַר. און אַזוי ווי דער רוב גאַליציאַנער משכי־לים פון דעמאָלט איז נישט געווען שטאַרק גענײגט צו אַ פּוילישער אַסי־מילאַציע, האָט זיך אָפט געטראָפן, וואָס מען האָט דאָרט אינעם „המזכיר" געדרוקט אַרטיקלען קעגן דער טענדענץ פון דער אויסגאַבע. האָבן די פירער פון דער צײטונג פלוצים אײנגעזען, אַז דער העברעאישער טײל זײנער טויג עפּעס נישט — און היות ווי דער רעדאַקטאָר פונעם העברע־אישן „המזכיר" (יצחק אהרן בערנפעלד) האָט געקראָגן אַ פּרנסה אין אַן אַנדער שטאָט, און מ'האָט נישט געקאָנט געפינען קײן אַנדערן אויף זײן אָרט, — האָט מען נאָך זעקס יאָר דערשײנען פון דער צײטונג באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם העברעאישן טײל זײנעם.

טראָץ די זעקס יאָר עקזיסטענץ פונעם „המזכיר", האָט זײן אויפ־הערן צו דערשײנען נישט געמאַכט קײן שום אײנדרוק אין דער ײדישער גאַס. די צאָל פון זײנע לײענער איז געווען זײער אַ קלײנע — און עס האָט אויך קײנעם נישט אינטערעסירט, וואָס די צײטונג האָט זיך פלו־צים פאַרמאַכט.

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל זיך באַקענט מיטן „המזכיר" איז ער געווען אין פערטן יאָרגאַנג, אַזוי ווי איך האָב זיך נאָך מײן צוריק־קער פון קעלן אַרומגעדרײט אין קראָקע אָן אַ באַשעפטיקונג, האָבן מײנע חברים מיר געעצהט, איך זאָל נעמען שרײבן אַרטיקלען וועגן דער נויט־ווענדיקײט, אַז ײדן זאָלן לערנען די פּוילישע שפּראַך, אָבער נישט, חלילה, צוליב אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, נאָר כּדי צו וויסן, וואָס די גויאישע צײטונגען שרײבן וועגן ײדן און צו קענען געהעריק אָפּענטפערן אויף יעדן אָנגריף פון דער פּוילישער פּרעסע, וואָס פלעגט דעמאָלט כּסדר אָנפאַלן אויף ײדן און מען האָט געדאַרפט קענען פאַרשטאָפּן די מײלער פון די שונאים.

האָט זיך דער רעדאַקטאָר געכאַפּט, אַז מײנע אַרטיקלען זענען קעגן דער טענדענץ פון זײן צײטונג און ער האָט זײ דערפאַר נישט געוואָלט דרוקן, סײדן ווען איך וועל זײ אין גאַנצן איבעראַרבעטן, ווען איך וועל שרײבן, אַז ײדן זאָלן לערנען פּויליש נישט צוליב די סיבות, וואָס איך האָב אָנגעגעבן, נאָר צוליב דעם, וואָס „ײדן דאַרפן זיך ווײזן דאַנקבאַר

צו פוילן, וועלכע האָט געעפנט אירע טויערן פאַר די יידן, ווען אַנדערע לענדער האָבן זיי געטריבן פון זייערע גרענעצן".

אָבער אַזוי ווי איך האָב יענעם רעדאַקטאָרס פאָרשלאָג נישט אָנגענומען, האָב איך פאַרלוירן די מעגלעכקייט, צו דרוקן מיינע אַרטיקלען אינעם „המזכיר"...

קאַפּיטל 57

מחלוקותן אין סאַנדזער הויף

נאָך דער פּטירה פונעם אַלטן סאַנדזער צדיק, ר' חיים האַלבערשטאַם, איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע מחלוקה צווישן די חסידים פון זיינע צוויי זין, וואָס איינער האָט געהייסן ר' יחזקעלע און דער צווייטער האָט געהייסן ר' אהרן. ביידע רביים האָבן געוואָלט פאַרנעמען זייער פאָטערס אָרט און ביידנס פאָדערונגען זענען געווען גערעכטע.

ר' יחזקעלע איז געווען דער עלצטער און ווי אַ בכור האָט ער געוואָלט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פונעם פאָטער. איז אָבער ר' יחזקעלע געווען אַוועק פון סאַנדז, ווען דער פאָטער האָט נאָך געלעבט, האָט ער זיך באַזעצט אין דעם אונגאַרישן שטעטל סטראָפּקאָוו און שפּעטער אין שיניאַוואַ (גאַליציע). ער איז קיין מאָל נישט געקומען זען דעם פאָטער. אפילו צום פאָטערס לוויה און שפּעטער צו די יאָרצייטן האָט מען אים קיין מאָל נישט געזען.

די סיבה דערפון איז געווען אַ סיכסוך צווישן דעם אַלטן צדיק און זיין זון ר' יחזקעלע וועגן די פּאָסעסאָרן, וואָס האָבן געהאַלטן גיטער און גויים האָבן געמוזט ביי זיי אַרבעטן אום שבת. ר' חיים האַלבערשטאַם האָט דעמאָלט פאַרפאַסט אַ „שטר מכירה" פאַר אַזעלכע יידישע גוטבאַזיצערס, אַז גויים זאָלן מעגן ביי זיי אַרבעטן אום שבת. דאָס האָט ר' יחזקעלע נישט געוואָלט מתיר מאַכן: ער איז געווען שטאַרק מחולק קעגן דעם פאָטערס שטר מכירה. לויט זיין מיינונג איז עס פאַר אַ יידישן גוטבאַזיצער אין גאַנצן אוממעגלעך, נישט אַריינצופאַלן אין אַ „חילול שבת", ווען ער וועט זען, אַז מען אַרבעט נישט אַזוי ווי ער וויל. האָט ער דערפאַר נישט געוואָלט צוגעבן די מעגלעכקייט, אַז אַ יידישער גוטבאַזיצער קען אָפּהיטן שבת מיט אַ שטר מכירה.

איז אַמאָל בײַ אַ װיכוח צװישן פּאָטער און זון װעגן דעם דאָזיקן ענין אַרױסגעקומען אַ שאַרפער סכסוך. דער אַלטער האָט געטענהט, אַז כּחא דהיתרא עדיף, אַז מ׳דאַרף באַדענקען, אַז יעדער ײדישער גוטבאַזי־צער גיט אַרום זיך פּרנסה צו צװײ־דרײַ מנינים ײדן, דערפאַר דאַרף מען זוכן צו פאַרגרינגערן די מעגלעכקייט צום לעבן, װי װײַט מען קען נאָר — ר׳ יחזקעלע אָבער האָט געטענהט: יקוב הדין את ההר! און װען עס איז נישט מעגלעך, אַ ײדישער גוטבאַזיצער זאָל קענען אָפּהיטן שבת כּהלכתו, זאָלן ײדן נישט האַלטן קײן גיטער. די גאַנצע צײַט פון גלות פּױלן האָבן ײדן נישט געהאַלטן קײן גיטער, װעט זײ דער אײבערשטער העלפן, זײ זאָלן װײַטער האָבן פּרנסה אָן גיטער.

דער װיכוח איז געװען זײער אַ שאַרפער און װי עס האָבן דער־צײלט מענטשן, װאָס זענען דערבײַ געװען, זענען פּשוט פײַערדיקע פונ־קען געפלױגן פון בײדע זײַטן, און דער זײַטיקער עולם איז געשטאַנען אַ פאַרציטערטער אין דער בחינה פון „כל העם רואים את הקולות, ויניעו ויעמדו מרחוק״. דער אַלטער צדיק איז פּלוצים אַרײַנגעפאַלן אין אַ שרעק־לעכן כּעס און האָט אַ זאָג געטאָן צו ר׳ יחזקעלען: „זאָלסט נישט מער מײַן שװעל איבערטרעטן און זיך נישט דערװעגן צוצוקומען צו מײַנע ד׳ אמות!״

האָט זיך ר׳ יחזקעלע אױפגעהױבן פון זײַן זיץ און אַזױ װי ער האָט נישט געװאָלט עובר זײַן אױפן פּאָטערס באַפעל, איז ער אַרױסגעשפּרונ־גען דורכן פענצטער און האָט פון דענסטמאָל אָן אין גאַנצן אױסגעמיטן סאַנדז, און נישט געפּרוּװט אפילו צוצוקומען נאָענט צו דער שטאָט.

דאַקעגן איז ר׳ אהרן שטענדיק געװען בײַ דער זײַט פונעם פּאָטער, ספּעציעל װען עס האָט זיך אַמאָל אַ גרופּע סאַנדזער משכּילים פאַרנומען קעגן דעם הײליקן צדיק און מען האָט אים געדאַרפט באַשיצן פאַר כּלער־לײ מכשולים. ר׳ אהרן האָט אױך אױף זיך גענומען יעדע אחריות פאַר די ענערגישע מעשים פון זײַן פּאָטער. װען ר׳ חיים האַלבערשטאַם האָט אַמאָל אײנעם פון זײַן קהילה מיטן נאָמען יאָסל אַמײזען אַרײַנגעלײגט אין חרם, האָט ר׳ אהרן גענומען אױף זיך די לעגאַלע אחריות בײַם גע־ריכט און ער איז אױך פאַראורטײלט געװאָרן צו דרײַ חדשים תפיסה, פון װעלכן קײנער האָט אים נישט געקענט אָפּראַטעװען.

דער אַלטער ר׳ חיים סאַנדזער איז געװען אײנער פון די גרעסטע גאונים אין דער װעלט. אפילו די שאַרפסטע מתנגדים האָבן אים אָפּגע־

געבן דעם גרעסטן כבוד און אַזאַ גאון ווי ר׳ יוסף שאול נאטאַנזאָן פון לעמבערג, וואָס איז אַליין געווען אַ שאַרפער מתנגד קעגן חסידות, האָט אויף אים געשריבן: מפיו אנו חיים ומימיו אנו שותים.

אויסער דעם איז ר׳ חיים סאַנדזער געווען אַזאַ נדבן, ווי מ׳קען זיך היינט־צו־טאָג דאָס כמעט גאָר נישט פאָרשטעלן. חוץ די הונדערטער „יושבים" אין זיין קלויז, וואָס האָבן געלעבט אויף זיין חשבון, האָט ער מפרנס געווען פיל צענדליקער אָרעמע משפחות מיט וואָכן־געלטער אויף אַ בכבודיקן שטייגער. מיט דער פּאָסט פלעגט אים אָנקומען יערלעך לפחות הונדערט טויזנט גולדן, חוץ דעם האָט ער געהאַט הכנסות פון די פדיונות.. האָט ער דאָס אַלץ צעטיילט צווישן די נצרכים און אַליין האָט ער געלעבט אין דחקות און ביי זיין פטירה האָט ער נישט געלאָזן פאַר זיינע בני־בית אפילו „מזון סעודה אחת".

ווען איך בין געווען אין די דערפער פון אַרום סאַנדז, איז ר׳ יחזקע־לע געווען רב אין שיניאַווע און ער פלעגט יעדן זומער פאָרן זיך באָדן אין קרעניץ. האָב איך אים אַמאָל, ווען איך בין גראָד געווען אין יענע מקומות, געזען אָנקומען אויפן באַנהויף אין מושינאַ, ווו עס פלעגט דע־מאָלט זיך אָפּשטעלן דער צוג און מען האָט געדאַרפט אַריינפאָרן קיין קרעניץ אויף אַ ספּעציעל וועגעלע. זענען דאָן חסידים צוגעלאָפן צו ר׳ יחזקעלע און האָבן אים גענומען טראָגן אויף די הענט פונעם אייזנבאַן־וואַגאָן צום וועגעלע. האָט זיך יעדער איינער מסתמא פאַרלאָזט אויפן אַנדערן, אַז יענער האַלט דעם רבין פעסט אין זיינע הענט, ביז מען האָט דעם רבין אַרונטערגעלאָזט אין דער בלאָטע.

דאָס צוזעענדיק האָב איך זיך שטאַרק צעלאַכט. איך האָב אויך צו־גערופן אַלע באַן־באַאַמטע און מיר האָבן צוזאַמען נאָך אַמאָל געלאַכט. האָט דאָס דעם רבין זייער פאַרדראָסן — און אַזוי ווי מען האָט אים גע־זאָגט, ווער איך בין, האָט ער תיכף געשיקט צו מיר איינעם פון זיינע חסידים, מיר אָנצוזאָגן מיטן האַרבן וואָרט, אַז ווען איך וועל נישט אויפ־הערן לאַכן, וועל איך דאָס יאָר נישט אויסלעבן.

האָב איך דעמאָלט געלאַכט נאָך שטאַרקער און איך האָב אויך דער־ציילט די באַן־באַאַמטע וועגן דעם סטראָשונאָק פונעם רבין, מיינענדיק, אַז זיי וועלן מיט מיר צוזאַמען אויף דאָס ניי לאַכן. האָבן אָבער די באַן־באַאַמטע גענומען דעם רבינס קללה גאַנץ ערנסט. איז דעמאָלט איי־

נער פון זײ צוגעלאָפן צו דער חסידישער גרופּע און האָט זײ דערקלערט קעגן מײן װילן, אַז איך האָב חרטה, װאָס איך האָב געלאַכט, און געבעטן אַז דער רבי זאָל אַװעקנעמען פון מיר זײן קללה. הערנדיק אַזעלכע װער־טער פון יענע גוים, האָט דער רבי געהײסן מיר געבן די הבטחה, אַז ער איז מיר מוחל מײן לאַכן און ער שענקט מיר דאָס לעבן.

דעם זעלביקן זומער איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צװישן רבנים אין גאַליציע און אונגאַרן װעגן פראַנקס ציקאָריע. די ברידער פראַנק פון לינץ פלעגן אָפּקויפן אַלע ציקאָריע־פאַבריקן אין עסטרײך־אונגאַרן, כדי צו האָבן אַ מאָנאָפּאָל איבער זײער סחורה. מכח כשרות איז בײ זײ געװען ר׳ זלמן שפּיצער פון װין (דעם חתם־סופרס אַן אײדעם און דער רב פון די װינער פּוילישע יידן) אַ משגיח פאַר דרײ טױזנט גולדן אַ יאָר.

אין יענער צײט האָבן די ברידער פראַנק אָפּגעקויפט נאָך אַ ציקאָריע־פאַבריק אין קאשוי (אונגאַרן), װו עס איז ביז דעמאָלט געװען דער קאשויער רב יונגרײז דער הויפּט־משגיח. האָבן אים די ברידער פראַנק אַרונטערגעזעצט פון זײן אַמט, און װען ער האָט דעמאָלט גע־װאָלט בלײבן װי משגיח אין דער פאַבריק אומזיסט, האָבן די ברידער פראַנק געענטפערט, אַז זײ האָבן אַ באַזונדערן געהײמען פּאַטענט פון זײער ציקאָריע, װאָס זײ װילן נישט, אַז אַ פרעמדער זאָל װעגן דעם געװאָר װערן. דאָס האָט דעמאָלט געשריבן דער רב יונגרײז צו ר׳ זלמן שפּיצערן און אים געפרעגט, װי אַזוי ער קען אָנהאַלטן זײן הכשר אויף פראַנקס ציקאָריע, װען מען לאָזט אים נישט דורכפירן די השגחה, לויט די דינים פונעם שלחן־ערוך. האָט אים ר׳ זלמן שפּיצער געענטפערט, אַז די ברידער פראַנק זענען ערנמענער, און אַזוי װי זײ האָבן אים פאַרזיכערט אויפן װאָרט, אַז זײ מישן נישט אַרײן קײן שום אומדערלויבט פּעטס אין דער ציקאָריע, מוז ער זײ גלויבן, און טאָמער איז אפילו פאַראַנען עפּעס אַ חשש קעגן דעם אײל, װאָס װערט אַרײנגעטאָן אין דער ציקאָריע, איז דאָס אַזוי װינציק, אַז ער װערט בטל בששים.

זענען דעמאָלט אַ סך גאַליצישע רבנים אַרויסגעקומען מיט אַ שאַרפן איסור קעגן פראַנקס ציקאָריע. האָבן די ברידער פראַנק גערופן ר׳ יחזקע־לע שיניאַװער, ער זאָל אונטערזוכן די פאַבריק אין קאשוי, אָבער ער האָט נישט געװאָלט גײן אַלײן, װײל ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי װי ער פאַרשטײט זיך נישט אויף דער פאַבריקאַציע פון ציקאָריע, װעט מען אים

אַלצדינג קענען איינרעדן. ער האָט צוליב דעם פאַרלאַנגט, מען זאָל אים לאָזן מאַכן די אונטערזוכונג אין באַגלייטונג פון הרב יונגרייז.

דאָס האָבן די ברידער פראַנק נישט געוואָלט נאָכגעבן.. זיי האָבן איבערהויפּט נישט געוואָלט פאַרשטיין די נויטווענדיקייט פון אַזאַ אונ־טערזוכונג דורך אַ שיניאַווער רבין. זיי האָבן געמיינט, אַז עס וועט זיין גענוג, ווען זיי וועלן באַשטימען אַ יערלעכן געהאַלט פאַרן שיניאַווער רבין, וועט ער זיי שוין אַרויסגעבן אַ הכשר אָן אַ פּערזענלעכער אונ־טערזוכונג.

דעמאָלט איז ר׳ יחזקעלע שיניאַווער אַרויסגעקומען מיט אַ התראה צו אַלע פרומע יידן זיי זאָלן נישט נוצן פראַנקס ציקאָריע. אין דער זעל־ביקער צייט בין איך אויך אַרויסגעטראָטן אינעם „המגיד" קעגן די ברי־דער פראַנק, ווייל איך האָב געהאַט געלייענט אין אַ ווינער צייטונג, אַז די אייגנטימער פון דער געזעלשאַפט זענען מיטגלידער אינעם לינצער אַנ־טיסעמיטישן פאַראיין. איך האָב דעמאָלט געשריבן אַ בריוו צו ר׳ יחזקע־לע שיניאַווער וועגן דעם גאַנצן ענין און איך האָב אים צוגעזאָגט מיין אונטערשטיצונג אין זיין קאַמף קעגן פראַנקן, וועמען ער האָט באַקעמפט ווי אַנטיסעמיטן.

ר׳ יחזקעלע האָט ווילִיק אָנגענומען מיין הילף און מיר זענען עט־לעכע חדשים געשטאַנען ביידע אין קאַמף קעגן פראַנקס ציקאָריע און קעגן זייער משגיח ר׳ זלמן שפּיצער. ר׳ יחזקעלע האָט געטענהט, אַז פראַנקס ציקאָריע איז נישט כשר און איך האָב געטענהט, אַז די לינצער באַלעבאַטים פון דער פאַבריק זענען אַנטיסעמיטן, דאַרפן זיך יידן אויס־היטן, נישט צו קויפן זייער סחורה.

קאַפּיטל 58

„אַנפאַלן" אויף יידן, נישט קיין „פּאָגראָמען"!

אין יענע יאָרן, ווען וועלכע איך שרייב דאָ, האָט זיך נאָך ביי אונדז אין דער לופט געהערט דער אָפּקלאַנג פון די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד — און ווען מיר האָבן דעמאָלט באַקומען אַ ידיעה פון רוסלאַנד, האָבן מיר תמיד דערוואַרט בלויז נייסן וועגן פּאָגראָמען.

ביי אונדז אין גאַליציע האָט זיך איטלעכן אויסגעדאַכט, אַז מיר

זענען זיכער פון יעדער פּאָגראָמען־געפּאַר. האָבן מיר זיך דערפּאַר גע־האַלטן אין איין זאָרגן פאַר די יידן אין רוסלאַנד. איך אַליין, געדענק איך, בין אפילו נישט געווען אַזוי זיכער מיט מיין גאַליציע. פריער און שפּע־טער האָב איך גוט געקענט די טבע פון אונדזערע גויאישע פּאָלקסמאַסן, אַז זיי זענען בלויז אויבערפלעכלעך רואיק לגבי יידן, ווייל אינעווייניק אין האַרצן קאָכט ביי יעדן אַן אומאויסלעשלעכע שנאה צו די יידישע „מיטבירגער" און אַ מינדסטער ווינט־שטויס קען די דאָזיקע שנאה פונאנ־דערפלאַקערן אין אַ שרעקלעכן פייער.

איז מיר אין יענער צייט אויסגעקומען צו רעדן וועגן רוסלאַנד, פלעג איך שטענדיק זאָגן, אַז ביי אונדז אין גאַליציע מאַכט מען שטילע פּאָ־גראָמען, אָן שום געפּילדער און די ווירקונג דערפון איז כמעט די זעלביקע ווי אין רוסלאַנד.

נישט איין מאָל האָב איך אין יענע יאָרן געהאַט די געלעגנהייט צו־זען, ווי עס האָט זיך אפילו אין אַ צייט פון פרידן שטילערהייט און אויף גאָר אַ גרינגן אופן געמאַכט אַ „פּאָגראָמעלע" אויף יידן. מיר האָבן דאָס נאָר נישט אָנגערופן מיטן שרעקלעכן נאָמען „פּאָגראָם", ווייל עס האָט אונדז נישט געפּאַסט צו באַנוצן אַזאַ וואָרט, וואָס וואָלט דעמאָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַרן פּרעסטיזש פון „אונדזער גאַליציע". פלעגן מיר די דאָזיקע פּאָגראָמען אָנרופן מיט אַ ציוויליזירטן נאָמען: „געשלעגן" אָדער „עקסצעסן", כאָטש זיי זענען זייער אָפט געווען אמתע פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך געווייזנטלעך פאַרענדיקט אין מאַכן יידן פאַר קאַליקעס מיט צע־בראָכענע הענט און פיס און מיט חרוב מאַכן יידיש האָב און גוטס. אָפט מאָל האָט עס אויך געקענט פּאַסירן, אַז אַזאַ געשלעג זאָל זיך ענ־דיקן מיטן טויט פון אַ ייד אָדער גאָר פון עטלעכע יידן. האָט מען פונ־דעסטוועגן קיין מאָל נישט אָנגערופן די דאָזיקע „עקסצעסן" מיטן שרעק־לעכן נאָמען „פּאָגראָם".

צום לויב פון די יידן איז גאַליציע דאַרף נאָך באַמערקט ווערן, אַז זיי פלעגן זיך נישט לאָזן שלאָגן און זייער אָפט האָבן די גויאישע אָנ־גרייפער טייער באַצאָלט פאַר זייער אָנפאַל אויף יידן. ס'רוב פלעגן זיך אין יענע צייטן מאַכן „סומאַטאָכעס" צווישן יידן און גויים אויף די ירי־דים, ווו עס האָט זיך אַמאָל אַ שכורער פּויער פאַרטשעפּעט מיט עפּעס אַ יידישן סוחר וועגן אַ שוה פרוטה, אָדער ווו יידן האָבן כלומרשט געוואָלט אָפּנאַרן אַ פּויער און ער האָט זיך נישט געלאָזט. איז דערפון אַרויסגע־

קומען אַ געשלעג — און ביי אַזאַ מין געשלעג האָב איך אַמאָל געזען, ווי אַ יידישער קצב, וואָס גויאישע רוצחים האָבן אים אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין בויך, האָט זיך צוגעהאַלטן די קישקעס מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אויסגעטיילט מעסער־שטעך אויף רעכטס און לינקס, ביז ער איז אַוועקגעפאַלן אַן אויסגעשעפּטער פון אָפּ־גערונענעם בלוט און אַ דאָקטער האָט אים דערנאָך אַוועקגעפירט אַ האַלב־טויטן אין אַ שפּיטאָל.

אין דער צייט, וואָס איך בין געווען אין די דערפער פון אַרום סאַנדז, פלעגן דאָרט רעגלמעסיק צוויי מאָל אין יאָר פאָרקומען אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן אויף יידן, וואָס האָבן גאַנץ גוט געקענט באַצייכנט ווערן מיטן נאָמען פּאָגראָמען: איין מאָל אין מאָנאַט מערץ, ווען די פּויערים פלעגן גיין צום פּריזיוו און דאָס צווייטע מאָל אין מאָנאַט אָקטאָבער, ווען די שקצים פלעגן גיין צו זייערע קאַזאַרמעס דינען.

ביי אַזאַ מין צוזאַמענשטויס איז אַמאָל דערהרגעט געוואָרן מייגער אַ באַקאַנטער ייד מיטן נאָמען זלמן יאַקאָבאָוויץ. האָט דאָס מיך דעמאָלט באַוויגן צונויפצורופן אַלע יידישע בחורים פון יענע דערפער און איך האָב זיי דערקלערט, אַז מען טאָר נישט לענגער שווייגן...

חוץ יענעם פאַל, וואָס האָט געקאָסט אַ מענטשנס לעבן, איז מיר זייער אָפט אויסגעקומען צו זען אין יענער געגנט אַזעלכע צוזאַמענשטויסן צווישן יידן און גויים, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אמתע פּאָגראָמען, כאָטש מיר האָבן זיי מיט אַזאַ נאָמען נישט אָנגערופן. אָפט מאָל האָב איך גע־האַט די געלעגנהייט, אַריינצומישן זיך ביי אַזאַ געשלעג מיט אַ שטרענג וואָרט. אַזוי ווי מיין וואָרט האָט אָבער נישט תמיד געהאַט אַ ווירקונג, האָב איך אָרגאַניזירט אַלע שטאַרקע בחורים פון דער גאַנצער געגנט צו אַ קעגן־אָפּוועך.

איך האָב אויך אַוועקגעשריבן וועגן דעם אַ מעמאָראַנדום צו דער שטאַטהאַלטעריי אין לעמבערג, גלייך ווי צום באַצירקס־געריכט אין סאַנדז, בעטנדיק שוץ פאַר די יידן — און אַזוי ווי איך האָב נישט גע־קראָגן קיין תשובה, סיי פון דער לעמבערגער שטאַטהאַלטעריי און סיי פונעם סאַנדזער באַצירקס־געריכט, האָב איך אַוועקגעשטעלט די פון מיר געגרינדעטע „שוץ־געזעלשאַפט" אונטער דער פירונג פון צוויי שטאַרקע יונגען, וואָס איינער האָט געהייסן גאָלדפינגער און דער צווייטער האָט געהייסן קראַנץ.

אין דער מיט פונעם וועג צווישן אַלט־סאנדז און לאַנצק האָב איך אַוועקגעשטעלט אַ צענדליק שטאַרקע בחורים מיט שטעקענעס אין די הענט — און ווען עס האָבן דאָס דערזען די פּריזיוווניקעס, האָבן זיי תיכף גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און זענען אַנטלאָפן. האָט זיך שפּעטער אַמאָל געמאַכט, אַז אונדזער „שוץ־געזעלשאַפט" איז געשטאַנען אָן אַ שטאָך אַרבעט, ווייל די פּריזיוווניקעס האָבן מורא געהאַט צו פאַרטשעפּען זיך מיט יידן, האָב איך זיך געמוזט אָנשטרענגען אָפּצור־האַלטן אונדזער „שוץ־געזעלשאַפט", זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אויף די פּריזיוווניקעס איידער זיי ווערן אָנגעגריפן.

פונדעסטוועגן האָב איך דעמאָלט דווקא מיט דער־אַ „שוץ־געזעל־שאַפט" דורכגעלעבט אַ נאַכט פון שרעק. אַזוי ווי מיר האָבן געזען, אַז די פּריזיוווניקעס האָבן צוליב אונדזער זעלבשוץ מורא געקראָגן צו טשע־פּען אַ יידן, האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז מיר האָבן נישט מער נייטיק אַוועקצושטעלן אונדזערע שומרים. האָבן זיך די אַלע בחורים, די חברים פון דער „שוץ־געזעלשאַפט", צונויפגעקליבן ביי מיר אין צימער.

איז פּלוצים געוואָרן אין דרויסן אַ שטאַרקער טומל און ווען מיר זענען אַלע אַרויסגעלאָפן פון שטוב, זען די אורזאַך פונעם רעש, האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ יידן מיט אַ פאַרוווּנדעטן קאָפּ, וואָס די פּריזיוווניקעס האָבן דאָס געטאָן מיט זייערע שטעקענעס. האָב איך דעמאָלט דאָס ערשטע אַריינגענומען דעם ייד צו זיך אין שטוב, צוגעלייגט אים צום פאַרוווּנדעטן קאָפּ דאָס אַלט־באַקאַנטע היימישע מיטל, ברויט מיט פּו־טער. גלייכצייטיק האָב איך אַוועקגעשיקט אַ שליח מיוחד קיין אַלט־סאנדז, צו ברענגען פון דאָרט אַ דאָקטער.

דערנאָך האָבן מיר זיך אַלע אַוועקגעלאָזט אויף אַ וועגעלע נאָכצור־יאָגן די פּריזיוווניקעס — און וואָס זאָל איך דאָ מאריך זיין, מיין „שוץ־געזעלשאַפט" האָט געכאַפּט די שלעגער אין מיטן וועג און מען האָט זיי דערלאַנגט אַזעלכע קלעפּ, אַז זיי האָבן שוין אוודאי פאַרזאָגט אַ צענטן נישט צו טשעפּען זיך צו קיין יידן.

מיין „שוץ־געזעלשאַפט" איז אין יענער געגנט געווען אַזוי באַקאַנט, אַז עס איז אין דער פּורים־נאַכט תרמ"ח געקומען צו אונדז אַ ספּעציע־לער שליח פון סאַנדז גופא, בעטן ביי אונדז, מיר זאָלן זיי אויסלייען עטלעכע בחורים, ווייל עס דאַכט זיך זיי, אַז די דאָרטיקע פּריזיוווניקעס

האָבן שטאַרק חשק צעפּירן זיך די הענט אין די זייטיקע גאַסן פון דער שטאָט.

זענען מיינע בחורים אויפן אַנדערן טאָג אַרויסגעריטן אויף פערד און זיי האָבן געלאָזט אומעטום וויסן, אַז זיי וועלן „אַרבעטן" אין סאַנדז. האָט זיך שוין דאָרט נישט געריהרט אָנצופאַלן אויף יידן קיין האַנט.

אַן אַנדער מאָל, און דאָס איז געווען אום צום גדליה תרמ״ט, איז דער אויבן דערמאָנטער קראַנץ געקומען צו מיר אויף אַ באַזוך — און אַזוי ווי איך האָב יענעם טאָג געהאַט באַפרייט מיינע תלמידים צוליבן תענית, האָט ער מיך גענומען אויף זיינער אַ בריטשקע פאַר אַ שפּאַציר קיין לאַנצק. האָבן מיר אויפן וועג צוריק אַהיים געטראָפן אַ חברה שקצים, אַרום זיבן זענען זיי געווען. אונטערוועגס צום רעקרוטן ביורא האָבן זיי חוזק געמאַכט פון אַן אָרעמען יידן, וועמען זיי האָבן מיט קלעפּ געצווונגען, צו שלעפּן זייערע פּעק זאַכן אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס.

האָט זיי מיין באַגלייטער פאָרגעשלאָגן, זיי זאָלן אַרויפלייגן זייערע פּעקלעך אויף זיין בריטשקעלע און לאָזן דעם ייד גיין זיין וועג. האָבן אויף דעם די שקצים חוצפּהדיק געענטפערט, אַז זיי וועלן זיך אַלע אַוועקזעצן אויף אונדזער בריטשקעלע און דער ייד מוז ווייטער שלעפּן זייערע פּעק אויף זיינע פּלייצעס.

איז אַזוי ווי מיר זענען געווען בלויז צוויי קעגן זיבן, האָבן מיר זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ קרעטשמע. דאָרט האָב איך די זיבן שקצים איינגעלאַדן אויף אַ טרונק און דעם ייד האָב איך געגעבן אַ ווונק, ער זאָל לאָזן די פּעק און אַנטלויפן.

די שקצים האָבן געטרונקען איין גלעזל און נאָך אַ גלעזל, ביז זיי האָבן זיך אַביסל דערוואַרעמט און כמעט ווי פאַרגעסן, ווו זיי געפינען זיך. דערנאָך האָט זיי קראַנץ פאַרבעטן צו טרינקען מיט אים אַן אַנדער גלעזל. האָט זיי דאָס דערמאָנט, ווו זיי געפינען זיך און זיי האָבן נישט געוואָלט מער טרינקען. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן זיך געפונען ביי אַ יידן אין קרעטשמע און די אַלע פּויערים פון יענעם דאָרף זענען געווען אונדזערע באַקאַנטע, האָבן מיר זיך געפילט זיכער קעגן די לאָבוסעס. קראַנץ האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ דראָנג אין דער האַנט און האָט זיי אָנגעהויבן שלאָגן איבער די קעפּ, כלומרשט זיי צו צווינגען צום טרינקען. האָבן די צעיושעטע רעקרוטן דערשמעקט די געפאַר און זיי זענען אַנטלאָפן, צופרידן וואָס מען האָט זיי געלאָזט נעמען זייערע פּעקלעך...

קאַפּיטל 59

דער ערשטער פּויערים־שטרייק אין גאַליציע

זומער 1888 איז מיר דאָס פאַרשפּרייטן השכלה צווישן יידן כמעט ווי נמאס געוואָרן. איך האָב באַמערקט, אַז פילע פון מיינע סאַנדזער כלומרשט איבערגעגעבענע אַנהענגער פאַרשטייען גאָר נישט מיינע איד־דעאַלן און זיי טייטשן דאָס אויס גלייך ווי איך וואָלט זיי מיט מיין פירונג גאָר געפּרעדיקט הפקרות.

באַזונדערס האָט זיך מיר דאָס אַרויסגעוויזן, ווען איך האָב פאָרגעשלאָגן מיינע חברים, אַז מען וואָלט געדאַרפט באַנייען דעם תענית פון כ׳ סיון. איך האָב אויך דעמאָלט געוואָלט אויסדריקלעך, אַז די גאַנצע גרופּע פון מיינע אַנהענגער זאָל צוזאַמען מיט מיר פאַסטן כ׳ סיון. דערביי האָב איך אויך געהאַט באַשטעלט אַ באַזונדערן מנין, ווו מיר זאָלן קענען לייענען „ויחל״ צו מנחה און דערנאָך דעמאָנסטראַטיוו אָפּפאַסטן.

מיט אַ פייערדיקער רעדע האָב איך מיינע אַנהענגער דערקלערט, ווי וויכטיק עס איז דער תענית פון כ׳ סיון, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פון אונדזערע אַמאָליקע רבנים נאָך די הריגות פונעם ערשטן קרייצצוג אין ד׳ אלפים תתנ״ו און שפּעטער נאָך די הריגות פון שנת ת״ח. איך האָב דעמאָלט געגלייבט, אַז ווען מיר וועלן דעם גרויסן עולם איבערצייגן, אַז מיר מיינען נישט אַנצורירן חלילה מיט אונדזער פירונג די אמונה, נאָר מיר זוכן זיך אדרבה גאָר אויס אַ נייעם תענית, וועלן מיר מיט דעם זיי געווינען פאַר אונדזערע אידעען.

איז ווי לאַנג איך האָב גערעדט, האָבן מיינע חברים געשוויגן און צוגעבאַמבקעט מיט די קעפּ. אָבער שפּעטער האָבן זיי מיך אין מיין אָפּוועזנהייט אויסגעלאַכט פאַר מיין וועלן שאַפן אַ נייעם תענית — און ווען איך בין דעמאָלט געקומען קיין סאַנדז, צו קענען פאַסטן מיט אַלעמען אינאיינעם, האָב איך דאָרט נישט געטראָפן קיינעם פון מיינע חברים און דער גאַנצער ענין פונעם תענית כ׳ סיון איז בטל געוואָרן.

האָט דאָס מיך זייער פאַרדראָסן און האָב דערפון שטאַרק געהאַט עגמת־נפש.

דערווייל איז אָנגעקומען די צייט פונעם שניט אין די פעלדער. די טעג זענען געווען זייער הייסע און די תבואות האָבן זיך געבעטן, מען

זאָל זיי שניידן, ווייל זיי זענען שוין געווען איבערצייטיק. עטלעכע טעג פאַר דעם איז דאָס וועטער געווען קיל און רעגנעריש, האָט מען געמוזט אָפּלייגן דעם שניט אויף שפּעטער. דערנאָך איז מיט איין מאָל אַלצדינג צייטיק געוואָרן און מען האָט נישט געקענט קריגן גענוג פּויערים־אַרבע־טער, אויף צו קענען שניידן די תבואות.

אין יענער צייט האָב איך זיך זייער אינטערעסירט פאַר די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון די ברייטע פאָלקסמאַסן און מער פון אַלעמען האָט מיך אינטערעסירט די פראַגע, וואָס כאָטש עס עקזיסטירט נישט מער קיין „פּאַנשטשינע" און דער דאָרפישער פּויער איז כלומרשט פריי ווי דער שטאָטישער בירגער, מוז ער פונדעסטוועגן אָוועקגעבן זיינע כוחות צום פּריץ כמעט ווי אומזיסט.

שניט־צייט האָט זיך גערעכנט פאַרן סעזאָן פון דער פּויערישער אַר־בעט — און אין אַזאַ צייט פלעגט דער פּויער פאַרדינען ביז 60 קרייצער אַ טאָג (24 אַמעריקאַנער סענט) פאַר זיין קאָסיען די תבואה פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג.

דערביי איז געווען איינגעפירט אין אייניקע דערפער, וואָס טאָמער האָט אַמאָל אַ פּויער געוואָלט זיך דערלויבן, צו אַרבעטן איין טאָג פאַר זיך אויף זיין אייגענעם שטיקל פעלד, אין דער צייט וואָס זיין אַרבעט האָט זיך געגייטיקט אויפן פּריצישן פעלד, האָט מען אים שוין שפּעטער באַיקאָטירט און מען האָט אים נישט מער געלאָזט אַרבעטן פאַרן פּריץ.

אַ ווינטער פאַר דעם האָב איך זיך נענטער צוגעקוקט צום לעבן פון די פּויערים, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען, ווי אָרעם און דער־נידעריקט עס איז זייער לעבן, ווען איך האָב דערפון געטראַכט, אַז דער פּריץ פון אַ דאָרף מיטן נאָמען יאַזאָוויסק איז אַ ייד און מיין „ברויטגע־בער", וואָס איך בין אין זיין הויז געווען אַ לערער, — האָט מיך דאָס נאָך פיל מער געקרענקט — און איך האָב ביי מיר באַשלאָסן, איך זאָל אָנווענדן אַלע מיינע כוחות, עפּעס צו טאָן קעגן דעם טרויעריקן צו־שטאַנד.

איך האָב אפילו גוט געוווסט, מיט וואָסערע שוועריקייטן דאָס איז פאַרבונדן. אַזוי ווי איך האָב אָבער געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי צו מיינע אייגענע כחות, בין איך ביי מיר געווען מער ווי זיכער, אַז דאָס וועט זיך מיר אָן יעדן צווייפל מוזן איינגעבן.

בין איך אַוועקגעגאַנגען צום אַרטיקן גלח, אויסטענהן זיך מיט אים וועגן דער אָרעמער לאַגע פון די פויערים. האָט ער מיר אויף מיינע טע־נות געענטפערט, אַז ער האָט שוין פון זיין זייט געטאָן אַלצדינג, וואָס עס איז אים נאָר געווען מעגלעך. אַזוי ווי ער האָט אָבער געזען, אַז די פויערים טוען גאָרנישט מער גאַנצע טעג ווי נאָר שיכורן, האָט ער ביי זיי אָפּגענומען אַ שבועה, אַז זיי וועלן נישט מער טרינקען קיין בראָנפן. האָבן טאַקע פילע פון זיי זייט דעמאָלט אויפגעהערט צו שיכורן.

און וואָס עס איז שייך זייערע קליינע פאַרדינסטן פאַר זייער אַר־בעט ביים הויף, איז ער גרייט אָנצוזאָגן אין קירכע, זיי זאָלן נישט גיין אַרבעטן צום יידישן גוטבאַזיצער. ער קען אָבער נישט מסכים זיין צו מיין פּלאַן וועגן אַ שטרייק, ווייל יעדער שטרייק איז אַ בונט קעגן דער קירכע און קעגן מלכות — און ווי אַ טרייער דינער פון דער קירכע מוז ער באַ־קעמפן יעדן מין שטרייק מיט אַלע זיינע כחות.

האָט מיך — ווי עס פאַרשטייט זיך אַליין — די דאָזיקע תשובה פונעם גלח נישט געקענט באַפרידיקן. האָב איך גענומען אָרגאַניזירן די יאַזאָווסקער פויערים אויף דער אייגענער האַנט צו אַ שטרייק קעגן מיין ברויטגעבער.

איך בין אַוועקגעגאַנגען אין פעלד צו די פויערים, ווען עס האָבן די שניטער געהאַלטן אין מיטן פון זייער אַרבעט און מיט איין רוף האָב איך זיי אַלעמען אַרום מיר צונויפגעקליבן. האָט איטלעכער פון זיי אויף גיך אַוועקגעוואָרפן דעם סיערפּ פון דער האַנט און איז געלאָפן הערן, וואָס איך האָב צו זאָגן.

איך האָב זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ טיש, וואָס איינער האָט גע־בראַכט צו טראָגן פון זיין שטוב — און איך האָב זיי דערציילט, ווי אַזוי מען נוצט אויס אומזיסט זייערע כחות. פּוילענצערישע פּריצים און אַנ־דערע ליידיקגייערס פּאַשען זיך מיט זייער שוייס און בלוט — און זיי אַליין לעבן אין דחקות, גייען אָנגעטאָן אין שמאַטעס, ווערן פאַרברענט פון היץ אום זומער, פאַרפרוירן פון קעלט אום ווינטער און עסן שטעכע־גיש. וואָלט שוין באמת געווען צייט, זיי זאָלן אַמאָל קומען צום שכל און זאָלן זיך אומקוקן, ווו זיי געפינען זיך אויף דער וועלט...

די פויערים האָבן זיך ביי די רייד פונאַנדערגעוויינט אויפן קול און כסדר נאָר געשריגן: „פּראַוודאַ, פּראַוודאַ, שוויענטאַ פּראַוודאַ!“ (אמת, אמת, אַ הייליקער אמת!).

נאָך מיין רעדע איז אַרויסגעטראָטן איינער פון די פויערים מיטן נאָמען זאַקלענטי און האָט אַזוי געזאָגט:

— איר האָט געהערט, ווי אַ ייד רעדט צו אונדז אַזעלכע האַרציקע ווערטער, ווי מיר האָבן דאָס נאָך נישט געהערט ביז היינט אפילו פון אונדזער גלח. איז טאַקע מיין עצה, אַז מיר זאָלן אים פאָלגן און אַוועקלייגן די אַרבעט. ווען דער פריץ וואָלט געווען אַ קריסט, וואָלטן מיר ווייניקסטנס געוווּסט, אַז מיר אַרבעטן פאַר אונדזערס אַ מענטשן...

דעם סוף פון דער רעדע האָב איך זיך נישט געמאַכט הערן, ווייל עס איז שוין דאָרט געווען אַ זידלעריי אויף יידן. פאַר מיר איז נאָר געווען וויכטיק, וואָס אַלע האָבן באַלד אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט — און אַזוי ווי איך האָב מורא געהאַט צוריקצוקערן נאָך אַזאַ געשעעניש צום הויז פון מיין ברויטגעבער, בין איך דערווייל געגאַנגען צו אַ באַקאַנטן פויער.

אַ שעה שפּעטער איז מיין ברויטגעבער צו מיר געקומען און מיר דערקלערט מיט ביטערניש:

— ס'איז גאָר נישט נייטיק, אַז איר זאָלט זיך פאַר מיר אויסבאַהאַלטן, ווייל עס וועט באַלד קומען די שעה, וואָס איר וועט זוכן מיין שוץ. היינט זענען די אַלע פויערים אויפגערעגט אויף מיר און מאָרגן וועט זיך קערן זייער כעס קעגן אייך!

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט געוואָלט הערן, וואָס ער האָט מיך געוואָרנט, און איך בין געבליבן ביי יענעם פויער אין שטוב.

צומאָרגנס זענען געקומען זשאַנדאַרן פון סאַנדז און אויפן דריטן טאָג איז אָנגעקומען אַ מחנה פויערים פון אַנדערע דערפער, וויליק צו אַרבעטן ביים שניט אויף די יאַזאָווסקער פעלדער.

איך האָב באַקומען מיין שכר: די יאַזאָווסקער פויערים האָבן זיך געוואָלט וואַרפן אויף מיר און די זשאַנדאַרן האָבן מיך געוואָלט אַרעסטירן. בין איך פון דאָרט קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן. אַזוי ווי איך בין געווען גוט באַקאַנט מיטן פאָסטנפירער פון דער זשאַנדאַרמעריע, האָט ער מיך אין מיטן דער נאַכט אַרויסגעפירט פון יענעם דאָרף צו אַ באַן־סטאַנציע, איך זאָל קענען אַנטלויפן קיין קראָקע.

קאַפּיטל 60

אַ פיש געבראַכט צו „קבר ישראל"

מיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן אין סאנדז און אין איר סביבה, האָבן מיר נישט געבראַכט קיין גרויס נחת. איך האָב אַמאָל צונויפגענומען אַ גרופּע מענטשן און פאַר זיי דערקלערט, אַז איך וויל נישט, זיי זאָלן ענדערן דעם גאַנג פון זייער לעבן, נאָר איך וויל בלויז, זיי זאָלן לאָזן לערנען זייערע קינדער אַ מלאכה און גאַנץ באַזונדערס זאָלן זיי לאָזן לערנען זייערע קינדער די שפּראַכן פונעם לאַנד, וואָס איז נייטיק, אויף צו מאַכן זיי פעאיק פאַר זייערע שפּעטערע קאַמפן פאַר פרנסה. האָט זיך דאַן איטלעכער צוגעהערט צו מיינע ווערטער און אפילו אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז איך בין גערעכט מיט מיינע טענות. אָבער אין דער פירונג פון די מענטשן בנוגע צו דער דערציאונג פון זייערע קינדער האָט דאָס גאָר נישט געענדערט.

יעדער פון זיי איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג — און ווען איך האָב דערנאָך באַגעגנט איינעם אָדער דעם אַנדערן אין דער נאַס און איך האָב אים געפרעגט, צי ער האָט שוין עפּעס געטאָן אָדער באַטש אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן טאָן, — האָט מען מיר געענטפערט מיט אַ צי מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: „ווער האָט צייט פאַר אַזעלכע נאַרישקייטן?"

איך בין אין גאַנצן אָפּהענטיק געוואָרן פון אַלע מיינע חלומות און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך האָב נישט מער קיין פּלאַץ צו אַרבעטן צווישן יידן און איך וועל מוזן צוריקקערן צו מיין טעטיקייט צווישן גויים, וועלכע זענען נאָך פּאָליטיש רוי און מען האָט זיי נאָך געקענט פורעמען, ווי מען זאָל וועלן.

דערווייל בין איך צוגעפאָרן אויף עטלעכע טעג צו מיינע עלטערן אין קראָקע און אָנגעקומען אַהין בין איך פרייטיק פּרשת אמ"ר תרס"ט. די דאַטע האָב איך זיך באַזונדערס אַריינגענומען אין זכרון צוליב אַ פּאָרפאַל, וועלכער איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין קראָקע.

מיין פאָטער איז מיט אַ צוויי וואָכן פריער קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן אָנגעמאַכט אַ מורא, אַז דער צושטאַנד זיינער איז אַ געפערלעכער. האָט מען מיר פון דער היים טעלעגראַפירט, איך זאָל וו־

צום גיכסטן קומען. אָבער ביז איך בין געקומען, איז דעם טאַטן בעסער געוואָרן — און אַזוי ווי איך האָב דעמאָלט געהאַט טעלעגראַפירט וועגן דער שעה פון מיין קומען, האָט מיך שוין דער טאַטע אַליין אָפּגעוואַרט ביי דער באַן.

מיטן טאַטן אַהיימגייענדיק האָבן מיר — ווי עס פאַרשטייט זיך — אַ גאַנצן וועג גערעדט. איך בין נייגיריק געווען צו וויסן, וואָס עס מאַכט די פאַמיליע און דער טאַטע מיינער האָט מיט מיר גערעדט בלויז וועגן ענינים פון כלל ישראל. ער האָט געהאַט אַ האַרץ פול מיט ליבשאַפט צו יידן און יעדע זאַך, וואָס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זי וועט ברענגען אויפקלערונג צו יידן, האָט אים פאַרשאַפט נחת־רוח און זי האָט אים אינטערעסירט מער ווי די אַנגעלעגנהייטן פון זיין אייגענער פאַמיליע.

דער טאַטע האָט מיר דענסטמאָל געזאָגט אַז ער לייגט גרויסע האָפענונגען, אויף די מעגלעכקייטן פון באַראָן הירשס פונדאַציע פאַר דער אויסבילדונג פון די גאַליצישע יידן.

גראָד אין יענעם יאָר האָט באַראָן הירש מנדב געווען 12 מיליאָן פראַנק לכבוד קייסער פראַנץ יאָזעפס רעגירונגס־יובילעאום, אויף צו גרינדן שולן פאַר די יידן אין גאַליציע. מיר אַליין איז די גאַנצע פונדאַציע נישט געפעלן. די עסטרייכישע רעגירונג האָט דאָס געדאַרפט גרינדן שולן פאַר יידן און באַראָן הירשס נדבה וואָלט געקענט פאַרווענדעט ווערן אויף אויסצולערנען יידן אַ מלאכה אָדער אויף אַנדערע מיני ווילטעטיקייטן.

שפּעטער בין איך געגאַנגען זען מיינע חברים און דער טאַטע מיינער איז זיך אַוועקגעגאַנגען צו זיין געוויינטלעכער באַשעפטיקונג.

דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג בין איך אַהיימגעקומען פאַרברענגען אַ ביסל מיט מיין פאַמיליע. עטלעכע מינוט שפּעטער איז דער טאַטע אָנגעקומען אַן אויפגערעגטער און האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן ביים אַרבל מיט כעס, זאָגנדיק:

— דו באַגייסטערט זיך פאַר חסידות, וועל איך דיר ווייזן אַ ביסל פינצטערניש, וואָס ווערט ביי אונדז פאַרשפּרייט אין נאָמען פון חסידות, וועסטו קענען זען אַ זאַך, וואָס רוקט צוריק דעם זייגער פון אויפקלערונג אויף אַ גאַנצן יאָרהונדערט. באַראָן הירש מעג זיך שוין באַ־

האַלטן מיט זײַנע מיליאָנען, װײַל אײן װאָרט פון עפּעס אַ פּינצטערן פּאַנאַטיקער האָט אַ גרעסערע װירקונג אויף ייִדן װי אַלע מיליאָנען פון באַראָן הירש.

— װאָס איז אײגנטלעך אַזױנס געשען? װאָס ביסטו אַזױ אויפגע־רעגט? — האָב איך קוים אױספּיעט צו פרעגן.

— פרעג גאָרנישט, נאָר קום מיט מיר! — האָט מיר געענטפערט דער טאַטע.

בין איך געגאַנגען, כאָטש איך האָב נישט געװוּסט, װוּהין איך גײ און װעגן װאָס עס האַנדלט זיך. מײַן טאַטע איז געגאַנגען אַ שװײַגנ־דיקער און פון זײַן אינערלעכער אויפרעגונג האָב איך אַרױסגעלײענט, אַז דער װעג איז פאַר אים זײער אַ שמערצלעכער.

זענען מיר בײדע צוגעקומען צום בית־הקברות — און װי כהנים, זענען מיר שטײן געבליבן פאַרן טויער.

— טו אַ קוק אַהין דאָרט אין יענעם װינקל — מאַכט ער צו מיר — און זע, צי עס קען נישט אײנעם פּלאַצן די גאַל, אַז מען קוקט דאָס צו!

האָב איך אָנגעשטרענגט מײַן אויג צו זען און איך האָב אַלץ נישט געקענט באַגרײַפן, װאָס מײַן טאַטע זעט דאָרט פאַר אַ שלעכטס. איך האָב נאָר געזען, װי ייִדן אַרבעטן אין אַ װינקל פונעם בית־הקברות. צו באַהאַלטן דאָרט עפּעס אַ „בר־מינן״.

— װײסטו, װעמען מען איז דאָרט מקבר? — האָט מיך מײַן טאַטע געפרעגט.

— פון װאַנען זאָל איך דאָס װיסן? — האָב איך מיט אַ פראַגע גע־ענטפערט.

אַזױ װי איך האָב געזען, װי מען מאַכט אַ קבר אין אַ װינקל בײַם מויער האָב איך געגלויבט, אַז מען גראָבט דאָרט מסתמא אַ קבר פאַר אַן אָרעמאַן. איך האָב אָבער װײַטער נישט געװאָלט זאָגן קײן װאָרט, װײַל איך האָב געװאָלט הערן אויספירלעך אַלצדינג פונעם טאַטנס מויל.

— װען דו זאָלסט אפילו זײַן מיט טויזנט קעפּ — האָט מיר דאַן דער טאַטע געזאָגט — װעסטו אויך נישט טרעפן, װאָס פאַר אַ מת עס װערט דאָרט אין יענעם װינקל באַהאַלטן, ס'איז אײנער פון די גרויסע „קאַרפּנקעפּ״...

„קאַרפּנקעפּ״ פּלעגט מען ביי אונדז רופן די גבירים פון שטאָט. איז דאָס מיר ווייטער געווען אַ רעטעניש, אַז מען זאָל גאָר פּלוצים באַהאַלטן אַ „קאַרפּנקאָפּ״, אַ גביר הייסט עס, אין אַ ווינקל, נאָענט פון דער מויער.

— דעם אמת זאָגנדיק — האָט מיין טאַטע באַלד צוגעגעבן — קען איך נישט וויסן, צי דער מת דאָרטן איז אַ קאַרפּן אָדער אַ שלייען, נאָר אַ פיש איז ער לכל הדעות, אַ פיש כפשוטו וכמשמעו...

פאַרשטיי איך שוין גאָר נישט, וואָס דער טאַטע זאָגט — און איך בעט ביי אים אַז ער זאָל מיר זאָגן וואָס ער מיינט.

דערציילט מיר דער טאַטע אַזאַ געשיכטע:

— ביי שאָרנשטיין אין פּאָדגאָרז (אַ פאָרשטאָט פון קראָקע) האָט מען היינט געמאַכט אַ פיש לכבוד שבת,, איז בשעת מען האָט דעם פיש צעשניטן, האָט מען בפירוש געהערט, ווי דער פיש האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און אַ מענטשלעכע שטימע האָט פון אים אַרויסגערעדט די ווערטער: „וויי איז מיר!...״

איז מען באַלד געלאָפן פרעגן אַ שאלה ביים רב, ר׳ שמעון תאומים פרענקל. האָט זיך גראָד געטראָפן, וואָס עפּעס איינער אַ יונגער חסידישער רבי האָלט היינט שבת ביים פּאָדגאָרזער רב, האָט דער פּאָדגאָרזער רב פאָרגעלייגט די שאלה פאַר יענעם חסידישן רבין, וועלכער האָט געפּסקנט, אַז מען טאָר דעם פיש נישט עסן, ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין שום ספק, אַז דער דאָזיקער פיש איז אַ גילגול פון עפּעס אַ רשע. דאַרף מען דערפאַר אָנטאָן דעם פיש תכריכים און מקבר זיין ווי אַ מענטש.

איך בין פון דער מעשה פשוט אויפגעקאָכט געוואָרן און ס׳האָט זיך מיר פאַרוואָלט אויסשרייען איבער אַלע גאַסן, די גאַנצע וועלט זאָל הערן, וואָס פאַר אַ טיפּשים עס געפינען זיך נאָך ביים סוף פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט אין אַזאַ שטאָט ווי קראָקע...

דער טאַטע מיינער האָט מיך באַרואיקט.

— לויף נישט! — האָט ער מיר געזאָגט — מאַך נישט קיין געוואַלדן, דו וועסט מיט דיין שרייען גאָר נישט פועלן! קוק זיך גוט צו, וועסטו טרעפן צווישן די מתעסקים מיטן פיש אוכלי טרפות און מחללי שבתות, וואָס גלייבן נישט אין דער תורה און האַלטן נישט אירע מיצוות. זיי גלייבן אָבער אין „גילגולים״. און טאָמער וועסטו וועלן אָפּלייקענען

זייער גלויבן, וועלן זיי דיך פאַרשרייען פאַר אַן אפּיקורס און זיי וועלן אויך זיין די ערשטע דיך צו באַוואַרפן מיט שטיינער...

מיין טאַטע האָט מיך מיט זיינע עטלעכע קלוגע ווערטער כּאָרו־איקט און איך בין שוין געווען גרייט, צו שווייגן וועגן דער דאָזיקער גע־שעעניש. אָבער ער אַליין האָט נישט געוואָלט פאַרשווייגן און ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט, צו זאָגן דעם פּאָדגאָרזער רב זיין מיינונג.

ביים פּאָדגאָרזער רב, ר׳ שמעון תאומים פרענקל, איז דעמאָלט גע־ווען אַ יוצא ונכנס איינער אַ געבילדעטער ייד און אַ משכיל, באַקאַנט אונטערן נאָמען עזריאל לערער (דער פאָטער פונעם ניו־יאָרקער אַרבעטער־פירער יאָסעלע וויינבערג). האָט דער דאָזיקער עזריאל לערער גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו האַלטן דעם רב אינפאָרמירט וועגן אַלע פראַגן פון דער וועלט־פּאָליטיק.

דעם דאָזיקן משכיל עזריאל לערער האָט מיין פאָטער פאָרגעוואָרפן הלמאי ער האָט נישט אויפגעקלערט דעם רב, אַז דאָס באַגראָבן אַ פיש אין מענטשלעכע תכריכים איז זייער אַ גרויסע נאַרישקייט.

אויף דער דאָזיקער טענה האָט עזריאל לערער געענטפערט:

— קעגן דער פאַרשפרייטונג פון פינצטערניש קענען מיר איצט גאָר נישט אויפטאָן. ווייל ווען איך האָב דעם רב אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער ווילדקייט פון באַגראָבן אַ פיש אין מענטשלעכע תכריכים, האָט דער רב אַרויפגעוואָרפן די שולד אויפן חסידישן רבין, וועלכער האָט היינט שבת ביים פּאָדגאָרזער רב — און יענער רבי האָט מיר געזאָגט, אַז אַ ייד מוז גלייבן אין גילגולים און יענער פיש איז זיכערלעך אַ גילגול פון עפּעס אַן „עבריין״, וואָס האָט איצט געקראָגן זיין תיקון...

זונטיק נאָך יענעם שבת האָב איך באַגעגנט דעם העברעאישן שריי־בער פייוול הירש וועטשטיין און איך האָב אים דערציילט די מעשה מיטן פיש, האָט ער זי תיכף באַשריבן און געדרוקט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער העברעאישער צייטונג „המגיד״.

קאַפּיטל 61

מיין באַגעגעניש מיט נפתלי הערץ אימבער

אויפן וועג פון אייזנבאַן צווישן לעמבערג און טאַרנאָפּאָל ליגט די אַמאָליקע גאַליציאַנער שטאָט זלאָטשאָוו, אַרומגערינגלט פון עטלעכע קליינע שטעטלעך, וואָס האָבן זיך אין די צייטן פון פאַר דער לעצטער מלחמה גערעכנט ווי יידישע ישובים. אין יענע צייטן איז אויך זלאָטשאָוו אין אַ געוויסער מאָס געווען פאַררעכנט ווי אַן אַדמיניסטראַטיוו־עקאָנאָמישער צענטער פאַר אַ סביבה פון צענדליקער מייל און זי איז צוליב דעם געווען אַ שטיקל גייסטיקער מיטלפונקט פאַר די יידן פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט.

לאַנגע יאָרן צוריק איז זלאָטשאָוו געווען אַן אָרט פון חסידות. דאָרט האָט געלעבט און געווירקט איינער פונעם בעל־שם־טובס ערשטע תלמידים, ר׳ יהיאל מיכל, וואָס איז באַוווּסט ווי דער זלאָטשאָווער מגיד. פלעגן דעמאָלט אהין שטראָמען מחנות חסידים פון נאָענט און ווייט — און די שטאָט איז געווען איינגעטונקען אין קדושה.

שפּעטער איז די חסידישע שכינה פון דאָרט נסתלק געוואָרן און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן „ציוויליזירן״.

טראַכטנדיק איצט פון אָט דעם שטעטל, וואָס איז היינט זיכער פאַרבליבן אָן אַ סימן פון אַ ייד, דערמאָנט זיך מיר מיינע אַ באַגעגעניש מיט דעם דאָרט געבוירענעם העברעאישן דיכטער נפתלי הערץ אימבער, דעם מחבר פון דער „התקוה״, וועמען איך האָב געטראָפן איין מאָל אין מיין לעבן אין ווין, ווו ער האָט דענסטמאָל פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט, נאָך דעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל און איז געווען אויפן וועג קיין לאָנדאָן, צו באַגעגענען זיך דאָרט מיט זיין „פּראָטעקטאָר״, דעם באַוווּסטן גוייש־ענגלישן „חובב ציון״ — סער לאָורענס אָליפאַנט.

זוכנדיק אַ תכלית אין לעבן, האָב איך אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט קיין ווין. געזעסן אין אַ רעסטאָראַן אין צווייטן באַצירק, ווו עס איז פאָרגעקומען אַ שאַרפע דעבאַטע צווישן אַ חברה יידן, וואָס זענען געזעסן ביי אַ צווייטן טיש, נישט ווייט פון מיר.

דער ראש המדברים ביי יענעם טיש איז געווען אַ יונגער מענטש

נפתלי הערץ אימבער
(1909 — 1856)

אברהם גינצלער
(1910 — 1840)

דוד ישעיהו זילבערבוש
(1934 — 1854)

ד"ר דוד קינסטלינגער
(1935 — 1867)

פון אַ יאָר דרייסיק, מיט לאַנגע שוואַרצע האָר און דאָס פּנים אין גאַנצן ראַזירט. אַרום אים זענען געזעסן עטלעכע מענטשן, און איבער יענע זע־נען געשטאַנען אַנדערע, וואָס האָבן זיך געאײַלט אָפּצוזאָגן זייערס און אַוועקגיין, אָבער זיי האָבן זיך דערווייל צוגעהערט צום שמועס מיט גע־שפּיצטע אויערן.

נאָך אַ גרויסער אָנשטרענגונג, האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו כאַפּן וועגן וואָס מען רעדט דאָרט. דער ראש המדברים האָט אַרגומענטירט וועגן דער אידעע פון ישוב ארץ ישראל. האָט דאָס ביי אַלע יענע מענטשן אויסגעזען, ווי מען זאָל צו זיי רעדן וועגן אויסגעפינען אַ נייע וועלט אויף דער לבנה...

די אַרגומענטאַציע פון דעם יונגן מאַן וועגן ישוב ארץ־ישראל האָט געמאַכט אויף מיר אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק און צוגייענדיק נענטער צו יע־נעם טיש, האָב איך זיך אַרייַנגעמישט מיט אַ וואָרט. בזה האופן האָב איך דעמאָלט זיך באַקענט מיט נפתלי הערץ אימבערן.

דער שפּעטער אין אַמעריקע צעקנייטשטער נפתלי הערץ אימבער מיטן אָפּגעלאָזענעם הילוך און אויסגעקראָכענע ווייסע קודלעס, איז דענסטמאָל געווען יונג מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, אויסגעפּוצט ביז צום לעצטן קנעפּל — און ווען ער האָט גערעדט וועגן ארץ־ישראל, האָבן ביי אים די אויגן געלויכטן אין אַ הייליקער באַגייסטערונג.

מיט אַלע זיינע חושים האָט ער דאַן געגלויבט, אַז ווען די ענגלישע רעגירונג זאָל נאָר וועלן, וועט זיך דער סולטאַן צוהערן צו די ווערטער פון אַזאַ גרויסן אָנהענגער פון ארץ ישראל, ווי סער לאָורענס אָליפאַנט, אַוועקצוגעבן דאָס אַלטע יידישע לאַנד צו די יידן...

פון מיינע ווייטערדיקע שמועסן מיט אימבערן, בין איך געוואָר גע־וואָרן, אַז איך האָב פאַר מיר דעם פאַרפאַסער פון העברעאישן הימן „עוד לא אבדה תקותנו“, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן לויט דעם פּוילישן הימן „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ“ („נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן“). ער האָט מיר אויך געגעבן צו לייענען דעם ערשטן באַנד פון זיינע שי־רים מיטן נאָמען „ברקאי“ („עס טאָגט“), וואָס ער איז דאַן אַרומגעגאַנ־גען פאַרקויפן צווישן די ווינער גבירים.

פון אימבערס רייד וועגן זיך, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אַלע זיינע יאָרן וואַנדערט ער אַרום. איך מוז אויך מודה זיין, אַז די ליידנ־

שאַפט פון זיין שפּעטערער שכרות האָט שוין דעסטמאָל אין אים געאַר־בעט, ווייל ער איז נישט פאַרבייגעגאַנגען קיין איין שענק, ווו ער האָט זיך נישט אַריינגעכאַפּט פאַר אַ טרונק בראָנפן.

אין דער היים, אין זלאָטשאָוו — האָט ער מיר דערציילט — האָט עס אים כסדר געיאָגט אין דער גרויסער וועלט אַריין, און אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין מאָל אויף הוצאות, פלעגט ער כמעט יעדע וואָך גיין צופוס פון זלאָטשאָוו קיין בראָד און צוריק, ביז עס האָט זיך אים, אין 1875, איינגעגעבן, אָנצושרייבן אייניקע העברעאישע „שירים" לכבוד דעם עסטרייכישן „פאַטערלאַנד", (עס איז דאַן געוואָרן הונדערט יאָר, זינט עסטרייך האָט צוגענומען בוקאָווינע פון דער טערקיי). ער האָט די דאָזיקע „געדיכטע" אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדערער בראָשור, צו וועלכער ער האָט בייגעלייגט אַ דייטשע איבערזעצונג און אַוועקגעשיקט מיט זיי־נעם אַ בריוו צו קייסער פראַנץ יאָזעף. אין דעם בריוו האָט ער דערציילט, ווי ער גאַרט אַרויסצוקומען אויף דער גרויסער וועלט, נאָר ער איז אָרעם און ער האָט נישט פון וואַנען צו לעבן.

די קייסערלעכע הויף־קאַנצעלאַריע האָט אָנגענומען די דאָזיקע בראָ־שור מיט צופרידנקייט און זי האָט אים צוגעשיקט אַ מתנה פון הונדערט גולדן (לערך 40 אַמעריקאַנער דאָלאַר). דערביי איז אויך געווען בייגע־לייגט אַ בריוו, אַז „דער קייסער האָט געלייענט זיינע שריפטן מיט פאַר־געניגן און אַזוי ווי ער האָט איינגעזען, אַז ער האָט די פעאיקייטן צו לערנען, וועט ער טאָן גוט, ווען ער וועט קומען קיין ווין, ווו ער וועט האָבן די בעסטע געלעגנהייט, זיך אויסצובילדן און צו באַקענען זיך מיט דער גרויסער וועלט..."

אָט דער בריוו, וואָס איז אים אָנגעקומען ווי אַן אָפיציעלער דאָקו־מענט דורכן זלאָטשאָווער באַצירקס־הויפּטמאַן (און דער אינהאַלט זיי־נער איז באַקאַנט געוואָרן צו אַלע זלאָטשאָווער יידן פיל פריער, איידער אימבער איז נאָך פון אים געוואָר געוואָרן), אָט דער בריוו האָט אים־בערן אין גאַנצן פאַרדרייט דעם קאָפּ. אין זיין קליינשטעטלדיקער נאַאי־וויטעט האָט ער דאָס אָנגענומען ווי אַ באַווייז, אַז דער קייסער איז אויף אַזוי ווייט איבערצייגט פון זיין גרויסקייט, אַז ער וויל אים אַזש לאָזן שטודירן אויף זיינע קאָסטן. קען מען זיך שוין לייכט פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ געפילן ער איז דאַן געלאָפן קיין ווין — און ווי אַנטוישט

איז ער געוואָרן, ווען עס האָט דערנאָך געקומען חדשים, ביז ער האָט באַקומען די דערלויבעניש, צו דאַנקען דעם קייסער פאַר זיין מתנה.

זיינע חלומות זענען דאַן אין איין מינוט כמעט ווי צערונען געוואָרן. פון אָנהייב האָט זיך אים אפילו געוואָלט גלייבן, אַז דאָס נישט־צולאָזן אים צום קייסער איז נישט די שולד פונעם קייסער אַליין, נאָר דאָס איז די אינטריגע פון אַן אַנטיסעמיטישער הויף־קליקע, אָבער גיין צוריק קיין זלאָטשאָוו, האָט ער נישט מער געוואָלט. האָט ער אָנגעהויבן וואַנדערן איבער די גרויסע שטעט אין דער ווייטער וועלט, צו געפינען עפּעס אַ פּאַסיקע באַשעפטיקונג. בזה האופן האָט ער פאַרבלאָנדזשעט קיין יאַסי, אין רומעניע, וווּ ער האָט געטראָפן פונקט אַזאַ אַנטוישטן אין פראַנץ יאָזעפס חסדים ווי ער.

דאָס איז געווען אַ ייד אַ סוחר מיטן נאָמען משה וואַלדבערג, וועל־כער האָט געהאַט זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פונעם עסטרייכישן האַנדל אין דער מאָלדאַווע. האָט דאַן דער עסטרייכישער קאָנסול אין יאַסי געשריבן צו דער הויף־קאַנצעלאַריע, וואָס דער דאָזיקער ייד האָט אויפגעטאָן פאַרן עסטרייכישן האַנדל — און ער האָט דערביי אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז מען דאַרף דעם דאָזיקן ייד געבן עפּעס אַ שטיקל אויסצייכענונג. האָט מען דאָס אין ווין שלעכט פאַרשטאַנען און מען האָט דעם דאָזיקן משה וואַלדבערג געגעבן דעם טיטל באַראָן. איז ווען דער פאַרשוין איז געקומען באַדאַנקען דעם קייסער פאַרן טיטל און מען האָט אין ווין געזען, אַז דאָס איז אַ גאַליציאַנער חסיד מיט באָרד און פּאות, האָט מען אים אַ לאַנגע צייט נישט צוגעלאָזט צום קייסער, און ווען ער האָט אַלץ נישט פאַרלאָרן דעם געדולד און ער האָט זיך ענדלעך דערוואָרט אויף אַן אוידיענץ ביים קייסער, האָט אים קייסער פראַנץ יאָזעף בלויז אָנגעקוקט און נישט געוואָלט אפילו הערן, וואָס ער האָט צו זאָגן.

אָט דאָרט זיצנדיק ביי משה וואַלדבערגן אין הויז, איז אין 1878 אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער קאָנגרעס פון אַלע אייראָפּעאישע דיפּלאָ־מאַטן אין בערלין האָט באַשטעטיקט די פאַראייניקונג פון דער מאָלדאַווע און וואַלאַכיי אין אַ באַזונדער קעניגרייך — רומעניע. איז אונדזער נפתלי הערץ אימבער אַריינגעפאַלן אין אַ התלהבותדיקער שטימונג און אויסגע־רופן: ווען די באַלקאַנישע פעלקער קענען ווערן זעלבסטשטענדיק און פריי, טאָ פאַרוואָס זאָלן יידן נישט קענען פריי ווערן? און טאַקע באַלד

אויפן פּלאַץ איז אים אָנגעקומען זיין פּאַטעטישע באַגייסטערונג און ער האָט אָנגעשריבן זיין „עוד לא אבדה תקותנו...“

עס דאַרף נאָר דערמאָנט ווערן, אַז ווען איך האָב געטראָפן אים־בערן אין ווין, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אַנדער נאַאיווער אידעע, וועלכע האָט אים ווייטער געבראַכט אַן אַנטוישונג. אַזוי ווי ער איז אין 1882 געפאָרן מיט סער לאָורענס אָליפאַנט קיין ארץ ישראל, האָט ער דאָרט געהאַט פיל צו קעמפן קעגן דער קריסטלעכער מיסיאָן, וועלכע האָט אין יענער צייט שטאַרק געבושעוועט אין ארץ ישראל. אַזוי ווי עס איז דעמאָלט געווען ביי יידן פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז קייסער פראַנץ־יאָזעף איז אַ ליבעראַל און ער וויל נישט קיינעם צווינגען צו קריסטנטום, האָט זיך אַזאַ ייד ווי אימבער איינגערעדט, אַז דער עסטרייכישער קיי־סערלעכער הויף וועט אים העלפן אין זיין קאַמף קעגן דער מיסיאָן, אַז קייסער פראַנץ יאָזעף וועט זאָגן זיינס אַ מעכטיק וואָרט קעגן דער טע־טיקייט פון דער מיסיאָן. האָט מען אים אין ווין געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווען ער וויל באַקעמפן די אַנגליקאַנישע מיסיאָן אין ארץ־ישראל, קען אים דער קייסער העלפן מיט זיינעם אַ וואָרט ביים סולטאַן. ער קען אָבער גאָר נישט זאָגן קעגן דער ווירקונג פון דער קאַטוילישער מיסיאָן אין ארץ־ישראל, וועלכע שטייט אונטער דער פּערזענלעכער פּראָטעקציע פון קייסער פראַנץ יאָזעף...

נפתלי הערץ אימבער איז געבוירן געוואָרן אין 1856 און געשטאָרבן שמחת־תורה 1909, אין ניו־יאָרק, אין עלטער פון 55 יאָר. אין אַמעריקע איז ער אָנגעקומען אין 1892, ווען ער איז שוין געווען שטאַרק באַוווסט ווי אַ העברעאישער דיכטער.

אין דער צייט וואָס אימבער האָט געדינט ווי אַ סעקרעטאַר ביי סער אָליפאַנט, האָט ער געלערנט פלייסיק ענגליש — און ווען ער האָט שפּע־טער פאַרבראַכט צוויי יאָר אין ענגלאַנד, וווּ ער האָט זיך געחברט מיט איזראַעל זאַנגוויל, וואָס האָט אים געשילדערט קאַריקאַטור־מעסיק אין זיינע שריפטן, האָט ער זיך אַזוי ווייט פאַרפולקאָמט אין דער ענגלישער שפּראַך, אַז ווען ער איז אָנגעקומען אין אַמעריקע, האָט ער תיכף גענו־מען שרייבן ענגליש — און ער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן עטלעכע בראָשורן וועגן יידן אין אַ מיסטישן גייסט, וווּ ער האָט אויסגעפירט, אַז צוליב די רדיפות פון דער רוסישער רעגירונג מוז קומען אַ סוף צו דער צאַרישער הערשאַפט.

גלייכצייטיק האָט ער איבערזעצט אין ענגליש פאַרשידענע מעשיות פון גמרא און מדרשים, וועלכע האָבן זיך אַריינגעפּאַסט אין זיינע מיס־טישע אָנשויאונגען. אין 1895 האָט ער אויך אַרויסגעגעבן אין באָסטאָן אַן ענגלישן מאַגאַזין מיט טעאָזאָפישע טענדענצן, ווו עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז דער „מלך על כל הארץ״ פירט זיין וועלט און קיינער קען נישט דערגיין אויף וואָס פאַר אַ סיסטעם ער פירט דאָס אָן.

קאַפּיטל 62

אונגאַרישע רבנים האָבן געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל

געווען איז דאָס אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1888. אין דער היינטיקער סלאָוואקיי און טראַנסילוואַניע, וואָס האָבן דעמאָלט באַלאַנגט צו דער אונגאַרישער מלוכה, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע אָרטאָדאָק־סישע רבנים, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן אַ רייזע קיין ארץ־ישראל.

זיי האָבן אַרויסגעשיקט אַ פייערדיקן קול קורא צו אַלע אָרטאָדאָק־סישע יידן אין דער גאַנצער וועלט, מען זאָל זיך אָנשליסן אין דער דאָ־זיקער רייזע, כדי צו קענען זען דאָס לאַנד, דערביי אויך אויסגעפינען צי מ׳קען דאָרט גרינדן אַ שטיקל ישוב פאַר פרומע יידן, וואָס זאָלן קענען אַרבעטן פאַר פרנסה און גלייכצייטיק אויך האָבן די מעגלעכקייט, אויס־צוגיסן דאָס האַרץ ביי דער „כותל מערבי״ און מקיים צו זיין די „מצוות התלויות בארץ״.

עפּעס האָט שוין דעמאָלט זיך געלאָזט הערן וועגן יענע יידן, וואָס זענען מיט עטלעכע יאָר פריער עולה געווען קיין ארץ־ישראל, צו ווערן דאָרט פּשוטע ערד־אַרבעטער. האָבן דאָס יענע אָרטאָדאָקסישע רבנים אויף זייער אופן געוואָלט נאָכטאָן.

אַזאַ קול קורא איז אָנגעקומען צום סאַנדזער רב, ר׳ אהרן האלבער־שטאַם, האָט אים זיין אייניקל יקותיאל געבראַכט צום מוכר־ספרים מנחם אליעזר מאהלער, וועלכער האָט אים צוגעשיקט צו מיר.

איך בין פון דעם שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן. די אידעע פון עולה־רגל זיין קיין ארץ־ישראל האָט ביי מיר אין האַרצן אויפגעפלאַקערט אין אַ הייליק פייער. עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט זיין איינער פון יענער חברה עולי רגל. אָבער ווי אַזוי דאָס קען געשען, האָב איך נישט גע־

ווסט, ווייל ווי ביליק עס איז נישט געווען די רייזע, איז דאָס פאַר מיר געווען כמעט אוממעגלעך דורכצופירן.

איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו די אָרגאַניזאַטאָרס פון דער דאָזי־קער נסיעה, וועלכע האָבן געהאַט זייער צענטראַלע אין פרעסבורג — און איך האָב זיי דערציילט, אַז איך בין איינער פון יענע, וואָס בענקען תמיד קיין ארץ־ישראל און וואָלטן גערן אַהין געפלויגן אויף אָדלער־פליג־לען. אָבער וואָס איז די פעולה אַז עס פעלט מיר דאָס נויטיקע געלט אויף הוצאות?

איז מיר אָנגעקומען אַ תשובה, אַז די מענטשן פון דעם קאָמיטעט קענען זייער גוט מיין נאָמען ווי אַ שרייבער אין די העברעאישע צייטונ־גען און זיי האָבן שוין לאַנג אויף מיר אַן אויג, ווייל איך האָב „האָניק און מילך אונטער מיין צונג" (זיי האָבן דערביי באַנוצט די מליצה „דבש וחלב תחת לשונו") און זיי זענען זיכער, אַז ווען איך וועל אָנשרייבן עטלעכע „מאמרים" וועגן זייער אידעע, וועלן זיך טויזנטער שאַרן „אונ־טער זייערע פליגלען". זיי זענען דערפאַר גרייט מיך אַריינצונעמען אין זייער חבריא מיט די הוצאות פון דער באַן און שיף, ווען איך וועל קויפן עסן פון מיין אייגענעם געלט און וועל זיי אַריינברענגען במזומנים די סומע פון 25 עסטרייכישע גולדן (10 אַמעריקאַנער דאָלאַר).

דערפאַר ווי געזאָגט, ווילן זיי בלויז, אַז איך זאָל אָנשרייבן עטלעכע אַרטיקלען פאַרן „המגיד", צו דערקלערן, ווי גרויס עס איז די מצוה פון עולה־רגל זיין קיין ארץ ישראל און דעם עולם איבערצייגן, אַז ווער עס האָט די זכיה אַריבערצוקומען קיין ארץ ישראל, איז פאַרזיכערט מיט זיין חלק עולם הבא.

איך בין אָבער נישט געווען אומשטאַנד צונויפצושלאָגן אפילו אַזאַ קליינע סומע ווי 25 גולדן, האָבן מיך די מענטשן פון דעם קאָמיטעט געלאָזט וויסן, אַז זיי זענען וויליק צו וואַרטן מיט מיין איינצאָלן די דאָ־זיקע סומע, ביז איך וועל זיך זעצן אויף דער שיף, צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב טאַקע באַלד אָנגעשריבן אַזאַ מאמר וועגן די טענדענצן פון די „עולי־רגל", ווי מען האָט פון מיר פאַרלאַנגט. דער מאמר איז געווען אָנגעפיקעוועט מיט ציטאַטן פון גמרא און מדרשים, ווי אויך פון ספרי־פוסקים ראשונים ואחרונים, צו באַווייזן, אַז ווער עס

שטרעבט נישט צו קומען כאָטש איין מאָל אין זיין לעבן קיין ארץ־ישראל, האָט נישט קיין תקומה אויף דער וועלט — „ומכלל לאו אתה שומע הן״.

אַ טייל פון דעם דאָזיקן „מאמר״ האָב איך אָפּגעדרוקט אינעם „המגיד״, אָבער דעם גרעסטן טייל האָב איך באַזונדער אַוועקגעשיקט אין אַ בראָשור צום קאָמיטעט אין פּרעסבורג, וואָס האָט אָפּגעדרוקט דעם גאַנצן „מאמר״ מיט הסכמות פון גרויסע רבנים אונטערן נאָמען פון איינעם אַ גרויסן אונגאַרישן רב. יענער האָט זיך, אגב, דערנאָך פאַר מיר פאַרענטפערט, אַז מען האָט געשטעלט זיין נאָמען אויפן שער בלאַט ווי דעם מחבר פון דער בראָשור — קעגן זיין ווילן...

די אידעע פון עולה־רגל זיין קיין ארץ־ישראל איז דאַן געווען אָנגענומען אין אַלע קרייזן פונעם אונגאַרישן יידנטום. האָט מען מיר נאָכן פאַרעפנטלעכן מיין בראָשור מיטגעטיילט, אַז די עליה קיין ארץ ישראל האָט שוין אַריבער צוויי הונדערט חברים, אַלע רבנים יראים, דיינים און מלמדים; צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע גרויסע אונגאַרישע סוחרים, וואָס האָבן די דאָזיקע רייזע געוואָלט אויסנוצן אויף אָנצוקניפּן האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט יענע מקומות.

שפּעטער האָט מען מיר צוגעשיקט אַ פּראָגראַם פון דער גאַנצער נסיעה. חצי תמוז האָט מען זיך געזאָלט צונויפקומען אין טריעסט, ווו מען האָט געדאַרפט אויפשטייגן אויף דער שיף. עס איז דאָרט אויך געווען דער גאַנצער פּלאַן פון אונדזער פאַרברענגען אין ארץ ישראל.

באַלד ביים אָנקומען אין יפו, האָבן מיר געדאַרפט קריעה־רייסן, ווי ד'ער דין איז, ווען מען זעט, אַז ארץ־ישראל איז חרוב. דערנאָך האָבן מיר געדאַרפט אַריינגיין אַלע אינאיינעם אין ירושלים. ווער עס איז בכוח האָט געדאַרפט גיין צופוס; און ווער נישט, האָט געמעגט רייטן אויף אַן אייזל. תשעה באב איז געווען באַשטימט, זאָלן מיר אַלע זאָגן קינות ביי דעם „כותל מערבי״ און שבת נחמו זאָלן מיר דאַווענען אין דער חורבה פון ר' יהודה חסיד.

אונגאַרישע יידן זענען דעמאָלט געווען גרויסע פּאַטריאָטן פון קייסער פראַנץ יאָזעף. האָט מען מודיע געווען דעם גאַנצן פּלאַן פון אונדזער רייזע צו דער קייסערלעכער הויף־קאַנצעלאַריע. קייסער פראַנץ יאָזעף האָט נאָך דעמאָלט געהאַט דעם טיטל „קעניג פון ירושלים״; האָט מען געהאַט אין זינען, אַז ער קען זאָגן אַ וואָרט פאַר אונדזער טובה. און אַזוי

איז טאַקע געווען: מען האָט געהאַט די זכיה צו באַקומען אַ תשובה פון דער הויף־קאַנצלאַריע, אַז דער קייסער באַגלייט אונדזער רייזע מיט די בעסטע ווונטשן. דער קייסער האָט אויך באַאויפטראַגט דעם עסטרייך־אונגאַרישן קאָנסול אין ירושלים, ער זאָל אַרויסשיקן עמעצן אונדז צו באַגריסן, ווען מיר וועלן אָנקומען אין יפו; און די גאַנצע צייט וואָס מיר וועלן זיין אין אַרץ־ישראל, זאָל ער אונדז געבן די שוץ פון דער עסטרייך־אונגאַרישער רעגירונג.

לכתחילה איז מיר אפילו געווען קשה, וואָס די אונגאַרישע רבנים האָבן געבעטן אַ הסכמה אָדער גאָר אַ ברכה צו זייער נסיעה קיין אַרץ־ישראל ביי קייסער פראַנץ יאָזעף. האָט דאָס מיר אויפגעקלערט איינער אַן אונגאַרישער רב, וועמען איך האָב אַמאָל באַגעגנט ביי מנחם אליעזר מאהלערן אין הויז.

ער האָט מיר דערציילט, אַז אַזוי ווי ער איז אַ געבוירענער אין אַרץ־ישראל, איז ער געווען אין ירושלים, ווען קייסער פראַנץ יאָזעף איז דאָרט אין 1856 אָנגעקומען אויף אַ באַזוך. אַלע אונגאַרישע יידן אין אַרץ־ישראל האָבן זיך דעמאָלט צונויפגעקליבןביים האָטעל, וווּ דער קייסער איז איינגעשטאַנען און האָבן פאַר אים כסדר געשריגן „הורא!“ איז דעמאָלט דער קייסער אַרויסגעקומען צוויי מאָל און האָט זיך פאַרנייגט. אָבער אַזוי ווי די יידן האָבן אַלץ ווייטער נישט אויפגעהערט שרייען „הורא“, האָט דער קייסער אַרויסגעשיקט זיינעם אַן אַדיוטאַנט, וועלכער האָט דעם עולם געבעטן מען זאָל אויפהערן שרייען „הורא“, ווייל דער קייסער וויל גיין שלאָפן.

אויף דעם האָבן די פאַרזאַמלטע יידן געענטפערט, אַז זיי וועלן זיך נישט אָוועקרוקן פונעם פלאַץ, ווי לאַנג דער קייסער וועט זיי נישט אַרונטערוואַרפן אַ פּעטע מטבע אויף „תיקון“...

דעם קייסערס אַדיוטאַנט האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. האָט אים איינער פון זיין סוויטע דערקלערט, אַז די יידן ווילן געלט אויף אַ טרונק, עס הייסט, צו קענען טרינקען לחיים פאַרן געזונט פונעם קייסער. האָט דער אַדיוטאַנט אַרונטערגעוואָרפן עטלעכע זילבערנע מטבעות. זענען די יידן געלאָפן קויפן בראַנפן און זיי האָבן געטרונקען „לחיים ר׳ פראַנץ יאָזעפן!“ און דערנאָך זענען זיי זיך תיכף פונאַנדערגעגאַנגען...

אַזוי האָט מיר דער רב דערציילט.

אָבער פּלוצים, ווען מיר זענען שוין אַלע געווען צוגעגרייט אָרויסצו־פאָרן קיין טריעסט צו דער שיף, וואָס זאָל אונדז פירן קיין ארץ ישראל, איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון אונדזער צענטראַלע אין פּרעסבורג, אַז די גאַנצע נסיעה אונדזערע איז בטל געוואָרן, ווייל עס איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון סולטאַן אַבדול האמיד, אַז מען זאָל אונדז נישט לאָזן לאַנדן אין ארץ־ישראל.

דערהערט וועגן אונדזער נסיעה, האָט זיך דער סולטאַן, ווייזט אויס, דערשראָקן וואָס די העכער צוויי הונדערט עסטרייך־אונגאַרישע יידן, וואָס האָבן שוין אפילו די ברכה פון זייער קייסער און דעם צוזאָג, אַז די עסטרייך־אונגאַרישע רעגירונג וועט זיי געבן איר שוץ, קענען זיך נאָך, חלילה, אַרומטראָגן מיטן געדאַנק, צו דעראָבערן ארץ־ישראל פאַר פראַנץ יאָזעפס מלוכה...

הגם דער סולטאַן האָט דענסטמאָל מורא געהאַט פאַר עסטרייך, האָט ער זיך איצט געשטאַרקט און האָט אונדזער גרופּע נישט געוואָלט אַריינ־לאָזן, נישט געקוקט אויף די גוטע ווונטשן פונעם עסטרייכישן קייסער...

קאַפּיטל 63

דער טאַרנאָווער בישאָף און די סאַנדזער יידן

פון אַלטע צייטן אָן פלעגט זיין אַ מנהג אין פוילן, אַז ווען אַ קאַטוי־לישער בישאָף איז אַמאָל אָנגעקומען ערגעץ אין אַ שטעטל, האָבן זיך אַלע יידן פונעם שטעטל צוזאַמען מיט זייערע רבנים און פאָרשטייער פון דער קהילה, געדאַרפט אַריינוואַרפן אין זייערע שבתדיקע בגדים מיט די שטריימלעך אויף די קעפּ, צו גיין באַגריסן דעם פאָרשטייער פון דער קאַטוילישער קירכע מיט ברויט און זאַלץ און מיט אַ ספר־תורה אין די הענט.

געוויינטלעך האָט אין דעם דאָזיקן מנהג געשטעקט דער פּרינציפּ, אַז די קאַטוילישע קירכע איז די הערשערין אינעם לאַנד און די יידן זענען בלויז אַ גרופּע מענטשן, וואָס דער אייבערשטער האָט איבערגעלאָזן אויף דער וועלט, צו באַווייזן, ווי עס ווערן דערנידעריקט די מענטשן, וואָס ווילן נישט אנערקענען די קריסטלעכע אמונה.

פלעג איך דענסטמאָל האָבן טענות צו די יידן פאַר זייערע לויפּע־נישן צו די „קבלת־פּנימס“ פון די קאַטוילישע בישאָפן. אין עסטרייך זענען שוין די יידן אין יענע יאָרן געווען פולשטענדיק געזעצלעך עמאַנ־ציפּירט און דער קאַטוילישער בישאָף האָט גאָר נישט געהאַט צו זאָגן וועגן זיי.

און ווען מען האָט מיר געענטפערט, אַז מען טוט דאָס צוליב דער נייטיקייט פון שלום צווישן דער גוישער באַפעלקערונג און די יידן, פלעג איך ווייטער פרעגן, פאַרוואָס די גלחים פון אַ שטעטל באַטייליקן זיך נישט ביי אַ יידישער באַגריסונג, ווען עס קומט אַמאָל אַ חשובער רב פון אַן אַנדערער שטאָט?

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויף אַזאַ מין פראַגע נישט באַקומען קיין מאָל קיין ענטפער, און ווען עס איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו זיין אַן עדות ביי אַ באַגריסונג פון אַ קאַטוילישן בישאָף, פלעג איך הערן, ווי די גוים רעדן צווישן זיך: „וואָס שטופּן זיך די יידן צו אונדזער רע־ליגיע? ווען אונדזער בישאָף געפעלט זיי אַזוי שטאַרק, זאָלן זיי זיך שמדן, אַז דער בישאָף זאָל זיין זייערער, גלייך ווי ער איז אונדזערער!“

דער סאַנדזער קירכן־קרייז האָט דענסטמאָל באַלאַנגט אין זיין רע־ליגיעזער אַדמיניסטראַציע צום קרייז פונעם קאַטוילישן בישאָף אין טאַר־נאָוו — און אין יענער צייט, וועגן וועלכער איך שרייב דאָ, איז בישאָף לאָבאָס פון טאַרנאָוו אַרומגעפאָרן איבערן סאַנדזער באַצירק, צו באַלער־נען זיינע מענטשן.

האָט מען דעמאָלט אין יענעם באַצירק געמאַכט די גרעסטע צוגריי־טונגען, מקבל פּנים צו זיין דעם בישאָף מיטן שענסטן כבוד — און ווען עס האָט זיך דאָרט ביי די גוים גערעשט לכבוד זייער בישאָף, האָבן יידן אויך „געטאַנצט אין קאָן“, און אומעטום ווו דער בישאָף איז אָנגעקומען, זענען אים יידן אַקעגנגעגאַנגען מיט ספרי־תורה אין די הענט און די רבנים האָבן זיך אָנגעטאָן די שטריימלעך און די שבתדיקע בגדים, צו באַגריסן דעם חשובן גאַסט פון זייערע גוישע שכנים.

יידן זענען אויך ס'רוב געווען די איינציקע רעדנער ביים קבלת־פּנים פונעם בישאָף. די גוישע גלחים זענען אים אַקעגנגעגאַנגען מיט צלמים און ביים בישאָפס אָנקומען האָבן זיי אַנידערגעקניט פאַר זיין וואָגן און געמורמלט שטילערהייט עפּעס אַ תפילה, וואָס קיינער האָט

נישט געהערט און קיינער האָט זי אויך נישט פאַרשטאַנען. האָבן שוין ייִדן דאָס נישט געקענט נאָכטאָן און אַזוי ווי זיי האָבן דעם בישאָף אַקעגנגעטראָגן זייערע ספרי־תורה, האָבן זיי געמוזט ציען אויף זיך זיין אויפמערקזאַמקייט מיט באַגריסונגס־רעדעס. האָט געוויינטלעך איטלע־כער פון זיי אויסגעדריקט דעם ווונטש פון אַלע ייִדן, אַז דער בישאָף זאָל משפּיע זיין זיינע שעפעלעך צו אַ לעבן פון שלום מיט די ייִדן. האָט דע־מאָלט דער בישאָף אויף דעם געענטפערט, אַז ייִדן דאַרפן נישט גאָר קיין מורא האָבן, ווייל די קירכע איז די אמתע פאַרשטייערין פון מענטשן־ליבע און ווי לאַנג ער, בישאָף לאַבאָס, וועט זיין דער גייסטלעכער פאָ־טער פונעם טאַרנאָווער קרייז און קייסער פראַנץ יאָזעף וועט זיצן אויף זיין כסא מלוכה, וועט הערשן שלום און אחדות צווישן ייִדן און קריסטן און דער אַנטיסעמיטיזם וועט נישט האָבן קיין באָדן פאַר זיין גיפט...

געוועזן בין איך דענסטמאָל אַ הויז־לערער ביי אַ ייִדישן גוטבאַזיצער אין אַ דאָרף נעבן סאַנדז — און אַ גוטבאַזיצער איז לויטן עסטרייכישן געזעץ געוועזן ווי אַ „גבאי“ אין קלויסטער, ווייל ער האָט געדאַרפט צאָלן אַ געוויסע סומע יערלעך צו די הוצאות פונעם קלויסטער. האָט שוין אונ־דזער גוטבאַזיצער פאַרבעטן דעם בישאָף צו אַ באַזוך אין זיין הויז.

מיט דעם דאָזיקן באַזוך פונעם בישאָף האָט זיך מיין „ברויטגעבער“ איינגערעדט, אַז עס וועט פאַרשטאַרקט ווערן זיין שטעלונג אַקעגן די פּויע־רים פונעם דאָרף. האָט זיך דעמאָלט דאָס גאַנצע הויזגעזינד זייער געפרייט און נאָר איך אַליין בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ דערשלאָגענער, ווייל איך האָב זיך נישט געקענט אַרויסדרייען פון בייצווויין ביים בישאָפס באַזוך. אַריינקומענדיק צו מיין ברויטגעבער אין הויז, איז דעם בישאָף באַלד אויפגעפאַלן די שיינע טאָכטער פונעם באַלעבאָס, און וועלנדיק איר מאַכן אַ קאָמפּלימענט, האָט ער צו איר אַ זאָג געטאָן:

— ווי גליקלעך וואָלט איך זיך געפילט, ווען איך זאָל דיך קענען פירן צום אַלטאַר מיט דיין חתן!

דאָס הערנדיק, האָט זיך אַ גליקלעכער שמייכל באַוויזן אויף די ליפּן פון דער מיידלס מוטער. האָט דאָס מיך נאָך שטאַרקער געקרענקט און איך האָב אויף דעם געענטפערט:

— איך קען עס מיר גאָר נישט פאָרשטעלן, אַז עס וואָלט אייער עמי־נענץ אנגענעם געוועזן, צו פאַרבייטן אייער גוט־באַצאָלטע שטעל פון אַ

קאַטוילישן בישאָף מיט דער שטעל פון אַ שלעכט־באַצאָלטן יידישן ראַבי־נער!...

ווי אַ דונער האָבן מיינע ווערטער אַלעמען געטראָפן. אַ פּאַרציטער־טער האָט מיין ברויטגעבער אַ בייזן קוק געוואָרפן אויף זיין פרוי און פון זיין בליק האָב איך אַרויסגעלייענט דעם פאַרוואורף, צו וואָס די פרוי האָט מיך איינגעלאַדן, איך זאָל בייזיין ביים באַזוך פונעם בישאָף.

מיין אַריינרעדן דאָרט, ווו מען האָט נישט גערעדט צו מיר, איז אויך באַטראַכט געוואָרן ווי אַ טאַקטלאָזיקייט פון מיין זייט. דאָס טומלען פון די יידן אַרום דעם בישאָף האָט מיך אַזוי ווייט דענערווירט, אַז איך האָב זיך גאָרנישט געקענט קאָנטראָלירן.

האָט דעמאָלט דער בישאָף אויסגעדרייט דעם פּנים צו מיר און גע־פרעגט:

— ווי מיינט איר דאָס מיט דער גוט־באַצאָלטער שטעל פון אַ בי־שאָף און די שלעכט־באַצאָלטע שטעלע פון אַ יידישן ראַבינער?

איך האָב אויף דער דאָזיקער פראַגע געענטפערט:

— איך האָב נאָר געוואָלט זאָגן, אַז דאָס פריילין וועט באַשטימט נישט ענדערן איר רעליגיע צוליב דעם גרויסן כבוד, וואָס אייער עמינענץ וואָלט איר צוגעטיילט מיטן פירן זי צו דער חופּה.

ביים אַוועקגיין האָט דער בישאָף דערלאַנגט איטלעכן די האַנט, צו קושן דעם „הייליקן" רינג זיינעם, און ווען ער האָט אויך מיר דערלאַנגט די האַנט צו קושן דעם רינג, האָב איך אים די האַנט געדריקט און נישט געקושט דעם רינג.

האָט דאָס מיין ברויטגעבער נאָך מער פאַרדראָסן — און נאָכן בי־שאָפס אַוועקגיין האָט מיר די פרוי געזאָגט:

— פאַר אייער היינטיקער שלעכטער אויפפירונג וועל איך אייך נישט מער איינלאַדן, ווען עס וועט אונדז אַמאָל באַזוכן אַזאַ וויכטיקער גאַסט ווי דער בישאָף...

האָב איך איר אויף דעם געענטפערט:

— אייער פאַרוואורף איז זייער אומגערעכט, ווייל איר האָט עס נישט געקענט פון מיר פאַרלאַנגען, אַז איך, ווי אַ ייד, זאָל קושן דעם בישאָפס רינג!

פונדעסטוועגן האָב איך גאָר גיך פאַרשפּרייט די נייס וועגן בישאָף

לאָבאָסעס באַזוך אין זײן קירכן־קרײז צו פאַרשײדענע פּוילישע, דײטשע און העברעאישע צײטונגען. איז דעמאָלט געװאָרן אַ טומל אין דער קירכלעכער װעלט. די עסטרײכישע קירכע האָט גראָד דעמאָלט געהאַלטן בײ דער מדרגה פון אַ קלעריקאַלן אַנטיסעמיטיזם. האָט דאָס אין יענע קרײזן געמאַכט זײער אַ שלעכטן אײנדרוק, װאָס אַ בישאָף גײט זײ פּלוצים קאַליע מאַכן זײער אַרבעט דורך באַזוכן אין יידישע הײזער און מיט זײנע קאָמפּלימענטן צו יידן.

האָט דעמאָלט די װינער קלעריקאַלע צײטונג „פאַטערלאַנד" שאַרף קריטיקירט דעם בישאָף לאָבאָס פאַר זײנע קאָמפּלימענטן צו יידן. דער בישאָף לאָבאָס האָט געלאָזט אָפּענטפערן דורך זײן סעקרעטאַר, אַז מען האָט שלעכט פאַרשטאַנען זײנע װערטער, װאָס ער האָט געזאָגט װעגן יידן. אין דער אמתן האָט ער זיך אויך גאָר נישט געקענט העלפן. יידן האָבן זיך צו אים צוגעטשעפּעט קעגן זײן װילן, האָט ער זײ נישט געקענט פון זיך אָװעקטרײבן און האָט זײ געמוזט עטװאָס זאָגן, כאָטש ער האָט זײ פײנט, װי עס מוז זײ יעדער טרײער קירכן־דינער פײנט האָבן!...

קאַפּיטל 64

התנהגותן פונעם אַלטן סאַנדזער צדיק

װי נאָר איך האָב פאַרלאָזט די סאַנדזער געגנט, האָט מיך אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן די געשטאַלט פונעם אַלטן סאַנדזער צדיק, ר' חיים האַלבערשטאַם,, װעמען איך האָב נישט געהאַט די זכיה צו קענען, װײל װען איך בין אָנגעקומען אין סאַנדז, איז ער שוין זײט צען יאָר געװען אַ שוכן עפר. אָבער דער גײסט זײנער האָט נאָך דענסטמאָל געלעבט און געװירקט אין דער שטאָט. עס האָבן נאָך געלעבט אַ סך מענטשן, װאָס האָבן אים געקענט און געצויגן פון אים זײער מאַטעריעלע און גײסטיקע יניקה.

װען ר' חיים האַלבערשטאַם איז דעם 19טן אַפּריל 1876, נפטר געװאָרן, איז נישט בלויז אָפּגעשטאָרבן אַ גרויסער גאון און אַ זײל פון פרומקײט, נאָר עס איז אויך פאַרשטאָפּט געװאָרן דער הויפּט־קװאַל פור־

נעם יידישן לעבן אין סאַנדז. די שטאָט האָט פאַרלוירן איר גלאַנץ און הונדערטער יידישע פאַמיליעס האָבן פאַרלוירן זייער פרנסה־געבער.

סאַנדזער יידן האָבן זיך דענסטמאָל ס׳רוב אָפּגעגעבן מיט מסחר, אָדער זיי האָבן געהאַלטן שענקען — און אַ קליינער טייל פון זיי איז באַשטאַנען פון בעלי־מלאכות. און טאָמער האָט דער רבי געזען, אַז איינער איז אַ תלמיד־חכם, האָט ער אים באַלד געהייסן אויפגעבן זיין פרנסה, כדי צו קענען אָפּגעבן זיין צייט צום לערנען, און אַז אַזאַ מענטש זאָל האָבן זיין חיונה אָן מי, האָט זיך דער רבי מתחייב געווען, אים צו צאָלן וואָכנגעלטער, לויט דער מאָס פון זיינע באַדערפענישן. בזה האופן פלעגן הונדערטער מענטשן אין סאַנדז ציען זייער חיונה פונעם רבינס הויז.

יעדער סאַנדזער ייד האָט דענסטמאָל געקענט דערציילן וועגן דעם רבינס אומגעוויינלעכער פרומקייט, וועגן זיין התלהבותדיקן דאַווענען, אַז מען האָט זיך עס גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן, ווי דער רבי פאַרגינט זיך אַמאָל אַ שעה שלאָף, ווייל ווען עס איז עמיצער, אפילו אין די שפּעטסטע שעהן פון דער נאַכט, פאַרבייגעגאַנגען פאַרן רבינס הויז, האָט מען אים אַלץ געטראָפן זיצן און לערנען. אנדערע דערציילן, ווי ער פלעגט מפרנס זיין אַ האַלבע שטאָט יידן בדרך כבוד, ווי ער פלעגט אָפּשיקן יעדן פרייטיק באַשטימטע וואָכנגעלטער צו הונדערטער סאַנדזער יידן און ווי עס האָט איטלעכער געוווסט, אַז פאַר זיין אייגענער פאַמיליע קאַרגט דער רבי ווי צום געניסטן און פאַר פרעמדע איז ער אומפאַרגלייכלעך פרייגיביק.

טויזנטער מענטשן פלעגן אים ברענגען פדיונות און ער פלעגט זיך אָפּטמאָל מיט זיינע רייכערע חסידים דינגען וועגן דער סומע פון זייער פדיון. האָט ער דאָס אָבער נישט געטאָן פאַר זיך אָדער פאַר זיין פאַמיליע, נאָר פאַר די פיל הונדערטער פאַמיליעס, וואָס ער האָט זיי מיט אַלע זייערע באַדערפענישן אויסגעהאַלטן.

וועגן דעם זעלביקן ענין האָט מיר אַ סאַנדזער פּאָסט־באַאַמטער דערציילט, אַז ר׳ חיים האלבערשטאַם פלעגט קריגן יעדעס יאָר אין קליינע פּאָסט־אַנווייזונגען אַריבער הונדערט טויזנט עסטרייכישע גולדן (ד״ה אַריבער פערציק טויזנט אַמעריקאַנער דאָלאַר) און ער האָט אַלצדינג אַוועקגעגעבן צו אָרעמעלייט — און ווען ער איז נפטר געוואָרן, איז ער

געווען אַ גרויסער בעל חוב און עס איז נישט געווען קיין מזומנע פרוטה אין הויז.

אָט אַזוי האָט ר׳ חיים האלבערשטאם אָפּגעלעבט זיינע יאָרן כמעט אין דחקות.

די וווינונג זיינע איז אויך נישט געווען קיין גרויסע און גערוימע. אין אַן אַלטער הייזקע אין אַ סאַנדזער ווינקל־גאַס האָבן זיך געפונען צוויי־דריי גרויסע שטיבער, ווו עס פלעגט זיך צונויפקומען דער גרויסער עולם און עס האָבן דאָרט אויך געלערנט די בחורים פון זיין בית־המדרש. אויסער דעם האָט זיך דאָרט געפונען אַ קליין שטיבל פאַר התבודדות און אַ שטוב פאַר דער רביצין.

ר׳ חיים האלבערשטאַם האָט נישט בלויז מיט זיין תפילה און מיט זיין פראַווען חסידות קונה־שם געווען, נאָר הויפּטזעכלעך מיט זיין גאונות. ווען מען האָט גערעדט וועגן מופתים פון חסידישע רביים, פלעגט ר׳ חיים זאָגן: אותות ומופתים באדמת בני חם, אַז מופתים דאַרף מען האָבן פאַר „כאַמעס״, אָבער אַ ייד דאַרף קונה שלימות זיין בלויז מיט לערנען. און טאָמער האָט ער אַמאָל געזען, אַז די בחורים אין זיין בית־המדרש זענען מבטל דאָס לערנען און זיי הייבן אָן דערציילן מעשיות פון רביים, פלעגט ער אויף זיי שרייען, אַז „דערציילן מעשיות, עס מעגן אפילו זיין חסידישע און מיט די בעסטע כוונות, איז נישט מער ווי בטול־תורה, ווייל צו אמתער חסידות קען מען בלויז קומען מיט גמרא, תוספות און מהרש״א״.

דער עיקר חסידות איז ביי ר׳ חיימען געווען לערנען און ווידער אַמאָל לערנען. און ווען עס האָט אים אַמאָל אַ יונגער חסיד געפרעגט, וואָס פאַר אַ ספרים ער זאָל לערנען, כדי צו קענען צוקומען צו דער העכסטער מדרגה פון חסידות, האָט ער אים געהייסן לערנען גמרא מיט תוספות. אַן אַנדערער חסיד האָט אים אַמאָל געפרעגט וועגן לערנען קבלה, האָט אים ר׳ חיים געענטפערט:

„מיר לערנען קבלה בלויז דענסטמאָל, ווען אַנדערע מענטשן ליגן אין זייערע בעטן און קוויקען זיך מיט שלאָפן. אָבער אונדזער הויפּט־באַשעפטיקונג דאַרף שטענדיק זיין אין ש״ס און פוסקים.

און ווי גרויס עס איז געווען ר״ חיימס ליבע צום לערנען, אַזוי גרויס איז געווען זיין פאַרערונג צו תלמידי חכמים, אפילו ווען זיי זענען געווען

„מתנגדים". עס האָבן געמעגט פאַר אים שטיין די גרעסטע גבירים, איז קוים האָט ער דערזען אַ תלמיד־חכם, האָט ער אַלעמען געלאָזט שטיין און האָט אָנגעהויבן רעדן מיט יענעם תלמיד־חכם.

פונדעסטוועגן פלעגט ער אויך אָוועקגעבן פיל צייט צום דאַוונען, און ער פלעגט דעמאָלט פשוט שטורעמען דעם בית־המדרש און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די געשרייען זיינע שפּאַלטן אַלע זיבן הימלען. שטענדיק פלעגט ער אויך זאָגן, אַז עס דאַרף זיין: „ונשמע קולו בבואו אל הקודש". אָפטמאָל פלעגט ער בלייבן שטיין מיט פאַרגלייזטע אויגן און פלוצים אַ שפּרונג טאָן אין דער לופטן און בלייבן שטיין אויף זיין קראַנקן פוס — און ווען דאָקטוירים האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל דאָס נישט טאָן, פלעגט ער ענטפערן, אַז ווען ער דאַוונט איז ער אַזוי ווייט אויסגעטאָן פון אַלע גשמיותן, אַז ער פילט גאָר נישט דענסטמאָל, וואָס עס טוט זיך מיט אים אָדער אַרום אים.

ווען ר' חיים פלעגט זיך יעדן טאָג אין דער פרי צוגרייטן צום דאַוו־נען און ער פלעגט גיין זיך טובל זיין אין דער מיקוה, פלעגט אים שוין אַ גאַנצע מחנה אָרעמעלייט אָפּוואַרטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט — און ער האָט צווישן זיי פאַרטיילט דאָס גאַנצע קליין־געלט וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַט ביי זיך אין קעשענע, נאָך דעם וואָס די רביצין און די גבאים האָבן פון דאָרט פריער אַרויסגענומען וואָס זיי האָבן געקענט.

צדקה־געבן איז ביי ר' חיים סאַנדזער געווען אַ גאַנץ באַזונדערער ענין — און גלייך ווי ער האָט זיך קיין מאָל נישט באַהאַלטן מיט זיין פרומקייט, האָט ער זיך אויך נישט באַהאַלטן מיט זיינע נדבות. און ווען ער האָט אַמאָל געהערט, ווי איינער דערציילט וועגן זיינע נדבות און ער באַמערקט דערביי:

— נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין! — פלעגט ער דעמאָלט אַ זאָג טאָן — מעגסט רעדן וויפיל דו ווילסט, אַבי גיב!...

ווען ר' חיים סאַנדזער האָט ווי אַ יונגערמאַן געלערנט חסידות ביי עלטערע רביים, פלעגט ער פאָרן צום ראָפּטשיצער און פון אים האָט ער געלערנט די ווערדע פון נגינה פאַר דער פירונג פון חסידות — און פון דעם ערשטן טאָג אָן וואָס ער איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער רבי, האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע מנגנים, וואָס פלעגן פאַר אים זינגען זמירות און תפילות ביי יעדער געלעגנהייט. זיי פלעגן אויך זיין

די מתפללים פאַרן עמוד אין זיין בית־המדרש, אויסער וואָס ער פלעגט אַליין דאַווענען מוספים אין די ימים נוראים.

דער לעצטער צווישן די מנגנים ביי ר׳ חיים סאַנדזער איז געווען איינער אַ חזן מיטן נאָמען אביש מאיר בראַנדסדאָרפער. איז דאָס געווען אַ זעלטן וואונדערבאַרע דערשיינונג, וואָס כאָטש ער האָט ווייניק וואָס פאַרשטאַנען אין דער טעאָריע פון מוזיק, איז ער געווען אַ שיינער קאָמפּאָזיטאָר, וועמענס ניגונים עס זענען געזונגען געוואָרן כמעט אין אַלע שטעט פון מערב־גאַליציע און די סלאָוואַקיי — און גרויסע חזנים האָבן אויף זיי געבויט זייערע אייגענע סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס. ער האָט נישט געהאַט קיין ידיעה אין נאָטן און ער האָט אויך נישט פאַרשטאַנען אויפצושרייבן זיינע ניגונים. בלויז ווען עס איז אים אָנגעקומען דער חשק, צו שאַפן אַ נייעם ניגון, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער און האָט דאָרט דעם ניי־פאַרפאַסטן ניגון אויסגעקלאַפּט מיט זיינע פינגער אויף די שויבן.

פון אָט דעם אביש מאיר האָט ר׳ חיים סאַנדזער געהאַלטן מער ווי פון אַלע אַנדערע מנגנים. ווען אביש־מאיר פלעגט זינגען אַ נייעם ניגון, פלעגט ר׳ חיים אַריינפאַלן אין אַ מוראַדיקער התלהבות. הויפּטזעכלעך איז דאָס פאָרגעקומען אום שבת ביים שלוש־סעודות. דער רבי פלעגט דערמאָלט זאָגן רזין דרזין, הימלישע סודות, וואָס די צוהערער האָבן דערפון זייער ווייניק פאַרשטאַנען. עס פלעגט זיי בלויז אַרומנעמען אַ שרעקלעכער פחד, ווען זיי האָבן געהערט, וואָס דער רבי האָט געזאָגט. אָבער פאַרן תורה זאָגן פלעגט אביש מאיר דאַרפן זינגען אַ זמר. און ווען אביש מאיר האָט פאַרענדיקט זיין געזאַנג, האָט דער רבי אָנגעהויבן זאָגן, ווי דער פסוק זאָגט: „והיה כנגן המנגן ותצלח עליו רוח ד׳“.

נישט אַלע ניגונים פון אביש מאיר זענען דעם סאַנדזער צדיק געפעלן געוואָרן. דאָס האָט שוין אביש מאיר אַליין פאַרשטאַנען, ווען ער האָט געזען דעם רבינס שטימונג ביים תורה זאָגן. ווען דער רבי איז אַריינגעפאַלן אין התלהבות, האָט אביש מאיר געוווסט, אַז דער ניגון זיינער איז אַ געלונגענער. איז אָבער דער רבי געבליבן זיצן ווי גלייכגילטיק און דאָס זאָגעכטס זיינס איז געווען אָן התלהבות, האָט אביש מאיר דעם ניגון זיינעם פון יענעם טאָג קיינמאָל נישט מער איבערגעחזרט.

איידער ר׳ חיים סאַנדזער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין סאַנדז, האָט ער דאָרט געהאַט פיל קעגנער, ווי עס איז דער שטייגער ביי יידן. צווישן די דאָזיקע קעגנער זיינע זענען געווען עטלעכע עשירים און אויך פשוטע אָרעמעלייט. טייל פון די עשירים זענען שפעטער פאַר־אָרעמט געוואָרן, האָט מען דאָס אָנגענומען פאַר אַן עונש. דאָס זעלביקע איז אויך געווען, ווען עטלעכע פון די אָרעמע לייט זענען געשטאָרבן. האָבן שוין די איבערגעבליבענע עשירים געשלאָסן שלום מיטן רבין, הגם דער דאָזיקער שלום האָט זיי טייער געקאָסט, ווייל דער רבי האָט ביי יעדן פון זיי פאַרלאַנגט אַ נדבה, אַ גרעסערע ווי יעדנס יכולת. און די איבער־געבליבענע אָרעמעלייט האָבן אויך געקראָגן זייער עונש, וואָס זיי האָבן זיך געמוזט לאָזן מפרנס זיין פונעם רבין — און דער רבי האָט קיין מאָל נישט געוואָלט רעדן וועגן זייער פריערדיקער קעגנערשאַפט...

זיינע חדושים און „תשובות" פלעגט ר׳ חיים דיקטירן צו איינעם פון זיינע תלמידים, וואָס האָט געהאַט אַ שיינע האַנטשריפט. נעמען אַליין שרייבן פלעגט ר׳ חיים ערשט נאָך האַלבער נאַכט. און אַזוי ווי דאָס איז ס׳רוב געווען אין ענינים פון הלכה, פלעגט דער רבי פריער גיין אין מקוה און זאָגן אַ באַזונדערע תפילה, וואָס האָט זיך געוויינטלעך פאַר־ענדיקט מיט די ווערטער: „והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצוותיך, שלא נבוש ולא נכלם ולא נכשל לעולם ועד".

געשטאַרקט פון זיין תפילה, איז ר׳ חיים סאַנדזער שטענדיק געווען זיכער, אַז ער וועט מיט זיין פסק־דין טרעפן אין פינטל. איז טאַקע צו באַוואונדערן, וואָס ער איז קיינמאָל נישט נכשל געוואָרן אין אַן ענין, ביי וועלכן ער האָט געוואָלט זיין אַ „מקיל" — און אַ מקיל איז ער געוויינ־לעך געווען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן תקנת עגונות.

ווען עס איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ שאלה וועגן אַן עגונה, וואָס די גרעסטע צוויי גאונים פון יענער צייט, ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן פון לעמ־בערג און ר׳ שלמה קלוגער פון בראָד, האָבן זי נישט געוואָלט מתיר מאַכן, האָט דער סאַנדזער צדיק גענומען אויף זיך און האָט יענע עגונה מתיר געמאַכט. ער האָט דערנאָך אָנגעשריבן אַ תשובה צו ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן, וווּ ער האָט אויפגעוויזן דעם „צד ההיתר".

אין זיין התמדה ביים לערנען איז ר׳ חיים סאַנדזער געווען אַ „חד בדרא" און ער האָט נישט געהאַט כמעט קיין גלייכן צווישן אַלע אַנדערע

חסידישע רבײם פון זײן דור. װען ער פלעגט לערנען אָדער אפילו בלויז מעיין זײן אין אַן ענין, איז ער אינגאַנצן געװען אויסגעטאָן פון דער אַרו־מיקער װעלט.

אײנער פון סאַנדזערס תלמידים האָט אַמאָל דערצײלט, אַז ר׳ חיים פלעגט זיך אָפט מאָל אַזוי פאַרטיפן אין לערנען, אַז ער האָט אַפּילו נישט געװוסט, װאָס עס טוט זיך אַרום אים. און אַזוי װי ער פלעגט שטענדיק האָבן לעבן זיך אײנעם פון זײנע תלמידים, איז טאַקע יענער תלמיד גופא געשלאָפן אַמאָל בײנאַכט אין דעם רבינס פאָרצימער און ער האָט זיך פלוצים אויפגעכאַפּט פון אַ רויך, װאָס האָט אים שרעקלעך געשטיקט. ער האָט דערזען אַז דער רויך האָט אַרויסגעשפּאַרט פונעם רבינס שטוב. ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר פון יענעם צימער, זי איז אָבער געװען פאַרשלאָסן. ער האָט זי אויפגעריסן און האָט דערזען װי עס ברענט דער טיש און דער רבי שטײט מיט זײן קראַנקן פוס אויף אַ בענקל, פאַרטיפט אין אַ ספר, נישט װיסנדיק װאָס עס טוט זיך אַרום אים. װען דער רבי האָט מיטאַמאָל דערזען דעם תלמיד אַרײנקומען האָט ער אים געװאָלט שלאָגן מיט זײן ציבוך, װאָס ער איז געקומען שטערן זײנע רעיונות; אָבער דאָ האָט ער באַמערקט, װי דער טיש ברענט. דאָס האָט זיך געגנב־מען דערפון, װאָס דער רבי האָט געהאַט צוגערוקט דאָס ליכט אויפן טיש נענטער צו זיך; דאָס ליכט איז אומגעפאַלן, דער טיש האָט זיך אָנגעצונדן און דער רבי האָט גאָר נישט באַמערקט, ביז מען האָט נישט אויפ־געבראָכן די טיר.

אָפט מאָל װען ר׳ חיים האָט געדאַרפט געלט פאַר זײנע אָרעמעלײט, האָט ער פאַרמשכנט אַלצדינג, װאָס ער האָט פאַרמאָגט. ער האָט געהאַט אַ זילבערנע מנורה פאַר חנוכה, פלעגט זי ליגן פאַרמשכנט פון אײן חנוכה צו דער אַנדערער. דער רבי האָט אויך געהאַט אַ זילבערנעם כוס פאַר קי־דוש, איז ער געלעגן פאַרמשכנט פון אײן שבת צום אַנדערן. אפילו די זילבערנע שבת־לײכטער האָט ער אָפט מאָל געהאַט פאַרמשכנט אויף געלט פאַר צדקה.

די „מקבלים״ פון דער דאָזיקער צדקה זענען געװען אײנגעטײלט אין דרײ קלאַסן: דער ערשטער קלאַס איז באַשטאַנען פון פּשוטע אָרעמע־לײט, װאָס פלעגן שטײן אַרום דעם צדיקס הויז. זײ פלעגט ער געבן, װי־פיל ער האָט גראָד געהאַט בײ זיך אין קעשענע, אַמאָל מער און אַמאָל

וויניקער. האָבן זיי זיך אָבער אין פאַרלויף פון דער צייט אַליין באַ־שטימט אַ מינימום. זיי זענען געבליבן שטיין אַרום דעם רבינס הויז און זיי האָבן געמאַכט קולות און געוואַלדן. פלעגט דער רבי אַליין אַרויס־גיין צו זיי, בעטן זיך ביי זיי, אַז ער האָט נישט מער, אַז מאָרגן אם־ירצה־השם וועט ער זיי פאַרגיטיקן. האָט דאָס אָבער נישט געהאָלפן, ביז דער רבי האָט נישט אַרויסגעשיקט זיין גבאי באָרגן געלט.

אַזאַ סצענע האָט אַמאָל צוגעזען אַן אונגאַרישער רב, ר׳ נפתלי הערצקע יאַנושיער. ער איז אַליין געווען אַ גרויסער אביון. פלעגט ער אָבער פון זיין אָרעמער הכנסה אָרונטערנעמען יעדע וואָך עטלעכע מטבעות און זיי צונויפקלייבן אין אַ באַזונדער טאָרבעלע, כדי צו קענען פאָרן כאָטש איין מאָל אין יאָר צום סאַנדזער צדיק און דאָרט פאַרברענ־גען עטלעכע וואָכן.

איז אָט דער ר׳ הערצקע געשטאַנען אַ פאַרציטערטער, צוקוקנדיק צו דער דאָזיקער סצענע, וואָס ער האָט גערעכנט פאַר איינע פון די וויכ־טיקסטע דרכים אין חסידות. ווען דער רבי האָט אַוועקגעשיקט דעם גבאי, ער זאָל זיך ערגעץ באָרגן עטלעכע גולדן און דער גבאי איז צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט, האָט ר׳ הערצקע אַרויסגענומען זיין טאָרבעלע מט־בעות, וואָס ער האָט אָנגעקליבן אַ גאַנץ יאָר, כדי צו קענען זיצן עטלעכע וואָכן ביים סאַנדזער צדיק — און אָן אַ וואָרט צו רעדן, האָט ער אויס־געליידיקט דאָס טאָרבעלע און אויפגעציילט דעם גבאי אויף דער האַנט זעקס און דרייסיק גולדן.

דאָס זעענדיק, האָט דעם צדיקס פנים אויפגעלויכטן פאַר שמחה און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— אל תבטחו בנדיבים, פאַרלאָזט זיך נישט אויף די רייכע! אלא ווי דען? כבן אדם שאין לו, פון דעם וואָס האָט ממש גאָר נישט, קומט אַמאָל די תשועה...

אַ צווייטער סאָרט אָרעמעלייט זענען געווען בכבודיקע בעלי־בתים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביים רבין ווי קעסט־קינדער. פאַר זיי האָט דער סאַנדזער צדיק געהאַט אַ באַזונדער צעטל, וואָס האָט באַטראָפן עטלעכע הונדערט גולדן אַ וואָך. פון זיי האָט קיינער נישט געוווסט, אויסער דער רבי אַליין און זיין גבאי. זיי האָט מען אהיימגעשיקט זייער געהאַלט יעדן

פרייטיק, ווי דער צדיק האָט אַליין באַשטימט פאַר יעדן, לויט דעם ווערט פון זיין לערנען.

נאָך אַ סאָרט אָרעמעלייט זענען געווען יורדים, געפאַלענע גבירים, וואָס זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן פונעם סאַנדזער צו קענען בלייבן אין זייער פריערדיקן צושטאַנד. זיי פלעגן ווינען אין די זעלביקע הייזער, ווי בעת זיי זענען נאָך געווען גבירים, האָבן געטראָגן די זעלביקע גבי־רישע מלבושים און געלעבט אויף דעם זעלביקן שטייגער ווי אַמאָל.

חוץ די דאָזיקע דריי סאָרטן אָרעמעלייט, וואָס האָבן זיך געציילט אין די הונדערטער, פלעגן געוויינטלעך קומען קיין סאַנדז הונדערטער אַנ־דערע מענטשן, וואָס אָנשטאָט צו ברענגען פדיונות, האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז דער רבי זאָל זיי שאַפן דאָס נייטיקע געלט פאַר זייערע באַדערפענישן, פאַר „הכנסת כלה“ אָדער גאָר זיי העלפן צוריקשטעלן אויף די פיס.

דער סאַנדזער צדיק פלעגט אויך שיקן גרויסע סומעס געלט קיין ארץ־ישראל.

דער צדיק ר׳ אברהמעלע ראַדאָמסקער, דער מחבר פונעם ספר „חסד לאברהם“, האָט אַמאָל דערציילט, אַז ער האָט איין מאָל אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס געזען, ווי דער גבאי דערלאַנגט דעם סאַנדזער צדיק אַ כוס אויף קידוש פון ריינעם גאָלד און נאָך דערצו אויף אַ גאָלדענער טאַץ. איז ר׳ אברהמעלע שטאַרק איבערראַשט געוואָרן, ווייל ער האָט ביים סאַנדזער צדיק נישט געזען קיין מאָל אַזעלכע טייערע חפצים. האָט אים דער סאַנדזער צדיק דערציילט, אַז אַ רייכער חסיד זיינער, וועלכער איז געשטאָרבן קינדערלאָז, האָט דאָס פאַר אים איבערגעלאָזן, כדי צו האָבן אַ תיקון פאַר זיין נשמה.

מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען ר׳ אברהמעלע ראַדאָמסקער איז ווייטער געקומען קיין סאַנדז, האָט ער שוין דעם גאָלדענעם בעכער נישט מער גע־זען. האָט ער זיך ווידער שטאַרק געוווּנדערט, וווּ דער כוס איז אַהינגע־קומען — און אַזוי ווי דער סאַנדזער האָט אויך איצט געכאַפּט ר׳ אב־רהמעלעס מחשבה, האָט ער אים געזאָגט:

— אַזוי ווי עס איז פאַר מיר געווען אַ פראַגע, צי דער מת וועט האָבן מער תיקון מיט דעם, וואָס איך וועל צעטיילן דעם ווערט פונעם כוס פאַר אָרעמעלייט, בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז אָרעמעלייט זענען בילכער און איך האָב דעם כוס פאַרקויפט צו מיינעם אַ רייכן חסיד.

קאפיטל 65

סאנדזער תקיף פארקלאָגט דעם צדיק אין געריכט

די לאַנגע יאָרן וואָס ר' חיים האלבערשטאם, דער סאַנדזער רבי האָט געלעבט, זענען נישט תמיד געווען אידיליש. דער וועג פון זיין לעבן איז להלוטין נישט געווען אויסגעבעט מיט בלומען, ער איז שטענדיק גע־ווען קריגעריש געשטימט און האָט תמיד געוואָלט בלייבן דער גערעכ־טער, אַ שטייגער ווי ביי זיין מחלוקה מיט סאדאגערע, וועגן וועלכער איך האָב שוין געהאַט געשריבן.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם האָט ער מיט זיין אויטאָריטעט גע־געבן פרעסטיזש דעם חסידות. מיט זיין לומדות האָט ער פאַרשטאָפּט די מיילער פון די מתנגדים, וואָס האָבן געזאָגט, אַז חסידישע רביים זענען אין זייערע אויגן פאַרעכנט פאַר קנאפּע למדנים. אויסער דעם האָט ער מיט זיין פרומער פירונג געהויבן די חשיבות פונעם חסידישן צדיק, איט־לעכער זאָל טאַקע ווערן איבערצייגט, אַז עס איז אַזוי ווי ר' בער מעז־ריטשער און ר' יעקב יוסף פּאָלנאָער האָבן געזאָגט, אַז דער צדיק איז דער „צענטראַל־פּונקט" פונעם גאַנצן יידישן פאָלק און דער „איבערמענטש" פונעם חסידות...

לויט דער מיינונג פון די דערמאָנטע צוויי באַגרינדער פונעם חסי־דות, איז דער צדיק דער סאַמע כוח וואָס האַלט אויף די וועלט, דער מיטל־פּונקט פון דער גאַנצער יצירה, איר נשמה און איר חיות. אַזוי ווי ער איז אויך דער צענטער פון יראת שמים און אהבת ישראל, קען ער מיט זיין רצון באַוועגן דעם רצון פון דעם בורא עולם אליין, ער איז דאָס האַרץ פון דער וועלט און פון אים ציען זיך די לעבנס־נערוון פאַר אַלע מענטשן.

דער סאַנדזער צדיק האָט אין פאַרלויף פון זיין לעבן געהאַט פיר פרויען, וואָס האָבן אים געבוירן אַכט זין און זיבן טעכטער. זענען זעקס זין זיינע געוואָרן פּראָמינענטע חסידישע רביים: 1) ר' יחזקאל שרגא, דער מחבר פונעם ספר „דברי יחזקאל" אויף תורה, וואָס איז געווען פריער רב אין סטראָפּקאָוו(סלאָוואַקיע) און דערנאָך אין שיניאַווע, גאַליציע; 2) ר' דוד פון קשאַנאָוו; 3) ר' אהרן, דער שפּעטערדיקער רב אין סאַנדז, וועמען דער פאָטער האָט איבערגעגעבן דאָס רבנות, ווען ער האָט נאָך געלעבט; 4) ר' ברוך, פריער אין רודניק און דערנאָך אין גאָרליץ; 5)

ר׳ שלום אליעזר אין ראטספערד; 6) ר׳ ישעיה, פריער אין טשכויוו און דערנאָך אין קראָקע.

צווײ זין פונעם סאַנדזער צדיק זענען נפטר געוואָרן יונגערהייט, ווען דער פאָטער זייערער האָט נאָך געלעבט. איינער איז געווען ר׳ מאיר נתן, וואָס האָט איבערגעלאָזן אַן איינציקן זון מיטן נאָמען ר׳ שלמה, פריער אין אָשפּיצין, דערנאָך אין ווישניצע און צום סוף אין באָבאָוו — און איינער מיטן נאָמען לייבוש איז נפטר געוואָרן ווי אַ ייִנגל.

די זיבן איידעמס פונעם סאַנדזער צדיק זענען געווען: 1) ר׳ מרדכי דוב פון האָרניסטאָפּאָלע, אוקראַינע; 2) ר׳ משה אונגאר פון דאָמבראָווע; 3) ר׳ אליעזר ירוחם פון ראַדאָשיץ, פּוילן; 4) ר׳ יצחק טוביה רובין, וועלכער האָט שפּעטער קאָנקורירט מיט די אַנדערע קרוינען־טרעגער פון סאַנדז; 5) ר׳ אהרן האָראָוו פון ביעטש; 6) ר׳ בצלאל פון גלינע; 7) ר׳ אלעזר פון אָשפּיצין.

פון אָט די זין און איידעמס פונעם סאַנדזער צדיק איז אַרויסגע־וואקסן אַ לאַנגע שורה חסידישע רביים, וואָס האָבן זיך דערנאָך פאַר־שפּרייט איבער די שטעטלעך: באָבאָוו, באַרדיאָוו, ביאַלא, גאָרליץ, גריי־דינג, דוקלא, זמיגראָד, ניסקא, סאַנדז, סטריזאָוו, קשאַנאָוו, רודניק און שיניאַווא.

וועגן ר׳ חיימס ברייטהאַרציקייט צו זיינע קינדער ווערט דערציילט, אַז זיין זון ר׳ ברוך איז אַמאָל געקומען צום פאָטער און געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער דאַרף חתונה מאַכן זיין טאָכטער, זאָל אים דער פאָטער שאַפן דאָס נייטיקע געלט. האָט אים דער פאָטער אויף דעם געענטפערט, אַז אַזוי ווי ער האָט נישט איצט קיין געלט, וועט ער אין משך פון די קו־מענדיקע טעג קלייבן געלט ביי זיינע חסידים פאַר דעם צוועק.

אַזוי ווי ר׳ ברוך האָט געהערט, אַז דער פאָטער זיינער בעט טאַקע ביי אַלע גבירים, וואָס זענען דעמאָלט געקומען קיין סאַנדז, זיי זאָלן אים געבן געלט פאַר הכנסת כלה, איז ער געווען ביי זיך זיכער, אַז דער פאָ־טער קלייבט דאָס פון זיינעטוועגן. איז ער דערפאַר דערנאָך שטאַרק אַנ־טוישט געווען, ווען ער האָט געהערט, אַז דער פאָטער זיינער האָט דאָס גאַנצע צונויפגעקליבענע געלט אַוועקגעגעבן אַן אָרעמען סאַנדזער תלמיד־חכם, וואָס האָט געדאַרפט חתונה מאַכן צוויי טעכטער.

האָט זיך ר׳ ברוך באַקלאָגט פאַרן פאָטער און געזאָגט:

— צי בין איך דען נישט אַזאַ חשוב ווי יענער, וואָס דו האָסט אים אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע אָנגעקליבענע געלט?

האָט אים דער פּאָטער געענטפערט:

— דו ביזט מיין זון, קענסטו אַרויספאָרן איבער דער מדינה און איטלעכער וועט דיר געבן, אָבער יענעם אָרעמאַן וואָלט קיינער גאָר נישט געגעבן, ווען איך וואָלט אים נישט אַוועקגעגעבן דיין געלט!

עפּעס ענלעכעס איז פאָרגעקומען, ווען דער קשאַנאָווער רב ר׳ דוד, דער צווייטער זון פון ר׳ חיים האַלבערשטאַם, האָט געדאַרפט פאָרן אין אַ קור־אָרט. האָט ער געבעטן ביי זיין פאָטערס חסיד, קלמן סיגעטער, ער זאָל זיך משתדל זיין ביים אַלטן צדיק, צו באַקומען פון אים אַ געוויסע סומע געלט, אויף צו קענען פאָרן.

האָט קלמן סיגעטער גערעדט וועגן דעם מיטן רבין. האָט אים דער רבי געהייסן רעדן וועגן דעם מיט עטלעכע גבירים. האָט דאָס קלמן סיגעטער געטאָן — און אַזוי ווי ער האָט צונויפגעקליבן פאַר אַט דעם צוועק עטלעכע הונדערט גולדן, האָט ער זיי איבערגעגעבן צו ר׳ חיימען, ער זאָל זיי אַוועקגעבן צו זיין זון ר׳ דוד.

ווען ר׳ דוד איז געקומען צום פאָטער, האָט אים דער פאָטער דער־לאַנגט גאַנצע 5 גולדן. איז ר׳ דוד אַוועקגעגאַנגען אַ פאַרשעמטער און האָט דאָס תיכף דערציילט צו קלמן סיגעטער. איז קלמן סיגעטער אַוועק־געגאַנגען צום אַלטן צדיק מיט אַ טענה:

— היתכן?

האָט אים ר׳ חיים אָפּגעענטפערט:

— איך האָב געמוזט דאָס געלט אַוועקגעבן צו אַן אָרעמען תלמיד־חכם אַ נצרך, וועלכער איז נישט קיין זון פון ר׳ חיים סאַנדזער, ווייל אַ זון פון ר׳ חיים סאַנדזער קען אומעטום קריגן געלט ווען ער דאַרף עס האָבן, אָבער יענער אָרעמער תלמיד־חכם קען נישט קריגן ביי קיינעם אפילו אַ פּרוטה, האָב איך דאָס אים געמוזט געבן!

ווי איך האָב שוין דערמאָנט ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט, האָט דער סאַנדזער צדיק באַשטימט זיין דריטן זון, ר׳ אהרן, פאַר זיין ממלא־מקום. איז אין 1875 פאָרגעקומען אַ פאַל, וואָס דער דאָזיקער ר׳ אהרן איז צוזאַמען מיט זיינע צוויי דיינים, ר׳ אליש און ר׳ משה, פאַראור־טיילט געוואָרן יעדער צו זעקס וואָכן תפיסה.

די געשיכטע דערפון איז געווען אַזוי:

אין סאַנדז האָט געוווינט איינער אַ ייד מיטן נאָמען יאָסל זעלצער אָדער אמייזען, האָט ער איין מאָל געהאַט אַ סיכסוך מיט איינעם פונעם רבינס חסידים מיטן נאָמען פערלשטיין. האָט דער סאַנדזער בית־דין געשיקט אַ הזמנה צו דעם דערמאָנטן אַמייזען, ער זאָל קומען צו אַ דין־תורה. האָט ער געענטפערט, אַז ער גייט נישט צו קיין בית־דין — און אויב עס האָט אימיצער צו אים אַ טענה, זאָל ער אים פאַרקלאָגן אין געריכט.

ביז צו יענער צייט זענען די יידן אין סאַנדז שטאַרק אָפּגעהיט געווען, נישט צו גיין מיט זייערע משפטים צו די מלוכהשע געריכטן. דאָס העכסטע וואָרט פון משפט בנוגע יידן מיט יידן, איז געווען דער בית־דין און אַ ייד, וואָס האָט אַריינגעגעבן אַן אָנקלאָגע קעגן אַן אַנדער ייד אין אַ מלוכהשן געריכט, איז פּשוט פאַרדאַמט געוואָרן פון אַלעמען. האָט זיך דערפאַר קיינער נישט אָפּגעזאָגט פון צו גיין צום בית־דין.

איז דער בית־דין שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן פון אמייזענס נישט וועלן גיין צו אַ דין תורה און מען האָט צוריקגעשיקט דעם שמש מיט אַ שאַרפער הזמנה. איז אָבער אַמייזען געבליבן ביי דאָס זייניקע און ער האָט ווידערהאָלט זיין טענה, אַז ווען עמיצער מאָנט עפּעס ביי אים, זאָל ער אים לאָדן אין געריכט און נישט רופן צו קיין דין־תורה.

האָט ר' אהרן האלבערשטאַם אונטערגעשריבן אַ נייע הזמנה, און אַוועקגעשיקט דעם שמש, אָנזאָגן דעם אָנגעקלאָגטן מיטן האַרבן וואָרט, אַז ווען ער וועט נישט קומען צום בית־דין, וועט מען אים אַריינלייגן אין חרם. האָט אַמייזען אויף דעם געענטפערט, אַז ווען דער רב מיט זיינע דיינים וועלן זיך דערוועגן אַריינצולייגן אים אין חרם, וועט ער זיי אַלעמען שיקן אין תפיסה.

ווי אַ ווילד פייער האָט זיך דער דאָזיקער ענטפער פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט און די אויפרעגונג צווישן די סאַנדזער יידן קעגן אַזאַ חצוף איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכע.

לויטן געזעץ האָט מען דענסטמאָל אין גאַליציע נישט געטאָרט אַריינלייגן קיינעם אין אַ חרם. איז דערפאַר דער דאָזיקער חרם קעגן אַמייזענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַזוי צו זאָגן אין געהיים. ווען סאַנדזער יידן זענען אויפן אַנדערן טאָג געקומען צום דאַווענען אין זייערע

שולן אָדער בתי־מדרשים, האָבן זיי דערזען אויפגעקלעפּט צעטלען מיט גרויסע שוואַרצע אותיות, אַז „דער מופקר יאָסל זעלצער, המכונה אַמייזען, ימח שמו, ליגט אין חרם...״

אָט דער אַמייזען איז געווען אַ מוראַדיקער עקשן און אַ תקיף ביי דער ממשלה. די קינדער זיינע האָט ער געקליידעט „דייטש״ און געלאָזט שטודירן. אין דער צייט, וואָס איך בין געווען אין סאַנדז, איז אַמייזענס אַ זון געווען אַ באַוווסטער אַדוואָקאַט אין שטאָט. האָט ער טאַקע תיכף אויפגענומען אַ קאַמף מיטן אַלטן צדיק, צו פאַרווירקלעכן זיין סטראַשונאַק, אַז אויב מען וועט אים אַריינלייגן אין חרם, וועט ער דעם רב מיט זיינע דיינים שיקן אין תפיסה!

האָט ער באַלד אָנגעגעבן אַ קלאָגע קעגן די דיינים, צוזאַמען מיטן רבין ר׳ חיימען. אָבער אַזוי ווי ר׳ אהרן האָט דערקלערטביים געריכט, אַז דער אַלטער צדיק האָט מיט דעם חרם גאָרנישט צו טאָן און אַז ער נעמט איבער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן חרם, איז ער צוזאַמען מיט זיינע צוויי דיינים פאַראורטיילט געוואָרן צו זעקס וואָכן תפיסה.

ווען איך בין געווען אין סאַנדז, איז יאָסל זעלצער געווען אַ „שיינער באַלעבאָס״ אין שטאָט, אַ פאַבריקאַנט פון סאָדע־וואַסער — און עס האָט קיינער נישט דערמאָנט זיין אַרעסטירן דעם רב מיט די דיינים, וועלכע זענען אָפּגעזעסן זעקס פולע וואָכן און מען האָט געמוזט אויסנוצן שטאַרקע שתדלנות, אַז דאָס זיצן זייערס אין תפיסה זאָל זיי נישט שפּעטער שטערן אין אָנהאַלטן זייערע אַמטן פון רב און דיינים, כאָטש זיי זענען געזעסן אין תפיסה.

נישט לאַנג נאָך דער באַפרייאונג פון די דריי נתפסים איז דער אַלטער צדיק, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, נסתלק געוואָרן. און ווי חסידים האָבן געשמועסט, האָט אים די מעשה מיט יאָסל זעלצער, המכונה אַמייזען, מקצר ימים געווען. חסידים האָבן זיך אויך צוגעגרייט, אַז ווען יאָסל וועט זיי קומען אונטער דער האַנט, זאָלן זיי אים מקיים פּסק זיין. עס איז אָבער צו דעם קיין מאָל נישט געקומען.

קאַפּיטל 66

„טאַטע־מאַמעס צרות" אין דער סאַנדזער סביבה

„טאַטע־מאַמעס צרות" איז דער נאָמען פון אַ יידישער פּיעסע, וועל־כע איז געשפּילט געוואָרן הונדערטער מאָל איבער דער גאַנצער וועלט. איר מחבר איז דער באַוווּסטער שוישפּילער מאַקס גאַבּיל — און דער יסוד פון איר אינהאַלט איז דורכאויס אמת, געבויט אויף אַ ספּעציעלן פאַקט, וועלכער איז פאָרגעקומען פּסח־צייט תרמ"ט (1889) אין דער געגנט צווישן גאָרליץ און סאַנדז.

אַ יידישע מויד, די טאָכטער פון אַ דאָרפישן קרעטשמער, האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט אַ גוי. אין יענער צייט בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט די העלדן פון יענער פּיעסע. איך האָב דעמאָלט זייער אָפט באַגעגנט די געשמדטע מויד מיט איר גוישן מאַן און מיט זייַ גערעדט. איך האָב אויך גוט געקענט איר פאָטער און איר ברודער.

גראָד אין אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין געווען אין סאַנדז, איז ביי דער פאַמיליע פון דער משומדת געפּלאַנט געוואָרן, אַז אַזוי ווי זי האָט דענסטמאָל געדאַרפט אָנקומען מיט איר גוישן מאַן וווינען אין סאַנדז, וווּ ער איז געווען אַ שטייער־באַאַמטער ביי דער רעגירונג, זאָל מען אויף זיי אָנפאַלן מיט געוואַלד און אָנווענדן אַלע מעגלעכקייטן, אַוועקצורייסן די משומדת פון איר גוישן מאַנס הענט.

אָנגעפירט דעם אָנפאַל האָט דער פאָטער און דער ברודער פון דער משומדת מיט דער הילף פון נאָך עטלעכע יידן. איז אָבער באַלד אָנגעקומען צו לויפן אַ מחנה גוים, וועלכע האָבן די משפחה־מענטשן און קרובים פון דער משומדת געשלאָגן מכות רצח, קוים וואָס זיי זענען מיטן לעבן אַנטלאָפן. אין דער סומאַטאָכע האָבן אויך אַנדערע גוים געפּרוווט אָנצופאַלן אויף די יידישע געוועלבן, צו ראַבירן וויפיל עס וועט זיך נאָר לאָזן.

געווען דענסטמאָל אין סאַנדז אַן אָפיציר פון די זשאַנדאַרן אַ ייד, מיט וועמען איך בין געווען אַביסל באַקאַנט, איז אַזוי ווי איך האָב געזען די בהלה, בין איך אויף גיך צו אים געלאָפן און איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די סומאַטאָכע וועגן דער משומדת קען זיך פאַר־

וואַנדלען אין אַ פּאָגראָם. האָט ער תיכף אַרויסגעשיקט זעקס באַוואָפנטע זשאַנדאַרן, פונאַנדערצוטרייבן דעם עולם.

איז דאָס געווען ווי אַ מין אינטערעסאַנטער „ספּעקטאַקל" פאַר דער פרוי פונעם זשאַנדאַרמען־אָפיציר. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער טיר פון אַ יידישן געוועלב מיט אַ לאָרנעטע אין דער האַנט, צו באַאָ־באַכטן דעם „ספּעקטאַקל". אין סאַנדז האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ גוי אַ קאַליקע אויף איין פוס און מיט איין האַנט. איז ער צוגעלאָפן צו דער פרוי פונעם זשאַנדאַרן־אָפיציר און האָט איר אַ שפּיי געטאָן אין פּנים. איז דעמאָלט די פרוי געפאַלן אין חלשות און מען האָט זי געמוזט אַוועק־פירן אַהיים.

דער סוף פון יענער בהלה איז געווען, וואָס מען האָט ביי דער משומדת און איר גוישן מאַן אַרונטערגעריסן די קליידער און זיי זענען געבליבן האַלב־נאַקעטע. דעם פאָטער און דעם ברודער פון דער משומדת האָבן די גוים אַזוי צעשלאָגן, אַז זיי זענען דערנאָך עטלעכע וואָכן קראַנק געלעגן — און שפּעטער זענען זיי פאַרמשפּט געוואָרן צו זיצן אין תּפיסה.

אָט אַזאַ געשעעניש איז דענסטמאָל אין גאַליציע געווען אַן אַלטעג־לעכע זאַך. אַ יידישע טאָכטער האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט אַ גוי, האָבן זי די עלטערן געוואָלט אַוועקנעמען פון איר גוישן מאַן, מיט גוטן אָדער מיט בייזן, איז דערפון געווייינטלעך אַרויסגעקומען אַ צו־זאַמענשטויס צווישן יידן און גוים — און דערנאָך האָט זיך דער סיכסוך געענדיקט אין געריכט מיט תּפיסה־שטראָפן פאַר די יידן.

צענדליקער אַזעלכע געשעענישן האָב איך אין יענער צייט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן און באַשריבן אין די צייטונגען אין פאַרשיי־דענע פאָרמען, אין פּובליציסטישע אַרטיקלען אָדער אין זשורנאַליסטישע באַריכטן, אַמאָל מיט רוגזה און אַמאָל מיט אַ גאַליקן הומאָר, אין העברע־איש און אין דייטש אָדער פּויליש. פילע אַזעלכע פּראָצעסן האָב איך אַליין בייגעוווינט און געגאָסן טרערן, ווען איך האָב צוגעקוקט, ווי טאַ־טעס און מאַמעס אָדער ברידער און שוועסטער פון אַזאַ משומדת זענען פאַראורטיילט געוואָרן צו לאַנגע חדשים תּפיסה אָדער גאָר אויף עטלעכע יאָר, ווייל זיי האָבן געוואָלט אָפּראַטעווען דאָס יידישקייט פון זייער טאָכטער אָדער שוועסטער. ביי איין פּראָצעס אַזעלכן איז אפילו פאָרגע־קומען, וואָס דער געריכטלעכער פאַרטרעטער פונעם גוישן צד איז געווען

אַ באַוווסטער יידישער אַדוואָקאַט, אַ פּרעזידענט פון דער יידישער קהילה — מיטן נאָמען ד״ר עליאַס גאָלדהאַמער פון טאַרנאָוו.

גאַנצע ביכער וואָלט מען געקענט וועגן דעם אָנשרייבן, ווי יידישע מיידלעך פלעגן זיך פאַרליבן אין גוים און מיט זיי חתונה האָבן. דאָס איז אויך געווען אַ נאַטירלעכער פועל יוצא פון אַ טעותדיקער דערציאונג, וואָס די מיידלעך פלעגן באַקומען אינעם הויז פון זייערע עלטערן.

ביז צו דער חתונה פלעגן פרומע מענטשן אין די קלענערע גאַליציאַנע שטעט און אין די דערפער לאָזן זייערע טעכטער לערנען אין קלויסטערשולן און חברן זיך מיט גוישע שיקסעס. און האָט מען אַמאָל אַריינגענומען אַ לערער אין אַזאַ הויז, האָט דאָס געדאַרפט זיין דווקא אַ גוי, ווייל יידישע לערער זענען נישט אַזוי אַקוראַט אין יידישקייט.

האָבן דערפאַר יענע מיידלעך געלעבט אין אַ צוויייענדיקער סביבה. אין דער היים ביי די עלטערן האָבן זיי געלעבט אין אַ פאַנאַטישער געזעלשאַפט מיט אומגעבילדעטע טאַטעס און ברידער, וואָס פלעגן זיך כסדר אָפּגעבן מיט פאַר זיי אומפאַרשטענדלעכע ענינים, מיט תורה אָדער מיט געשעפטן, און אַרויסקומענדיק פונעם הויז האָבן זיך יענע מיידלעך באַוועגט אין אַ פרייער אינטעליגענטער סביבה, צו וועלכער זיי האָבן זיך צוליב זייער דערציאונג געפילט נענטער איידער צו דער סביבה פון זייער היים.

דער סוף פלעגט זיין אַ זייער טרויעריקער. די מיידלעך פלעגן אַנטלויפן אין קלויסטער אַריין און דאָרט פאַרפאַלן ווערן ווי מאַנאַשקעס, אָדער זיי פלעגן גאָר אַריינפאַלן אין אַנדערע אומגליקן. יעדנפאַלס פלעגן צענדליקער אַזעלכע מיידלעך פאַרלוירן גיין פונעם יידישן פאָלק.

אין אַ געשפּרעך אונטער פיר אויגן האָט מיר אַמאָל דאָס מיידל פון „טאַטע־מאַמעס צרות״ דערציילט, אַז זייט זי איז געקומען צום שכל, האָט זיך איר אַלצדינג אין דער יידישער וועלט אויסגעדאַכט פּשוט מיאוס, און וואָס זי האָט געזען אין דער קריסטלעכער וועלט, איז איר פאָרגעקומען שיין און נאָבל.

עס האָט אויך נישט געקענט זיין אַנדערש, נאָך דעם וואָס מען האָט זי געלאָזט לערנען אין אַ גוישער קלויסטער־שולע, ווו גלחים און מאָנאַשקעס זענען געווען אירע לערער — און איר ברודער האָט מען בלויז געלערנט אונטערצושרייבן אויף דייטש אָדער פּויליש. יעדעס מאָל, וואָס

דער פּאָטער האָט געדאַרפט ריידן מיטן פּריץ פונעם דאָרף, ווו ער האָט געוווינט, האָט ער געשיקט די טאָכטער ריידן, נישט דעם ברודער, ווייל זי האָט גערעדט אַ גוטן פּויליש און דער ברודער האָט בלויז געלערנט יידישע למודים.

דערנאָך, ווען מען האָט זי געוואָלט פּאַרקנסן, האָט דער פּאָטער פאַר איר אויסגעקליבן אַ „באַנק־קוועטשער“, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום באַגריף פון וועלטלעכקייט. איז זי דערפאַר אַנטלאָפן פון די תנאים צו איר גוישן געליבטן, וועלכער האָט באַוויזן, אַז ער האָט זי ליב, און זי פילט זיך גליקלעך אין זיין סביבה.

אַזוי ווי איך האָב זיך דענסטמאָל איינגערעדט, אַז איך וועל זי מיט מיינע אויפקלערונגען וועגן דער יידישער אמונה צוריקברענגען צו יידיש־קייט, האָב איך איר גענומען דערקלערן דעם אינהאַלט פונעם יידישן פאַמיליע־לעבן, די שיינקייט פונעם יידישן שבת און די הערלעכקייט פון די יידישע ימים־טובים. האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט דאָס קיין מאָל נישט באַמערקט אינעם הויז פון אירע עלטערן. דער פאָטער אירער האָט מיט איר מאַמען נישט געהאַט קיין מאָל קיין צופרידן לעבן. שטענדיק האָבן זיי זיך אַרומגעקריגט און וואָס איינער האָט געזאָגט „יאָ“, האָט דער אַנדערער געזאָגט „ניין“ — און וואָס איך האָב איר דערציילט וועגן די יידישע שבתים און ימים־טובים, האָט זי אין זיי בלויז געפונען אַ לאַסט פון טויזנטער פאַרשריפטן, וואָס מען מעג יאָ און וואָס מען טאָר נישט. ווי אַ יידישע פרוי, האָט זי געוווּסט, וועט זי בלויז דאַרפן אָפּ־היטן דריי מצוות און דערפאַר וועט זי קענען זיין אַ „פּיסנבענקעלע“ ביי איר מאַן אויף יענער וועלט — און מער פון אַלעמען האָט זי געקרענקט דאָס באַוווּסטזיין, וואָס מען וועט איר דאַרפן אָפּשערן אירע שיינע האָר.

דער סוף פון דער העלדין אין דער פּיעסע „טאַטע־מאַמע צרות“, לויט ווי זי ווערט געשפּילט אין טעאַטער, איז אויך גאַנץ אַנדערש. ווי דאָס איז דענסטמאָל געווען אין דער ווירקלעכקייט. אין דער פּיעסע האָט די משומדת פּלוצים חרטה אויף איר שמד. אין אַ שטורעמדיקער נאַכט וואַרפט זי דער גוישער מאַן אַרויס פון זיין הויז, אָדער זי אַליין איז פון אים אַנטלאָפן — און זי קומט אָן צוריק צו איר פאָטער גראָד צו כל נדרי.

אין דער אמתן איז יענע משומדת געבליבן אַ קריסטין און אירע קינ־

דער זענען מיט דער צייט מסתמא אויסגעוואקסן ווי אַנטיסעמיטן, אַזוי פלעגט זיין ביי אונדז דער סדר עולם, אַז די פירער און פאַרשטייער פון די אַנטיסעמיטן אין יעדער גאַליצישער שטאָט זענען ס׳רוב געווען משומדים אָדער קינדער פון משומדים.

קאַפּיטל 67

אויסוואַנדערונגס־פּראָבלעמען אינעם אַמאָליקן גאַליציע

אין יענער צייט האָט זיך אַנטוויקלט אין גאַליציע, סיי צווישן יידן און מער נאָך צווישן גוים, אַן אויסערגעוויינטלעכע נייגונג צום אויסוואַנדערן, צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וווּ מען איז געבוירן, אויף צו זוכן אַ נייע היים.

דער חשק צום וואַנדערן איז געקומען דערפון, וואָס די יידישע יונגעלייט אין גאַליציע האָבן זיך פּלוצים אַרומגעקוקט, אַז זיי קענען נישט מער צופּאַסן זייער לעבן צו די אומשטענדן, וואָס זענען געוואָרן אַנדערש און פיינטלעך.

עס האָבן זיך אויך דענסטמאָל די גאַליציאַנער פּויערים, וואָס האָבן אין דער רעוואָלוציע פון 1846 פאַרכאַפּט שטיקער פעלדער פון די פּריצישע גיטער, זיך אַזוי שטאַרק פאַרמערט, אַז די פעלדער זייערע האָבן געמוזט צעברעקלט ווערן צווישן קינדער און אייניקלעך — און וואָס עס איז פאַר יענע פּויערים פון 1846 געווען גענוג, האָט נישט גע־קענט זיין גענוג פערציק יאָר שפּעטער, ווען די צאָל זייערע האָט זיך מער ווי פאַרטאָפּלט. דערצו זענען אויך געווען אַזעלכע פּויערים, וואָס האָבן אין דער צווישנצייט פאַרקויפט זייערע פעלדער און דאָס געלט פאַרשיכורט.

האָבן זיך אין יענער צייט אַרומגעדרייט אויסוואַנדערונגס־אַגענטן, וואָס האָבן פּראָפּאַגאַנדירט די עמיגראַציע קיין בראַזיל. אַנדערע האָבן רעקאָמענדירט בעסער אויסצוואַנדערן קיין קאַנאַדע. איןביידע לענ־דער האָבן דענסטמאָל די רעגירונגען צוגעזאָגט צו געבן צו יעדן אי־מיגראַנט פעלדער אומזיסט און באַרגן סכומים געלט, אויף איינצוקויפן

דעם נייטיקן אינוועגטאַר אויף צו קענען באַאַרבעטן די ערד אין דער נייער היים.

עס איז אָבער געווען אַביסל שווערלעך צו באַוועגן די פּויערים צום אויסוואַנדערן. האָט דעמאָלט די רעגירונג פון קאַנאַדע געוואָרפן אַן אויג אויף די גאַליציאַנער יידן, דענקענדיק, אַז ווען זיי, די יידן, וועלן אָנ־הייבן אויסוואַנדערן, וועט מען גיכער קענען קריגן די פּויערים.

האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן פּראָפּאַגאַנדע־שריפטן פאַר דער אויס־וואַנדערונג קיין קאַנאַדע, געשריבן אין דייטש. גאַליציאַנער יידן האָט מען, דאַכט זיך, דענסטמאָל געהאַלטן פאַר דייטשן, האָט מען געמיינט, אַז דאָס איינציקע מיטל, צו באַוועגן די גאַליציאַנער יידן צום אויס־וואַנדערן, איז ווען מען וועט זיי פאָרשטעלן די גליקן, וואָס וואַרטן אויף זיי אין דער נייער היים — אין דייטש, ווען מען וועט זיי שיל־דערן די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס די אָרעמע גאַליצישע מענטשן מיט אַרבעטזאַמע הענט קענען דערגרייכן, ווען זיי וועלן אויסוואַנדערן פון זייער ביזאַהעריקן ווינלאַנד און זיך באַזעצן אין קאַנאַדע, וווּ מען דער־וואַרט מיט אָפענע אָרעמס אַריינצונעמען די אַלע, וואָס ווילן זיך אָפּ־געבן מיט ערדאַרבעט.

דערווייל האָבן מיר געהערט, אַז אין רוסלאַנד ווילן טויזנטער יידן אויסוואַנדערן, נאָר די רעגירונג וויל זיי נישט אַרויסלאָזן. עס האָט זיך געהערט, אַז יידן ווילן זיך באַזעצן אויף ערד אין ארץ־ישראל, לאָזט מען זיי דאָרט נישט אַריין — און אין נאָרד־אַמעריקע איז דאָס אַרייג־קומען אויך זייער שווער.

האָט זיך מיר דאַן אויסגעדאַכט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען מען זאָל פירן די יידישע אויסוואַנדערונג קיין קאַנאַדע. בראַזיל איז מיר עפּעס נישט געווען צום הארצן, נאָך דעם ווי דאָס לאַנד האָט געהאַט אַזאַ געבילדעטן קייסער ווי דאָן פּעדראָ דעם צווייטן, וועלכער האָט גע־קענט אַזוי פיל העברעאיש, אַז ער וואָלט אַזש גאַנץ גוט געקענט ווערן אַ העברעאישער לערער אין דער גרעסטער „תלמוד תורה״. האָבן אים אָבער די בראַזיליאַנער פּלוצים אַרונטערגעוואָרפן פון זיין כסא מלוכה.

איז דעמאָלט דער ערשטער שריט מיינער געווען, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אַ מעמאָראַנדום צו דער רעגירונג אין קאַנאַדע, ווו איך האָב געשילדערט, וואָסערע אַרבעטזאַמע עלעמענטן די קאַנאַדער רעגירונג



ראובן אשר ברוידעס

(1851 — 1903)

צבי רומעלד

(1870 — 1935)

יעקב מרדכי דרייפוס

(1866 — 1933)

ד"ר עזריאל גינציג

(1868 — 1931)

וואָלט געקענט אַריינקריגן, ווען זי וואָלט זיך געווענדעט מיט איר איינ־לאַדונג דירעקט צו די גאַליציאַנער און רוסישע יידן.

געשריבן דעם מעמאָראַנדום האָב איך אין דייטש, ווייל איך האָב געדענקט, אַז כאָטש מען רעדט אין קאַנאַדע ענגליש און פראַנצויזיש, מוזן דאָרט די באַאַמטע פון דער רעגירונג זיכערלעך קענען דייטש.

אין דער זעלביקער צייט האָב איך אויך אָנגעשריבן עטלעכע אַר־טיקלען אין העברעאיש וועגן די מעלות פון אַן איינוואַנדערונג אין קאַ־נאַדע. אייניקע אַזעלכע אַרטיקלען האָב איך געדרוקט אינעם „המגיד" און איין אַרטיקל האָב איך אויך געדרוקט אין דער וואַרשעווער „הצפירה". איז עס כאַראַקטעריסטיש, אַז איך האָב אין מיין אַרטיקל אין דער „הצפירה" באַוויזן קלאָר, אַז די יידן אין רוסלאַנד מוזן ווי צום גיכסטן אויסגעפינען אַ לאַנד, וואָס זאָל זיי צו זיך אַריינגעמען. אָבער אַזוי ווי די רוסישע צענזור האָט דענסטמאָל געדאַרפט שטערן די אויס־וואַנדערונג פון יידן, האָט מען אַוועקגעשטעלט אויף מיין אַרטיקל אַ קעפל „אל תחפזו לנוס" (איילט זיך נישט צו אַנטלויפן!) און אינעווייניק אינעם אַרטיקל האָט די צענזור אַריינגעשריבן, אַז די יידן אין רוסלאַנד דאַרפן נישט אַנטלויפן, ווייל זייער לאַגע אונטער די באַשיצנ־דיקע פליגלען פונעם צאַר איז אַ זיכערע — און ווען עס ווערט גע־רעדט וועגן אַ באַדערפעניש צו עמיגרירן מיינט מען דאָס די יידן אין רומעניע און נאָר וועגן זיי רעדט זיך דאָ.

ביי אַזעלכע מאַסן־אויסוואַנדערונגען, וואָס ס׳רוב עמיגראַנטן זע־נען געווען אומבאַהאָלפענע אָרעמע מענטשן, האָבן די אויסוואַנדערונגס־אַגענטן אין די גרענעץ־שטעט געהאַט אין זיי אַ פעסטן ביסן, און ווי איז געווען דעם אויסוואַנדערער, ווען ער איז אַריינגעפאַלן צו יענע אַגענטן אין די הענט.

האָב איך דעמאָלט ווייטער אָנגעשריבן אַ מעמאָראַנדום צו דער גאַליצישער לאַנדעס־רעגירונג, און געשילדערט ווי אַזוי עס ווערן די אויסוואַנדערער באַשווינדלט פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע פאַרשוינען, וואָס באַרויבן די אָרעמע מענטשן ביז צו אַ פולשטענדיקער נאַקעטקייט.

פיר לאַנגע חדשים האָב איך געדאַרפט וואַרטן אויף אַן ענטפער פון דער קאַנאַדער רעגירונג און ערשט דענסטמאָל האָב איך באַקומען די תשובה — נישט דירעקט, נאָר דורכן קאַנאַדער קאָנסול אין ווין.

„די קאַנאַדער רעגירונג — איז אין דער דאָזיקער תשובה געזאָגט געוואָרן — מאַכט נישט קיין שום אונטערשייד צווישן ראַסן און רע־ליגיעס. זי מישט זיך אויך נישט אין די רעליגיעזע מיינונגען פון אירע בירגער. „אין מעריטום" איז זי גרייט, צו באַזאָרגן מיט ערד יעדן איינ־וואַנדערער, וואָס האָט דעם ערלעכן ווילן, זיך צו באַזעצן אין קאַנאַדע אויף ערדאַרבעט. עס וואָלט אָבער זייער גוט געווען, ווען דאָס זאָלן זיין מענטשן, וואָס האָבן גענוג דערפאַרונג אין ערדאַרבעט און פאַרמאָגן אויסער דעם די פינאַנציעלע מעגלעכקייט, נישט צו דאַרפן פאַרלאַנ־גען אונטערשטיצונג פאַר דעם ערשטן שניט פון זייערע פעלדער".

גלייכצייטיק האָב איך באַקומען אַ מיטטיילונג פון דער עסטריי־כישער רעגירונג אין ווין, איך זאָל וויסן, אַז צוזאַמען מיטן בריוו פון דער קאַנאַדער רעגירונג איז אָנגעקומען פאַר מיינעטוועגן אַ גאַנצער קאַסטן מיט פראָפּאַגאַנדע־בראָשורן אין דייטש וועגן דער אויסוואַנדע־רונג קיין קאַנאַדע. האָט דאָס דער פּאָסט־אַמט פאַרהאַלטן, ביז די רע־גירונג וועט נישט אַנטשיידן, צי מען זאָל מיר דעם קאַסטן מיט די בראָ־שורן איבערגעבן, אָדער מען זאָל אים קאָנפיסקירן. אויסער דעם האָט מיר די עסטרײַכישע רעגירונג אָנגעזאָגט, איך זאָל וויסן, אַז עסטריי־כישע בירגער טאָרן נישט שרייבן קיין בריוו צו אויסלענדישע רעגירונ־גען, נאָר זיי מוזן דאָס טאָן דורך דער פאַרמיטלונג פונעם אויסערן־מיניסטעריום.

אַ בעסערע ווירקונג האָט געהאַט מיין מעמאָראַנדום צו דער גאַ־ליצישער שטאַטהאַלטעריי, ווייל עס איז תיכף געמאַכט געוואָרן אַ שטרענגע גריכטלעכע און אַדמיניסטראַטיווע אונטערזוכונגען קעגן אַלע אויסוואַנדערונגס־אַגענטורן אין גאַליציע און אייניקע פון זייערע פאָרשטייער זענען דאַן אַרעסטירט געוואָרן.

עס איז אָבער שווער געווען אויסצוגעפינען אַ געזעצלעכע סיבה, די אַגענטן צו באַשטראָפן, ווען די באַשווינדלטע וואַנדערער האָבן בשום אופן נישט געוואָלט מאַכן קיין קלאַגעס. מיר האָבן זיי דערציילט שוי־דערלעך שרעקלעכע עוולות און ביים געריכט האָבן זיי געשוויגן און נישט געוואָלט גאָרנישט זאָגן.

האָט דאָס געריכט געדאַרפט זוכן זייטיקע עברות אויף צו קענען באַשטראָפן די אַגענטן. האָט מען געזוכט, צי זיי שווינדלען נישט וועגן

שטײערן אָדער צי זײ באַזאָרגן נישט די וואַנדערער מיט פאַלשע פּאַס־פּאָרטן. איז דעמאָלט אויסגעפונען געוואָרן דער אײנציקער פאַרברעך, פאַר וועלכן מען האָט זײ געקענט באַשטראָפן, וואָס זײ האָבן געלאָזן אויסוואַנדערן מיליטער־פליכטיקע יונגעלײט — און דערפאַר האָט מען זײ שטרענג באַשטראָפט.

די עסטרײַכישע רעגירונגס־קרײַזן האָבן באַשלאָסן צו געבן אויס־וואַנדערונגס־אַגענטן שווערע שטראָפן און דאָס האָט מען געוואָלט דורכ־פירן אַזוי שטיל, אַז די עפנטלעכע מײנונג זאָל דערפון גאָר נישט וויסן. פאַר דער דורכפירונג פונעם פּראָצעס האָט מען אויסגעקליבן אַ ווינקל־שטעטל אין מערב־גאַליציע. געדאַרפט מאַכן דעם פּראָצעס האָט מען אין קראָקע אָדער אין בראָד. האָט מען אָבער אויסגעקליבן דאָס שטעטל וואַדאָוויץ, וווהין עס איז נאָך דענסטמאָל נישט געווען אפילו קײן באַן־פאַרבינדונג.

אין דער צײַט פון יענעם פּראָצעס בין איך נישט געווען מער אין דער סאַנדזער געגנט. איז כאָטש עס איז אויך דענסטמאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר מײנעטוועגן אַן אײנלאַדונג אַלס עדות קעגן די אַגענטן. האָט מען מיך נישט געקענט געפינען, ווײַל איך בין שוין געווען בײַ מײַנע עלטערן אין קראָקע.

שפּעטער בין איך געוויר געוואָרן, אַז הגם איך בין טאַקע גערופן געוואָרן בלויז פאַר אַן עדות, האָט מען אָבער בײַם געריכט געפּלאַנט, מיך אַרײַנצופּלאָנטערן אין דער פראַגע פון מײַן קאָרעספּאַנדירן מיט אויסלענדישע רעגירונגען.

קאַפּיטל 68

איך נעם זיך אונטער צו רעדאַגירן אַ העברעאישע צײַטונג

מײַן אַרויסטרעטן קעגן דער ציקאָריע־פאַבריק פון די ברידער פראַנק, וועגן וועלכן איך האָב שוין פריער געשריבן, האָט מיך גע־בראַכט אין פאַרבינדונג מיט אַ געוויסן באָרנשטײן פון טאַרנאָוו, וואָס איז געווען אַ רײַזנדיקער אַגענט פון דער יידישער ציקאָריע־פאַבריק

„פאסט און מייערהאָף" און ער האָט געהאַט אַרויסגעגעבן אַ חיבורל מיטן נאָמען „זכרון בספר" וועגן דער כשרות פון ציקאָריע.

אָט דער באַרנשטיין האָט דעמאָלט אָפּגעקויפט אַ העברעאישע צייטונג מיטן נאָמען „השמש", וועלכע האָט גראַד דענסטמאָל אָנגע־הויבן דערשיינען אין דער מזרח־גאַליצישער שטאָט קאָלאָמיי — און ער האָט איבערגעגעבן די רעדאַקציע פון דער דאָזיקער צייטונג דעם באַ־ווּוסטן שריפטשטעלער ראובן אשר ברוידעס, ער זאָל זי פירן אינעם גייסט פון דער כשרער ציקאָריע. האָט דאָס אָבער ברוידעס נישט גע־טאָן. דער ענין ציקאָריע האָט אים ווייניק וואָס אינטערעסירט. איז מען זייער אומצופרידן געווען פון זיין רעדאַגירן די צייטונג און מען האָט כסדר נאָר געקלערט, ווי אַזוי אים צו פּטרן.

גראַד דעמאָלט האָב איך געהאַט אָנגעשריבן אַ בראָשור וועגן דער ציקאָריע־פראַגע מיטן נאָמען „דברי אמת ומשפט", וועלכע האָט גע־זאָלט אָפּגעדרוקט ווערן דורך באַרנשטיינען פון טאַרנאָוו. האָט עס אָבער גענומען אַ לאַנגע צייט, איידער מיין בראָשור איז איבערגעגעבן געוואָרן צום דרוק. בין איך צוליב דעם אַוועקגעפאָרן קיין טאַרנאָוו, פּערזענלעך געוויר צו ווערן וועגן דעם גורל פון מיין בראָשור. האָט מיר באַרנשטיין פאָרגעלייגט, איך זאָל איבערנעמען די רעדאַקציע פונ־נעם „השמש" אויף ברוידעסעס פּלאַץ.

אַזאַ פאָרשלאַג האָט מיר דעמאָלט זייער געפעלן. ווי אַ 21 יעריג־קער בחור האָב איך זיך אין אים אָנגעכאַפּט ממש „מיט הענט און מיט פיס". ראובן אשר ברוידעס האָט אין דער דעמאָלטיקער העברעאישער ליטעראַטור געשפּילט די ראָל פון אַ צווייטן סמאָלענסקין. קומט מען פלוצים און מען שלאָגט פאָר מ י ר, אַ יונגן מענטשן, וואָס דראַפּעט זיך אַרויף צו די הויכן פון דער ליטעראַטור, איך זאָל איבערנעמען זיין שטעל.

איך האָב נישט געלאָזט וואַרטן אויף מיין תשובה און איך האָב תיכף געענטפערט: „הנני כי קראת לי!", כאָטש איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין קלאָרע מיינונג וועגן די פליכטן פון אַ צייטונגס־רעדאַק־טאָר. און ווען איך טראַכט זיך אַריין היינט, ווי ווייט לייכטזיניק איך בין געווען אין מיין גלויבן, אַז איך האָב די פעאיקייט, צו פירן די רע־דאַקציע פון אַ העברעאישער צייטונג, מוז איך זיך אַליין וווּנדערן אי־בער דער גרויסער מאָס פון מיין צוטרויען צו זיך אַליין.

ערשט פיל שפּעטער בין איך געװוּיר געװאָרן, אַז צו רעדאַגירן אַ העברעאישע צײטונג, איז נישט גענוג, װאָס איך האָב דענסטמאָל געקענט גוט די שפּראַך און איך האָב אױך געהאַט די פעאיקײט צו שרײבן װעגן אַלע פראַגן פונעם לעבן. איך האָב זיך איבערצײגט אַז מען דאַרף חוץ דער שפּראַך־קענטעניש האָבן דורכאױסיקע דערפאַרונ־גען אינעם לעבן, מען דאַרף אױך האָבן מיטגעלעבט פאַרשײדענע פּאָ־ליטישע קאַמפן, בײ װעלכע מען באַקומט נישט תמיד אַ „קניפּ אין בעקל" פאַר שײן דרשענען.

די ערשטע װאָך אין חודש חשון 1889 בין איך אָנגעקומען אין קאָלאָמײ פאַרן רעדאַקטאָר פון דעם העברעאישן װאָכנבלאַט אױף דער שטעלע פון אַזאַ באַװוּסטן שרײבער, װי עס איז געװען ראובן אשר ברױדעס, דער מחבר פון די העברעאישע ראָמאַנען „הדת והחיים" און „שתי הקצוות". דער אַרױסגעבער פון דער צײטונג איז געװען אַ געװוי־סער גאָטליב, אַ באַרימטער בדחן, װאָס האָט געמאַכט אַ לעבן פון זאָגן גראַמען אױף חתונות און בײ אַזאַ געלעגנהײט, װען עס איז איטלעכן געװען גרינג אױפן האַרצן, פלעגט ער קלײבן אַבאָנענטן אױף זײן צײטונג.

שרײבן האָט ער נישט געקענט און האָט טראָץ דעם דורכאױס גע־װאָלט שרײבן אַרטיקלען מיט זײן נאָמען. האָט מיך דער־אָ פאַרלאַנג שטאַרק געקרענקט, װײל עס איז געװען קעגן מײנע דעמאָלסדיקע עטי־שע פּרינציפּן, איך זאָל שרײבן אַרטיקלען און לאָזן אונטערשרײבן אַן אַנדערן. אױסער דעם האָב איך אַלײן נאָך געװאָלט, מײן נאָמען זאָל דערמאָנט װערן אין דער צײטונג עטלעכע מאָל אין יעדן נומער — און גאָטליב פון זײן זײט האָט באַהױפּטעט, אַז ער האָט דאָס רעכט דערױף.

זענען צוליב דעם אַרױסגעקומען מחלוקותן צװישן מיר און גאָט־ליבן — און איך בין געװען גרײט, צו פאַרלאָזן מײן רעדאַקטאָר־בענקל באַלד אױף דער צװײטער װאָך, װי איך בין אָנגעקומען אין קאָלאָמײ. אַזױ װי איך האָב אָבער געפילט אַ גרױסע אחריות לגבי באַרנשטײנען, האָב איך אײנגעזען, אַז איך טאָר גאָרנישט טאָן װעגן דער צײטונג אָן באַרנשטײנס װיסן. אָבער ביז איך האָב געקראָגן די געלעגנהײט, צו קענען זיך פּערזענלעך דורכשמועסן מיט באַרנשטײנען, האָב איך זיך דערװײל איבערגעבעטן מיט גאָטליבן און איך בין װײטער פאַרבליבן זיצן אױף מײן רעדאַקטאָרסקן בענקל.

לאַנג האָט אָבער מיין שלום מיט גאָטליבן נישט געדויערט. איך בין דעמאָלט געווען אַזוי נאַאיוו צו גלייבן אין דער ריכטיקייט פון יעדן געדרוקטן וואָרט. איך האָב נישט געקענט באַגרייפן, ווי עס קענען אַזעלכע מענטשן ווי באָרנשטיין און גאָטליב טרינקען פראַנקס ציקאָריע, ווען זייער צייטונג האַלט אין איין איינריידן, אַז פראַנקס ציקאָריע איז נישט כשר. האָב איך איינגעזען, אַז מען דאַרף די צייטונג באַגראָבן — און איך האָב זיך געסטאַרעט דעם באָרנשטיין צו איבערצייגן, אַז עס לוינט זיך נישט אַרויסצוגעבן די צייטונג און מען דאַרף זי פאַרמאַכן.

אין קאָלאָמיי האָב איך מיך אויך אויסערהאַלב פון מיין רעדאַקציע איבערצייגט, אַז ריידן און טאָן זענען צוויי פאַרשיידענע מידות. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך דאָרט באַגעגנט יידן, וואָס גייען שבת צום דאַווענען און רייכערן דערנאָך אַ ציגאַר, אָדער פאָרן צו דער באַן. דאָרט האָב איך אויך געזען דאָס ערשטע מאָל, ווי מען מאַכט טלי־תים — און שטעלט זיך פאָר מיין שרעקלעכע אַנטוישונג, ווען איך האָב געזען, אַז מען אַרבעט ביי די טליתים אום שבת.

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב געפּרעדיקט „השכלה״, איז ביי מיר געווען אַן אַנגענומענער כלל, אַז מען טאָר נישט אַנרירן די פאַרשריפטן פון דער אמונה. דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ ריס אין מיין נשמה, ווען איך האָב געזען, אַז מען פאַרשוועכט די אמונה עפנטלעך און מען שעדיקט דערמיט די אַרבעט פון אַלע, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער השכלה.

אומעטום ווו איך בין ביז דעמאָלט געווען, סיי אין ווין און סיי אין בערלין אָדער קעלן, האָב איך געזען, אַז די וואָס ווילן פאַרשפּרייטן ביל־דונג צווישן יידן זענען אַליין אָפּגעהיט פון עובר זיין עפנטלעך אפילו אויף דער קלענסטער עברה אַקעגן דער יידישער אמונה, ווייל זיי פאַר־שטיין, אַז מען שעדיקט דערמיט דעם פּרעסטיזש פון דער השכלה, האָט דאָס מיך שרעקלעך אויפגערעגט, ווען איך האָב אין קאָלאָמיי געזען דאָס קעגנטייל פון דעם.

כאַראַקטעריסטיש פאַר קאָלאָמיי איז, וואָס איך האָב דאָרט געטראָפן אַ יידישן מלמד אַן אַטעאיסט, אָנגעטאָן עכט אַלטמאָדיש, אין אַ לאַנגער שאַרזשענער קאַפּאָטע און אַ פאַרשמאַלצענע יאַרמולקע אויפן קאָפּ, וועל־כער פלעגט לערנען מיט זיינע תלמידים חומש־רש״י און ער האָט זיך

דערבײַ נישט געקענט אײַנהאַלטן פון מאַכן פאַר זיך שטילערהייט אפּי־קורסישע באַמערקונגען, אַ שטייגער ווי: „וידבר, ער האָט גערעדט, ווער האָט גערעדט? ווער האָט עס געהערט, ווי מען האָט גערעדט? אל משה, צו משה, ווען איז געווען אַ משה? ווער האָט אַזאַ ליגן אויסגעטראַכט?" אָדער „ומדרש אגדה אומר, דער מדרש אגדה זאָגט, ס'איז אפילו ליגן, נאָר אַז דער מדרש זאָגט, זאָגט ער".

חוץ דער אפּיקורסות איז דער מענטש געווען אַ בקי אין כלערליי רעליגיעזע און וועלטלעכע ידיעות, אַ „גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע" אין פילאָסאָפיע און געשיכטע. האָב איך מיר דערפאַר אָפּט מאָל געמאַכט דאָס פאַרגעניגן, אים צו באַזוכן אין זײַן הייזקע, צו וועלכער עס איז דענסטמאָל ווינטער־צײַט געווען כמעט לעבנס־געפערלעך צוצוקומען, ווייל זי האָט זיך געפונען אין אַ ווינקל־געסל, וואָס איז נישט קיינמאָל אָפּגערייניקט געוואָרן פון אײַז און שניי — און דער וועג אַהין איז גע־ווען זייער אַ גליטשיקער. דאָס זעלביקע איז אויך געווען, ווען מען האָט געדאַרפט אַרויפקלעטערן צו זײַן דירה איבער אַ צענדליק צעבראָכענע הילצערנע טרעפּלעך.

ריידנדיק מיט יענעם מלמד האָט מען נאָר געדאַרפט דערמאָנען דעם נאָמען פון וועלכן ס'איז שרײַבער אָדער גלאַט אַזוי אַ היסטאָרישע פיגור, האָט ער באַלד אָנגעהויבן ריידן וועגן די מיינונגען פון יענעם שרײַבער צוזאמען מיט פאַרשיידענע פרטים פון זײַן לעבן און זײַנע גייסטיקע שאַפונגען און ווי אַזוי די מיטמענטשן האָבן אים באַהאַנדלט.

זייער אַ ליכטיקער טיפּ איז דענסטמאָל געווען דער רב פון דער שטאָט, ר' הלל ליכטענשטיין, דער מחבר פון ספר „משכיל אל דל" און „עת לעשות", וועלכער איז געווען באַקאַנט אין דער יידישער וועלט מיט זײַן צונאָמען „סיקסער", ווייל ער האָט געשטאַמט פון דער שטאָט סיקס אין אונגאַרן.

דאָס איז געווען איינער פון די פּראָמינענטסטע מוסרניקעס, וואָס יידן האָבן פאַרמאָגט, ער איז צוליב זײַן מוסר־זאָגן אַרויסגעטריבן גע־וואָרן פון לאַנד צו לאַנד, ביז ער האָט געפונען אַ „מקום־מנוחה" אין קאָלאָמיי.

ר' הלל פלעגט פּראַווען יעדן שבת אַ רבישן טיש מיט חסידישע מנהגים, האָב איך אים צוליב דעם כמעט ווי אויסגעלאַכט. ער פלעגט

דרשנען מיט ראשי־תיבות און סופי־תיבות, פלעג איך אים דערפאַר אָפּטמאָל לאכן אין פּנים אַריין.

איך האָב אָבער שפּעטער געזען זיינע ספרים, אין וועלכע עס זענען געווען אָנגעשריבן פאַר יידן די העכסטע מאָראַלישע פּרינציפּן, וואָס וואָלטן געקענט איבערזעצט ווערן אין אַלע שפּראכן פון דער וועלט, כדי צו קענען ווייזן, ווי הויך עס שטייט די יידישע מאָראַל, האָב איך מיך דעמאָלט געשעמט פאַר יעדן נישט־בכּבודיקן וואָרט, וואָס איך האָב אַמאָל אַרויסגעזאָגט קעגן דעם קאָלאָמייער רב.

קאַפּיטל 69

אויפן וועג קיין קאָלאָמיי

פאָרנדיק פון קראָקע קיין קאָלאָמיי, איבערצונעמען דאָרט די רע־דאַקציע פון דער העברעאישער צייטונג „השמש", האָב איך געדאַרפט וואַרטן עטלעכע שעהן אין לעמבערג, ווו איך בין שוין אַמאָל מיט דריי יאָר צוריק געווען, ווען איך האָב געזוכט די הילף פון די לעמבערגער יידישע פירער קעגן דער גאַליצישער לאַנדעס־רעגירונג אין דער פראַגע פון די אגראַר־קרייזן.

אין מיין יוגנטלעכן ענטוזיאַזם האָט זיך מיר דעמאָלט אויס־געדאַכט, אַז איך וועל מיט מיינע פּשוטע אַרגומענטן אַלעמען איבער־צייגן, ווי אַזוי מען קען פאַרוואַנדלען די אַנטיסעמיטישע טענדענצן פון די אגראַר־קרייזן אין אַן אינסטיטוציע, וואָס היט זיך, נישט צו שעדיקן די אינטערעסן פון די יידן אין די דערפער.

פאַרשטייט עס זיך אויך, אַז איך האָב זיך אויף שריט און טריט אָנגעשלאָגן אויף אַזוי פיל שטערונגען פאַר וועלכע איך בין געבליבן שטיין אין גאַנצן הילפלאָז — און נאָר דער כּח פון מיין יוגנטלעכן ענטוזיאַזם האָט מיך אָפּגעראַטעוועט פון פאַרצווייפלונג.

אַלט געווען דענסטמאָל בין איך נישט קיין פולע 18 יאָר. מיט מיין אויסזען און מיט מיין גאַנץ באַשיידענער קליידונג, האָב איך אויך נישט געקענט אימפּאָנירן — און ווען איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אַרגומענטירן פאַר מיין פאַרלאַנג, האָב איך אין יענער צייט נאָך נישט

פאַרמאָגט די נייטיקע באַריידעוודיקייט צו קענען האָבן די געווינטשטע ווירקונג.

האָב איך אין מיין דעמאָלסדיקן צושטאַנד און מיט מיינע מיטלען נישט געקענט אָנקומען צו די אַנטשיידנדע רעגירונגס־קרייזן. איך האָב אויך נישט געקענט צוקומען צו די גרויסע איינפלוסרייכע יידן — און ווען איך האָב זיך באַקלאָגט אויף מיין מערכה אין דער אכסניא, וווּ איך בין איינגעשטאַנען, האָט מען מיר געראָטן, איך זאָל גיין זען דעם לעמבערגער רב, ר׳ הירש אָרענשטיין, ווייל נאָר אַזא מענטש ווי ער קען מיר העלפן, איך זאָל מיט מיינע אַרגומענטן קענען צוקומען דאָרט, וווּ עס נייטיקט זיך.

פאָלגענדיק די דאָזיקע עצה, האָב איך זיך געסטאַרעט נעענטער זיך צו באַקענען מיט ר׳ הירש אָרענשטיין, וועלכער האָט דענסטמאָל ווי דער לעמבערגער רב געגומען אַ וואָרט אין אַלע פראַגן פונעם יידישן לעבן אין גאַליציע, ווייל ער איז געווען באַליבט און געאַכטעט ביי אַלעמען, סיי ביי די לומדים און סיי ביים ברייטן המון.

פון מיין קורצן געשפּרעך מיט ר׳ הירש אָרענשטיין האָב איך געזען, אַז איך האָב די זכיה, צו ריידן מיט אַ גאון, אַן אַריסטאָקראַט, וועלכער האָט נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר די אַלטעגלעכע באַדער־פעניש פונעם אָרעמען גאַליציש ייד. און דאָס וואָס ער איז געווען באַליבט ביי די ברייטע מאַסן פון דער לעמבערגער באַפעלקערונג, איז עס נישט געווען צוליב זיין גרויסער למדנות, אויף וועלכער דער ברייטער עולם איז נישט געווען קיין מבין, נאָר צוליב זיין גרויסן יחוס, וואָס ער איז אַרויסגעקומען פון אַ גזע רבנים, וואָס האָבן „געקי־ניגט" אין לעמבערג דורך עטלעכע דורות — און איבערהויפּט אַ ן י ע ד ע ר ש כ י ר ו ת.

בעת איך האָב געזוכט די מעגלעכקייט, צו קענען האָבן אַ שמועס מיטן לעמבערגער רב, האָט מען מיר אָנגעוויזן, אַז אויב מען וועט מיך נישט צולאָזן צו אים אין הויז אָדער אין דער בית־דין שטוב, וועל איך אים זיכער קענען טרעפן אין גאַס, וווּ ער פלעגט יעדן נאָכמיטיק אַרומשפּאַצירן און זיך געוויינטלעך אָפּשטעלן פאַר אַ געוויסער פאָ־טאָגראַפישער סטודיאָ, צו קוקן דאָרט אויף די בילדער פון שיינע פרויען.

האָט דאָס לכתחילה געמאַכט אויף מיר אַ שלעכטן איינדרוק — און ווען איך בין דאָן נענטער צו אים צוגעקומען און איך האָב אָנ־געריט זיין ארבל, האָט דער רב תיכף אויסגעדרייט דעם פנים פון די בילדער און אַ זאָג געטאָן: „אויב אַזוי, איז דער רמב״ם גערעכט״.

דער שמש, וואָס האָט דעם רב באַגלייט, האָט מיך אַפילו געוואָלט אַוועקשטופּן. האָט דאָס דער רב נישט דערלאָזן און אַזוי ווי איך האָב דאָן אין קורצע ווערטער פאַר אים פאַרגעלייגט דעם ענין, וועגן וועלכן איך בין געקומען קיין לעמבערג, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אים באַגלייטן צו זיין הויז, ווו ער וועט קענען בעסער משיג זיין די זאַך, וואָס איך האָב אים דאָ פאַרגעלייגט.

גייענדיק אַזוי, האָט ער מיר אויך איבערגעחזרט די קשיא פונעם רמב״ם, וואָס איז אים היינט איינגעפאַלן. דערביי האָט ער מיר אויך איבערגעגעבן די קשיא מיטן תירוץ. איז אָבער מיין מוח געוועזן אַזוי פאַרפּלאָנטערט מיט דער אָנגעלעגנהייט, וועגן וועלכער איך בין גע־קומען קיין לעמבערג און ווו איך האָב בלויז געהאַט דורכפאַלן, אַז איך האָב מיך דאָן גאָרנישט צוגעהערט צו דער גאַנצער קשיא מיטן תירוץ.

ביי דער זעלביקער געלעגנהייט בין איך אָבער געוואָר געוואָרן, אַז ווען עס אַרבעט זיך אַמאָל אויס ביי ר׳ הירש אָרענשטיין אַ תירוץ אויף אַ קשיא, וואָס פאַלט אים איין גייענדיק אין גאַס, שטעלט ער זיך גע־ווייִנטלעך אַוועק ביי אַ פאָטאָגראַפישער סטודיאָ און דענקט דאָרט דורך דעם ענין פון זיין קשיא.

בעת ער קוקט אויף די פאָטאָגראַפיעס, האָט זיך יעדן געקענט אויסדאַכטן, אַז דער רב איז אין זיי אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז ער טייטלט אַזש מיט די פינגער אויף זיי. אָבער אין דער אמתן פלעגט ער גאָר טייטלען מיט די פינגער אויף די שטעלן פון דער גמרא אָדער רמב״ם, וועלכע ער האָט מיט זיין גייסטיקן אויג געלייענט פון אויסנווייניק. כאָטש עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער ווייזט מיט די פינגער אויף די בילדער.

איצט, ווען איך בין אָנגעקומען קיין לעמבערג אויף מיין וועג קיין קאָלאָמיי, האָט שוין ר׳ הירש אָרענשטיין נישט געלעבט — און היות איך האָב דענסטמאָל געקענט פון די לעמבערגער משכילים בלויז דעם נאָמען ש מ ו א ל פ י ל י ב, בין איך אים געגאַנגען באַזוכן.

די לעמבערגער משכלים זענען דעמאָלט געוואָרן שטאַרק אָנגע־דרודלט איינער קעגן דעם אַנדערן — און בעת דער דאָזיקער פיליב איז אין מיינע אויגן געווען אַ מענטש, וואָס עס איז כדאי מיט אים זיך צו באַקענען, האָט מען מיר שפּעטער פאַרגעוואָרפן, אַז איך האָב זיך נישט געווענדעט צום ריכטיקן אדרעס, ווייל פיליב איז אין לעמבערג געווען זייער פאַרהאַסט.

ער איז געווען דאָס אייניקל פון אַ גרויסן גביר מיטן נאָמען אהרן פיליב. אָבער אַזוי ווי יענער גביר האָט געהאַט אַ גאַנצן מנין זין מיט טעכטער און עטלעכע מנינים אייניקלעך, איז זיין עשירות אַזוי צע־ברעקלט געוואָרן, אַז עס איז אויף יעדן אויסגעקומען נישט מער ווי עטלעכע טויזנט גולדן.

ווען איך בין דענסטמאָל געווען ביי שמואל פיליבן אין הויז, איז ער נאָך געווען אַ בחור און ער פלעגט שרייבן מאמרים אין די פאַרשיי־דענע העברעאישע צייטונגען. גראַד דענסטמאָל האָט ער אויך געהאַט צוגעגרייט אַ יידיש טעאַטער־שטיק מיטן נאָמען „שמשון הגבור״, צו וועלכן עס האָט דער באַוווסטער חזן ברוך שור אָנגעשריבן די מוזיק און דערפאַר פאַרלוירן זיין שטעל ווי אַ חזן אין דער לעמבערגער שול.

אין דער זעלביקער צייט איז שמואל פיליב געשטאַנען אין פאַר־בינדונג מיט די גרעסטע העברעאישע שרייבער — און אַזוי ווי נחום סאָקאָלאָוו האָט דענסטמאָל אַרויסגעגעבן זיין „האָסיף״ און שאול פּינחס ראַבינאָוויץ דעם „כנסת ישראל״, — האָט זיך אונדזער שמואל פיליב פאַרבונדן מיט שאלתיאל אייזיק גרעבער, אַרויסצוגעבן אַ גאַליציאַנער העברעאישן יאָרבוך מיטן נאָמען „בית אוצר הספרות״, וואו מען האָט לכתחילה געוואָלט ווייזן די רוסישע העברעאיסטן — אַז גאַליציע איז נאָך אַלץ אַ קוואַל פון השכלה.

האָבן זיך אָבער די צוויי שותפים גיך צוקריגט און גרעבער האָט איבערגעגעבן די רעדאַקציע פון זיין צווייטן יאָרבוך „אוצר הספרות״ צו ראובן אשר ברוידעס, וועלכער איז דאָרט אין אַ הקדמה אָנגעפאַלן אויף שמואל פיליבן מיט פאַרשיידענע שטעכווערטלעך.

שפּעטער האָט שמואל פיליב אַרויסגעגעבן צוויי העפטן שירים פון ר׳ יהודה הלוי און רב האי גאון מיט זיינע אָנמערקונגען. פאַרשיידענע שרייבער האָבן די העפטן אַזוי אַרונטערגעריסן, אַז דער משורר האָט

פון דעמאָלט אָן אויפגעהערט שרייבן — און געשטאָרבן איז ער נאָכן פאַרענדיקן די וועלט־מלחמה אין ד׳ אלול תרע״ט (1919) אין אַ דאָרף נעבן פשעמישל, ס״ה 57 יאָר אַלט.

קאַפּיטל 70

אַ ביסל וועגן קאָלאָמייער יידישן לעבן

ווי דער רעדאקטאָר פון אַ צייטונג אין קאָלאָמיי, האָב איך זייער שטארק געוואָלט אַריינדרינגען אין דער פירונג פון די דאָרטיקע יידן, כדי צו קריגן די געהעריקע השפעה פאר מיין צייטונג.

אין יענער צייט האָט די שטאָט געטראָגן אַ יידישן כאַראַקטער. דרייסיק פון די גרעסטע גאַליציאַנער שטעט האָבן גראָד דענסטמאָל באַקומען דאָס רעכט פון אַן אויטאָנאָמער פאַרוואַלטונג און יידן האָבן דערביי געהאַט דאָס גרויסע וואָרט, ווי בירגערמייסטער אָדער פאַר־טרעטער פונעם בירגערמייסטער, לויטן אָפּמאַך פון די פּאָליטיקער פון יעדער שטאָט.

די פאַרהעלטנישן ביי דער פירונג פון די דאָזיקע שטעט זענען דאַן געווען אַזעלכע, אַז דאָרט ווו יידן זענען געווען אין דער מינאָרי־טעט, זענען די שטעט געווען פאַרבאָדן אין חובות און די קאַסעס זענען שטענדיק געווען ליידיק. אַנדערש איז דאָס געווען אין אַזעלכע שטעט, ווו יידן זענען געווען אין דער מערהייט און דער בירגערמייסטער איז געווען אַ ייד. די פאַרוואַלטונג פון אַזאַ שטאָט איז דעמאָלט געווען אַ געזונטע, די קאַסע אַ פולע און דער יידישער בירגערמייסטער האָט דערביי געמאַכט אַ פיינעם לעבן.

קאָלאָמיי איז דענסטמאָל אויך געווען צווישן יענע גליקלעכע שטעט, אָבער דער יידישער בירגערמייסטער (וויזעלבערג איז געווען זיין נאָמען) איז אַ קורצע צייט פריער אַ קאַפּעלע דורכגעפאַלן מיט דער „לאָקאַל־באַן״ קיין סלאָבאָדאַ, וועלכע ער האָט געלאָזט פירן דורך די הויפּט־גאַסן פון שטאָט און האָט דערמיט געשטעלט אין געפאַר דאָס לעבן פון די מענטשן.

אַזוי ווי עס זענען דאַן פאָרגעקומען עטלעכע באַן־קאַטאַסטראָפעס

מיט פאַרלוסטן פון מענטשלעכע לעבנס, האָט מען דערפאַר פאַראַנט־וואָרטלעך געמאַכט דעם בירגערמייסטער און ער האָט זיך פאַר אַ ווײַלע געמוזט צוריקציען פון דעם פאַרוואַלטונגס־פּראָנט, האָט ער דאַן געלאָזט אויסקלייבן פאַר אַ בירגערמייסטער אַ רייכן גוי מיטן נאָמען בילאָוס, אָבער ער איז אַלץ געבליבן דער אָנפירער אין דער פאַרוואַלטונג פון דער שטאָט און ער האָט געפירט דעם בירגערמייסטערס האַנט, ווי ער האָט געוואָלט.

קאָלאָמיי האָט אויך דענסטמאָל פאַרמאָגט אַ חברה „גוטע יונגען״, וועלכע האָבן קאָנטראָלירט די פּאָליטיק פון דער שטאָט און באַזאָרגט די מיטגלידער מיט פּרנסות. האָט מען מיך אײנמאָל אַרײַנגעפירט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט פאַר אַ פּראָבע. האָב איך זיך דאָרט אויפֿגעפירט אַזוי אומגעשיקט, אַז מען האָט דאַן תיכף דערקענט, אַז איך באַלאַנג נישט דאָרט אַהין. מײַנע פאַרדינסטן פאַר אַ גאַנצער וואָך זענען דענסטמאָל נישט געווען גענוג, צו קענען פאַרברענגען איין האַלבע שעה אין יענער געזעלשאַפט.

עס האָט זיך אין קאָלאָמיי אויך געפונען אַ היבשע גרופּע משכילים, צווישן וועלכע עס האָט דענסטמאָל אַרויסגעשײַנט דער היסטאָריקער מיכל זיידמאַן, דער בעלעטריסט דוד ישעיה זילבערבוש און דער פילאָלאָג משה שולבוים.

בשותפות מיט די שטעט סניאַטין און בוטשאַטש האָט דעמאָלט קאָלאָמיי אויסגעווײַלט אַ ייד ווי אַ פאַרטרעטער צום עסטרײַכישן פּאַרלאַמענט.

אין דער צײַט, וואָס איך בין געווען אין קאָלאָמיי, איז דער דעפּוטאַט פון דער שטאָט בשותפות מיט סניאַטין און בוטשאַטש אינעם עסטרײַכישן רײַכסראַט געווען ראַבינער ד״ר יוסף שמואל בלאָך, וועלכער איז דאַן באַטראַכט געוואָרן ווי דער „מליץ יושר״ פון כלל־ישראל. אינעם ווינער פּאַרלאַמענט האָט דאַן געהערשט אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע שטרעמונג. ס׳איז געווען נאָכן פּראָצעס פון טיסאַ־עסלאַר, ווו מען האָט געהאַט געמאַכט אַ שרעקלעכן בלוט־בילבול אויף יידן און די יידן זענען אַרויס פריי. אַ קורצע צײַט שפּעטער איז געמאַכט געוואָרן אַ בילבול אויף אַ דאָרפישן ייד מיטן נאָמען משה ריטער, אַז ער האָט פאַרפירט אַ שיקסע און אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז זי איז שוואַנגער,

האָט ער איר אַרויסגעשניטן דעם „עמבריאָ" פונעם בויך אין דער צייט, בעת ער האָט זי דערהרגעט.

צום פּראָצעס פון די טיסא־עסלאַער אָנגעקלאָגטע האָט פּראָפעסאָר אויגוסט ראָהלינג פון פּראָג אַרויסגעגעבן אַ „מעמאָראַנדום", אין וועלכן ער האָט געוואָלט באַווייזן פון דער גמרא און אַנדערע רבנישע ספרים, אַז יידן באַנוצן קריסטלעך בלוט צו מצות. האָט אים דעמאָלט אונדזער ד"ר בלאָך אָפּגעענטפערט אין אַ באַזונדער ביכל, אַז דער פּראָפעסאָר קאָן גאָר נישט קיין גמרא און ווען ער וויל שווערן פאַר זיין באַהויפּטונג, וועט דאָס זיין אַ פאַלשע שבועה. צוליב דעם דאָזיקן זאָג, אַז דער פּראָפעסאָר וויל פאַלש שווערן, האָט דעמאָלט ראָהלינג געמוזט פאַרקלאָגן בלאָכן צום געריכט.

אַזוי ווי דאָס איז שוין געווען נאָך דער אויסוויילונג פון ד"ר בלאָך צום רייכסראַט, האָט ראָהלינג געמוזט גיין מיט זיין קלאַגע צום פּאַר־לאַמענט, וואָס האָט געדאַרפט צונעמען ביי בלאָכן זיין „אימוניטעט" און אים אַרויסגעבן צום געריכט. האָט דאָס דער רייכסראַט געטאָן — און ווען דאָס געריכט האָט שפּעטער געוואָלט באַשטימען אַ טערמין פאַרן פּראָצעס, האָט ראָהלינג אָפּגעבעטן, אַז ער איז נאָך נישט פאַרטיק, ביז ער האָט ענדלעך דערקלערט, אַז ער טרעט צוריק פון דער קלאַגע און ער איז גרייט צו באַצאָלן די געריכטס־הוצאות.

פון דעסטוועגן האָט דער דאָזיקער נצחון בלאָכן ווייניק וואָס גע־האָלפן און ווען ער האָט אין 1885 פּרעזענטירט דאָס צווייטע מאָל זיין קאַנדידאַטור, איז קעגן אים אויפגעשטאַנען אַ לעמבערגער אַד־וואָקאַט מיטן נאָמען ד"ר עמיל ביק, וואָס האָט אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך בלאָכס מאַנדאַט און עס איז דאַן אויסגעבראָכן אַ שאַרפער קאַמף.

אינטערעסאַנט איז צו וויסן, אַז אויף בלאָכס זייט איז געשטאַנען די ווינער רעגירונג. דער מיניסטער־פּרעזידענט, גראַף טאַאַפּע, האָט געוואָלט באַנוצן בלאָכן ווי אַ בייטש קעגן די אַנטיסעמיטן, נישט צו לאָזן זיי פּאָליטיש וואַקסן, נישט חלילה דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי געוואָלט שטאַרק באַשיצן די יידן, נאָר אַזוי ווי די דעמאָלטיקע אַנטי־סעמיטישע העצעס אין עסטרייך האָבן זיך אָנגעפירט אויף די יסודות פון אַ דייטשן שאָוויניזם און מיט אַן אויג אויף בערלין, דייטשלאַנד

זאָל קומען איינפירן אַ נייע אָרדענונג אין עסטרייך, האָט דער מיניס־טער־פּרעזידענט נישט געטאָרט דולדן אזא מין פּראָפּאַגאַנדע, איז אים דערפאַר געווען צו דער האַנט אַ ייד, וואָס זאָל די אַנטיסעמיטן שטערן אין זייער אַרבעט מיט באַווייזן פון די אַלטע יידישע ספרים.

אין לעמבערג האָט מען אָבער אויף דער זאַך אַנדערש געקוקט. דאָרט האָט מען געוואָלט האָבן אינעם רייכסראַט אַ ייד, וואָס זאָל פאַרשטאַרקן דאָס פּוילישקייט פון די גאַליציאַנער יידן, ווייל טאָמער האָבן די גאַליציאַנער יידן געהאַט דענסטמאָל די מעגלעכקייט, צו דערוויילן אַ ייד צום רייכסראַט, איז דאָס געווען אַ דייטש אָדער אַ קעגנער פון די פּאָליאַקן. דערווייל האָבן אָבער די פּאָליאַקן אין 1880 געשלאָסן שלום מיט עסטרייך און דעקלארירט צו קייסער פראַנץ יאָזעף: „ביי דיר שטייען מיר און מיט דיר ווילן מיר ווייטער שטיין!“, האָבן זיי געוואָלט האָבן אַ ייד, וואָס זאָל נישט האָבן אין זינען אָנצופירן אַ מלחמה פאַר פרומקייט, ווי ר׳ שמעון סופר, אָדער פאַרטיידיקן דעם תלמוד, ווי בלאָך, נאָר איינעם, וואָס זאָל פאַרשפּרייטן פּוילישקייט צווישן די גאַליציאַנער יידן.

דער קאַמף קעגן בלאָכן פאַרן ד״ר ביק איז בכן געווען אַ פאַרמעסט צווישן ווין און לעמבערג. יענער פאַרמעסט איז אָבער נישט געווען קיין אָפענער, ווייל עס האָט נישט קיינער געזאָגט געגנוי וואָס ער וויל. פון ווין האָט מען טעלעגראַפירט: „טוט וואָס איר קענט, אַז בלאָך זאָל דערווײלט ווערן!“ און לעמבערג האָט אָנגעזאָגט צו אירע סטראַטע־גיקער: „טוט וואָס איר קענט, אַז ביק זאָל דערוויילט ווערן!“...

האָט מען דעמאָלט אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע, ביי וועלכער עס איז געווען אוממעגלעך, קלאָר צו דענקען און צו קומען צו אַ באַשלוס. יידן האָבן געמיינט, אַז אַ רייכסראַט־דעפּוטאַט איז עפּעס אַזוינס ווי אַ שני למלך און האָט די גרעסטע דעה אין דער פּאָליטיק, האָט מען איינ־גערעדט די יידן, אַז טאָמער ווערט געוויילט ביק, וועט מען פאַרמאַכן אַלע בתי־מדרשים, יעדער ייד וועט אויך מוזן אָרומשניידן זיין לאַנגע קאַפּאָטע און אָפּשערן די פאות. חוץ דעם וועט יעדער מוזן שיקן זיינע קינדער אין די גוישע שקאָלעס און גאָט ווייסט, צי מען וועט נישט אַלעמען צווינגען צו שמד...

דערצו האָט נאָך ביק מיטגעבראַכט מיט זיך קיין קאָלאָמיי אַן

אָפּענעם אַנטיסעמיט, אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען יאַן דאָבושאַנסקי, רע־דאַקטאָר פון דער פּוילישער „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ“, וועלכער האָט אָנ־געהויבן זיינע אַ רעדע מיט די ווערטער: „יידן, דער תלמוד פאַרדאַרבט אייערע גוטע זיטן!“ מער ווייטער ריידן האָט ער נישט געקענט. פון אַלע זייטן האָט מען צו אים געשריגן: „המן! פאַרמאַך דיין טרייפענעם פּיסק!“ און ווי אַ צוגאָב האָבן אויך אָנגעהויבן פליען שטיינער פון אַלע זייטן.

אין דער זעלביקער צייט האָט מען פאַרופן אַ גוישע פאַרזאַמלונג, ווו מען האָט דערציילט די גוים, אַז ווען בלאָך וועט אויסגעוויילט ווערן, וועט די רעגירונג פאַרמאַכן אַלע קירכן און פאַרוואַנדלען זיי אין יידישע שולן. קייסער פראַנץ יאָזעף וועט זיך מוזן מגייר זיין און בלאָך וועט ווערן ארציבישאָף אָדער גאָר אַ קאַרדינאַל!...

די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט גאָר אַ גרויסע ווירקונג ביי די גוישע וויילער און ביי די יידישע וויילער האָט ביק זיך געוואָרפן מיט געלט. אַגיטאַטאָרן זענען אַרומגעגאַנגען מיט פולע קעשענעס און יעדער וויילער, וואָס האָט געשטימט פאַר ביקן, האָט באַקומען אַ שיינע מתנה, חוץ אַ צוזאָג אויף שפּעטער.

ביק איז אויך שיר־נישט אויסגעוויילט געוואָרן — און ווען דער וואַל־קאָמיסאַר האָט געזען, אַז בלאָכס שאַנסן זענען נישט קיין זיכערע, האָט ער גערופן מענטשן מיט שטאַרקע הענט, וועלכע האָבן זיך אַוועק־געשטעלט ביים וואַל־לאָקאַל און נישט דורכגעלאָזט, צו דער וואַל קיינעם, וואָס מען האָט אים חושד געווען, אַז ער וועט שטימען פאַר ביקן. און אַזוי ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג, האָט דער וואַל־קאָמיסאַר דערקלערט, אַז ער קען נישט פאַרענדיקן די וואַל און ער מוז זי אָפּלייגן אויפן אַנדערן טאָג.

די דאָזיקע האַנדלונג איז לחלוטין נישט געווען געזעצלעך. אָבער אַזוי ווי עס איז געווען אַ כלומרשטע לעבנס־געפאַר, האָט דאָס מיניס־טעריום אין ווין טעלעגראַפיש פאַראָרדנט, אַז מען זאָל אין קאָלאָמיי פאַרענדיקן די וואַל אויף מאָרגן. האָט מען דאַן געשטימט אַזוי לאַנג, ביז דער קאָמיסאַר האָט געזען, אַז בלאָך האָט שוין צען שטימען אַלס מערהייט און ער האָט געשלאָסן די וואַל־לאָקאַלן.

דערווייל האָט ביק נישט גערוט. לעמבערג האָט געשטורעמט, אַז

בלאָכס וואָל איז נישט קיין גערעצלעכע און מען דאַרף זי אַנולירן. אָבער ווין האָט זיך געהאַלטן ביי בלאָכן, ווי לאַנג מען האָט אים נייטיק געהאַט. די רעגירונג איז געווען צופרידן, מען זאָל אים לאָזן נישטערן אין די געהיימע טעטיקייטן פון די אַנטיסעמיטן — און ער האָט אויך אַלצדינג דורכגעפירט צו אַלעמענס צופרידנקייט.

צוויי־דריי מאָל אין יאָר האָט דער רייכסראַט געלאָזט די אַנטי־סעמיטן האָבן אַ דעבאַטע וועגן יידן און בלאָך האָט זיי יעדעס מאָל אָפּגעענטפערט — און יעדעס מאָל, וואָס די אַנטיסעמיטן האָבן אַטאַ־קירט יידן אינעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, איז בלאָך אַרויסגעקומען מיט אַטאַקעס אויף די אַנטיסעמיטן. שניידער האָט געשריגן, אַז יידן באַרויבן די גוים, האָט בלאָך באַוויזן, אַז שניידער איז אַליין אַ פעלשער און אַ שווינדלער. און טאָמער האָט זיך עמיצער דערוועגט צו טשעפּען יידן, אַז זיי זענען נישט מאָראַליש, האָט בלאָך באַוויזן, אַז די אַלע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיקער זענען אויסוווּרפן און „אשת־אישניקעס".

אַ סך מאָל האָט מען בלאָכן געשטערט ביים ריידן און ער האָט נישט געקענט געבוג אָנגרייפן די אַנטיסעמיטן, האָט ער געהאַט אַ פרייע האַנט אין זיין ציַיטונג און אַזוי ווי ער איז געווען רייכסראַט־דעפּוטאַט, האָט ער געקענט שרייבן וואָס ער האָט געוואָלט און ווען מען האָט אים פאַרקלאָגט, האָט מען געדאַרפט דערצו קריגן די דער־לויבעניש פונעם רייכסראַט.

אַזוי איז געווען די לאַגע פון די יידן אין קאָלאָמיי, ווען איך בין דאָרט געווען. איך האָב דאַן גוט פאַרשטאַנען, אַז די פּאָליטיק גייט דאָרט נישט אויף קיין ריכטיקן וועג. מען האָט מיך אָבער דענסטמאָל גאָר נישט געלאָזט זאָגן וועגן דעם. מען האָט געמוזט שוויַיגן.

קאַפּיטל 71

ווי ראובן אשר ברוידעס איז געוואָרן מיינער אַ חבר

ווי לאַנג איך בין געווען אין קאָלאָמיי, איז מיר נישט אויסגעקו־מען, צו ריידן אַמאָל מיט ראובן אשר ברוידעס. אַזוי ווי ער איז נאָכן פאַרלירן די שטעל פון רעדאַקטאָר פונעם „השמש" געבליבן נאָך עטלעכע וואָכן אין קאָלאָמיי, פלעגן מיר זיך אָפּט מאָל באַגעגענען אין דער

דרוקעריי, ווו ער פלעגט קומען זען, צי מען דרוקט דאָרט אַ וועלכע נייע חיבורים. אָבער גערעדט אַ וואָרט צוזאַמען, האָבן מיר נישט!

געוויינטלעך פלעגט ער דעמאָלט צוקומען צו דער דרוקעריי אין באַגלייטונג פונעם שריפטשטעלער דוד ישעיה זילבערבוש, מיט וועלכן איך בין שוין געווען פּערזענלעך באַקאַנט. ברוידעס פלעגט אויך דענסט־מאָל שטאַרק זידלען די פאַרשיידענע יינגלעך, וואָס „נעמען זיך היינ־טיקע צייטן די חוצפה, אַריינצורייסן זיך אין דער ליטעראַטור".

אַט די אָנצוהערענישן האָבן געזאָלט זיין אַ באַווייז, ווי ווייניק ער האָלט פון מיר. אַזוי ווי איך פלעג אָבער געוויינטלעך הערן ברוי־דעסעס זילזולים אויף מיר און שווייגן, האָט זילבערבוש נישט געוואָלט דערלאָזן, איך זאָל קומען צום נסיון אים אָפּצוענטפערן, פלעגט ער ברוידעסעס באַמערקונגען אויסדרייען, אַז זיי מיינען גאָר דעם העברע־אישן שרייבער שמואל פיליב אין לעמבערג, וועלכן איך האָב שוין אויבן דערמאָנט און די משכילים פון יענער צייט האָבן דעמאָלט כסדר גערעדט וועגן זיין יידישן טעאַטער־שטיק „שמשון הגבור", וועגן וועלכן עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז ער האָט דאָס געפונען צווישן די כתבים פון אַ פאַרשטאָרבענעם בדחן מיטן נאָמען עוזר ראָכאַטינער.

דעם אמת זאָגנדיק, פלעג איך דענסטמאָל פאַרשוויגן אַלע אָנצו־הערענישן פון ראובן אשר ברוידעס, ווייל איך האָב גוט געפילט די פאַרביטערונג פון אַזאַ פּראָמינענטן שריפטשטעלער, ווען ער זעט, אַז כאָטש ער געפינט זיך נאָך אין די בעסטע יאָרן פון זיין שאַפן, פאַר־שווינדט שוין ביי אים דער באָדן פון אונטער די פיס. מער נאָך האָט מיך דעמאָלט פאַרדראָסן, וואָס עס איז גראַד אויף מיר אויסגעפאַלן דער גורל, איך זאָל וועלן פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

ווען איך האָב אין דער יינגסטער יוגנט מיינער צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים אָנגעהויבן משכילעווען, נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אָנ־געזעטיקט מיט די שריפטן פון אונדזערע קלאַסיקער: מרדכי אהרן גינצבורג, אַברהם מאפו, קלמן שולמאַן און יהודה ליב גאָרדאָן, איז אונדז צופעליק אַריינגעפאַלן אין האַנט דער העבּרעאישער ראָמאַן „הדת והחיים" פון ראובן אשר ברוידעס. איז דאַן דער דאָזיקער שרייבער געוואָרן ביי אונדז ווי אַ נייער ליטעראַרישער ליבלינג.

מיר זענען דאַן אַנטציקט געווען פון יענעם ראָמאַן און זיין מחבר,

ווייל עס האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז ער פאַרמאָגט דאָס ריכטיקע מיטל פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון זיינע אידעען דורכן ראָמאַן. מיר האָבן זיך שוין דענסטמאָל געהאַט אָנגעלייענט ענלעכע פּראָפּאַגאַנדיס־טישע שריפטן אין דייטש, ווו דער שרייבער באַמיט זיך אַרויסצובריינגען זיין אידעאַל אין אַ דערציילונג דורכן מויל פון אַ העלד.

דער חילוק צווישן יענע דייטשע פּראָפּאַגאַנדיסטן און אונדזער ברוידעס איז בלויז געווען, אַז ווען זיי האָבן זיך גענומען שילדערן אַ געוויסע באַוועגונג אין זייערער אַ דערציילונג, איז דאָס ס׳רוב געווען, ווען יענע באַוועגונג האָט שוין באַלאַנגט צו דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער ברוידעס האָט פאַר אונדז געשילדערט דעם קאַמף פון זיין העלד אין דער צייט, וואָס דער דאָזיקער קאַמף איז נאָך געווען אין זיין פולן ברען. עס האָט אונדז אויסער דעם שטאַרק וויי־געטאָן, וואָס דער ראָמאַן „הדת והחיים" איז נישט פאַרענדיקט. עס האָט זיך אונדז זייער געוואָלט וויסן, וואָס ברוידעס דענקט וועגן דעם אויסגאַנג פון יענעם קאַמף, צי עס איז פאַרהאַנען אַ האָפענונג פאַר אַ זיג פון דער השכלה.

ברוידעס איז אין אַלע זיינע שריפטן שטענדיק געווען אַ בעלע־טריסט, וואָס קוקט אויף יעדער געשעעניש ווי אויף אַ טעמע פאַר אַ דערציילונג. אָבער די דערציילונגען גופא שטייען אויסערהאַלב פון זיינע איבערצייגונגען. איז עס ביי אים גאָר נישט קענטיק געווען, ווען ער איז שפּעטער אָנשטאָט צו ווערן אַ רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר גאָר געוואָרן אַ יידישער נאַציאָנאַליסט. דערביי איז אויך אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז ברוידעס איז אין אָנהייב פון זיין יידישן נאַציאָנאַליזם נישט צוגעקומען צו דער קאָנסעקווענץ פון דער אידעע, צו חיבת ציון.

אָט דער אומשטאַנד האָט גורם געווען וואָס דער שרייבער ברוי־דעס איז פאַרבליבן דער אידעאַל פון אַלע נישט־דערבאַקענע נאַציאָ־נאַליסטן מיטן קאַמף קעגן פאַרשיידענע רעליגיעזע צערעמאָניעס, וואָס זעען אויס ווי נאַריש אין די אויגן פון גאַנצע און האַלבע משכילים.

כמעט אין יענע טעג, ווען עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט די דערמאָנטע קאַמפן, האָט דער העברעאישער שריפטשטעלער פּרץ סמאָלענסקין גע־גרינדעט די מאָנאַטשריפט „השחר", דורך וועלכער ער האָט געוואָלט אַרויספירן די יידישע יוגנט אויף נייע וועגן. איז אָבער פּלוצים אויפ־געשטאַנען אַ קאָנקורענט צו סמאָלענסקין אין דער פּערזאָן פון אברהם

בער גאָטלאבער, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַן אַנדערע העברעאישע מאָנאטשריפט מיטן נאָמען „הבוקר אור" — און די איינציקע טענדענץ זיינע איז געווען, צו זאָגן דאָס קעגנטייל פון דעם, וואָס סמאָלענסקין האָט געזאָגט.

פלעגן זיך דאַן די דאָזיקע צוויי רעדאקטאָרן ארומקריגן און פּאָלעמיזירן וועגן כלערליי נישטיקע ענינים, וואָס האָבן בלויז געדאַרפט ווייזן, אַז מען האָט דיפערענצירטע מיינונגען, דער עולם־גולם זאָל האָבן הנאה פון די וואָרט־געפעכטן צווישן די גייסטיקע פּאָלקספירער, וואָס שטייען ווי „גלאַדיאַטאָרן", גרייט איינער דעם אַנדערן איינצושלינגען, מאַכנדיק פון אַלעמען אַש און בלאָטע.

ברוידעס איז דעמאָלט געווען אַ געהילפס־רעדאקטאָר ביי גאָטלאבערן. איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ נאַרישע פּאָלעמיק וועגן מענדעלסאָנס אַ וואָרט, אַז „יידן זענען נישט קיין נאַציע". אין משה מענדעלסאָנס צייטן איז אַריין אין דער מאָדע דער פאַרשאַרפטער נאַציאָנאַליזם פון פעלקער, וואָס אין זייערע אייגענע לענדער זענען זיי אונטערטעניק צו אַנדערע פעלקער. האָט מען דעמאָלט געפרעגט ביי מענדעלסאָנען, צי יידן זענען אויך אַ נאַציע מיט אספּיראַציעס אויף אַן אייגענעם שטאַט. אין דער דאָזיקער שאלה האָט אגב געשטעקט אַ גרויסע סכנה פאַר די יידן אין אַזעלכע לענדער, וואָס זייערע רעגירונגען האָבן נישט געוואָלט דולדן קיין פרעמדע נאַציאָנאַליטעט אין זייער לאַנד. מהאי טעמה האָט מענדעלסאָן געענטפערט, אַז יידן זענען נישט אַזאַ נאַציע ווי די אַנדערע פעלקער, ווייל די יידישע נאַציאָנאַליטעט איז בלויז אַ רעליגיעזע מיט אַ האָפענונג אויף אַ משיח, אָבער וועגן אַ שטאַט־נאַציאָנאַליזם איז ביי זיי גאָר נישט פאַראַן קיין רייד.

האָט סמאָלענסקין אויסגעגראָבן דעם דאָזיקן מענדעלסאָנישן זאָג און ער האָט דערפון אַרויסגעדרונגען, אַז ווייל מענדעלסאָן האָט אָפּגעלייקנט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, האָבן זיך זיינע תלמידים צוזאַמען מיט זיינע אייגענע קינדער אויסגעשמדט. גאָטלאבער און ברוידעס האָבן אַריינגעגעבן זייערע מטושטשע פירושים, אַז מענדעלסאָן האָט אין דעם פאַל נישט געקענט אַנדערש זיך אויסדריקן און אַז דער דאָזיקער מענדעלסאָנישער זאָג איז נישט די סיבה פון דעם מאַסן־שמד וואָס איז פאָרגעקומען נאָך מענדעלסאָנס טויט, ווייל דעמאָלט האָבן געשפּילט

אַ ראָל אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געבראַכט צו יענעם שמד. ביי דער געלעגנהייט האָט מען זיך קעגנזייטיק געזידלט אויפן ערגסטן אופן און אין דעם עיקר האָט מען פאַרגעסן.

ווען ברוידעס האָט פאַרלוירן זיין שטעל ביים „השמש", איז ער אָנהייב 1890 אָנגעקומען אין קראָקע, ווו ער האָט אָנגעטראָפן אַ גרופּע משכילים, וואָס האָבן זיך אַרום אים גרופּירט און מיט זייער הילף האָט ער דאָרט אַרויסגעגעבן אַ העברעאישע וואָכנצייטונג מיטן נאָמען „הזמן". און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער שרייבער האָט זיך אַליין צוריקגעפונען: ער האָט זיך פאַרנומען מיט גרויסע ליטעראַרישע פּלענער.

די צייט, וואָס ברוידעס איז אָנגעקומען קיין קראָקע, איז אויך געווען אַ געאייגנטע פאַר ענדערונגען אין ברוידעסעס איבערצייגונגען. געוויסע פּאָלקס־קרייזן אין גאַליציע האָבן דעמאָלט געפּרוווט אַרויסצו־קומען מיט אַ ראַדיקאַלן יידישן פּראָגראַם. באַראָן הירש האָט געהאַט געשאָנקען צו קייסער פראַנץ יאָזעפס אַ יובילעאום 12 מיליאָן פראַנק אויף צו גרינדן יידישע שולן אין גאַליציע. אין יענער צייט איז אויך רעאַליזירט געוואָרן באַראָן הירשס אַן אַנדערע פונדאַציע פון 50 מיליאָן פראַנק, אויף צו קאָלאָניזירן די יידן אין אַרגענטינע. האָט זיך דערפאַר אויסגעדוכט, אַז דער „הזמן" וועט נעמען אַ האַנט אין אַלעמען און וועט אויך שפּילן די געווינטשטע ראָל אינעם יידישן לעבן.

גלייכצייטיק האָט ברוידעס אָנגעהויבן שרייבן צוויי נייע ראָ־מאַנען: איינעם מיטן נאָמען „מאין ולאן" און אַ צווייטן מיטן נאָמען „שירים עתיקים". אין אָט די ראָמאַנען האָט זיך ברוידעסן געוואָלט שילדערן די נייע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג ביי די יידן אין גאַליציע, וואָס איז אין ערשטער רייע אַרויסגעקומען פון דעם, וואָס יידישע סטו־דענטן האָבן זיך געוואָלט חברן מיט די קריסטלעכע קאָלעגן — און די קריסטלעכע קאָלעגן האָבן זיי נישט געוואָלט אַריינעמען אין זייער געזעלשאַפט. האָבן זיך די יידישע סטודענטן פון דער דאָזיקער האַנדלונג געפילט באַליידיקט, ווייל דאָס האָט זיי איזאָלירט פון דער וועלטלעכער ציוויליזאַציע. זענען זיי דערפאַר אַריבערגעגאַנגען צו די סאָציאַליסטישע עקאָנאָמישע באַוועגונגען און אַנדערע זענען געוואָרן יידיש־נאַציאָ־נאַליסטיש.

האָט זיך דעמאָלט די יידישע נאַציאָנאַליסטן גענומען חלומען וועגן ארץ־ישראל, ווי די רוסישע סטודענטן פון דער חברה „בילו“. האָט מען זיי תיכף אָפּגעהאַקט די פליגלען און ברוידעס האָט געהאַלטן מיט יענע, וואָס האָבן נישט געוואָלט לאָזן זיך קיין ארץ־ישראל.

ברוידעסעס צווייטער ראָמאַן, „שירים עתיקים“, איז געווען געבויט אויף אַ נייער פאָרם, פון שילדערונג, דאָס ווערק דערציילט וועגן אַ פריינד פון מחבר וואָס איז געשטאָרבן און ער האָט איבערגעלאָזן אַ בינטל העברעאישע שירים, אין וועלכע ער האָט אויסגעגאָסן זיין האַרץ. דער ראָמאַן שפּילט אין רוסלאַנד און די פּאַגראָמען מאַכן דעם משורר שטורמיש, באַזונדערס ברויזט ער, ווען יידן האַלטן אין איין אַנטלויפן פון צאַריסטישן רוסלאַנד, לאָזן זיך אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, ווייל ברוידעסעס פּראָטאַגאָניסט האַלט גאָר פון דער אויסוואַנדערונג קיין נאָרד אַמעריקע.

אָט די צוויי ראָמאַנען האָט ברוידעס אויך נישט פאַרענדיקט. דאַכט זיך, אז ער האָט אין די דאָזיקע ראָמאַנען געוואָלט איבערגעבן זיין קעגנערשאַפט צו ארץ ישראל. האָט אָבער דערווייל דער „הזמן“ אויפגעהערט צו דערשיינען און ברוידעס האָט נישט געהאַט די טבע, צו האַלטן ביי זיך געשריבענע זאַכן, ער האָט ליב געהאַט זיי תיכף צו דרוקן. דערצו האָבן זיך זיינע מיינונגען וועגן ארץ־ישראל אין די שפּע־טערדיקע יאָרן שטאַרק געענדערט.

לפי דעתי איז די צייט פון זיין ארבעטן אין קראָקע ווי אַ רעדאַק־טאָר פונעם „הזמן“ געווען די לעצטע פּרוכטבאַרע עפּאָכע זיינע, שפּעטער האָט ער בלויז זיך געשפּייזט פון זיינע אַמאָליקע שאַפונגען, וואָס האָבן שטענדיק אויסגעפילט זיין גאַנץ דענקען.

ווען ברוידעס איז געווען אין קראָקע, בין איך מיט אים פּערזענלעך געוואָרן זייער באַפריינדעט. די זעלביקע באַציאונגען זענען געווען אויך שפּעטער, ווען מיר ביידע האָבן זיך געפונען אין לעמבערג. דאָס האַרץ האָט מיר דעמאָלט ווייגעטאָן פאַר זיין נישט־פאַרענדיקטן ראָמאַן „שירים עתיקים“. האָב איך כסדר געוואָלט ווירקן אויף אים און אויפן בוכדרו־קער יוסף פישער אין קראָקע, מען זאָל דעם ראָמאַן אַרויסגעבן אין אַ נייער אויפלאַגע — און ברוידעס האָט דערביי צוגעזאָגט, דעם ראָמאַן אויפסניי צו באַארבעטן, געבן אים אַ נייעם זינען און נייע פאָרמען.

האָט שוין אָבער ברוידעס דענסטמאָל געהאַט פאַרלוירן זיין אַמאָ־ליקע שטארקייט. דער בעלעטריסטישער כח זיינער איז געווען אויסגע־וועפּט און עס האָט זיך אים גאָר נישט מער איינגעגעבן...

קאַפּיטל 72

דער ערשטער „ערשטער מאי" אין גאַליציע

חוץ דער צייטונג פון די „מחזיקי הדת" האָט די גאַליצישע יוגנט געהאַט אין יענער צייט אַ משכילישע צייטונג מיטן נאָמען „העברי", וואָס איז דערשינען אין בראָד און האָט געהאַט דעם אמתן גאַליציאַנער קאָלאָריט. אויך איז אין אונדזערע קרייזן פיל געלייענט געוואָרן דער „המגיד", וואָס איז דעמאָלט אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער פּרייסישער שטאָט ליק.

ביידע, סיי דער „העברי" און סיי דער „המגיד" האָבן דעמאָלט פּלוצלינג אויפגעהערט צו דערשיינען. דער רעדאַקטאָר פונעם „העברי", יעקב ווערבער, איז קראַנק געוואָרן, האָט זיך קוים אַרומגעדרייט איבער דער שטוב אַ האַלב־געליימטער און נישט געקענט מער האַלטן אַ פעדער אין האַנט. מען האָט געזוכט אין שטאָט און איבערן לאַנד אַ פאַרטרע־טער, און עס האָט זיך נישט געפונען. ווי וואָסערדיק און אומבאַדייטנדיק די דאָזיקע צייטונג איז געווען, איז דער קראַנקער רעדאַקטאָר געווען זיכער, אַז ער איז דער „לעצטער מאָהיקאַנער" אין דער העברעאישער זשורנאַליסטיק און עס קען נישט קיינער פאַרנעמען זיין פּלאַץ. און ווען יעקב ווערבער איז צוויי חדשים שפּעטער געשטאָרבן, האָט די פאַמיליע זיינע באַשלאָסן די צייטונג נישט מער אַרויסצוגעבן.

אַנדערש איז געווען די לאַגע ביים „המגיד", וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען ליטעראַריש גענוג הויך. נאָכן טויט פון דוד גאָרדאָן האָט די אלמנה אַנגעווענדעט אַלע כחות, אָנצופירן ווייטער די צייטונג — און נאָך דעם ווי זי האָט געהאַט עטלעכע רעדאַקטאָרן, האָט זיך איר איינגעגעבן, צו קריגן פאַר אַ רעדאַקטאָר איינעם פון די פּעאיקסטע העברעאישע פּובליציסטן מיטן נאָמען אַברהם אַליהו סיראָטקין, וואָס האָט געבראַכט דעם „המגיד" צו אַזאַ מדרגה, וואָס ער איז נאָך אין זיינע בליענדיקסטע צייטן נישט געשטאַנען.

זענען אָבער די אַלטע אַבאָנענטן פונעם „המגיד“ איינער נאָכן אַנדערן אָפּגעשטאָרבן און נייע זענען ווייניק צוגעקומען. די יידן אין רוסלאנד האָבן שוין דענסטמאָל געהאט צוויי העברעאישע טעגלעכע צייטונגען („המליץ“ און „הצפירה“) און די וועכנטלעכע צייטונג „המגיד“ פלעגט דאָרט אָנקומען מיט שטאַרקע פאַרשפּעטיקונגען און שאַרף צעקאַליע־טשעט פון דער צענזור. די צייטונג האָט נישט געקענט מער עקסיסטירן. די אלמנה האָט נישט געהאט צו צאָלן דעם זעצער און דעם רעדאַקטאָר. זי איז אויך שולדיק געווען עטלעכע טויזנט מאַרק דעם דרוקער, וואָס האָט די צייטונג מער נישט געוואָלט דרוקן.

איז מיר דעמאָלט איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַרויסצוגעבן אין גאַליציע אַ העברעאישע מאָנאַטשריפט מיטן נאָמען „חצופה לבית ישראל“. מיינער אַ חבר מיטן נאָמען שמואל לייב לאַכער, וואָס האָט זייער שטאַרק געגלייבט אין מיין שרייבערישן טאַלאַנט, האָט גענומען אַ הלוואה ביי אַ פּראָצענטניק צו קענען מיר לייען דאָס נייטיקע געלט אויף אַרויסצוגעבן דאָס ערשטע העפט פון מיין מאָנאַטשריפט.

צוזאַמען מיט מיר איז אויך מיין חבר געווען זיכער, אַז אַזוי ווי מיר וועלן נאָר האָבן אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע העפט, וועלן מיר תיכף באַקומען די גענוגנדיקע צאָל אַבאָנענטן, צו קענען אַרויסלאָזן די ווייטערדיקע נומערן פון דער מאָנאַטשריפט.

עס איז דערשינען דער ערשטער נומער פון 32 דרוק־זייטן. איך האָב אָנגעשריבן מיין פּראָגראַם־אַרטיקל, באַקאַנט צו מאַכן דעם עולם מיט די טענדענצן פונעם זשורנאַל. דער נאָמען פון מיין אַרטיקל איז געווען „משא ישראל בבל ארצות פזוריו“ און ער האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון דער יידישער צעשפּרייטונג פון יידן איבער דער וועלט און דער צוקונפט פון פאָלק.

דער אינהאַלט פון מיין פּראָגראַם־אַרטיקל איז נישט געווען קיין איבעראַשונג פאַר מיינע לייענער. אַ קלאָרן פּאָזיטיוון פּלאַן און אידעע האָב איך נאָך דענסטמאָל נישט געהאט. מיין פּראָגראַם איז געווען השכלה. האָט דאָס אָבער נישט מער געצויגן. דער באַגריף דערפון איז שוין אויך דענסטמאָל געווען כמעט ווי אויסגעשפּילט.

אַ קורצע צייט פריער האָב איך געהאט אַ ביסל סימפּאַטיע פאַר חסידות. איז די דאָזיקע סימפּאַטיע ביי מיר געווען דענסטמאָל אין

גאַנצן אויסגעוועפּט. חיבת ציון האָט מיך אויך אין יענער צייט ווייניק וואָס געענומען. די קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל זענען שוין דעמאָלט גע־וועןּ ביים „נדיב הידוע" אין די הענט. האָט זיך דערפאר קיינעם נישט געגלויבט, אַז ווען די אידעע פון חיבת ציון זאָל אַפילו זיך אָננעמען ביי די פאָלקס־מאסן, זאָל מען קענען עפּעס אויפטאָן אָן דער הילף פון גרויס־קאַפּיטאל — און די דעמאָלטיקע יוגנט איז געווען לחלוטין קעגן גרויס־קאַפּיטאל און קעגן די יידישע גבירים.

פאַרן צווייטן העפט פון מיין מאַנאטשריפט האָב איך געהאַט צו־געגרייט דאָס מאַטעריאַל, האָב איך אָבער נישט געהאַט קיין מזומנע פּרוטה פאַרן דרוקער — און אַזוי ווי איך בין געווען באַזאָרגט, ווו צו באַקומען דאָס נייטיקע געלט, האָט מיך דעמאָלט באַזוכט מיינע א קוזינע, וועמען איך פלעג אָפּט אָנפּארטרויען מיינע פּלענער. האָב איך איר דערציילט וועגן מיינע זאָרגן און אַזוי ווי איך האָב זיך אויך דענסטמאָל איינגערעדט, אַז איך קען שרייבן לידער אין דייטש, האָב איך איר דאן געוויזן עטלעכע שורות, פון אַ ליד וואָס איך האָב אָנגע־שריבן אין דייטש, — אין אַ היינטיקן יידיש וואָלטן זיי געקלונגען אַזוי־אַ:

וועט ווער באַגלייטן מיך? וועט עמעץ מיט מיר גיין?
ווען עס זענען טונקל מיינע וועגן — און איך גיי אַליין;
אַ צוקונפט וויל איך בויען אויף אַן אַלטער צייט,
וואָס איז אונדז אַזוי נאָענט און איז דאָך אַזוי ווייט.

ציט אַ וועג אַ לאנגער זיך פון אונדזער זיידנס הויז,
דורך דעם ספרים־אַלמער אין דער גרויסער קלויז —
מיט בלעטער פאַרגעלטע, טויזנטער אין צאָל,
וואָס פירן אונדז צוריק צום בראשית פון אַמאָל.

גייט מיין וועג אַ שווערער דורך דורות און דורך צייט,
פירט ער מיך אויף אַלטע שפּורן אין דער ווייטער ווייט;
— — — — — — — — — — — — —
ווער וועט באַגלייטן מיך? וועט עמעץ מיט מיר גיין?
אָדער איך וועל שטענדיק מוזן גיין אליין?...

דורכגעלייענט מיין „געדיכט“, האָט די קוזינע מיינע אָנגעשריבן די ווערטער „באשר תלך אלך“. דערנאָך האָט זי מיר געבראַכט צוויי הונ־דערט גולדן פון אירע פּערזענלעכע אָפּשפּאָרונגען. האָב איך שוין מיט דעם געלט אַרויסגעגעבן נאָך דריי העפטן „הצופה“ און איך האָב אויך געדרוקט אַ נייע אויפלאַגע פון מיין „חלקת מחוקק“, איבערגעאַרבעט לויטן סיסטעם פון די ווערק וואָס האָבן אָפּגעלייקנט די עקסיסטענץ פון אַ יעזוס...

אין יענער צייט איז ביי דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן געוואָרן, צו פייערן יעדעס יאָר דעם ערשטן מאַי ווי אַ פּראָלעטאַרישן יום־טוב. אין די קרייזן פון דער עסטרייכישער רע־גירונג האָט מען דעמאָלט געציטערט פאַר אַזאַ מין יום־טוב און מען האָט געקלערט וועגן פאַרשידענע מיטלען, ווי אַזוי נישט צו דערלאָזן אַזאַ מין פייערונג. אין די דאָזיקע ספערן איז מען געקומען צו אַ מסקנא, אַז ביי אַזעלכע ענינים איז דאָס בעסטע מיטל, צו סטראַשען מיט פּאָ־גראָמען אויף יידן.

זאָל דאָ אָבער באַטאָנט ווערן, אַז די עסטרייכישע רעגירונג פון דעמאָלט האָט טאַקע נאָר געהאַט בדעה צו סטראַשען וועגן פּאָגראָמען אויף יידן און עס וואָלט איר גאָר נישט געקענט קיין מאָל קומען אויף דער מחשבה צו ווען האָבן אַזא פּאָגראָם אין דער אמתן. דער מיניס־טער־פּרעזידענט אין עסטרייך איז דענסטמאָל געווען דער קלעריקאַל־קאָנסערוואַטיווער גראַף טאַאַפפע — און זיין פּאַרטיי האָט נישט געזוכט, צו ציען נוצן פון אַ פּאָגראָם אויף יידן, ווי עס פלעגן דאָס טאָן די שפּעטערדיקע „דעמאָקראַטישע“ רעגירונגען אין עסטרייך.

דאָס ריידן וועגן אַ פּאָגראָם אויף יידן, וואָס גרייט זיך צו פּאַרן ערשטן מאַי, האָט אויך דענסטמאָל געהאַט די געווינשטע ווירקונג אויף דער עפנטלעכער מיינונג. די גוים האָבן אָנגעהויבן קלערן, אַז עס וואָלט אפשר טאַקע גלייך געווען, צו מאכן אַזאַ „פּאָגראָם“. די יידן אין עסטרייך זענען ממש געווען פּאַרציטערטע און זענען כסדר אַרומגעגאַנ־גען צווישן די רעגירונגס־באַאמטע בעטן ביי זיי שוץ.

בעת די צוגרייטונגען אָפּצוראַטעווען די יידן פון אַ פּאָגראָם, זענען אין קראָקע אַרעסטירט געוואָרן עטלעכע גוישע סאָציאַליסטן, וואָס מען האָט וועגן זיי פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז זיי זענען רוסישע שפּיאָנען.

גלייכצייטיק זענען אויך אַרעסטירט געוואָרן צוויי יידישע סאָציאַליסטן: ווילהעלם פעלדמאַן און איגנאַץ זיסער, וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן אויפן ערנוואָרט. ביידע האָבן זיך אויך שפּעטער אָפּגעזאָגט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

גראָד דעמאָלט האָב איך געדאַרפט זיין אין דער קראָקעווער באַצירקס־הויפּטמאַנשאַפט ביים קאָמיסאַר פעדעראָוויטש וועגן אַ פּאַסיר־שיין פאַר אַ רוסיש־פּוילישן ייד אָן דאָקומענטן. גראָד פאַר דעם זעלביקן טאָג האָט דער קאָמיסאַר געהאַט באַשטעלט אַ קאָנפערענץ מיט די דאָרפישע פאָרשטייער, זיי צו לאָזן וויסן, אַז די רעגירונג וועט נישט לאָזן קומען צו קיין פּאָגראָמען אויף יידן — און אַזוי ווי דער קאָמיסאַר האָט געוווסט, אַז איך בין אַ צייטונגס־מאַן, האָט ער אָפּגעהאַלטן די קאָנפערענץ אין מיין בייזיין, כדי איך זאָל וויסן, וואָס צו שרייבן אין די צייטונגען.

ויפתח הקאָמיסאַר את פיו לאמור, אַזוי צו זאָגן:

— איך האָב געהערט, אַז אייערע פּויערים גרייטן זיך צו, אַהער צו קומען דעם ערשטן מאַי קיין קראָקע, צו שלאָגן יידן און צו ראַבעווען זייער האָב און גוטס. זאָג איך אייך, אַז איך האָב באַקומען אַ דירעקטן באַפעל פון ווין, איך זאָל דאָס נישט דערלאָזן. איך וויל אויך, אַז איר זאָלט דאָס דערציילן צו אייערע פּויערים אין די דערפער, אַז איך וועל אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען, נישט צוצולאָזן צו קיין שום אומרועןֹ. פון וועלכן דאָרף עס וועלן אָנקומען פויערים, אויף צו שלאָגן יידן, וועל איך זיי באַלד לאָזן כאַפּן און וועל זיי באַשטראָפן ווי צום שטרענגסטן. אויפהענגען וועט מען זיי נישט, ווייל פאַר מאַכן אומרועץ אָדער אַוועקנעמען עפּעס פון אַ יידיש הויז, קען איך נאָר באַשטראָפן מיט אַרעסט. טאָ זאָגט דאָס אָן, איך בעט אייך, צו אייערע פּויערים, זיי זאָלן וויסן, אַז מיר לעבן נישט אין רוסלאַנד און די יידן אין עסטרייך האָבן אַ רעכט, צו פאַרלאַנגען פון דער רעגירונג, זי זאָל זיי באַשיצן, גלייך ווי זי באַשיצט אירע קריסטלעכע אונטערטאַנען.

— עס ווילט זיך מיר נישט זאָגן — האָט דער קאָמיסאַר ווייטער געצויגן זיין רעדע — אַז אייערע טענות קעגן די יידן זענען נישט קיין גערעכטע, ווייל זיי זויגן אייער בלוט ווי פּיאַווקעס. מוזט איר אָבער געדענקען, אַז דער ערשטער מאַי איז נישט קיין טאָג פאַר חשבונות מיט

יידן... ווער עס פילט זיך געקריוודעט פון אַ יידן, זאָל נאָר צו מיר קו־מען, וועל איך אים שוין פאַרשאַפן זיין רעכט. טאָמער וועט זיך אָבער עמעצער ווערן אַליין מאַכן זיין רעכט, וועט זיין ווי צו זיין לעבן. איר פאַרשטייט? זיך פאַרהאַלטן רואיק און קאַלטבלוטיק! ווייל דער ערשטער מאַי מוז זיין אַ רואיקער טאָג!...

ביי מיר אין די אויגן האָט די דאָזיקע רעדע פון קאָמיסאַר פעדעראָ־וויטש אויסגעזען ווי אַן אויפמונטערונג צו פאָגראָמען אויף יידן. ער האָט געוואָלט, די פויערים זאָלן וויסן, אַז טאָמער וועלן זיי מאַכן אַ פאָגראָם, וועלן זיי דאָס אָפּקומען מיט אַ שטראָף פון עטלעכע טאָג אַרעסט — און ווען איך האָב דעם קאָמיסאַר דערקלערט, וואָס איך דענק וועגן דער וויר־קונג פון זיין רעדע, איז ער אויף מיר זייער שטאַרק געוואָרן אין כעס, האָט מיך גערופן „רעוואָלוציאָנער" און האָט מיר געזאָגט, אַז פאַר אַזעל־כע געדאַנקען דאַרף מען מיך פשוט שיסן!...

קאַפּיטל 73

קראָקעווער קהילה מאַכט מיך פאַר „פּראָפעסאָר" פון העברעאיש

באַלד ווי איך בין אָנגעקומען צוריק אין קראָקע און מיין פריינד, דער בוכהענדלער אהרן פויסט, האָט מיר ווייטער געעפנט זיין גרויסן אוצר פון ספרים און איך האָב געהאַט פונאַנדערגעשיקט די ערשטע אויפ־לאַגע פון מיין „חלקת מחוקק" וועגן ישו הנוצרי, האָב איך באַקומען נישט קיין גוטע אָפּרופן פון פאַרשיידענע געלערנטע פון איבער דער וועלט, וואָס האָבן מיך קריטיקירט, אַז איך האָב זיך גענומען שרייבן אי־בער אַן ענין, אין וועלכן איך האָב זיך ווייניק פאַרטיפט.

האָב איך דעמאָלט איינגעזען, אַז די מענטשן האָבן רעכט און איך האָב זיך גענומען מער פאַרטיפן אינעם ענין. מיין פריינד פויסט האָט מיר אויך געגעבן צו לייענען פאַרשיידענע ביכער וועגן דעם דאָזיקן ענין. האָב איך דעמאָלט אויך געלייענט אַ בוך פון ד״ר קאַרפל ליפע וועגן דעם „עוואַנגעליום מאַטהעאַי", וואָס האָט פאַרטיידיקט די טעאָריע, אַז די גאַנצע מעשה מיט יעזוסן איז „לא היה ולא נברא", ווייל עס איז גאָר נישט געווען קיין יעזוס אויף דער וועלט...

אגב איז אויך אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער זעלביקער ליפּע האָט אויך געהאַט זײַנע אַ טעאָריע, אַז אַפילו דער בעל שם טוב האָט גאָר נישט עקזיסטירט...

יענער גאַנצער דור איז איבערהויפּט געווען גרויס אין אָפּלייקע־נען. געוויסע וועלט־באַרימטע געלערנטע האָבן דעמאָלט אָפּגעלייקנט דעם גריכישן דיכטער ה אָ מ ע ר . אַנדערע האָבן אָפּגעלייקנט ש ע ק ס פּ י ר ן. מען פלעגט זיך דעמאָלט ווײַזלען, אַז שעקספּירס בי־כער האָט נישט געשריבן דער באַוווסטער שעקספּיר, נאָר אַן אַנדערער גוי, וואָס האָט אויך געהייסן שעקספּיר... וועגן משה רבנו, להבדיל, איז שוין אָפּגערעדט. דאָס האָט שוין אַפילו יענער מלמד אין קאָלאָמיי גע־וווּסט אויף זיכער, גלײַך ווי אַנדערע האָבן געוווּסט, אַז „יידן זענען גאָר קיין מאָל נישט געווען אין מיצרים". אַזוי איז אויך דענסטמאָל קריעת ים סוף שטאַרק אָפּגעפרעגט געוואָרן...

האָב איך דאַן געני‏שטערט אין די צענזורירטע מאמרים פון דער גמרא — און נאָך דעם ווי איך האָב באַקומען אַ נישט־צענזורירטן ש"ס (געדרוקט אין בערלין תרכ"ד) און איך האָב אויך באַקומען די ספרים „חסרונות הש"ס" און „השבת אבדה", האָב איך זיך פאַרטיפט אין די דאָזיקע אַלע מאמרים און איך האָב געזען, אַז די גמרא האָט זיך זייער ווייניק אינטערעסירט וועגן ישו הנוצרי.

די צוזאַמענשטעלונג פונעם תלמוד בבלי איז איבערהויפּט פאָרגעקו־מען אין בבל, אין דער צייט פון די רבנן סבוראי און די ערשטע גאונים, אַרום דעם זעקסטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס — און דענסטמאָל האָט מען דאָרט זייער ווייניק געוווּסט וועגן קריסטנטום.

האָב איך דעמאָלט אויסגעפונען, אַז די גמרא האָט געקענט צוויי גרינדער פונעם קריסטנטום, וואָס איינער איז געווען ישו הנוצרי, אַ תלמיד פון יהושע בן פרחיה, וועלכער האָט געלעבט אַריבער הונדערט יאָר בעפאָר קריסטוס — און אַ צווייטער מיטן נאָמען בן סטדא האָט געלעבט אין די צייטן פון רבי עקיבא, וואָס מיינט אַ הונדערט יאָר נאָך קריסטוסן.

צווישן די פאַרשיידענע ביכער וועגן דעם גרינדער פון דער קריסט־לעכער אמונה, אין דייטש און פויליש, וועלכע איך האָב דענסטמאָל גע־לייענט, איז מיר אַרײַנגעפאַלן אין האַנט — „דאָס לעבען יעזו" פונעם דייטשן רעליגיע־פאָרשער דאַוויד פרידריך שטראַוס, וואָס לייקנט די עק־

זיסטענץ פון אַ קריסטוס און ער רעדט וועגן דער אַנטשטייאונג פונעם קריסטנטום ווי אַ רעליגיעזע באַוועגונג צווישן גענצנדינערס, וועמען עס איז פּלוצים נמאס געוואָרן דאָס באַטראַכטן די פאַרשיידענע דערשיינונגען פון דער נאַטור פאַר געטער. האָט זיך דאַן ביי זיי באַוויזן עפּעס אַ יידל פון ארץ־ישראל, שאול איש טרסוס, וואָס האָט זיי דערציילט אַ מעשה וועגן אַן אַנדערן ייד, וואָס האָט געגרינדעט אַ נייע אמונה. אָבער אין דער אמתן האָט גאָר אַזאַ מענטש קיינמאָל נישט עקזיסטירט!...

איז מיר דעמאָלט זייער געפעלן געוואָרן, נאָכצוטאָן דעם דאָזיקן שטראָוס און צו באַווייזן, אַז אַזאַ מין קריסטוס האָט גאָר קיין מאָל נישט עקזיסטירט.

גלייכצייטיק האָב איך דענסטמאָל קאָרעספּאָנדירט מיט דער אוניווערזיטעט אין בערן אין דער שווייץ, ווו עס איז מיר געזאָגט געוואָרן, אַז ווען איך וועל זיין פאַרשריבן פאַר אַ הערער פון פילאָזאָפיע אויף דער דאָרטיקער אוניווערזיטעט, וועט מען מיך צולאָזן צו באַקומען אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם. עס געפעלט זיי אויך, וואָס איך וויל שרייבן אַ דיסערטאַציע וועגן יעזוס, נאָר אָנשטאָט וואָס איך לייקן די עקזיסטענץ פון אַ יעזוס, גיט מיר דער דעקאַן פון דער בערנער אוניווערזיטעט אַן עצה טובה, איך זאָל ליבערשט ברענגען תלמודישע דאָקומענטן, צו באַווייזן, אַז יעזוס האָט יאָ עקזיסטירט און אַז די מעשיות פונעם נייעם טעסטאַמענט זענען היסטאָריש.

פאַרשטייט עס זיך, אַז איך האָב אין מיין דעמאָלטדיקער שטימונג פון אָפּלייקענען, נישט געוואָלט מסכים זיין צו אַזאַ אידעע, איך זאָל זיך נעמען באַווייזן פונעם תלמוד, אַז דאוויד פרידריך שטראָוס האָט פאַלש אויסגעטייטשט די עקזיסטענץ פון יעזוסן. איז דערפאַר מיין חלום וועגן דער אוניווערזיטעט בערן גאָר גיך בטל ומבוטל געוואָרן.

דערווייל איז מען אין דער קראָקעווער קהילה געוואָר געוואָרן פון מיינע פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעטיקייטן. אינטערעסירט מיט מיר האָט זיך ספּעציעל איינער פון די קהילה־פאַרשטייער מיטן נאָמען ר׳ לייבעלע לעבענהיים, אַן אָרטאָדאָקסישער ייד, אַ גרויסער למדן און אַ גביר, וועלכער פלעגט לייענען מיינע אַרטיקלען אין די העברעאישע צייטונגען און שטאַרק מקבל־תענוג זיין פון מיינע שקאָצעדייען, ווי איך זאָג אַ וואָרט אין אַלע יידישע פראַגן, נישט געקוקט צי דאָס געפעלט עמעצן אָדער נישט.

האָט דער דאָזיקער ר׳ לייבעלע לעבענהיים, וועלכער איז געווען אַ גוטער פריינד פון מיין פאָטער, דורכאויס געוואָלט, איך זאָל זיך באַזעצן אין קראָקע, געפינען פאַר מיר עפּעס אַ פּרנסה און זיין שטענדיק אויפן פּלאַץ, אַז מען וועט דאַרפן האָבן אַ פאָרשטייערשאַפט אַקעגן די גוים, אָדער מען וועט דאַרפן אָנרייבן אַן אַנטיסעמיט אַ מאָרדע. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין מיר וועט די קראָקעווער קהילה קענען האָבן דעם גייטיקן וואָרטפירער, וואָס יידן דאַרפן, דהיינו: אַ ייד אַ בקי אין יידישקייט, וואָס קען אויך רעדן מיט די גוים וועגן אַזעלכע זאַכן...

אָט דער ר׳ לייבעלע לעבענהיים איז געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ פון אַן אַלטן קראָקעווער מתנגד, וועלכער האָט פאַנאַטיש אָפּגעהיט אַלע דינים פונעם שלחן־ערוך ביז צו דער מדרגה פון יהרג ואל יעבור — און ווען דער קראָקעווער רב, ר׳ שמעון סופר, האָט געגרינדעט די „מחזיקי הדת״, האָט ער דעם ר׳ לייבעלע געשיקט רופן און האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך פאַרשרייבן פאַר אַ מיטגליד אין דער חברה.

האָט זיך אונדזער ר׳ לייבעלע אָוועקגעשטעלט טאַמעוואַטע און געפרעגט, וואָס עס איז אייגנטלעך די טענדענץ פון די „מחזיקי הדת״?

— דער נאָמען פון אונדזער חברה זאָגט דייטלעך, וואָס מיר ווילן! — האָט דער רב געענטפערט — מיר ווילן פאַרשפּרייטן פרומקייט און מחזק זיין יידישקייט!

— אויב אַזוי — האָט ר׳ לייבעלע אַ זאָג געטאָן — בין איך דאָך דער אמתער „מחזיק הדת״ און איך דאַרף זיך נישט ערשט פאַרשרייבן צו אייער חברה. אין מיין הויז — האָט ר׳ לייבעלע באַטאָנט — ווערן אָפּגעהיט אַלע דינים מיט אַלע חומרות. ווען איך שטיי אויף אין דער פרי, לערן איך געוויינטלעך אַ בלאַט גמרא מיט תוספות, ובזה האופן האָב איך שוין צוויי מאָל אין מיין לעבן געמאַכט אַ סיום אויף ש״ס. איך היט אויך אָפּ, צו דאַווענען דריי מאָל אין טאָג בצבור. דאָס נעמלעכע ווי ביי מיר, פירט זיך אויך ברוך־השם ביי מיינע קינדער און אייניקלעך און ווי ווייט אַ מענטש קען פאָראויסזען, האָף איך, אַז דאָס וועט זיך אַזוי אייביק פירן. דאַרף מען נישט דערפאַר אַגיטירן ביי מיין פאַמיליע פאַר חיזוק הדת. קען איך זיך צוליב דעם נישט פאַרשרייבן אין אייער חברה, ווייל איך פאַרשטיי נישט, צו וואָס דאָס קען פאַר מיר טויגן. איך וואָלט אָבער געהאַט פאַר אייך אַן עצה טובה — האָט ר׳ לייבעלע צוגעגעבן — איר

זאַלט שיקן רופן דעם פרעזידענט פון אונדזער קהילה, אַלבערט מענדעלס־בורג, צו קענען ביי אים פועלן, ער זאָל זיך פאַרשרייבן צו די „מחזיקי הדת", ווייל ווען איר וועט דאָס ביי אים פועלן, וועט איר האָבן אויפגע־טאָן גאָר אַ גרויסע זאַך!...

דער מענדעלסבורג, וועמען ר' לייבעלע האָט געהייסן רופן, ער זאָל זיך פאַרשרייבן צו די „מחזיקי הדת", איז פאַר אַ צייט פון לאַנגע יאָרן געווען דער פרעזידענט פון דער קראָקעווער קהילה. זיינע קינדער זענען אַלע געווען געשמדט — און ווען ער איז געשטאָרבן, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ער אַליין איז אויך געווען געשמדט, ווייל ער האָט געוואָלט ליגן נאָכן טויט אויפן גויאישן צווינטער, צוזאַמען מיט זיינע קינדער, נישט מיט זיינע עלטערן אויפן יידישן בית־הקברות...

נאָך אַ לאַנגען טראַכטן און איבערקלערן, איז מיט דער הילף פון ר' לייבעלע לעבענהיים אויסגעפונען געוואָרן פאַר מיינעטוועגן אַ שטעלע ווי אַ „פּראָפעסאָר" פאַר העברעאיש ביים קראָקעווער לערער־סעמינאַר פון דער רעגירונג. איז דאָס געווען אַ שרעקלעך גרויסער טיטל מיט אַ לעכערלעך קליינעם געהאַלט, וואָס האָט בסך־הכל באַטראָפן 180 גולדן (76 אַמעריקאַנער דאָלאַר) פאַר אַ גאַנץ יאָר. פונדעסטוועגן האָב איך זיך מיט דער האָפענונג אויף דער דאָזיקער שטעלע גאָר גליקלעך גע־פילט, ווייל זי איז געווען זייער אַן אַחריותפולע, און ווי קליין דער גע־האַלט איז נישט געווען, איז די צאָל קאַנדידאַטן פאַר דער דאָזיקער שטע־לע געווען גאָר אַ גרויסע.

מיין אויפגאַבע אויף דער דאָזיקער שטעלע איז געווען, צו דערציען וווילקענעוודיקע און שטרענג יידיש־געזאָנענע רעליגיע־לערער פאַר גאַנץ גאַליציע. אין גאַליציע איז דענסטמאָל ווי אין גאַנץ עסטרייך דער לימוד פון רעליגיע געווען אַן אָבליגאַטאָרישער אין אַלע שולן, פאַר יידן גלייך ווי פאַר קריסטן, און קיין שילער האָט זיך נישט געקענט דערפון אויס־שליסן. דער חילוק איז נאָר, וואָס די לערער פון דער קריסטלעכער רע־ליגיע זענען תמיד געווען אויסגעשטודירטע גלחים און די יידישע רע־ליגיע־לערער, וואָס דאַרפן לויטן געזעץ פאַרטרעטן דעם רב, זענען דע־מאָלט געווען אָדער קאַליקעס מלמדים, וואָס האָבן נישט געקענט קיין וואָרט פויליש, אָדער לערערס עמי־ארצים, וואָס האָבן נישט געקענט קיין וואָרט העברעאיש.

דער געהאַלט פֿאַר די קריסטלעכע רעליגיע־לערער פֿלעגט ביז דע־מאָלט צאָלן די קירכלעכע קאַסע און דעם געהאַלט פֿאַרן יידישן רעליגיע־לערער האָט מען געצאָלט פֿון דער יידישער קהילה.

איז דעמאָלט דאָס לערנען די יידישע רעליגיע צוליב דער אומטויג־לעכקייט פֿון די רעליגיע־לערער געווען די לעכערלעכסטע זאַך, וואָס מען קען זיך נאָר פֿאָרשטעלן. ס׳איז אויך געווען אַ פּשוטע דערנידעריקונג פֿאַר דער יידישער אמונה, ווען עס האָבן די גויאישע שילער געזען, ווי ווייניק די יידישע שילער האָבן דרך־ארץ פֿאַרן אונטערריכט פֿון זייער גלויבן.

האָט דער גאַליצישער לאַנדעס־שולראַט דעמאָלט באַשלאָסן, איבער־צונעמען די יידישע רעליגיע־לערער אויף די הוצאות פֿון דער רעגירונג, ווען זיי וועלן זיין לפּחות געזעצלעך דיפּלאָמירטע שול־לערער — און כדי צו קענען קריגן אַזעלכע קאַנדידאַטן, האָט די קראָקעווער קהילה געפֿועלט ביי דער ווינער „אַליאַנץ" אַ סטיפּענדיע פֿאַר יידישע יונגעלייט, וואָס ווילן לערנען אויף רעליגיע־לערער.

קאַפּיטל 74

ערשטע ציוניסטישע פֿאַרזאַמלונג אין קראָקע מיט ד״ר נתן בירנבוים

פּרעזידענט אין דער קראָקעווער קהילה איז אין יענער צייט געווען אַ פֿאַרגוישטער באַנקיר מיטן נאָמען אַלבערט מענדעלסבורג, וועגן וועמען עס האָט זיך ביי זיין טויט אַרויסגעוויזן, אַז ער איז שוין מיט עטלעכע יאָר פֿריער געווען געשמדט, האָט אָבער דער דאָזיקער מענדעלסבורג פֿיגורירט בלויז מיטן נאָמען ווי דער פֿירער פֿון דער קראָקעווער קהילה, ווייל דער אמתער פֿירער איז דאָרט געווען דער וויצע־פּרעזידענט פֿון דער קהילה, הירש לאַנדוי, אַן אייניקל פֿון אַן אַמאָליקן קראָקעווער רב ר׳ שאול לאַנדוי.

אָט דער הירש לאַנדוי איז אין יענער צייט, וועגן וועלכער איך שרייב, געווען דער פּאָליטישער דיקטאַטאָר פֿונעם גאַנצן יידישן לעבן אין קראָקע. כאָטש ער איז געווען קאָנסערוואַטיוו אין זיין קליידונג און אין אַלע זיינע פֿירונגען, איז דענסטמאָל יעדער שריט זיינער געווען להכעיסדיק קעגנע־ריש צו די באַשטרעבונגען פֿון די אָרטאָדאָקסישע יידן. און האָבן אַמאָל די רעפֿאָרמירטע יידן עטוואָס פֿון אים פֿאַרלאַנגט, פֿלעגט ער דאָס מיט דער

גרעסטער פּאַראַכטונג אָפּוואַרפן. זענען דערפאַר אַלע פּאַרטייען ביי די וואַלן צו דער קהילה געווען פאַראייניקט קעגן אים. דאָך האָט ער אָבער שטענדיק באַקומען די מאַיאָריטעט שטימען און ער איז פאַרבליבן אין זיין אַמט, ביז ער איז פילע יאָרן שפּעטער אַוועקגעפאַלן פלוצים אין מיטן גאַס און איז געשטאָרבן.

מענטשן, וואָס זענען געווען באַהאַוונט אין דער פירונג פון די קהל־שע ענינים, פלעגן כסדר טומלען און אָפּטמאָל גאָר עפנטלעך רעדן, אַז דער הירש לאַנדוי האָט שטעקן זיין האַנט זייער טיף אין די קהלשע קאַ־סעס, וועלכע ער פאַרוואַלט. ער אָבער פלעגט די דאָזיקע פאָרוורפן הערן און שווייגן, ביז ער איז אַמאָל געצוווּנגען געוואָרן מאָראַליש אָנצוקלאָגן די פאַרלוימדער צום געריכט, ווו מען האָט קעגן אים גאָר נישט געקענט באַווייזן און ער איז פון משפט אַרויס אַזוי ווייס ווי אַ מעל־סוחר...

מען האָט דעמאָלט בפירוש דערציילט, אַז מען האָט אים ביי אַ זיצונג פון דער קהילה עפנטלעך פאָרגעוואָרפן, אַז עס זענען פאַראַן אומאָרדענונ־גען אין דער קאַסע, וואָס ער פאַרוואַלט — און ווען עס איז געקומען צו דער געריכטס־פאַרהאַנדלונג, האָט מען אין די פּראָטאָקאָלן פון דער קהילה גאָרנישט געפונען פון יענע פאָרוורפן. די בייזייענדיקע ביי יענער זיצונג האָבן ביי דער געריכטס־פאַרהאַנדלונג פאַרלוירן זייער זכרון און נישט געדענקט גאָר וועגן קיין שום אַרגומענטן, וואָס זענען דענסטמאָל פאָרגעקומען.

לסוף האָט זיך דעמאָלט הירש לאַנדוי טראָץ זיין גרויסן זיג ביים געריכט באַנוגנט מיט אַ פּשוטער „ערן־דערקלערונג" און האָט נישט גע־וואָלט לאָזן זיינע פאַרלוימדער באַשטראָפן פאַר זייערע פאַרלוימדונגען.

ווען איך בין שוין געווען פיר ביז פינף מאָנאַטן אויף מיין שטעל ווי אַ „פּראָפעסאָר" פון העברעאיש פאַר די סטודענטן פונעם לערער־סעמינאַר אין קראָקע, האָט הירש לאַנדוי אויסגעדריקט זיין ווּנטש, מיך פערזענלעך צו קענען. אָבער ביז איך האָב געהאַט די נייטיקע צייט, אים צו באַזוכן, האָבן מיך עטלעכע פון זיינע מענטשן געזען ביי אהרן פויסטן אין דער בוכ־האַנדלונג — און אהרן פויסט איז געווען איינער פון הירש לאַנדויס גרעס־טע קעגנער. שטענדיק פלעגט מען אין יענער בוכהאַנדלונג רעדן וועגן הירש לאַנדויס עפנטלעכע עוולות, דערציילן פאַרשיידענע אַנעקדאָטן פון זיין לעבן, און פּשוט אָפּחוזקן פון אים.

אַט דאָס האָט מיך שוין געפּסלט אין הירש לאַנדויס אויגן. ער זאָל זיך צו מיר באַציען מיט אַ געוויסן חשד, אַז איך שטיי אין פאַרבינדונג מיט זיינע קעגנער.

עס האָט אויך געהערשט אַ געוויסער אַנטאַגאָניזם צווישן הירש לאַנדוי און מיין פּראָטעקטאָר, ר׳ לייבעלע לעבענהיים.

ר׳ לייבעלע לעבענהיים האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרעסערן יחסן פון הירש לאַנדוי, כאָטש יענער איז געווען אַן אייניקל פון אַזאַ באַרימטן רב ווי ר׳ שאול לאַנדוי. ר׳ לייבעלע האָט נאָך, אַ חוץ ווי אַ למדן, שטאָלצירט, וואָס ער איז שוין געווען ראש־הקהל אין קראָקע, אויסגעקליבן פון דער רעגירונג, איידער די באַלעבאַטים האָבן נאָך געהאַט דאָס רעכט אויסצו־ווילן זייערע ראשי־הקהל.

חוץ לזה איז ר׳ לייבעלעס משפחה געשטאַנען אַלע יאָרן מיט ר׳ בער־ריש מייזעלס, וואָס איז געווען דער רב פון די מתנגדים, קעגן ר׳ שאול לאַנדוי, וואָס איז געווען דער רב פון די חסידים.

בין איך דערפאַר פון לכתחילה אָן נישט געווען קיין גרויסער חשוב ביי הירש לאַנדוי. דערווייל האָב איך זיך אויך פאַרזינדיקט ביי אהרן פויסט, ווען איך האָב אַמאָל אויסגעזידלט, ווייל ער האָט נישט גע־וואָלט גיין צו יענער פאַרזאַמלונג, וועלכע איך האָב מיט דער הילף פון עטלעכע חברים מיינע צונויפגערופן לכבוד דעם אָנקומען פון ד״ר נתן בירנ־בוים. ,

אין יענער צייט האָט דער פאַראיין „אדמת ישרון” אין ווין אַרויס־געשיקט דעם ד״ר נתן בירנבוים קיין גאַליציע, צו אָרגאַניזירן דאָרט פאַראיינען פאַר „חיבת ציון”. ד״ר בירנבוים איז דעמאָלט געווען אין די ערשטע יאָרן פון זיין טעטיקייט — און געקומען איז ער, צו פאַר־שפּרייטן דעם געדאַנק פון חיבת ציון.

פאָרגעקומען איז דעמאָלט יענע פאַרזאַמלונג אונטערן פאָרזיץ פון ד״ר שאול רפאל לאַנדוי, וועלכער איז יאָרן שפּעטער געווען דער ער־שטער סעקרעטאַר פון ד״ר הערצל און ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין ניו יאָרק אַן עלנטער און פאַרגעסענער.

ד״ר בירנבוים איז צוזאַמען מיטן ד״ר לאַנדוי געקומען קיין קראָקע. ער האָט אויך געזאָלט מיט אים ווייטער פאָרן. איז אָבער צוליב פאַמי־ליע־אָנגעלעגנהייטן פאַרהאַלטן געוואָרן און ער איז אויך פאַרבליבן ביי

זיין מוטער אין קראָקע, ביז ד״ר בירנבוים איז צוריקגעפאָרן קיין ווין.

יענע פאַרזאַמלונג איז אויסגעפאַלן זייער בלאַס. ד״ר לאַנדוי ווי פּאָרזיצער האָט געהאַט ווייניק וואָס צו זאָגן און ד״ר בירנבוימס רעדע איז אויך געווען אָן דער נויטיקער „ראַזשינקע״.

האָב איך זיך נאָך ד״ר בירנבוימס רעדע געמאָלדן צום וואָרט און איך האָב געהאַט אין זינען אַריין צו בלאָזן אַ פונק באַגייסטערונג אין דער פאַרזאַמלונג. ד״ר בירנבוים האָט אין זיין רעדע דערקלערט, אַז די עסטרייכישע יידן דאַרפן שטיצן די קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, ווייל מען קען גאָר נישט זיין זיכער, צי מיר וועלן נישט אַמאָל האָבן נייטיק אַזאַ אָרט צו אַנטלויפן ווי ארץ־ישראל, נישט בלויז פאַר רוסישע יידן, נאָר אויך פאַר עסטרייכישע יידן, ווען די אומשטענדן זאָלן זיך אַנדערש אויסוויקלען.

איך האָב דעמאָלט צוגעגעבן, אַז מיר מוזן האָבן אַ רעטונגס־ווינקל, אויף וועלכן מיר זאָלן זיך קענען פאַרלאָזן, ווייל דאָס לעבן פון די יידן אין די לענדער פונעם גלות, דאַרף זיך שטיצן אויף אונדזער אייגענער קראַפט און טאָר נישט זיין אָפּהענגיק פון די גוימס חסדים. אין דער־אָ באַציאונג איז אויך נישטאָ קיין אונטערשייד אין וואָסערער רעליגיע עס גלייבן די שכנישע גוים אונדזערע, ווייל ווען עס נייטיקט זיך צו שלאָגן יידן, פאַראייניקן זיך קריסטן מיט מאַכמעדאַנער.

גלייך ווי ביי יעדער פּאָליטישער פאַרזאַמלונג איז אויך ביי אונד־זער צוזאַמענקום געזעסן אַ רעגירונגס־קאָמיסאַר אַכטונג צו געבן, עס זאָלן נישט פאָרקומען קיין שטערונגען און עס זאָלן נישט גערעדט ווערן קיין רעוואָלוציאָנערע רייד. האָט מיך דער רעגירונגס־קאָמיסאַר ביי די ווערטער מיינע וועגן דער פאַראייניקונג פון קריסטן און מאַכמעדאַנער אויף צו שלאָגן יידן איבערגעריסן און נישט געלאָזט ווייטער ריידן, ווייל מיינע ווערטער זענען „אויפרייצנדיק צווישן פרידלעך־לעבנדיקע פעלקער און זיי קריטיקירן אויף אַ נישט ריכטיקן אופן די באַציאונג פון קריסטן צו יידן״.

אויך האָט זיך דעמאָלט דער פאָרזיצער ד״ר לאַנדוי זייער שטאַרק אויף מיר צעבייזערט און געהייסן מיך אַוועקזעצן און שווייגן.

דערווייל איז אויך אָנגעקומען סאַלאָמאָן רובינשטיין, און ער האָט גענומען טענהן, אַז די קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל טויג צו גאָר נישט,

ווייל ראָטשילד (דער „נדיב הידוע״) וויל פֿאַרשקלאַפֿן די קאָלאָניסטן, כדי צו ווערן אַמאָל אַ פּירשט פֿון אַזאַ שקלאַפֿן־לענדל. דערפֿאַר, עצהט ער, יידן בעסער עמיגרירן קיין אַרגענטינע, ווו באַראָן הירש לייגט אַריין געלט צען מאָל אַזוי פֿיל ווי ראָטשילד, כדי צו באַווייזן, וואָס יידן קענען אויפֿטאָן, ווען מען לאָזט זיי אַרבעטן ביי פּראָדוקטיווע אונטערנעמונגען...

אַזוי ווי דער דאָזיקער רובינשטיין האָט דערמאָנט די קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, האָב איך זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און איך האָב דעם רעדנער איבערגעריסן. איך האָב גראָד יענעם טאָג געהאַט באַ־קומען אַ בריוו פֿון אַ קאָלאָניסט אין אַרגענטינע, וואָס איך האָב שפּעטער אָפּגעדרוקט אינעם „המליץ״.

איך האָב אָנגעהויבן זידלען באַראָן הירש מיט זיין קאָלאָניזאַציע — און כדי מען זאָל מיך בעסער הערן, ווייל סאָלאָמאָן רובינשטיין האָט גערעדט זייער הויך, האָב איך זיך באַמיט אים איבערצושרייען. האָט זיך די פֿאַרזאַמלונג צעטיילט אין צוויי לאַגערן. איינע האָבן גע־שריגן מיט רובינשטיינען פֿאַר אַרגענטינע און די אַנדערע האָבן מיר געהאָלפֿן שרייען פֿאַר ארץ־ישראל.

דער פֿאָרזיצער האָט שוין נישט געקענט לענגער האַלטן די אָרדע־נונג. האָט דער קאָמיסאַר אויפֿגעלייזט די פֿאַרזאַמלונג און צעטריבן דעם עולם, און זי האָט בלויז געהאָלפֿן פֿאַרזיגלען מיין פּערזענלעכן פּרעסטיזש ביי דער קראָקעווער פּאָליציי. ביי דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג איז אויך בייגעווען הירש לאַנדוי און ער האָט זיך גענוי צוגעהערט צו מיינע ווערטער, וואָס האָבן אים געקלונגען זייער מאָדנע.

נאָך דער פֿאַרזאַמלונג איז ד״ר בירנבוים צו מיר צוגעקומען און האָט מיר דערקלערט, אַז ער איז מיט מיר איינפֿאַרשטאַנען אין יעדער באַציאונג. פֿון דעמאָלט אָן האָט אויך אָנגעהויבן הערשן צווישן אונדז אַ פֿריינטשאַפֿטלעכע באַציאונג וואָס האָט אָנגעהאַלטן כל־זמן ד״ר בירנבוים האָט געלעבט.

קאַפּיטל 75

אין אָנדענק פון א געהאָנגענעם מסור

צווישן אַלע מיינע קעגנער פון יענער צייט האָט מיך צום מייסטן געקרענקט די קעגנערשאַפט פון איינעם מיטן נאָמען יוסף היידענפעלד, אַ ייד אַ משכיל און אַ באַנקיר, וואָס איז געווען אַ מיטגליד אין דער אדמיניסטראַציע פון דער קהילה. די סיבה פון זיין קעגנערשאַפט איז געווען מיין מיינונג, אַז יעזוס איז נישט מער ווי אַ לעגענדארע פּערזאָן לויט ווי איך האָב דאָס דערקלערט אין מיין „חלקת מחוקק".

אין דער אמתן האָט היידענפעלדס קעגנערשאַפט צו מיר געהאט אַן אַנדערע באַגרינדונג און זי איז געווען אין גאַנצן אַ פּערזענלעכע — ומעשה שהיה כך היה; צו דעם פּערציקסטן יאָרצייט פון דער 1848קער רעוואָלוציע (אינעם יאָר 1888) האָב איך אָפּגעדרוקט אַ העברעאישע בראָשור מיטן נאָמען „תקות חוט למלשין" (אַ שטריק פאַר אַ מסור), ווו איך האָב געשילדערט, ווי אזוי מען האָט אין יאָר 1848, יום־כיפּור צו נעילה אויפגעהאנגען אין קראָקע אַ יידן אַ מסור מיטן נאָמען חיים רויזעס — און דער דאָזיקער ייד איז געווען דער זיידע פון אונדזער יוסף היידענפעלד.

יענער חיים רויזעס איז געווען — לויט ווי מיין פאָטער און אַנ־דערע מענטשן פון יענעם דור האָבן מיר דערציילט — אַ קראָקעווער משכיל, וועגן וועמען עס האָט איטלעכער געוווסט, אַז אַזוי אָפט ווי ער געפינט זיך אין קראָקע, ווערן ביי אים אין הויז געמאַכט די שענסטע „וועטשערינקעס" מיט משקאות און צובייסנס, ווי ביים גרעסטן פּוילישן מאַגנאַט און עס ווערן אויך דערביי געפירט די אינטערעסאַנטסטע שמועסן וועגן כלערליי ליטערארישע פראַגן און וועגן וויסנשאַפטס־פּראָבלעמען, אין וועלכע חיים רויזעס איז געווען זייער גוט באַהאוונט.

דער דאָזיקער מענטש איז פּלוצים געוואָרן אַ יורד אין זיין עקאָ־נאָמישער לאַגע — און אין זיין נויט איז ער אַוועק אויף אַ זייטיקן מיאוסן וועג. ער איז געוואָרן אַ מסור ביי דער עסטרייכישער רעגירונג. אַ סך יידן האָט ער דאַן געמסרט, אַ סך זענען אויך צוליב זיינע מסירות באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אַנדערע זענען באַשטראָפט געוואָרן מיט

לאַנגע יאָרן תפיסה אָדער זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן פון זייער היים און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין לאָנדאָן אָדער אין אַנטווערפּען.

חיים רויזעס איז אין דער צייט, וואָס קראָקע איז געווען אַ „פריי־שטאָט" (פון 1815 ביז 1846), געווען אַ סוחר אויף די לייפּציגער ירידים און אַ גביר, וועלכער האָט געפירט אַ ברייט הויז — און אַזוי אָפּט ווי ער איז געווען אין דער היים, פלעגן זיך ביי אים צונויפקלייבן כמעט אַלע קראָקעווער משכילים, וואָס פלעגן דאָרט פאַרברענגען די נעכט אין לייענען העברעאישע אָדער דייטשע פּאָעזיע און פירן דיס־קוסיעס אויף די פאַרשיידנסטע וויסנשאַפטלעכע טעמעס.

די קינדער זיינע האָט ער געלאָזט לערנען ווי יעדער פאַרמעג־לעכער משכיל פון יענער צייט — דעם גרעסטן טייל פונעם טאָג אינעם בית־המדרש און אויסערדעם נאָך עטלעכע שעה ביי פּריוואַטע לערערס, וואָס פלעגן קומען צו אים אין הויז.

מיט אַמאָל האָט זיך דאָס רעדעלע פון זיינע מסחרים איבערגע־דרייט. עסטרייך האָט אין 1846 אָקופּירט קראָקע. איז דאָרט דער מסחר מיט לייפּציג איבערגעריסן געוואָרן. די רעגירונג האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן אין קראָקע ווינער סחורות און די סחורות פון לייפּציג האָט מען בלויז געקענט אַריינשמוגלען. דענסטמאָל איז אונדזער חיים רויזעס פּלוצים געכאַפּט געוואָרן ווי אַ שמוגלער, האָט מען די סחורה זיינע אין גאַנצן קאָנפיסקירט, און אין שטוב האָט אָנגעהויבן הערשן דחקות, נויט. די וועטשערינקעס אין זיין הויז זענען בטל געוואָרן און אַזוי ווי דער חיים רויזעס האָט געהאַט מפרנס צו זיין אַ ווייב מיט זיבן קינדער, האָט ער זיך ווייטער אַרויסגעלאָזט אויף שמוגל און ער איז אויך דאָס מאָל געכאַפּט געוואָרן. האָט זיך אָבער די רעגירונג איצט נישט מער באַנוגנט מיט קאָנפיסקירן די סחורות, נאָר עס האָט אים אויך געדראָט אַ שטראָף פון עטלעכע יאָר תפיסה.

האָבן אים די עסטרייכישע רעגירונגס־ באַאמטע פאָרגעשלאָגן, ער זאָל ווערן אַן „אינפאָרמירער" ביי דער רעגירונג און ער זאָל אָנווייזן אויף די שמוגלערס פון דער קראָקעווער יידישער גאַס, וועט מען אים דערפאַר שענקען אַלע זיינע ביז אַהעריקע זינד און די רעגירונג וועט אים אַפילו געבן אַן אמט, ביי וועלכן ער זאָל קענען פאַרדינען זיין ברויט פאַר ווייב און קינדער.

אַזוי ווי ער האָט נישט געזען קיין אַנדערן אויסוועג פון זיין לאַגע, האָט זיך חיים רויזעס אונטערגעגעבן צו זיין שיקזאַל און ער איז געוואָרן אַן אינפאָרמירער ביי דער רעגירונג. און אַזוי ווי דאָס איז באַקאַנט געוואָרן אין דער יידישער גאַס, האָבן אים די נאָענטסטע זיינע, גוטע פריינט און קרובים, פאַרלאָזט, אויסגעמיטן זייַן געזעלשאַפט ווי פון אַ מצורע.

די מלמדים פון די חדרים האָבן ארויסגעוואָרפן זיינע קינדער און ווו זיי זענען געקומען, האָט זיך נישט קיינער געוואָלט מיט זיי חברן. דער שטענדער זיינער אינעם בית־המדרש איז תמיד געווען אויסגע־שמירט מיט בלאָטע — און ווען ער האָט דאָרט אַמאָל איבערגעלאָזט זיין שבתדיקן טלית, האָט מען ביי אים אָפּגעריסן די ציצית. זיינעם אַ גוט־מאָרגן האָט קיינער נישט אָפּגעענטפערט און אַפילו אָרעמע לייט, וואָס גייען איבער די הייזער, האָבן אויסגעמיטן זיין הויז און נישט געוואָלט מער אהין אַריינשמעקן.

פריער, ווען ער האָט נאָך אָנגעפירט זיינע מסחרים, פלעגן זיך כמעט אַלע קראָקעווער משכילים ביי אים אין הויז צונויפקומען. די בכבודיקסטע קראָקעווער באַלעבאַטים פלעגן שטאָלצירן מיט זיין פריינדשאַפט. אַפילו דער רב פון די קראָקעווער מתנגדים, ר׳ בעריש מייזעלס, אָדער דער רב פון די חסידים, ר׳ שמואל לאַנדוי, וואָסביידע זענען געווען גרויסע גבירים און זענען נישט געווען אָפּהענגיק פון דער לייטזעליקייט פון באַלעבאַטים, וואָס פלעגן אָפטמאָל באַזוכן חיים רויזעסעס הויז, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ שטאָטישן ענין, אָדער נעמען ביי אים אַ נדבה, ווען עס האָט זיך גענויטיקט פאַר דער אונטערשטיצונג פון אַן אָרימען מענטשן — און פּלוצים איז ער געווען ווי אין אַ חרם און קיינער האָט זיך נישט געוואָלט מער אויף אים אומקוקן.

באַלד ווי עס איז באַוווסט געוואָרן אין שטאָט, וואָס פאַר אַ פּרנסה דער חיים רויזעס האָט זיך אויסגעקליבן, האָבן אים ביידע רבנים פון דער שטאָט פאַרבעטן צו זיך, אַריינגערעדט אין אים אַ פולן בויך מיט מוסר, געסטראַשעט אים מיט אַ שוואַרצן סוף. האָט דאָס אַרויס־גערופן ביי אים אַ שטאַרקערע עקשנות און ער האָט איבערגעגעבן די סטראַשונקעס פון די רבנים צו דער רעגירונג. האָט דעמאָלט די רע־

גירונג פֿאַרלאַנגט פֿון די רבנים אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר אַזאַ טאַט, וועלכע איז קעגן די מאַכטהאָבערס, אַ נישט האָט מען זײ געסטראַשעט מיט די שווערסטע שטראָפֿן...

האָט אים די שטאָט אָפּגעלאָזט און מען האָט זיך נישט מער אויף אים אומגעקוקט. דערווייל האָט ער אָבער כסדר געטאָן זײַנס, געלאָזט מאַכן רעוויזיעס ביי אַלע יידן אין שטאָט — און די קאָנסעקווענצן דערפֿון זענען געווען, וואָס מען האָט עטלעכע יידן אײַנגעזעצט, פֿראָ־צעסירט און פֿאַראורטיילט. איז די שטאָט געוואָרן שטאַרק אין כעס, אַז דער מענטש וויל פֿאַרניכטן די גאַנצע קראָקעווער קהילה.

אינצווישן האָט זיך אָנגערוקט דאָס גרויסע רעוואָלוציאָנערע יאָר 1848. אין אַלע גרויסע שטעט אין עסטרייך און דייטשלאַנד האָט דע־מאָלט געבושעוועט אַ רעוואָלוציע און אין ווין האָט זיך דער קייסערלע־כער הויף אזש דערשראָקן און איז אַנטלאָפֿן פֿון ווין. אונגאַרן האָט אָנגעפֿירט אַן אָפֿענע מלחמה קעגן עסטרייך צוזאַמען מיט איר קייסער. אין גאַליציע האָבן די פּאָליאַקן געהאַט צוויי יאָר פֿריער געפּלאַנט, צו מאַכן אַ רעוואָלוציע. האָט די עסטרײַכישע רעגירונג אָנגערייצט די פּויערים קעגן די פּריצים — און ווען זיי האָבן איצט געוואָלט טאָן דאָס זעלביקע, האָט די רעגירונג עטלעכע פֿון זיי אַרעסטירט, פֿאַרשיקט אויף קאַטאָרגע אָדער פֿאַראורטיילט צו דער תליה און אויפֿגעהאַנגען. האָבן קראָקעווער יידן מורא געהאַט אַ מויל צו עפֿענען, חיים רויזעס זאָל זיי נישט צוקלאָגן צו דער רעגירונג.

דערווייל איז געקומען יום־כיפּור פֿונעם יאָר תר״ט. איז אָנגעפֿאַלן אַ שרעק אויף אַלע קראָקעווער יידן. אין די גאַסן האָט מען זיך גע־שושקעט, אַז די עסטרײַכישע רעגירונג וועט אָנשיקן אַן אַרמיי צו באָמבאַרדירן די שטאָט און צו מאַכן זי גלייך מיט דער ערד. עס האָבן זיך אויך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז מען האָט שוין געכאַפּט עטלעכע קראָקעווער יידן און זיי געשאָסן אָן דין און משפּט. האָט איטלעכער די דאָזיקע קלאַנגען געגלייבט, כאָטש עס האָט דאָס קיינער נישט געוווּסט אויף אַן אמת — און ווען מען האָט דאָס געגלויבט, האָט יעדער אַליין פֿון זיך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס שטאַמט פֿון חיים רויזעסעס מסירות...

איז יענעם יום־כיפּור פֿאַר נעילה געקומען עפּעס אַ מענטש, אָנ־

געטאָן אין אַ מיליטערישער אוניפאָרם און ער האָט דעם חיים רויזעס אַרויסגערופן פונעם בית־המדרש, ווו ער האָט געדאַוונט. איז דאָס געווען אַ פשוטער גוי פון דער גאַס, וועמען מען האָט דערצו געדונגען און מען האָט אים אָנגעטאָן ווי אַ פּאָליצייאישן באַאַמטן. קיינער האָט אַפילו נישט געוווּסט, ווער עס שטעקט הינטער דער פּאָליצייאישער הלבשה.

דער דאָזיקער גוי האָט אַוועקגעפירט דעם חיים רויזעס צו אַ פּלאַץ נעבן דער אַלטער ווייסל, נישט ווייט פונעם נייעם בית־הקברות — און דאָרט האָט שוין אויף אים געוואַרט אַ גרופּע מענטשן מיט שטאַרקע הענט, זיי האָבן אים תיכף אַרומגערינגלט און נישט אָפּגעלאָזט.

חיים רויזעס האָט אָנגעהויבן שרייען אָבער קיינער האָט אים נישט געהערט. ער האָט אַפילו געהאַט מיט זיך אַ פּיסטויל, וואָס זאָל אים באַשיצן פאַר אַזאַ אָנפאַל. איז עס געלעגן ביי אים אין אַ הינטער־קעשענע און ער האָט עס נישט געקענט גרייכן. שטאַרקע הענט האָבן אים צוגעהאַלטן ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, און ער האָט זיך נישט געקענט אַ ריר־טאָן. האָט ער אָנגעהויבן טענהן צום עולם, האָט מען אים פאַרשטאָפּט דאָס מויל און מען האָט אים נישט געלאָזט אַרויס־ריידן אַ וואָרט.

צוויי שטאַרקע הענט האָבן אים צוגעדריקט ביים האַלדז, ביז עס איז ביי אים אונטער דער קראַפט פון זייערע פינגער אויסגעגאַנגען די נשמה...

ערשט דעמאָלט האָט מען אים גענומען און אויפגעהאַנגען אויף אַ כשוואַק אונטער דעם קליינעם בריקל, וואָס האָט זיך דענסטמאָל געפונען אויפן „דאַיוואַר", ביי די ברעגעס פון דער אַלטער ווייסעל. מער האָט זיך שוין דערנאָך קיינער נישט געקימערט, וואָס עס איז מיט אים געשען...

מיין טאַטע איז דענסטמאָל געווען אַ ייִנגל פון זיבן יאָר — און ער האָט גוט געדענקט, ווי מען האָט דעמאָלט גערעדט וועגן דעם אין אַלע יידישע שטיבער.

האָב איך דאָס אין 1888 באַשריבן אין אַ העברעאישער בראָשור מיטן נאָמען „תקות חוט למלשין".

האָט מיר דאָס חיים רויזעס אַן אייניקל — יוסף היידענפעלד — קיין מאָל נישט געוואָלט מוחל זיין...

קאַפּיטל 76

צרות פון קנאה

דעם 1טן פעברואר 1891 האָב איך איבערגענומען דעם אַמט פון אַ „פּראָפעסאָר" פאַר העברעאיש ביים פּוילישן לערער־סעמינאַר אין קראָקע, אויסגעקליבן פון צווישן אַ האַלבן מנין קאַנדידאַטן, וואָס זענען דערפאַר געוואָרן מיינע שונאים און האָבן מיר כסדר אונטערגעשטעלט פּיסלעך. האָב איך אָבער אויף דעם נישט געקוקט, ווייל איך האָב געמיינט, אַז מיט מיין ערנסטער אַרבעט וועל איך גובר זיין יעדע אינטריגע. וואָלט זיך דאָס מיר אפשר איינגעגעבן, ווען איך וואָלט נישט געהאט די אמביציע, אויפצוטאָן זאכן, וואָס די וועלט זאָל מיט זיי קלינגען.

באַלד ווי איך האָב נאָר איבערגענומען מיין שטעלע, האָב איך נושא־חן געווען ביים רעקטאָר פונעם לערער־סעמינאַר. איז דאָס געווען אַ גלח, אַ טאָלעראַנטער צו דער יידישער אמונה, וואָס דער עיקר איז ביי אים געווען, אַפּצוהיטן יעדע אמונה און אַנצוהאַלטן זי מיט אַכטונג. פלעגט ער זיך דערפאַר אָפּט אַריינלאָזן אין אַ שמועס וועגן דעם, פאַרוואָס די אינטעליגענטע יידן האַלטן נישט פון קיין שום אמונה — און אַז ווען אַ ייד שמדט זיך, איז דאָס אַ באַוויז, אַז ער גלויבט נישט אין גאָרנישט.

אַזוי ווי מיין שטעל אינעם לערער־סעמינאַר איז געווען נישט קיין סטאַבילע און נישט אויפן חשבון פון דער רעגירונג, האָט דער רעקטאָר מיר געוואָלט העלפן, איך זאָל אָפיציעל נאָמינירט ווערן פון דער רעגירונג. אָבער אַזוי ווי איך האָב דענסטמאָל נישט געענדיקט קיין שום שול, — האָט ער נאָך אַ לאַנגן קאָרעספּאָנדירן מיטן לאַנדעס־שולראַט געהייסן מיר אויסקלויבן עפּעס אַ וויכטיקן מאָמענט אין דער וועלט־געשיכטע, וועגן וועלכן איך זאָל קענען אָנשרייבן אַן עסיי און עס לייענען אין קעגנוואַרט פון אַ קאָלעגיום פּראָפעסאָרן — און ווען מיין עסיי וועט האָבן אין זיך עפּעס אַ שטיקל היסטאָרישע אָדער פילאָסאָפישע באַדייטונג, וועט דאָס באַגרינדן מיין אַקאַדעמישע קאַריערע.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דעם דאָזיקן פאָרשלאַג אָנגענומען מיט

דאַנק — און נאָך דעם ווי איך האָב עטלעכע וואָכן צייט איבערגע־קלערט דעם קעגנשטאַנד, וועגן וועלכן איך זאָל זיך נעמען שטודירן, האָב איך באַשלאָסן אויסצואַרבעטן אַן עסיי וועגן דעם פּוילישן קעניג קאַזימירס יידישע געליבטע — אסתרקע...

אַזוי ווי איך בין דענסטמאָל געווען אין אַ שטימונג פון אַפּלייקענען יעדע לעגענדאַרישע געשעעניש פון דער וועלט־געשיכטע, איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַרויסצוקומען מיט אַן אַפּלייקענונג פון דער גאַנצער מעשה וועגן דער אסתרקע, און מיט דער באַהויפּטונג אַז דאָס איז פשוט אַן אויסגעטראַכטע זאַך.

ווי יעדער קעניג האָט אויך קאַזימיר דער גרויסער פון פּוילן זיכערלעך געהאַט עטלעכע „פילגשים", צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געקענט געפינען איינע אַ יידישקע. אָבער אַן אסתרקע, וואָס צוליב איר זאָל ער האָבן געגעבן רעכט צו די יידן, האָט אודאי קיינמאָל נישט עקזיסטירט!...

געשטיצט מיין באַהויפּטונג האָב איך אין ערשטער ריי אויף אונדזער גרויסן היסטאָריקער גרעץ, וואָס מאַכט אויפמערקזאַם, אַז די מעשה מיט דער אסתרקע שטאַמט פונעם פּוילישן היסטאָריקער יאַן דלוגאַש (לאָנגינוס) און אַז עס איז וועגן דעם נישט פאַרהאַנען קיין עלטערער קוואַל. גרעץ ציטירט אויך די מיינונג פונעם היסטאָריקער יאַקאָב קאַראָ, וואָס האָט זיך אויך באַמיט אָפּצולייקענען דעם פאַקט, אַז קאַזימיר האָט צוליב דער אסתרקע, דער יידישער געליבטער זיינער, געגעבן רעכט צו די יידן.

האָב איך זיך דעמאָלט געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט פּראָפעסאָר יאַקאָב קאַראָ אין ברעסלוי, וועלכער האָט מיך אונטערשטיצט אין מיין געדאַנק — און ווען איך האָב אים שפּעטער צוגעשיקט אַ קיצור פון מיין עסיי, האָט ער מיר צוגעזאָגט, צו קומען הערן מיין עסיי און אַז ער וועט זיך אויך באַטייליקן אין דער אונטערשטיצונג פון מיין טעזע.

צום באַדויערן האָט זיך די זאַך אַנדערש אַנטוויקלט.

די לעמבערגער אוניווערסיטעט האָט אַרויסגעשיקט דעם פּראָ־פעסאָר פינקעל (אַ פּאָלאָניזירטן דייטש), וואָס איז געווען גענייגט צו באַווייזן דאָס קעגנטייל פון מיין טעזע. פון דער קראָקעווער אוניווער־סיטעט איז געשיקט געוואָרן פּראָפעסאָר עסטרייכער (אויך אַ פּאָליאַק),

וואָס האָט לכתחילה פאַרשפּראָכן אָנצוהאַלטן אַ נייטראַלע שטעלונג און נישט צו זאָגן קיין מיינונג, ביז ער וועט נישט האָבן גענוי אונטערזוכט די באַזן פון מיין טעאָריע אין אַלע אירע איינצעלהייטן.

איידער איך האָב אָנגעהויבן לייענען מיין עסיי, איז אָנגעקומען אַן אַנטשולדיקונג פון פּראָפעסאָר קאַרא, אַז ער באַדויערט, וואָס ער קען נישט קומען צו מיין פאַרלייענונג, אָבער אין גייסט איז ער מיט מיר און ער ווינטשט מיר גליק.

נאָך מיין פאַרלייענונג איז פּראָפעסאָר פינקעל אַרויסגעקומען מיט עטלעכע דאָקומענטן, צו באַווייזן דאָס קעגנטייל פון מיין באַהויפּטונג, אַז אסתרקע איז אַ היסטאָרישע געשעעניש און דלוגאָש (לאָנגינוס) האָט געזאָגט דעם אמת. דערנאָך האָט פּראָפעסאָר עסטרייכער גענומען דאָס וואָרט, צו געבן זיין הסכמה צו אַלעמען, וואָס פּראָפעסאָר פינקעל האָט געזאָגט. גלייכצייטיק האָט ער אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג, ווי אַזוי איך האָב אויפגעבויעט אַזאַ געוואַגטע טעזע אָן שום באַגרינדונג.

הערנדיק די דאָזיקע אַרגומענטן פון די צוויי פּראָפעסאָרן, איז מיר אַנטפאַלן די מאַמעס מילך און איך בין געבליבן אָן לשון. איך האָב אפילו נישט געהאַט דעם כוח צוזאַמענצונעמען מיינע געדאַנקען אָפּצוענטפערן אַ וואָרט — און איך בין אַנטלאָפן פונעם „שלאַכטפעלד".

איך בין אַהיימגעקומען אַ צעבראָכענער. עס האָט זיך מיר נאָר געדאַכט, אַז ס׳לוינט זיך נישט מער צו לעבן.

מיין פאָטער האָט אָנגעקוקט מיין פּנים, האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט אָבער מיך באַלד באַרואיקט: „זאָרג זיך נישט, קינדלעבן, האָסט נישט קיין מזל צו גוים, וועסטו דערפאַר האָבן מער מזל ביי יידן. דאַרפסט נאָר בלויז אַוועקוואַרפן דעם געדאַנק דיינעם, געפעלן צו ווערן עשון, ווייל דער עיקר פאַר דיינעטוועגן, איז נושא־חן צו זיין ביי יעקבן!"...

— אונדזערע יידן זענען אַזוי טיף אין גלות — האָב איך געענט־פערט — אַז ווען דו ווילסט האָבן חן ביי יידן, מוזטו זיך צוערשט איינ־קויפן אין חסד ביי גוים!...

דעם שטאַרקסטן טרייסט האָט מיר געגעבן מיין קוזינע, וואָס האָט דעמאָלט פשוט געזאָגט:

— „איך גלייב אין דיר און וועל מיט דיר גיין אַפילו ביז עק וועלט!"

האָב איך אָנגענומען איר צוזאָג, אַז זי גייט מיט מיר — און איך האָב דריי מאָנאַט שפּעטער מיט איר חתונה געהאַט.

איך האָב באַלד דערנאָך אויפגעגעבן דאָס זוכן אויסערגעוויינט־לעכע מאָמענטן אין די היסטאָרישע געשעענישן פון אַמאָל, זיי אָפּצו־לייקענען. מיר איז דעמאָלט איינגעפאַלן אָנצוהייבן מאַכן אַ נייע פּוי־לישע איבערזעצונג פון די חמשה חומשי תורה, וועלכע זאָל זיין טריי צו דער יידישער טראַדיציע — און אַזוי ווי עס פּלעגט ביי מיר דענסט־מאָל אַלצדינג גיין שנעל, האָב איך תיכף אָנגעהויבן אַרויסגעבן מיין איבערזעצונג פונעם חומש מיטן נאָמען „מקרא קדש" און אַלס מוסטער האָב איך דערווייל אַרויסגעגעבן ספר בראשית.

האָט דאָס די קראָקעווער לערער נישט געפעלן, וואָס איך זוך ווייטער נייע וועגן פאַר מיין טעטיקייט. אַזוי ווי די שטאָט האָט גע־קלונגען מיט מיין דורכפאַל ביי די פּראָפעסאָרן, האָבן די לערער געטענהט, אַז עס איז פון מיין זייט אַ חוצפּה, וואָס איך האָב זיך נישט צוערשט אָנגעפרעגט ביי קאָלעגן וועגן מיין אונטערנעמונג און איך האָב נישט געבעטן ביי זיי קיין עצה. אויסער דעם האָט זיי פאַרדראָסן, וואָס איך האָב געשריבן אין מיין הקדמה, אַז מיין איבערזעצונג וועט זיין די ערשטע פּוילישע ביבל־איבערזעצונג, אויפן סמך פון יידישער טראַ־דיציע, ווייל עס האָבן שוין דענסטמאָל עקסיסטירט אַזעלכע איבערזע־צונגען פון יידישע מחברים.

מיינע קעגנער האָבן דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אַ פּאַמפלעט קעגן מיין אונטערנעמונג. זיי האָבן געשריבן, אַז מיין איבערזעצונג טויג נישט, ווייל זי איז געמאַכט לויט דעם ליניען־סיסטעם און דער ליניען־סיסטעם טויג נישט פאַר אַ פּוילישער איבערזעצונג, ווייל דער סינטאַקסיס פון דער פּוילישער שפּראַך איז אַנדערש ווי דער סינטאַקסיס פון העברעאיש.

דערנאָך האָבן זיי געשריבן צו דער קהילה, אַז איך האָב זיך דער־לויבט צו איבערזעצן געוויסע פּסוקים קעגן דער אָנגענומענער טראַ־דיציע, ווייל איך בין אַן אָנהענגער פונעם אבן־עזרא און רד"ק, וועלכע זענען נישט אָנגענומען ביי דער אמתער אָרטאָדאָקסיע.

גלייכצייטיק האָבן זיי געשריבן צום לאַנדעס־שולראַט, אַז מיין איבערזעצונג האָט ספּעציעלע כוונות קעגן דער פון לאַנג פאַראַנענער פּוילישער ביבל־איבערזעצונג פון וואָיעק, וואָס איז פאַרהייליקט ביי אַלע קריסטן.

און ווען דאָס איז נאָך נישט געגוג געווען, מיר צו שעדיקן, האָבן זיי זיך פאַרבונדן מיט דעם באַוווסטן אַסימילאַטאָרישן שריפטשטעלער ווילהעלם פעלדמאַן, וועלכער איז געווען מיין פּאָליטישער קעגנער, ער זאָל משפּיע זיין מיינע שילער, זיי זאָלן נישט קומען צו מיינע לעקציעס. און געטאָן האָט ער דאָס אויף אַזאַ אופן: אַזוי ווי ער איז דענסטמאָל געווען סעקרעטאַר פון דער באַראָן הירש פונדאַציע אין קראָקע, האָט ער איבערגענומען דאָס אויסצאָלן די סטיפּענדיע צו מיינע שילער און דערנאָך האָט ער זיי געזאָגט, זיי זאָלן וויסן, אַז זיי קריגן נישט די סטיפּענדיע, דערפאַר וואָס זיי האָבן בדעה צו ווערן רעליגיע־לערער, נאָר ווייל זיי וועלן ווערן אַלגעמיינע לערער — און כדי צו ווערן גוטע אַלגעמיינע לערער, דאַרפן זיי זיך נישט פאַרדרייען די קעפּ מיט העברעאיש, ווייל זיי וועלן שפּעטער גאָר נישט האָבן פון דעם.

יענע צייט בין איך אויך געווען פּאָרזיצער פון אַ חברה „חובבי־תורה", ווו איך פלעג פאָרטראָגן יעדן שבת נאָכמיטיק אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע. האָט מען אַהינגעשיקט צוהערערס, וואָס האָבן דערנאָך איבערגעגעבן אין דער חסידישער צייטונג „מחזיקי הדת" אַן איבערגע־דרייטן אינהאַלט פון מיינע לעקציעס, כדי צו ווייזן, ווי ווייט איך בין אַרונטער פונעם „דרך הישר" — און צו די פּוילישע צייטונגען האָט מען געשריבן, אַז איך האַלט מיינע לעקציעס אין דייטש, ווייל איך וויל די פּוילישע יידן גערמאַניזירן.

קאַפּיטל 77

שיער נישט אַריינגעפאַלן אין חשד פון אַנאַרכיזם

אַזוי ווי איך האָב זיך באַזעצט אין קראָקע און איך האָב איבערגע־נומען דעם אַמט „פּראָפעסאָר" פאַר העברעאיש אינעם לערער־סעמינאַר, האָבן מיך די אומשטענדן דערצו געבראַכט, איך זאָל זיך אָנהויבן מער אינטערעסירן פאַר דער אַלגעמיינער פּאָליטיק, נישט בלויז פאַר דער יידישער. אַלט געווען בין איך דענסטמאָל 22 און אַ האַלב יאָר — און לויטן עסטרייכישן געזעץ פון יענער צייט האָט אַ בחור פון מיין עלטער נישט געטאָרט גאָר זיך מישן אינעם פּאָליטישן לעבן. בין איך דערפאַר

אַליין נישט געווען קלאָר מיט מיר, צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי איך זאָל זיך אָנשליסן.

בטבע איז ביז דענסטמאָל שטענדיק געווען מיין סימפּאַטיע מיט די אָרעמע פאָלקסמאסן, מיט אַלע דערנידריקטע און עקאָנאָמיש־שוואכע. האָט זיך עס אַזוי געמאַכט, וואָס איך האָב גראָד דענסטמאָל געהאט פריינטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען מיט אַ חבר, וועלכער איז אַוועק זוכן פּרנסה אין לאָנדאָן — און ער איז דאָרט אַריינגעפאלן אין אַנאַרכיסטישע קרייזן. פלעגט ער מיר צושיקן פאַרשידענע אַנאַרכיסטישע שריפטן אין יידיש — און צווישן זיי איז אויך געווען דער „ארבעטער־פריינד״, אַ לאָנדאָנער וואָכנשריפט.

שפּעטער האָט מיך יענער חבר צוגערעדט, איך זאָל פּרובירן עטוואָס אָנשרייבן, אויף צו דרוקן אינעם „ארבעטער - פריינד״.

האָב איך אָבער ביז דענסטמאָל נישט געהאט אָנגעשריבן קיין איינציקע שורה אין יידיש, ווייל כאָטש איך האָב ליב געהאַט צו לייענען יידיש, בין איך נאָך מיט מיר אַליין נישט געווען קלאָר, צי עס איז פאראנען אַ באַרעכטיקונג, אָנצוהאלטן דעם יידישן „זשאַרגאָן״ אין אַ ליטעראַרישער פאָרם. און ווען אַפילו יאָ, איז מיר געווען קשה, צי עס פּאַסט גאָר פאַר מיר, צו האָבן אַ האנט אין דעם. האָב איך זיך דעמאָלט בעראטן מיט מיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ שטאַרקער ענטוזיאסט פון דער יידישער פאָלקסשפּראַך און ער האָט אויך אַליין אָנגעשריבן פיר ראָמאנען אין יידיש, פון וועלכע דריי זענען אַרויס פון דרוק און איינער איז ערגעץ פארלוירן געוואָרן.

— די יידישע פאָלקסשפּראַך — האָט מיר מיין פאָטער דאַן געזאָגט, — איז אַ פליכט פאַר יעדן געבילדעטן מענטש, אָנצוהאלטן איר פּרעסטיזש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. ווען דו שרייבסט העברעאיש, איז דאָס טאַקע זייער שיין און לויבנסווערט. אָבער ווי לאַנג מיר האָבן נישט קיין אייגן לאנד, איז די יידישע פאָלקסשפּראַך דאָס בעסטע מיטל, אָנצוהאלטן אונדזער נאַציאָנאַליזם אין גלות. העברעאיש איז אונדזער שבתדיקע קאַפּאָטע. מוזן מיר אָבער אויך האָבן אַ קאַפּאָטע פאַר יעדן טאָג אין דער וואָך און דער שניידער, וואָס נייט בלויז וואָכנדיקע קאַפּאָטעס, איז וויכטיקער פאַרן אלגעמיינעם עולם, ווי דער שניידער פון די שבתדיקע קאַפּאָטעס...

אין יענער צייט האָב איך צווישן מיינע נישט-געדרוקטע שריפטן געהאט עטלעכע בילדלעך, וואָס האָבן נישט געקענט דענסטמאָל אין ערגעץ געדרוקט ווערן, ווייל זיי זענען געווען צו שטארק „רעוואָלוציאָנער". אַט די בילדלעך זענען אַלע געווען געשריבן אין העברעאיש. האָב איך דאן איבערזעצט איינס פון זיי אין יידיש און האָב עס אַוועקגעשיקט צום „ארבעטער פריינד".

דאָס דאָזיקע בילדל האָט געשילדערט איין טאָג פונעם 1887סטן יאָר אינעם לעבן פון צוויי אייראָפּעאישע קייסאָרים.

איינער איז געווען קייסער ווילהעלם דער ערשטער פון דייטשלאנד, וועלכער איז אין די לעצטע דריי־פיר יאָר פון זיין לעבן געלעגן גאנצע טעג שיכור און ער האָט נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. די געשעפטן פון דער רעגירונג האָט געפירט זיין מיניסטער ביסמארק מיט אַ שטאַרקער האַנט און ער האָט אויך נישט צוגעלאָזט דעם מינדעסטן בלאָז פון אַ פרייען ווינטל.

האָט מען אָבער געדארפט אָנהאַלטן דעם פּאַטריאָטיזם פון דער באַפעלקערונג, פלעגט מען דעמאָלט יעדן פאַרנאַכט אַרויסשלעפּן דעם שיכור צום פענצטער פון דער קייסערלעכער בורג, ווו עס איז געשטאַנען אַ באַגייסטערטער עולם און האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, דער קייסער זאָל זיך באַווייזן. און ווען עס האָט זיך דער קייסער באַוויזן אינעם פענצטער, איז דער דרויסנדיקער עולם אַריינגעפאלן אין באַגייסטערונג לכבוד דעם אַלטן קייסער, וועלכער האָט געקוקט מיט זיינע פאַרשיכורטע אויגן און נישט געוווסט, וואָס ער זעט.

אַן אנדערער קעניג אַזעלכער איז דענסטמאָל געווען אַלפאָנס דער דרייצנטער, וועלכער האָט אין 1887, ווען ער איז אַלט געווען איין יאָר, געעפנט (!) די אויסשטעלונג אין מאַדריד — און דער דעמאָלסדיקער מיניסטער פּרעזידענט סאַגאַסטאַ האָט געהאַלטן אַ רעדע צום קעניגל מיט די ווערטער: „אונטער דער הערשאַפט פון דיין רעגירונג בליט דאָס לאנד!"...

דאָס אייניאָריקע קליינע קעניגל איז דעמאָלט געזעסן אויפן טראָן און די אם האָט אים דאָרט צוגעהאָלפן, ער זאָל נישט חלילה אַרונטערפאלן. אַזוי ווי ער איז אָבער ביז דענסטמאָל נישט געווען צוגעוווינט, צו זען אַרום זיך אַזא מאסע מענטשן, האָט ער זיך פאַנאַנ־

דערגעווײַנט און עס איז אים דערבײַ געשען אַ קאַטאַסטראָפע, ווי עס קען פּאַסירן מיט יעדן קינד פון זײַן עלטער, אַז מען האָט אים אַזש געמוזט פאַרשטעלן פאַר די אויגן פון דער פאַרזאַמלונג, ווײַל דאָס דאָזיקע געשעעניש איז נישט געווען זייער עסטעטיש...

ווי איך האָב שפּעטער געהערט, איז דאָס דאָזיקע בילדל געווען אָפּגעדרוקט אינעם לאָנדאָנער „ארבעטער ־ פרײַנד". לײַדער האָב איך דאָס קיין מאָל נישט געזען, ווײַל עס איז קאָנפיסקירט געוואָרן אויף דער עסטרײַכישער פּאָסט.

עפּעס פּלוצלינג איז דערנסטמאָל אָנגעקומען אַ באַפעל פון ווין צו דער קראָקעווער פּאָסט, מען זאָל אַכטונג געבן אויף אַלע, וואָס באַקומען בריוו און צײַטונגען מיט אַן אנארכיסטישן אינהאַלט.

האָב איך דעמאָלט באַקומען אַן אײַנלאַדונג צו דער פּאָליצײַ, ווו מען האָט מיר מיטגעטיילט, אַז אַזוי ווי איך באַקום פון אויסלאַנד צײַ־טונגען מיט אַן אַנאַרכיסטישן אינהאַלט, דאַרף איך וויסן, אַז אַזעלכע שריפטן זענען נישט דערלויבט אין עסטרײַך און עס פּאַסט נישט פאַר אַ יונגן מאַן, וואָס פאַרנעמט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן ווי אַ פּראָ־פעסאָר פון העברעאיש אינעם לערער־סעמינאַר פון דער רעגירונג, זאָל גאָר שטיין אין פאַרדאַכט, אַז ער לייענט אַנאַרכיסטישע שריפטן.

אויף אָט דער מיטטיילונג האָב איך געדאַרפט געבן אַ שריפטלעכע דערקלערונג. איז מײַן דערקלערונג געווען, אַז איך באַקום די צײַטונגען פון אַ חבר אין לאָנדאָן, וואָס שיקט דאָס מיר בלויז ווי אַ קוריאָזיטעט — און אויף וויפל איך ווייס, איז ער אַליין אַן אומפּאַרטייאישער. און ווען איך לייען די דאָזיקע שריפטן, איז דאָס נאָר, ווײַל איך וויל ווי אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש זײַן אינפאָרמירט וועגן אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען אין דער וועלט. אָבער ווען מען טאָר נישט לייענען אַזעלכע שריפטן אין עסטרײַך, וועל איך זיך מוזן בייגן צום געזעץ.

לויט די דעמאָלסדיקע פּירונגען פון דער קראָקעווער פּאָליצײַ האָב איך געדאַרפט בענטשן גומל, וואָס איך בין איבערגעקומען אַזאַ גע־שעעניש מיט אַ ביסל מוסר און אַ שריפטלעכער דערקלערונג, ווײַל כמעט אין דער זעלביקער צײַט האָט די קראָקעווער פּאָליצײַ אָפּגעטאָן זייער אַ מיאוסע זאַך צו אַ יידישן שרײַבער מיטן נאָמען סאָלאָמאָן רובינשטיין, וועלכער איז געשטאַנען אונטער אַ חשד, אַז ער איז אַן אַנאַרכיסט.

אַט דער סאָלאָמאָן רובינשטיין, וועלכן איך האָב שוין אַמאָל דער־מאָנט, ווען ער האָט אָנגעפירט אונדזער פאַרזאַמלונג מיטן ד״ר בירנבוים, איז געווען דער זון פונעם זשאָלקיעווער מגיד, ר׳ מרדכי רובינשטיין, וועלכער האָט געהאַט אַן אַכסניא אין קראָקע. איז דער דאָזיקער זון פּלוצים אַהיימגעקומען צו זיין פאָטער, נאָך דעם ווי ער האָט זיך ארומגעוואלגערט איבער דער גרויסער וועלט און ווען ער איז געווען אין פּאַריז, האָט ער זיך געחברט מיט אַנאַרכיסטן.

עס איז כדאי צו וויסן, אַז דער זשאָלקיעווער מגיד ר׳ מרדכי רו־בינשטיין, האָט דעם דאָזיקן זון זיינעם נישט אַריינגעלאָזן אין זיין אכסניא. האָט זיך דער יונגער מאַן אַרומגעדרייט אין קראָקע עטלעכע חדשים אָן געלט און אָן אַ דאך איבערן קאָפּ.

געוואָר געוואָרן איז די פּאָליציי וועגן דעם, האָט מען דעם בחור געכאַפּט און אזוי ווי ער איז געווען אַ געבוירענער אין זשאָלקיעוו, האָט מען אים ווי אַ „בראָדיאגע״ אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ צופוס און אין מיטן ווינטער פון קראָקע קיין זשאָלקיעוו. האָט דער דאָזיקער וועג גענומען ביי אים עטלעכע וואָכן צייט, ווייל ער האָט געמוזט וואַנדערן צוזאמען מיט אַנדערע פון דעם זעלביקן שטייגער און נעכטיקן יעדע נאַכט אין אַן אַנדערער תפיסה, ביז ער איז אָנגעקומען אין זשאָלקיעוו.

כדאי נאָך צו באַמערקן, אַז סאָלאָמאָן רובינשטיין, איז שוין דענסטמאָל געווען אַ באַוווסטער דייטשער זשורנאַליסט און ער איז אויך שפּעטער געוואָרן אַ פּראָמינענטער ציוניסטישער שרייבער.

קאַפּיטל 78

מיין באַגעגעניש מיט יהודה לייב גאָרדאָן

זייט איך בין אויפגענומען געוואָרן ווי פּראָפעסאָר פון העברעאיש ביים לערער־סעמינאר אין קראָקע, האָב איך זיך שוין געדאַרפט פילן איינגעפונדעוועטער אין מיין געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע. פלעגט מיך אָבער אין דער צייט פון די זומערדיקע מאָנאטן, ווען די שולן זענען געווען געשלאָסן אָנפאלן אַ מין רייזע־פיבער. איך פלעג האַלטן אין איין אַרומפאָרן. איך בין געווען אין ווין אָדער בערלין אין אַ מין אויסטער־

לישער שטרעבונג, אַז אפשר וועט עס זיך מיר פּאַרט איינגעבן, אָנצו־קומען ערגעץ ווי אַ סטודענט אויף אַן אוניווערסיטעט.

בזה האופן איז מיר אין די לעצטע טעג פונעם חודש אויגוסט 1891 אויסגעקומען צו זיין אין בערלין, וווּ עס איז אין יענער צייט דערשינען די עלטסטע העברעאישע וואָכנצייטונג „המגיד" אונטער דער רעדאַקציע פון די צוויי ברידער שריפטשטעלער, יצחק שלמה און יעקב שמואל פוקס.

אין דער דאָזיקער רעדאַקציע, האָב איך געהערט, אַז דער גרויסער העברעאישער דיכטער יהודה לייב גאָרדאָן פון פּעטערסבורג ליגט קראַנק אין אַ האָטעל פון בערלין, וווּ ער האָט מיט עטלעכע טעג צוריק דורכ־געמאַכט אַ לעבנסגעפערלעכע אָפּעראַציע. און אַזוי ווי ער האַלט שוין אין צוריקקומען צו די כחות, איז עס פשוט אַ מצוה אים צו באַזוכן.

יהודה לייב גאָרדאָן איז דענסטמאָל ביי אַלעמען געווען פאַררעכנט ווי דער „אריה דבי עילאי" פון דער העברעאישער דיכטונג — און אין מיינע אויגן איז ער געווען דער מאָדערנער ר' יהודה הלוי, ווי היינע האָט אים געשילדערט, אַז ווען דער בורא עולם האָט אים באַשאַנקען מיט זיין מוזע, האָט ער אים אַ קוש געטאָן.

גאָרדאָנס שירים פלעגן אונדז אַלעמען באַגייסטערן ביז צום העכסטן עקסטאַז. מיר פלעגן זיי דעקלאַמירן ווי די פרומסטע פיוטים און אַמאָל אין אַ תשעה־באב האָב איך זיך צונויפגענומען מיט עטלעכע חברים משכילים, צו באַהאַלטן זיך מיט אונדזער פאַסטן, אַז אַנדערע משכילים זאָלן אונדז נישט זען און אונדז נישט אויסלאַכן — און מיר האָבן דעמאָלט יענעם גאַנצן טאָג דעקלאַמירט די שירים „במצולות ים" און „בין שיני אריות" פון יהודה לייב גאָרדאָן און איך האָב דערביי גע־גאָסן טרערן מער ווי פרומע יידן פלעגן וויינען ביי די „עשרה הרוגי מלכות".

הערנדיק, אַז יהודה לייב גאָרדאָן געפינט זיך אין אַ האָטעל אין בערלין און ער קוקט אַרויס אויף באַזוכער, בין איך תיכף געלאָפן אים זען. עפּעס האָב איך זיך געפילט פאַרפּליכטעט צו אים, ווייל ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געדרוקט מיינע אַ העברעאישע קאָרעספּאָנדענץ אינעם „המליץ" און ער האָט מיר אויך געשריבן זייער אַ פריינדלעכן בריוו פול מיט שבחים וועגן מיין שרייבן אין העברעאיש.

ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען צו גאָרדאָנען אין זיין האָטעל־צימער, האָט ער מיך תיכף געוואָלט מכבד זיין מיט אַ פּאַפּיראָס, זאָגנדיק דערביי: „אחרי אשר באתם בצל קורתי, קוריטיע מאַי פּאַפּיראָסי!" — האָב איך דאָס אָבער דאַנקענדיק נישט אָנגענומען, ווייל איך רויכער נישט אַפילו אין שבת!... האָט ער מיך נאָך פריינדלעכער אָנגעקוקט און אַ זאָג געטאָן: „עס פרייט מיך זייער צו זען אַ העברעאישן שרייבער, וואָס איז פריי פון איין מין שקלאַפעריי, וואָס איך וואָלט זייער געוועזן צופרידן, ווען איך וואָלט דאָס געקענט זאָגן וועגן זיך. אָט האָט מיך דער דאָקטאָר נישט געהייסן רויכערן צוויי טעג פאַר מיין אָפּעראַציע, האָב איך געמיינט, אַז איך ווער משוגע!"

מיין געשפּרעך מיט גאָרדאָנען האָט זיך געדרייט אַרום אַ פאַרשיידענע ענינים — און עס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ גרויסע דיכטערישע נשמה, וועלכע האָט פיל געליטן אויף דער וועלט און זי דאַרף אַפילו איצט כסדר קעמפן קעגן כלערליי חשדים און בלבולים.

גאָרדאָן האָט כסדר גערעדט און געבליצט מיט קלוגע ווערטלעך, ביז איך האָב זיך וועגן איין מיינונג זיינער דערלויבט צו זאָגן, אַז איך האָב שוין דאָס געהערט, האָט ער מיר אויף מיין באַמערקונג געענטפערט: „יעדעס קלוגע וואָרט איז שוין זיכערלעך אַמאָל געזאָגט געוואָרן, דאַרף מען דערפאַר זיין געדולדיק, ווען מען הערט דאָס נאָך אַמאָל". פּראָפעסאָר אַלכסנדר הרכבי און באַראָן גינצבורג. האָט ער לכתחילה

באַלד דערנאָך איז אים אויסגעקומען צו ריידן וועגן זיינע ווייטיקן — און אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז איך פאַרקרום מיך הערנדיק, ווייל איך האָב דעמאָלט געהאַלטן, אַז די ווייטיקן פון אַ מענטשן דאַרף יעדער האַלטן פאַר זיך און זיי נישט אַרויסטראָגן אין גאַס, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „דער שטאַרקסטער מאַן אַפילו, ווען ער ווערט פון ווייטיקן באַוועלטיקט, דאַרף זיך נישט שעמען מיט אַ זיפץ אויף זיינע אייגענע יסורים".

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געוועזן אין ערשטער ריי נייגעריק, צו הערן עטוואָס וועגן זיין שטעלונג צו דער פּעטערסבורגער יידישע געזעלשאַפט. גאַנץ באַזונדערס האָט מיך אינטערעסירט צו הערן אַ וואָרט וועגן אַלכסנדר צעדערבוימען, דעם אַרויסגעבער פונעם „המליץ", וועגן

איגנאָרירט מיינע פראַגן וועגן צעדערבוים און הרכבי, און ער האָט נאָר בלויז וועגן גינצבורגן אַ זאָג געטאָן: „אַ פּעטערבורגער פילאַנטראָפּ, אָנ־געקוקט פון דער נאָענט, שלאָגט פון אים אַזאַ קעלט, אַז מען קען פון איר אין מיטן זומער געפרוירן ווערן!"

עטלעכע מינוט שפּעטער האָט גאָרדאָן ווידער גערעדט וועגן הרכבי און צעדערבוימען.

— דער חילוק צווישן מיר און הרכבי איז, וואָס ער איז פאַראינ־טערעסירט, ווי אַזוי יידן האָבן געלעבט אַמאָל און איך וויל דער עיקר וויסן, ווי אַזוי יידן לעבן היינט. ער גראָבט אויס די מתים פון אַמאָל, צו זען, צי מען האָט זיי באַגראָבן אין אַ טלית אָדער אין אַ ארבע כנפות, און איך גראַבעל זיך אינעם לעבן פונעם היינטיקן ייד, און וויל דערגיין צי ער איז אַ געגעסענער אָדער אַ הונגעריקער!...

און ווען איך האָב איבערגעחזרט מיין פראַגע וועגן צעדערבוימען, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ כעס, אַז איך האָב אַזש מורא באַקומען, עס זאָל נישט מיט אים עטוואָס פּאַסירן. ער האָט זיך אָבער באַלד באַרואיקט און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— דער בעסטער מענטש קען נישט לעבן בשלום, ווען דער שכן זיינער וויל עס נישט!

האָב איך זיך שוין ווייטער אָנגעגורט מיט דרייסטקייט און איך האָב געפרעגט זיין מיינונג וועגן חיבת ציון, ווייל עס האָט דעמאָלט איטלעכער געהאַלטן, אַז גאָרדאָן איז אַ קעגנער פון ישוב ארץ־ישראל. האָט ער מיר דעמאָלט בפירוש דערקלערט, אַז ער איז נישט קיין קעגנער פון חיבת ציון, אדרבה, ווו ער קען נאָר, איז ער גרייט צו העלפן און די חובבי ציון האָבן אַ ווילדן טעות, ווען זיי האַלטן אים פאַר אַ קעגנער. אַזוי ווי ער האָט אַלע טאָג פון זיין לעבן געקעמפט קעגן דער ממשלה פון די רבנים איבער דער יידישער גאַס, האָט ער בלויז מורא, אַז די רבנים וועלן דורך דער אידעע פון חיבת ציון געווינען די אויבערהאַנט אין ארץ־ישראל, אַז אַנשטאָט וואָס יידן זאָלן געפינען אַ מקום־מנוחה, וועלן זיי פלוצים אַריינפאַלן אין אַ נייער נעץ פון „מצוות התליות באָרץ" וואָס קיינער וועט זיי נישט קענען געהעריק אָנהאַלטן פאַר ביאת המשיח, ווי עס האָט זיך אויך לעצטנס אַרויסגעוויזן ביי דער פראַגע פון שמיטה... „אויסער דעם מוז אַזאַ מענטש ווי איך אָפט מאָל אַרויסטרעטן

קעגן אזא איינעם ווי צעדערבוים, ווען עס איז פאַראַן אַ באַרעכטיקטער חשד, אַז ער דעקט דעם דעפיציט פון זיין צייטונג מיט די הכנסות פון די חובבי ציון!...״

ביי אַט דעם זאַג בין איך אויפגעשפרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער. אַזוי ווי איך בין געווען איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער חשד איז אַ פּשוטער בילבול פון שונאי ציון, וואָס פאַרגינען נישט צעדערבוימען דעם כבוד, וואָס ער פועלט מיט זיין שתדלנות ביי דער רוסישער רעגירונג פאַרשיידענע טובות פאַר יידן און ער האָט אויך אין יענעם יאָר אויס־געפועלט אַ דערלויבעניש, אַז די חובבי ציון אין רוסלאַנד זאָלן זיך קענען אָרגאַניזירן אין אַ לעגאַלער חברה. האָב איך דעמאָלט געוואָלט אַרויסלויפן פון גאָרדאָנס צימער מיט אַן אויסגעשריי, אַז ער איז דער גיפּטיקסטער שונא ציון וואָס איך האָב באַגעגנט. אַזוי ווי איך האָב זיך אָבער דערמאָנט וועגן זיין שטאַרקער אויפגערעגטקייט, ווען איך האָב דאָ פריער דערמאָנט דעם נאָמען צעדערבוים, האָב איך בלויז אַ זאָג געטאָן:

— עס טוט מיר פערזענלעך וויי, ווען איך זע, אַז צוליב אַ פּער־זענלעכער קעגנערשאַפט גיט דער „ראש משוררי ישראל״ זיין הסכמה צו אַ מאָראַליש נידריקער חבריא פון שונאי ציון.

גאָרדאָן האָט ווייטער געשוויגן עטלעכע מינוט און ער האָט דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— כאָטש איך ווער פאַררעכנט ווי אַ קעגנער פון חיבת ציון, בין איך דאָס דער, וואָס איך האָב פאַראינטערעסירט דעם נדבן קלמן זאב וויסאָצקי פאַר דער אידעע פון ישוב ארץ־ישראל.

ביי אונדזער ווייטערדיקן געשפּרעך וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין רוסלאַנד, האָט זיך גאָרדאָן שטאַרק געהיט מיט יעדן וואָרט. דאַביי האָט ער מיר אויך דערציילט, וואָסערע צרות ער איז אויסגעשטאַנען אינעם יאָר 1879 ווען ער איז פּלוצים דורך אַ מסירה פון זיינע שונאים אינטערנירט געווען 120 טעג אין אַ ווייטן סיבירישן דאָרף.

שפּעטער האָט גאָרדאָן אַ זאָג געטאָן: „געשיכטלעכע געבורטן זענען ווי נאַטירלעכע געבורטן, וואָס קענען נישט קומען קיין מאָל אָן יסורים. יעדעס מאָל, ווען עס קומט אָן אַ נייע געשיכטלעכע תקופה, מוז ווערן צעשטערט דאָס באַשטייענדיקע, ווייל אָן קאַמף און קעגנזאַץ איז גאָר נישט צו טראַכטן וועגן אַ פּאָרשריט אין דער געשיכטע!״

ווען איך האָב פאַרלאָזן דעם האָטעל, נאָך דעם ווי איך האָב דאָרט פאַרבראַכט ביי גאָרדאָנען אַריבער צוויי שעה, האָט מיך גאָרדאָן געבעטן, איך זאָל אים לפּחות נאָך איין מאָל באַזוכן, איידער ער פאָרט צוריק אַהיים.

אויפן דריטן טאָג בין איך ווייטער געקומען אים זען. איז גראָד יענעם טאָג אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער גרויסער יידישער היסטאָריקער פּראָפעסאָר היינריך גרעץ איז געשטאָרבן אין מינכען, בעת ער איז געווען אויף אַ באַזוך ביי זיינעם אַ זון. האָב איך די דאָזיקע נייס געבראַכט צו גאָרדאָנען, האָט זי אים אַזוי דערשלאָגן, אַז ער איז אַזש געבליבן ליגן אין בעט ווי געפּלעפּט און ער האָט אַ לאַנגע צייט נישט געקענט אַרויסריידן אַ וואָרט.

ענדלעך איז ער אַ ביסל צו זיך געקומען — און אַזוי ווי ער איז נאָך אַלץ געלעגן אויפן רוקן, ווייל דער דאָקטאָר האָט אים אַזוי געהייסן, ווען עס וועט זיך ביי אים דערוועקן דער ווייטיק פון דער אָפּעראַציע, האָט ער ביי מיר געבעטן אַ פּאַפּיר און בליישטיפט — און ליגנדיק אַזוי אויפן רוקן האָט ער אָנגעשריבן אַ „שיר" אויף גרעצס טויט מיט די ווייטערדיקע ווערטער:

עברי שכיב - מרע

מוטל על ערש דוי באַרץ נכריה,
יום ולילה בכאב אנוש נפשי הומיה,
ופתאום נדמה כאבי, חדלו אנחותי —
השמועה „גרעץ איננו!" נשתני תלאותי.
גרעץ איננו! — הבונה כמו רמים
בית לישראל בספרו „דברי הימים";
מכל העולם צבר עפרו, הקים חרבותיו,
עתה שב גם הוא אל העפר — ומי לא ישוב שמה?
ואיה כל נביאינו, חיו על האדמה?
אשריך גרעץ נביאנו, כי מזה עלית,
אחרי השלימך חקך ובית ישראל בנית...

נאָך דעם ווי איך האָב איבערגעשריבן דעם דאָזיקן שיר פון גאָר־

דאָנס האַנטשריפט, איז אָנגעקומען יעקב שמואל פוקס, דער רעדאַקטאָר פונעם „המגיד“. האָט מיך גאָרדאָן געפרעגט, צי איך האַלט אַז ער זאָל דעם דאָזיקן שיר איבערגעבן צו דרוקן אין המגיד? איך האָב דעמאָלט אויסגעדריקט מײַן באַגייסטערונג פאַרן שיר. איך האָב זיך בלויז אויס־געבעטן, איך זאָל זיך קענען באַהאלטן גאָרדאָנס מאַנוסקריפּט.

ווי ווייט דאָס איז פאַר מיר מעגלעך, וויל איך דאָ אויך געבן אַ וועריטערלעכע איבערזעצונג פון גאָרדאָנס שיר:

ווערטער פון א שווער - קראַנקן

אַנידערגעוואָרפן אויפן קראַנקן־בעט אין אַ פרעמד לאַנד,
טאָג און נאַכט אין אַ שרעקלעכן שמאַרץ זעעליש פאַריאָמערט,
און פלוצים מײַן שמאַרץ פאַרשטומט, אויפגעהערט האָבן מײַנע
זיפצן,
„גרעץ איז נישטאָ מער“! האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן מײַנע
באַשווערלעכקייטן.
גרעץ איז נישטאָ מער, וועלכער האָט אויסגעבויט אַזוי הויך
אַ הויז פאַר יידן, אין זײַנע געשיכטס־ביכער.
פון דער גאַנצער וועלט צונויפגענומען האָט ער דעם שטויב.
אויפצושטעלן די חורבה,
איצט איז אויך ער צוריקגעקערט צום שטויב — און ווער וועט
נישט דאָרט צוריקקערן?
און ווייל איז דיר, גרעץ אונדזער נביא, וואָס דו ביסט פון
דאַנען אַוועק,
נאָך דעם ווי דו האָסט פאַרענדיקט דײַן באַשטימונג און
אויפגעבויט אַ הויז פאַר יידן!...

קאַפּיטל 79

דער „המגיד" האָט גענומען דערשיינען אין קראָקע

ווען דער העברעאישער שריפטשטעלער דוד גאָרדאָן איז אין יאָר 1886 געשטאָרבן אין ליק, איז די פאַמיליע זיינע געבליבן בעירום ובחוסר — און אַזוי ווי דער פאַרשטאָרבענער איז חוץ אַ שרייבער אויך געווען אַ באַקאַנטער טוער אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן, האָבן זיך עטלעכע עסקנים צונויפגענומען, צו העלפן דער אלמנה, זי זאָל קענען ווייטער אַרויסגעבן די צייטונג.

דוד גאָרדאָן האָט איבערגעלאָזן אַן איינציקן זון און דריי טעכטער. האָט דער דאָזיקער זון געדאַרפט איבערנעמען די רעדאַקציע. האָט אָבער דער דאָזיקער ממלא מקום נישט געקענט אַפילו דעם יידישן אלף־בית. האָט דערפאַר די אלמנה געדאַרפט יעדעס מאָל דינגען אַן אַנדערן העב־ברעאישן שרייבער פאַר אַ רעדאַקטאָר און האָט אָנגעפירט די צייטונג ביז צו דער מיט פון 1900, ווען די זעצערס פון דער צייטונג האָבן זיך ענדגילטיק אָפּגעזאָגט צו זעצן, דער רעדאַקטאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שרייבן און דער דרוקער האָט נישט מער געוואָלט דרוקן.

האָט דעמאָלט די אלמנה איבערגעגעבן די צייטונג צו די צוויי ברידער־שריפטשטעלער: יצחק שלמה און יעקב שמואל פוקס, וואָס האָבן אַריבערגעפירט די צייטונג קיין בערלין. זיי האָבן אויך אָנגעפירט די צייטונג אַ יאָר צייט און האָבן זי געמוזט אויפגעבן, נישט־קענענדיק ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט. האָט דעמאָלט די אלמנה אַנאָנסירט אינעם „המליץ", אַז זי איז גרייט איבערצוגעבן דעם „המגיד" אין אַ רענדע פאַר אַ געוויסער סומע יערלעך. האָב איך זיך צו איר גע־ווענדעט, אַז איך וויל איבערנעמען דעם „המגיד" און איך וועל איר צאָלן 500 מאַרק אַ יאָר.

וואָס די אלמנה האָט דענסטמאָל געהאַט איבערצוגעבן, איז געווען אַ רשימה פון אַבאָנענטן, וועגן וועלכן זי האָט נישט געוווסט, אַז די ברידער פוקס האָבן איר נאָך דאָס נישט אָפּגעשיקט.

אין אַט דעם רייסטער זענען געווען פאַרצייכנט די נעמען און אדרעסן פון עטלעכע צענדלינק אַבאָנענטן, וואָס דער „המגיד" האָט געהאַט אין ענגלאַנד און אין די וויטסטע אפריקאַנישע לענדער, וואָס

כאַטש זיי האָבן נישט געקענט לייענען קיין העברעאיש, האָבן זיי געפילט אַ פליכט, צו אונטערשטיצן די צייטונג, באַטראַכטנדיק זי ווי אַ מיטל פאַר דער אויפקלערונג פון די יידן אין רוסלאַנד.

דערווייל האָב איך זיך אַרומגעקוקט, ווו איך קען ערגעץ קריגן די נייטיקע סומע געלט פאַר די ערשטע שריט, צו קענען איבערנעמען דעם „המגיד". איז איינער פון מיינע אונטערשטיצער, אויף וועמען איך האָב געהאַט אַן אויג, געווען דער בוכדרוקער יוסף פישער, ביי וועלכן איך האָב דערוואַרטעט, אַז ער וועט מיר געבן דריי מאָנאַט קרעדיט פאַר' דרוק און פאַפיר.

נאָך דעם ווי איך האָב דאָס געהאַט מיט אים אָפּגעמאַכט, האָט זיך פּלוצים אונטערגערוקט דער ייִנגערער פון די צוויי ברידער פוקס, יעקב־שמואל, וועלכער האָט אויך געהאַט אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט פישערן — און פישער האָט געהאַלטן בעסער פאַר נייטיק צו געבן די עטלעכע הונדערט גולדן קרעדיט צו יעקב־שמואלן, וועלכער איז דאַן געקומען קיין קראָקע.

יעקב־שמואל פוקס האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין קראָקע אויף אַ גאַנץ אַנדערן שטייגער ווי ראובן אשר ברוידעס, וואָס פלעגט פירן דאָס געשעפט הפקרדיק. פוקסן האָט זיך איינגעגעבן, זיך צו פאַר־וואָרצלען אין קראָקע, איידער ער האָט נאָך אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיין צייטונג. האָט ער צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון העברעאיש־לייענער, צו גרינדן אַ פאַראיין מיט דער אויפגאַבע, צו פּראָפּאַגאַנדירן דאָס באַדערפעניש צו לייענען העברעאיש.

איז דעמאָלט געקומען מיט מיר צוזאַמען די גאַנצע גרופּע יונגע העברעער, אַלע מיינע חברים — און עס האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אַ סך גאַנצע און האַלבע משכילים. עס איז אויך געקומען אברהם גינצלער, דער אַמאָליקער רעדאַקטאָר פונעם „התור" און איצטיקער פאָרשטייער פון די „מחזיקי הדת". געקומען איז אויך אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער „הצפירה", אַ חסידישער ייד מיטן נאָמען ישראל קראַסוצקי און נאָך פיל אַנדערע.

קיצור הדבר: יעקב־שמואל פוקס האָט אונדז דאַן אָרגאַניזירט אין אַ פאַראיין מיטן נאָמען „שפת אמת" — און כדי צו קענען צוציען מענטשן פון די חסידישע קרייזן, ביי וועלכע איך האָב דענסטמאָל נישט

געהאט קיין אָנהענגער, האָב איך נישט געגעבן מיין נאָמען צווישן די גרינדער פון אָט דעם פאַראיין.

ראובן אשר ברוידעס פלעגט זיך האַלטן ווייט פון יעדער רעליגיעזער טעטיקייט. עס פלעגן אויך פאָרקומען מאָמענטן, וואָס מען האָט אים באַגעגנט אין אַ שכורן צושטאנד. פלעגט דאָס נישט געבן קיין באַזונדערן פרעסטיזש צו די משכילים, וואָס האָבן זיך געשאַרט אַרום אים. אַנדערש איז שוין געווען די פירונג פון אונדזער יעקב־שמואל פוקס. ווען מען איז צו אים אַריינגעקומען אין שטוב אין דער פרי, פלעגט מען אים טרעפן דאַווענען. שבת איז ער געגאַנגען דאַווענען אינעם בית־המדרש „בני אמונה". איז דאָס דעם עולם שטאַרק געפעלן. ער פלעגט אויך זיצן ביי זיך אין רעדאַקציע אין אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ. דערצו האָט ער מיט די באַזוכער גערעדט העברעאיש מיט אַ ליטווישער עברי.

אין אָנהויב האָב איך אים שטאַרק געהאָלפן אין זיין רעדאַקציאָנעלער טעטיקייט. איך האָב פאַר אים געשריבן צענדליקער אַרטיקלען אומזיסט, איך האָב אים אויך געהאָלפן שרייבן בריוו און איך האָב אים בכלל אָוועקגעגעבן פיל צייט.

צו מיין גרויסן באַדויערן איז אָבער גאָר אין גיכן אויסגעבראָכן אַ מיספאַרשטענדעניש צווישן אונדז. מיט אַלע מיינע חושים האָב איך דענסטמאָל געגלויבט אין דער נויטווענדיקייט, צו באַנייען די העברעאישע שפּראַך און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך בין באַרופן, צו העלפן שאפן אַ מאָדערנעם העברעאישן סטיל. מיינע געדאַנקען האָבן זיך דעמאָלט באַוועגט בלויז אַרום דער לעבעדיקער קעגנוואַרט און עס זענען ביי מיר יעדן טאָג געבוירן געוואָרן נייע שפּראַכלעכע „חידושים" אין העברעאיש.

האָט זיך מיר פוקס ווי אַ רעדאַקטאָר אָוועקגעשטעלט ווי אַ ביין אין האַלדז, ווייל ער איז אין זיין שפּראַך געווען זייער קאָנסערוואַטיוו און ער האָט נישט געוואָלט זיך באַנוצן מיט קיין וואָרט אָדער אַ ווענדונג, וואָס געפינט זיך נישט אין תנ"ך.

די ערשטע מחלוקה צווישן אונדז איז געווען וועגן מיינעם אַ מאמר מיטן נאָמען „חדשה ספרותית", וועלכער איז אים נישט געפעלן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אָנערקענען דאָס וואָרט „ספרות" פאַרן וואָרט ליטעראַטור און ער פלעגט אַנשטאָט דעם געברויכן דאָס וואָרט „ספרה",

וועלכעס געפינט זיך אין תנ״ך און קעגן וועלכן איך האָב געטענהט, אַז ספרה באַצייכנט אַן איינצעלן בוך און נישט די גאַנצע ליטעראַטור.

צוליב פאַרשיידענע פּאָליטישע אומשטענדן איז דענסטמאָל אָנגע־גאַנגען אַ שטאַרקע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג צווישן אַ גרויסן טייל פון דער יידישער יוגנט, וועלכע האָט ביז צו יענער צייט נישט געוואָלט גאָר נישט וויסן פון יידן און יידישקייט, די הויפּט־סיבה פון דער דאָ־זיקער ווענדונג איז געווען, וואָס די פּאָליאַקן האָבן דענסטמאָל געוואָלט באַטראַכטן די יידן ווי אייגענע און מיט זיי פאַרגרעסערן די צאָל פון זייער נאַציאָנאַליטעט. אָבער אַריינגעמען יידן אין זייער געזעלשאַפט, האָבן זיי אַבסאָלוט נישט געוואָלט.

יידן־שריפטשטעלער, וואָס האָבן געשריבן פּויליש, האָט מען געלאָזט אַגיטירן פאַר דער פּוילישער נאַציאָנאַליטעט. אָבער אָנערקענען זיי פאַר פּאָליאַקן, האָט מען נישט געוואָלט. די גאַנצע פּוילישע נאַציע האָט זיך געגרויסט מיט יידישער פעאיקייט און ענערגיע אויף אַלע געביטן פון דער עקאָנאָמיק. האָט זיך אָבער אַ ייד אַרויסגעהויבן אין זיינע דערגרייכונגען איבער דער דורכשניטלעכער אַלגעמיינהייט, האָט מען אים געלייגט שטיינער אין וועג און עס האָט זיך אויך נישט זעלטן געהערט אַ געשריי, אַז יידן פאַרנעמען די גאַנצע עקאָנאָמיק פונעם לאַנד און זיי מאַכן ענג דאָס לעבן פון די אמתע פּאָליאַקן, על־כן איז „הבה נתחכמה!״...

האָט זיך דעמאָלט אַנטוויקלט צווישן דער יידישער יוגנט אַ באַווע־גונג קעגן די דאָזיקע שרייערס — און דער צענטער פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווען אין לעמבערג. האָט זיך מיר דעמאָלט זייער געוואָלט, אַריינפירן אַן אָפּקלאַנג פון אָט דער באַוועגונג קיין קראָקע. עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן די עפנטלעכע מיינונג אויף דער קעגנערשאַפט פון אונדזער יוגנט צו די, וואָס ווילן אונטערדריקן דעם פּראָגרעס אינעם יידישן לעבן. האָב איך נישט געהאַט אין מיר געניג כחות, דאָס צו טאָן, כאָטש דער טייל פון דער קראָקעווער יוגנט וואָלט דעמאָלט זיכערלעך געגאַנגען מיט מיר.

די יידישע גאַס אין קראָקע איז דענסטמאָל געשטאַנען אונטער דער השפעה פונעם אַסימילאַטאָר ווילהעלם פעלדמאַן, וואָס פלעגט זיך אָקעגנשטעלן אַלע יידישע באַשטרעבונגען. פון איין זייט האָט ער גע־

וואָלט אָוועקפירן די יידישע יוגנט צו די פּויליש־ראַדיקאַלע קרייזן — און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ האַנט ביי אַלע פילאַנטראָפּישע אינסטי־טוציעס פאַר יידישע סטודענטן, האָט ער קאָנטראָלירט די געדאַנקען פון אַלע יענע יונגע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט געניסן מאַטעריעל פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס.

עטלעכע חדשים פריער האָט אויפגעהערט צו דערשיינען די אַסי־מילאַטאָרישע צייטונג „אָיטשיזנאַ", וועלכע איז אַמאָל אַרויסגעגאַנגען האַלב פּויליש און האַלב העברעאיש — און שפּעטער איז זי דערשינען אין גאַנצן אויף פּויליש, ווייל אַ טייל ראַדיקאַלע יידן אין לעמבערג זענען פלוצים געוואָרן אָנגעשטעקט מיט פּראָלעטאַרישע און אינטערנאַ־ציאָנאַלע אידעאַלן, פלעגן זיי אַרויסטרעטן קעגן דער יידישער בור־זשואַזיע, אָן אַן אונטערשייד צי זי איז אַסימילירט אָדער נישט. האָט מען דערפאַר אויפגעגעבן דאָס גאַנצע דערשיינען פון דער אַסימילאַטאָ־רישער צייטונג.

אין דער זעלביקער צייט איז אין לעמבערג דערשינען אַ פּוילישע בראָשור מיטן נאָמען „וואָס דאַרף זיין דאָס פּראָגראַם פון דער יידישער יוגנט?", אַרויסגעגעבן פונעם דאָרטיקן פאַראיין „ציון". האָב איך געוואָלט שרייבן וועגן דעם אין „המגיד" אונטער פוקס רעדאַקציע. האָט דאָס פוקס נישט געוואָלט דרוקן. אַזעלכע אַרטיקלען, האָט ער געטענהט, קענען בלויז אויפרייצן די גוים און יידן קענען זיי גאָר נישט העלפן. ווען יידן ווילן בויען קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, איז ער מיט זיי, אָבער וועגן אַ יידישן נאַציאָנאַליזם אין גלות טאָר מען גאָר נישט ריידן!...

שפּעטער האָט זיך צווישן אונדז אַנטוויקלט אַ שאַרפע קעגנער־שאַפט. ווען איך האָב געזען, אַז ער האָט נישט קיין שום חשק, עטוואָס צו געבן צו דער אלמנה פון דוד גאָרדאָן, אַז די לאַגע פון דער צייטונג איז אַפילו אַזעלכע, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין איבעריק געלט. האָב איך אָבער געוואָלט, ער זאָל איר דאָס שרייבן און דער־קלערן, אַז ער אָנערקענט איר רעכט און לכשירחיב וועט ער איר אַלצדינג באַצאָלן. אַנשטאָט דעם האָט ער גאָר אין זיין בריוו צו דער אלמנה געזאָגט, אַז ער איז איר גאָר נישט שולדיק, ווייל ווען זי האָט נישט געקענט ווייטער אָנפירן איר מאַנס צייטונג, איז ער געקומען ווי אַ „מלאך הגואל" און האָט אַראָפּגענומען די משא אויף זיין פּלייצע. און

היות זי האָט נישט געוואָלט אָנערקענען זיינע תירוצים, האָט ער אָנגע־רופן זיין צייטונג „המגיד החדש", אַז דאָס איז כלומרשט נישט מער די אַלטע צייטונג, נאָר אַ נייע...

בין איך דעמאָלט שאַרף קעגן דעם אַרויסגעטראָטן און איך האָב אויפגעשטורעמט די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג אין קראָקע. דערווייל איז אויך צוגעקומען, וואָס אָן אַנדערער העברעאישער שרייבער, משה אָרענשטיין, האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ העברעאישע זאַמלשריפט מיטן נאָמען „השחר החדש", וועלנדיק זאָגן, אַז דאָס איז כלומרשט אַ פאָרזעצונג פון פרץ סמאָלענסקינס „השחר", דער אָרענשטיין האָט אויך גאָר נישט געפרעגט ביי סמאָלענסקינס אלמנה.

פוקס האָט פאַרגעלייגט אונדזערע ביידנס טענות פאַר אַ בוררות, וועלכע האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין גאַנצן אויף זיין זייט און איך האָב אָנגענומען דעם אורטייל. עס האָט מיך אַפילו געפרייט, וואָס מיין קעגנערשאַפט האָט אים נישט געשאַט מאַטעריעל. נאָך מער צופרידן בין איך געווען, ווען איך האָב געזען, אַז ער פירט אָן דעם „המגיד" מיט אַ שטאַרקער ענערגיע און אַז די צייטונג דערשיינט רעגלמעסיק.

דער „המגיד" איז אויך דעמאָלט אין גאַליציע געווען די ערשטע העברעאישע צייטונג, וואָס האָט געהאלטן אַ באַצאָלטן מיט־רעדאַקטאָר און זי האָט אויך געצאָלט אַזעלכע מיטארבעטער ווי ראובן ברײנין, ראובן אשר ברוידעס, יהודה ליב לאנדא און יוסף קלויזנער.

אין יענער צייט פלעגט אַ וואָכנצייטונג אין גאַליציע דאַרפן האָבן צוויי נעמען, איין וואָך אזוי, און די אַנדערע וואָך אַנדערש, אויסצומיידן די נויטיקייט פון האָבן ליגן ביי דער רעגירונג קויציע פון דריי טויזנט גולדן אין מזומן און צאָלן אויסער דעם אַ שטייער פון איין סענט פאַר יעדער קאָפּיע פון דער צייטונג.

האָט מען דעמאָלט פוקסן געמסרט, אַז די צייטונגען זיינע, וואָס איינע הייסט „המגיד החדש" און די אנדערע הייסט „המגיד לישראל", זענען טאַקע נישט מער ווי איינע. האָט ער געמוזט זוכן מיטלען צו האנדלען לויט געזעץ — און ער האָט אויך געפונען אַ וועג צו יענע קראָקעווער משכילים, וואָס זענען געווען ביכולת אים צו העלפן. איז דעמאָלט צונויפגעקליבן געוואָרן פאַר זיינעטוועגן די נויטיקע קויציע און כדי ער זאָל נישט מער וויסן פון קיין נויט, האָט מען אים אויך

פאַרשדכנט צו אַ רייכער מיטליעריקער אלמנה, אַ מאַמע פון זעקס קינדער, וואָס האָט אויך שפּעטער, ווען זי איז געוואָרן זיין כּרוי, נישט אויפגעהערט צו קינדלען...

ער האָט אַלזאָ מקריב געווען זיין יוגנט פאַר דער אידעע פון קענען אַרויסגעבן דעם „המגיד". ער איז דעמאָלט געווען אַן אימפּאַזאַנטער שיינער יונגער מאַן פון 25 יאָר.

ווען איך בין דעמאָלט אַוועק פון קראָקע, צו איבערנעמען אַ נייעם פּאָסטן ווי אַ לערער אין לעמבערג, בין איך מיט פוקסן געווען בלויז האַלב ברוגז, אָבער אַזוי ווי זיין צייטונג איז געשטאַנען ווי אַ וואַנט קעגן אַלע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, פאַר וועלכע איך האָב זיך דעמאָלט געווידמעט, האָב איך אַ קורצע צייט שפּעטער אין גאַנצן איבערגעריסן יעטוועדע באַציאונג מיט אים און מיר האָבן זיך דאַן ביידע פאַר אַ צייט פון צוויי צענדליק יאָרן באַהאַנדלט ווי דורכאויסיקע שונאים אָן שום איינזעעניש.

קאַפּיטל 80

אין אַנדענק פונעם קראָקעווער בוכהענדלער הערצאָג און אנדערע טיפּן

ביי מיין פאַרלאָזן פון קראָקע, האָב איך זיך מיט באַדויערן אַרומגעקוקט איבער די פאַרשיידענע טיפּן פון מיין געבוירן־שטאָט, וואָס אייניקע פון זיי האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף דער פּירונג פון דער שטאָט און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָן זייער צושטימונג טאָר מען זיך אַפילו נישט אַ ריר טאָן.

געווען איינער, באַוווסט ווי דער גרעסטער שטאָט־חכם. דער נאָמען זיינער איז געווען קלמן פּיצעלע. פלעגט מען אים נעמען פאַר אַ בורר ביי די שווערסטע סכסוכים צווישן חברים אָדער שותפים — און וואָס ער פלעגט זאָגן, איז געווען אָנגענומען ווי אַ חק ולא יעבור. זיינע ווערטלעך פלעגט אויך איטלעכער נאָכזאָגן, גלייך ווי מען זאָגט נאָך, להבדיל, אַ פּסוק פון דער תורה אָדער אַ מאמר פון דער גמרא.

אין מיין צייט פלעגט מען שוין אַפילו נישט זייער שטאַרק האַלטן פון אים. עפּעס האָט ער זיך אַמאָל ביי איינעם פון זיינע בוררותן

באַנאַרישט און ער האָט זיך געלאָזט משחד זיין. דערצו איז ער אויך געווען באַטייליקט ביי אַ שווינדל און ער האָט זיך קוים אָפּגעראַטעוועט פון תפיסה מיט אַ משוגענעם טריק, וואָס פּאַסט זיך נישט נאָכצודערציילן. האָבן די דאָקטוירים דערקלערט, אַז ער איז נישט ביים קלאָרן זינען.

פון דעסטוועגן האָט ער נישט פאַרלוירן זיין פרעסטיזש ביים עולם. מען האָט אים טאַקע נישט מער באַנוצט פאַר בוררותן, מען פלעגט אָבער נאָכזאָגן זיינע ווערטלעך — און ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען אַ לאַנגע צייט דערציילט זיינע שבחים.

געווען נאָך איינער אַ ייד, אַ שדכן מיטן נאָמען וועבער. יעדע נאַכט פלעגט מען אים טרעפן ביי אהרן פויסטן אין דער בוכהאַנדלונג, ווו מען פלעגט דעמאָלט דורכלופטערן אַלע שידוכים פון דער שטאָט. ער האָט געהאַט אַ צוטריט צו די רייכסטע יידישע הייזער אין קראָקע און ער האָט אויך געהאַט פאַרבינדונגען מיט די רייכע יידישע הייזער אין אַנדערע שטעט.

יעדער בחור און יעדעס מיידל פון די רייכע קראָקעווער פאַמיליעס איז געווען ביי אים פאַרשריבן אין אַ רעגיסטער — און טאָמער האָט עמיצער געוואָלט טאָן אַ שידוך אָן זיין הילף, איז דאָס נישט געווען מעגלעך. אינעם בית־המדרש, ווו ער האָט געדאַוונט, פלעגט מען אים רופן דער בת־קול, ווייל איידער דער מחותן האָט אים נאָך גערופן וועגן אַ שידוך פאַר זיין זון אָדער טאָכטער, האָט ער שוין געהאַט אָנגעמאָסטן דעם אַנדערן מחותן און ער האָט אויך באַשטימט די הויך פונעם נדן וואָס ביידע צדדים דאַרפן געבן.

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אויך געהאַט אונטערהעלפערס. איינער אַזעלכער איז געווען אַ ייד מיט זעקס פינגער ביי זיין רעכטער האַנט מיטן נאָמען בנימין, וועלכער האָט געהאַט צוטריט בלויז צווישן מיטל־קלאַס־באַלעבאַטים, ווו עס האָט נישט געפּאַסט פאַר וועבערן צו האָבן דאָרט אַ האַנט.

געווען אויך איינער אַ גביר, וואָס מען פלעגט ביי אים איינלייגן כמעט יעדן נדן אין שטאָט, פאַר וועלכן ער פלעגט צאָלן אַ קליינעם צינז. דאַכט זיך אויך, אַז ער פלעגט די אַלע נדן־געלטער אָוועקלייען אויף גרעסערע צינזן. די מענטשן, וואָס האָבן ביי אים דאָס געלט איינגעלייגט, זענען

מערסטנס געווען פונעם אָרעמען קלאַס — און די סומע געלט פון אַזאַ נדן האָט געוויינטלעך באַטראָפן צווישן 150 און 300 ריינישׂ, (צווישן 60 און 120 אַמעריקאַנער דאָלאַר). קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען דער דאָזיקער מענטש האָט פּלוצים באַנ־קראָטירט און מען האָט ביי אים נישט צוריקבאַקומען אַפילו אַ פּרוטה.

אויף וויפל איך געדענק, איז דער נאָמען פון דעם דאָזיקן פאַרשוין געווען מאיר אלעזר. ער איז אויך געווען אַ ייד אַ למדן און אפשר דריי יאָר צייט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער וועלט און עס האָט נישט קיינער געוווסט, ווו ער געפינט זיך, ווייל מען האָט אים כסדר געזוכט פונעם געריכט, צו אַרעסטירן.

די מעגלעכקייטן פאַרן לעבן פון אַ קראָקעווער ייד זענען דעמסט־מאָל געווען זייער באַשרענקטע: אויף יעדן גולדן ריוח זענען געווען צענדליקער בעלנים. ביז אַ מענטש האָט זיך צוגעשלאָגן צו אַ פּרנסה, האָט ער געדאַרפט דורכמאַכן שבעה מדורי גיהנם מיט כלערליי צרות און עס איז דעמאָלט ווירקלעך געווען קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים־סוף.

ס׳רוב זענען קראָקעווער יידן געווען דעמסטמאָל סוחרים אָדער שענקערס. מען האָט געקענט טרעפן יידן שניידערס, שוסטערס, גאָלד־שמידן, זייגער־מאַכערס, טאַפּעצירערס, שירם־מאַכערס, שייטל־מאַכערס, משגיחים, רבנים, דיינים, שמשים, שוחטים, מלמדים וכדומה.

אין יענע יאָרן האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין קראָקע אַ שטיקל אינדוסטריע מיט ווייסן און שוואַרצן פאָדעם, וועלכן מען האָט באַצויגן פאַרטיק פון ערגעץ אַנדערש און אין קראָקע האָט מען בלויז געהאַט אַ מאַשינעריע, צו אויפוויקלען דעם פאָדעם אויף ברעט־טעלעך. אַפילו די דאָזיקע טאָוולענע ברעטעלעך זענען געמאַכט געוואָרן ערגעץ אַנדערש. אין קראָקע האָט מען בלויז אויפגעדרוקט דעם נאָמען פון אַ פירמע און אַרויפגעוויקלט דעם פאָדעם.

געטאָן האָט מען דאָס מיט דער הילף פון אַ מחנה ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע האָבן פאַרדינט פון 25 ביז 50 קרייצער (10 ביז 20 אַמעריקאַנער סענט) אַ וואָך פאַר צען שעה ארבעט אין טאָג — און אַזוי ווי דער פּרייז פון אַזאַ ברעטעלע פאָדעם, געקויפט איינצעלן, איז געווען איין קרייצער, קען מען זיך שוין משער זיין, וואָס פאַר אַ פאַרדינסט עס האָט געקענט אין דעם שטעקן.

אַ ביסל שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנדער מין אינדוסטריע. מען האָט ביי אונדז פאַבריצירט לעדערנע אָדער לייוונטענע בייטעלעך. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן מאַכן אויבערטיילן פון שיך. האָט דאָס שוין געבראַכט אַ שטיקל פּרנסה פאַר יונגע לייט און מיידלעך, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין דינען אָדער אַרבעטן ביי אומפּאַסיקע אַרבעטן.

צווישן די אינטערעסאַנטערע קראָקעווער טיפּן איז געווען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש דער בוכהענדלער זיגמונד הערצאָג, וועגן וועלכן עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט גאָר געהייסן עזריאל.

געקומען איז ער פון ערגעץ אין אונגאַרן און געהאַנדלט האָט ער מיט דייטשע ביכער. ווען מיין פאָטער האָט מיך דאָס ערשטע מאָל פאַר אים פאָרגעשטעלט, האָט מען ביי אים אין געוועלב געדאַרפט אַרונטערנעמען דאָס היטל ווי, להבדיל, אין אַן אַפּטייק אָדער אויף דע־ פּאָסט.

עס דאַכט זיך מיר אויך, אַז ער איז אין יענער צייט געווען פיל פרייער אין זיין פירונג ווי שפּעטער: ער פלעגט זיך דענסטמאָל באַקלאָגן, אַז דאָס חסידות פאַרשפּרייט פינצטערניש אויף דער וועלט. עס האָט אויך איטלעכער געוווסט, אַז ער איז אַ מיטגליד אין דער רעפאָרמירטער טעמפּל־געמיינדע, וווּ מען איז גאָר נישט מקפּיד אויף פרומקייט.

שפּעטער, געדענק איך, איז ער זייער פרום געוואָרן. יעדעס מאָל, ווען עס איז אים אויסגעקומען צו דערמאָנען אַ העברעאיש וואָרט, האָט ער אָנגעטאָן אַ יאַרמולקע, דאָס נעמלעכע האָט ער אויך געטאָן, ווען ער האָט עפּעס אַמאָל געגעסן אין זיין געוועלב, ווייל ער האָט שוין דענסטמאָל נישט גענומען גאָר אין מויל אַריין אָן אַ ברכה.

דאָס געוועלב זיינס איז געווען אַ זאַמל־פּלאַץ פאַר כלערליי מיני בטלנים און מאָדערנע לייט, משכילים. ער איז געווען אַ גוטשטייענדיקער האַרציקער מענטש — און אַזוי ווי ער אַליין האָט נישט געהאַט קיין קינדער, האָט ער אין דער ערשטער ריי געזאָרגט פאַר יענעמס קינדער.

געווען אין קראָקע אַ חברה „מגדלי יתומים״, וועלכע האָט געהאַט אַן אייגן הויז ווו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן צענדליקער יתומים, און דאָרטן איז געזאָרגט געוואָרן פאַר זייערטוועגן ביז צו דער בר־מצוה. האָט זיך אונדזער הערצאָג צוריק מיט יאָרן מוסר־נפש געווען צו

גרינדן אַ פאַראיין, וואָס זאָל זיך זאָרגן פאַרן יתום נאָך דער בר־מצוה, אָפּצוגעבן אים צו אַ בעל־מלאכה, ווו ער זאָל באַקומען זיין עסן און שלאָפן. און כדי דאָס ייִנגל זאָל דאַרפן זיין די גאַנצע צייט פון זיין לערנען די מלאכה אונטער דער השגחה פונעם פאַראיין, האָט מען אים פון דאָרט באַזאָרגט מיט מלבושים.

דער נאָמען פון אָט דעם פאַראיין איז געווען „הזהרו בבני עניים". אָבער אַזוי ווי די פּאָלקסמאַסן פלעגן נישט קענען נאָכזאָגן אזא נאָמען, פלעגט מען דעם דאָזיקן פאַראיין רופן „די הוזארן". אַנדערע האָבן אויך נישט געקענט זאָגן „פאַראיין", פלעגן זיי די חברה רופן: „די פריינד".

אזוי ווי אונדזער הערצאָג איז אַמאָל געווען אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד אינעם רעפאָרמירטן טעמפּל און ער איז אויך געווען דער גרינדער און פירער פון די „הזהרו בבני עניים", פלעגט ער זיך לאָזן טיטולירן „הערר פאָרשטייער".

גערעדט האָט ער דייטש, טאַקע דעם אמתדיקן דייטש, פלעגט ער זיין זייער צופרידן מיט מיר צו ריידן, ווייל ווען איך האָב מיט אים גערעדט, האָט זיך מיר קיינמאָל נישט פאַרפּלאָנטערט אונטער דער צונג אַ „זשאַרגאָניש" וואָרט. הונדערטער טאַטעס, וואָס האָבן נישט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט זייערע קינדער, פלעגן אים באַלאַגערן און בעטן עצות. פלעגט ער דאַן איטלעכן געבן די איינע עצה, אָפּצוגעבן דאָס ייִנגל צו אַ בעל־מלאכה. דערביי פלעגט ער אויסנעמען אַ תנאי, דאָס ייִנגל זאָל צו אים קומען יעדן שבת לערנען די סדרה פון דער וואָך.

פאַר אָט דעם צוועק האָט אים דער קראָקעווער שולראַט דערלויבט צו באַנוצן די צימערן פון יענע שטעטישע שולן, וואָס זענען פאַרמאַכט אום שבת, ווייל די מערהייט פון זייערע שילער זענען געווען ייִדן.

אין פאַרלויף פון די יאָרן איז הערצאָג שטאַרק פאַראָרעמט גע־וואָרן. אזוי ווי ער פלעגט כסדר פאַרנאַכלעסיקן די אייגענע פּרנסה און שטענדיק זיך אָפּגעגעבן מיט קהלשע אָנגעלעגנהייטן, איז די בוכ־האַנדלונג זיינע געבליבן ביי עטלעכע קונים, וואָס האָבן ביי אים אַבאָ־נירט אויף דייטשע זשורנאַלן און ראָמאַנען אין העפטן. זענען די דאָזיקע קונים פון יאָר צו יאָר געוואָרן ווייניקער — און איידער ער איז אין 1913 געשטאָרבן, האָט ער נעבעך אַליין געדאַרפט אָנקומען צו מענטש־לעכער ווילטעטיקייט.

פון דער ערשטער צײַט אָן, וואָס איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ „תכלית", פּלעגט מיך מײַן פֿאָטער צופֿירן צו הערצאָגן אין געוועלב, ער זאָל געבן אַן עצה, וואָס איך זאָל טאָן. ער האָט שטענדיק געראַטן, מײַן פֿאָטער זאָל מיך אָפּגעבן צו אַ בעל־מלאכה. דאָס זעלבע פּלעגט ער אויך הייסן טאָן, ווען איך פּלעג שפּעטער אַליין צו אים קומען, בעטן אַן עצה. דערבײַ פּלעגט ער מיך שטענדיק אײַנלאַדן, איך זאָל קומען הערן, ווי ער לערנט יעדן שבת די סדרה פֿון דער וואָך מיט בחורימלעך פֿון אַזאַ שטייגער ווי מײַנער.

זײַן איניציאַטיוו איז אויך געווען צו פֿאַרדאַנקען, וואָס די קראָקעווער קהילה האָט באַשטעלט אַ פּראָפֿעסאָר פֿאַר העברעאיש אינעם לערער־סעמינאַר פֿון דער רעגירונג. עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער זיך אויך געסטאַרעט בײַ דער ווינער אַליאַנץ וועגן אַ סטיפּענדיום פֿאַר בחורימלעך, וואָס זאָלן וועלן לערנען אויף יידישע רעליגיע־לערערס.

אַזוי איז זײַן איניציאַטיוו פֿאַרווירקלעכט געוואָרן מיט מיר ווי דער פּראָפֿעסאָר. דערבײַ האָט ער אויך אַליין געלערנט מיט די שילער יידישע עטיק און די עיקרים פֿון דער אמונה, לויט די טעאָריעס פֿון די אָרטאָדאָקסישע דײַטשע ראַבינער.

רעגיסטער פון נעמען

א.

אבדול האמיד, סולטאן — 313.
אבן עזרא — 382.
אייגער עקיבא ר' — 106.
אייזיק ר' יעקעלעס — 16, 107, 175.
אימבער נפתלי הערץ — 304, 308.
איסרל ישראל ר' — 16.
איש רומי עמנואל — 119.
אלחרזי יהודה — 119.
עליפאנט לאורענס סער — 305, 308.
אלעקסאנדער דער דריטער — 145, 235.
אלעקסאנדער דער צווייטער — 144, 145, 177.
אלפאנס דער דרייצנטער — 385.
אמסטערדאם אברהם מרדכי — 57.
אמייזען יאסל — 287, 329, 330.
אנדעסען — 123.
ארזשעזשקא עליזע — 142.
ארמהויז אנטאן — 93.
ארענשטיין הירש ר' — 196, 259, 345, 346.
ארענשטיין משה — 399.

ב.

באדער דוד — 39.
באדער יוסף אהרן — 112.
באדער מענדל — 112, 113.
באדער שלמה — 112, 114.
באלאבאן מאיר — 59.
באליצער — 15.
באדיאן וואלף — 16.
באראש יוליוס — 282.
בארנשטיין — 339, 340, 341 342.
בודווייזער — 100.
בוים גרשון — 112.
בוים נתנאל — 112, 113.
ביכנער — 252, 372, 373, 387.
בילאוים — 349.
ביסמארק — 219, 220, 385.
ביק עמיל ד"ר — 350, 351, 352.
בירנבוים וואלף — 116, 119.
בירנבוים זדיסלאוו — 119.
בירנבוים נתן, ד"ר — 246, 369, 371.
בירנבוים עדוארד — 221.
בירנבוים שמואל — 113.
בלאך יוסף שמואל, ד"ר — 225, 349, 350, 351, 352, 353.
בעל־שם־טוב — 365.
בעקער יהושע ר' — 12.
בערלינער אברהם, ד"ר — 274.
בערמאן שמעון — 105, 107, 108, 109, 110.
בערנפעלד יצחק אהרן — 285.
בראנדים — 40, 41, 42.
בראנדסדארפער אביש מאיר — 321.
בראנער יאנקל — 127, 128, 130.

ברוידעס ראובן אשר — 340, 341, 347, 353, 354, 355, 356, 357, 358, 359, 395, 396, 399.
בריינין ראובן — 399.

ג.

גאָטלאָבער אברהם בער — 356.
גאָטליב — 341, 342.
גאָלדבערג בער — 74, 75, 76.
גאָלדהאַמער עליאַס, ד״ר — 333.
גאָלדמאַן בערנאַרד, ד״ר 259.
גאָלדפינגער — 292.
גאָלדשטייף פייוול — 72, 73, 74.
גאָרדאָן דוד — 161, 217, 218, 219, 220, 221, 359, 394, 398.
גאָרדאָן יהודה לייב — 218, 354, 387, 388, 389, 391, 392, 393.
גייגער — 222.
גידעמאַן ד״ר — 246.
גיזעלאַ פרינצעסין — 22.
גינצבורג באַראָן — 389, 390.
גינצבורג מרדכי אהרן — 99, 354.
גינצלער אברהם — 148, 149, 150, 151, 152, 395.
געביל מאַקס — 331.
גרים — 123.
גרעבער שלתיאל אייזיק — 347.
גרעץ — 74, 273, 380, 392, 393.

ד.

דאָבזשאַנסקי יאַן — 352.
דאַנקאָוויטש ראַבינער — 14, 153.
דאַרווין — 252.
דאַרנבוש מאָריץ — 242, 243, 246.
דושאַק מרדכי ד״ר — 14, 153, 154, 155, 198, 199, 200, 202, 203.
דזיאַבעק — 256, 259.
דייכעס שלמה — 48, 158.
דינער יוסף הערש — 117, 118.
דיק אייזיק מאיר — 125.
דלוגאָש יאַן (לאָנגינוס) — 380, 381.
דעמביצער חיים נתן ר' — 74.
דעמביצער יואל — 74.

ה.

האַבסבורג ווילהעלם, פרינץ — 132.
האי גאון, רב — 347.
האַלבערשטאַם אהרן ר' — 136, 139, 262, 279, 309.
האַלבערשטאַם חיים ר' — 28, 63, 112, 136, 261, 263, 272, 286, 317, 318, 319, 326, 328, 329, 330.
האַלבערשטאַם יקותיאל — 279, 280, 309.
האַלבערשטאַם שלמה ר' — 36, 275.
האַללע וואָלפסאָן אהרן — 99.
האַמער — 365.
האַראָוו אהרן ר' — 327.
הופערט אברהם — 39.
הורוויץ חיים לייבוש ר' — 91, 92, 94, 95, 249, 250.
הורוויץ מיכאל — 95.
הורוויץ שמואל — 92.
היטלער — 16, 21, 60, 130.
היידענפעלד יוסף — 374, 378.
היינע — 388.
הילדעסהיימער עזריאל, ד״ר — 217.

הירש באראָן — 300, 301, 357, 373, 383.
הלוי יהודה ר' — 347, 388.
הערצאָג זיגמונד עזריאל — 400, 403, 405.
הערצל ד"ר — 371.
הרכבי אלכסנדר — 389, 390.

ו.

וואָיעק — 382.
וואַרשויער יונתן, ד"ר — 179.
ווייזעלבערג — 348.
וויינבערג יאָסעלע — 303.
ווינדלינג מרדכי — 46.
וויינער — 267, 268.
וויים ווילהעלם — 245, 246.
ווילהעלם דער ערשטער — 385.
ווילטשעק — 251.
ווינטער מרדכי מארקוס — 93, 94.
ווינטשעווסקי — 150.
וויסאָצקי קלמן זאב — 391.
וויסטיניעצקי יהודה הכהן — 274.
וויקטאָריאַ קעניגין — 233, 234, 235.
וועבער — 401.
וועטשטיין פייוול הירש — 303.
ווערבער יואל — 149, 150.
ווערבער יעקב — 159.
ווערטהיימער באראָן — 246.

ז.

זאַמאָיסקי פירשט — 131, 132.
זאַנגוויל ישראל — 308.
זאַקלענטי — 298.
זוטנער בערטאַ — 275.
זיבליקעוויטש — 259.
זיידמאַן מיכל — 349.
זילבערבוש דוד ישעיהו — 349, 354.
זילבערשטיין הערשעלע — 32.
זיסער איגנאַץ — 363.
זשאַבנער וואָלף — 130, 131, 134, 135.
זשאַרעס — 90.

ט.

טאַפּפּע גראַף — 350, 362.
טאָביאַס ישראל — 35, 36.
טאַשנער — 160, 161.
טרענער — 117.

י.

יאָזעף דער צווייטער, קייסער — 29.
יאַנושער נפתלי הערצקע — 324.
יאַקאָבאָוויטש זלמן — 292.
יהודה החסיד מרעגנסבורג — 273, 274.
יהודה חסיד מסיר ליאון — 273, 274.
יונגער אהרן — 93.
יונגער משה יוסף — 36.
יונגרייז הרב — 289, 290.
יורטשינסקי גלח — 41, 43.
יערינעק ראבינער — 246.

ל.

לאַבאַס, בישאָף — 314, 315, 317.
לאַבער שמואל לייב — 360.
לאַנדאַ יהודה לייב — 399.
לאַנדאַ שאול ר' — 68, 69, 112, 113, 369, 371.

לאנדוי הירש — 369, 370, 371, 373.
לאנדוי שאול רפאל, ד"ר — 371, 372.
לאנדוי שמואל ר' — 376.
לאסקער — 219.
ליבערמאן יהודה לייב — 119.
ליטוואק וואלף — 189.
ליכטענשטיין הלל ר' — 343.
ליליען משה אפרים — 180, 181.
ליפע קארפל ד"ר — 364, 365.
לעבנהיים לייבעלע — 366, 367, 371.
לעדערבערגער יאסל מאנעסעם ר' — 88, 89.
לעהמאן מאיר ד"ר — 222.
לעווי ד"ר — 236.
לעווענשטיין פרעדיקער — 259.
לערער עזריאל — 303.

מ.

מאהר אברהם מענדל — 244.
מאטעיקא יאן — 176, 177, 178, 179, 180, 181.
מאלער מנחם אליעזר — 272.
מאנטעפיארע משה — 233, 234, 235, 236, 284.
מאפו אברהם — 354.
מארינגער — 276, 278.
מיזעס יצחק איטשעלע — 14, 153.
מייזעלעס בעריש ר' — 371, 376.
מיימון שלמה — 214.
מינץ לייבוש, ד"ר — 33, 34, 35, 36.
מניך פראנציסקא — 247, 251.
מעזריטשער בער ר' — 326.
מענדעלזאן סטאניסלאוו — 143, 144.
מענדעלע — 119.
מענדעלסאן משה — 199, 214, 222, 224, 252, 356.
מענדעלסבורג אלבערט — 179, 368, 369.
מערונאוויטש טעאפיל — 259.

נ.

נאטאנזאן יוסף שאול — 288, 322.
נטע בן סאמועלי — 185.
ניישטעטער קלמן (קאלמיש) ר' — 17, 18, 112.
ניקאלאי דער ערשטער -- 145, 235.

ס.

סאגאסטא — 385.
סאמועל נחום — 15.
סאמועלזאן ד"ר — 182.
סאקאלאוו נחום — 143, 347.
סופר לייבוש (סת"ם) — 15.
סופר משה ר' — 106.
סופר שמחה בינם ר' — 204.
סופר שמעון ר' — 13, 14, 49, 54, 93, 94, 106, 107, 118, 152, 153, 154, 155, 156, 160, 161, 162, 163, 164, 165, 166, 167, 171, 175, 178, 179, 180, 182, 183, 184, 191, 193, 195, 196, 198, 202, 204, 209, 228, 235, 242, 351, 367.
סטאבלינסקי — 247, 249, 250, 251.
סטארניצקי גראף — 265, 266.
סיגעטער קלמן — 328.
סיראטקין אברהם אליהו — 359.
סמאלענסקין פרץ — 246, 251,

252, 253, 254, 255, 340, 355, 356, 399.

ע.

עטינגער יאָזעף, ד"ר — 179.
עלעמער זאַלטאַן דע קיש מאַרטאָן — 238.
עסטיינער פּראָפּ' — 380, 381.
ערמיק — 39, 40, 41, 42.

פּ.

פּאָוילער — 202.
פּאַטשנער יוסף — 117, 118.
פּאָלנאַער יעקב יוסף ר' — 326.
פּאַסקיעוויטש גענעראַל — 115.
פּאַפּער וואָלף — 17.
פּלאַטאָ דוד ר' — 221, 222, 223, 224, 226, 227.
פּעדראָ דאָן, דער צווייטער — 336.
פּערלשטיין — 329.
פּרץ — 119.

פ.

פויסט אהרן — 95, 96, 97, 99, 101, 155, 364, 370, 371, 401.
פוקס יעקב שמואל — 388, 393, 394, 395, 396, 398, 399, 400.
פוקס יצחק שלמה — 388, 394.
פיליב אהרן — 347.
פיליב שמואל — 346, 347, 354.
פיליפזאָן — 222.
פינקעל — 380, 381.
פישהאָף אַדאָלף — 246.
פישער יוסף — 95, 96, 100, 101, 107, 148, 149, 151, 358, 395,
פעדעראָוויטש קאָמיסאַר — 363, 364.
פעלדמאַן ווילהעלם — 363, 383, 397.
פראַנץ יאָזעף, קייסער — 21, 22, 23, 59, 60, 130, 132, 146, 163, 177, 180, 202, 235, 300, 306, 307, 308, 311, 312, 313, 315, 351, 352, 357.
פראַנק — 284, 339, 342.
פרידבערג — 274.
פרידמאַן דוד משה — 269.
פריינדליך חיים — 93.
פרילינג זיגמונד — 144.
פרענקעל פייוויש — 97.

צ.

צוזמער מנחם אריה — 63.
צונץ יחיאל מתתיהו — 72, 73, 74.
צונץ לעאָפּאָלד — 74, 222.
צוקער פיליפּ, ד"ר — 182.
ציפּרעס מיכאל — 92.
צערערבוים אלכסנדר — 389, 390, 391.

ק.

קאָהן אברהמל — 113, 114, 115.
קאַזימיר דער גרויסער — 59, 380.
קאַלישער הירש ר' — 106.
קאַנט — 221.
קאַנער יהושע — 152.
קאַראָ יאַקאָב — 380, 381.
קאַרל סטעפאַן ערצהערצאָג — 132.
קאַרניצער עקיבא ר' — 14, 152, 162, 176, 191, 196, 197, 198,

204, 213, 214, 227, 228, 236, 242, 256.
קוילנהענדלער גבריאל — 190, 191, 192.
קויפמאַן רפאל — 150.
קלוגער שלמה — 322.
קלויזנער יוסף — 399.
קליינבערגער — 15.
קראַכמאַל נחמן — 281.
קראַנץ — 292, 294.
קראַסוצקי ישראל — 395.
קראַשעווסקי — 142.

ר.

ראַאַכטיינער עוזר — 354.
ראַבינאָוויטש שאול פנחס — 347.
ראַדאָמסקער אברהמעלע ר' — 325.
ראַהלינג אויגוסט פראָפ' — 202, 225, 226, 356.
ראָזענבלאַט יאָזעף ד"ר — 179.
ראָזענבלאַט פראָפ' — 249, 250.
ראָזענפעלד יעקב — 282.
ראָזענצווייג חיים לייב — 105.
ראָטמאַן אהרן — 205, 207, 209.
ראָטשילד — 234, 373.
ראַפּאַפּאָרט הערשקע ר' — 160.
ראקער נפתלי מאיר — 275.
רובין יצחק טוביה — ר' — 327.
רובינשטיין מרדכי ר' — 387.
רובינשטיין סאָלאָמאָן — 372.
רויזעס חיים — 371, 375, 376, 377, 378.
רוזשינער ישראל ר' — 28, 269.
רומעלד הירש — 274, 275.
ריטער ביילע — 248.
ריטער חיה — 248.
ריטער משה — 247, 248, 249, 250, 251, 349.
ריטער שרה — 248.
רייכנבערג חיים נטע — 67.
ריפע מרדכי — 92, 94.
רעוואַקאָוויטש הענריק — 144, 259.

ש.

שאַלימאַסי אסתר — 201.
שאַרף יוסף — 201.
שאַרף מאַריץ — 201.
שולבוים משה — 349.
שולמאַן קלמן — 354.
שוסטער אשר ר' — 12.
שור ברוך — 347.
שטיינפעלד לייבוש — 47.
שטעקער — 141.
שטראוס דאוויד פרידריך — 365, 366.
שטרוים יאָהאַן, קאָמפּאָזיטאָר — 23.
שיניאַווער יחזקאלע ר' — 272, 290.
שירמער — 223, 224, 225, 226.
שמידל ראַבינער — 246.
שמעלקעס יצחק ר' — 196.
שניידער — 353.
שנירער ד"ר — 246.
שפינגאַרן שאול — 117.
שפיצער זלמן ר' — 242, 289, 290.
שפּיראָ דוד, ד"ר — 268.
שפּיראָ ישעיהו מאיר ר' — 267, 268, 269, 270.
שפּיראָ שרה — 268.
שרגא יחזקאל ר' — 326.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג-לייטער: אַברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָװשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאָבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געבראָכענע טריט
23) אַברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאַנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

(31 **שמחה פּאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
(32 **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
(33 **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
(34 **יחיאל לערער** — מיין היים (**פּאָעמע**)
(35 **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
(36 **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
(37 **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
(38 **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
(39 **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (**לידער**)
(40 **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
(41 **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (**אויספאַרקויפט**)
(42 **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
(43 **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (**אויספאַרקויפט**)
(44 **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
(45 **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (**אויספאַרקויפט**)
(46 **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
(47 **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (**לידער**)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (**ראָמאַן**) (**אויספאַרקויפט**)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
(50 **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגעניש (**זכרונות**)
(51 **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (**טאָג־בוך**) (**אויספאַרקויפט**)
(52 **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
(53 **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (**אויספאַרקויפט**)
(54 **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (**ראָמאַן**)
(55 **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
(56 **שלום אַש** — פּעטערבורג (**ראָמאַן**)
(57 **שלום אַש** — וואַרשע (**ראָמאַן**)
(58 **שלום אַש** — מאָסקווע (**ראָמאַן**)
(59 **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
(60 **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
(61 **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **ערשטער באַנד**
(62 **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **צווייטער באַנד**
(63 **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
(66 **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
(67 **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
(68 **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (**זכרונות**)
(69 **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
(70 **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (**אויספאַרקויפט**)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (**אויספאַרקויפט**)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (**אויספאַרקויפט**)

(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן פאַולאָ, בראַזיל, 1952)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר

(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, וואַרשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו (**אויספאַרקויפט**)

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך

82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (**ראָמאַן**)

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (**קראָקע**)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (**ראָמאַן**)

99) **יעקב דינעזאָן** — „הערשעלע״ און „יאָסעלע״

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור.

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פוילישע יידנטום

ד״ר שלמה ביקל שרייבט וועגן ד״ר יוסף טענענבוימס בוך „גאַליציע — מיין אַלטע היים" („טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, 6טער אַפּריל 1953):

מיר איז שווער, פשוט אוממעגלעך משיג צו זיין פאַרוואָס די ליטווישע און פוילישע יידן אין אַמעריקע האָבן אין דער צייט פון דער גרויסער עמיגראַציע אויסגעקליבן דווקא דעם „שבט גאַליציע" פאַר אַן אָביעקט פון פאַראַכטונג און שנאה.

איך „פאַרשטיי", אַז אין אַ סדר עולם פון „העכערע" און „נידעריקערע" מוזן אפילו אָרעמע יידישע עמיגראַנטן האָבן עמיצן, וואָס מ׳זאָל אים האַלטן פאַר נידעריקער און במילא זיך פילן העכער פון אים.

אָרעמע לייט איז מען געווען די זעלבע, מ׳האָט געאַרבעט אין די זעלבע „שוויץ־שעפער", מ׳האָט געשטופט די זעלבע „פושקאַרטס" און געוווינט אין די זעלבע פינצטערע „טענעמענט"־הייזער, מיט איינעם וואָרט — מ׳איז געווען גלייך. האָט מען געמוזט איין גרופע פון די „גלייכע אויף צרות" אַראָפּשטויסן אין סאָציאַלע טרעפּ נידעריקער, כדי זיך צו פילן העכער. וואָרעם, עס שטייט דאָך געשריבן, אַז „לא על הלחם לבדו יחיה האדם", נישט פון ברויט אַליין לעבט דער מענטש, נאָר אויך פון איינגערעדטער העכערקייט.

איך פאַרשטיי בלויז נישט פאַרוואָס דער איין טרעפּ נידעריקער איז געוואָרן דער „שבט גאַליציע". מיר דאַכט, אַז צווישן די באַגלייך אָרעמע האָט דער גאַליציאַנער ייד געדאַרפט אויסנעמען און גאָר שטיין אַ טרעפּ העכער מיט זיין באַהעמיענישן געמיט, מיט זיין „הוליע קבצן"־פרייִלעכקייט, מיט זיין נטיה צו פאַנטאַסטישקייט, צו הומאָר און צו זעלבסט־חוזק און דער עיקרשט מיט זיין געזעלשאַפטלעכער גוטברודערישקייט, מיט זיין על־פּי געמיט אָנגעסטראָיעטקייט צו „שבת אחים גם יחד". איז דאָך אין תוך די גאַליצישע חסידות אַ מין מלכות פון גוטברודערישקייט, ווו דער רבי איז ערגעצוו נישט מער ווי אַן אויסרייד פאַר אַ „שבת אחים גם יחד", פאַר דער איבערלעבעניש פון זיין אינאיינעם און זיך מעשות דערציילן.

אפשר, טראַכט איך, איז דער „שבט גאַליציע" דערפאַר געוואָרן דער „מחוץ למחנה" פון דער אָרעמער יידישער עמיגראַציע, ווייל טאַקע אָט דאָס ביסל פרייערע געמיט פונעם גאַליצישן ייד האָבן די פאַרזאָרגטע אין טויזנט עולן איינגע־

שפּאַנטע יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד און פוילן נישט געקענט סובל זיין.

און אפשר .האָט זיך דאָס געפיל פון סאָציאַלער העכערקייט ביי די רוסישע יידן גענומען דערפון, וואָס זיי זענען צום טייל געווען נישט בלויז פון אָרעמקייט אין נויט אויסגעוואַנדערטע, נאָר אויך פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון צאַר.

וואָס עס זאָל נישט געווען זיין די סיבה פון דער רוסיש־יידישער „העכערקייט" לגבי זייערע יידיש־גאַליציאַנער מיטוואַנדערער — האָט נאָך זיכער אַזאַ אומגערעכטע און אומבאַרעכטיקטע „העכערקייט" אויף דער וועלט נישט עקזיסטירט.

דאָס זאָג איך אי ווייל איך אַליין בין מלידה אַ גאַליציאַנער לאַנדסמאַן און ווייל מיר דאַכט, אַז ווען איך זאָל זיין אַ געבוירענער ליטוואַק וואָלט איך אויך געווען פאַרליבט אין יידיש־גאַליציש געמיט.

איך האָב נאָר וואָס איבערגעלייענט דאָס דאָ נישט לאַנג דערשינענע בוך „גאַליציע, מיין אַלטע היים", פון ד״ר יוסף טענענבוים און מיין פאַרליבטקייט אין יידיש־גאַליצישן געמיט האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט.

ד״ר טענענבוימס בוך איז נישט בלויז אַ בוך וועגן גאַליציע, נאָר עס איז אויך יידיש־גאַליציש, אין דעם זינען וואָס עס פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל פון די געמיט־עלעמענטן, וואָס איך האָב פריער געהאַט באַצייכנט ווי כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידיש־גאַליצישן נוסח.

ד״ר טענענבוימס „סטאָרי" וועגן יידיש־גאַליציע איז געשריבן אין אַ לייכטן, איך וואָלט געזאָגט, גוטברודערישן טאָן. קיין צו טיפע סימפּאַטיע און קיין צופיל פאַרשטענדעניש פאַר די אויפטוען פון אַזאַ יידיש־גייסטיקער באַוועגונג ווי ס'איז געווען חסידות איז ביי ד״ר טענענבוימען נישט פאַראַן, אָבער דער אופן דערציילן זיינער איז פונדעסטוועגן אָנגעהויכט פון חסידות. אַזוי ווי ד״ר טענענבוים, דערציילט אַ וועלטישער חסיד, ד״ה אַ חסיד, וואָס גלויבן, גלויבט ער אין רבין און ליב האָט ער אים גלייך מיט אַלע, אָבער זיין וועלטישקייט דיקטירט אים צו זאָגן אויך ווערטער פון קריטיק און אפילו פון סאַטירע.

אַזאַ נוסח היט אויס ד״ר טענענ־

בוימס „סטאָרי“ פון יענער „ליב־שאַפט, וואָס מאַכט קאַליע די מאָס“ (אהבת מקלקלת השורה) און גיט צו לעבעדיקייט דער נישט אַלעמאָל פריילעכער היסטאָריע פון די מזרח־גאַליצישע יידן איבער דעם שטח פון אירע רויט־רייסישע אָנפאַנגען און ביז צו די יאָרן פון דער באַנייטער פּוילישער הערשאַפט אין גאַליציע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די לעבעדיקייט פון ד״ר טענענ־בוימס „סטאָרי“ ווערט געמערט דורך דער מזיגה פון זכרונות און אָביעקטיווער היסטאָריאָגראַפיע אין צווייטן טייל פונעם בוך, וואָס האָט צו טאָן מיט אַליין איבערגעלעבטער געשיכטע, מיט דער געשיכטע פון אונדזער אייגענעם יידיש־גאַליצישן דור.

און יענער טייל ווו זכרונות און היסטאָריאָגראַפיע רעספּעקטירן ניט זייערע גרעניצן און מאַכן אויף זיך קעגנזייטיקע איבערפאַלן איז, פאַר־שטייט זיך, דער וויכטיקסטער און אויך דער אינטערעסאַנטסטער טייל פונעם בוך.

וואָס שייך מיר פּערזענלעך קאָן איך דאָרט נאָכגיין דעם מחבר אַ היפּשן טייל מיט מיינע אייגענע דערמאָנונגען און איבערלעבענישן.

ווען ד״ר יוסף טענענבוים איז שוין געווען געוועזענער פּרעזידענט פון „השחר“ און אַ רעדאַקטאָר פון „סנו־נית“ און אַ מיטאַרבעטער פון דער פּויליש־־געשריבענער „מוריה“ אין לעמבערג, האָב איך אָנגעגייט דאָס צווייטע אָדער דאָס דריטע זילבערנע פּאַסיקל אויף דעם קאָלנער פון מיין גימנאַזיסטן־מונדיר, ד״ה איך בין געווען אַ שילער פון צווייטן אָדער דריטן קלאַס פון קאָלאָמייער גימנאַ־זיע. (אין מיין זיידנס לשון: איך בין געווען אין דער צווייטער אָדער דריי־טער לאַטיין). דער נאָמען יוסף טע־נענבוים איז מיר און מיינע חברים, וואָס האָבן דעמאָלט אָדער שפּעטער אַ יאָר אָנגעהויבן לייענען „סנונית“ און „מוריה“ געווען גוט באַקאַנט.

דאָס קאַפּיטל עלף פונעם בוך, אין וועלכן ד״ר טענענבוים דערציילט וועגן „דער יונגער דור אין גאַליציע“ און וועגן דעם געהיימען פאַרבאַנד פון יידיש־גימנאַזיסטישע קרייזלעך אין גאַליציע מיטן נאָמען „צעירי ציון“ איז אויך מיין יוגנט־צייט אין גאַליציע, וואָס איז געווען שיין און דערהויבנדיק, ווייל זי איז געווען פול מיט מסירות נפש און מיט אידעאַ־ליזם פון קאַמף. ס׳האָט זיך דעמאָלט אַריינגעשניטן אין יידיש־גאַליציע אַ דור, וואָס האָט דערנאָך מיט גאַר־נישט פאַרשעמט זיינע יינגערע ברי־דער און זיינע זין — די געטאָ־קעמ־פער און די סאָלדאַטן פון דער יש־ראלדיקער באַפרייאונגס־מלחמה.

אַ גאַנץ יאָר האָט מען דעם שבת־נאָכמיטאָג און זונטיק און אויך אַ טייל פון די אויפדערנאַכטן דורך דער וואָך פאַרבראַכט ביי געהיימע צו־נויפקומען צו לערנען אינאיינעם יידישע געשיכטע, פּאַלעסטינאָגראַפיע און העברעאישע ליטעראַטור. סוף יולי, ווען דאָס שול־יאָר האָט זיך גע־ענדיקט זענען זיך דעלעגאַטן פון די „צעירי ציון“ איבער די שטעט פון גאַליציע צונויפגעקומען צו אַ

„וויעץ“ (קאָנגרעס) אין לעמבערג אויף אָפּצוגעבן באַריכטן און אויסצואַרבעטן פּראָגראַמען. אויך דער „וויעץ“ איז, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן געוואָרן בסוד, אַז די פּוילישע שול־אויטאָריטעטן זאָלן זיך פון אים נישט דערוויסן.

איך בין אַ צוויי אָדער דריי מאָל געווען אַ דעלעגאַט פון קאָלאָמיי און בייגעווען ביי די „וויעצן“ אין לעמבערג. איינער אַזאַ „וויעץ“ געדענקט זיך מיר באַזונדער. עס איז מן הסתם געווען מיין ערשטער „וויעץ“. איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט ריידן אַדאָלף שטאַנדן, ד״ר גרשון ציפּערן און דעם מזרחי־פירער, דעם מאָלער הערמאַן שטרוק, וואָס איז דעמאָלט צופעליק געווען אין לעמבערג. אָבער די צווייטע זיצונג נאָך יענער מיט שטאַנדן און שטרוקן איז אונדז פאַרשטערט געוואָרן. עמיץ האָט אַ שושקע געטאָן אָדער טאַקע אַ געשריי געטאָן, אַז פּאָליציי גייט און — מיר אין די גימנאַזיסטן־מונדירלעך האָבן גענומען לויפן איבער טרעפּ און צו שפּרינגען פון די פענצטער. ס׳איז געווען אַן אומזיסטער אַלאַרם. אָבער איך האָב ערגעצוו אַזוי צעריסן מיין רעקל און דערצו ערגעץ פאַרגעסן מיין היטל, אַז — פאַר קיין שום ייד נישט געדאַכט, אין וואָס פאַר אַ געמיט איך בין צוריקגעפאָרן קיין קאָלאָמיי צו ראַפּאָרטירן וועגן דעם „אומגליק“.

און גערעכט איז ד״ר טענענבוים מיט זיין באַמערקונג, אַז די פּוילישע לערער, פאַר וועלכע מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן מיט אונדזער נאַציאָנאַליזם, האָבן אין תוך היפש סטימולירט דעם ציוניזם אונדזערן דורך זייער אייגענער פּויליש־נאַציאָנאַלער עקזאַלטאַציע.

„די פּוילישע פּאָעטן: מיצקעוויטש, קראַסינסקי, און עפּעס ווייניקער סלאָוואַצקי, האָבן געשעפּט פון יידישן תנ״ך זייערע אינספּיראַציעס פאַר זייערע משיח־אידעען. און מיר, די יונגוואַרג האָבן צוריקגעשעפּט פון די ווערק פון אָט די פּוילישע ראָמאַנטיקער דעם גרויסן ענטוזיאַזם און די ברענענדיקע האָפענונג פון שיבת־ציון. זייערע נאַציאָנאַלע ימים־טובים, זייערע העלדן האָבן מיר פאַרטייטשט אויף אונדזערע אייגענע נאַציאָנאַלע פיגורן און אַלצדינג, וואָס איז געווען שיין און אידעאַל אין דער פּוילישער געשיכטע, האָט באַקומען אַ יידישע צורה אין אונדזער בענקשאַפט נאָך גאולה“.

און אַז מ׳האַלט שוין ביי ריכטיקע היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישע און היסטאָריש־סאָציאָלאָגישע פאָרמולירונגען וועגן דער אַמאָליקער יידישער יוגנט אין קירהס גאַליציע, וויל איך דאָ ברענגען ד״ר טענענבוימס צוויי פאָרמולעס, וואָס טרעפן, לפי דעתי, אין קאַרב אַריין פון פאַקט און איבערלעבעניש און דערמיט פאַרענדיקן מיין רעצענזיע, וואָס קען נישט זיין קיין ערזאַץ פאַרן בוך, נאָר בלויז אַן אָנרעגונג עס צו לייענען.

די ערשטע פון די צוויי פאָרמולעס האָט צו טאָן מיט דער עקאָנאָמישער פאַרלוירנקייט און מיט דער סאָציאַלער שליחות פון דער פּראָפעסיאָנעלער יידישער אינטעליגענץ

אין קירהס׳ס גאַליציע. אָט איז דער פּאָרטרעט פונעם יידישן גימנאַזיסט, און „הער דאָקטער״ —

„אַזוי איז געוואַקסן דער „דיפּלאָמירטער״ פּראָלעטאַריאַט, מיט גרויסע שווערקייטן צו פאַרדינען אויפן אייגענעם לעבן, קל וחומר עפּעס צו העלפן דער פאַמיליע, וואָס האָט זיך אַזוי צעבראָכן כדי אים אויסצוהאַלטן. פון אַלע טראַגעדיעס פון ווירטשאַפטלעכן לעבן אין גאַליציע איז דער „הער דאָקטער״ געווען דער טראַגישסטער. דער יידישער סטודענט איז געווען אַן ערובניק פון זיין גאַנצער משפחה, אַ שליח, וואָס דאַרף נישט נאָר זיך אַליין ארויפדראַפּען אויף אַ העכערער סאָציאַלער שטופע, נאָר אויך אויסבעטלען פאַר זיי אַביסל זונשיין בייטאָג און אַ בעסערע וועטשערע ביינאַכט״.

און די צווייטע פאָרמולע איז נוגע די איבערלעבעניש פון אַ היפּשן טייל פון דער יידישער יוגנט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איך מיין די איבערלעבעניש: אַוועק פון אחד־העמן.

איך ווייס נישט ווו נאָך עס איז געווען גרעסער די השפעה פון אחד־העמן ווי צווישן דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט אין גאַליציע פאַר 1914.

נאָך דער מלחמה איז געקומען דער איבערברוך. די אידעע פון הערצלס „יודענשטאַט״ איז איצט געוואָרן אַ ממשות אין דעם געמיט פון דער יידישער יוגנט, וואָס האָט הינטער זיך געהאַט אַזאַ שווערע דערפאַרונג ווי מלחמה און אַזאַ שווערע אַנטוישונג ווי אַ פאַרלוירענע מלחמה. דער יידישער בחור מיט אַזעלכע דערפאַרונגען איז געוואָרן זאַכלעכער, צילבאַוווסטער און אידעאַליסטיש־קאָנקרעטער. ער האָט זיך אָפּגעווענדט פון אחד־העמן מיט זיין עוואָלוציע און מיט זיין „מרכז רוחני״. דער יידישער סטודענט נאָך דער מלחמה איז געוואָרן רעאַליסטישער און דערפאַר אויך — גרייט צו מער פאַנטאַסטישקייט. ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט און האָט געוואָלט אויסלייזן די גאַנצע וועלט טאַקע שוין און ער איז געוואָרן אַ הערצליאַנער מיטן באַגער נאָך אַ יידישער מלוכה אין „אונדזער צייט און אין אונדזערע טעג״.

ווען איך בין סוף 1918 אַרויס פון קירהס צעבראָכענער אַרמיי און האָב גענומען ווערן אַ שרייבער ביי יידן, איז מיין דעבוט, מיין ערשטער אַרטיקל, וועלכן איך האָב אָפּגעדרוקט אין דער טשערנאָוויצער פועלי־ציוניסטישער „די פרייהייט״ געווען אַן אָפּווענד פון אחד־העמן, אַ מלחמה־אָנזאָג צו זיין תורה פון „מרכז הרוח״. אַ „מחלוקת צווישן יידן און יידנטום״ האָט געהייסן יענער מאמר מיינער און — גערעכט איז ד״ר טענענבוים — אַ גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט האָט דעמאָלט דערזען די מחלוקה און זיך געשטעלט אויפן צד פון „יידן״ קעגן „יידנטום״.

יעקב באַטאַשאַנסקי שרייבט וועגן ז. י. אַנכיס כתבים אין זיין אַרטיקל „אַ בוך — אַן אַלטער, האַרציקער ניגון״ („די פּרעסע״, בוענאָס־איירעס, 30טער יולי 1953):

דאָס נײַנציקסטע בוך פון דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״, באַשטייט פון אַ באַנד געקליבענע שריפטן פון ז. י. אַנכי א״נ: „ר׳ אבא און אַנדערע כתבים״.

כאָטש ז. י. אַנכי (זלמן יצחק אַראָנסאָן) שטאַמט פון ווייסרוסלאַנד און זיין ר׳ אבא און זיינע אַנדערע כתבים שילדערן דאָס דאָרטיקע יידישע לעבן, פּאַסט זיך דאָס נײַנציקסטע בוך גאַנץ גוט אַריין אין דער גאַנצער סעריע, וואָס פּאַראייביקט און שילדערט דאָס פּוילישע יידנטום. פאַראַן אַ דורכאויסיקע קרובהשאַפט אין גייסט און אויך אין שטייגער צווישן ביידע לעבנס.

צום אַנכי־בוך זענען צוגעגעבן דריי הקדמות: אַ גאַר קורץ וואָרט פאָראויס פון דער רעדאַקציע, וואָס איז געשריבן וואַרעם, האַרציק און זאַכלעך, ברענגט די ביאָגראַפישע דאַטן פון שרייבער, טיילווייז, לויט דעם „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״ פון זלמן רייזען; אַן עסיי פון דעם העברעאישן פּובליציסט אַ. קריב, א״נ „דער דיכטער פון ר׳ אבא״ גיט אַ גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון אַנכין און שטעלט דעם דאָזיקן ראָמאַנטישן שרייבער אויף זיין ריכטיקן פּלאַץ; און זכרונות פון א. ש. יוריס א״נ „מיט ר׳ אבאן אין אַרגענטינע״, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט סוביעקטיוו און שאַרף אונדזער סביבה פון צוריק מיט דרייסיק יאָר און עס ווערן אויך אַרויסגעבראַכט אייניקע אינטערעסאַנטע כאַראַקטער־שטריכן פון אַנכין. יוריסעס פאַרליבטקייט אין מחבר פון ר׳ אבאן, איז ממש רירנדיק.

א. קריבס עסיי איז פאַר אַ יידישן לייענער אַ שטיק געשעעניש אין צוויי פּרטים באַזונדער, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז מען האָט פאַר זיך אַ וואָרט פון אַ העברעאישן שרייבער; ערשטנס פאַראייביקט דער מחבר דאָס גאַנצע יידישע לעבן און ער מאַכט נישט קיין חילוק צווישן דעם יידן אין די תפוצות און אין ארץ־ישראל. און צווייטנס פאַראייביקט ער די יידישע ליטעראַטור מיט דער העברעאישער, ווי אין די צייטן פון אַמאָל, ווען בעל מחשבות האָט געזאָגט, אַז דאָס זענען „צוויי שפּראַכן און איין ליטעראַטור״.

א. קריב איז באַגייסטערט פאַר אַנכין דווקא דערפאַר, וואָס ער ווייזט דאָס שיינע און פּאָזיטיווע אין יידישן גלות לעבן און ער האָט טענות צו געוויסע „העברעאישע מענטשן״, וואָס זענען ברוגז ווען מען רעדט וועגן „יידישער שלימות״ אין גלות. לויט אָט די מענטשן קען מען נאָך אַריינגעמען אין דער אייביקער העברעאישער ליטעראַטור די שילדערונגען פון דער נעגאַטיווער זייט פון גלות, אָבער חלילה נישט די שילדערונגען, וואָס ווייזן די שיי־

נע זייט פון גלות-לעבן, ווייל דאָס דאָזיקע איז לויט זייערע באַגריפן אוממעגלעך. א. קריב, וועלכער איז מאָז ומקדם אַ קעמפער קעגן שלילת הגלות (ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ בוך קעגן דעם פאַרלייקענען דעם ווערט פון גלות), זאָגט אַ וווּנדערלעך וואָרט צו די אַלע קעגנער פון דער גלות ראָמאַנטיק: „מאָדנע — שרייבט ער — ווי ווייט עס איז פון אונדז געוואָרן דער פשוטער אמת, אַז גרינגער איז צו פאַרוואַנדלען גאָלד פון דער פאַרגאַנגענהייט אין גאָלד פון דער צוקונפט, איידער צו פאַרוואַנדלען פסולת אין גאָלד". פאַר די משוללי הגלות אָבער איז אונדזער גאַנץ לעבן אין די לעצטע קנאַפּע ניינצן הונדערט יאָר בלויז פסולת און זיי ווילן דאָך פון אָט דעם פסולת שמידן גינגאָלד אין ישראל...

א. קריב פאַקט דעם רויטן פאָדעם, וואָס ציט זיך דורך דער ראָמאַנטישער ליטעראַטור אונדזערער אין ביידע שפּראַכן. דער דאָזיקער געדאַנק שטעקט אייגנטלעך אין אַ צוריקקער פון פאַרבענקטע צום פאַרגאַנגענעם פרומען יידישן לעבן. די צוריקקערער האָבן דערפילט, אַז דעם „טאַטנס טיש" איז געווען געדעקט צו ברכה. און ער ווייזט ריכטיק אָן, אַז פרץ איז געווען „דער גרעסטער פון די ליטעראַרישע צוריקקערער".

א. קריב ווייזט אויך נישט אָן, אַז פרץ איז נישט געווען סתם אַ פאַרבענקטער ראָמאַנטיקער און אַז ער האָט זיך שטאַרק אונטערשיידט פון די מייסטע אַנדערע יידישע ראָמאַנטיקער, וואָס ביי אים איז דער צוריקקער געווען אַ באַוווּסטזיניקער. ער האָט דערפילט, אַז נאָך דעם, וואָס די השכלה האָט אויסגעליידיקט אַלע כלים פון אונדזער לעבן, מוזן מיר זיך אומקערן צו דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און דאָרט זוכן אינהאַלט פאַר אָט די כלים פאַר דעם ווייטערדיקן לעבן. א. קריב באַמערקט, אַז די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך ליטעראַריש צוריקגעקערט, האָבן די צייט נישט צוריקגעדרייט און זיך נישט אומגעקערט צום טאַטנס טיש. דאָס איז אמת לגבי פרצן בלויז אויף העלפט. ער האָט טאַקע די צייט נישט צוריקגעדרייט — און ער האָט דאָס נישט געוואָלט אויך — ער האָט זיך אויך נישט אומגעקערט צום טאַטנס טיש, אָבער ער האָט גענומען דאָס בעסטע און שענסטע פון אָט דעם טיש און אַרויפגעלייגט אויף זיין טיש און מיר, די דאָזיקע, וואָס גייען אין פרצעס וועגן, באַמיען זיך דאָס צו ברענגען אויף אונדזערע טישן און דאָס ברענגט אונדז מזל און ברכה.

אָנכי איז בלי שום ספק באַאייגפלוסט געוואָרן פון פרצן, אָבער ער איז נישט געגאַנגען אין זיין וועג. זיין ראָמאַנטיק באַשטייט פון בלויז בענקשאַפט, אָבער עס איז אין איר נישט פאַראַן געדאַנק, אַז מען דאַרף נעמען דאָס בעסטע פון דער פאַרגאַנגענהייט פאַר דער צוקונפט. און ער איז טאַקע מער פון אַלץ אַ קרוב צו די העברעאישע שרייבער מ. ז. פייערבערג און גנעסין און צום יידישן א. ווייטער.

דאָס בוך גופא, וואָס באַשטייט

פון די ניין מאָנאָלאָגן „ר' אבא", און זעקס דערציילונגען און פון דער דראַמע „עטעלע, די גאָלדענע פאַווע", לייענט זיך טרויעריק געשמאַק. מיר ווייסן, אַז דאָס געשילדערטע (ריכטיקער: אויסגעזונגענע) לעבן פון די אַלע זאַכן איז נישט אויסגעלעבט געוואָרן, נאָר איז ברוטאַל פאַרשניטן געוואָרן און מיר וויינען דערויף און מיר האָבן דאָך הנאה דערפון, ווייל מיר פילן ביים לייענען דעם אָטעם, דעם חן, דעם טעם און דער תוך פון יענעם לעבן און מיר הערן זיין ניגון.

עס קען זיין, אַז מען וואָלט געדאַרפט מאַכן אַן אָנשטרענגונג און אַרויסגעבן נישט בלויז אַן אויסקלייב פון אַנכיס כתבים, נאָר טאַקע אַלע. אויב איך מאַך קיין טעות נישט, וואָלט דער גאַנצער אַנכי נישט פאַרנומען מער ווי צוויי אַ ביסל גרעסערע בענד. אַלע שריפטן אַנכיס, אין איינעם מיט אַ מאָנאָגראַפיע וואָלט געווען אַ גרויסער אויפטו. אָבער אויך פאַר דעם איינעם באַנד, אַזוי ווי ער איז, קומט אַ גרויסער יישר כוח טורקאָוון און מיטלבערגן. זיי האָבן אַריינגעבראַכט צוריק אין אונדזער לעבן אַריין פאַרגעסענע און פאַרלוירענע זאַכן, וואָס זענען היינט אפשר נאָך מער ווערטפול, ווי דעמאָלט, ווען זיי זענען געשאַפן געוואָרן. און די דאָזיקע זאַכן זענען אין ערגעץ נישט בנמצא. מען קריגט אַנכיס שריפטן בלויז אין אַ גאָר אַלטער יידישער ביבליאָטעק.

„ר' אבא און אַנדערע כתבים" איז אַ בוך, וואָס דאַרף זיך געפינען אין יידישע ביבליאָטעקן און בכלל יידישע הייזער און דאַרף אַריינגעזונגען ווערן אין די אויערן און הערצער פון אונדז אַלעמען. עס איז אַ בוך מיט אַלטע און האַרציקע יידישע ניגונים. עס איז אַ געזאַנג צו און פון אונדזער פאַרשניטן לעבן.

„ר' אבא", דאָס ווערק, וואָס האָט אַנכין באַרימט געמאַכט אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט אים אַזש אידענטיפיצירט מיט דעם — דאָס דאָזיקע איז געשען אויך, ווייל ער האָט דאָס כסדר פאָרגעלייענט און אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן — באַשטייט פון ניין (9) מאָנאָלאָגן פון אַן אַלטן חבדניק, וואָס איז שוין אַ בן שבעים, וועלכער האָט שוין נישט קיין „פריסטאַניצע", ווייל ער איז אַן אַלמן און וועלכן אַנדערע האַלטן שוין פאַר אַן עובר בטלניק. אין יעדן מאָנאָלאָג קומט צום אויסדרוק אַן אַנדער געפיל און אַן אַנדער איבערלעבונג, און יעדע איבערלעבונג ווערט אַרויסגעבראַכט ווי אַ ניגון. פאַראַן דאָ פון אַ ניגון וועגן פאַרשטאָרבענעם ווייב, דורך דעם פאָרן צום רבין, גרויסן בטחון, גרויסע שמחות, ביז צו דעם אַלאַרם־געזאַנג וועגן דער שרפה, וואָס עס האָט אַרומגעכאַפּט אונדזער לעבן. „עס איז אַ שרפה — זאָגט ר' אבא — אַלץ ברענט... די יידישקייט... די אמונה... מיר דאַכט זיך, אַז גאַנצע בתּי מדרשים ברענען... און בנינים פאַלן איין... עס איז אַ שרפה... פאַרלעשן עס, מיט בייזן צעפלאַקערט זיך דאָס נאָך מער... מיט גוטן — ברענט עס פון זיך אַליין..."

אין די זעקס דערציילונגען, וואָס קומען נאָך „ר' אבא" איז פאַראַן אָדער נאָך ווייטער די „שרפה", אָדער דאָס בענקשאַפט געזאַנג פון די איינזאַמע, וואָס דרייען זיך אַרום דאַכלאָז און באָדנלאָזע נאָך דער שרפה.

אויך די דראַמע „עטעלע, די גאָל־דענע פאַווע" (וואָרשיינלעך דאָס איינציקע, וואָס אַנכי האָט אָנגע־שריבן אין דראַמאַטישער פאָרם) האָט מער פון אַלץ אַ ניגון אין זיך. קורצע פיר אַקטן האָט די דאָזיקע דראַמע און אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן קאָנפליקט, אָבער ער ווערט נישט פסיכאָלאָגיש אויסגעוויקלט, ער ווערט — אויסגעזונגען. אויבנאָוי־פיק דערמאָנט דאָס עפּעס אין הירש־ביינען. אַ סביבה פון פּראָסטע און גראָבע מענטשן, „מאַזשניקעס". דריי שוואָגערס, מענער פון דריי שוועס־טער. זיי לעבן פּראָסט און קריגן זיך און האָבן זיך פיינט. איז איינער אַ ביסל איידעלער, האָט מען אים פיינט פאַר זיין איידלקייט, איז איינער מער גראָב, האָבן זיי אים דערפאַר מער פיינט. זיי קריגן זיך אויך אי־בער מאַטעריעלע עסקים. און אַט קומט צו איינעם פון זיי אַ קרובה, אַ טאָכטער פון אַ בלינדן טאַטן, עטע־לע, וואָס זינגט אַ לידל וועגן דער גאָלדענער פאַווע און איז אַליין די גאָלדענע פאַווע. און זי ברענגט אַ שיין אין אַלע דריי הייזער אַריין. ביים אָנהויב קען מען מיינען, אַז דאָס איז לוי יצחק (פון הירשביינס „גרינע פעלדער") אין אַ קליידל. אָבער עס איז נישט אַזוי. עטעלע ברענגט אַ שיין נאָר פאַר די מענער. זיי ווערן בעסער, טוען זיך אָן שע־נער און ריינער, דער קאַלטענעוואָ־טער צווישן זיי קעמט זיך די באָרד, זיי הערן זיך אויף צו קריגן איבער איר. די ווייבער אָבער ווערן אַלע אייפערזיכטיק אויף איר. און עס הייבט זיך אָן אַ לשון־הרע, אַז דער רב אַליין קומט צו אביציען (אַזוי הייסט דער קרוב פון עטעלען) און זאָגט איר מוסר. און די ווייבער צווינגען אָפּצושיקן עטעלען צוריק אַהיים און עס פאַרשווינדט איר שיין, איר גוטסקייט און אַלע דריי שוואָ־גערס ווערן צוריק ווי זיי זענען גע־ווען. דער קאַלטענעוואָטער קעמט מער נישט די באָרד, אַביציע אַליין דאַוונט מער נישט, ער טוט אָן די תפילין און טוט זיי אויס. און זיי קריגן זיך ווידער.

עטעלע איז אַ שטראַל פון יונג־פרוילעכער שיינקייט, ריינקייט און צניעות. אַלע דריי מענער זענען פאַרליבט אין איר, אָבער די ליבע זייערע איז אַזאַ ריינע, אַז זיי קריגן זיך נישט איבער איר, אדרבא: זיי ווערן שלום צווישן זיך אויף אַלע געביטן. אַביציע, וואָס איז דער פּראָסטסטער פון אַלע דריי שוואָ־גערס, ברענגט שטומערהייט אַרויס די געפילן פון אַלע, ווען דער רב גיט אים אָנצוהערן, אַז מען רעדט אויף אים. ער זאָגט:

„אמת, איך היט זי (עטעלען) ווי אַן אויג פון קאָפּ... אַז איך גיי ווען אין מיטן נאַכט דאָס פערד זען, זע איך, צי זי שלאָפט רואיק... אמת... אָבער וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות

צום ווייב מיט די קינדער... צו דיין ווייב, אַ מוטער פון דיינע קינדער... אַ ווייב איז אַ ווייב און עטעלע איז עטעלע...״

אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז „עטעלע״ פאַקטיש דאָס לעצטע ווערק פון אַנכין, כאָטש ער האָט דאָס אָנגעשריבן אַ פערטל יאָרהונדערט פאַר זיין נפטר ווערן. ער האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן כמעט נישט געשריבן. געשריבן האָט ער אייגנטלעך אַ צוואַנציק יאָר לערך — זייט 1903, ווען ער איז אַלט געווען 25 יאָר, ביז 1923 — ער האָט זיך אויסגעזונגען גיך. און דאָס לעצטע ווערק זיינס איז געווען אַ ראָמאַנטיש געזאַנג וועגן דעם יידישן עם הארץ. אויך אים האָט ער געוויזן אַ שיין־בענקענדיקן.

די אילוסטראַציעס פון ב. קראַטקאָ צו „ר׳ אַבאַ״ זענען אין ראָמאַנטישן גייסט פון דעם גאַנצן טייערן און האַרציקן בוך וואָס פילט אָן דאָס גאַנצע וועזן מיט אַ שיין און פאַרוויגט מיט אַן אַלטן האַרציקן ניגון.

ד״ר א. מוקדוני שרייבט וועגן יוסף אָקרוטניס „דאָס בוך פון עלנטע״ („די אידישע צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 18טער יאַנואַר 1953):

אַ בוך איז אַפּנים ווי דער מענטש, וואָס שרייבט עס.

פאַראַן מענטשן מיט שטאַרקע עלנבויגנס; איר מוזט זיי זען; איר מוזט זיי באַמערקן; איר קענט זיי נישט פאַרבייגיין אומעטום זענען זיי די ערשטע.

און אַזוי זענען זייערע ביכער. זיי מאָנען עפּעס אויפמערקזאַמקייט; איר קענט זיי אויך נישט פאַרבייגיין.

און פאַראַן מענטשן שטילע, איידעלע, זייערע עלנבויגנס זענען ווייכע; זיי שטופּן זיך נישט; זיי וואַרפן זיך נישט אין די אויגן; זיי פאַרטאַיען זיך אין אַ ווינקל און רייסן נישט אויף קיינעמס אויגן.

און אַזוי זענען זייערע ביכער, עפּעס שטילע, שעמעוודיקע.

יוסף אָקרוטניס בוך ליגט שוין ביי מיר אַ היפּשע צייט.

איך האָב אים עפּעס יאָ באַמערקט און נישט באַמערקט צווישן די בערג ביכער מיינע.

אָבער פּלוצלינג האָב איך אים געזען פאַררוקט אין אַ ווינקל עפּעס שטיל און שעמעוודיק.

איך האָב אים אַרויסגענומען און דערזען פאַר מיר אַ שטילן און ביזגאָר איידעלן שרייבער.

און זיין טעמאַטיק איז עפּעס אַ פרומע —

עלנטע, שטילע מענטשן זענען די מענטשן אין זיינע דערציילונגען. און אָט די דאָזיקע עלנטע און שטילע מענטשן קענען זיך מוראַדיק צובינדן צו נאָך אַן עלנטן און זיין גליק.

זיי ווערן נישט אויס עלנטע, ניין!

אָבער זיי האָבן געפונען זייער באַשערטן, אויך אַן עלנטן און ביידע, פאַרשטייט זיך, מאַן און פרוי, זענען שטיל גליקלעך.

זייער עלנט הייבט אָן שטיל,
אָבער ליכטיק שמייכלען.
זיי זענען גליקלעך אין זייער
עלנט.
און זייער גליק איז אַ שטילס און
עפּעס אַ הייליקס.
עס גלעקלט נישט זייער גליק, עס
גייט נישט אַרום חוצפּהדיק מיט אַ
פאַרריסענעם קאָפּ.
עס איז דאָס שטילינקע גליק פון
צדיקימלעך.

און דווקא די דאָזיקע עלנטע קע־
נען זיך אַזוי שטאַרק, אַזוי פלאַמיק
און אַזוי אייביק צובינדן זיך צו אַן
אַנדער מענטש און אפילו צו זאַכן.
אַ הויז איז פאַר זיי מער ווי אַ
הויז; אַ משפחה איז פאַר זיי מער
ווי אַ משפחה, און זייער שטאָט איז
פאַר זיי מער ווי אַ שטאָט.
עפּעס באַקומען געוויינטלעכע
זאַכן קרובים — העכערע ענינים.
עפּעס ווערט אַלץ אַ שטיק פון
זייער פלייש און בלוט.
אַמאָל באַמערקט איינער דאָס
גליק פון די עלנטע —
קוועטשט ער מיט די פּלייצעס האַלב
פאַרוואונדערט און האַלב ביטולדיק:
— וואָס איז די גדולה אויף זיי?
אַזוי ווי זיי, די עלנטע, קומט גאָר־
נישט אויף דער וועלט, זיי האָבן אין
איר קיין חלק נישט...

אָבער די גליקלעכע עלנטע זענען
אַזוי פאַרטיפט אין זייער ליבע,
אָדער פריינטשאַפט, אַז זיי באַמערקן
גאָרנישט די שפּאָטישע און ביטול־
דיקע שמייכלען, וואָס גרייזלען זיך
אויף די ליפּן פון אַנדערע.
זיי פאַרשעמען זיך בלויז.

און זענען נאָך גליקלעכער...

**
*

און אַט ווערט די וועלט גערירט
פון זינען.
עפּעס האָבן משוגעים באַקומען
ערגעץ ביקסן.
עפּעס האָבן גערירטע פון זינען
באַקומען ערגעץ האַרמאַטן.
עפּעס האָבן מטורפים באַקומען
מאַכט איבער לענדער.
און יידן, די שוואַכסטע, די שוץ־
לאָזסטע, זענען די ערשטע און די
גרעסטע קרבנות.
לויפט מען.
און מען דערלויפט צו דער רויטער
מדינה.
און לויפנדיק פאַרלירן די עלנטע
איינע די אַנדערע.
זיי געפינען זיך דורך בריוו, דורך
נאָכפרעגענישן און דורך אַ ווונק און
אַ האַלב וואָרט.

אָבער זיי זענען נישט קיין פּרייע מענטשן.

אָט האָט איין עלנטער אַן אַדרעס — ער איז אין קאַלטן אַרכאַנגעלסק; ער האַקט ביימער און זעגט זיי.

ער איז אָפּגעריסן, הונגעריק און אויסגעמאַטערט.

אָבער ער ווייסט, וווּ זיין טייערע פּרוי געפינט זיך. זי אַרבעט אויך שווער און ביטער; זי ליידט אויך הונגער און קעלט.

זיי קענען אָבער נישט צוזאַמענקומען; זיי זענען נישט אין זייערע הענט; מען וואַרפט זיי פון איין עק פון דעם גרויסן לאַנד צו דעם אַנדערן עק, פון קאַלטע מדבריות און הייסע מדבריות.

שרייבן זיי בריוו איינע די אַנדערע.

פּשוטע בריוו, גאָר פּשוטע.

אָבער אַ וווּנדערלעכע ליבע שטראַלט אַרויס פון די בריוו.

יוסף אָקרוטני, הייסט עס, האָט איבערגעכאַפּט די בריוו און זיי אָפּגעדרוקט.

נישט אַ גאָר נייער ליטעראַרישער טריק.

איר האָט דאָ בלויז די בריוו פון דעם מאַן צו דער פרוי.

אָבער איר זעט אין די בריוו די פרוי אויך, איר זעט זי אַזוי קלאָר, ווי איר זעט דעם מאַן.

צוויי עלנטע זענען ווידער געוואָרן עלנט, אַזוי עלנט ווי קיינמאָל נישט.

ווייל זיי האָבן פאַרלוירן דאָס טייערסטע, וואָס זיי האָבן געהאַט אין לעבן.

ווייל זיי האָבן פאַרלוירן דאָס קליין ביסעלע גליק, וואָס האָט באַשיינט זייער עלנט.

שרייבן זיי בריוו, וווּנדערלעכע בריוו, בריוו פון ריינסטער און לויטערסטער ליבע.

און אַלץ, וואָס איז ריין און לויטער, פאַרמאָגט גרויסע פּשטות.

זענען די בריוו פּשוטע, גאָר פּשוטע...

און אָט רייסן זיך איבער די בריוו.

דעם מאַן האָט, אַפּנים, דאָס פרעמדע לאַנד צוגענומען אויף דער מלחמה.

ער איז, אַפּנים, געפאַלן טויט ערגעץ אויף אַ שלאַכטפעלד.

און די פרוי וואַרט, וואַרט...

זי צאַנקט ווי אַ ליכט פאַרן אויסלעשן זיך.

ביז זי ווערט אויסגעלאָשן פון בענקעניש...

אַזוי פּשוט דער סוף ווי די בריוו אַליין.

דער סוף פאַרנעמט דריי־פיר שורות.

דער עיקר זענען די בריוו און די לויטערע ליבע, וואָס שטראַלט אַרויס פון זיי.

דער שרייבער פון די בריוו איז, פאַרשטייט זיך, יוסף אָקרוטני.

זעט איר דאָ דעם שטילן און איידעלן שרייבער.

ער באַהאַלט זיך בלויז הינטער די פּלייצעס פון די צוויי עלנטע, וווּנדערלעכע יידישע פאָלקס־מענטשן.

אָבער פון דער באַהעלטעניש זעט איר אים אַזוי קלאָר, אַזוי שאַרף.

ער אַליין פאַרמאָגט דעם וווּנדערלעכן חן פון די עלנטע, שטילע מענ־

טשעלעך, וואָס קענען זיין גליקלעכער פון אַלע גליקלעכע.

דווקא אין עלנטקייט איז גליקעכט, שטיל און לויטער.

און הייסן הייסט ביי אים די קורצע מעשה און דאָס פעקל בריוו — „אַ געוויינטלעכע געשיכטע“.

יאָ, אַ געוויינטלעכע געשיכטע אין אַ צייט ווען די וועלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַלד פול מיט צווייפיסיקע צוקנדיקע חיות.

אַ געוויינטלעכע געשיכטע...

אָבער ווי סובטיל יוסף אָקרוטני דערציילט די דאָזיקע געוויינטלעכע געשיכטע.

***

יוסף אָקרוטני האָט דורכגעמאַכט די בריחה פון פוילן און די עטלעכע יאָר גיהנום אין דעם לאַנד פון די רויטע, וואָס אַנדערע שרייבערס פון פוילן האָבן דורכגעמאַכט.

אָבער עס איז נישטאָ קיין בייז וואָרט אין זיין בוך.

ער איז ווי זיינע העלדן, די עלנטע העלדן זיינע.

זיי קענען בלויז שטאַרק ליבן, אָבער זיי קענען נישט שטאַרק האַסן.

אָט האָט ער אַ בילד פון רומקאָווסקי, דעם יידישן מלך אין לאָדזש.

רומקאָווסקי איז קיין מלך נישט געווען, ניין, ער איז בלויז געווען נעבעך אַ נאַר...

ער האָט געגלויבט אַז די דייטשן האָבן אים געזאַלבט פאַר אַ מלך.

און ער האָט זיי געדינט פאַרן גרויסן חסד, ער האָט זיי געדינט מיט רשעות. זיי, די דייטשן האָבן אים איבערגעגעבן צו דורגפירן שטיקער פון זייער גרויליקער רשעות...

און ער האָט זיי דורכגעפירט.

דער נאַר...

ער איז געווען דער הענקער פון יידן און נישט דער מלך פון יידן...

און ווען עס זענען שוין מער קיין יידן נישט געווען אין לאָדזש צו מאָרדן, האָבן זיי דעם לעצטן דערמאָרדעט דעם נאַרישן יידישן מלך, דעם מלך פון לאָדזש...

דעם מלך פון דער יידישער אומגליקלעכער געטאָ אין דער אָרעמסטער געגנט, אין באַלוט.

יאָ אַ מלך פון אַ גרויליקן פורים־שפיל איז געווען רומקאָווסקי.

און פירט דורך יוסף אָקרוטני אַ פאָלקס־משפט איבער דער יידישער פאָליציי אין די געטאָס היטלערס.

זיי האָבן אויך געמיינט אַז זיי זענען משנה־למלכס רומקאָווסקיס און נישט רומקאָווסקיס.

דער משפט איז נישט פון די בעסטע דערציילונגען אין בוך, אָבער איר זעט דאָ אויך קלאָר אָקרוטנין.

נישטאָ קיין בייזקייט, נישטאָ קיין נקמה.

עס איז דאָ בלויז גערעכטער משפט.

מען הענגט נישט, מען שיסט נישט דעם נעכטיקן דינער פון די דייטשישע טמאים.

יוסף אָקרוטני איז נישט קיין שיסער.

ער לייגט בלויז אַרויף אַ שטילן חרם, אָדער ריכטיקער אַ קין־צייכן אויף זיין שטערן, און מיט דעם דאָ־

זיקן קין־צייכן זאָל ער אויסלעבן זיי־
נע זינדיקע יאָרן...

דאָס האַרבסטע וואָס איר געפינט
אין בוך.

האַרבער קען אַקרוטני נישט זיין.

אַט אַזוי איז ער.

און משפחה איז די וואָרעמע
נעסט, די היים און די פעסטונג,
וואָס באַשיצט אים, דעם עלנטן אין
זיין עלנט.

איז אַט לויפן פון היטלערס חיות
אַ גאַנצע משפחה.

און לויפנדיק ווערט די משפחה
צעריסן אויף שטיקלעך און ווערט
צעזייט און צעשפרייט איבער די
אומהיימלעכע מרחקים פון רוסלאַנד.

אַ משפחה, וואָס איז געווען ווי
איין גוף מיט אַ סך אברים, איז צע־
שטויבט געוואָרן.

און איין אבר זוכט דעם אַנדערן.

און ווען די מהומה לייגט זיך איין
אַביסל געפינט מען איינע די אַנדע־
רע, דאָס הייסט, מען געפינט אויס
די אַדרעסן און מען הייבט אָן שרייבן
בריוו.

אָבער כסדר ווערן זיי אויף דאָסניי
צעזיפּט איבער די הייסע און קאַלטע
מדבריות פון רוסלאַנד.

גיט אונדז דאָ יוסף אַקרוטני אַ
בינטל בריוו פון אַצעשטויבטער יידי־
שער משפחה פון פּוילן.

אין די בריוו זעט איר און פילט
דעם עלנט פון די דאָזיקע צעשטויב־
טע איבער דעם זעקסטל פון דער
וועלט, וואָס הייסט סאָוועט־רוס־
לאַנד.

און ווידער — נישטאָ קיין בייזע
ווערטער.

עס זענען דאָ בלויז אויסגוסן פון
פּיין און פון עלנטקייט.

נישטאָ קיין שולדיקער.

די צעשטויבטע משפחה איז עפּעס
געקומען אויף דער וועלט אין אַ צייט
פון מלחמה, זיי זענען געקומען אויף
דער וועלט ערב דעם רוסיש־יאַפּאַ־
נישן קריג.

און פון דעמאָלט לעבן זיי אין
דעם פּאַניק פון מלחמה.

כסדר באַפאַלט זיי די מלחמה, זי
לאָזט זיי אָפּ אויף אַ קורצער צייט,
און באַפאַלט זיי ווידער, אַזוי שוין
צענדליקער יאָרן.

אַ קאָשמאַר האָט זיך אַראָפּגעלאָזן
אויף דער וועלט.

עס איז אַ רירנדיק בינטל בריוו.

אַקרוטני פאַרזיכערט, אַז „היינטער
די בריוו שטייען פּשוטע מענטשן,
וואָס פילן און ליידן, ערלעך, יידיש.
זיי האָבן געשריבן בריוו פון ברודער
צו ברודער, זיי האָבן זיך אַראָפּגע־
רעדט פון האַרצן“.

אַקרוטני, הייסט עס, וויל אונדז
פאַרזיכערן אַז דאָ האָבן מיר נישט
צו טאָן מיט בעלעטריסטיק, דאָס זע־
נען אמתע בריוו, זיי דערגייען צו
אים צעקנייטשטע אין כלערליי
האַנטשריפטן.

ער, אַקרוטני, האָט בלויז סטילי־
זירט די בריוו.

אַזוי צי אַזוי — עס איז אַ בינטל
בריוו, וואָס באַווייזט אַ בייזע, חיה־
שע וועלט און אין דער דאָזיקער
וועלט זענען פאַרוואָרפן געוואָרן לי־
בע, האַרציקע יידישע מענטשן.

זעט איר ריינע, שיינע מענטשן
אין אַ וויסטער וועלט, אין אַ וועלט,

וואָס איז פול מיט רשעות און אויך מיט שטילע ליידן און פריידן.

דער מענטש בויט אפילו אַ פאַמיליע, ער האָט חתונה אויפן שפּיץ פון אַ שווערד...

און די דאָזיקע בריוו פאַסן זיך אַריין אין אַקרוטניס בוך, אין בוך פון שטילע, איידעלע מענטשן, וואָס ליידן שטיל און באַנוגענען זיך מיט קליינע ברעקלעך גליק...

***

יוסף אַקרוטני איז אַליין איינער פון זיינע העלדן.

אַליין אַן עלנטער, אַליין פאַרוואָרפן געוואָרן אין רויטן לאַנד און אַליין געשליידערט געוואָרן איבער די אומהיימלעכע רוסישע מרחקים.

רוסלאַנד איז אַזיע און אייראָפּע, רוסלאַנד האָט אייביקן ווינטער און אייביקן זומער.

רוסלאַנד איז אַ געמיש פון אַזיע און אייראָפּע.

איצט לעבט אַקרוטני אין אַרגענטינע.

און אַרגענטינע האָט איצט אַ היפּשע מחנה פון יידישע שרייבער־פּליטים.

און אין אַקרוטני האָט דאָס יידישע אַרגענטינע צובאַקומען אַ שרייבער מיט אַ גאַר פיינעם געמיט.

אַקרוטני איז אַ שרייבער מיט זיין פּנים, מיט זיין סטיל און מיט אַ רואיקן פילאָזאָפישן צוגאַנג צום לעבן און צום מענטשן.

זיין שפּראַך איז רייך, אָבער נישט שמאַלציק, ער ווייסט גענוי וווּ־איין און וווּ־אויס.

די גרויליקע פאַר אונדז צייט האָט אים נישט געשאַנעוועט. ער איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי־גיהנום פון אַ פּליט, אָבער ער איז געבליבן גאַנץ גייסטיק און שריפטשטעלעריש.

ער האָט דורכגעמאַכט שרעקלעכע צעטרייסלונגען, אָבער ער איז נישט צעטרייסלט געוואָרן.

ער ווייסט, אַז אַ מענטש מוז האָבן אַן אייגן ווינקעלע אויף גאָטס ערד און אַ משפּחה, און אַ יידישער מענטש — אַ יידישע וועלט.

מען האָט ביי אים דאָס אַלץ צוגענומען, גזלניש, מערדעריש צוגענומען.

אָבער ער וועט זיך גיך איינוואָרצלען צוריק.

און שאַפן אַרום זיך די היימישקייט, נאָך וועלכער ער בענקט אַזוי דורך די מענטשן, וועלכע ער מאָלט.

און ער וועט זיין אַ שרייבער אין דער נייער וועלט, ווי ער איז געווען אין דער אַלטער וועלט אונדזערער, וועלכע מען האָט חרוב געמאַכט.

די וועלט איז פול מיט עלנטע מענטשן.

אַקרוטני וועט זיי אויפזוכן און וועט אויפדעקן אין זיי דאָס טיף־מענטשלעכע, דאָס ריינע און שיינע אין זיי.

די עלנטע דאַרפן האָבן אַן אַקרוטני, וואָס זאָל זיך אומקוקן אויף זיי.

Este libro se terminó de imprimir el día 29 de octubre de 1953, en TALL. GRAF. JULIO KAUFMAN, Corrientes Nº 1976, Bs. Aires, República Argentina.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Tomo 94

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el Depósito que marca la Ley

G. BADER

MIS MEMORIAS

CRACOVIA

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1953